STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06270

A RAYZE TSU UNDZERE VEYTIK UN TSU UNDZERE FREYD

Tzalel Blitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צ. בליץ

אַ רייזע צו אונדזער ווייטיק און צו אונדזער פרייד

צאַלעל בליץ

אַ רייזע צו אונדזער ווייטיק און צו אונדזער פרייד

פארלאג
איקוף
בוענאס איירעס

1961

Copyright by Icuf
Buenos Aires, 1961

TZALEL BLITZ

A RAIZE TZU UNDZER VEITIK UN TZU UNDZER FREID

UN VIAJE HACIA NUESTRO DOLOR Y NUESTRO REGOCIJO

•

Queda hecho el depósito que marca la ley

Editorial I C U F

די רייזע, וואָס ווערט אָפּגעשפּיגלט אין דאָזיקן בוך, נעמט אַרום אַ צייטאָפּשניט פון 100 טעג (20 טעג פּוילן, 10 טעג רומעניע, 30 טעג ישׂראל און 40 טעג ים און צווישן־עטאַפּן). זי איז דורכגעפירט געוואָרן צווישן מאַרץ און יולי 1958, אין שליכעס פון איקוף, און איר הויפּטציל איז געווען: ברענגען דעם אָנשלוס פון אונדזער ברייטער פאָלקס־געזעלשאַפטלעכקייט צו די פייערונגען פון 15 יאָר געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע.

דאָס בוך ווערט געווידמעט די מיטבאַטייליקטע אין דער דעלעגאַציע: מ. זאַיאָנץ, י. לענגער, י. פריידקעס און ר. סינאַי, ווי אויך די צענדליקער כאַווײרים פון פּוילן, רומעניע און ישׂראל, אין אָנערקענונג פון זייער ברידערלעכער באַציִונג און הילף.

דער מעכאַבער

אינהאַלט

זײַט

א. אַהינװעגס (פּראָלאָג)

1. **אין מיטן יאָם** — — — — — — — — — — — — — 15
דער עקוואַטאָר. אונדזער לאַדונג. א צוריקבליק אַף ריאָ דע זשאַנעירא. און ווידעראַמאָל בראַזיל. מיטפאָרער. ערעוו אייראָפּע.

2. **ביז וואַרשע** — — — — — — — — — — — — — — 27
דער ערשטער שפּיץ פון אייראָפּע. הייליקער גײַסט און האנדל. גענוא, די אַלטיטשקע. ווי א פּײַל דורך צאָפן־איטאַליע. ווענעציע אין פּראָזע. אַף דער גרענעץ פון אונדזער צאָרן.

ב. אַף דער ערד פון 19טן אַפּריל

3. **דרײַ וואַרשעס** — — — — — — — — — — — — — 41
די וווּנד און דער ווונדער. די ערשטע וואַרשע. די צווייטע וואַרשע. די דריטע וואַרשע. וואָס פון א פּראַשעק איז געוואָרן.

4. **די שטראַליקע געטאָ־נאַכט און די ווײַטערדיקע טעג** 50
ערעוו... פון איין איבערראַשונג צו דער צווייטער. עס וואַקסט דער צאָרן. די גרויסע נאַכט. דער האַזקאָרע־טאָג. די דערשאָסענע קונסט־בילדער...

5. **יידן און ניט־יידן פון אַלע עקן וועלט** — — — — — 58
יידן מיקאָל־האָמינים. „עקזאָטישע" דעלעגאַטן. דער דײַטש, די יוגאָסלאַווין און דער רוס. וועלטבאַקאַנטע פיגורן. דער „יידישער וועלט־קאָנגרעס" מאַנעווורירט.

6. **די ראַטנפאַרבאַנדישע דעלעגאַציע** — — — — — — 68
גענעראַל דאָוויד דראַגונסקי. פון גענעראַל שטראָף ביז גענעראַל דראַגונסקי. יעווגעני דאָלמאַטאָווסקי.

זײַט

7. **שאָלעם־אַלײכעם און פּערעץ** — — — — — — — — 73
די בראָכע פֿון 19טן אַפּריל פֿאַרן שאָלעם־אַלײכעם־יאָר. אַף פּערעצעס לעבעדיקן קײווער.

8. **דער אינסטיטוט וואָס „ראַטעוועט" דעם כורבן** — 77
אין בער מאַרקס שאַצקאַמער. דער ווייטיק־אַרכיוו. 2.100 בענד פֿון אַ שונד־ראָמאַן. שטאָף פֿאַר דראַמאַ־טורגן. ביכער וואָס האָבן אַריבערגעלעבט. פֿאַריאָ־סעמטע קונסט.

9. **פּאָנים־על־פּאָנים מיטן אומגליק** — — — — — — — 86
דער וועג. אַ שאָטן פֿון טרעבלינקע. מיט מענטשלעכער ווערדע צווישן וועלף. די אומגעגנט פֿון גענעם. דאָ... אַ „שפּאַציר" אין גענעם. 28 מויערן פֿון טויט. פֿאַרברעכן און שטראָף. פֿאַר און נאָך אָשוויענטשים. דער היסטאָ־רישער שלאָס פֿון קראָקע.

10. **רעפּאַטריאַנטן** — — — — — — — — — — — 106
רײַן מאַכן דאָס האַרץ פֿון פּוילישן פֿאָלק. דער פּאָלי־טישער אינטערמעצאָ. כוואַליעס ייִדן. עס צאַנקט דער עמיגראַנטישער אימפּעט. אַ טרעפֿונג מיט פּערעצעס „כאָרעוו זאָל ווערן די וועלט". געמיטלעכקייַט, וואָס טרייסט ניט. מיט ייִדן אין וראָצלאַוו און וואַלבזשיך. ייִדישע היימישקייַט אין לאָדזש. ריווקע וואָיסקאָווסקי — אַזאַ ווי געווען. דער באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ פֿון אַ דיכטער־רעפּאַטריאַנט.

11. **דער גענעראַל־שטאַב פֿון נײַעם ייִדישן לעבן** — — 123
נאָוואָגרודזקע 5. מי וואָמי (מי ומי) אָדער ווער איז ווער? אָרגאַניזמען וואָס אַרבעטן מיט אַ שטיקל „מיין"...

12. **ייִדישע קולטור אין נײַעם פּוילן** — — — — — — — 129
די מעלוכע און די ייִדישע קולטור. ייִדישע שולן אין פּוילן. ייִדישע שרײַבער.

13. **ייִדישע טעכטער פֿון פּוילן** — — — — — — — — 139
וואָס פֿאַר אַ טעכטער? טעשקע — „דער שוואַרצער מאַלעך". כאַנעלע אָדער זשאַן ד'אַרק און ריווקע די געפּרוּווטע.

זײַט

14. **געזעגענונג** — — — — — — — — — — — — 145
אַ בעערעבדיקער אונטערצי. מיר פאַרלאָזן די ערד פון 19טן אַפּריל.

ג. אַף דער ערד פון 23טן אויגוסט

15. **פון 19טן אַפּריל צום 23טן אויגוסט** — — — — — 149
די פאַרגעשיכטע פון אונדזער רומענישער רײַזע. דורך פאָלקסדעמאָקראַטישער ערד. מיר קומען אָן.

16. **צווישן ייִדן אין בוקאַרעשט** — — — — — — — — 153
מיר „פירן אויס די פּראָגראַם". אינעם צענטער פון קעהילע־לעבן.

17. **ווי אַזוי דער הײַנט פאַרגעדענקט דעם נעכטן** — — 157
וואָס אַ ייִדישע ביבליאָטעק קען זיך פאַרגינען. אַסאַך מער ווי אַ ביבליאָטעק. אַ רומענישער גרוס פון טיעררא דעל פועגאָ...

18. **די ייִדישע בינע־קונסט באַ זיך אין דער היים** — — 163
ייִדיש טעאַטער — אַ מעלוכע־איניען. יוגנט און ייִנגער פון יוגנט. מיר לאָזן זיך אַרוים אָניאָגן אַ ייִדישן טע־אַטער. גאָלדפאַדען קישעפּט נאָך אַלץ... טעאַטער און „אומגעגנט"... „פאָמול זוערדע".

19. **די ייִדישע שרײַבער און דאָס ייִדישע וואָרט** — — 170
וואָס הייסט ווו?.. אַ טראָפּן געשיכטע. די ייִדישע שרײַבער — אַ טייל פונעם איקער. דאָס ייִדישע וואָרט אַף דער ליכטיקער שײַן. דאָס ייִדישע וואָרט אַף דער שולבאַנק.

20. **פּאַלאַצן און טפּיסעס** — — — — — — — — — 181
די פּאַלאַצן פאַרן פאָלק. אַ פּאַלאַץ פאַר קינדער. אַ טפּיסע וואָס איז געוואָרן אַ מוזיי.

21. **אַ סינטעטישער דאָרף אין מיטן פון דער הויפּטשטאָט** 185
אַ דאָרפישער שפּאַציר אין בוקאַרעשט.

זײַט

22. מוסטערן פון גרויסן פּאַרמעסט — — — — — — — — — 189
דער באַלקאַן איז געבליבן פון הינטן. אַ פּאַבריק פון געדרוקטן וואָרט. אַ פּאַבריק, וואָס באַנייט און באַקלײדט.

23. געזעגענונג מיט רומעניע — — — — — — — — — — — 194
די באַדײַטונג פון אַ שמייכל. רעמיניסצענצן אַפן וועג. אַ גוטער אונטערציִ.

ד. אַף דער ערד פון פראַמעטעוסן

26. ייִסראָעל אַפן ערשטן קוק — — — — — — — — — — 211
פון אויבן און פון אונטן. נאָך „אונטערשטע" גרויסן.

25. „דער קאָפּ איז אין ענגלאַנד" — — — — — — — — — 205
אין געיעג נאָך אַלטער שיינקײַט. אַף פליגל פון צאָפן־אַמעריקע.

ה. אַף דער ערד פון ייִסראָעל

24. אַ מעסלעס אין גריכנלאַנד — — — — — — — — — — 201
אַפן שוועל. מיר נידערן אראָפּ. די פייגעלעך, דער הימל און די ערד, די גאַס.

27. דער דרויסן פון ייִסראָעל — — — — — — — — — — — 215
דאָס זומער־שפּרענקעלע. די רעד וואָס טריפט און די פּאַרקערטע רעגנס. דער בוים וואָס עגבערט. ענערגיע.

28. אַ קוק טיפער — — — — — — — — — — — — — — — 221
די אַנדערע זאַמדן, דער קיבוץ, דער סאָציאַליזם און דער דאַלער. „מאין יבא עזרי" (פון וואַנען זאָל קומען מײַן הילף)?

29. שטעט אין ייִסראָעל — — — — — — — — — — — — 228
דער כעשבן שטימט אין טעל־אוויוו. אַ באַרג מיט שיינקײַט. דער ראַכוועסדיקער באַרג־שפּיץ.

זײַט

30. **אין און אַרום ירושלאַיִם** — — — — — — — — — — — 235
שטײן אַף שטײן. דאָוויד האַמײלעכס גורל. דער באַרג פֿון העלדישן טויט. דער אוניווערסיטעט־באַרג. דער קיבוץ ראַמאַט־ראַכעל (רמת רחל). דאָס בילד פֿון 10 יאָר. אין קנעסעט.

31. **אַ טאָל פֿון לעבן און אַ לאַבירינט פֿון טויט** — — — — 247
דער יאַנטעווודיקער גאַרטל. אַ בייסוילעם אָן מײסים.

32. **איז דער צאָפֿן בלאָ צי גראָ?** — — — — — — — — — — — 251
אַף די שפּורן פֿון „הײליקײַט". נאַזאַרעט הײבט אָן צו װען ײִדיש... דער האַרמאַט און דאָס פֿײגעלע. אַ קינסטלער־שטעטל.

33. **אין דאָרעם** — — — — — — — — — — — — — — — — 260
די געשיכטע פֿון אַ צוקונפֿט. װאַסער און שאָלעם. פֿעך און שוועבל.

34. **באַגעגענישן מיט דער אַראַבישער װירקלעכקײַט** — 268
דער „נעגעס". די לאַגע נאָכן „נעגעס". „זינד" און באַשטראָפֿונג. אַן אַראַבישער דעפּוטאַט. אַן אַראַביש דערפֿל.

35. **גײַסט אין ייִסראָעל** — — — — — — — — — — — — — 276
גײַסט, באַגײַסטערונג, גײַסט־אָרעמקײַט. ביוראָקראַטיע און הילצערנער פּאַטריאָטיזם. פֿאַרשקלאַפֿונג אין דער באַפֿרײַונג.

36. **וואָס הערט זיך אין דער יונגער ייִסראָעל־ליטעראַטור?** 281
איז פֿאַראַן אַזאַ ליטעראַטור? וואָס פֿעלט? 2 פּראָלעטאַרישע דיכטער. וואָס איז יאָ פֿאַראַן בײַ די יונגע? די באַציִונגען פֿון עלטערן שרײַבער־דאָר.

37. **אַ שול אין ייִסראָעל** — — — — — — — — — — — — 292
שולקינדער אין לאַנד און אין „גאָלעס". מוסטער־שול „הענריעטע סאָלד".

זײַט

38. דאָס פּראָגרעסיװע האָב־און־גוטס — — — — — — — — — 296
װי דאַניעל אין דער לײבן־גרוב. דאָס אינסטיטוציאָ־נעלע אײגנטום און דאָס געדרוקטע װאָרט. קולטור און געזונט. פרויען, קינדער, פרײַנטשאַפט. אויסדויער און העלדישקײַט קעגן אומכײן און כײרעם.

39. װאָס עס מען און װי װוינט מען אין יִסראָעל? — — 307
שפּײַז. װוינונגען. עטלעכע שאָ אין אַ לוקסוס־האָטעל.

40. מאָמענטן פון לעבנס־שטײגער — — — — — — — — 313
פּאַרװײַלונגען. דיקטאַטור פון שאַבעס. ייִדיש.

41. אָרום און אָרום — — — — — — — — — — — — — — 319
פּערספּעקטיװן. צוריק.

ו. אויף דער ערד פון איטאַליע

42. אַ װינקל רוים און אַ ברעג איטאַליע — — — — — — — 321
דאָס נײַע און דאָס אַלטע רוים. דער קאָליזײום. אין װאַטיקאַן. קײן גענוא, צו דער שיף.

43. מזל אין גענוא — — — — — — — — — — — — — 308
איין „נעס" נאָכן צװײטן. פּאַטשיפּיטשי — אַ ייִדיש־איטאַליענישער נאַצי־קאָרבן.

ז. צוריקװעגס (עפּילאָג)

44. אַהײם... — — — — — — — — — — — — — — — 333
הײם־פרײד, הײם־װײ און דער לעצטער קוק אויף אײי־ראָפּע. מאַדײראַ.

45. סאָף פון דער רײַזע — — — — — — — — — — — — 338
אויפן „בוזעם פון יאַם". די הײמישע ברעגעס.

א.

אַהינצוועגס

(פּראָלאָג)

1. אין מיטן יאַם

דער עקוואַטאָר

מיר געפינען זיך אַפן גאַרטל פון דער ערד. ביז צו אונדזער שליכעס, וואָס הייבט זיך אָן אין וואַרשע, אַף דער ערד פון 19טן אַפּריל, ליגן נאָך 10 טעג יאַם און יאַבאָשע.

אונדזער מילך־ווײַסע שיף טראָגט זיך דורכן בלאָלעך־גרינעם מידבער פון די אָקעאַן־וואַסערן. פון צײַט צו צײַט גיט זיך אַ טראָג, ווי אַ פײַל, אַ פליענדיקער פיש, וואָס באָדט זיך אויס אין דער לופטן און זינקט אײַן צוריק אין די אָפּגרונטן.

אַפן הימל שווימען־מיט מיט אונדז די ערדישע שטערן, אָבער די רעגנבויגנס האָבן אַראָפּגענידערט פון די הייכן און וויגן זיך אונטערן בויך פון אונדזער שיף, — דאָרט ווו דער דינער שוים־געשפּריץ קאָכט זיך אין זײַן ווײַסן געווירבל.

אַ פאַרכאַלעשטקײַט גליוועט איבערן זאַלציקן גלאַנץ פון די וואַסערן, און די פויל־געוואָרענע יאַם־ווינטן, וואָס האָבן זיך אָנגעזויפּט מיט היץ, וואַלגערן זיך שיקערע אַף די כוואַליעס. עס בענקט זיך נאָך אַ שטורעם און נאָך אַ ביסל קעלט, אָבער אָט באַווײַזט זיך, אַף דעם אויבערדעק פון דער שיף, דער גרימירטער יאַם־גאָט נעפּטון מיט זײַן דרײַצייניערדיקן גאָפּל און מיט זײַן קאַרנאַוואַל־סוויטע. נעפּטונס האַלב־נאַקעטע באַגלייטער זייפּן אָן און טויוולען אָפּ די יונגנטלעכע יאַם־פאָרער. שפּעטער טאַנצט מען אַריבער דעם עקוואַטאָר אונטער די קלאַנגען פון שיף־אָרקעסטער.

די יאָנטעוודיקע עקוואַטאָר־וועטשערע דריקט און פּרעסט די געדער־רעם, און פון אַלע גלידער טראָגט זיך דער רוף און דער אָנבאָט:

אַ האַלבע רײַזע פאַר אַ קאַלטן שטורעם!...

אונדזער לאַדונג

אַנשטאָט דעם יאַם, שטורעמען די געדאַנקען און דער געמיט.
כוואַליעסווײַז טראָגן זיך פאַרבײַ אין זיקאָרן די פאָלקס־געזעגענונגען,
די שײַן פון הונדערטער צעלויכטענע פענימער, דער געקלאַנג פון די גליקוואונטשן, דער עלעקטרישער באַריר פון די קושן, די מענערישע האַנט־דרוקן, די צאַרטע אַרומנעמעניש, דער טרערן־גלאַנץ פון אויפגעצאַפּלטע שוואַרצאַפּלען, דאָס זאַנגען־פעלד פון הונדערטער קינדערשע קעפּעלעך, דאָס האַרצקלאַפּן פון דער מיטלשול־יוגנט, די שוועסטערלעך־גוטמוטיקע בליקן פון די לערערקעס, דער ציטער פון די סאַמע נאָענטסטע.

דאָס אַלץ שטורעמט אינעווייניק. דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט די גורל־פולע צילן פון אונדזער שליכעס, כוואַליעט מיט היץ און מיט בענקשאַפט, און מיטן טיפן באַגער צו קענען ענטפערן „יאָ״ אַף אַלע האָפענונגען.

אינמיטן פון דאָזיקן אינערלעכן שטורעם טויכט אויף אונדזער לעצטע בוענאָס אײַרעסער נאַכט — די פײַכטע פאָרט־נאַכט, וואָס איז, ביזן סאַמע אָפּשווים פון דער שיף, פול געווען מיט יוגנטלעכן געזאַנג און געלעכטער, מיט אַרגענטינישן שאַרפזין און מיט יונגן ייִדישן וואָרט.

נאָכדעם ווי די פילפאַרביקע קרויזן סערפּענטין האָבן שטיפערייִש אַראָפּגעפלאַטערט פון דער שיף צו די באַגלייטנדיקע ברעג־מענטשן, ווי אַן אויסדרוק פון לעצטער געזעגענונג, האָבן מיר זיך גענומען אָפּטיילן פון דער צעמענטענער ערד.

אָפן פאָן פון דער נאַכט האָט די שיף געבלענדט פון ווײַסקײַט. זי איז ווײַס געווען ווי פרישער שמאַנט, אָבער אונדז איז גראָד אויסגע־קומען צו באַגגוגענען זיך מיט די טונקלסטע טיילן אירע. ניט ווײַל „דער גורל האָט אַזוי געוואָלט״, נאָר גאָר פּאָשעט, צוליב די איקופּישע פינאַנצן וואָס האָבן אונדז געצוווּנגען זיך צופרידנצושטעלן מיטן ניט־פּריווילעגירטן טייל פון דער שיף. דער פּרעסטיזש פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־פאַרבאַנד וועט זיכער ניט לײַדן פון דעם...

די שיף איז פון 18.000 טאָן, און מיסטאָמע פּונקט אַזויפיל טאָן וועגט אונדזער באַגאַזש — די ייִדישע פּראָבלעמאַטיק... אין יעדן פּאָרט קומט צו לאַדונג, און עס ווערט שווערער סײַ דער טאָנעלאַזש פון דער שיף און סײַ דער טאָנעלאַזש פון אונדזער פּראָבלעמאַטיק.

צוזאַמען מיט די פּעק וואָל, וואָס ווערן אָנגעלאָדן אין מאָנטעווידעאָ, לאָדן אונדז אָן אורוגווײַער כאַווירים מיט ייִדישע שליכעסן; און צוזאַ־מען מיט די זעק קאַווע, וואָס אונדזער שיף שלינגט אײַן אין סאַנטאָס,

גיבן אונדז מיט די בראַזיליאַנער כאַווירים עטלעכע זעקלעך מיט יידישע אויפטראַגן; און אַלע ווילן אַז מיר זאָלן פאַר דער דאָזיקער יידישער לאַדונג ברענגען צוריק פעסטע דעוויזן...

נעמען מיר אויף די דאָזיקע יידישע לאַדונג פון אַלע פּאָרטן, אַפן זעלבן שטייגער ווי די שיף, וואָס באַהאַלט אין אירע ריזיקע בײַכער, אין אירע טעהאָמיקע פראַכט־קעלערס, די סכוירעס פון קאָנטינענט.

די ריזיקע לאַדונג פון דער שיף (צוגן גאַנצע מיט ווייץ, לעדער, וואָל און קאַווע, ניט רעכענענדיק דאָס ביסל „פּוך" — די 800 פּאַסאַ־זשירן און מאַנשאַפט), וועלן אַף אַ האָר ניט פאַרמינערן די שנעלקייט און די זיכערקייט פון דער רייזע. די טרײַבקראַפט און די שנײַדקראַפט פון די מאָטאָרן וועלן זיך אַן אייצע געבן מיט אַלץ־און־אַנאַנדער. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן אונדזער לאַדונג. די ריזיקע מאָטאָר־קראַפט פון אונדזערע אידעאַלן וועט אונדז העלפן דערפירן אונדזער שווערע און דעליקאַטע לאַדונג, און צו באַקומען פאַר איר די סאַמע רעאַלסטע, די סאַמע ראַיעלסטע און היסטאָריש־באַרעכטיקטסטע באַצאָלונג.

אין דער מאָס ווי אונדזער שיף רוקט זיך פאָרויס, פאַזע דעם קאָנ־טינענט, ווערט אונדזער אַרגענטינער שליכעס אַלץ מער און מער אַ לאַטיין־אַמעריקאַנישע. אורוגוויי און בראַזיל קענען ניט פאַרן, און מיר באַקומען פון די דאָרטיקע כאַווירים ברייטע פאָלקס־מאַנדאַטן, און די באַקאָשע צוצוגעבן צו אונדזער אַרגענטינישקייט די פולע מאָס אורוגווייִשקייט און בראַזיליאַנישקייט. מיט פאַרגעניגן נעמען מיר אויף די דאָזיקע ספּע־ציעלע לאַדונג.

אין די קורצע ווײַלעס וואָס אונדזער אײַליקע שיף האָט אָפּגעבאַפט דעם אָטעם אין יעדן פּאָרט, האָבן מיר זיך אומעטום געזען מיט אונדזערע ברידער: אין מאָנטעווידעאָ — אַף אַ זשורנאַליסטישן אינטערוויו־אויפן אין „אונדזער פרײַנט"; אין סאַנטאָס — אין דאָרטיקן קולטור־צענטער, וווּ מיר האָבן איבערגעלאָזט אַ דאָזע אַרגענטינישן איקוף־אָפּטימיזם; און אין ריאָ דע זשאַנייראָ — אין דער דאָרטיקער שאָלעם־אַלייכעם־ביבליאָ־טעק, וווּ עס איז פאָרגעקומען קימאַט ווי אַ באַנקעט, און וווּ עס איז געשלאָגן געוואָרן אַן אינטערעסאַנטער רעקאָרד: אין ווייניקער ווי אין 20 מינוט זײַנען געהאַלטן געוואָרן 10 רעדעס...

אַ צוריקבליק אַף ריאָ דע זשאַנייראָ

מען וואָלט געקענט אַ סאַך שרייַבן וועגן די ווייַסע פּליאַזשעס פון אידילישן מאָנטעווידעער יאַם־ברעג, וועגן סאַנטאָס — דעם „רויטן פּאָרט" פון דאָרעם־אַמעריקע און וועגן דער טוריזנט־מאָל־באַזונגענער שיינקייַט פון ריאָ — דער „סיודאַדי מאַראַווילִיאָזאַ".

נעמענדיק אין אַכט דעם כאַראַקטער פון אונדזער מיסיע, האָב איך ניט געטראַכט צו שרייַבן וועגן די אַלע זאַכן, אָבער ריאָ איז צודרינגלעך. מער ווי אַ האַלבע נאַכט האָט זי באַגלייט אונדזער שיף מיט אירע באַרג־ליכטער, מיט אירע עלעקטרישע שנורן פּערל און מיט אירע פּילקאָלירִיקע גירלאַנדעס, און האָט זיך מאַמעש געבעטן: אויב דו ווילסט ניט שרייַבן וועגן מיר, טאָ זאָג כאָטש אַ פּאָר ווערטער.

וועט איך ניט ניספּאָעל און איך זאָג, אַז די שיינקייַט פון ריאָ איז אויך פאַראַן אין אַרגענטינע, אָבער אין דער צייַט ווען אין אַרגענטינע איז די דאָזיקע שיינקייַט צעטיילט צווישן בוענאָס אַיירעס, מאַר דעל פּלאַטאַ און קאָרדאָבאַ, איז זי אין ריאָ קאָנצענטרירט אַף איין אָרט, מיט איר אורבאַניסטיק, מיט אירע פּליאַזשעס און מיט אירע בערג.

ווען די נאַטור וואָלט געווען אַ ביסל פרייַנטלעכער צו בוענאָס־אַיירעס און צו איר קלימאַט, וואָלטן מיר געהאַט אונדזער אייגענע ריאָ אין באָקאַ, אין דאָק סוד און אַפילע אַף פּלאַסאַ אָנסע, אָבער אַרייַנקוקנדיק אַ ביסל טיפער אין ריאָ, קען מען פונדעסטוועגן זאָגן, אַז בוענאָס־אַיירעס, מיט איר ניט־עקזאָטישער שיינקייַט, מיט איר פּראָזאַישער ניכטערקייַט, מיט איר געקעסטלטער פּלאַכקייַט און מיט איר ברייטן פּאַרנעם, איז פּאָרט די ערשטע קרוינשטאָט פון דאָרעם־אַמעריקע.

אין ריאָ וואַרפט זיך אין די אויגן די האַרמאָנישע און שיר ניט סימפּאָנישע שותפעס צווישן נאַטור און ציוויליזאַציע, צווישן פּעלזיקער שיינקייַט און עוראָדינאַמישער טעכניק. נאָך מער וואַרפן זיך אָבער אין די אויגן די שאַרפע סטירעס צווישן פאַרשווענדערישקייַט און אָרעמקייַט, צווישן לוקסוס און אָפּגעריסנקייַט, צווישן פּראָגרעס און אָפּגעשטאַנענקייַט. האַרט לעבן די פּאַלאַצעטלעך פון קאָפּאַקאַבאַנאַ קלאַמערן זיך אין די בערג די פּאַווּלאַס און מאָראָס — די מיסטקאַסטנס פון מענטשלעכער נויט. האַרט בײַ די צעשייַנטע וואָלקן־קראַצערס הייבן זיך בערג פון אָפּגעריסנ־קייַט און אָפּגעשליסנקייַט. עס מאַכט דעם אייַנדרוק ווי אַ שיין, געטאָקט מיידל וואָלט מיטאַמאָל אַראָפּגעוואָרפן איר זייַדענעם באָד־קאָסטיום און אָנגעטאָן זיך אין שמאַטעס...

איבער דער שטאָט קריכן אַרום, װי טאַראַקאַנעס, אַלטמאָדישע „באַנדעס" (טראַמװײַען), אין דער צײַט װען מינוט נאָך מינוט לאָזן זיך אַראָפּ פֿאַר אונדזערע אױגן די מאָדערנסטע אַװיאָנען...

פֿאָרער, װאָס קאָנען נישט בראַזיל, װוּנדערן זיך װאָס מען באַגעגנט אַזױפֿיל מענטשן מיט קאַװע־פֿענעמער. דורכשניטלעך שנעל די שטאָט, האָב איך געמאַכט אַ קלײנע סטאַטיסטיק און פֿעסטגעשטעלט אַז יעדער פֿערטער מענטש אין ריאָ איז אַ נעגער, יעדער דריטער — אַ מולאַט און יעדער צװײטער — נאָך אַלץ נישט קײן װײַסער...

אַ שטיק ייִדיש־פּראָגרעסיװע ריאָ האָט זיך פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט, אין געצײלטע מינוטן, אין דער באַרימטער שאָלעם־עליכם־ביבליאָטעק, װאָס איז אײנער פֿון די איקופּישע לעבנס־נערװן אין בראַזיל.

די ביבליאָטעק האָט זיך פֿאַרגונען צו פֿאַרקלײַבן, מיט אירן אַן אײי־גענעם שטאָק, אין סאַמע טראַדיציאָנעלסטן צענטער פֿון דער הױפּטשטאָט: צװישן סענאַט, שטאַטראַט, מוניציפּאַלן טעאַטער אאַ"װ. דער אױסדרוק „אין הארץ פֿון ריאָ" איז דאָ נישט קײן טוריסטישע מעליצע, נאָר די סאַמע געניסטע באַצײכענונג פֿאַרן װװינאָרט פֿון דער ייִדישער קולטור אין בראַזיל. צװישן די פֿאַרשײדענע „טרױעריקע װירקלעכקײַטן" פֿון דער הױפּטשטאָט, איז דאָס אָרט און דער אױסזען פֿון דער ביבליאָטעק אַ פֿרײ־דיקער אױסנאַם, אַף װעלכן מיר, מיט אונדזער אַרגענטינער איקוף־באַ־שײדנקײַט, האָבן זיך לאַכלוטן נישט גערעכנט.

מיר קוקן אַרױס פֿון די ברײטע ייִדישע שאָלעם־עליכעם־פֿענצטער אַף דער בראַזיליאַנער װעלט און מיר זעען װי דער געאָגראַפֿישער צענטער פֿון ריאָ קאָכט און שױמט איבער די אָריגינעלע „שיקערע" טראָ־טוארן, װאָס זײער זיגזאַגיקע אָרנאַמענטיק מאַכט דעם אײַנדרוק װי די גאַסן װאָלטן געװען אַ ביסל אונטערגעשנאָשקעט...

אָבער מער פֿון אַלץ האָט אונדז איבעראַשט די טראָפּישע װאַרעמ־קײַט פֿון די איקוף־כאַװײרים און ספּעציעל פֿון די יאָנטעװודיק־אױפֿגע־לײגטע איקוף־כאַװערטעס, װאָס האַלטן אױף אין זײערע נעשאָמעס און אין דער געזעלשאַפֿטלעכער סװיװע דעם נײַר־טאָמיד פֿון אונדזערע אי־דעאַלן. מיר טיפֿער גוטסקײַט און לײַבלעך־אײגענער איבערגעגעבנקײַט האָבן זײ אונדז אַרומגענומען און מאַניפֿעסטירט זײער הױכן קולטור־פּאַטריאָטיזם.

און ווידעראַמאָל בראַזיל

ווען מיר האָבן געהאַלטן אין פאַרבײַפאָרן די בראַזיליאַנער אכט א האַלב מיליאָן קוואַדראַט־קילאָמעטער נאַטור־שײנקײַט, האָט „דער גורל געוואָלט", אַז עס זאָל אונדז פונקט אויסקומען צו לייענען זשאָרזשע אַמאַדאָס טרילאָגיע „די טונעלן פון פרײַהײַט".

דאָס איז אַ קאָלאָסאַל ווערק, וואָס שפּיגלט אָפּ, אַפן פאַן פון די קריטישע יאָרן 1937—1940, די מיעסטע צעפּוילטקײַט און דעם העכסטן אידעאַליזם אין דער מאָדערנער געשיכטע פון בראַזיל. דער דאָזיקער ליטעראַרישער אַקאָמפּאַניעמענט פון אונדזער רײַזע האָט, אַף אַן אומגע־ריכטן אויפן, געמאַכט שאַרפער אונדזער בליק און געוויזן אונדז דעם בראַזיליאַנער סוב־קאָנטינענט פון סאַמע פאַרבאָרגנסטן אינעווייניק.

אַמאַדאָ ברענגט אַרויס, אַפן שאַרף פון זײַן רעאַליסטיש־ליטעראַרישן וואָרט, די אומגלויבלעכע פאַרדאָרבנקײַט פון יענעם רעגירנדיקן אָליגאַר־כיש־לאַטיפונדיסטישן בראַזיל, וואָס די הויפּט־זאָרג זײַנע איז: צו ווען עמען לוינט בעסער צו פאַרקויפן זיך — צום צאָפן־אַמעריקאַנער וואָלסטריט אָדער צו דער היטלעריסטישער ווילהעלם־שטראַסע. דער קינסטלער ווײַזט גלײַכצײַטיק די צווייעסדיקע פאַרשוועכונג פון דער מישפּאָכע־רייַנקײַט און די אָפענע געשלעכטלעכע אויסגעלאַסנקײַט פון די קריסטלעכע מאָראַל־פּריידיקער, ווי אויך די מוירעדיקע רעציכע, מיט וועלכער זיי נעמען זיך אויסראָטן דעם קאָמוניזם, איין מאָל און אַ צווייטן מאָל, און אַ דריטן מאָל. פון דער צווייטער זײַט, דערשײַנט אינעם ווערק דאָס זעכציקמיליאָ־ניקע פאָלק, בעראָש מיט זײַן העראָישער אַוואַנגאַרד־פּאַרטיי, וואָס גייט אָפּ אין בלוט און קומט אויף ווידעראַמאָל און ווידעראַמאָל נאָך יעדער „דעפיניטיווער" פאַרניכטונג, און ניט געקוקט אַפן פאַראַט פון די מאָנס־טעריעזע אינערלעכע שעדיקער.

פאָרן מיר פאַרבײַ די אַלטע, באַרגיקע ברעגעס פון ריזיקן לאַנד און פאַרבײַ די נײַע ברעגעס פון זײַן באַרגיקער געשיכטע, און אַז מיר קומען אָן קיין סאַנטאָס, באַגעגענען מיר זיך מיטן גרויסן סיורפּריז: לויִס קאַרלאָס פּרעסטעס, — דער לעגענדאַרער פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און די האָפענונג פון גאַנצן פאָלק, מעג שוין אַרויס פון זײַן צעניאָריקער באַהעלטעניש!

די יוסטיץ האָט סאָף־קאָל־סאָף צוגעבונדן די פּאָליציי־הינט צו דער קייט, און אַלע פאַרשטייען, אַז דאָס איז ניט קיין צופעליקײַט, נאָר די ווירקונג פונעם גײַסט פון דער צײַט.

די גרויסע אילוסטרירטע זשורנאַלן זײַנען גראָד, אין יענעם מאָמענט, פאַרנומען מיט צוויי וועלט־סענסאַציעס: מיטן אומגליק פון פּערסיע און מיטן גליק פון מאָנאַקאָ. דער פּערסישער שאַך האָט געמוזט אָפּגעטן זײַן היים־געליבטע שאַכיבע, ווײַל זי קען אים ניט געבוירן קיין יורשים פון טראָן, און די אַלטע שושן־האַבירע איז דעריבער פאַרזונקען אין טיפן טרויער... אין דער זעלבער צײַט האָט גרייס קעלי, די פּרינצעסין פון מאָנאַקאָ, געבוירן אַ טראָן־יורש, איינעם אין דער וועלט, און גאַנץ מאָנטע־קאַרלאָ איז צאָהאַלאָ וועסאָמייכאָ...

די וויכטיקייט פון פּרעסטעסעם פּרײַ־ווערן איז אָבער אַזוי גרויס, אַז אַפילו די סענסאַציע־זשורנאַלן האָבן אים אָוועקגעשטעלט העכער פון דער פּערסישער מאַלקע און פון דער מאָנאַקער פּרינצעסין.

דער „קאַוואַליער פון דער האָפענונג”, דער „טראָן”־יורש פון פּאָליטישן גורל פון בראַזיל, דער „באַנדיט, רויבער, פאַרעטער און מאָנסטער”, האָט דערוואָרבן זײַן פרײַהײַט, און זײַן מידער שמייכל שוועבט איבער די מיליאָנען עקזעמפּלאַרן פון די בראַזיליאַנער צײַטונגען, אַרײַנגערעכנט די רעאַקציאָנערע...

עס דוכט זיך, אַז גאַנץ בראַזיל האָט באַקומען אָדלער־פליגל און אַז אויך אונדזער רײַזע איז געוואָרן לײַכטער...

די פּאָליציי קען עס נאָך אָבער ניט אַראָפּשלינגען און איז זיך „נויקעם” אַף אַ קליינלעכן און טעמפּן אופן. אין אַלע פּאָרטן איז זי שטאַרק בוידעק די פּעסער פון די שיף־פּאַסאַזשירן, און די בירגער פון ראַטנפאַרבאַנד, פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס און אַפילו פון יוגאָסלאַוויע ווערן דערקלערט פאַר פּאָסל און עס ווערט זיי פאַרווערט צו באַטרעטן די הייליקע בראַזיליאַנער ערד...

איינער פון די מיטפאָרער, אַ בראַזיליאַנער פּאָליאַק, אַ צעוואַקסן פּאָריצל, וואָס איז געוועזן אַן אָפיציר אין דער פּוילישער פאַשיסטישער אַרמיי און וואָס האַלט פאַר נייטיק צו שווערן זיך אַז ער איז ניט קיין קאָמוניסט, דערציילט אונדז וועגן די אַבסורדאַלע אומגליקן פון דער בראַזיליאַנער שטיין־רײַכער ווירטשאַפט, וועגן די סיסטעמאַטישע גנייוועס, וועגן דער קנעכטישער עקאָנאָמישער פאַריאָכטקייט צום צפון־אַמעריקאַנער פעטערל, וועגן דער לעבערלעכער „אַרבעטער־געזעצגעבונג”, וועגן גאַנצן קנויל אוממאָראַלישקייט אין וועלכן דאָס לאַנד איז פאַרשפּינט פון אויבן ביז אונטן און וועגן וואַקסנדיקן פּרעסטיזש פון פּרעסטעסעם „אונטערגעגאַנגענער פּאַרטיי”.

ער האַלט, אַז די צענדליקער מיליאָנען בראַזיליאַנער קליינע מענ־

טשעלעך קומען צום סייכל און אַז ווען זיי וועלן זיך אַ ריר טאָן, וועט דאָס לאַנד אַ קער טאָן זיך צו אַזאַ מין סאָרט לינקס, וואָס וועט ביז גאָר ענלעך זײַן צום פאָלקס־דעמאָקראַטישן מיזרעך־אייראָפּע. מיט ישליאַכעצ־קער ברייטהאַנטיקייט און פּריצישער איבערגעטריבנקייט גיט ער אַפילו צו, אַז דער זיג פונעם קליינעם מענטשעלע וועט שנעל אָננעמען די פאָרעם פון קאָמוניזם, אָבער שטאַרק פאַרדריסן פאַרדריסט עס אים ניט, ווײַל ער איז דאָך שוין אַלץ איינס קאָרעוו צו זיבעציק, און פאַרוואָס זאָל זײַן פּוילן יאָ זײַן „געשטראָפט” און בראַזיל ניט?...

די אָפנהאַרציקע רייד פון פּויליש־בראַזיליאַנער פּאָריצל זײַנען סימפּטאָמאַטיש און זאָגן איידעס, אַז אַפילו דער דאָזיקער טיפּ מענטשן פילט, אַז עפּעס דערנענטערט זיך, עפּעס איבערברעכנדיקס און איבער־בויענדיקס.

יעדנפאַלס, איז קיין ספק ניט אַז די פרײַהייט וועט אַרויס פון די טונעלן און וועט זיך אויסשפּרייטן אונטער די ליכטיקע הימלען פון בראַזיל.

מיטפאָרער

מיר זײַנען די איינציקע פון די פּאַסאַזשירן, וואָס פאָרן אין אַ גע־זעלשאַפטלעכער מיסיע, אין אַ ניט־פּערזענלעכער שליכעס.

אַרום אונדז איז אַ מיש־מאַש פון מענטשן, פעלקער, שפּראַכן און יעבידישע גוויראָלעס. אָט איז אַן אַרגענטינער פוטבאָל־שפּילער, וואָס פאַרט זיך פאַרקויפן אין בראַזיל פאַר ניט ווייניקער ווי אַ פאַר הונדערט טויזנט פּעזעס; אָט איז אַן עלנטע זעקס און זיבעציק־יאָריקע אוקראַיִנערין, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געקאָרטשעוועט וועלדער אין פּאַראַגווײַ און וואָס פירט, מיט פרייד, אירע צעבראָכענע ביינער קיין ראָטנפאַרבאַנד; אָט איז אַ יִידישע אַלטיטשקע וואָס האָט אָפּגעפינצטערט און אָפּגעבלוטיקט פיר יאָר אין טערעזיענשטאָטער קאָנצענטראַציע־לאַגער; אָט איז אַ יוגאָסלאַוו, וואָס האָט געהאַלטן אין דערשטעכן זײַן אומטרײַע ווײַב און וואָס פאָרט אָפּקילן זײַן הייס און צעזאָטן בלוט אין אייראָפּע; אָט איז אַן אָקערשט־אָפּגעגעט שוואַרץ־פײַערדיק ווײַבל, וואָס האָט דעם אָנבליק פון מוסאָלינים לעצטער געליבטער; און אָט זײַנען סטאַם מענטשן און מענטשן, אָן ספּע־ציעלע „פּאַרדינסטן”, אָבער יעדער איינער מיט זײַן גענוג־פאַרפלאָנטער־טער לעבנס־געשיכטע.

אַרגענטינער, בראַזיליאַנער, פּאָרטוגעזן, יוגאָסלאַוון, דײַטשן, רוסן,

פינלענדער, קאַנאַדער, ייִדן, פילן אױס אַלע װינקעלעך פון דער שיף, אָבער די דאָזיקע אַלע „נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן" װערן באָטל בעשישים אין דער קאָמפּאַקטער מאַסע פון איטאַליענער.

דאָס זײַנען איטאַליענער װאָס האָבן זיך ניט געקענט „אַקריאַזשירן" און װאָס זייער איטאַליענישער הײם־װײ ציט זײ צוריק. אויף דער שיף האָט זיך אױסגעפאָרמירט אַן איטאַליעניש פאָלק אין מיניאַטור, אָנהײבנ־דיק מיט זװיגקינדער און ענדיקנדיק מיט האַלב־פּאַראַליזירטע זקיינים. דער הויפּט־עלעמענט איז אָבער אַ יונגער און אַ פרישׂ־צאַפּלדיקער, אַן עלעמענט װאָס האָט ניט געקענט פאַרדײַען אַרגענטינע און װאָס אַרגענ־טינע האָט אים ניט באַװיזן איבערצוקאָכן, אָבער אַ נײַער אָנגעפלייץ פון צען מאָל אַזױפיל איטאַליענער װעט מאָרגן און איבערמאָרגן צוקומען צו די אַרגענטינער ברעגעס...

פאַראַן נאָך אַן אַרטיקל, װאָס פעלט קײנמאָל ניט אויף די שיפן װאָס באַדינען דעם דאָרעם־אַמעריקאַנער ברעג — דאָס זײַנען גאַלאָכים און מאָנאַשקעס.

די קירך האַלט זײ אין איין דורכלופטערן און אין איין דורכשאָק־לען אויף די טראַנסאָקעאַנישע שיפן. דאָס איז אַ שטיקל אױלעם־האַזעדיקע פּרעמיע פאַר זייער געטלעכער פּראַצע. זײ זײַנען אין אַ גוטער שטימונג און מען זעט אויף זײ ניט קײן סימען פון אַסקעטישקײַט. זײ האָבן אַלע אַ נישקאָשעדיקן אַפּעטיט און אַפילע אין הייליקן פּרײַטיק האָבן זײ ניט פאַרבױגן דאָס עסן ביפני קאָל אַם װעאײדע.

זייער װייניק פון זײ שטעלן אָן געטלעכע פּענימלעך. איינער פון זײ, אַ דורכגעטריבענער פוקס, װאָס עסט באַ אונדזער טיש און װאָס בראָקט שטענדיק אַרײַן צװײ ברויטלעך אינעם געדיכטן איטאַליענישן לאָקשן־זופּ, זאָגט אָפן, אַז גאַלאָכערײַ איז פּונקט אַזאַ פּראָפעסיע װי אַלע פאַכן; ס'איז באַ אים אַ פּאַרנאָסע־זאַך און מ'דאַרף אים ניט שטעלן קײן ספּעציעלע פאָדערונגען.

אַזױ אַרום דערװיסן מיר זיך, אַז אויסער װײַסע, זילבערנע און בלאָע פוקסן, זײַנען אויך פאַראַן שװאַרצע פּיקסלעך אויף דער װעלט, װאָס האָבן אַ גאַלאָכיש־מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע...

אױסער דעם איז פאַראַן אַ שטענדיקער שיף־גאַלעך, װאָס היט אויף דאָס טאָג־טעגלעכע גאַלאָכישע שאַכרים, מינכע און מײַרעװ, און האַלט אין איין רופן דעם אױלעם לאַאװױדאַס־האַבױרע. די קינדער װערן באַארבעט דורך די מאָנאַשקעס מיט צוקערקעס, מיט בלעכענע מעדאַליאָנדלעך און מיט מײַסעלעך װעגן הייליקע, און דאָס אַלטװאַרג קומט שױן אַלײן. די

איבעריקע פּאַסאַזשירן זײַנען מויכל די גאַלאַכישע טויוועס און עס איז שטענדיק אַ דויכעק אין גאַטס שעפעלעך.

אין אַלגעמיין פאַרמירט זיך אויס אַ סוויווע פון שיף־ברידערלעכקײַט און שיף־אויפגעלייגטקײַט. דאָס בעסערע פון דער מענטשלעכער נאַטור קומט אַרויס אַף דער אויבערפלאַך און שאַפט אַפּ נאַציאָנאַלע און יעבידישע גרענעצן, ווייכט אַפּ כאַראַקטערן און רופט אַרויס נײַע נייגונגען.

עס שאַפט זיך אַ מין נייטראַליזאַציע פון אַלע זאָרגן, אַ מאָראַטאָריע אַף אַלע דײַגעס. די קענגנזעצלעכע אינטערעסן און סטירעס פונעם לעבנס־יאַריד פאַרשווינדן, און דאָס ניט זײַן אויסגעשטעלט אַף דײַגעס־פּאַרנאָסע אַנולירן דאָס וועלפּישע אינעם מענטשן.

ווי גוט עס וואָלט געווען ווען די שיף־פאַרהעלטענישן וואָלטן אויך געהערשט אַף דער יאַבאָשע...

ערעוו אייראָפּע

אין דער מאָס ווי אונדזער שיף דערנענטערט זיך צום דאָרעם־מײַרעוודיקן ווינקל פון אייראָפּע, צו יענעם מאַלערישן ווינקל, וואָס לײַדט נאָך אַלץ אַף פראַנקאָס און סאַלאַזאַרס פאַשיסטישער פּוילעניש, ווערט דער אָקעאַן אַלץ מער און מער שטורעמדיקער און דער הימל — אַלץ מער און מער בלאָטיקער...

כאַפּטעם הוראַקאַן־ווינטן קנעטן אויס וואַסער־בערג און שטופּן אַרויף די שיף אַפּן סאַמע שפּיץ פון די דאָזיקע בערג. ווען די שיף גליטשט זיך אַראָפּ פון אַזאַ צעשוימטן „בערגל”, דוכט זיך אַז דער גאַנצער אָקעאַן שטעלט זיך פּאַפּעריק. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ קיין שטורעם ניט. דאָס איז נאָרמאַלע יאַמיקע טאָג־טעגלעכקײַט, גאָרניט מיט נישט, כאָטש אין די אינגעווייידן פון די דעליקאַטערע פּאַסאַזשירן טוט זיך כוישעך.

נאָך טעג און טעג וואַרפעניש און טרייסלעניש, שווימט אונדז ענדלעך אַנטקעגן דער ערשטער ערד־פּונקט. דער פּאָרט לאַס פּאַלמאַס פון דער גרופּע קאַנאַרישע אינדזלען דרייט אויס צו אונדז זײַן גראַ־פעלזיקן פּראָפיל און איבעראַשט אונדז אַלץ מער און מער מיט זײַן אורבאַניסטישער צעוואַקסנקײַט און מיטן מילדן קרעם־קאָליר פון זײַן שטאָטישער אַנגעבויטקײַט.

דאָס ערשטע, וואָס מען דערזעט, איז אַ מיליטערישע פעסטונג אַף אַ

שפּיץ באַרג, נאַפט־דערן, אויל־דעפּאָזיטן, לעצטע מאָדעלן פון אַמעריקאַ־נער אויטאָס.

מיר דערמאָנען זיך אַז פון דאַנען האָט פראַנקאָ געגעבן זײַן ערשטן ראַצכישן שפּרונג אױף דער שפּאַנישער רעפּובליק, און שפּעטער דערווייסן מיר זיך טאַקע אַז אויפן בנין פון דער הויפּט־קאַזאַרמע הענגט אַ בראָנד־זענער טאָוול, וווּ עס זאָגט זיך: „פון דאַנען האָט דער גענעראַליסימוס פראַנקאָ אָנגעהויבן זײַן רומפולן מאַרש אױף צו באַפרײַען שפּאַניע". ווען מיר דערמאָנען שפּעטער אונדזער טאַקסי־שאָפער וועגן דאָזיקן פראַנקיס־טישן „רום" פון זײַן היים־פּאָרט, גיט ער אַ בייזן ברום: „האַלעווײַ וואָלט ער צעבראָכן ביידע פיס איידער ער האָט זיך געריירט פון דאַנען"...

עס קומען אונדז אַנטקעגן מידע, פריידלאָזע פּענעמער, און עס איז אין ערגעץ ניט קענטיק דער הייליקער פּאַסקואַ־זונטיק, וואָס איז דער פײַערלעכסטער טאָג אין דער קאַטוילישער שפּאַניע. הענדלער מיט מעציעס און סוווענירן רײַסן די פּאָלעס; איידער מען האָט נאָך געקענט אַראָפּגיין פון שיף, זײַנען זיי שוין פול געווען אױף אַלע דעקן, מיט זייערע פאַלשע פּאַרקערס, בלעכענע זייגערס, אַמעריקאַנער ציגאַרעטן, פאַרשיידנקאָלירטע פּאַטשיילעס, קונציק־געשטריקטע טישטעכלעך און אימיטאַציע פון אַלדאָס גוטס.

דער עמעסער יאַריד הייבט זיך אָן צופוסנס פון דער שיף. אַן ענדלאָזע ריי פון געשטעלן און געשטעלכלעך, אָפּגעשאָטענע מיטן בלעכענעם און שטאָפּיקן קאָל־טווו רײַסט די אויגן, און סאַנטשאָ־פּאַנטשאָס געבלימלטע שפּראַך העלפט וועקן דעם אינטערעס פון די קעלטערע שיף־מענטשן. די פאַרזעצונג פונעם יאַריד קען מען געפינען אין יעדן ווינקל פון דער שטאָט, וואָס ציט, קענטיק, איר שטיקל ברויט פון טוריסטיק.

לעקאָוועד דער טוריסטיק היט טאַקע די שטאָט איר פּאָנים. גלײַך הינטערן פּאָרט כיינדלט זיך אַ געשמאַקפול סקווערל, אויסגעצירט אין קאָלערליי פאַנטאַסטישע בלומען־בייטן. די דערבײַיִקע פּאָליציי־קאַזאַרמע כווישעבט אָבער אַרײַן אין די אויגן, און די אָפּגעקראָכענע און אָפּגעשאָ־סענע מונדירן פון די פּאָליציאַנטן זאָגן איידעס, אַז בײַ פראַנקאָן פּײַפט שטאַרק דער דאַלעס.

אָבער דערפאַר זײַנען אַלע גאַסן־לאַמטערנעס אַזוי מאָדערנע, אַז זייערע אויבערשטע טיילן זעען אויס ווי אָרעמס אויפגעהויבענע צום פאַשיסטישן גרוס...

דאָ און דאָרט זעט מען, אױף דער הויפּטגאַס, געמיטלעכע געבײַדעס מיט טיפּישע שפּאַנישע באַלקאָנדלעך, אָבער די אויבערהאַנט האָבן די

פּאַנעמלאָזע שענקלעך און קרעמלעך. צו דער דאָזיקער הויפּט־גאַס גליטשן זיך אַראָפּ פון די בערג די טעראַסן פון די מעשופּעדיקע געסעלעך. פון צײַט צו צײַט זעט מען אַן אַלטערטימלעכן, אַלטשטייניקן ראָג, וואָס זײַן געשיכטלעכער זשאַווער און זײַנע האַלב־אײַנגעוואַלגערטע טורעמלעך שיקן אַ ספּעציעלן פינצטערן גרוס...

ווען מען הייבט אָבער אויף אַ ביסל העכער די אויגן, באַגעגנט מען זיך פון אַלע זײַטן מיטן גלאַנציק־אַלומינענעם גרוס פון די פּילשטאָקיקע נאַפּט־ציסטערנעס, וואָס אידענטיפיצירן זיך מיט די ריזיקע אויפשריפטן „עסאָ" און „שעל". ווען סערוואַנטעס וואָלט אונדז באַגלייט אַפן דאָזיקן שפּאַציר, וואָלט ער זיכער געווען געפּאַלן בא זיך, ווײַל ער, דער גרויסער קאַסטיליאַנישער שפּראַך־מײַסטער, וואָלט ניט פאַרשטאַנען דעם טײַטש פון די צוויי נײַע שפּאַנישע ווערטער...

אַ שפּאַניער זאָגט אונדז שפּעטער אַפן שיף: „ווען ניט די הילף פון אַמעריקע, וואָלט שוין פראַנקאָ לאַנג געבראָכן האַלדז און נאַקן". דאָס פאָלק פאַרשטייט אַז דאָס איז אַ פאַלשע הילף, פּונקט ווי די פאַלשע פּאַרקערס, פאַר וועלכע די הענדלער בעטן פיר דאָלאַר און גיבן אַוועק פאַר פופציק סענט...

די שיף דערווײַטערט זיך פון שטילן ברעג. פון הינטן בלײַבט די אָפּגעריסענע און פאַרצירעוועטע שיינקײַט פון אַ ברעקל שפּאַניע. דורכן געדאַנק לויפן דורך די פערזן צו שפּאַניע, וואָס לייב נײַדוס האָט נאָך מיט איבער פערציק יאָר צוריק אויסגעוואַרעמט אין זײַן געמיט:

„אָ, דו לאַנד, דו לעגענדאַרעס,
לאַנד פון בלוט און פון גיטאַרעס,
ס'איז מײַן צאָפּן־אויג, מײַן שטאַרעס,
צו דײַן פראַכט שוין לאַנג געווענדט;

לאַנד, וווּ סיכאַווערן זיך שטראַלן
מיטן שטאָל פון די קינזשאַלן,
וווּ אַף בלוט פון ווונדן פאַלן
בלעטער דופטיקע פון סאָד..."

2. ביז וואַרשע

דער ערשטער שפּיץ פון אייראָפּע

אייראָפּע שיקט אונדז איר ערשטן ערדישן גרוס דורך א שפּיץ פּאָרטוגאַל.

דער ווײַטער טונקל־בלאָער ערד־ראַנד נעמט זיך בערגלען אַפן הימל, און גאָר שנעל וואַקסט ער אויס פאַר אונדזערע אויגן ווי א שטיינערנער וואָלקן, וואָס נעמט דראָען ניט מיט שטורעם, נאָר מיט שיינקײַט, מיט ליכטיקײַט און מיט גאָלד־גרינעם לעבן... די שוועבנדיקע מעוועס הייבן אָן אַרײַנפירן אונדזער שיף אין פּאָרט פון ליסאַבאָן...

מיט יעדער מינוט ווערט ליכטיקער אין די אויגן פון דער אָנשווי־מענדיקער פּאַנאָראַמע און פון דער פרילינגדיק־אידילישער שאַלווע, וואָס הענגט איבער די וואַסערן, איבער דער ערד און אין דער לופטן.

ווי אַף אַלטע גראַוויורן, זײַנען די פּאָדערשטע פּאָרט־וואַסערן באַדעקט מיט זעגל־שיפן פון פיר מאַסטבוימער. פון דער יאַבאָשע און פון די אַרומיקע הויכקײַטן קוקן אַרויס אָפּגעלעבטע באַרג־באַסטיאָנען, א מאָרישע פעסטונג מיט געצײַנדלטע ווענט און מיט שים־טורעמלעך, מיט באַפליגלטע ווינטמילן. דער גאַנצער אַרום זעט אויס ווי א לעבעדיקע אילוסטראַציע צו א טעקסט פון פופצנטן יאָרהונדערט.

דער פרימאָרגן נעמט מיטאַמאָל שמעקן מיט אַלטע יאַם־געשיכטעס, מיט עקספּעדיציעס קיין אינדיע, מיט קאָלאָניאַלע אַוואַנטורעס, מיט פּי־ראַטן, מיט וואַסקאָ דע גאַמאַ, מיט סאַנטאַ קרוז, מיט אַנוסים, מיט גיירו־שים און מיט אונדזער אייגענעם ייִדיש־פּאָרטוגעזישן דאָן דיעגאָ פּירעס (שלוימע מאָלכאָ), — דעם באַגײַסטערטן מאַרטירער פון דאָוויד רעוּווייניס מעשיכישער אַוואַנטורע.

די דאָזיקע אַלע געשיכטלעכע רייכעס וועפּן זיך, אָבער, שנעל אויס און פאַרשווינדן אינעם לעבעדיקן, קרישטאָלענעם פרימאָרגן, וואָס איז ביז איבער די ברעגעס אָנגעגאָסן מיט מילדער זון, ווי מיט לײַכטן פּאָר־טוגעזישן ווײַן...

א צוזאַמענשפּיל פון איידעלע קאָלירן וויגט זיך פאַר די אויגן לענג־אויס די שיפן און דעם אַלץ־מער־שענער־ווערנדיקן אײַנגוס. דער געמיט־לעכער בערגלדיקער אַרום איז ניט באַדעקט מיט קיין גראָ־בעטאָנענער אָנגעוואַלגערטקײַט, מיט קיין פלאַכע דעכער און מיט דער שווארצער פאַררויכערטקײַט פון אונדזערע גרויסשטעטישע מעקוימעס. די שטאָט זעט אויס ווי זי וואָלט אָקערשט פון באָד אַרויס. דער רויט פון די גענויגטע

צווייזײַטיקע דעבער מישט זיך אויס מיטן קרעם פון די מיטלוווקסיקע הײַזער און מיטן גרין פון דער אָפּגעהיטער נאַטור. דער האַרמאָנישער רויט־קרעם־גרין לאַשטשעט דאָס אויג און רעדט צום געמיט.

ניט די שטאָט נאָר די נאַטור איז פּילשטאַקיק. פון אַ פּילשטאָקיקן באַרג הענגט אַראָפּ, ווי אַ ריזיקער איידלשטיין, אַ ווײַס־גרינער גאָרטן, וואָס איז בעסאַכאַקל ניט מער ווי אַ בייסוילעם און וואָס טראָגט דעם נאָמען „דאָס פּראַזערעס" (דער בייסוילעם „פון די פאַרגעניגנס")... מיר שטעלן זיך די פראַגע: צי איז עס ניט קיין אַנדײַט פון פאָלק, אַז אונטערן פּאַשיזם איז אַ גרעסערער פאַרגעניגן צו ליגן אַפן שיינעם בייסוילעם, איידער אונטערן האַרטן פּאָליציייִשן קולאַק?

ביכלאַל קומט אויס, אַז עפּעס שטימט דאָ נישט. ווי קומט אַזויפיל שיינקײַט און אַזויפיל פּאַשיזם אָף איין און דעם זעלבן אָרט? איינס פון ביידע איז דאָ אינגאַנצן איבעריק. און אַזוי ווי די נאַטור־שיינקײַט איז אייביק און עלטער פאַרן פּאַשיזם, און אַזוי ווי שיינקײַט מוז זיגן איבער העסלעכקײַט, איז קלאָר, אַז אַפילע פון ריין־עסטעטישן שטאַנדפּונקט מוז דער פּאַשיזם אָפּטרעטן, ביפּראַט אַז אויך פון ווינסשאַפטלעכן קוקווינקל מעג ער באַשטעלן פאַר זיך אַן אָרט אַפן בייסוילעם פון די פאַרגעניגנס...

דער פּאָרטוגעזישער פּאַשיזם איז איינער פון די אײַנגעוואָרצלטסטע און באַלעבאַטיש־פּאַרפעסטיקטע. פּאָרטוגאַל האָט ניט געליטן פון די צוויי וועלט־אומגליקן, האָט ניט דורכגעלעבט קיין סאָציאַלע אויפטרייסלונגען, האָט אַ קליינעם פּראָלעטאַריאַט, ליגט אין אַ פּאַרוואָרפענעם העק פון אײי־ראָפּע, און דערפאַר קען דער סאַטראַפּ סאַלאַזאַר זיצן אַזוי פעסט און ברייטהינטנדיק אַפן לאַנד, ביפּראַט אַז די אימפּעריאַלע ירושע, וואָס איז צעוואָרפן אין אַפריקע, אינדיע, כינע און אָקעאַנישע אינדזלען, דערלויבט צו געבן דעם פאָלק אַביסל אַ העכערן לעבנס־ניוואָ ווי אין שפּאַניע.

סאַלאַזאַר — דאָס איז פראַנקאָ מיט פּוטער, אָבער אויך פון סאַלאַ־זאַרס פּוטער נעמט זיך שוין טראָגן אַ מיעסער רייעך...

אינמיטן פון די דאָזיקע געדאַנקען האָט די שיף אַ בלעכענעם ברום געטאָן און צוויסן געגעבן אַז זי איז שוין צוגענאָפּלט צום ברעג.

הייליקער גײַסט און האַנדל

ניט מער ווי אַ פּאָר יאַבאָשע־שאָען באַווילֵיקט אונדז צוצוטיילן די פּאַרשפּעטיקטע שיף.

מיט דער שנעלקײַט פון אַ שטראַל, וואָס אַ פּראָזשעקטאָר שיקט

אַרויס אַף אַ באַנאַכטיקן הימל, דאַרפן מיר זיך דורכגליטשן דורך דער שטאָט. אין אַ פּאָר שאָ, און טאָפּנדיק אַ וואַנט, דאַרף מען זיך באַקענען מיט אַ פּאָר צונויפגעפּרעסטע יאָרטויזנטער.

אַפן ברעג איז אַלץ אויסגעסיידערט און אוניפאָרמירט. אַפילו די טרעגער, וואָס זעען אויס גאָר וויכטיק און וואַזשנע אין זייערע ברוינע מונדירן, שטייען סאָלדאַטיש צו צוויי אין אַ ריי און וואַרטן אַפן צייכן וואָס זאָל זיי דערלויבן אַרויפצוגיין אַפן שיף. באַבלעכלטע און באַפּרענדזלטע פּאָליציאַנטן, וואָס זעען אויס ווי מען וואָלט זיי אַרויסגענומען פון דער אָפּערעטע „די טשאַרדאַש־פירשטין", נעמען זיך אַרומדרייען אין די שיף־קולוואַרן, אָבער אַז מען קוקט זיך נענטער צו צו זייערע מונדירן, זעט מען אַז זיי זײַנען שטאַרק אָפּגענוצט, אָפּגעריבן און אָפּגעקראָכן. ווי אונטער אַלע פּאַשיזמען, איז דער גלאַנץ בלויז פון אויבן...

וואָס מער מען דערנענטערט זיך צו דער עצעם שטאָט, נעמט מען באַמערקן קנייטשן און קנייטשעלעך אַף דער פריערדיקער שיינקייט...

ניט נאָר די פּאָליציייִשע מונדירן, נאָר אויך די שטאָט איז אַן אָפּגענוצטע. איבער געסלעך מיט אָרעמע, אויסגעמוטשעטע פּאַסאַדן, איז אַ געפלאַטער פון אויסגעהאַנגענע וועש, און אונטן גייט אַן אַ האַנדל מיט קאָלערליי אַלטוואַרג.

וואָס מער צום צענטער, נעמען זיך די גאַסן אַלץ מער פּוצן, אָבער פון ברייטער ווערן האַלטן זיי ניט. איין אַרכיטעקטור־סטיל פּאַלט אַרײַן אין צווייטן, און אָט זײַנען שטיבער מיט דרויסנדיקע צעראַמיק־ווענט, פּונקט ווי מען וואָלט זיי אויסגעקערט צו דער גאַס מיט דער אינעווייניק־סטער זײַט. עס האַלטן זיך אין איין באַגעגענען גאָטיק מיט רענעסאַנס, אַלט־רוימיש מיט אַראַביש, גריכיש מיט ראָמאַניש.

אין צענטער קאָכט דער לוקסוס. יעדער צווייטער ביניען אַף דער צענטראַלער האַנדלס־גאַס איז אַ באַנק, און צווישן די צענדליקער בענק, גיט זיך מיטאַמאָל אַ באַווײַז אַ באַנק, וואָס גיט צו־ווויסן מיט רויט־קופּערנע אויסיעס, אַז ער הייסט „באַנק פון הייליקן גײַסט און פון האַנדל"...

די דאָזיקע אומגעווײנטלעכע קאָמבינאַציע פון הייליקן גײַסט מיט האַנדל זעט אויס, אין ערשטן מאָמענט, סטירעדיק און אומנאַטירלעך, און מען מוז זיך, ניט ווילנדיק, אַ צעשמייכל טאָן, אָבער מיטאַמאָל גיט מען זיך אַ כאַפּ אַז יאָ, אַז דאָס איז ניט נאָר אַ היסטאָריש לאָגישער נאָמען, נאָר מאַמעש אַ דעוויז, אַן אויפריכטיקע זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק פון קאָלאָניאַלן פּאָרטוגאַל.

מיטן ציילעם אינדערהויך זײַנען דאָך די קאָלאָניאַלע ראָצכים אוועק אַף רויב, און דעם דאָזיקן רויב האָבן זיי גערופן „האַנדל". מיטן הייליקן גײַסט האָבן זיי געקאַשערט דעם באַנדיטישן „האַנדל", און אָט דער דאָזי־קער לוקסוס־באַנק אין ליסאַבאָן איז אַ מאָדערנער קאָמערציעלער דענק־מאָל פאַרן הייליקן „האַנדלס"־גײַסט פון די באַציילעמטע רויבער און קאָנקוויסטאַדאָרן, און פון זייערע איצטיקע אויסגעוויקטע יאָרשים...

ביכלאַל, איז אין קאַטוילישן ליסאַבאָן אַלץ קאָמערציאַליזירט. אָט איז, לעמאָשל, דער סקעלעט פון באַרימטן קלויסטער „נאָסאַ סעניאָראַ דאַ מאָנטע קאַרמאָ" (אונדזער מוטער פון קאַרמעל־באַרג). גענומען בויען אים האָט מען אין דער ערשטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט, און אָן ערד־ציטערניש האָט אים צעשטערט אין 1755. אַזוי ווי אין דער צעשטערונג האָט זיך אַרײַנגעמישט „גאָטס האַנט", האָט מען שוין דעם קלויסטער ניט אָפּגעבויט, נאָר פאַרוואַנדלט אין אַ קאָמערציעלן קוואַל פון האַכנאָסע.

מען האָט צוגעפּראַוועט צו אים אַ ריזיקע ווינדע און מען פירט דעם אוילעם אַרויף און אַראָפּ. אַף אַרויפצופאָרן דאַרף מען קויפן אַ בילעט, אַף אַראָפּצופאָרן — אַ צווייטן בילעט, אַף אַרײַנצוגיין אין קלויסטער — ווידעראַמאָל אַ בילעט, און פאַרן אויפקלערנדיקן בלעטל וואָס מען באַקומט — נאָכאַמאָל אַ בילעט. פיר מאָל דאַרף מען באַצאָלן און האָבן צו טאָן מיט קאַסעס און בילעטן, קעדיי צו כאַפּן אַ קוק אָפן ביסל פאַרשטויבטע כורוועס. אָט אַזוי גייט אָן דער אומהייליקער האַנדל מיטן הייליקן גײַסט...

די איצטיקע פּאָרטוגאַל — דאָס איז דער פאַשיסטישער עפּילאָג פון אַן אַלטער רויבערישער אימפּעריע. זי איז דער מיַירעווודיקער פאַנצער פון דער פראַנקיסטישער שפּאַניע און אַן אָנגעזעענער שוטעף אין דער „נאַטאָ". וועאַל־קולאָם — פאַרמאָגט זי אַ ספּעציעלע מיליטערישע אַליאַנץ מיט ענגלאַנד, — דעם עלטסטן פון די קאָלאָניאַלע יאַם־רויבער, דעם בכאָר פון דער אימפּעריאַלער מישפּאָכע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ שוואַכערן הייליקן גײַסט, אָבער דערפאַר — אַ שטאַרקערן רויבערישן טאַלאַנט...

ווען אונדזער שיף גליטשט זיך אַרויס פון מאָלערישן אײַנגוס, דער־זעען מיר ווידעראַמאָל פון ווײַטן די פּאַנאָראַמישע שיינקײַט פון דער אַלטער לישבאָאַ (ליסאַבאָן). מיר ווייסן שוין אָבער קלאָר און דײַטלעך, אַז דער שיינער נוס איז אינעווייניק אַביסל צוגעפוילט. עס גריסן אונדז, ניט נאָר די פּערלדיקע פּאַלאַצעטלעך, די געצייכנדלטע באַרג־פעסטונג און דער שטיינערנער מאָנאַסטיר־פּאַלאַץ פון סאַן כעראָנימאָ, נאָר בעאיקער די צונויפגעפּרעסטע געסלדיקע נויט און די אַנטיפאַשיסטישע אָנצוהע־

רענישן פון די עטלעכע פאָלקסמענטשן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך צופעליק באַגעגנט.

אַ שטיק וועג באַגלייט אונדז דער באַרגיקער ברעג פון דאָרעם־פּאָרטוגאַל, די מידע פאַרנאַכטיקע זון און פּאַטרולן פון מעוועס, וואָס בײַטן זיך יעדע פּאָר קילאָמעטער.

אַפּן זעלבן אויפן ווי די מעוועס, וואָס שוועבן אַרום דער שיף, נעמען פּלאַטערן אינעם געמיט אונדזערע ייִדישע געשיכטלעכע שײַכעסן מיט מאַלכעס פּאָרטוגאַל.

די שײַכעסן זײַנען אַף אַזויפיל נאָענט, אַז בעמעשעך פון יאָרהונדער־טער איז „פּאָרטוגעז" געווען דער אינטערנאַציאָנאַלער סינאָנים פון „ייִד", אָבער וויפל מאַרטירעריש ייִדיש בלוט האָט דאָס דאָזיקע לאַנד פון הייליקן גײַסט „אײַנגעהאַנדלט" פאַר זיך אין לויף פון אירע אַלט־אימפּעריאַלע יאָרן.

וויפל ייִדיש־מאַראַנישע דערפינדערישקײַט און אינטעליגענץ איז אוועקגעגעבן געוואָרן, אַז בראַזיל, לעמאָשל, וואָס האָט פון אָנהייב געהייסן „דאָס לאַנד פון הייליקן ציילעם", זאָל ווערן אַן אָביעקט נישט נאָר פון „הייליקן גײַסט" און פון „האַנדל", נאָר אויך פון קאָלאָניזאַטאָרישער ציוויליזאַציע און פון דער שפּעטערדיקער אומאָפּהענגיקײַט! וויפל און וויפל, און וויפל!

די געדאַנקען וועגן „מײַן" פּאָרטוגעזישקײַט ווערן איבערגעריסן דורך אַ נײַער דערשײַנונג. אין דער וויסטער ברעגיקער פעלזן־פּאַנאָראַמע, צווישן לעצטן שטראַלן־געוועב פון דער האַלב־אונטערגעגאַנגענער זון, באַווײַזט זיך, אַפּן סאַמע שפּיץ פון אַ נאַקעטן באַרג־אַראָפּרים, אַ ווײַסע מענטשלעכע נעסט. דאָס איז דער באַרימטער מאַנאַסטיר סאַן וויסענטע, וווּ אַ פאַרביטערטע מאָנאַכן־ברודערשאַפט האָט זיך אָפּגעשלאָסן אַף אייביק פון דער וועלט און פון יעדן קאָנטאַקט מיטן מענטשלעכן מין.

ווי עס פּאַסט פאַר פּאָרטוגאַל, שיקט זי אונדז איבער איר לעצטן גרוס דורכן קלויסטער־ציילעם פון סאַן וויסענטע, און גלײַך הינטערן ציילעם פאַלט צו די נאַכט...

גענוע, די אַלטיטשקע

איין נאַכט האָט פאַרשטעלט פאַר אונדז און „אײַנגעשלונגען" דעם גיבראַלטאַר, און אַ צווייטע נאַכט — די פראַנצויזישע ריוויערע.

דער כוישעך האָט באַ אונדז צוגערויבט די צוויי אינטערעסאַנטסטע

אָביעקטן אַפֿן וועג קיין איטאַליע. אַזוי אַרום האָבן מיר פאַרלוירן סײַ דעם פֿײַערשפּײַענדיקן ענגלישן יאַם־פּעלז און סײַ דעם מילדן „בלאָען ברעג" פֿון ניצע און קאַן, און מאָנטעקאַרלאָ, און סאַן רעמאָ.

בלויז קאַראַהאָדן פֿון ניצעצדיקע עלעקטרישע פֿײַערלעך האָבן זיך מיט אונדז געריצט אַ גאַנצע נאַכט. אַ שטיקל נאַכטיקע קאַן האָבן מיר דאָך דערכאַפּט פֿון ווײַטן. זי האָט זיך געוואָרפֿן פֿאַר אונדזערע אויגן מיט אירע קאָלירפֿולע נעאָן־ליכטער און האָט בענימעסדיק אונטערגע־פֿליעסקעט מיט אירע שאַלוועדיקע, קוים־קוים געקרײַזלטע וואַסערן.

די דאָזיקע וואַסער־שאַלווע פֿון „בלאָען ברעג" האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז נאָכן שטורעם אין גאָלף פֿון ליאָן (צווישן באַרצעלאָנאַ און טולאָן). דער גאָלף איז אַ באַרימטער יאַם־קעסל, וווּ עס האַלטן זיך אין איין קאָכן שטורעמס און ווירבערס. אונדזער שיף האָט געהאַלטן אין איין באַקומען וואַסערדיקע פּעטש, וואָס זײַנען געווען זייער און זייער פֿײַערדיקע, און אַלע מיטפֿאָרער האָבן שיקרעסדיק אונטערגעטענצלט בעמעשעך פֿון לאַנגע שאָען.

אַף מאָרגן נאָכן האָבן פֿאַרשפּילט, אַף דער רולעטע פֿון גוירל, דעם גאַנצן „בלאָען ברעג", האָט זיך פֿון פּרימאָרגנדיקן נעפּל געגומען אויס־פּיקן די נאָסלעכע גענוא — דער מוטער־פּאָרט פֿון אונדזער שיף.

די שטאָט ליגט אַ צעהאַנגענע אַף די אַרומיקע בערג און איז שוואַרצ־לעך פֿון אַלטקײַט. מענטשן ווערן גראָ אַף די עלטערע יאָרן, אָבער שטעט ווערן שוואַרץ, און גענוא זעט טאַקע אויס פֿונדערווײַטנס ניט גרײַז־גראָ, נאָר גרײַז־שוואַרץ, ביפֿראַט אַז דער גראָ־גליטשיקער וועטער האָט יענעם פּרימאָרגן מיטגעשטײַערט, פֿון זײַן זײַט, מיט נאָך אַביסל טונקלקײַט.

וואָס טיפֿער מען גליטשט זיך אַרײַן אין דאָזיקן עלטסטן פּאָרט פֿון איירפּאָפּע, אַלץ געדיכטער ווערן, אַפֿן וואַסער, די וועלדלעך פֿון מאַסטבוי־מער, און אַלץ שטאַרקער און רוישיקער — דער געווימל פֿון שיפֿן.

און אָט זײַנען מיר טאַקע אין סאַמע מיטן פֿון וואַסער־יאַריד. ס'איז אַ געשוויבל און אַ געגריבל פֿון קײַ־און־שפּײַ: שלעפּשיפֿן, פֿישער־לאָדקעס, באַרזשעס, נאַפֿט־ציסטערנעס, מאַסע־שיפֿן פּאַטורל־קוטערס, בוקסיר־שיפֿלעך, שפּאַציר־שיפֿן, יאַכטן, וואַסער־אָמניבוסן און סטאַם קאָלערליי מאָטאָרזירטע יאַם־פֿליי... עס ווײַזן זיך אויך די גאָר גרויסע העכט: די הויכגאָרנדיקע, בײַכיקע טראַנסאַטלאַנטיקס, וואָס פּאַראַדירן אַרום אין זייערע ברייטע קוימען־צילינדערס און ברומען ווי לייבן.

די ענגשאַפֿט ווערט געדיכטער. זי איז אַזוי געדיכט, אַז די שיפֿן זײַנען צוגעפּעסטיקט צו די צעמענטענע האַפֿן־ברעגעס גישט מיט די זײַטן

נאָר מיט די נעזער. אין פּופּצן אַזוינע לאַנגע האָפּן־ברעגעס האָבן רייען און רייען שיפן געהאַלטן אַרײַנגעשטעקט די נעזער זייערע. אַ פּאָר שורעס עלטערע שיפן, מיט פּאַרריסענע, רויטלעך־אָפּגעקראָכענע און אָפּגעשאָבענע בײַכער, האָבן אויסגעזען ווי ריזיקע זשאַבעס וואָס וואַרעמען זיך אויף דער זון...

אַז מען גיט אַ קוק אויף דער שטאָט, וואַרפט זיך אין די אויגן איר נאַטירלעכע פּילשטאָקיקײַט; נישט די פּילשטאָקיקײַט פון די ביניאָנים, נאָר פון די בערג. יעדער באַוווינטער באַרג טראָגט אויף זיך עטלעכע קרענצלעך הײַזער, איינע איבער די אַנדערע, און איבער די אַנדערע — נאָך אַנדערע... עס מאַכט דעם אײַנדרוק ווי די שטאָט וואָלט געהאַנגען ווערטיקאַל, און די אויבערשטע שורעס באַרג־הײַזער זעען אויס פון ווײַטן ווי שטיקלעך אויסגעהאַנגענע וועש, וואָס טריקענען זיך אויפן ווינט...

ווי מען שטעלט נאָר אַ טראָט אין שטאָט, דערפילט מען גענוי דאָס אַלטע שוואַכקײַט צו קאָלומבוסן, די לײַדנשאַפטלעכע אַמביציע אירע פעסטצושטעלן אויף טריט און שריט, אַז ער איז אירער דורך און דורך.

דער ערשטער ריזיקער מאָנומענט, אויף וועלכן מען טרעפט זיך אָן, איז געהייליקט קאָלומבוסן און זײַן עקספּעדיציע; אין סאַמע צענטראַלסטן קאָך פון דער שטאָט ווײַזט מען אײַך אָן אַלט קאָלאָניאַל הײַזקע, וווּ קאָלומבוס זאָל האָבן געבוירן געוואָרן; און אַנטקעגן דענקמאָל פון אומבאַקאַנטן זעלנער, אין צענטראַלן טייל פון אַ באַרגיקן פּאַרק, זײַנען, מיט סובטעלער גערטנערײַ־קונסט, אויסגעמײַסטערט פון לעבעדיקן, וואַקסנדיקן גראָז, די דרײַ עקספּעדיציע־שיפן פון גרויסן אַדמיראַל. קימאַט פינף הונדערט יאָר נאָכן האָבן דורכגעשניטן די בייז־אָקעאַנישע וואַסערן, מאַכן דורך די רומפּולע קאַראַבעלן די גראָזיקע פּאַזע פון זייער לעבן אין אַ רויִקן גענוער פּאַרק...

אין טויטן גראַניט און אין לעבעדיקן גראָז פּראָקלאַמירט גענוי אַז קאָלומבוס איז קאָלאָמבאָ און נישט קאָלאָן, אַז ער איז אירער און נישט קיין שפּאַניער; אָבער אַ סוואָרע, אַז דעם אַלטן קאָנפליקט צווישן די איטאַליענער און שפּאַניער האַלטן גאָר אין געווינען די ייִדן... אַזוי ווײַזן אָן וויסנשאַפטלעך־ערנסטע פּאָרשונגען, און דאַווקע פון ניט־ייִדישע היסטאָריקער.

גייט מען ווײַטער; אָבער זעלטן וווּ אין דער אַלטער גענוי קען מען גיין מיט אַ נאָרמאַלן טראָט. אָט דאַרף מען קלעטערן באַרג־אַרויף און אָט דאַרף מען שוין מיט דריבנע, אײַנגעהאַלטענע טריטעלעך לויפן אַראָפּ. עס איז אַ שפּיל אין קאַץ און מויז צווישן הויך און נידעריק. און אַז מען

גיט נישט קיין אַכטונג, פאַרקריכט מען אין אַ לאַבירינט פון שמאָל־שמאָלע, מעשופּעדיקע געסלעך; און שפּעטער דרייט מען זיך אין אַ ראָד, ביז מען דרייט זיך אַרויס אויף אַן אַלטערטימלעך פּלעצל, און דאָס פּלעצל פאַרנאַרט אייך ווידער אין נאָך שמעלערע זאַוואָקעלעך, וואָס זיינען אַזוי שמאָל און פינצטער, אַז מען מיינט: אָט־אָט וועט דאָ ווערן ענג ווי אין אַ לעכל פון אַ נאָדל... און מיטאַמאָל דערזעט מען אַ היימיש, באַקאַנט געסעלע, וואָס רייסט אַרויס פון מויל די פראַגע: ווי אַזוי האָט דאָס יאַטקעווער געסל פון ווילנע פאַרבלאָנדזשעט אַזש אין גענואַ?...

אין די דאָזיקע געסלעך, וווּ עס איז באַגראָבן דאָס פּופּצנטע יאָר־הונדערט, און וווּ די אַרומגעמויערטע צייט געדענקט שוין אַליין נישט צי זי איז אַלט פיר הונדערט אָדער פינף הונדערט, אָדער נאָך מער יאָרן, וווינען מענטשן און זיינען אַריינגעטאָן אינעם הו־האַ פון זייער איינגע־דאַרט און איינגעקוואַרט לעבן. די קליינטשיקע קינדערלעך, וואָס שפּילן זיך דאָ, ווייסן גאָרנישט, אַז די וועלט האָט אויך אַן אַנדער פּאָנים און אַן אַנדער רייעך...

נישט אַלע געסלעך זיינען פאַרשטיקט און פאַרגלוּשעט. פאַראַן אַזוינע, וואָס זיינען אָפּגעשאָטן פון אַלע זייטן מיט מיניאַטור־געוועלבלעך און רעסטאָראַנדלעך, וווּ עס הערשט דער זעלבער יאַקרעס ווי אין גאַנץ אי־טאַליע. אויף די דערבייִיקע פּלעצלעך איז דער מאַרק־געטומל נאָך אַ גרעסערער. אויף געדיכט־אָנגעשטעלטע סטראַגאַנעס, פּאַרוואָרפענע און באַהאַנגענע מיט קאָלערליי סכוירעס, גייט אָן אַ האַנדל־וואַנדל מיט מעציעס, וואָס איינע איז גרעסער פון דער צווייטער און די צווייטע איז נאָך גרעסער פון דער ערשטער...

אַז מען קריגט זיך אַרויס פון דער געסלדיקער אַלטקייט, דאַכט זיך אויס אַז גענואַ האָט דעם אַראָמאַט פון אַ שאָטנדיקן בייסוילעם. נישט אומזיסט האָבן אונדז זאַכקענער געאייצעט צו באַזוכן, קודעם־קאָל, דעם גענוער „הייליקן אָרט", וווּ די קונסט, בעשוטפעס מיטן טויט, האָט אויפגעטאָן וווּנדער... אָבער אונדזער איילִיקע מיסיע צום לעבן האָט אונדז קיין צייט אויף דעם נישט געגעבן. מיר האָבן קוים באַוויזן אַריינצוכאַפּן זיך אין באַרימטן קלויסטער „אַנונציאַטאַ", וואָס איז אויך אַ שטיקל בייסוילעם...

דער פאַרשוואַרצטער קלויסטער איז אַ שווערער מילכאָמע־אינוואַליד. צווישן גענואַ און לאַ ספּעציאַ, די דערבייִיקע מיליטעריש־נאַוואַלע באַזע, האָט מוסאָליני געהאַט אויסבאַהאַלטן זיין יאַם־קויעך, און טשערטשיל האָט דעריבער געהאַלטן אין איין „טאַפּן" מיט זיינע באָמבעס דעם דוטשעס

שיפן; און אַט „טאַפּנדיק" אַזוי, האָט ער אַ פּעסטן גלעט געטאָן די „אַנונציאַטאַ", כאָטש זי איז זייער ווײַט פון זײַן אַ שיף. דעם זעלבן פײַער־דיקן קניפּ האָבן אויך באַקומען אַנדערע קונסט־ביניאָנים, און די אַלטע געגנוּ איז נאָך ביז איצט באַדעקט מיט יונגע מילכאָמע־וווּנדן.

שווין איבער צען יאָר ווי מען היילט די שווער־פאַרוווּנדעטע „אַנונ־ציאַטאַ" און מען זוכט טרופּעס ווי אַזוי גאַנץ צו מאַכן אירע באַרימטע וואַנט־ און סופיט־מאָלערײַען, וואָס שטאַמען פון די רענעסאַנס־קינסטלער. מען דאַרף אויך גאַנץ מאַכן אירע צעבראָכענע ביינער — די געשניצטע און ציזעלירטע קאָלומנאַדעס און דעם איבעריקן איידעלן און הייליקן האַק־און־פּאַק. נישט אין סטאַם גאַנץ מאַכן גייט עס, נאָר אין גאַנץ מאַכן די אַלטקײַט, אין נײַ מאַכן אַזוי דאָס צעשטערטע אַז די באַנײַטע פריערדיקע אַלטקײַט זאָל נײַערהייט זײַן אַלט ווי געווען, און דאָס איז גאָרנישט קיין לײַכטער איניען...

דער גאַנצער דיל פון דער „אַנונציאַטאַ" איז, אין גרונט גענומען, אַן אַלטער אַריסטאָקראַטישער בייסוילעם, און די מירמלנע דיל־טאָפלען, אַף וועלכע מיר האָבן געטראָטן, זײַנען נישט סטאַם קיין דיל־טאָפלען, נאָר ליגנדיקע, פלאַכע מאַציוועס, מיט אַלט־לאַטײַנישע, שפּיציק־גאָטישע אויפשריפטן, וואָס דערציילן אַז מיט אַן ערעך פינף הונדערט יאָר צוריק איז דאָ באַערדיקט געוואָרן דער און דער פירשט, דער און דער באַרימטער פאָריץ, דער און דער פרומער סראָרע. מיר האָבן קוים געוואָגט מיט אונד־זערע ייִדישע שפּיץ פינגער צו טרעטן אַף אַזוי פיל הויכגעשטעלטע אַדל־לײַט...

ווי אַ פּײַל דורך צפון־איטאַליע

שפּעטער איז פאַרבײַ אונדזער וואַגאָן־פענצטערל דורכגעלאָפן אַ שטיק צפון־איטאַליע און געוויזן אונדז, אינמיטן פרילינג, דאָס אַף וואָס מיר האָבן זיך צום ווינציקסטן געריכט און וואָס מיר האָבן שוין צענד־ליקער יאָרן נישט געזען: שניי, קופּעס שניי, פעלדער מיט שניי, טעלעפאָן־דראָטן געוויקלטע אין שניי... איז עס אַ שניי־שפּאַס פון דער אייביק־זוניקער, אייביק־וואַרעמער איטאַליע, אָדער אַ צוגעאײַלטער גרוס פון פּוילן?...

דאָס יונגע איטאַליענישע גרינס האָט זיך אָבער נישט ווייסנדיק גע־מאַכט פונעם שניי־אָנשיט און האָט פרילינגדיק אַרויסגעשפּאַרט פון אונטער דער פרעמדער ווײַסקײַט. איבעראַשנדיק האָט אויסגעזען דער שניי אַף די ווײַנשטאָקן. צי קען מען דען זיך פאָרשטעלן צוויי שאַרפערע קאָנטראַסטן

ווי ווײַנטרויבן און שניי? און דאָך האָבן בײדע שאַרפע קעגנזאַצן נישט אײַנגעשלונגען אײנער דעם צווייטן, נאָר געהויזט בעשאָלעם...

פונעם געמיש פון גרינס און שניי האָט זיך באַקומען אַ פּייזאַזש פון סאַלאַט און סמעטענע. די גאַנצע איטאַליענישע לאַנדשאַפט האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקער טעלער מיט סאַלאַט און סמעטענע...

אין דאָזיקן טעלער איז געלעגן די איטאַליענישע דאָרפישע אָרעמקײַט: קליינע, אויסגעמאָגערטע ערד־כאַלאָקימלעך, דורכגעשניטענע מיט קאַנאַלן אַף אָפּצוציען די וואַסערן פון די פאַרפלייצונגען; אַלטע ליליפּוטן־ביימלעך, וואָס שטייען ביז די קני אין נעץ; הײַזלעך אָפּגעקראָכענע, אָפּגעשיילטע, אַרומגעביסענע; קיין סימען פון קיין בעהיימע — אין ערגעץ נישט. אין גאַנץ צאָפן־איטאַליע האָבן מיר בעסאַך־האַקל געזען איין איינציקע ציג...

פון דעם אַלץ וואָס מיר האָבן געזען פון גענוא ביז ווענעציע, קומט מען צום שלוס אַז גאַנץ איטאַליע נייטיקט זיך אין אַ רעמאָנט. מען וואָלט זי לעכאָל־האַפּאָכעס געדאַרפט איבערפאַרבן...

ווענעציע אין פּראָזע

די שאָ צײַט, וואָס די באַן איז געבליבן שטיין אין דער שטאָט פון „סויכער פון ווענעדיג”, איז אונדז פאַרשטערט געוואָרן דורך אַ שטעכיקן רעגנדל. מיטן רעגן אין קאָלנער זײַנען מיר געשטאַנען אַף די בויגן־בריקלעך פון דער קאַנאַלן־שטאָט און געקוקט ווי די וואַסער־גאַסן בלעזלען זיך אונטערן געשפּריץ פון די פאַלנדיקע טראָפּנס.

מען האָט גלײַך געקענט באַמערקן, אַז אויך דאָ איז די ראָמאַנטיק קאָמערציאַליזירט און מאָטאָריזירט. ווי קומען מאָטאָריזירטע שיפלעך אין מיטן פון דער גאָנדאָלע־ראָמאַנטיק? און די דאָזיקע אויסגעקלעפּטע שטרענגע מעלדונגען פון דער און דער קאָאָפּעראַטיווע פון גאָנדאָליערן?.. אַלץ איז אויסגעכעשבנט און סינדיקאַליזירט אין דער דאָזיקער שטאָט, ווו די פּליסיקע גאַסן זײַנען אויסגעפּלאַסטערט מיט לעוואָנע־זילבער און ווו די ליבע קומט געניסן פון זיסער פאַרכאַלעשטקײַט...

אַפילע די גאָנדאָלן זײַנען צוזאַמענגעדרענגט און אויסגעשטעלט ווי סאָלדאַטן אין אַ ריי, און זייערע גראַציעזע שוואַנען־העלדזער זײַנען מיט פּראָסטע שטריק צוגעבונדן צו די האַקנס און קלעצער פון האַפן.

און אַז מען וויל דאַווקע אויסגעפינען אין די ווענעציאַנער וואַסערן עפּעס אויסערגעוויינטלעכס, איבערצײַגט מען זיך אַז דאָס זײַנען וואַסערן ווי אַלע וואַסערן, און עס איז זיי אַלץ איינס צי עס גליטשט זיך אַף זיי

אַ גאָנדאָלע פון די צײַטן פון די דאָדזשן אָדער אַ װאַסער־טאַקסי מאָדעל 1958, און זיי װיבּרירן אַלץ איינס אונטער די קלאַנגען פון אַן עכטער לירישער „קאַנצאָנעטאַ״, װי אונטער די גריל־צערײַען פון אַמעריקאַניזירטן טוריסטן־זשאַרגאָן...

אויף דער גרענעץ פון אונדזער צאָרן

פאַרטאָג געפינען מיר זיך אויף דער גרענעץ פון אונדזער צאָרן: אויף דער גרענעץ פון געוועזענער היטלעריסטישער ערד.

און אָט איז זי, די עסטרײַכישע ערד גופא — אַזאַ באַרגיקע, אַזאַ שיינע, אַזאַ באַלעבאַטיש־פעסטע. פון יעדן ווינקעלע שפּאַרט אַרויס ווױלזײַן און אידילישקײַט. הײַזער — פאַרפּונדעוועטע, באַפּוצטע, אויסגעצאַצקעטע מיט קאָלערליי שניצערײַען; באַרג־„טשאַלעטלעך״ — פונאַנדערגעשאָטענע אומעטום מיט דער פולער האַנט; סטילפּולע, אָפּגעהיטע געבײַדעס; דער־פער, וואָס אין אַנדערע לענדער וואָלטן עס געווען שטעט. און אומעטום — װעגעלעך און שטעגעלעך, און אַן אויסגעסיידערטקײַט, און אַן אָפּגעהיטקײַט.

עס דוכט זיך אויס, אַז ניט אַ שפּאַן פון דער אָרעמער און אויס־געגאַנגענער איטאַליע געפינען מיר זיך, נאָר מאַמעש אויף אַן אַנדער קאָנ־טינענט, און זײַן װאָלט געדאַרפט זײַן פאַרקערט, לויט די נאָרמעס פון אַבסאָלוטן יושער און לויט די געבאָטן פון מײַן ייִדיש האַרץ...

אָט דאָ, ערגעץ ניט ווײַט פון דאַנען, איז געבוירן געוואָרן די העס־לעכסטע און פאַרדאָרבנסטע באַשעפעניש פון דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע, און די דאָזיקע ערד איז ווײַטער געבליבן שיין; און אפילו נאָך דער מאַפּאָלע פון פּיפּערנאָטער זעט מען אויף איר ניט קיין קנייטשעלע פון צעשטערונג, קיין ברעקעלע שראַם, קיין סימען פון אַ שאָטן אויף איר שיינקײַט.

מענטשן מיט אָפּגעפרעסענע, קאַנטיקע ביר־מאָרדעס, מיט פאַררויטלטע בעקעלעך און מיט אָנגעקנייטשטע קאַרקן דרייען זיך אַרום אין גרינע טיראָלישע יאַגד־היטעלעך, און די פעדערן פון די דאָזיקע היטעלעך זײַנען אַזוי ווי פײַגן אויסגעשטעלטע צו אונדז, און עס דאַרף הייסן אַז עס איז זיי שלעכט די דאָזיקע מענטשן, אַז זיי זײַנען, נעבעך, מילכאָמע־קאָרבּאָנעס...

מיט אַ צאָרנדיקער שטימונג זײַנען מיר פאַרפאָרן אין ווין, וואָס זעט שוין טאַקע אויס ווי אַן אָפּגעריבענע מאַטבייע, אָבער ניט דערפאַר ווײַל זי האָט געליטן שטאַרק פון דער מילכאָמע. זינט זי האָט אויפגעהערט צו

שפּילן איר אַמאָליקע קייזערלעך־קעניגלעכע, אימפּעריאַלע ראָל, האָט זי זיך אָפּגעטאָן פונעם פּוץ און פון דער בלאַנד־בלאָער עלעגאַנץ, אָבער סימאָנים פון אירע פּרימאַדאָנישע יאָרן טראָגט זי נאָך אַלץ צווישן אירע רעפּובליקאַנישע און נאָכמילכאָמעדיקע קנייטשעלעך.

די אויסגעדריידלטע און אויסגעכאַליעטע ליניעס פון די פאַרשיידענע פראַנצויזישע סטילן קוקן נאָך אַלץ אַראָפּ פון די פּאַלאַצן און אַפילו פון דער אָרנאַמענטיק פון די ריזיקע הײַזער־בלאָקן, וואָס די ברייטע, הילצערנע טויערן זייערע מיט די נומערירטע לאַמטערנעס, דערמאָנען וואַרשע. די בולוואַרן זײַנען ברייט, אָבער האָבן פאַרלאָרן זייער געמיטלעכע שאַטנדיי־קײַט. די גערטעלעך לעבן די הויך־געוועלבטע קאַטעדראַלן און באַזיליקעס ווילן נאָך אַלץ שאַפן דעם אײַנדרוק פון בירגערלעכער שאַלווע, אָבער אומעטום און אויף אַלץ ליגט אַ שאָטן פון געוועזנקײַט, פון אָפּגעטראָגנקײַט, פון אָפּגאַנג.

די פּאָר שאָ, וואָס מיר האָבן געקענט זײַן אין ווין, האָבן אונדז ניט געדינט, ווי ס'באַדאַרף צו זײַן, ווײַל צוליב דער שטרענג־אָפּגעהיטער „זאָנטאַג־רוהע" איז אַלץ געווען אָפּגעשלאָסן אויף זיבן שלעסער. מיר האָבן זיך בלויז געקענט אַרײַנכאַפּן אין איינעם פון פראַנץ יאָזעפס געוועזענע פּאַלאַצן, — אין באַרימטן בעלוועדערע, וואָס איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ מוזיי פון קונסט־מאָלערײַ. צוליב דריכעק אין צײַט האָבן מיר בלויז געקענט דורכשפּרײַזן די צענדליקער זאַלן, אָבער דער גענוס איז געבליבן און האָט מיטגעשפּרײַזט מיט אונדז אויך אויסערן מוזיי.

ווענט מיט ליכטיקער, קאָנצענטרירטער שיינקײַט, מיט הויך־קינסט־לערישער צעשפּיגלטקײַט, האָבן אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן און געוואָלט אונדז צושמידן אויף אַן אָרט מיט זייערע איידעלע קאָלירן און טיף־מענטשלעכער אויסדרוקפולקײַט. ענגלעך האָבן מיר געפונען אין ווין עפּעס אַזוינס וואָס איז ניט אָפּגעריבן און ניט פאַרגענגלעך, און מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל אַז אָט די דאָזיקע עסטרײַכישע קונסט־ווענט געהערן צום גאַנצן מענטשלעכן מין, צו אַלע פעלקער.

אין דער טעמאַטיק האָט זיך אויסגעטיילט: איידעלער פּרויען־רייץ, סײַ קערפּערלעכער און סײַ טיף־נעשאָמעדיקער, מילכאָמע־קאָשמאַר און פּײַזאַזשיסטיק. פון די בילדער האָבן אַראָפּגעקוקט די אונטערשריפטן פון גאָר אַסאַך יידישע קינסטלער.

באַם פאַרלאָזן ווין, טראָגט אונדז אַרויף די באַן אויף אַן אָרעמער בריק איבער אַ טונקעלן וואַסער, און עס קומט אונדז אָן שווער צו גלויבן, אַז אָט דער דאָזיקער ניט־ברייטער, שמוציקלעכער טײַך איז דער בלאָער

דוניַי. אַז אַך־און־ווי צום דוניַי, אַז מען דאַרף שוין פרעגן אַף אים: אַט דאָס איז דער דוניַי?...

די ניט־אָפּגעהיטע ברעגעס פון באַרימטן אָפּערעטע־טײַך זײַנען פאַר־וואָרפן מיט פאַרזשאַווערטן מאַשינען־ברוך, טויטע קוימענס און ברוכשטי־קער פון כורוועס, אָבער ווידעראַמאָל ניט פון דער מילכאָמע. דאָס זײַנען געוועזענע פאַבריקן און אינסטאַלאַציעס, וואָס זײַנען אומנוצלעך געוואָרן אָדער אויסגעלעבט זייערע יאָרן, און די טויטע ביינער זייערע ברענגט קיינער ניט צו אייביקער רו. וואַלגערן זיי זיך אַזוי טויטערהייט אַף די ברעגעס פון האַלב־טויטן דוניַי...

ערשט גאָר נאָנט פון דער טשעכישער גרענעץ דערזעען מיר פריילע־כערע כורוועס: רעשטלעך פון אַ צעשטערטן מיליטערישן אָביעקט. מיר האָבן געדאַרפט דורכפאָרן גאַנץ עסטרײַך, קעדיי צו געפינען די ערשטע סימאָנים פון אַ שטיקל נאַצישן בראָך...

עס שמעקט מיט ניַיע, ניַיוועלטיקע גרענעצן. די אַלטע אייראָפּע ענדיקט זיך, און פון דאַנען זעט זי אונדז אויס נאָך עלטער, נאָך אָפּגע־ריבענער, צוזאַמען מיט איר אָפּגעקומענער גווירישקײַט, האָפענונגסלאָזי־קײַט, יאַקרעס, ענגשאַפט, נויט...

פאַר די אויגן טראָגן זיך דורך שטיקלעך און ברעקלעך פונעם פילם פון אונדזער ריַיזע. די דריַי באַרימטע וואַסערן, וואָס מיר האָבן געזען, — די ריוויערע־וואַסערן פון קאַן, די קאַנאַל־וואַסערן פון ווענעציע און די דוניַי־וואַסערן פון ווין, — מישן זיך אויס אין איין גראָען, אומעטיקן שטראָם און עס לאָזט זיך אויס פון זיי אַ טײַך...

אַף די ניַיע גרענעצן הייבט זיך אָן אונדזער מיסיע. די גרענעץ פון אונדזער צאָרן האָבן מיר אַריבערגעטראָטן אין עסטרײַך, און איצט דער־נענטערן מיר זיך צו דער גרענעץ פון אונדזער ווייטיק און שטאָלץ — צו דער גרענעץ פון ניַינצטן אַפּריל.

ב.

אַף דער ערד פון 19טן אַפּריל

3. דריי וואַרשעס

די וווּנד און דער וווּנדער

ווי בלאָנדזשענדיקע יאַם־פּאַרער, וואָס דערזעען פון ווײַטן אַ פּינטעלע ערד, האָבן מיר, אין אַ פּינצטערלעכן פאַרטאָג, אויסגעשריען: „וואַרשע"!

און גלײַך האָט זיך עפּעס געגעבן אַ שטעל אָפּ: איז עס געווען די באַן אָדער דאָס האַרץ?... איז עס געווען די צײַט אָדער דער אָטעם?...

אין דער פאַרקלעמטער נעשאָמע איז צונויפגעקנוילט געוואָרן דער גרויליקער ווייטיק פון יאָרן און יאָרן, אָבער גלײַכצײַטיק האָט אינעם געמיט גענומען אַרומשווימען די ווײַסע זעגל־שיף „19טער אַפּריל". אַף דער אויבערפלאַך פון דער טיפער וווּנד האָט זיך צעפינקלט אונדזער אַפּריל־וווּנדער. מיר זײַנען אָנגעקומען צום סאַמע ברעג פון דעם אַלץ וואָס טוט אַזוי מוירעדיק וויי און וואָס באַגײַסטערט אַזוי שטאַרק און דערהויבט.

דער פאַרטרערטער וואַרשעווער הימל גיט אונדז אַ מינטער אויס מיט אַ פּאָר קילע טראָפּנס, און אינמיטן פון פאַרטאָגיקן, קוים־קוים פאַרווײַסטן כווישעך, צינדן זיך אָן מיטאַמאָל, דאָ און דאָרט, עטלעכע ליכטיקע שמייכלען. פון אַלע זײַטן ווערן מיר אַרומגערינגלט מיט אַנטקעגנשוועבנדיקע באַווערישע הענט און מיט אַ געקלינגערײַ פון באָרוך־האַבאָיִקע שאָלעם־אַלייכעמס, און עס ווערט שוין אײַנגאַנצן ליכטיק...

דער וווּנדער שטאַרקט זיך איבער דער וווּנד, ווײַל אָט פון דעם אַ שטיקל אָרט, ווו מיר, אַ צענדליק צעוואָרעמטע ייִדן, שטייען איצט מיט אונדזער אָפענעם און לעבעדיקן ייִדישן לאָשן, איז דאָך מיט פופצן יאָר צוריק טעלעגראַפירט געוואָרן קיין בערכטעסגאַדען, צום פּיפּערנאָטער האַגאָדל, אַז פון וואַרשע איז פאַרשווונדן דעפיניטיוו און אַף אַלע אייבי־קײַטן דער לעצטער ייִד...

און אַז מיר גייען אַרויס פון הויפּטשטאַטישן הויפּט־וואָקזאַל, וואָס איז ניט מער ווי אַ פּראָוויזאָרישע הילצערנע שאָפּע, באַגעגנט אונדז ווידער וווּנד און וווּנדער.

דער כורבן און דער אומגליק סטאַרטשען נאָך אַרוים מאָנסטעריעז און איימאַס־האַמאָוועסדיק פון הינטער יעדן ראָג, פון הינטער יעדן אַרומ־געגריזשעטן הויז־ווינקל. גאַנצע קוואַרטאַלן וואַלגערן זיך נאָך ווי הויפנס צעקנאַקטע, ווערעמדיקע נים. איבערגעקערטע און צעקאַליעטשעטע הײַזער־סקעלעטן פינצטערן אַרײַן אין די אויגן מיט זייער פּאַרסמאַליעטער, שוואַרצער נאַקעטקײַט. אויסגעבויגענע אײַזערנע שטאַנגען און אָפּגעפליקטע קוימענס דראָען פון פאָרנט און פון הינטן, און עס דוכט זיך אַז אָט־אָט וועלן זיי אײַך אויסשטעכן די שוואַרצאַפּלען...

אָבער הינטער דעם דאָזיקן אַנטבלויזטן אומגליק, באַווײַזט זיך אַ צווייטע נאַקעטקײַט, — אַ פריש־צעמענטענע, אַ יונג־ראָזלעכע, פון וועלכער עס טראָגט זיך דער אַראָמאַט פון קאַלך, בעטאָן און פרילינג. שוין יאָרן און יאָרן ווי די שטאָט לופטערט זיך און וויל זיך באַפרײַען פון די רייכעס פון סרייפע, גרוז און סמאַליזנע, אָבער ניט די ווינטן פאַרטרײַבן די דאָזיקע מילכאָמע־רייכעס נאָר די מענטשן, — אָט די דאָזיקע פּוילישע מענטשן, וואָס זייער לײַדנשאַפטלעכע בוי־גוואוּרע האָט פון אַ פאַרקוילטער האַלאָ־וועשקע צוריק געמאַכט אַ שטאָט.

קוים שטעלן מיר אַ ווײַטערדיקן טראָט, באַווײַזן זיך פאַר אונדזערע אויגן פרישע הײַזער־בלאָקן, גאַסן אָקערשט „פון דער נאָדל אַרוים". דאָ און דאָרט שטייען נאָך די ריזיקע הײַזער אָן טינק, אָן אַ „העמד" אַפּן נאַקעטן ציגל־רויטן און שאָרסטיקן לײַב, אָן קאַרניזן און אָן די איבעריקע אויסערלעכע צודאַטן, אָבער שוין לאַנג ווי אינעווייניק לעבט מען. קוים איז פאַרטיק דער אינעווייניק, איז ניטאָ קיין צײַט פאַר דרויסנדיקע אויס־ענדיקונגען און פאַר אַרכיטעקטאָנישע באַפּוצונגען. דאָס אַלץ וועט קומען שפּעטער, ווען אַלע וואַרשעווער אײַנוווינער וועלן זײַן פאַרזאָרגט מיט אַ פעסטן דאַך איבערן קאָפּ. ווען די שטאָט וועט שוין שטיין ווי געהעריק אַף די פיס, וועט מען זיך מיט אַ לײַכטערן געמיט אַ נעם טאָן צו אַלע דרויסנדיקע פּראָטים פון גרויסשטאָטישן הויז־טואַלעט.

און אַז מען שטעלט נאָך אַ ווײַטערדיקן טראָט, עפנט זיך פונאַנדער אַ פּאַנאָראַמע פון בולוואַרן, וואָס זייער ראַכוועסדיקע שיינקײַט איז עפּעס אַזוי ווי אימפּאָרטירט געוואָרן פון די גרויסע וועלט־שטעט. עס דוכט זיך אַזש אויס, אַז פּוילן האָט צוגענומען בײַ היטלערן אַ שטיק בערלינער „אונטער דען לינדען". האַלעווײַ וואָלט זי עס געהאַט געקענט אַף אַן עמעס טאָן...

אַף טריט און שריט באַגלייט אונדז דער שפּיץ צענטראַלער טורעם פון „קולטור־פּאַלאַץ", וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד האָט געשאָנקען דער

שטאָט װאַרשע. דאָס איז אַ „געבײַדעלע", שוין איין מאָל אַ געבײַדעלע. ס'וועט אונדז נאָך אויסקומען צו באַגעגענען און צו באַקענען זיך מיט איר...

ווי מען גיט זיך נאָר אַ קער, איז די ווונד אַרומגעזוימט מיט ווונדער. די שטאָט, וואָס איז, קימאַט אַזוי ווי סטאַלינגראַד, געווען צעמאָלן און צעריבן, צעטאַרטקעוועט און צעשעטקעוועט, שטייט שוין אַ פאַרפונדעוועטע און ווערט שענער ווי געווען.

די ווונד איז נאָך גרויס, אָבער וואָס פון טאָג ווערט דער ווונדער גרעסער. עס וועט נאָך מיסטאָמע דויערן אַ צען יאָר ביז דער ווונדער וועט איינגאַנצן פאַרדעקן די ווונד. ניט ווײַט איז דער טאָג ווען פון דער ווונד וועט אין װאַרשע קיין סימען ניט בלײַבן. בלײַבן וועט זי בלויז בײַ אונדז אין האַרצן...

ווונד איז ווונדער — דאָס איז, אין צוויי ווערטער, דער ערשטער אײַנדרוק וואָס װאַרשע מאַכט. דער צווייטער אײַנדרוק איז: די ווונד פאַר־שווינדט און פאַרציט זיך מיט ווונדער...

די ערשטע װאַרשע

אז מען ווערט אַביסל היימישער מיט דער שטאָט און מען גיט אַ מיש אירע פאַרסאַרפּעטע, אירע באַנײַטע און אירע שפּאָגל־נײַע גאַסן, כאַפּט מען זיך אַז עס איז פאַראַן אַן ערשטע, אַ צווייטע און אַ דריטע װאַרשע.

די ערשטע װאַרשע איז די וואָס ליגט נאָך אַ צעשאָטענע, אַן אויס־געגלײַכטע מיט דער ערד, אָדער אַן איבער־געבראָכענע אין דרײַען. מען געפינט זי נאָך אָפן שעטעך פון געוועזענעם געטאָ־מידבער, און אומעטום צו ביסלעך וואַלגערט זי זיך נאָך אונטער די פיס...

דער טעאַטער־פּלאַץ, איינער פון די קאָף־פּונקטן פון װאַרשע דער פאַרמילכאָמעדיקער, די אַרענע פון די בלוטיק־אונטערדריקטע ערשטע מײַ־מיטינגען, דער קנופּ־פּונקט צווישן יידישן און ניט־יידישן שטאָט־טייל, — אָט דער דאָזיקער אַמאָליקער צאַפּל־פּונקט פון דער שטאָט, ליגט איצט אוועקגעוואָרפן אָפן ראַנד פון לעבן, טויט און צעשערבלט אַף פּיץ־פּיצלעך, צוזאַמען מיטן שטאַטראַט און מיט דער גאַנצער נעץ אַרומיקע גאַסן. דער אָפּערע־טעאַטער איז שוין אָבער אַרײַן אין פּראָצעס פון טכיאַס־האַ־מייסים און ער נעמט זיך שוין אַרויסהייבן יונגבײַנערדיק פונעם טויב־שטומען כורבן,

צו דער דאָזיקער ערשטער וואַרשע געהערט נאָך טײַלווײַז אויך אונדזער יעסורים־ערד — דער געטאָ. נײַע אומבאַקאַנטע גאַסן, וואָס טראָגן די אַלטע ייִדישע נעמען, זײַנען אַרײַנגעשניטן אין דער וויסטעניש, אָבער די וויסטעניש שפּאַרט אַרויס פון אומעטום און דיקטירט נאָך דאָ אירע געזעצן.

אַזוי, לעמאָשל, — דערלויבט זי ניט צו פלאַנצן קיין ביימער. די מיליאָנען טאָנען גרוז, וואָס זײַנען געבליבן נאָכן ייִדישן לעבן, האָבן פאַרמישפּעט דעם גאַנצן שטעטך צו פּרוכטלאָזיקײַט. מען האָט דעם דאָזיקן יאַם פון ברוך און בראָך ניט געקענט באַזײַטיקן אינגאַנצן, און געמוזט אויפשטעלן אַף אים די נײַע וווין־באַצירקן, אָבער ניטאָ דער בוים, וואָס זאָל דאָ קענען אויפהויבן דעם קאָפּ, ווײַל דער טויטער גרוז לאָזט ניט דורך קיין איין איינציקן טראָפּן ערד־זאַפט.

די וויסטעניש איז נאָך אַ פולשטענדיק מידבערדיקע אַרום דער ייִדי־שער גווורע־וואַנט. דער געטאָ־דענקמאָל זעט אויס ווי אַן איינזאַם, ווײַס פלאַטערל אין מיטן פון פאַרגליווערטן געטאָ־אומגליק. איינגיכן וועט אָבער דער דאָזיקער אָנגעוואַלגער פון כורבן באַדעקט ווערן מיט אַ סקווער, און דער מאָנומענט וועט אַרײַנגענומען ווערן אין אַ רינג פון גרינס. קעדיי עס צו דערגרייכן וועט מען מיט דרויסנדיקער ערד דאַרפן אויספלאַסטערן דעם אומגליק...

אַלץ מער נײַערע און נײַערע גאַסן „ציען זיך אַרײַן" און „באַזעצן זיך" אין געטאָ, און דער מידבער „ציט זיך אַרויס". מען באַמיט זיך איצט „אַרויסצוראַטעווען" פון דער פּלאַניפיקאַציע כאָטש איין איינציקן כורבן־ווינקל, וואָס זאָל בלײַבן ווי אַ רעזערוואַט, ווי אַ זייכער לעכורבן אַף דויער־דוירעס, אַזוי ווי אַ ווינקל פון סדאָם און אַמוירע...

צו דער ערשטער וואַרשע געהערן נאָך אויך איינצלנע כורוועס, וואָס וואַלגערן זיך איבער דער גאַנצער שטאָט. ווען מען באַגעגנט זיך מיט אַזאַ כורווע, דאַרף מען ניט מיינען אַז עמעץ האָט פאַרגעסן אין איר. דער פּראָיעקט פון איר צוקונפטיקן לעבן ליגט אַפן טיש פון דער סאָציאַליס־טישער פּלאַנירונג־צענטראַלע, און אין געהעריקן מאָמענט וועט זיך אָנהייבן איר צווייטע, שענערע עקזיסטענץ...

די צווייטע וואַרשע

ניט נאָר דורכגעווייטיקטע זײַנען מיר געוואָרן אַף דער וואַרשעווער ערד, נאָר עס איז אונדז אָפּטמאָל אויסגעקומען דערשטוינט און איבעראַשט צו ווערן.

געשטויגט האָבן מיר, ווען זײַט בײַ זײַט מיט די פאַרשנײטענע און אויסגעגאַנגענע שטאָט־טײלן, האָבן מיר אָנגעטראָפן שטיקער אַמאָליקע וואַרשע, וואָס זײַנען געזונט און גאַנץ, — אַזוי גאַנץ, אַז גאַנצער קען שוין ניט זײַן. גאַסן גאַנצע שײַנען מיט זייער פולן פאַרמילכאָמעדיקן גלאַנץ, פונקט ווי ס'וואָלט פון זיי קיין האָר ניט אָראָפּגעפאַלן. מען זעט, אַז זיי האָבן ניט געפּאַקט און ניט געמאָזלט. ניטאָ קיין שראַם אַף זיי און קיין צייכן פון קיין קויל אַפילע. מיט זייער פולער גאַנצקייט און מיט אַלע זייערע פּיטשעווקעס פאַרזיכערן זיי אײַך, אַז דאָס איז ניט קיין מי־ראַזש און ניט קיין כאַלעם פון אַן אַפּריל־נאַכט, נאָר בעפּיירעשע ווירק־לעכקייט, וואָס מען קען קאָנטראָלירן מיט אַלע קושים.

אָט איז די אַלטע „נײַוועלט״ (נאָווי־שוויאַט) און אָט איז אַ יונגע „אַלטשטאָט״ (סטאַרע מיאַסטאָ); אָט זײַנען די „אויאַזדאָווער אַלייען״ (אַלעיע אויאַזדאָווסקיע) און אָט איז „קראָקעווער פאָרשטאָט״ (קראַקאָוו־סקיע פשעדמיעשטשיע), און אָט איז קאָזשיע־געסל אַפילע... ס'האָט זיך אונדז אויסגעדוכט, אַז עס עפנט זיך פונאַנדער פאַר אונדז אַן אַלבום פון פאַרצײַטנס, אָבער געווען איז עס פּאָרט וואַרשע, ניט אין אויגוסט 1939, נאָר אין אַפּריל 1958...

האָבן מיר זיך געריבן די אויגן און געפרעגט: ווו האָבן זיך די דאָזיקע גאַסן, געסלעך און פּלעצער אויסבאַהאַלטן פונעם מילכאָמע־אומ־גליק? אין וואָס פאַרא פּאַנצער־קאַסע האָט מען זיי פאַרשטעקט? וואָס פאַרא ניסים זײַנען דאָ געשען און וואָס פאַרא מאַלעך האָט דאָ אויסגעשפּרייט זײַנע פליגל?

ווײַזט זיך אַרויס, אַז גראָד די דאָזיקע „גאַנץ־געבליבענע״ גאַסן זײַ־נען געווען פאַרניכטעט ביזן פונדאַמענט און נאָך טיפער... אָבער די יונג־פּוילישע מעלוכע האָט זיי „אויסגעגראָבן״ פון אונטער דער ערד און האָט דעקרעטירט אַן אַלגעמיינעם טכיאַס־האַמייסים פאַר אַלע יענע שטאָט־טײלן, וואָס זײַנען טיפּיש פּויליש מיט זייער סטיל, מיט זייער אַרכיטעקטור, מיט זייער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהײַט. אַפילע קלויסטערס, וואָס האָבן זיך געפונען אַף דער דאָזיקער פּעריפעריע, האָט די סאָציאַליסטישע מעלוכע אויפגעשטעלט ביז צו זייער לעצטן צײלעם און מיטן פולן קאָסטבאַרן וויטראַזש.

די אַרבעט האָט מען געטאָן וויסנשאַפטלעך געניי, מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקײַט און טרײַקייט צום פאַרניכטעטן אָריגינאַל. מען האָט אומ־געקערט די גאַסן ניט נאָר זייער אַמאָליקן אַלגעמיינעם אויסזען, נאָר יעדע שטוב באַזונדער איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן אַזוי ווי זי האָט אויס־

געזען דעם 31סטן אויגוסט 1939, ניט פֿאַרזעענדיק דאָס מינדסטע שטריבעלע, דעם געניויען קאָליר און די דעמאָלטיקע נאַטירלעכע אָפּגענוצטקייט פֿון דעם אָדער יענעם ביניען...

דער פּלאַץ פֿון דער אַלטשטאָט, לעמאָשל, איז, אינגאַנצן גענומען, געווען אַן אַלטערטימלעך קונסטווערק. יעדע הויז, וואָס האָט געהערט צו אַ באַזונדערער ייִכעסדיק־היסטאָרישער מישפּאָכע, האָט געהאַט אַן אַנדער כאַראַקטער, אַן אַנדער פֿאַסאַד, אַן אַנדער אָרנאַמעטיק, אַנדערע אויסבויגן און באַפּוצעכצן. דער גאַנצער פּלאַץ, מיט זײַנע אַרומיקע פּאַלאַצלעך, האָט אויסגעזען ווי אַ זאַמלונג פֿון אַלטער מאַסיוו־גאָלדענער צירונג.

דער דאָזיקער פּלאַץ, וואָס האָט אין 1945 ניט עקזיסטירט און איז שוין געווען אַ זאַך פֿון דער אַלטער פֿאַרגאַנגענהײַט, איז רעסטאַווירט געוואָרן מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיט אַלע מיניאַטור־איינצלהײַטן, און איז צוריק געוואָרן אַ זאַך פֿון דער קעגנוואַרט.

די דאָזיקע ווידער־אויפֿבויונג איז געווען פֿאַרבונדן מיט די קאָמפּליצירטסטע טעכנישע, וויסנשאַפֿטלעכע און קינסטלערישע אָנשטרענגונגען, ווײַל מען האָט געדאַרפֿט אַלץ אַזוי נײַ מאַכן, אַז נײַערהייט זאָל עס אויסזען אַלט ווי געווען... און גראָד דער אַוואַנגאַרדישער סאָציאַליזם האָט, אין די סאַמע שווערסטע יאָרן, ווען טאָג־טעגלעכע דײַגעס האָבן געדריקט אָן אויפֿהער, געהאַט דעם דאָזיקן סובטעלן כוש צו קאָנסערווירן אַזוי געטרײַ און באַשאַפֿן מאַמעש פֿונדאָסנײַ דאָס אַלט־פּוילישע וואָס וואַרשע האָט פֿאַרמאָגט און פֿאַרלוירן שיר ניט אויף אייביק...

איין קליינעם אונטערשייד צווישן די אַמאָליקע און די איצטיקע צווילינג־גאַסן געפֿינט מען דאָך, — אַן אונטערשייד אַ האַרצרײַסנדיקן, אַן אויפֿשווידערנדיקן.

קימאַט אויף יעדן ראָג און אָפּטמאָל אויף יעדן דריטן הויז געפֿינט מען אײַנגעמויערט אין די ווענט בראָנדזענע טאָוולען, אַרומגעקראַנצטע מיט לעבעדיקע בלומען, און אָט פֿון די דאָזיקע טאָוולען בלוטיקן אַרויס אַזוינע אויפֿשריפֿטן: „דאָ האָבן די נאַציס דערשאָסן 50 פּאָליאַקן”; „אויף דעם אָרט האָבן די היטלעריסטן דערמאָרדעט 70 אויפֿשטענדלער”; „דאָ האָט מען אויסגעפֿירט אַ טויט־אורטייל אויף 100 אָרעווניקעס”.

און אויף אַלעיע שוכאַ (שוכם אַלייען), אַנטקעגן די געוועזענע אינקוויזיציע־קעלערן פֿון דער געשטאַפּאָ, גרינט זיך אַן אידילישן סקווער, אַן אַרומגעצוימטס מיט שטעכל־דראָט, און אָט דאָס דאָזיקע סקווערל האַלט הויך אַ שילד, וואָס מעלדעט: „דאָ האָט מען געברענט לעבעדיקערהייט די אויפֿשטענדלער פֿון וואַרשע”.

אַט אַזאַ איז זי, די צוויטע וואַרשע, מיט איר נײַגעבוירענער אַלט־קײַט און מיט די ווייטיקדיקע בלוטיק־בראַנדזענע מעדאַלן אויף איר ברוסט...

די דריטע וואַרשע

אויסער דער צעשטיקלטער און דער נײַ־אַלטער וואַרשע, איז נאָך פאַראַן אַ דריטע — די שפּאָגל־נײַע.

דער פולשטענדיקער כורבן האָט, אויף אַ ווייטיקדיקן אופן, געשאַפן די מעגלעכקײַט צו קענען פונאַנדערנעמען די הענט... ער האָט פונאַנדער־געוואָרפן און אַוועקגעבלאָזן די שטאָט, און אַזוי אַרום „געעפנט האָ־ריזאָנטן"...

דאָרט וווּ די שטאָט האָט ניט געהאַט קיין אויסגעשפּראָכענעם היס־טאָרישן פאָלקס־פּוילישן אָדער אַלטערטימלעכן כאַראַקטער, האָט מען זיך, בעיִסן אָפּבוי־פּראָצעס, ניט צוריקגעקערט צו דער אַלטער שמאָלקײַט און געדריידלטקײַט פון גאַסן און געסלעך. מען האָט צוגעשניטן אַ ברייטע און אַ באַקוועמע וואַרשע, וואָס צייכנט זיך אויס מיט איר גראַדליניקער, געאָ־מעטרישער איינפאַכקייט.

איינער פון די הויפּט־שטריכן פון דער נײַער וואַרשע איז דער שטאָט־שאָסיי (טראַסאַ) — „מיזרעך־מײַרעוו" — דער דאָזיקער אַספאַלטענער מעסער, וואָס שנײַדט איבער די הויפּטשטאָט און מאַכט זי נענטער צו אַלץ און צו אַלעמען. פאַרמילכאָמעדיקע קרומע און שפּיציקע געסלעך זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בולוואַרן, מיט ריזיקע שטאָקיקע וווין־בלאָקן און מיט אונטערשטע מאַגאַזינען.

די שטאָט האָט זיך באַפרײַט פון ענגשאַפט, כאָטש זי איז פול מיט געדיכטער אָנגעבויטקײַט. אין באַשטימטע ערטער איז פאַראַן אַזאַ ראַכוועס, אַז אַפילו צעהוליעטע ווינטן וואָלטן זיך דאָרט געפילט באַקוועם...

אין צענטער פון דער דריטער וואַרשע איז הויך אויסגעשטרעקט און ברייט צעשפּרייט דער 40שטאָקיקער, 4פליגלדיקער „קולטור־פּאַלאַץ", וואָס פאַרנעמט דעם אָרט פון אַמאָליקן צענטראַלן באַנהויף און וואָס פאַרכאַפּט, מיט זײַן ברייטפאַרנעמיקײַט און מיט זײַנע הויפן און סקווערן, נאָך עט־לעכע קוואַרטאַלן.

די דאָזיקע מירמלנע מאַטאָנע פונעם ראַטנפאַרבאַנד כאַפּט דעם אָנבליק פון מאָסקווער אוניווערסיטעט. ס'איז אַ שטיקל האַנט־אַרבעט פון

אַ פּאָר טויזנט סאָוועטישע טעכניקער, וואָס האָבן אַ פּאָר יאָר געבויט און געמײַסטרעוועט, צוזאַמען מיט טויזנטער פּוילישע אַרבעטער.

ס׳איז אַ באַרג פון מירמלשטיין און קונסט. אָנגעפילט איז ער מיט זאַלן און אַמפּיטעאַטערס, מיט ספּאָרט־זאַלן און שווים־באַסיינען, מיט קאַבינעטן און אַרבעט־צימערן, מיט זײַלן און קאָלומנאַדעס. מיטן קויעך פון סקולפּטור, מאָלערײַ און דעקאָראַטיווער קונסט האָט מען אויסגעשניצט און אויסגעפּוצט דעם גאַנצן אינעווייניק און אָנגעפילט אים מיט פּאַר־שיידנאַרטיקן מאַסיוון מעבל. אויך דער דרויסן פונעם פּאַלײַ איז אַרומ־גערינגלט מיט סטאַטועז און מיט אָן אַ שיר אָרנאַמענטאַלע מאָטיוון.

אין אונדזערע מעקוימעס איז גאָר די קולטור, די סאַמע מעלוכישסטע אַפּילע, ניט געווווינט צו אַזוינע פּאַלאַצן, און זי האָט אַפּילע ניט די גע־וואַגטקײַט און די האַסאָגע צו כאָלעמען וועגן דעם...

דער פּאַלאַץ איז אַזוי אַרומכאַפּנדיק און אַזוי דאָמינירנדיק איבערן גאַנצן אַרום, אַז די שטיק מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס, וואָס ליגט פון זײַנע ביידע זײַטן, איז נאָך איבערגעלאָזט געוואָרן אין אַ האַלב־כאָרעוון צו־שטאַנד, קעדיי מען זאָל האָבן צײַט אויסצופּלאַנירן, מיטן געהעריקן יִישעוו־האַדאַאַס, אַ גרויסן אַרכיטעקטורעלן קאָמפּלעקט פון איין געגנטלעכער האַרמאָנישער גאַנצקײַט, וואָס דער צענטער זײַנער זאָל זײַן דער קולטור־פּאַלאַץ.

דער ריזן־פּאַלאַץ איז, אויסער אַלץ, און עפּשער איבער אַלץ, אַ מאָ־נומענט פון טיפער סאָוועטישער פרײַנטשאַפט צו פּוילן; און אָט דער אָ פּאַקט טאַקע איז ווי אַ ביין אין האַלדז באַ אַלע ווייכע און האַרטע סאָנים, באַם פאַרביסענעם קלער, באַ אַלע מינים מורמלער און האַווקער.

דער ביניען, דער דאָזיקער מעכטיקער אויסרוף־צייכן פון דער נײַער צײַט, לאָזט זיי אַ מינוט ניט פאַרגעסן אַז ער עקזיסטירט און אַז צוזאַמען מיט אים עקזיסטירט דאָס אַלץ וואָס ער שטעלט פאָר מיט זיך. ער „הערשט״ מיט זײַן מאַיעסטעטישקײַט איבער גאַנץ וואַרשע און לאָזט אַפּילע אין שאָטן די העכסטע און שענסטע קלויסטער־שפּיצן. ער איז דער ערשטער אַף דער ערד און דער ערשטער אַפן הימל... שטעכט ער טאַקע אין די אויגן און איז שטאַרק ניט צום האַרצן די אַלע, וואָס כאָלעמען אַף צוריק, וואָס מיינען אַז פון די פּאַשיסטישע נעכטנס וועט מען קענען אויספינצ־טערן דעם פּוילישן מאָרגן...

קעדיי אַראָפּצורײַסן דעם אָנזען פון פּאַלאַץ און פאַרמיעסן אים אין די אויגן פון פאָלק, האָבן זיי, אין זייער אַלגעמיינער פּראָגראַם פון אַנטי־סאָציאַליסטישע און אַנטיסאָוועטישע מורמלערייען, אַרײַנגענומען אויך

דעם קולטור־פּאַלאַץ. ער שטימט ניט, זאָגן זיי, מיטן פּוילישן געשמאַק; ער איז אַ „ראַזאָן אין האַלדז"; ער ברענגט אַרײַן אַ דיסאָנאַנס אין פּוילישן כאַראַקטער פון וואַרשע און ער פאַרשאַפט צו גרויסע הויצאָעס אַף אויס־צוהאַלטן אים. דורכן פּאַלאַץ רוּינירט מאַמעש דער ראַטנפאַרבאַנד דעם ביודזשעט פון וואַרשעווער שטאָטראַט...

די אַלע אַרויסגעשושקעטע און אַרויסגעמורמלטע בייזוויליקײַטן, וואָס ווערן נאָכנאַנד געלאָזט אין גאַנג, האָבן קיין ברעקל האַפט ניט. זיי האָבן אַזאַ שײַכעס מיטן עמעס ווי אַ פּינגווין מיטן עקוואַטאָר... דער עמעס איז, אַז דער פאָלקס־פּאַלאַץ איז אַ ליכט אין די אויגן און איז דער הויפּט־אָנשפּאַר פון וואַרשע אַפן געביט פון מאַסנהאַפטיקער קולטור־טעטיקײַט, אָפּגערעדט שוין פון אורבאַניסטישן כיין, וואָס ער גיט צו דער גאַנצער שטאָט.

די פאָלקס־אַקאַדעמיעס לעקאָוועד די געטאָ־גיבוירים און דעם 1טן מײַ וואָלטן ניט געהאַט ווו אײַנצוראַמען זייער אימפּאָזאַנטקײַט און ווו צו שעפּן גראַנדיעזקײַט ווען ניט דער 4.000־קעפּיקער אַמפּיטעאַטער־זאַל פון קולטור־פּאַלאַץ.

דער דאָזיקער פאָלקס־פּאַלאַץ איז דער שטאָטישער רוקנביין פון דער דריטער וואַרשע, פון וואַרשע דער נײַער און דעפיניטיווער.

וואָס פון אַ פּראָשעק איז געוואָרן

אין עפּעס מער ווי פינף יאָר איז וואַרשע פיר מאָל צעשמעטערט געוואָרן: אין 1939, בעיסן נאַצישן באַנדיטן־אָנפאַל; אין 1943, בעיסן ייִדישן אויפשטאַנד; אין 1944, בעיסן פּוילישן אויפשטאַנד; און אין 1945, בעיס דער רויט־אַרמייִשער צוריקדעראָבערונג פון דער שטאָט.

דער סאַכאַקל פון די אַלע אומגליקן איז געווען — שטויב און אַש. פון וואַרשע איז געבליבן נישט קיין שטאָט נאָר אַ פּראָשעק. דאָס איז געווען די ערשטע און די איינציקע וואַרשע וואָס האָט „עקזיסטירט". ערשט מיטן טיטאַנישן קויעך פון סאָציאַליזם איז פונעם פּראָשעק אויפ־געקומען אַ צווייטע און אַ דריטע וואַרשע.

אַלע דרײַ וואַרשעס — די פאַרלוירענע, די געפונענע און די געוווּנענע — האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז מיט זייער וויי און מיט זייער פרייד. די ערשטע, די פאַרלוירענע, וועט זיך שוין מער נישט אומקערן, און די אַנדערע צוויי האַלטן אין פאַרוואַנדלען די מאַרטירער־שטאָט אין איינער פון די גרעסטע מעטראָפּאָליעס פון דער נײַער וועלט.

4. די שטראַליקע געטאָ-נאַכט און די ווײַטערדיקע טעג

ערעוו...

וואָס מער דער כוידעש אַפּריל האָט זיך דערנעענטערט צו זײַן 19טן טאָג, האָט די שטאָט וואַרשע, מיט די טיפֿע מילכאָמע־וווּנדן אויף איר לײַב, באַקומען דעם אויסזען פֿון טרויעריק־דערהויבענער פֿײַערלעכקייט.

ריזיקע פּלאַקאַטן, ווי שטיקער פֿײַער, האָבן זיך אָנגעצונדן אויף די ווענט און אויף די פּאַרקנס, הינטער וועלכע די כורוועס פּרוּוון באַהאַלטן זייער צעקריפּלטע נאַקעטקייט. די פּלאַקאַטן האָבן פֿאָרגעשטעלט אויפֿן הינטערגרונט פֿון אַ שוואַרצער נאַכט, אַ צעבראָכענע מענוירע אײַנגעוויקלט אין רויטע פֿלאַמען, און אין פֿאָדערגרונט — דאָס פֿאַרקראַמפּטע שטאָלצע פּנים פֿון אַ ייִדישן קעמפֿער. די מעלוכע האָט די ריזיקע פּלאַקאַטן אירע, די ריזיקע געטאָ־שטורקאַצן, צעקלעפּט און צעצונדן איבערן גאַנצן לאַנד...

אויך די גאַסן־וויטרינעס פֿון די גרעסטע בוך־געשעפֿטן האָבן ניט געשוויגן. אויף זייער לויטערן גלאָז האָבן זיך גענומען שוואַרצן באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע פּראָטים פֿונעם געטאָ־שוידער. און ווער עס האָט נאָר געדאַרפֿט אין יענע טעג אָוועקשיקן אַ בריוו, האָט אים די ספּעציעלע פּאָסטמאַרקע דערמאָנט אין וועלכע טעג ער געפֿינט זיך...

אין אַלע פּוילישע צײַטונגען און זשורנאַלן, אָן אויסנאַם, זײַנען דערשינען היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער גרויסער ייִדישער שלאַכטעפּאָפּעע אויף פּוילישער ערד און וועגן אומפֿאַרגלײַכלעכן געטאָ־גערانגל.

און געוועזן זײַנען עס טעג, וואָס די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון לאַנד איז געווען פֿאַרנומען מיט אַנדערע 5 אַלגעמיין־פּוילישע און אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן פֿון גרעסטן קאַליבער: עס איז אָנגעקומען צו גאַסט דער פּרעזידענט פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד — קלימענט וואָראָשילאָוו; עס איז פֿאָרגעקומען דער טראַדיציאָנעל־געוואָרענער אינטערנאַציאָנאַלער ציקליסטן־געיעג וואַרשע־בערלין־פּראָג, וואָס די פּאַרטייִשע הויפּט־אָרגאַנען פֿון די 3 פֿאָלקסדעמאָקראַטישע רעפּובליקן האָבן אָרגאַניזירט און אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט 20 לענדער פֿון ביידע זײַטן וועלט; עס זײַנען פֿאָרגעקומען די סעסיעס פֿון אַלפּוילישן צוזאַמענפֿאָר פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייניגן; עס איז ברייט געפֿײַערט געוואָרן דער אינטערנאַציאָנאַלער טאָג פֿון ווידערשטאַנד־קעמפֿער קעגן נאַציזם, מיט דער באַטייליקונג פֿון אָנגעזעענע אויסלענדישע געסט; און מען האָט זיך געגרייט מיט דער גאַנצער סאָציאַ-

ליסטישע פּאַרע צום 1טן מײַ, װאָס דער ערעװ זײַנער הייבט זיך אָן אין דער סאָציאַליסטישער װעלט מיט װאָכן פריער.

אין דאָזיקן װירװאַר פון אויסערגעװײנטלעכע פּאַסירונגען און דאַטעס, איז דער 19טער אַפּריל ניט נאָר ניט פאַרפאַלן געװאָרן, נאָר איז אַפילע אַף קיין איין מאָמענט ניט פאַרטונקלט געװאָרן.

פון איין איבעראַשונג צו דער צװייטער

דאָס איבעראַשנדיקסטע פאַר אונדז איז געװען דער גרונט־פאַקט, װאָס די פײַערונגען האָט אײַנגעאָרדנט ניט די יִדישע געזעלשאַפטלעכקייט נאָר די פּוילישע מעלוכע, מיטן פאַרנעם פון אַ הויפּט־געשעעניש און מיטן צערעמאָניאַל פון אַ נאַציאָנאַלן יאָנטעװ.

דאָס איז געװען אַ װיכטיקער און דערהויבענער מעלוכע־איניען, אין װעלכן ס'האָט זיך באַטייליקט דער מיניסטאָרן־קאַבינעט, די פאַרייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי, דאָס מיליטער, די סקויטן, די מילכאָמע־װעטעראַנען, דער אַלפּוילישער פאַרבאַנד פון קעמפער פאַר פרײַהײַט און דעמאָקראַטיע, די שטאָטראַטן פון װאַרשע, קראָקע און קאַטאָװיץ, און פאַרשטייט זיך — דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד פון יִדן אין פּוילן.

עס האָט אונדז אויסגעזען מאָדנע די רויִקייט און באַזאָכטקייט פון אונדזערע יִדיש־פּוילישע כאַװיירים. מיר האָבן זיך געריכט, אַז זיי װעלן זײַן פאַרהאַװעט, אַז זיי װעלן פיבערן מיט די גרויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען און הונדערטער קליינע איינצלהײַטן פון דער אויסערגעװײנטלעכער געטאָ־פײַערונג און פון אַלװעלטלעכן צוזאַמענקום. מיר האָבן געמיינט, אַז זיי װעלן אַרומלויפן, „קערן װעלטן" און שפּריצן מיט פונקען, אָבער דאָס לעבן אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד האָט ניט אַריבערגעפּלייצט די נאָרמאַלע ברעגעס. אין די יאָנטעװודיקע טעג האָבן די טאָג־טעגלעכע איניאָנים אַף אַ האָר ניט געליטן.

אַף אונדזערע צודרינגלעכע האַטאָכנס האָבן די כאַװיירים שטיל און רויִק, און מיט אַ זעלבסטזיכערן שמייכעלע געענטפערט: „די מעלוכע!", „די מעלוכע באַזאָרגט שוין און דערלײדיקט אַלץ", „די אַרמיי האָט איבערגענומען דעם צערעמאָניאַל פון די פײַערונגען".

װען אַ פּאָר טעג פאַר דער צערעמאָניע איז נאָך אַרום דעם געטאָדענקמאָל אַלץ געװען װאָכעדיק, פּליכעװאַטע, גראָ און כורבנדיק, אָן אַ סימען פון אַ פלאַנץ אָדער אַפילע פון אַ גרעזעלע, זײַנען מיר װידער צוגעשטאַנען צו אונדזערע װאַרשעװער כאַװיירים מיט אונדזער דערשראָקענעם „ס'טײַטש?".

האָבן זיי מיט אַ באַדויערנדיקן שמייכעלע געקוקט אױף אונדז, אױף אונדז — די אַרגענטינער־קאַפּיטאַליסטישע פּראָווינציאַלן, וואָס זײַנען נעבעך ניט געווינט, אַז זייער רעגירונג און דער רעגימענט „גראַנאַדעראָס אַ קאַבאַזשאָ סאַן־מאַרטין" זאָלן אָרגאַניזירן און מיליטעריש באַערן אַן איקופּישן געטאָ־אַקט, און זיי האָבן אונדז ווידעראַמאָל פאַרזיכערט: „איר וועט זען ווי צו דער מינוט וועט אַלץ אַרום דענקמאָל בליִען און שײַנען"...

און צום געהעריקן מאָמענט האָט טאַקע אַלץ געבליט און געשײַנט, און אַלץ איז געווען אַזוי אײַנגעאָרדנט אַז בעסער האָט מען זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלן. ערשט דאַן האָבן מיר באַנומען דעם טיפערן סאָציאַליסטישן זין פונעם צוויבערוואָרט „די מעלוכע", און מיר האָבן זיך אַזש צעטרוימט אַז אויך מיר וועלן נאָך ווען ניט איז האָבן איקופּישן נאָכעם פון אונדזערע סאַן־מאַרטינישע גראַנאַדירן...

עס וואַקסט דער צאָרן

דאָס וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער טאָג פון ווידערשטאַנד־קעמפער קעגן נאַציזם איז גראָד צונויפגעפאַלן מיטן אַליִדישן 19טן אַפּריל, האָט נאָך מער פאַרשפּיזיקט דעם אַלגעמיינעם צאָרן און געעפנט די אַלטע ווונד.

די גאַנצע שטאָט האָט מאַמעש געפיבערט פון אַנטינאַצישן האַס און פון ברענענדיקער קעגנערשאַפט צום אַטאָמישן טכּיאַס־האַמייסים פונעם נעאָנאַציזם אין מײַרעוו.

מען האָט געפילט דעם דאָזיקן צאָרן בעיים דער רירנדיקער צערעמאָניע באַם צעשאָסענעם קיִיוער פון אומבאַקאַנטן זעלנער, — אַ צערעמאָניע אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט: די אַלט־אַלטיטשקע וועטעראַנען פון 1905, וואָס פון זייער צעקנייטשטקייט און אײַנגעבויגנקייט האָט אַרויסגעשײַנט דער טריִומפאַלער „דערלעבט!"; די שווערע מילכאָמע־אינוואַלידן, וואָס האָבן אַרומגערעדלט אױף זייערע ווענעלעך; די אָפּגעראַטעוועטע „האַלאָוועשקעס" פון די נאַצישע טויט־לאַגערן; געוועזענע וואַלד־און געטאָ־קעמפער, און אויך מיר, מיט אונדזערע בלומען און מיט אונדזער טיף־יִדישן וויי.

פון דעם קיִיוער איז געבליבן ניט מער ווי דער דיל מיט 4 געקעפּטע זײַלן. די אַמאָליקע קאָלומנאַדע און די 2 פליגלען פון גענעראַל־שטאַב זײַנען אויפגעפרעסן געוואָרן פונעם מילכאָמע־פײַער.

אָט אַרום דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן קריגס־קיִיוער, אַרום דער דאָזיקער

צעבראָכענער און צעשטאָכענער היילוקייט, האָט גאַנץ וואַרשע געבויגן איר קאָפּ און איר האַרץ.

נאָך מער האָט מען געפילט דעם אָנגעשפּאַנטן צאָרן אַפן פּאָלקס־מיטינג אַנטקעגן די אינקוויזיציע־קעלערן פון דער געשטאַפּאָ, אַף די שוך־אַלייען, וואָס געדאַרפט האָבן זיי הייסן שטיוול־אַלייען און וואָס הייסן איצט „אַלייען פון פּוילישן מיליטער" . . .

איבער דער גאַנצער לענג פון ריזיקן אײַזערנעם טויער, וואָס פירט צו דער מאָרד־קאַנורע, איז געהאַנגען אַ שוואַרצע טוך, דורכגעפלאָכטן מיט שטעכל־דראָטן, אַף וועלכע עס זײַנען געווען אָנגעטשעפּעט פאַרבלו־טיקטע אַרעסטאַנטן־טראַנטעס פון די פאַרפּײַניקטע.

אינעווייניק זײַנען קיין סאַך סימאָנים ניט געבליבן. די מאָרד־מאַ־שינעריע און דאָס פּײַניקונגס־געצײַג האָט די געשטאַפּאָ אין לעצטן מאָ־מענט באַוויזן צו „ראַטעווען". מען האָט בלויז געפונען אײַזערנע קאַנטשי־קעס, וואָס די עקן זייערע ענדיקן זיך מיט בלײַענע קוילן, די גרייס פון אַן איי. אָט מיט די דאָזיקע שטיקער בלײַ פלעגט מען קאַטעווען איבער די קעפּ פון די געפאַנגענע אינעם אַזוי־גערופענעם „טראַמווײַ" — אַ ריי שמוציקע בענק, אויסגעשטעלטע אין אַ האַלבקרײַזיקער ריי. איידער מען פלעגט אַרײַנפירן די פרײַהײַט־קעמפער אין צענטראַלן פּײַניקונג־זאַל, פלעגט מען זיי דערווײַל „ווייכער" מאַכן אין „טראַמווײַ". מען פלעגט זיי אויסזעצן מיטן פּנים צו דער וואַנט און נעמען „גלעטן" פון הינטן מיט די קאַנטשיקעס, קעדיי צו „אַקלימאַטיזירן" זיי, אַזוי צו זאָגן, מיט דעם וואָס עס וועט שפּעטער קומען.

צווישן די אונטערערדישע טפיסע־קעמערלעך געפינען זיך 2 „ספּע־ציעלע" צעלן. די געשמידטע טירן זייערע האָבן אַ קײַלעכדיק פענצטערל מיט אַן עפענונג, אין וועלכער עס גייט לײַכט אַרײַן אַ לופע פון אַ ביקס אָדער אַ קוילנוואַרפער. אויב דעם וועכטער פלעגט לאַנגווײַליק ווערן אַרומ־צושפּאַנען אין קאָרידאָר, פלעגט ער אַרײַנרוקן דעם שנוק פון זײַן אויטאָ־מאַט אין דער ספּעציעלער פענצטערל־לאָך און שיסן אין די אַרעסטירטע. מען פלעגט טאַקע אויסקלײַבן אַזוינע וועכטער, וואָס עס פּײַניקט זיי די לאַנגווײַליקייט און מען האָט זיי געגעבן פרײַע הענט צו פאַרווײַלן זיך דורך דער שיסלאָך . . .

די קעגנאיבערדיקע ווענט פון די צעלן זײַנען טאַקע באַדעקט מיט סימאָנים פון דאָזיקן „פאַרברעכנגען", אָבער אַזוי ווי געשאָסן האָט מען אָן אויפהער, זעט מען ניט קיין איינצלנע קוילן־לעכער, נאָר איין גרויסע

שוואַרצע לאַך, פון וועלכער עס שוידערט אַרויס דער גרויל פון דער גע־שטאַפּישער אַנטמענטשלעכונג.

אין פראַנט פון דעם דאָזיקן יעסורים־קעלער, ווו עס איז וואַרשיינלעך אויך פאַרפּייניקט געוואָרן יוסעף לעוואַרטאָווסקי, האָבן זיך צונויפגע־קליבן די האמוינים מענטשן, וואָס האָבן מיט אַ שאַ פריער פאַרבייגע־טראָגן זייער ווייטיק פאַרביי די כורוועס פונעם קיוועער פון אומבאַקאַנטן זעלנער. איצט, אַנטקעגן די קאַזעמאַטן פון דער געשטאַפּאָ, האָבן זיי פון מויל פון מיניסטער רושינעק, וואָס האָט גערעדט אין נאָמען פון דער רעגירונג, און פון אַנדרע לע רואַ, וואָס האָט אַף פראַנצויזיש געשטורעמט אין נאָמען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פון די ווידערשטאַנדלער, גע־הערט קלאָר און דײַטלעך, אַז דער קאַמף אין געטאָ איז געווען איינע פון די הערלעכסטע דערשײַנונגען אין דער אַלגעמיינער אַנטינאַצישער הערויִק.

דעם אַנטינאַצישן צאָרן האָט מען אויך געשפּירט אַף דער אָפּגעבוי־טער געטאָ־גאַס, וואָס האָט פּײַערלעך איבערגענומען לעוואַרטאָווסקיס נאָמען; באַם אָפּדעקן די מאַצייווע אַפן קיוועער פון געטאָ־העלד אַבראַשאַ בלום; אַף די בענק פון אַלע פּוילישע שולן, ווו עס זײַנען געגעבן געוואָרן ספּע־ציעלע לעקציעס וועגן דער יִדיש־דײַטשער מילכאָמע אין וואַרשעווער געטאָ.

אַפן פּאָנים פון יעדן פּאָליאַק, מיט וועמען עס איז אויסגעקומען צו ריידן אין יענע טעג וועגן געטאָ, פלעגט זיך באַווײַזן אַן אָפּשײַן פון אויפ־ריכטיקער עמאָציע, באַוווּנדערונג, רעספּעקט און טרויער. מען האָט גע־פילט אַף טריט און שריט, אַז די געטאָ־עפּאָפּעע איז אַרײַן ניט נאָר אין דער יִדישער געשיכטע, נאָר אויך אין דער פּוילישער. עס איז דאָס שענסטע יִדישע קאַפּיטל אין דער פּוילישער געשיכטע.

מיט די דאָזיקע אַלע דערשײַנונגען, ערעוו דעם 19טן אַפּריל, האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואָך פון העכסטער דערהויבנקייט אין מאַרטירערישן לאַנד. עס האָבן זיך אָנגעהויבן טעג, וואָס וועלן בלײַבן אין געמיט, אין יענעם ווינקעלע פון האַרצן, ווו עס קאָנצענטרירט זיך דאָס סאַמע טײַער־סטע, ליבסטע און דויערהאַפטיקסטע.

די גרויסע נאַכט

די 15טע אַפּריל־נאַכט נאָך יענער שטראַליקער נאַכט פון 19טן אַפּריל 1943, איז אויך פול געווען מיט ווייטיק און מיט שיינקייט, און מיט יענער אייביקער ליכטיקייט, וואָס די אַלט־יִדישע פאָלקס־פּאָעזיע האָט פאָרמולירט אינעם פערז „תאיר כאור יום חשכת לילה״ (עס וועט לויכטן ווי די ליכט פון טאָג די פינצטערקייט פון דער נאַכט).

דער ברען־פונקט, דער צענטראַלער אויפגעפלאַקער פון די פייערונגען, איז פאָרגעקומען בײַ דער וואַנט פון יידישער גוורע, בײַ דער דאָזיקער וואַנט, וואָס די מירמלנע בלאָקן אירע האָבן געזאָלט פאַראייביקן און בערכטעסגאַדען די טויזנטיאָריקע מעשוגאַעס פון דער ברוינער כאַיע־ראָע און וואָס זיינען שפּעטער געבראַכט געוואָרן אַף דער וואַרשעווער בלוט־ערד, קעדיי עס זאָל אויפגעשטעלט ווערן פון זיי דער קויסעל־מיזראָכי פון דער יידישער געטאָ־גלאָריע.

די גאַנצע שטאָט, דאָס גאַנצע לאַנד און די גאַנצע וועלט, דורך די שליכים זייערע, האָבן זיך בײַנאַכט פאַרזאַמלט, צוזאַמען מיטן פאָלק פון וואַרשע, צופּוסנס פון דאָזיקן שטיינערנעם איידעס, קעדיי דורכצופירן די אַפּאָטעאָזישע דערמאָנונג פון די לעצטע 40.000 יידישע גיבוירים און פון די פאַרשניטענע מיליאָנען.

דאָס פאָלק האָט פאַרפלייצט דעם גאַנצן אַרום. אַפן פאָן פון די כור־וועס, וואָס רינגלען נאָך אַרום דעם דענקמאָל און וואָס זעען אויס ווי אַ מין געשפּענסטיקער אַמפיטעאַטער, זיינען פאַרשטאַרט געוואָרן צענדליקער טויזנטער לעבעדיקע פּענימער, ווי פרישע ציגל אַף די אַלטע ברוכשטיקער.

דאָס ליכט פון די 2 פלאַקערנדיקע שטיינערנע מענוירעס און פון די יופּיטער־לאָמפּן האָט אַפּגעשיינט אין צעפינקלטן יאַם פון די פייכטע אויגן און האָט אַזוי ווי לעבעדיק געמאַכט די פּעלזיקע הויט פון די שלאַכט־פיגורן אַפן דענקמאָל. עס האָבן זיך אויך אָנגעגאָסן מיט פייער די גראַניטענע ווערטער אַפן דענקמאָל: „דאָס יידישע פאָלק — זיינע קעמפער און מאַרטירער". עס האָט זיך אויסגעדוכט, אין דעם מאָמענט, אַז די געטאָ־נאַכט דאָס איז דאָס גרויסע האַרץ וואָס פּולסירט אין דער צעוויייטיקטער ברוסט פון וואַרשע . . .

דער הויך־פּונקט פון דער פייערונג איז געווען די לאַנגע מיליטערי־שע האַזקאָרע פון גענעראַל וו. טשיזשעווסקי, די ווירבל־פּייקלעריי פון די מיליטערישע פּויקן, און דער קסיידערדיקער כאָראַלער ענטפער פון מילי־טערישן ערן־באַטאַליאָן בײַם דערמאָנען די יידישע קעמפער: געפאַלן אַפן פעלד פון רום! 8 מאָל אין דער טויט־שטילער נאַכט האָט אָפּגעהילכט דער דאָזיקער כאָראַלער ערן־אָפּרוף פון דער פּוילישער פאָלקס־אַרמיי לעקאָוועד די געטאָ־העלדן.

אין דער האַזקאָרע־רעדע פון פּוילישן גענעראַל האָט מען נאָכאַ־נאַנד געהערט די ווערטער: „יידיש פאָלק" („נאַרוד זשידאָווסקי", „לוד זשידאָווסקי"). עס איז קסיידער אונטערגעשטראָכן געוואָרן די פאָלקס־נאַציאָנאַלע קאַטעגאָריע פון די יידישע קעמפער, די ערשטראַנגיקע וויכ־

טיקייט פון זייער קאַמף פאַר דער באַפרייַונג פון פוילן און דער אינטער־נאַציאָנאַלער אָפּהילך פון דאָזיקן געראַנגל אין אַלע ווינקעלעך פון דער צעטראָטענער אייראָפּע, וואָס האָט זיך גענומען אויסגלייַכן נאָכן סטאַלינ־גראַדער קראַך.

און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַיעסטעטישע בלומען־מאַניפעס־טאַציע: עס האָט אָנגעהויבן פליִיצן דער טייַך פון די קרענץ. איבער 200 קרענץ, אָנהייבנדיק מיט די פון דער פּאַרטיי און רעגירונג, און ענדיקנדיק מיטן בלומען־אָנטראָג פון די פאַבריק־ראַטן און שולן, זייַנען אָנגעפּלאָסן צופוסנס פון דענקמאָל און פאַרשוווּנקען אים ביזן סאַמע שפּיץ.

צום סאָף, האָט זיך אין דער יִיראַס־האַקאָוועדיקער שטילקייט פון דער געטאָ־נאַכט אַרייַנגעבויערט דער רוף קעגן מילכאָמע, אין זיבן שפּראַכן (פּויליש, יידיש, העברעיִש, רוסיש, פראַנצויזיש, ענגליש, שפּאַ־ניש). אַ מעכטיקער אַנטינאַצי־רוף און אַ שאָלעם־רוף צו אַלעמען האָט זיך צעטראָגן פון דער מאַרטירערישער יידיש־פּוילישער ערד.

אין יאָרטאָג פון דער גרויסער יידישער גוווּרע־נאַכט האָט די סאָ־ציאַליסטישע וואַרשע געשוווירן, אַז מער וועט זיך דער אומגליק ניט אי־בערכאַזערן און אַז עס וועט ניט זייַן דער מינדסטער צוריקטראָט פון דער גוווּרע־וואַנט צו דעם געטאָ־מויער.

דער האַזקאָרע ־ טאָג

צו דער געטאָ־אַקאַדעמיע, אָף מאָרגן, אין קאָנגרעס־זאַל פונעם פּאַ־לאַץ פון קולטור, וואָס נעמט אַרייַן 4.000 מענטשן, האָט מען זיך אָף אַ נאָרמאַלן בילעטן־וועג ניט געקענט דערשלאָגן. די איבערגעפּאַקטקייט איז געווען אַ פולשטענדיקע. אין וועלכן פּאַרוואָרפענעם דורכגאַנג־ווינקל דער בליק איז ניט געפאַלן, איז אומעטום געווען קאָפּ אָף קאָפּ.

בעמעשעך פון 4 שאָ, און פּאָנים־על־פּאָנים מיט אַן אומאויפהער־לעך־געשפּאַנטער ריזן־מאַסע און מיט די הויכגעשטעלטסטע פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי, רעגירונג און שטאָטראַט, איז אין רעדעס, רעפעראַטן און הויך־אַרטיסטישע נומערן אויסגעוויייטיקט און אויסגעשטורעמט גע־וואָרן דער גרעסטער יידישער גוווּרע־אַקט פון די מאָדערנע צייַטן.

די יידישע ווערטער פון „ס'ברענט" און פון פּאַרטיזאַנער־הימן, אין מויל פון פּוילישן מיליטערישן כאָר, איז געווען דער עלעקטריזירנדיקער פינאַל פון דאָזיקן אומפאַרגלייַכלעכן יִזקער־אַקט, וואָס איז, אויסער אַלץ,

געװען אַ פֿאָלקס־מאַניפֿעסטאַציע פֿון פֿײַערלעכער און רירנדיקער ייִדיש־פּױלישער פֿרײַנדשאַפֿט.

עס איז אױך געמאָלדן געװאָרן, אַז עס װערט געגרייט אַ נײַער גרױל־אַלבום, אין עטלעכע שפּראַכן, אונטערן נאָמען „מאַרטירערטום, קאַמף, אומקום", קעדײי עס זאָלן נאָך אַ מאָל דאָקומענטירט װערן די נאַצישע שװידערלעכקײטן, און נאָך מער — דער ייִדישער װידערשטאַנד און גבורה.

אינטערעסאַנט איז, אַז דער דאָזיקער אַלבום דערשײַנט אין פֿאַרלאַג פֿון מיניסטעריום פֿאַר נאַציאָנאַלער פֿאַרטיידיקונג. די מעלוכע און דאָס מיליטער האַלטן פֿאַר זײער כּיוו אַרױסצוגעבן אַזאַ מאָנומענטאַלן אַל־בום, אין אָנדענק פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־טראַגעדיע.

די מעלוכע, די מעלוכע! . . . צו װעלכן אָפּשגיט פֿון ייִדישן לעבן מען זאָל זיך ניט װענדן, באַגעגנט מען שטענדיק די אָפֿענע מעלוכישע אָרעמס פֿון דער פּױלישער פֿאָלקס־רעגירונג.

דאָס פֿאַריאָסעמטע ייִדישע לעבן איז װײַט־װײַט ניט פֿאַריאָסעמט . . .

דערשאָסענע קונסט - בילדער . . .

אין אָװנט האָט דער ייִדישער היסטאָרישער אינסטיטוט געװיזן, אין די ראַמען פֿון אַ דאָקומענטאַלער, גראַפֿישער און קינסטלערישער אױס־שטעלונג, דעם גאַנצן פֿאַרגאַנגענעם אומגליק.

פֿון דעם גאַנדזן־טראָט פֿון אַ באַטאַליאָן נאַצישע שטיװאַליעס ביז דער רױטאַרמײיִשער באַפֿרײַונג, האָט זיך די אױסשטעלונג געצױגן פֿון אײן אומגליק צום צװײטן; און געװיזן דעם צעגליטן 4־יאָריקן גענעם, און דעם אױסבראָך פֿון נאַקעטן ייִדישן װידערשטאַנד.

אױף דער דאָזיקער אױסשטעלונג האָבן מיר אױך געקענט זען פֿאַר־װוּנדעטע און דערשאָסענע קונסט־בילדער . . .

אַ רײ מעטאַלאָפּלאַסטישע קונסט־בלעכן זײַנען געװען געדיכט דורכ־געלעכערט מיט קױלן און שראַפּנעלן־שפּליטערס פֿון גראַנאַטן. די נאַציס האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט דערשיסן בלױז לעבעדיקע ייִדן; זײ האָבן אױך דערשאָסן קונסט־בילדער, אױב אױף די דאָזיקע בילדער האָט געהאַט די האָזע צו פֿיגורירן אַ ייִדיש פּנים אָדער אַ שמײכל פֿון אַ ייִדיש קינד...

5. ייִדן און ניט־ייִדן פֿון אַלע עקן וועלט

ייִדן מיקאָל האָמינים

אָפֿן יאָנטעוודיקן מאָלצײַט־טיש פֿון די אויסלענדישע דעלעגאַטן האָבן זיך באַוויזן 17 פֿאַרשיידנקאָלירטע פּענדעלעך, — אַ סימען, אַז 17 לענדער האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַרום 19טן אַפּריל.

צווישן די 17 לענדער האָבן זיך געפֿונען די 4 גרויסע: (ראַנטפּאַרבאַנד, צאָפֿן־אַמעריקע, ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך) און פֿאָרשטייער פֿון אַלע 4 גרויסע קאָנטינענטן. ווען מען קלאַסיפֿיצירט די דעלעגאַציעס ניט לויט די נאָרמעס פֿון דער וועלט־פּאָליטיק נאָר לויט דער וויכטיקייט פֿון זייער ייִדישן קולטור־קויעך, וואָלט די אײַנטיילונג אַף גרויסע און קליינע אויסגעזען אַביסל אַנדערש. יעדנפֿאַלס, וואָלט מען צווישן די גרויסע געדאַרפֿט אויך אַרײַנרעכענען אַרגענטינע, פּוילן און ייִסראָעל, און ספּעציעל טאַקע אַרגענטינע, וואָס האָט באַקומען אין פּוילן די אויפֿמערקזאַמקייט און דעם אָנזען פֿון אַ „גרויסמאַכט“ . . .

עס איז אויך געווען פֿאַרטראָטן אַ גרויסע וועלט־אימפּעריע, אָבער אָן אַ פּאָן — דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס, אין דער פּערזאָן פֿון ד״ר א. טאַרטאַקאָווער . . .

און אַז מען דערמאָנט שוין דעם וועלט־קאָנגרעס, איז קעדאַי צו דערמאָנען, אַז אויך די „דאַיאַ“(1) איז פֿאַרבעטן געוואָרן קיין וואַרשע, אָבער, ווי שטענדיק, האָט זי געענטפֿערט מיט גליטשיקע און אויסגעהוילטע רייַדעלעך, אין איר געוויינטלעכן הילצערנעם, סאָלדאַטסקן קאַנצעלאַריע־סטיל. אַף דער העכסטער אָקטאַווע און מיט איר באַקאַנטן פּאַלצעטל האָט זי זיך צעטרעלט וועגן געטאָ־אויפֿשטאַנד, און וואָס שײַך אָננעמען די פֿאַרבעטונג, האָט מען פֿון איר „איקער שאָכאַכטי“ געקענט אַרויסדרינגען אָט וואָס: וועלן וואָלט זי, הייסט עס, געוואָלט, נאָר וואָס זאָל זי טאָן, אַז קענען קען זי ניט. בעכיין, באַדויערט זי, אין נאָמען פֿון אַרגענטינער ייִשעוו, וואָס באַ איר בעסטן ווילן האָט זיך, לײַדער, אַזוי געמאַכט און עס איז אַזוי געשען, אַז בע־מע און בלאַ־בלאַ . . . דערבײַ האָט זי זיך ניט ווּיסנדיק געמאַכט, אַז דער אַרגענטינער ייִשעוו איז, אָן איר, סײַ־ווי־סײַ געווען גוט פֿאַרטראָטן . . .

און אַז אַרגענטינע איז געווען גוט און פּראָמינענט פֿאַרטראָטן, האָבן

---

(1) דאַיאַ — אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס שטעלט זיך צונויף פֿון דעלעגאַטן פֿון אַ געוויסער צאָל בירגערלעך־ציאָניסטישע אינסטיטוציעס. זי האָט זיך געקרוינט ווי אַ אָפֿיציעלע פֿאָרשטייערין פֿון אַרגענטינער ייִדנטום און ווי אַזאַ איז זי אָנגעשלאָסן אין „ייִדישן וועלט־קאָנגרעס“. זינט 1952 פֿירט זי אָן מיטן כיירעם קעגן פּראָגרעסיוון ייִדישן פֿאָלקס־ייִשעוו אין אַרגענטינע און טוט געטרײַ איר שפּאַלטערישע און דיסקרימינאַטאָרישע אַרבעט.

זיך די דאָיאַ־לײַט נאָך אַמאָל דערװוּסט פון אזא מין באַגלױבטן און ראַ־יעלן אײדעם װי ד״ר טאַרטאַקאָװער, װאָס איז מיט אַ פּאָר כּאַדאָשים שפּעטער געװען אין אַרגענטינע און האָט זײ אױספירלעך דערצײלט װעגן אַלץ װאָס אין װאַרשע איז פאָרגעקומען . . .

די גרעסטע דעלעגאַציע איז געװען די פּראָנצװיזישע, — דאָס איז געװען אַ מאַסן־דעלעגאַציע פון 15 פּערזאָן. דאָס צװײטע אָרט האָט פאַר־נומען די 5קעפּיקע אַרגענטינער פאַרשטײערשאַפט. אַרום און אַרום זײַ־נען געװען אַ 75 דעלעגאַטן, אַרײַנגערעכנט אַרום 20 פאַרשטײער פון פּױלן.

צװישן די דעלעגאַטן זײַנען געװען מענטשן פון אַלע פּאָליטישע קאָ־לירן און שאַטירונגען: קאָמוניסטן, ציאָניסטן, פאָלקיסטן, יאַהודים, אַסי־מילירטע. דאָ און דאָרט האָבן זיך געשװאַרצט אָדער געזילבערט אָרטאָ־דאָקסישע בערד און עס האָבן זיך געשאָקלט ראַבאָנישע יאַרמולקעס. עס האָבן אױך נישט געפעלט אַ פּאָר דײַטשמערישע דיזן־דאָזן־דאָקטוירים.

געהערשט האָט אָבער אומעטום דער אַמכאַ־טאָן און די װאַרעמסטע צונױפגעלעבטקײט. אַרום 19טן אַפּריל זײַנען פאַרשװוּנדן אַלע אונטער־שײדן און עס האָט זיך צונױפגעװעבט אַן אַבסאָלוטע און אידעאַלע ייִדי־שע אײניקײט. שפּעטער האָט זיך דאָס זעלבע איבערגעכאַזערט אַרום בריט־פּאַרמאָסטענעם פּראָיעקט פון שאָלעם אַלײכעם־יאָר.

דער קלײנער ייִדישער „װעלט־פּאַרלאַמענט״, װאָס האָט זיך אױף אַ װאָך צײַט צונױפגעקליבן אין װאַרשע, האָט באַװיזן, אַז אַרום דער אַנטי־מילכאָמע־אידעע און אַרום ייִדישער קלאַסישער פאָלקס־קולטור קענען זיך אײניקן אַלע ייִדישע קאָלירן, אַלע ייִדישע װעגן און אַלע ייִדישע אומ־רוען . . .

„עקזאָטישע״ דעלעגאַטן

צװישן די דעלעגאַטן האָט זיך געװאָרפן אין די אױגן אַ ריזיקער ענג־לענדער, מיט אַ טיפּישן טשערטשיל־פּאָנים און מיט אַלע שטריכן און ניטן פון אַן אַנגלאָזאַקסישן אַריסטאָקראַט.

דאָס איז געװען דער ייִדישער עקס־לאָרד־מעיאָר פון דער שטאָט מאַנ־טשעסטער און אַ דעלעגאַט פון „באָאַרד אָף דעפּיוטיס״ — דעם טראַדי־ציאָנעלן ייִדישן „פּאַרלאַמענט״ פון ענגלאַנד. אין זײַן געהאַרגעטן, אָבער פונדעסטװעגן ניט אינגאַנצן דערהאַרגעטן ייִדיש, האָט ער זיך באַמיט צו איבערצײַגן אונדז, אַז ער איז אַ קאָשערער ייִד, װאָס איז שטאָלץ מיט דער בײַבל און מיט איזראַעל . . .

ווי אַרגענטינער, האָבן מיר באַ אים געפּאָדערט צוריק די מאַלווינען־אינדזלען און געהאַט טײַנעס פאַרוואָס ענגלאַנד צאָלט אַזוי ביליק פאַר אַרגענטינער פלייש...

מיט אַ שעלמישן שמייכעלע האָט ער אונדז געגעבן אָנצוהערן, אַז ענגלאַנד האָט נאָך קיינמאָל געַרניט אָפּגעגעבן אָפּן סמאָך פון פּלאַטאָני־שע פאָדערונגען. באַ ענגלאַנד דאַרף מען אַרויסרײַסן, און אַרגענטינע איז דאָך צו איידל אַף צו רײַסן מיט געוואַלד; וואָס איז זי, כינע צי אינ־דאָנעזיע? . . . און וואָס שײַך פלייש, איז עס ווידעראַמאָל אַן איניען פון אַרגענטינער קאַוואַלערישער איידלקייט. אַז אַרגענטינע באָט אָן איר פלייש פאַר ביליק, קען דאָך ענגלאַנד ניט ווערן מעשוגע און צאָלן טײַער . . .

דער אַריסטאָקראַטישער לאָרד־מעיאָר, וואָס האָט פאַרלאָזן פּוילן דער ערשטער, איז געווען אַזוי באַאײַנדרוקט פון דעם אַלץ וואָס ער האָט געזען און איבערגעלעבט אין וואַרשע, אַז באַם געזעגענען זיך האָט ער מיט אַ שפּאַסיקן שמייכעלע אויסגעדריקט זיך: „איך מוז שנעל אַוועקפאָרן, ווײַל עס הענגט איבער מיר די געפאַר פון ווערן אַ קאָמוניסט”. . .

עס האָט זיך אויך באַוויזן אַ דעלעגאַט פון אינדיע, וואָס האָט שפּע־טער אַנטפּלעקט פאַר אונדז, ווי יוסעף פאַר זײַנע ברידער, אַז ער איז גאָר אַ ייִד פון שטעטל זשעלודאָק . . .

אין די לעצטע מילכאָמע־יאָרן איז ער דורך כינע פאַרוואָלגערט גע־וואָרן קיין אינדיע, און דאָרט האָט ער מיט זײַן מיזרעך־אייראָפּעיִשער די־נאַמישקייט אַזוי אויפגערודערט די נירוואַנאַ־רויִקייט פון די אַלטגעזעסענע אינדישע ייִדן, די „בני ישראל”, אַז ער איז געוואָרן ראַש־האַקאָהאָל פון דער באָמבייער קעהילע און שפּעטער אַ מיטגליד אין ציאָניסטישן אַק־ציאָנס־קאָמיטעט, און איצט איז ער אַפילע אַן אײַנגייער באַם פּרעזידענט פון ייִסראָעל . . .

מיט דיפּלאָמאַטישער צוגעלאָזטקייט און מיט זשעלודקער גוטברו־דערשאַפט האָט ער זיך דערנענטערט צו אונדז, און עס איז אים מאַמעש געגאַנגען אין לעבן אַרויסצוווײַזן זיך מיט זײַן פּראָגרעסיסטישקייט, לי־בעראַלקייט און טאָלעראַנץ. ער קען עטלעכע פון אונדזערע היגע ציענים־טישע קאַפּעלויש־דרייער און האָט זיך, אין שאַרפע, פּאָלקלאָריסטיש־גע־פּעפערטע טערמינען, אויסגעדריקט וועגן די מעטאָדן פון אונדזערע ביי־רעמניקעס.

ווינציקער פון אַלץ איז ער ענלעך געווען אַף אַן אינדוס, און אַזוי

ווי ס'האט מאמעש געשלאגן פון אים מיט פויליש־ליטווישער יידישקייט און מיט א געוויסער כאפ־לאפיקער ארויסגעארבעטקייט, האבן מיר אים גערופן ניט „דער ייד פון באמביי", נאר „דער ייד פון בים־באם"...

צווישן די קליי־קוידעש האט געהאלטן אין איין בלאזן פון זיך און אין איין שיטן מיט כאכמעלעך אן אונגארישער ראוו, מיט קלוגיטשקע, שוין אביסל צו קלוגיטשקע אייגעלעך . . .

אין פריוואטע שמועסן האט ער אנגעווארפן אזא מין סכעמע פון אונגארישן יידנטום: עס זיינען פאראן צוויי עקן, אבער עס פעלט א מיטן, דאס הייסט — פון איין זייט געפינען זיך יידישע קאמוניסטן, און פון דער צווייטער זייט רעליגיעזע יידן; קיין מיטלשיכט איז נישטא. ער, דער ראוו, באמיט זיך, הייסט עס, צו זיין דער בופאר, דער וואגאן־טעלער צווישןביידע עקסטרעמען, קעדיי פון דער קעגנזייטיקער בארירונג זאל זיך ניט באקומען קיין צוזאמענשטויס . . .

ער האט אבער געמוזט אנערקענען, אז קיינע שום צוזאמענשטויסן זיינען קיינמאל נישט פארגעקומען און אז ער שפילט זיין ראל פון א בו־פאר אף יעדן פאל, טאמער כאס־וועכאלילע א מייסע מאכט זיך . . .

א זשוואווער 70יאריקער אלטיטשקער, מיט א שניי־טשופרינע אפן קאפ, מיט א שיינער רעוואלוציאנערער פארגאנגענהייט און מיט א פיי־נער פראגרעסיווער קעגנווארט, איז געקומען פון עסטרייך. ווי יעדער גאליציאנער פון ווין, האט ער, פארשטייט זיך, געהאט א דאקטאר־טיטל, איז פול געווען מיט סענטימענטאלער פייערלעכקייט און מיט אן א שיר זיכרוינעס וועגן מענטשן און פאסירונגען.

א וועטעראן פון דער טשערנאוויצער קאנפערענץ, האט ער געהערט צו דער ברויזיקער און פאטעטישער אקאדעמישער יוגנט, וואס האט מיט איבער 50 יאר צוריק צוגעגעבן אזויפיל יוגנטלעכן גלאנץ דעם ערשטן יידישן קולטור־קאנגרעס.

עס האט זיך דאן פריינטשאפטלעך צונויפגעלעבט מיט אזוי פיגורן ווי: עסטער פרומקין, ראכמיעל וויינשטיין, קאפלאן־קאפלאנסקי, ז. שנייער, ש. אנסקי און מיט אלע גרויסע „בערן" פון דער קאנפערענץ. ער האט אונדז אנגעדערציילט פיקכעסדיקע ווערטלעך, געהערטע דירעקט פון פע־רעצעס מויל, און אויך ראמאנטיש־פיקאנטע עפיזאדן פון שאלעם אשס לעביונגישע פארברענגעכצן אין צעזונגענעם און צעטאנצטן ווין, אין

יענער פאַרשנעפּסלטער און פאַרווייַבערשטער מעטראָפּאָליע פון 50 יאָר צוריק...

ער האָט זיך אויך געטראָפן מיט לענינען אַף קאָנפערענצן און צו־זאַמענפאָרן. צום לעצטן מאָל האָט ער אים געזען אין 1914, און פון יענער עפּאָכע געדענקט ער גוט די ווייַטערדיקע אַרויסזאָגונג לענינס:

—„אַ ריכטיקער געדאַנק, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין אַ צייַט אַ ניט־פּאַסיקער פאַרן דאָזיקן געדאַנק, איז קאָנטררעוואָלוציע".

דער דייַטש, די יוגאָסלאַווין און דער רוס

אַף אַ מערקווירדיקן אופן האָבן זיך צוגעבונדן צו די דעלעגאַטן עטלעכע אויסלענדישע ניט־ייִדן. איינער פון זיי איז געווען אַ פּרעכטיק־בלאָנדער, טיפּיש־דייַטשער באָכער מיט אַן אייַנדרוקפולן קינסטלער־פּאָנעם. דאָס איז געווען קריסטאָף טאָמאַס האַרלאַן, — אַ יונגנטלעכער דראַמאַטורג, — דער זון פון באַרימטן היטלעריסטישן רעזשי־סאָר פייַט האַרלאַן, — דער שעפער פון כוליגאַנישן פילם „יוד זיס".

דער דאָזיקער באָכער, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעטיילט פון ייִדישן דעלעגאַטן־אוילעם, האָט אין זייַן טרויעריקער און צאַרפולער בלאָאוי־גיקייט אַרומגעטראָגן אַן אויסדריקלעכן און אויסדרוקפולן שולד־געפיל, און אין אַלע זייַנע עפנטלעכע ווענדונגען און פּריוואַטע שמועסן, האָט ער געבעטן בא אונדז טיפע מעכילע פאַר די פאַרברעכנס פון זייַן פאָלק. דערבייַ, האָט זייַן אַנטי־נאַצישער צאָרן שיר ניט אַריבערגעשטיגן אונד־זערן . . .

אַ צווייטע שטענדיקע באַגלייטערין אונדזערע איז געווען די יוגאָ־סלאַווין ווידאַ יאָטשיץ, — אַ סקולפּטאָרין און אַ געוועזענע פּאַרטיזאַנערין, מיט אַ דרייַעקיקן אויסגעווייטיקטן פּאָנים, אַף וועלכן עס פלעגט פון צייַט צו צייַט אויפטויכן קינדערשע באַגייַסטערונג.

אירע איבערלעבונגען האָבן זי דערנענטערט צום ייִדישן ווייטיק, און זי איז טאַקע געקומען דורכדרינגען זיך מיט אים, קעדיי אים שפּעטער אייַנצובירגערן אין איר קונסט . . .

אַ דריטער ניט־ייִד, אויסער די צענדליקער פּאָלאַקן וואָס האָבן אונדז אַרומגערינגלט, איז געווען דער מיטגליד פון דער סאָוועטישער דע־לעגאַציע וולאַדימיר פּאָוולאָוו, — העלד פון ראַטנפאַרבאַנד און אַ גע־וועזענער פּאַרטיזאַן־קאָמאַנדיר, וואָס האָט אַ שטיק צייַט געקעמפט מיט 10 מאָל שטאַרקערע און 20 מאָל בעסער באַוואָפנטע נאַצישע פאַרפאָלגונג־קויכעס. ער האָט זיך ספּעציעל פאַרנומען מיט ראַטעווען, אַף אַ מעסיראַס־

נעפּעשדיקן אופן, שטעטלדיקע ייִדן פון די אַרומגעצוימטע געטאָס. ער האָט, אַגעוו, דערציילט וועגן וויכטיקן מיליטערישן בײַטראָג פון ייִדישע גיבוירים־פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אומעטום אָנגעפילט די וועלדער און די זומפּן.

דער דאָזיקער יונגער העלד, וואָס איז זײַן פּערזענלעכן גוורע־אַקטיוו פיגורירן איבער 1.000 ליקווידירטע נאַצים, האָט איבעראַשט מיט זײַן אָפּגעהיטער איידלקייט און ברייט־נעשאָמעדיקער ליבלעכקייט. באַם געזע־גענען זיך, האָט ער זיך דערנענטערט צו צענדליקער און צענדליקער דע־לעגאַטן און געסט, אַרויסגענומען יעדן מאָל די ליולקע פון מויל, אײַנ־געבויגן טיף די שוואַרצע טשופּרינע, אַרומגענומען יעדן איינעם און געהאַט איין־איינציקע באַקאָשע: „דערלויבט מיר צו ווינטשן אײַך אַלדאָס גוטס און צו גריסן האַרציק, אומבאַקאַנטערהייט, אײַער מישפּאָכע" . . .

וועלט־באַקאַנטע פיגורן

אַף אַ סאַך פון אונדזערע פײַערלעכע און וואָכעדיקע טרעפונגען אין וואַרשע זײַנען דערשינען רומפולע און שיר ניט לעגענדאַרע פיגורן פון דער ייִדישער קונסט־וועלט — פיגורן פאַרבונדענע מיט דער גלאַנץ־עפּאָכע פון ייִדישן קולטור־אויפשטײַג אין פאַרמילכאָמעדיקן פּוילן.

זייער אָפט האָט זיך באַוויזן אַווראָם מאָרעוועסקי, וואָס איז בײַ זײַנע עטלעכע־און־זיבעציק יאָר נאָך אַלץ הויך און גרויס, און שטראָפּעריש, און טעמפּעראַמענטפול, ווי אַ פײַערשפּײַענדיקער באַרג. אַף יעדער פאַרזאַמ־לונג האָט ער ליב געהאַט אַרײַנצוּוואַרפן אַ רעבעלישן וואָרט און סטאַם דאָן־קיכאָטישע געדאַנקען, אַזוי אַז די אָנפירנדיקע כאַוויירים, אין ספּע־ציעל דעליקאַטע פאַלן, האָבן מוירע געהאַט, אַז וועה ווייס מיט וואָס ער קען אַרויסשיסן . . . בײַ זײַן גאַנצער שטרענגער צעדונערטקייט, איז ער פול געווען מיט גוטמוטיקייט און האָט מאַניפעסטירט זײַן איבערגעגעבנ־קייט צום נײַעם פּוילן, אָבער איבער אַלץ — צו דער ייִדישער קולטור און צום ייִדישן וואָרט.

ניט זעלטן פלעגט זיך באַווײַזן צווישן אונדז די שטשופּלינקע און עטוואָס אײַנגעבויגענע אידאַ קאַמינסקאַ, וואָס פירט אָן מיטן ייִדישן מע־לוכע־טעאַטער אַף איר מאַמעס נאָמען. זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר באַוועגלעכקייט, שאַרפזין און לעבנס־כאָכמע, און האָט אַרויסגעוויזן יוגנט־לעכע נײַגעריקייט פאַר דעם אַלץ וואָס עס טוט זיך בײַ אונדז אין אַרגענ־טינע און אין אַנדערע ערטער.

פון פּאַריז איז אַראָפּגעקומען עפראָים קאַגאַנאָווסקי, אַ קוק צו טאָן

אַף „זײַן װאַרשע“, אַף די שפּורן פֿון יענער פֿאַרלוירענער װאַרשע, װאָס ער האָט אַזױ שפּילעװדיק, שטימונגפֿול און לײַכט־פּסיכאָלאָגיש סקיצירט אין זײַנע ערשטע װערק און אױך אַף די ברוכשטיקער פֿון דער צעקנאַקטער װאַרשע, װאָס דעם פּיבער אירן האָט ער פֿאַרצײכנט אין די טעג פֿון איר אומגליק.

שלאַנק, רירעװדיק, עלעגאַנט, האָט ער זיך באַװעגט מיט אַ גלײַכ־מעסיק־האַרמאָנישן, לײַכט־צעװיגטן טראָט, מיט אַ טשופּריניקן קאָפּ האָר און מיט אַ שעלמישן פּאָנים, אַף װעלכן ס׳האָט געלױערט איראָניע און װױליונגערישקײַט. שװער איז געװען צו געפֿינען אַף זײַן 45יאָריקן פּאָנים אַ ברעקל סימען פֿון זײַנע 65 יאָר...

אַזױ װי באַ אַ לײַדנשאַפֿטלעכן רױכערער, װאָס לאָזט ניט אַרױס דעם פּאַפּיראָס פֿון מױל, האָט שטענדיק געטליִעט אַף זײַנע ליפּן אַ גלײַכ־װערטל, אַן אַנעקדאָט, אַן אַרײַנזאָגעכץ, און אין זײַנע רײד האָט אַרומגע־פֿינקלט די לוסט איבערצולעבן נאָך און נאָך, און צו געניסן מער פֿון לעבן. זײַן קינסטלעריש האַרץ האָט נאָך אַלץ געגאַרט נאָך שײנקײט און איבערלעבונגען פֿון סאַמע אױפֿרודערנדיקסטן מין . . .

„איך בין געקומען אַ קוק טאָן אַף מײַן װאַרשע“ האָט ער אונדז געזאָגט גלײַך נאָכן אָפּשטעקן דעם ערשטן שאָלעם־אַלײכעם, און װען מיר האָבן זיך קלױמערשט אַ װוּנדער געטאָן אָפּן „מײַן“, האָט ער אָנגעװיזן אַף זײַן האַרצן, און איז יענעם אױגנבליק איז זײַן פֿלוצלונג־שטײַף־גע־װאָרענער פּאָנים װירקלעך עלטער געװאָרן אַף 20 יאָר. „עפּשער קענט איר מיר זאָגן װוּ איך זאָל זי געפֿינען?“ האָט ער שטיל אַ זיפֿץ געטאָן.

מיט מאַנירן פֿון פּאַריזער באַהעמישקײט האָט ער זיך שטאַרק באַ־קלאָגט אָפּן גורל פֿון יידישן שרײַבער אין קאַרגן און קולטור־אױסגע־דאַרטן מיִרעװ. מען דערזעט אים ניט, מען הײבט אים ניט אַרױס און מען צעפּלינדערט זײַן שעפֿערישן האָב־און־גוטס, ניט צאָלנדיק קײַן האָ־נאָראַרן. ער האָט געפּאָדערט מער אױפֿמערקזאַמקײט, מער כּאװערישקײט און אױך מער געמיטלעכקײט און שרײַבערישע גײַסטרײַכקײט, אױב אָפּילע דער אידעאָלאָגישער טאַכלעס זאָל אַף אַ װײַל דאַרפֿן בלײַבן עטװאָס אין הינטערגרונט.

אין פּױלן האָט מען אים אָפּגעגעבן גרױס קאָװעד. מען האָט קײנ־מאָל ניט דערמאָנט זײַן נאָמען אָן דעם צוגאָב „דער גרױסער שרײַבער“. אױסער די אינטימע און אָפּיציעלע אױפֿנאַמעס אין דער יידישער סװיװע, האָט אים פֿײַערלעך אױפֿגענומען דער פּױלישער ליטעראַטן־פֿאַר־באַנד, און אין מעלוכע־פֿאַרלאַג איז שױן געװען גרײט צו דערשײַנען

אַן אָפּקלײַב פון זײַנע װערק אין פּױלישער איבערזעצונג. די איבערזעצונג איז אַגעװ אַרױס ניט אַזױ אַבסאָלוט פּערפעקט װי ער האָט געװאָלט, און ער האָט קסיידער געזוכט מיטלען װי אַזױ צו פאַרגלעטן אַפילע די סאַמע קלענסטע אומפּערפעקטקײטן.

ניט געקוקט װאָס ער האָט אױסגעזען אַזױ יונג, האָט ער געװאָלט זײַן יִנגער װי ער איז און ער האָט אין דער הינזיכט, מעקאַנע געװען אַנדערע.

װען ער האָט זיך געטראָפן מיט אונדזער דעלעגאַציע, װאָס איז גאָרניט אַזאַ יונגיטשקע, האָט ער זיך אַ פּאָר מאָל אױסגעדריקט: „זעט נאָר װי יִידישע שרײַבער פאַרגינען זיך דאָס יונג צו זײַן! איר האָט געװוּסט אױסצוקלײַבן דעם מאָמענט װען יונג צו זײַן. אָ, װען איך בין איצט אין אײַערע יאָרן!"

אינעװײניק האָט די עלטער געדריקט אַף אים און ער האָט קענטיק געפילט, אַז עפּעס ענדיקט זיך . . .

װען מיר האָבן זיך געזעגנט און היים צעקושט, האָבן זײַנע אײדלגלאַטע באַקן אַ ציטער געטאָן און זײַנע לעבעדיקע בליקן האָבן זיך פאַרצױגן מיט אַ װאָלקנדל. װען מיר האָבן אױסגעדריקט אונדזער זיכערקײַט צו טרעפן זיך מיט אים אין אַרגענטינע, האָט ער אַ שעפּטש געטאָן „װער װײס?" . . .

150 טעג נאָכן דאָזיקן „װער װײס?", האָט קאַגאַנאָװסקיס צװײפל באַקומען אַ גרונט, אַ דעפיניטיװן גרונט . . .

גאָר װאַרעם האָבן מיר זיך אַרומגעכאַפּט מיט כעװל בוזגאַן און ריװקע שילער, נאָך דער פּרעמיערע פון אַלטער קאַציזנעס „דעם יִדנס אָפּערע", װאָס איז ספּעציעל אױפגעפירט געװאָרן װי אַ גאַלאַ־פאָרשטעלונג לעקאָװעד דעם 15טן יאָרטאָג פון אױפשטאַנד. אין דער דאָזיקער אימפּאָזאַנטער פּאָרטוגעזיש־מאַראַנישער פּיעסע פון 17טן יאָרהונדערט שפּילן בײדע די טיטל־ראָלן און לעבן־אױף מיט זײער ראַפינירטער קונסט די אַלט־געשיכטלעכע מאַרטירער־טעג, װאָס זעען אױס אַזױ נאָנט און אַקטועל אַף דער װאַרשעװער ערד.

ניט װײניקער װאַרעם איז געװען אונדזער באַגעגעניש מיט יאַנקעװ ראָטבױם, װאָס האָט אױפגעשטעלט אַ מײסטערהאַפטע האַמלעט־פאָרשטעלונג אין װראָצלאַװער פּױלישן מעלוכע־טעאַטער, װוּ ער פאַרנעמט דעם אַמט פון הױפּט־רעזשיסאָר.

די דאָזיקע אַלע קינסטלער האָבן געהאַלטן קסיידער אין אײן בענטשן

דעם נאָמען פון נײַעם פּוילן, וואָס איז אַ ליכט אין די אויגן פון דער ייִדישער קונסט, פון ייִדישן וואָרט און פון ייִדישן פאָלקס־לעבן.

דער „ייִדישער וועלט־קאָנגרעס" מאַנעווירט . . .

אַ באַזונדערע הויך־דיפּלאָמאַטישע הינטערקוליסן־פּאָליטיק האָט גע־פירט דער פאָרשטייער פון „וועלט־קאָנגרעס".

צו אונדז האָט ער ניט באַוויליקט צוצורוקן זיך נענטער, אָבער מיט יעדער איינער פון די פאָלקסדעמאָקראַטישע דעלעגאַציעס האָט ער ברייט און לאַנג אַרײַנגעטײַנעט און האָט זיי געוואָלט איבערצײַגן, אַז זיי זאָלן צוריק אַרײַנטרעטן אין וועלט־קאָנגרעס.

דער דאָזיקער אומגעריכטער און איבעראַשנדיקער פאָרשלאַג איז, פאַרשטייט זיך, ניט געקומען מאַכמעס פּלאַטאָנישער אַהאַוואַס־ייִסראָעל, נאָר, אָן סאָפעק, אַפן סמאַך פון ניכטערער אויסגערעכנטקײַט און רעאַל־פּאָלי־טישער ווײַטזעעוודיקייט.

פון איין זײַט, ווייס דער וועלט־קאָנגרעס זייער גוט, אַז די וועלט גליטשט זיך ביסלעכווײַז אַרוים פון די טאַקיפּישע לאַפּעס, און ווי אַ וועלט־קאָנגרעס האָט ער מוירע צו בלײַבן בײַ אַ „וועלט", וואָס האַלט זיך אין איין רעדוצירן און דעספּערסטיזשירן. פון דער צווייטער זײַט, ווייל ער האָבן אַ שטיקל פעסטערן קאָנטאַקט מיט די ייִדן פון דער סאָציאַליסטישער מיזרעך־אייראָפּע, קעדיי זיי עווענטועל צו באַווירקן אין קלאַל־ייִסראָעלדיקן זינען און עפּשער אויך צו קענען זיי ביסלעכווײַז „ראַטעווען", אין אַ גינסטיקן מאָמענט... אַזוי אַרום וואָלט דער וועלט־קאָנגרעס אויסגעברייטערט זײַן „וועלט" און וואָלט גלײַכצײַטיק געהאַלטן אַן אויג אַף אַ „באַדראָטן צווײַג" פון ייִדישן פאָלק...

די פאָלקס־דעמאָקראַטישע דעלעגאַציעס האָבן ניט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג פון וועלט־קאָנגרעס, ווײַל אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט ייִדישער אייניקייט איז ווערט גענומען צו ווערן אין אַכט, אָבער מיטן באַדינג אַז די דאָזיקע אייניקייט זאָל זײַן אַן אויפריכטיקע, אַ שטרעבנדיקע צו שאַ־לעם און דער איקער — אַ ניט־אויסשליסנדיקע . . .

די פּוילישע כאַווירים האָבן דעריבער געשטעלט טאַרטאַקאָווערן 8 באַדינגונגען אַף אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג פון וועלט־קאָנגרעס, און צווישן די דאָזיקע באַדינגונגען איז פאַראַן אַ פּונקט, וואָס פאָדערט דאָס אָפּשאַפן דעם כיירעם אַפן ייִדישן פאָלקסלעבן אין אַרגענטינע און אין אַנדערע לענדער.

פון די באַריכטן פון דער שפּעטערדיקער סעסיע פון וועלט־קאָנגרעס אין זשענעוו האָט מען געקענט זען, אַז אונגאַרן און יוגאָסלאַוויע האָבן

אַנגענומען טאַרטאַקאָווערס פאָרשלאָג, טשעכיע און רומעניע זיינען געבליבן קאַלט און פּוילן איז געווען לעפּלעך . . .

די פּוילישע כאַווירים, געקומענע ווי אָבסערוואַטאָרן אויף דער סעסיע, האָבן שאַרף אַריינגעזאָגט דאָס וואָס מען האָט געדאַרפט, און כ׳ סמאָליאַר האָט נאָך אַ מאָל אַ טרייסל געטאָן דעם כיירעם, מיט די ווייטערדיקע איידעלע אָבער קאַטעגאָרישע ווערטער:

„מיר זיינען געקומען זיך צו דערוויסן, צי איז די עקזעקוטיווע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס גרייט צו רעקאָמענדירן אירע סעקציעס אויסצוברייטערן זייער געזעלשאַפטלעכע באַזע אין אַ ריי מיירעוודיקע יידישע יישוווים לעגאַבע געוויסע יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען דיסקרימינירט געוואָרן, קעדיי אַזוי אַרום שאַפן אַן אַטמאָספער פון אייניקייט פון טאַט לעגאַבע די גוט־פאַרשטאַנענע יידישע פאָלקס־אינטערעסן אין דעם איצטיקן אַכראַיעספולן מאָמענט. דאָס פאַררופן זיך אויף סטאַטוט־שוועריקייטן, אויף דער אוממעגלעכקייט אַריינצומישן זיך אין לאָקאַלע פראַגן, הייסט פאַקטיש מאַסקים זיין מיט האַנדלונגען, וועלכע זיינען לויט זייער טאָך ווידערשפּרעכלעך דער גרונט־אידעע פון אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע, אַזוי ווי מיר פאַרשטייען זי.

מיר, פון אונדזער זייט, דערקלערן מיט דער גאַנצער אַנטשיידנקייט, אַז מיר זיינען גרייט צו שטעלן אַלע אונדזערע קויכעס צו דינסט פון אַזאַ קאָנסאָלידירטער האַנדלונג, וואָס זאָל רעאַליזירן די טיפסטע גאַרונג פון די יידישע פאָלקסמענטשן פון אַלע לענדער צו אַ פרידלעכן לעבן, אַן קאַלטע און הייסע מילכאָמעס, אָן דער קסיידערדיקער שרעק פאַר דער מוירעדיקער, פאַרדאַרבנדיקער קראַפט פון אַטאָם־ און וואַסער־שטאָף־געווער".

אויסער דעם האָבן די פּוילישע כאַווירים געפאָדערט, אַז דער וועלט־קאָנגרעס זאָל אונטערשטיצן דעם פּלאַן איינצושטעלן אַן אַטאָם־פרייע זאָנע אין מיטל־אייראָפּע און עס זאָל געצוימט ווערן די אַוואַנטוריסטישע פּאָליטיק פון צעיושעטן בען־גוריאָניזם.

עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז טאַרטאַקאָווערס שפּעטערדיקער וויזיט אין אַרגענטינע האָט געהאַט פאַר אַ ציל אָנצוטאַפּן די טעמפּעראַטור פון היגן כיירעם, וואָס אין אייראָפּע קען מען גאָר ניט באַגרייפן זיין מיטלאַלטערלעכע ווילדקייט. דער פאָרשטייער פון וועלט־קאָנגרעס איז זיכער אַוועקגעפאָרן צוריק מיט אָפּגעבריטע פינגער, און וואָס שייך זיין וואַרשעווער אָפּטימיזם, האָט ער אים מיסטאָמע געמוזט אַריינוואַרפן אין יאַם...

6. די ראטנפארבאנדישע דעלעגאציע

גענעראל דאוויד דראגונסקי

די פאפולערסטע דעלעגאציע אין ווארשע איז געווען די סאוועטישע, און די פאפולערסטע פערזאן פון דער דעלעגאציע און פון גאנצן אינטערנאציאנאלן צוזאמענקום, אין אלגעמיין, האט נישט געקענט זיין קיין אנדערער ווי גענעראל דאוויד דראגונסקי, וואס די 2 גאלדענע שטערנדלעך אף זיין ברוסט האבן קסיידער דערמאנט, אז מען האט פאר זיך ניט נאר א סאוועטיש־יידישן גענעראל, נאר אויך א צווייפאכיקן העלד פון ראטנפארבאנד.

א גענעראל און א העלד האט געוויינטלעך ליב, אז מען זאל קוקן אף אים ווי ער וואלט לעבעדיקערהייט געשטאנען אף א פעדעסטאל; עס גלוסט זיך אים, אז מען זאל אף אים קוקן פון א שטיקל דיסטאנץ און מען זאל טשמאקען מיט די ליפן פון היספעילעס. גענעראל דראגונסקי, וועמען עס האט ניט געלאקט צו הייסן דמיטרי אדער דעמיאן און וואס איז געבליבן סאוועטיש געטריי צו זיין יידישן נאמען דאוויד, האט ניט געפראוועט קיין צערעמאניאלע שטיק און האט נישט געוווסט וואס דאס איז אזוינס בלאזן פון זיך.

דער דאזיקער ברייטביינערדיקער מענטש אין די גענעראלישע שליפן, מיט א טיפישן יידישן פאנים פון א הארעפאשניק, מיט גוטמוטיק־דורכדרינגלעכע שווארצע אויגן און מיט א ליבלעך־איינפאכער צוגעלאזטקייט, האט געשאפן ארום זיך אן אטמאספער פון אמכאדיקער היימישקייט.

ער האט זיך, אן שום פאזע, געקרויוולט מיט אלעמען, געטיילט סאוועטישע אפצייכענונגען און געכאכמעט זיך, ווי ס'פאסט פאר א זון פון שימעלע סאראקער. און ווירקלעך — געבוירן געווארן איז ער בא א טאטן א שניידער מיט 50 יאר צוריק, געגאנגען אין כיידער און דורכגעמאכט א דורכויס־יידישע קינדהייט. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואס ער האט גאר גוט פארשטאנען אונדזערע ווארשעווער יידישע רעדעס און אליין אויך גערעדט אביסל אין אונדזער פאלקסשפראך.

זיין יוגנט און זיין לעבן האט ער אוועקגעגעבן דער רויטער ארמיי, און ווען ס'איז געקומען דער מאמענט פון דער גרויסער נעקאמע, האט ער מיט זיינע טאנקען געשלאגן און געשניטן די נאציס אפן ערשטן אוקראינער פראנט. ער האט באפרייט אן א שיר שטעט און הויפטשטעט, און

אפן באפעל פון די גענעראלן קאניעוו און ריבאלקא האט ער געראטעוועט, אין לעצטן מאמענט, דורך א געלונגענעם מיליטערישן מאנעוור, 20.000 יידן אין די נאצי־לאגערן ארום פראג. בעיסן באפרייען ווארשע איז געפאלן אין שלאכט זיין יינגערער ברודער.

ער איז אזוי באליבט פאר זיינע מיליטערישע העלדנטאטן, אז אין זיין היימשטאט האט מען אים, באם לעבן, געשטעלט א דענקמאל פון 7 מעטער די הייך... ער האט גערעדט מיט א טיף־נעשאמעדיקן, סאוועטיש־פאטריאטישן פאטאס, מיט יענעם אינהאלטסרייכן פאטאס, וואס האט געשמעקט מיט די פולווער־רייכעס פון הונדערטער באפרייערישע שלאכטן און וואס איז געווען באפליגלט מיטן הייסן רוף ניט צו דערלאזן, אז דער פארגאנגענער וועלט־אומגליק זאל זיך איבערכאזערן אין א נייער, אטאמיש־נעאנאצישער אויפלאגע.

נישט נאר דער גענעראל דראגונסקי, נאר די גאנצע סאוועטישע דעלעגאציע אין איר גאנצן צוזאמענשטעל, האט זיך אויסגעטיילט מיט אזוי פיל דינאמישקייט, דורכגעדרונגענקייט מיט דער יידישער טראגעדיע און מענטשלעכער ווארעמקייט, אז זי איז פאשעט געווארן דאס שיינדל פון 17לענדערדיקן יידישן צוזאמענקום און געהויבן דעם פרעסטיזש פון די פייערונגען.

דער פאקט אליין וואס דער ראטנפארבאנד האט געשיקט א ספעציעלע 3פערזאניקע דעלעגאציע צו אן אינטערנאציאנאלן אקט פון דערהויבן יידישע העלדישקייט, — אן אקט וואס האט געהאט אן אלמענטשלעכע אנטיפאשיסטישע באדייטונג, אבער וואס האט אויך געטראגן א בעפיירעשן אליידישן פאלקס־כאראקטער; דער אומשטאנד וואס בעראש פון דער דעלעגאציע איז געשטאנען אזא פערזענלעכקייט ווי גענעראל דראגונסקי; און דער פאקט וואס די דעלעגאציע איז נישט געווען קיין קאלט־פאסיווע, קיין צירלעך־מאנירלעכע, נאר האט זיך א ק ט י וו ע ר פון אלעמען באטייליקט, אין נאמען פון ראטנפארבאנד, אין אלע פייערונגען, באראטונגען, רייזעס און אונטערנעמונגען, — דאס אלץ האט געוויזן מיט וואס פאר א סימפאטיע די סאוועטישע מעלוכע־ארגאנען באציען זיך צום ווארשעווער געטא־אויפשטאנד... צום ווארשעווער גווורע־קאפיטל פון דער יידישער געשיכטע און אויך צו די לעבעדיקע יידישע יישווים.

דער גענעראל דראגונסקי האט, אין זיינע רעדעס, נאכאנאנד דערמאנט, אז עס פרייט אים צו טרעפן זיך מיט יידן פון אזוינע ווייטע לענדער ווי ארגענטינע און דארעם־אפריקע, — יידן, וואס די שאלעם־אידעע

און רעספּעקט פאַר די קדושים האָט צוזאַמענגעבראַכט באַ דער וואַרשעווער געווערע־וואַנט.

ער האָט צוגעזאָגט, אַז זײַן דעלעגאַציע וועט געגוי אינפאָרמירן די העכסטע מעלוכע־אָרגאַנען פונעם ר״פּ וועגן גרויסאַרטיקן פּאַרנעם פון די פײַערלעכקייטן, אָבער שוין אין וואַרשע, ניט וואַרטנדיק אַף זייער צוריקקער, האָבן די סאָוועטישע דעלעגאַטן, אַף אַ טרעפונג מיט קלעמענטי וואָראָשילאָוון, יעקאַטערינאַ פורצעוואַ און די מיניסטאָרן וואָס האָבן באַגלייט דעם פּרעזידענט פון אויספיר־קאָמיטעט פון ס. ס. ס. ר. אַף זײַן רײַזע איבער פּוילן, געשילדערט זייערע טיפע אײַנדרוקן און איבערגעגעבן אַ גרוס פון די דעלעגאַציעס.

גענעראַל דראַגונסקי האָט אונדז מיט דער גאַנצער פּאָלקסטימלעך־ייִדישער און ברייטהאַרציק־רוסישער וואַרעמקייט פאַרבעטן צו באַזוכן דעם ראַטנפאַרבאַנד, און מיר, פון אונדזער זײַט, האָבן פאַר אים „געעפנט" ברייט די טויערן פון אַרגענטינע . . . .

דער גענעראַל האָט אויסגערעכנט ,אַז מיט אַ סאָוועטישן „טו־114" דאַרף די לופט־רײַזע מאָסקווע־בוענאָס אײַרעס דויערן נישט מער ווי 12 שאָ. אָבער דערווײַל לאָקט אים נאָך ניט אונדזער דאָרעם־אַמעריקע, מיט איר שווערן פּאָליטישן קלימאַט, מיט אירע פּאַפּירענע גענעראַלן און מיט אַלע אירע ביטערע שאַר־יעראָקעס . . . ער ווייס וועגן אונדזערע העלדישע פּאָלקס־קאַמפן, און ווי אַן עמעסער גענעראַל ווייס ער אויך, אַז אַזוינע קאַמפן דויערן אַזוי לאַנג ביז זיי ענדיקן זיך מיט אַ ניצאָכן . . .

וואָס שײַך ייִדישע קולטור־איניאָנים אין ר״פּ, האָט ער געענטפערט, אַז ער איז קוידעם־קאָל אַ סאָלדאַט, און ווי אַ סאָלדאַט אָריענטירט ער זיך נישט געגנוג גרינטלעך אַף צו קענען אַרויסזאָגן פעסטע מיינונגען וועגן אַן איניען וואָס געהערט ניט צו זײַן געביט. ער האָט פעסט און קאַטעגאָריש פאַרזיכערט, אַז די פאַרקריפּלונגען פון די צײַטן פון פּערזאָנען־קולט וועלן זיך מער נישט אומקערן, און וואָס שײַך די באַדערפעגישן פון ייִדיש־שפּראַכיקער קולטור, אויב אַזוינע זײַנען בעעמעס נייטיק פאַר די ייִדישע מאַסן, שטעלט ער זיך נישט פאָר אַז די רעגירונג זאָל זיי נישט באַפרידיקן אין דער פולער מאָס.

פון גענעראַל דראַגונסקיס גאַנצער געשטאַלט האָט געשלאָגן מיט עכטקייט, פעסטקייט און וואַרעמקייט, און דער איקער — מיט יענער סאָוועטישער זיכערקייט אין זיך, וואָס איז ווײַט פון באַרימערישקייט און פון אײַנגערייידעגישן, נאָר וואָס נעמט זיך פון פולער אינערלעכער באַפרי־

דיקונג מיטן דערגרייכטן אידעאַל, — אַן אידעאַל װאָס געשטאַלטיקט דאָס הימלאַנדישע לעבן און באַפּרוכפּערט די גאַנצע װעלט.

פון גענעראַל שטראָפּ ביז גענעראַל דראַגונסקי

יעדן מאָל װען אַף אונדזערער אַ זיצונג, אַן אױפנאַמע, אָדער אַ פײַערונג פלעגט זיך באַװײַזן דער גענעראַל דראַגונסקי, — די העכסטע יעראַרכישע פיגור פון אונדזער װאַרשעװער צוזאַמענפאַר, — פלעגט זיך שטענדיק אַרײַנגאַנװענען אין מײַן געמיט די געשפּנעסטיקע טײַװל־געשטאַלט פון אַ צװײטן גענעראַל — דעם גענעראַל יורגען פאַן שטראָפּ, — הענקער און פּאַרטיליקער פון װאַרשעװער געטאָ.

דער דאָזיקער געשטאַפּאָ־גענעראַל האָט מיט 15 יאָר צוריק פעסט־געשטעלט, מיט אַבסאָלוטער פּינקטלעכקייט, אין אַן אָפיציעלן טריומפאַלן דאָקומענט, און אין אַ טעלעגראַמע צום פּיפּערנאָטער האַגאָדל אין בערכ־טעסגאַדען, אַז „װאַרשאַו איזט יודען־רײַן", און ער האָט באַשטעטיקט מיטן האַקנקרייץ און מיט אַ פײַערלעכן „הייל־היטלער", אָבער אָט זײַנען מיר איידעס, אין װאַרשע גופע, אַז די געשיכטע האָט אָפּגעמעקט די דאָ־זיקע פעסטשטעלונג, דעם דאָזיקן שװאַרץ־טאָמען מאַזל־טאָװ, צוזאַמען מיטן האַקנקרייץ און צוזאַמען מיטן „הייל־היטלער".

איצט, מיט 15 יאָר שפּעטער, געפינען מיר זיך, אין דער נאַצי־רײנער װאַרשע, אַן איידע ייִדן פון 17 לענדער, צוזאַמען מיט טױזנטער פּױלישע ייִדן, און אַנשטאָט דעם נאַצישן גענעראַל שטראָפּ, װאָס פּױלט אַ דער־װאָרגענער אין דער פּױלישער ערד, געפינט זיך צװישן אונדז דער ייִדי־שער גענעראַל דאָװיד דראַגונסקי!

פון גענעראַל שטראָפּ ביז גענעראַל דראַגונסקי — דאָס איז דער װעג, װאָס אונדזער לעבן האָט דורכגעמאַכט; דאָס איז דער רױטאַרמייאישער װעג, װאָס אונדזער געשיכטע האָט דורכגעשפּרײַזט. און אַ װעג איז עס אַן אױסגעפּלאַסטערטער מיט מיליאָנען לעבנס פון סאָװעטישע זעלנער, און ספּעציעל מיט די לעבנס פון די 26.000 סאָװעטישע קעמפער, װאָס זײַנען געפאַלן פאַר װאַרשע.

דערפאַר האָבן מיר מיט אַזאַ מין ייִראַס־האַקאָװעדיקן ציטער אָראָפּ־געבױגן אונדזערע הערצער צום ריזיקן מאָנומענט װאָס די שטאָט װאַרשע האָט אױפגעשטעלט פאַר די 26.000 יונגטלעכע נעקאָמע־נעמער און בלוט־אױסלייזער, װאָס האָבן מיט זײער לעבן קאָרעגירט דעם גענעראַל שטראָפּס „יודען־ריין" אַף „נאַצי־ריין".

יעדן מאָל װען מיר האָבן אַ קוק געטאָן אַפּן גענעראַל דראַגונסקי,

האָבן מיר, מיט יעדן טראָפּן פון אונדזער בלוט, דערפילט, ווי גרויס עס איז אונדזער זיג, און מיר האָבן אינערלעך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל איבערגעבאַזערט די הייליקסטע פון אַלע שוווּעס, — די שוווּע, אַז עס וועט ניט זײַן קיין צוריקטראָט פון גענעראַל דראַגונסקי צום גענעראַל שטראָף!

יעווגעני דאָלמאַטאָווסקי

דער דריטער מיטגליד פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע איז געווען יעווגעני דאָלמאַטאָווסקי, איינער פון די דערפאָלגרײַכסטע סאָוועטיש־יִדישע דיכטער, אַ פולשטענדיק פּאַררוסישטער, אַ מאָסקוויטש בען מאָסקוויטש, אַ ווייניק־באַקאַנטער מיט דער יִדישער ליטעראַטור.

ער האָט געהאַט אַ קנאַפּע אַנונג וועגן דער מאָדערנער יִדיש־וועלט־לעכער קולטור, און דערפאַר איז דאָס באַנוצן יִדיש געווען בײַ אים פאַר־בונדן עפּעס אַזוי ווי מיט אַלטער יִדישקייט, מיט אַ געוויסער אָפּגעלעבט־קייט, מיט אַ געשיכטלעך־פאַרלאָפענעם עטאַפּ. ער איז געווען איבעראַשט ווען ער האָט געהערט פון אונדז וועגן אַן אַקטיוון קולטור־לעבן אין יִדיש, אָבער קיין פעסטן גלויבן אין אונדזער פאָלקסשפּראַך האָבן מיר בײַ אים נישט געקענט דערוועקן.

דער צענטראַלער יִדיש־ליטעראַרישער נאָמען, אַרום וועלכן סײַ דאָלמאַטאָווסקיס און סײַ דראַגונסקיס ענטוזיאַזם און רעספּעקט האָבן זיך קאָנצענטרירט, איז געווען שאָלעם אַליכעם. זיי פלעגן אויפלויכטן בײַם דערמאָנען שאָלעם אַלייכעמס נאָמען און פלעגן ניט מיד ווערן צו דער־ציילן ווי אַזוי זײַן פּאָפּולערקייט האָט זיך דורכגעבראָכן אַ וועג אין די סאַמע פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פונעם ראַטנפאַרבאַנד.

דאָלמאַטאָווסקיס שעפעריש לעבן איז אַ מוסטער פון דער זאָרגלאָזי־קייט און פונעם זווילטאָג, מיט וועלכן די מעלוכע רינגלט אַרום יעדן ווערטפולן קינסטלער.

אַ געבוירענער אין 1915, האָט ער געענדיקט דעם באַרימטן ליטע־ראַטור־אינסטיטוט אױף גאָרקיס נאָמען, און זינט דאַן האָבן זיך געענדיקט אַלע זײַנע דײַגעס. אויסער וואָס ער שרײַבט רײַזע־רעפּאָרטאַזשן, האָט ער אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער לידער, און דאָס לעצטע ביכל זײַנס איז דערשינען אין פאַרלאַג פון דער „פּראַוודאַ", אין 150.000 עקזעמפּלאַרן. פאַרדינען פאַרדינט ער די ריזן־סומע פון אַרום 20.000 רובל אַ כוידעש און געניסט פון שרײַבערישע צוגאָב־פּריווילעגיעס.

די ראַטן־רעגירונג האָט צום שרײַבער איין באַקאָשע: שרײַב און שאַף! דעפיניר די לעבנס־פּראָצעסן און דערגראָב זיך פלינק צו דער

מענטשלעכער נעשאַמע! װיפל די מעלוכע זאָל דיך פאַר דעם נישט באַ־
לױנען, בלײַבט זי נאָך אַלץ אַ באַל־כױװ לעגאַבע דיר!

דער באַװוּסטזײַן פון אַט דער ערשטראַנגיקער נוצלעכקײט און פון
װערן אָפּגעשאַצט װי אַ נאַציאָנאַל רײַכטום מאַמעש, פילט אָן דעם סאָ־
װעטישן שרײַבער מיט יענער נעשאָמעדיקער רוּיִקײַט, װאָס איז אַזױ נײ־
טיק פאַרן קינסטלערישן פּאָרױסגײין און פאַרן אידעאַלן געבױ פון יעדן
װערק.

דאָלמאַטאָװסקי, אַן אינטים־צונױפגעלעבטער מיט דער דאָזיקער
װירקלעכקײט, האָט זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אױך אין אַנדע־
רע באַדינגונגען קען מען שאַפן און זײַן אַ שרײַבער . . .

דער באַרימטער גענעראַל, דער באַרימטער פּאַרטיזאַן און דער באַ־
רימטער דיכטער, װעלכע האָבן פּאָרטרעטן דעם ראַטנפאַרבאַנד אױף די
געטאָ־פײַערונגען, האָבן צוגעגעבן קראַפט, װערדע און שײנקײַט דעם 15טן
יאָרטאָג פונעם אױפשטאַנד. פון דער צװײטער זײַט, האָבן סײַ דראַגונסקי
און סײַ װאָלאָדיאַ און זשעניאַ (װי דער גענעראַל האָט גערופן צערטלעך
זײַנע צװײ יינגערע כאַװײרים), מיטגענומען מיט זיך אַ דערפאַרונג, װאָס
האָט באַרײַכערט זײערע יעדיִעס װעגן יידן אױף דער װעלט, װעגן איקוף,
װעגן ייִדישער קולטור און װעגן אַלייִדישער מיליטאַנטישער איבערגע־
געבנקײט צו די גרונט־אידעען פון דער בעסערער מענטשהײט.

7. שאָלעם אַלײכעם און פּערעץ

די בראָכע פון 19טן אַפּריל פאַרן שאָלעם אַלײכעם־יאָר

אױפן ראַנד פון 19טן אַפּריל זײַנען צװישן די דעלעגאַציעס פאָר־
געקומען אַ רײ ברידערלעכע צוזאַמענטרעפן, אױף װעלכע מען האָט דורכ־
געלופטערט טעמעס פון אַ גאַנץ יאָר.

עס האָט זיך געװאָלט װיסן גענױער װאָס עס טוט זיך אױפן געזעל־
שאַפטלעכן, קולטורעלן און אידעאָלאָגישן געביט אין דער אָדער יענער
מעדינע, און מען האָט טאַקע ברײט און כאַװעריש געעפנט די הערצער
אײנע פאַר די אַנדערע. ספּעציעל רירעװדיק זײַנען געװען אין דעם זינען
די 5 קולטור־אַקטיװיסטע, פּעסט־פּראָגרעסיװע און ייִדיש־לעבנדיקע דע־
לעגאַציעס פון פּױלן, פראַנקרײַך, אַרגענטינע, יִיסראָעל און רומעניע.

די צוזאַמענטרעפן האָבן ניט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון קאָנפע־

רענצן אָדער באַראַטונגען מיט אַ באַשטימטן קולטור־פּאָליטישן ציל. דאָס זײַנען געווען ריין־אינפֿאָרמאַטיווע באַגעגענישן, אָן וועלכע ניט איז בינדנדיקע באַשלוסן פֿאַר די אָנטיילנעמער. קיין שום דעלעגאַציע איז ניט געווען אויטאָריזירט צו קיין אַנדער זאַך ווי בלויז אָנטייל צו נעמען אין די געטאָ־פֿײַערלעכקײַטן.

דורך די טרעפֿונגען זײַנען דערגרייכט געוואָרן 3 פּראַקטישע זאַכן: אויסברייטערונג פֿון דער קעגנזײַטיקער אינפֿאָרמאַציע, ענגערע פֿאַרקניפּונג פֿון דער אײַנגעשטעלטער פֿרײַנטשאַפֿט און פֿאַרשטאַרקונג פֿון די אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָנטאַקטן אַף לעהאַבע.

איין גראַנדיעזער פֿאָלקס־איניען האָט זיך אָבער מאַמעש געבעטן, אַז לעבאָל־האַפּאָכעס לעגאַבע אים זאָל מען אָננעמען אַ פֿעסטע רעקאָמענדאַציע. דאָס איז געווען דאָס שאָלעם־אַלייכעם־יאָר, וואָס האָט געהערט צו יענע דערשײַנונגען, אַף וועלכע מען זאָגט „הבא עלינו לטובה" (וואָס קומט אָן אַף אונדז צום גוטן).

אַף איינער פֿון די טרעפֿונגען, אַף וועלכער עס איז אויך בײַגעווען די סאָוועטישע דעלעגאַציע, איז דער דאָזיקער גרויסער איניען אַרויפֿגעשווומען אַף דער אויבערפֿלאַך. בײַ דער דאָזיקער געלעגנהייט האָבן מיר פֿאַרגעלייגט, אַז די מעגלעכע צענטראַלע פֿײַערונגען זאָלן פֿאָרקומען אין געבוירן־לאַנד פֿון שאָלעם־אַליכעמען און אַז די דאָזיקע ערן־אויפֿגאַבע זאָל אַרײַן אין דער אויסשליסלעכער קאָמפּעטענץ פֿונעם שרײַבער־פֿאַראיין פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד. גלײַכצײַטיק האָבן מיר צוגעגעבן, אַז עס וואָלט געווען אַ פֿײַנער זשעסט און אַ גרויסע קולטור־דערגרייכונג, ווען עס דערשײַנט אַ פֿרישע יִדיש־סאָוועטישע אויסגאַבע פֿון שאָלעם־אַלייכעמס אַ ווערק.

נאָכן גרויסן בײַפֿאַל, מיט וועלכן עס זײַנען אויפֿגענומען געוואָרן די דאָזיקע פֿאָרשלאָגן, האָט יעווגעני דאָלמאַטאָווסקי געענטפֿערט אַז דער ראַטנפֿאַרבאַנדישער שרײַבער־פֿאַרבאַנד האָט זיך שוין ערנסט פֿאַרטראַכט וועגן די שאָלעם־אַלייכעם־פֿײַערונגען און אַז עס איז שוין אַפּילע פֿאַראַן אַ קאָמיסיע וואָס פּלאַנירט אימפּאָזאַנט דעם איניען, אָבער וועגן גענויען פֿאַרנעם פֿון די סאָוועטישע פֿײַערונגען, האָט ער נאָך גאָרניט געקענט אינפֿאָרמירן. עס האָט נאָך, אַגעוו, געפֿעלט דאַן קימאַט אַ יאָר צו דער דאַטע פֿון שאָלעם־אַלייכעמס הונדערטסטן געבוירן־טאָג.

צווישן אַלע דעלעגאַציעס איז געקומען צו אַ פֿײַערלעכן העסקעם, אַז די שאָלעם־אַלייכעם־באַערונגען זאָלן דערגרייכן דעם הויכפּונקט פֿון אימפּאָזאַנטקײַט און פֿאַרנעם, און אַז יעדע קולטור־אָרגאַניזאַציע, אין יעדן לאַנד באַזונדער, זאָל גלײַך ווירקן אַפֿן שאָלעם־ראַט, אַז דאָס פֿײַערן שאָלעם־

אַלייכעמס הונדערטסטן געבוירן־טאָג זאָל אַרײַן אין פּראָגראַם פון די גרויסע אַלמענטשלעכע פײַערונגען, וואָס ווערן רעקאָמענדירט יעדן יאָר די פעלקער פון דער וועלט.

מען קען, דעריבער, זאָגן, אַז דאָס שאָלעם־אַלייכעם־יאָר האָט אין וואַרשע באַקומען די הייסע בראָכע פון 19טן אַפּריל.

אַף פּערעצעס לעבעדיקן קייווער

די לעבעדיקע ייִדן אין וואַרשע זײַנען אַלע אויסגעהאַרגעט געוואָרן, אָבער די טויטע זײַנען געבליבן גאַנץ . . .

עס איז געבליבן „לעבן" דער גענשער בייסוילעם, וואָס איז דורך די נאַצים ניט צעשטערט און ניט צעפּלינדערט געוואָרן. דער אויפשטאַנד אין געטאָ האָט צונישט געמאַכט דעם סיידער פון אַלע זייערע פּלאַנירטע שפּעטערדיקע פאַרניכטונגען. אַנשטאָט די 3 טעג, וואָס דער פרילינגדיקער אויסראָטונג־שפּאַציר האָט געדאַרפט דויערן אין געטאָ, האָט ער זיך בלוטיק פאַרצויגן אַף וואָכן און וואָכן, און עס איז שוין שפּעטער די נאַצים ניט געלעגן אין קאָפּ צו „פּאַטשקען" זיך מיט טויטע ייִדן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אַזוי ביטער געקײַט די ערד פון די לעבעדיקע און ביפראַט אַז עס האָבן זיך גענומען אַנרוקן אַלץ פרישערע און פרישערע צאָרעס אַף זייערע קעפּ.

אין זייער טעמפּקייט האָבן זיי ניט אָפּגעשאַצט דעם קולטור־היסטאָרישן אויצער, וואָס איז ניט געווען באַהאַלטן, נאָר מאַמעש געלעגן פאַר זייערע אויגן אָפן בייסוילעם, — אַ ייִדישער אויצער סײַ אין גײַסטיק־נאַציאָנאַלן און סײַ אין סקולפּטורעל־קינסטלערישן זינען; און דער איקער האָבן זיי ניט באַמערקט דאָס וואָס עס שטעלט פאָר פאַרן פּוילישן ייִדנטום דער קייווער פון פּערעצן.

אויב בײַ ייִדן איז מען געוווינט צו באַצייכענען אַ בייסוילעם מיטן אויסדרוק „דאָס הייליקע אָרט", איז דער גענשער בייסוילעם ווערט אָנגערופן צו ווערן „דאָס הייליקסטע אָרט", סײַ צוליבן קייווער וואָס היט אָפּ, אונטערן געוועלב פון באַרימטן אויהעל, די רומפולסטע געשטאַלט פון דער ייִדישער ליטעראַטור, און סײַ צוליב די ברידער־קוואָרים פון די פאַרשניטענע געטאָ־העלדן.

מיט אַ באַזונדערן נעשאָמע־ציטער און ייִראַס־האַקאָוועדיקער דערהויבונג האָבן מיר זיך דערנענטערט צו פּערעצעס לעבעדיקן קייווער, צום

דאָזיקן הייליקטום פון דער יִדישער ווארשע און פון דער גאַנצער יִדיש־וועלטלעכער קולטור.

אַף אונדזערע הענט האָט לײַכט אונטערגעציטערט דער בלומענ־קראַנץ פון אַרגענטינער פאָלקס־יִשעוו, און אַף די רויטע סטענגעס זײַנע האָט געלויכטן דער נאָמען פון איקוף און פון אונדזערע איקוף־שולן, וואָס אַ סאַך פון זיי טראָגן ווי אַ פאָלקסקרוין אַף זייער קאָפּ פּערעצעס נאָמען.

עס האָבן אונדז באַגלייט אַלע יִדישע שרײַבער פון ווארשע, דער גרויסער ליטעראַרישער גאַסט ע. קאַגאַנאָווסקי און פאָרשטייער פון קימאַט אַלע דעלעגאַציעס. דער גאַנצער צוזאַמענפאָר איז אוילע געווען צו פּע־רעצעס קיוועָר און בעראָש פון דאָזיקן פײַערלעכן פּערעץ־מאַרש איז גע־גאַנגען אַרגענטינע.

מיט איבערגעפולטע הערצער זײַנען מיר אַרויפגעשטיגן אַף די טרעפּלעך פון אויהעל און פאַרנויגט זיך טיף פאַרן גרויסן באַגײַסטערער פון אונדזערע ראָמאַנטיש־קעמפערישע יוגנט־יאָרן און פאַרן פאָטער פון אונדזער וואָרט.

אין נאָמען פון אונדזער יִשעוו האָבן מיר מיט ווערטער, אַרויס־געקוואָלענע פון טיפן האַרצן, געשלאָסן אונדזער באַגעגעניש מיט פּערעצן, מיטן גרויסן וויזיאָנער, וואָס האָט נאָך מיט 60 יאָר צוריק געזאָגט:

„עס גייט דער נײַער מענטש, דער העלד,
אַף גאָט און וועלט,
אַף טפיסעס און קייטן;
איך זע אים פון ווײַטן,
איך זע אים די פליגל צעשפּרייטן,
ער גייט, ער גייט, ער קומט!"

אין פּערעצעס ווארשע האָבן מיר געזען דעם נײַעם מענטש. מיר האָבן אים געזען בײַם געטאָ־דענקמאָל און מיר האָבן אים געזען אַף רושטאָוואַניעס. מיר האָבן געזען ווי ער בויגט דערשיטערט ניט נאָר זײַן קאָפּ, נאָר זײַן גאַנצן וועזן פאַרן יִדישן אומגליק, און מיר האָבן געזען ווי ער איז מעכאַיע־מייסים די שטאָט ווארשע. מיר האָבן אים געזען אין קראָ־קע, אין קאַטאָוויץ און אין נאָווא־הוטאַ. ער גייט, ער גייט דער נײַער מענטש, און אויב ער איז נאָך ניט אָנגעקומען צו דער מעטע, ליגט אָבער זײַן מאַרשרוט אַף דער ליניע, וואָס פּערעץ האָט פאָרויסגעזען און פאָרויסגעטרוימט.

אַף צוריקוועגס האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און צוגעשמידט געוואָרן

צו די קװאַרים פון מױשע בראָדערזאָן, פון עסטער־ראָכל קאַמינסקי, פון די געטאָ־העלדן. די מאַצײװע פון זאַמענהאָף איז געװען באַקראַנצט מיט פרישע בלומען, װאָס אַן עספּעראַנטאָ־קאָנגרעס האָט אַװעקגעלייגט.

אַ מאַצײװע־װאַלד פון שװאַרצן, גראָען און רױטלעכן מירמלשטײן האָט אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן. די געשניצטע, געקריצטע און געדלאָטעװעטע מירמל־בלאָקן האָבן געהאַלטן אין איין ציִען צו זיך אונדזערע בליקן. ניט סתּם קײַן שטײנער זײַנען עס געװען, נאָר קונסט־שטײנער, מירמלנע סקולפּטור־װערק; אייניקע פון זיי — מײַסטערװערק מאַמעש.

דער בייסוילעם איז, אָבער, ניט אָפּגעהיט װי עס באַדאַרף צו זײַן. אײַנגעבױגענע און אײַנגעזונקענע מאַצײװעס זײַנען באַדעקט מיט אַ װילדגראָזיקן און װילדצװײַגיקן אָנװוקס, און דורך די זײַטיקע װעגן איז שװער דורכצוקריגן זיך.

פֿאַרדריסט עס אַביסל, אָבער עס איז פֿאַרשטענדלעך. דער חורבן פון דער לעבעדיקער װאַרשע איז נאָך אַלץ אַזוי גרויס, אַז די בייסוילעמס מוזן װאַרטן. דאָס לעבן איז בילכער, אָבער אויך די טויטע װעלט װעט זיך דערװאַרטן, ביפֿראַט אַזאַ מין שיינער, דערהױבנדיקער טויט־װינקל װי ס׳איז דער לעבן־געבליבענער גענשער בייסוילעם . . .

8. דער אינסטיטוט װאָס „ראַטעװעט" דעם חורבן...

אין בער מאַרקס שאַצקאַמער

איין טראָט פון דער אױפגעריסענער טאָלמאַצקער סינאַגאָגע געפינט זיך דער ייִדישער היסטאָרישער אינסטיטוט, װוּ בער מאַרק, צוזאַמען מיט אַ שטאַב פאָרשער, פאַרנעמען זיך מיט „ראַטעװען" היסטאָריש אונדזער אומגליק . . .

די דאָזיקע אַרבעט איז היסטאָריש אין דאָפּלטן זינען: די מאַטעריאַלן אַף װעלכע עס װערט געאַרבעט זײַנען הייליקע, היסטאָרישע אוניקומס, און די אַרבעט גופא איז אַ היסטאָרישע, לויט דער געװאַלדיקער װיכטיקייט אירער.

מיט בער מאַרקן האָבן מיר זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן אין זײַן קאַבינעט. אַ ריזיקער פענצטער, גרויס װי אַ טויער, האָט אַרײַנגעשפּיגלט

אין זיך די גאַנצע אַנטקעגנגנדיקע גאַס און די פּוסטע שטאָבים, וואָס זײַנען אַמאָל פול געווען מיט אַנגעבוויטקייט און מיט לעבן. די 9 שויבן פון ריזיקן פענצטער האָבן אַזוי ווי אונטערגעזאָגט: ביי אונדז אין אינסטיטוט קוקט מען דאָ אַף אַלץ אויב ניט מיט 7 איז מיט 9 אויגן . . .

מאַרק האָט אונדז באַגעגנט מיט היימישער אויפגעלייגטקייט, מיט אַ טאַלמיד־כאָכעמדיקן פאָלקס־ייִדיש און מיט אַ „אַ, אַרגענטינע! איין קליינינקייט — אַרגענטינע!".

ער האָט געהאַלטן אין קאָרעגירן אַ מאַנוסקריפּט און אין איין אָפּשלאָגן זיך פון אַ קלינגענדיקן און ווידעראַמאָל קלינגענדיקן טעלעפאָן, ווי פון אַ זלידנער פליג. עס איז געלעגן אַף אים אויסגעגאָסן אַ ווייך־געמיטלעכע פּראָפעסאָרישע רויִקייט, כאָטש ער האָט אין 2 טעג אַרום געדאַרפט האַלטן דעם גרונט־רעפעראַט אַף דער מעלוכישער געטאָ־אַקאַדעמיע און כאָטש דער אינסטיטוט האָט געהאַלטן אין סאַמע ברען פון צוגרייטן די געטאָ־אויסשטעלונג. אַלע ווינקעלעך פון קאַבינעט זײַנען געווען פאַרלייגט מיט ביכער, אָנגעקומענע פון אַלע עקן וועלט, און וועלכן בוך מען זאָל ניט האָבן געווען אַ נעם־טאָן, האָט מען גלײַך געקענט באַקומען בײַ מאַרקן אַ פּאַרטיקן קאָמענטאַר וועגן אים און וועגן זײַן מעכאַבער.

ניט נאָר צוליב די געטאָ־פײַערלעכקייטן איז דער אינסטיטוט געווען פאַרהאַוועט און פאַרשמײַעט. די פאַרהאַוועטקייט איז אַ פּערמאַנענטע, ווײַל אויך די געוויינטלעכע פאָרש־אַרבעט פאַרשלינגט אינגאַנצן אַלעמענס ענערגיע.

די וואַרשעווער געטאָ־ערד האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן פון זיך פרישן ווייטיק־מאַטעריאַל און זאָבן אַזוינע אַף וועלכע מען האָט זיך שוין אינגאַנצן ניט געריכט. מען האָט געמיינט, אַז אונטער די צעמאָלענע כּורוועס איז שוין גאָר נישטאָ, אָבער פּונקט ווי אַ טײַך, וואָס וואַרפט אַרויס פון זיך, מיט וואָכן שפּעטער, אַ דערטרונקענעם, אַזוי האָט אויך די בלוטיקע ערד געעפנט אירע אינגעווייטן און אַרויסגעגעבן פון זיך ניט סתּם דורכשניטלעכע דאָקומענטן, נאָר ליטעראַטור מאַמעש, — געטאָ־שריפטן פון אַזוינע שרײַבער־קדושים, ווי: קאַצענעלסאָן, קירמאַן, לערער, פּערלע, פעלד, סקאַלאָוו, אָפּאָטשינסקי, לים, גאַלדין, שאַיעוויטש.

אויך אין אַנדערע ערטער פון פּוילן האָט מען אָפּגעפונען ייִדישע בלעטלעך, העפטן און פאַרצייכענונגען. קריסטן נעמען אָפּגעבן דאָס וואָס איז זיי פאַרטרויט געוואָרן אָדער דאָס וואָס זיי האָבן געפונען. אויסער

דעם איז אָפּגעפּונען געוואָרן בײַ אַ כאוואַר אַזאַ מין אויצער ווי אימאַנועל רינגעלבלומס אַ באַנד אומבאַקאַנטע געטאָ־שריפטן.

פון טאָג צו טאָג וואַקסט די דאָקומענטאַציע און די אַרבעט ברענט מאַמעש אונטער די הענט, אָבער עס איז אַ גרויסער דויכעק אין פאַר־שערם.

אין איר ווילן צו העלפן, מיט אַלע קויכעס, אויפצושטעלן דאָס לאַנד, איז די בעסערע און פּעיִקערע ייִדישע יוגנט באַהערשט פון אַ דראַנג צו פּאָליטעכנישער בילדונג און איז ווייניק גענויגט אָפּצוגעבן זיך צו היס־טאָרישע אַרכיוו־שטודיעס, דערצו נאָך פון אַזאַ מין ענג־ספּעציפישן און האַרצרײַסנדיקן געביט ווי געטאָ־פאָרשונג. קען מען זיך טאַקע אין אינ־סטיטוט ניט „צערײַסן" און אַסאַך וויכטיקע געפינסן ווערן דערווײַל אַרכיווירט און „פאַרמישפּעט" אויף יאָרן טפיסע . . .

דער ווייטיק־אַרכיוו

מיט פולע ברוסטן האַרצקלאַפּעניש און אויף די שפּיץ פינגער האָבן מיר זיך דערנענטערט צום קאָדשע־קאָדאָשים פון אינסטיטוט, — צום געפּאַנצערטן פײַער־זיכערן קעמערל, וווּ עס ווערט אָפּגעהיט דער רינגעל־בלום־אַרכיוו.

דאָס איז דער אַרכיוו, וואָס איז סאַך 1946 געפונען געוואָרן אין די אינגעווייטן פון געטאָ, אין 10 פאַרזשאַווערטע און האַלב־דורכגעפרעסע־נע מילך־קאַנען.

אין די דאָזיקע קאַנען האָט רינגעלבלום באַהאַלטן די פיבערדיקע געשיכטע פון ייִדישן אומגליק. דאָס זײַנען דאָקומענטן ווי אַזוי אַ לעבע־דיק־באַגראָבן פאָלק האָט געלעבט און געוואַקסן אין קייוועד, ווי אַזוי זײַן גרענעצלאָזער ווייטיק האָט אים ניט פאַרוועדעמט און ווי אַזוי דאָס דאָזיקע צעטראָטענע פאָלק איז מיט אַ מיליטערישן טראָט אַרויס פון קייוועד קעדיי צו מיימיסן זײַן איימאָס־האַמאָוועסדיקן סוינע.

דער אַרכיוו איז אויסגעסיידערט, קאַטאַלאָגירט און זאָרגעוודיק פאַר־פּאַקט אין טעקעס. מען עפנט פאַר אונדז עטלעכע אַזוינע טעקעס און מיר וואָגן ניט אָנצורירן מיט אונדזערע גאַשמיִעסדיקע פינגער די אָפּגעקראָ־כענע, פאַרגעלטע און קוים־לעבנדיקע בלעטלעך.

ערטערווײַז זײַנען זיי באַשעדיקט און עס זעט זיך אַז זיי זײַנען אונ־טער דער ערד פאַרנעצט געוואָרן. פּײַכט זײַנען זיי געוואָרן ניט נאָר פון אַטמאָספערישן און אונטערערדישן וואַסער, נאָר מיסטאָמע אויך פון

וואַנדערנדיקן בלוט . . . עס האָט זיך אונדז אויסגעדוכט, אַז אין יעדן וואָרט פון די דאָזיקע בלעטלעך איז פאַרשלאָסן אַן עכאָ, אַ ראַדיאָ־אַק־טיווקייט וואָס רײַסט זיך צו אויסשטראַלונג, אַ קלאָלע וואָס וויל עקס־פּלאָדירן, אַ פאַרשטיקטקייט וואָס וויל זיך פאַרקײַכן און אויסהוסטן . . .

געווען זײַנען עס אומלעגאַלע קאַמפּס־בלעטלעך, פּאַרטיי־מאַניפעסטן, פּאָלקסלידער, בריוו, טאָגביכער, פאַרצייכענונגען, אָפּשאַצונגען, באַ־ריכטן, באַשרײַבונגען, לירישע האַרץ־אויסגוסן, אין ייִדיש, פּויליש און העברעיִש. בלויז קליינע אויסצוגן פון דאָזיקן וויטיק־אַרכיוו זײַנען ביז איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

דער גאַנצער מאַטעריאַל איז מיקראָפילמירט געוואָרן און איז ווי געהעריק פאַרזיכערט קעגן אַלע מינים געפאַרן.

אויסער דעם דאָזיקן הייליקן אַרכיוו, איז נאָך אויך פאַראַן אַן אַר־כיוו אַ טרייפענער, וואָס שמעקט מיט שווײַן און מיט יודענראַטלערײַ. דעם דאָזיקן אַרכיוו האָט מען ניט געדאַרפט אויסגראָבן פון אונטער דער ערד, נאָר בלויז אַראָפּנעמען פון פּאָלירטע ביוראָ־פּאָליצעס . . .

2.160 בענד פון אַ שונד־ראָמאַן . . .

אין געציילטע מינוטן האָבן מיר, אין ייִדישן היסטאָרישן אינסטי־טוט, אַריבערגעשפּרײַזט די גרענעץ צווישן קדושע און טומע, — די גרענעץ צווישן רינגעלבלומען און רומקאָווסקין . . .

צי קען נאָך זײַן אַ גרעסערער מאָראַלישער מעהאַלעך צווישן ביידן? זייער פיזישע נאָנטקייט אַף די פּאָליצעס פון אינסטיטוט גיט טאַקע אַ דאָקומענטאַלע מעגלעכקײַט אָפּצושאַצן ווי ריזיק גרויס דער דאָזיקער מעהאַלעך איז . . .

ניטאָ קיין ייִד אַף דער וועלט וואָס זאָל ניט האָבן געהערט וועגן רינגעלבלום־אַרכיוו, אָבער זייער ווייניק ווייסן אַז ס'איז אויך פאַראַן אַ רומקאָווסקי־אַרכיוו, — אַן אַרכיוו וואָס איז אָפּגעפונען געוואָרן גאַנצער־הייט, אַף אַ ווייניק־דראַמאַטישן, ניט־אַרכעאָלאָגישן אופן . . .

און דאָס וואָס מען האָט געפונען זײַנען ניט קיין געציילטע צעוואָר־פענע בלעטלעך, נאָר מאַמעש אַ וואַגאָן אַ גאַנצער מיט אויסגעסיידער־טער קאָרעספּאָנדענץ, דאָקומענטן, רעגיסטערס, — סאָליד געבונדן און געני נומערירט, לויט די נאָרמעס פון אַן אײַנגעפונדעוועטער מעלוכע . . .

בלויז אָפיציעלע קאָרעספּאָנדענץ אַליין האָט זיך אָפּגעפונען אויס־געסיידערט אין 2.160 גרויסע ביבליאָראַקטומס. דאָס זײַנען 2.160 בענד

פונעם העכסט־שפּאַנענדיקן שונד־ראָמאַן צווישן יודענראַט און דער נאַציִשער שלאַנג, צווישן „עלטעסטען דער יודען" — דעם פּורים־דיקן אַכאַשווערעש פון געטאָ און דעם אויבער־האָמען פון דער שטאָט ליטצמאַנשטאַדט (לאָדזש).

ריין־ביוראַליסטיש איז די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ אַ מוסטער פון פּערפעקטקייט, ריינקייט און היפּער־גענויער פּינקטלעכקייט, און עס איז מאַמעש צו שטוינען ווי אַזוי די נאַציִשע מערדער האָבן געפּרוּווט באַהאַלטן זייער מעסער הינטער דעם דאָזיקן זײַדענעם עלעגאַנטן פּאַפּיר־פּאַרהאַנג. די ביוראַליסטישע קאָרעקטקייט פון די יודענראַטלערישע קנעכט איז אַ ניט־ווייניקער אָפּגעהיטע. פּינקטלעך און אויספירלעך זײַנען זייערע טעלער־לעקערישע ווענדונגען און ענטפערס. יעדע שורע איז אָנגעבלאָזן מיט מיניסטעריעלער וויכטיקייט און מיט געשעפּטלעכן ערנסט . . .

די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ ווײַזט ווי אַזוי די נאַציִשע אויבער־שפּין האָט, מיט דער הילף פון דער יודענראַטלערישער אונטער־שפּין, געהאַלטן דעם געטאָ צוגעדריקט צו אירע גיפט־דריזן און סאַם־נאָדלען.

יעדער איינער פון די דאָזיקע צענדליקער טויזנטער בריוו איז באַלערנדיק און שונדיסטיש־שפּאַנענדיק ווי אַ בלעטל פון אַ פּאָליציי־ראָמאַן, און עס איז אַ כידעש וואָס דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז נאָך ביז איצט ניט באַאַרבעט געוואָרן אין זײַן גאַנצן ארומנעם.

עס האָט אונדז אָנגעכאַפּט אַ געוואַלדיקער כיישעק צו „פּאַרטיפן זיך" אין דאָזיקן שטאָף, אָבער, צום באַדויערן, האָבן מיר געהאַט אַזוי ווינציק צײַט, אַז מער ווי אויף אַ בלעטער טאָן 2־3 ביבליאָראַקטומס האָבן מיר זיך ניט געקענט פּאַרגינען, אָבער אַפילו דער דאָזיקער בליץ־שנעלער אַרײַנקוק און דער געשיכטלעכער אינסטינקט זאָגן אונדז אונטער, אַז אין דאָזיקן ריזן־באַרג פון טומע קען מען אויפגעפינען אויסערגעווייטלעכע „מינעראַלן" און גאָר אינטערעסאַנטע היסטאָריש־וויכטיקע איינצלהייטן.

וואָס פאַר אַ פאַרכאַפּנדיקע אַרבעט דאָס וואָלט געקענט זײַן פאַר אַ פאָרשער אָדער פאַר אַ יונגן געשיכטע־אַספּיראַנט!

דערווײַל שטייען זיי די 2.160 בענד אויסגעשטעלט ווי אַ רעגימענט סאָלדאַטן אויף ספּעציעלע פּאָליצעס און וואַרטן אַז זייער צײַט זאָל קומען, אָבער דער פאַקט אַליין וואָס זיי שטייען געפּאַנגענע אין אינסטיטוט און וואָס אַ גענויט אויג היט זיי אָפּ — דאָס אַליין אַפילו, איז שוין אויך גוט . . .

שטאָף פאַר דראַמאַטורגן

עס איז אויך אָפּגעפונען געוואָרן דער גאַנצער ציווילער רעגיסטער פון לאָדזשער געטאָ, צוזאַמען מיט די פּאַפּירן פון די רעגיסטרירטע, צו־זאַמען מיט טויזנטער אידענטיטעט־קאַרטן און אַנדערע פּערזענלעכע דאָ־קומענטן, מיט פּאַרצייכענונגען וועגן לעצטן וועג פון דעם און יענעם . . . רומקאָווסקיס ביוראָליסטן האָבן געהאַלטן אין איין קריצן מיט זייערע געגנדזנע פעדערס און געפירט אַ גענויען כעשבן וועגן יעדן איינעם, ביז צו דער סאַמע לעצטער שאָ, ווען דער וואַמפּיר האָט געפאָדערט זיין פּאַרציע בלוט.

די דאָזיקע אָפּגעפונענע בוכהאַלטעריע האָט דערמעגלעכט שפּעטער דעם אינסטיטוט אויפצושטעלן אַ קאַרטאָטעקע פון לאָדזשער ייִדן, וווּ־זיין ווי אַזוי יעדער איינער פון זיי האָט אויסגעזען אין געטאָ, און אפילע אָנצומערקן ווו און ווען דער טײַוול האָט פאַרענדיקט מיט יעדן איינעם פון די אוועקגעריסענע און „אויסגעזידלטע", וואָס האַלעווײַ וואָלט מען זיי ניט מער ווי אויסגעזידלט . . .

פון אייגענער דערפאַרונג האָבן מיר געקענט פעסטשטעלן ווי די דאָזיקע קאַרטאָטעקע ענטפערט שנעל און פּינקטלעך. אין עטלעכע מינוט איז מיר צוגעשטעלט געוואָרן אַ גענויע אינפאָרמאַציע וועגן אַ פּאָר פון מײַנע אייגענע לאָדזשער קרויווים.

מיר האָבן אויך געזען פּעק מיט „ייִדיש געלט", — אויסגעצירט מיט מאָגן־דאָווידס, מענוירעס און מוישע־ראַביינוס, ייִדישע מאַטבייעס פון אַלומיניום און קאָלערליי קופּאָנעס, באָנעס, שײַנען, פּאָסט־מאַרקעס און פאַרשיידענע קאָלירטע אַמט־פּאַפּירלעך. די דאָזיקע פּאַפּירענע קוויי־טן האָבן עס געדאַרפט שאַפן דעם מיראַזש פון אַ ייִדישער מעלוכע מיט אַ ייִדישן מײַלעך...

דער אינסטיטוט האָט זיך ניט נאָר געיאָגט נאָך שטומע דאָקומענטן, נאָר האָט אויך פונעם מויל פון לעבנגעבליבענע צונויפגעקליבן אַ שלאַל מיט גוויאַס־איידעסן וועגן פּערזענלעכע איבערלעבונגען אין די בלוט־שוואַרצע יאָרן. 5.500 אַזוינע דערקלערונגען פון לעבעדיקע איידעס זײַנען פּאַרפּראָטאָקאָלירט געוואָרן אין אינסטיטוט, און יעדע איינע פון זיי קען דינען ווי אַ טעמע פאַר אַן אויפטרייסלענדיקער טראַגעדיע. אַלע דראַמאַ־טורגן פון דער וועלט וואָלטן זיך געדאַרפט „אָפּפרישן" מיטן דאָזיקן שטאָף...

אין אינסטיטוט קען מען אויך געפינען היסטאָרישע דאָקומענטן,

וואָס האָבן ניט קײַן שייכעס מיטן לעצטן אומגליק, נאָר מיט פריערדיקע עפּאָכעס פון דער נײַער און עלטערער יידישער געשיכטע.

די נאַציס האָבן פון אַלע עקן אייראָפּע צונויפגעשלעפּט אַזוינע אָנגערויבטע דאָקומענטן, און שפּעטער, נאָכן זיג, זײַנען זיי פאַרטיילט געוואָרן צווישן פאַרשיידענע אַרכיוון און דאָקומענטאַציע־צענטערס. אויך אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט זײַנען אַרײַנגעפאַלן אַזוינע פאַרבלאָנדזשעטע און פאַרוואָגלטע דאָקומענטן, וואָס אַסאַך פון זיי זײַנען נאָך אַפילו ניט דורכגעקוקט געוואָרן.

צופעליק האָבן מיר זיך אין אינסטיטוט אָנגעשטויסן אויף 21 בענד אַקטן און באַריכטן פון דער ייקאָ־דירעקציע אין פּאַריז, וואָס קענען האָבן אַ באַדײַטונג פאַר דער געשיכטע פון יידן אין אַרגענטינע. עס האָבן אויך געדופן אונדזער אויפמערקזאַמקייט טעקעס מיט טשיקאַווע דאָקומענטן וועגן יידישן לעבן אין ברעסלוי (וראָצלאַוו) מיט 200 יאָר צוריק.

טעקעס, טעקעס, טעקעס, — מיט אַ סאַך פרישע אומגליקן און מיט ווינציק אַמאָליקן גליק... עס איז אָבער פונדעסטוועגן אַ גליק וואָס די אומגליקן זײַנען געשיכטלעך „געראַטעוועט" געוואָרן פון פאַרגעסנקייט. אויף געשיכטלעכע אומגליקן לערנט מען זיך ווי אַזוי צו זײַן גליקלעך...

די ביכער וואָס האָבן איבערגעלעבט...

אַ שוואַכקייט האָבן די נאַציס אַרויסגעוויזן ניט נאָר צו יידיש גאָלד, צו יידיש האָב־און־גוטס, נאָר אויך צו יידישע ביכער.

דער מיליטאַנטישער און אַנטיפאַשיסטישער שעם פון דער יידישער קולטור איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין די נאַצישע מילכאָמע־פּלענער איז געווען אַ פּונקט וועגן פאַרטיליקן די יידישע קולטור, אויסראָטן אירע שעפער און צוריבן איר גאַנצן גײַסטיקן פאַרמעגן.

די נאַצישע פּראָפעסאָרן האָבן זיך צו דעם גענומען גרייטן נאָך פאַר דער מילכאָמע און דורכגעפירט אין דער דאָזיקער ריכטונג אַ סובטעלע שפּיאָנאַזש־אַרבעט. עס איז באַקאַנט, לעמאָשל, דער פאַל פון „פּראָפעסאָר" יאָזעף פּאָל, וועלכער האָט, האַרט פאַרן היטלעריסטישן אָנפאַל אויף פּוילן, געמאַכט אַ לענגערן „שטודיר"־באַזוך אין ווילנער ייוואָ. ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז געקומען פון נאַצישן דײַטשלאַנד, האָבן די ייוואָ־אַקאַדעמיקער אַנטפּלעקט פאַר אים אַלע סודעס פון אינסטיטוט און אָנגעוויזן אים וועלכע זאַכן זײַנען די סאַמע וויכטיקסטע. צוזאַמען מיט די ערשטע נאַצישע טאַנקען האָט זיך באַוויזן אין ווילנע דער זעל־

בער גוט־אינפאָרמירטער פאַל, וואָס האָט פּאָגראָמירט און צעפּלינדערט דעם יִיוואָ, לויט אַלע קלאָלים פון דער נאַצישער רויב־ווויסנשאַפט. די פריערדיקע גוטפריינטשאַפט מיט די יִיוואָ־אַקאַדעמיקער איז אים גוט צו־נוץ געקומען און האָט אים שטאַרק פאַרלייכטערט זיין „אַרבעט"...

גאָר שנעל האָבן די נאַציס איינגעשטעלט קאָנצענטראַציע־לאַגערס פאַר יידישע ביכער... אַלע ווערטפולע ביכער־קאָלעקציעס און דאָקומענטן זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן אין באַשטימטע פּלעצער, אונטערן אויפ־זיכט פון ראָזענבערג־אינסטיטוט, וואָס זיינע ראַסיסטישע עקספּערטן האָבן געדאַרפט אויסגעפינען אין זיי נייע באַווייזן וועגן טייוולשן יידישן כאַראַק־טער, וועגן דער פאַרדאָרבנקייט פון דער יידישער ראַסע און וועגן די אַל־יידישע פּלענער פון וועלט־באַהערשונג... עס איז אויך געווען אַ פּלאַן, אַז שפּעטער, „נאָכן זיג", זאָל מען די ביכער־קאָלעקציעס פאַרקויפן צו די אַמעריקאַנער יידישע פּלוטאָקראַטן...

נאָך דער מילכאָמע זיינען אַסאַך פון די דאָזיקע קאָלעקציעס אָפּגע־פונען געוואָרן, באַהאַלטענע אין זאַלצגרובן הינטער מינכען און אַ טייל פונעם געפונענעם האָט אויך אָנגעשפּאַרט צום היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע.

40.000 אַזוינע גרעסטעוועטע ביכער האָבן געפונען אַ מאָקעם־מע־נוכע אין אינסטיטוט, וואָס האָט זיי אָפּגעגעבן פולע 4 שטאָק. ס'האָט זיך אונדז אויסגעדוכט, אַז יעדער בוך איז אַ מאַצייווע נאָך איינעם פון די 40.000 לעצטע יידן, וואָס האָבן זיך דעם 19טן אַפּריל אַ שטעל געטאָן קעגן דעם פאַרטיליקער...

פונקט ווי די אויסגעטאַטויִרטע נומערן אויף די הענט פון די געפאַנ־גענע אין די לאַגערן, זיינען אויך אויף די ביכער געבליבן די פרעכע סי־מאָנים פון נאַצישן רויב. אַ סאַך ביכער טראָגן דעם שטעמפּל „אינסטי־טום זסדאַפּ (נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע דויטשע אַרבייטער פּאַרטיי) צו ערפאָרשונג דער יודענפראַגע דעם אָסטיודענטומס". פון אונטערשטן טייל שטעמפּל קוקט אַרויס דער האַנקרייץ, צווישן די נעגל פון אַ רויב־אָדלער...

דער גרעסטער טייל פון די פאַרוואָגלטע ביכער באַשטייט פון יודאַיִק און זעלטענע צייטשריפטן. אויך שיינע ליטעראַטור האָט זיך צונויפגע־זאַמלט אין 5.000 עקזעמפּלאַרן.

פאַרכאַפּט זיינען מיר געוואָרן פון דער אָפּטיילונג פון אַלטע קסאַוו־יאַדן. מיר האָבן געהאַלטן אין די הענט אַ קסאַוו־יאַד פון 1.000 יאָר צוריק, — אַ מאַנוסקריפּט פון באַרימטן יידישן וועלט־רייזנדיקן עלדאָד

האַדאָני (אלדד הדני). מיר האָבן ניט געקענט אָפּרײַסן אונדזערע בליקן פון אַ מאַנוסקריפּט פון כאַיִם װיטאַלס אַ קאַבאָלע־סײפער, װוּ יעדער אָס איז צייכנערישע מיניאַטור־קונסט. איבעראַשט אין דאָזיקן סייפער האָט אויך די אינזשעניערישע אויסגעצירקלטקייט פון פאַרשיידענע געאָמעטרי־שע פיגורן, און די קאַבאָליסטישע מאַטעמאַטיק פון די אויסגעפלאָכטענע גימאַטריעס, נאָטריקוינס, טמורעס און צירופים.

געװען די אויפמערקזאַמקייט מיט זייער קאָלירדײַכקייט האָבן די אילוסטרירטע אַלטערטימלעכע לעגענדעס; די אילוסטראַציעס אין רויט און גרין צום טאַנאַך. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס איז גאָר אוממעג־לעך אויסצופירן מיטן האַנט אַזוינע דין־דיניטשקע קונצשטיק. דאָס איז עמעסע שריפט־אַקראָבאַטיק, און װעלכער עס איז אַרײַנגעקישעפט טויזנט־יאָריקע געניטקײַט, און געמאַכט האָבן עס ניט קיין װעלטבאַרימטע קינסט־לער, נאָר אַמאָליקע צייכנער־טעכניקער, װאָס האָבן אַפילע ניט געהאַלטן פאַר נייטיק אונטערצושרײַבן זייער נאָמען...

פּאַריאָסעמטע קונסט

די נאַציס האָבן פײַנט געהאַט יִדישע קונסט מיט דער זעלבער סינע װי זיי האָבן פײַנט געהאַט יִדן.

עס איז זיי געגאַנגען אין לעבן צו דערװײַזן, אַז יִדן זײַנען געשמאַק־לאָז, אַנטיקינסטלעריש, אַנטיעסטעטיש, אָבער אַזוי װי גרויסע יִדישע קונסטטווערק האָבן אומעטום אָפּגעלייקנט זייער טעאָריע, איז זיי געבליבן איין אויסוועג: פאַרניכטן די יִדישע קונסט...

פונדעסטוועגן איז דעם יִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט געלונגען צו־נויפצוזאַמלען נאָך דער מילכאָמע אַרום 1.000 אָריגינעלע קונסט־אָביעקטן (מאָלערײַ, סקולפּטור, גראַפיק) פון אַזוינע באַרימטע יִדישע קינסטלער װי גאָטליב, הירשענבערג, טרעמבאַטש, קראַמשטיק, װאַכטעל, קאַנאַרעק, בוד־קאָ, מאַנקעוויטש און אַנדערע.

פּריוואַטע פּערזאָנען באַטן אָן קעסיידער צו פאַרקויפן אַנטיקן און קונסט־אָביעקטן, אָבער דער אינסטיטוט, װאָס האָט אַ פעסטגעשטעלטן מעלוכע־ביודזשעט, פאַרמאָגט ניט קײַן אייגענע מיטלען אַף אויסצולייזן זיי פון יעבידישע הענט. די מעלוכע, װידער, גיט גלײַך איבער אין רעשוס פון אינסטיטוט אַלץ װאָס זי געפינט אָפּ אַפּן געביט פון יִדישער קונסט־און קולטור.

עס איז נאָך דערוויײַל אויך ניטאָ קײַן אָרט אַף אײַנצואָרדענען אַ

געהעריקן מוזיי פאַר אָט דער קינסטלערישער שיירים־האַפּלייטע און שיירים־האַכורבן. פון צײַט צו צײַט אָרדנט מען איַין אויסשטעלונגען, און אַ טייל פון די ווערטפולע בילדער העננען אין די אַרבעט־צימערן פון אינסטיטוט. דאָס איבעריקע איז דעפּאָזיטירט אין אַ קליינעם צימער, וואָס מען רופט אים „קונסט־מאַגאַזין”. בײַ די ווענט פון צימער שטייען, איינע איבער דער אַנדערער, 2 שורעס געשטעלן, און אין די געשטעלן, מיטן פּראָפיל צו די ווענט, זײַנען צונויפגערוקט די בילדער, וואָס זעען אויס ווי לאַגער־אַרעסטאַנטן אויף ענגע הילצערנע פּריטשעס...

אינמיטן פון קונסט־מאַגאַזין זײַנען אָנגעשטעלט קאַסטנס מיט עטנאָגראַפישע כפייצים, געטאָ־אָביעקטן און רעליגיעזע קולט־זאַכן (תשמישי קודש), — אַ טייל פון זיי פּראָפּאַנירטע דורך די נאַצים.

אַזוי, לעמאָשל, האָבן מיר געזען שטעקשיך געמאַכטע פונעם פּאַרמעט פון אַ סייפער־טוירע. אַ שניט געטאָ אין האַרצן האָט אַ הויפּן־ביקסן־קוילן, אַרויסגענומענע פון עקזעקוציע־גריבער. צעפּלעטשטע בלײַ־שפּיצן פון קוילן האָבן איידעס געזאָגט אַז זיי האָבן געטראָפן ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן, אַז זיי האָבן אויסגעפירט געטרײַ זייער נאַצישע שליכעס...

9. פּנים־על־פּנים מיטן אומגליק

דער וועג

מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן אָפּזוכן אונדזער פאָלקס־אומגליק אויף די שכיטע־פעלדער פון טרעבלינקע און אָשוויענטשים.

עס האָבן אונדז באַגלייט 2 גענעראַלן פון דער פּוילישער אַרמיי, פאָרשטייער פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע, כאַוויירים פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד און דער לאַנגיאָריקער וויטיק פון אונדזער גאַנצן אַרגענטינער יִישעוו.

דער פרילינגדיקער אינדערפרי האָט געמאַכט האַרבסטיקע אָנשטעלן. אַ קאַלט ווינטל האָט געשאָסן מיט פּיטשינקע רעגן־קוילעכלעך, און דער הימל איז געווען פאַרוואָלגערט מיט גראָע זעק.

הינטער פּראַגע האָט גענומען גלאַנצן די פעטע, טיף־פּוילישע בלאָטע, צוזאַמען מיט די צעפּלאַצטע וואַסער־שפּיגלען פון די האַלב־פאַרגאַ־

סענע פעלדער. װעלדלעך זײַנען געשטאַנען אַף די קני אין װאַסער און אַרײַנגעשפּיגלט דאָס יונג־גרינע בלעטערװאַרג זייערס אין די קאַלוזשעס. עס האָבן זיך דורכגעטראָגן כאַטעס און כאַלופּעס, מיט אַלטע שטרוי־קוטשמעס אַראָפּגערוקטע ביז איבער די אויערן...

דער אַלטער, פאַרמילכאָמעדיקער דאָרף־פּייזאַזש איז אונדז אַנט־קעגנגעלאָפן, אָבער עס איז אויך געװען עפּעס נײַעס: מאָנומענטן און מאָ־נומענטלעך פאַר דער רויטער אַרמיי. די װעגן, די דערפער און די שטעט האָבן דערציילט אַף טריט און שריט, אַז זיי לעבן אין זכות פון רויטאַר־מייִשן פײַער.

נאָך אַ „נײַעס" איז אונדז אַנטקעגנגעלאָפן — יִדישע שטעטלעך אָן יִדן. אײַזערנע שטאַבעס אַף פאַרהאַקטע קרעמלעך, פאַרסאַרפּעטע גאַסן, פּוסטלעכע מערק. פון אומעטום און פון יעדן װינקעלע האָט אַרויסגע־קליפּעט דער ניטאָ, דער פאַרפאַלן, דער אויס...

אַ שאָטן פון טרעבלינקע

די פײַכטע װעלדלעך האָבן גענומען געדיכטער װערן און די לופט איז פול געװאָרן מיט רייכעס פון מאָך און שװאָמען. װאָס װײַטער, זײַ־נען די סאָסנעס געװאָרן װוּקסיקער און די ערד — זאַמדיקער. אין מיטן פון אַ זײַטיקן װעג האָבן זיך די אָמניבוסן געגעבן אַ שטעל־אָפּ און מען האָט אונדז צוװיסן געגעבן, אַז „דאָ איז עס".

אין יעדערנס ברוסט נעמט בראַזגען אַ האַמער אַף אַ קאָװאַדלע. אין איין אויגנבליק זײַנען מיר אין דרויסן און מיר קוקן זיך אַרום: אין אַ קרײַז פון װעלדער בערגלט זיך אַ פרײַער שעטעך ערד, װאָס האָט שוין אויך, דאָ און דאָרט, אַ יונגן װאַלדיקן אויסשיט. מיר גייען אַרויף אַף אַ העכערן פּליין און קלײַבן זיך ערשטע צו גיין װײַטער, קעדיי עפּעס צו דער־זען, אָבער מען זאָגט אונדז נאָך אַ מאָל אַז „דאָ איז עס", דאָ, אונטער אונדזערע פיס.

אָבער ס'איז גאָרנישט ניטאָ, אַבסאָלוט גאָרניט, קיין סימען אַפילע ניט, און די אומשולדיקע נאַטור הויבט אויך ניט אָן צו װיסן פון גאָר־ניט...

די מענטשן־פרעסער האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּצוװישן פונעם פּאָנים פון דער טרעבלינקער ערד אַלע מיִעסע קרעץ־געשװירן, און דאָס ביסל װאָס איז געבליבן איז שפּעטער צעטראָגן געװאָרן דורך די שכיינישע פּויערים. שטייען מיר אין מיטן פון אַ יאַם פון יִדיש בלוט, און אַרום

איז אַלץ אַזוי אידיליש־רויִק, אַזוי וואַלדיק־שיין, אַזוי לופּטיק און דופּ־טיק...

א הונדערט טריט ווײַטער — שווארצט זיך אַ געדיכטער קראַנץ פון מענטשן: פּויערים, סאָלדאַטן, פּויערטעס, וואָס טוליען צו זיך זייערע קינ־דערלעך. אין מיטן פונעם קראַנץ — אַ פּירקאַנטיקע זאַמדיקע גרוב, ווו מען וועט אַרײַנמויערן דעם גרונטשטיין פון אַ מאָנומענט, וואָס די מע־לוכע שטעלט די קדושים פון טרעבלינקע.

מיר פלעכטן זיך אַלע אַרײַן אינעם קראַנץ, און גלײַך הילכן־אָפּ די צאָרנדיקע און פײַער־טריפנדיקע ווערטער פון די האַזקאָרע־רעדעס. דער גענעראַל רעדט וועגן שאָלעם, דער ראָוו רעדט וועגן שאָלעם, דער יִדישער קאָמוניסט רעדט וועגן שאָלעם.

מען לאָזט אַראָפּ אין די טיפענישן דעם מעטאַלענעם פוטליאַר מיטן פײַערלעך־פײַערדיקן אַקט פון דער גרונטשטיין־לייגונג. דעלעגאַטן נידערן אַראָפּ אין דער גרוב און לייגן ציגל. איידער מען באַווײַזט נאָך צו לייגן דעם ציגל, פאַרלויפט דעם וועג אַ טרער, וואָס וויל אויך האָבן די זכיע צו בלײַבן אָפּ אייביק אין גרוב...

דער אויסדרוק פון נײַגעריקייט, וואָס מען האָט פריִער באַמערקט אָפּ די פּנימער פון די פּויערים, ווערט פאַרוואַנדלט אין מיטגעפיל און פּײַן. האַרט לעבן אונדז שטייט אַ פּויערים־זון פון אַ יאָר עטלעכע־און־צוואַנציק. מיר פרעגן אים צי ער דערמאָנט זיך עפּעס אַ פּערזענלעכע איבערלעבונג פון „יענע יאָרן”. ענטפערט ער, טכילעס: „וואָס איז דאָ צו דערציילן? מען ווייס שוין”, אָבער אַ סעקונדע שפּעטער דערמאָנט ער זיך:

האַרט לעבן לאַגער פלעגט ער פּאַשען עטלעכע קי. אין איינעם אַ פרימאָרגן זײַנען אַנגעלאָפן 2 יונגע יִדישע פרויען, אינגאַנצן נאַקעטע. ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען. האָט ער גלײַך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס אָנ־טועכץ. איין פרוי האָט אַרויפגעוואָרפן אָפּ זיך זײַן העמד, און די צווייטע — די הויזן, און זיי זײַנען ווײַטער געלאָפן. אין אַ מינוט אַרום זײַנען אָנגעלאָפן די פאַרסאָפּעטע נאַצים און — גלײַך צו אים. האָט ער זיך גע־מאַכט ווי געפייגערט און געזאָגט זיי, אַז ער האָט זיך אָקערשט אויסגע־באָדן אין דער דערבײַיִקער סאַזשלקע, אַז איצט טריקנט ער זיך אָפּ דער זון, און אַז שוין צען טעג ווי ער זעט דאָ ניט קיין לעבעדיקן נעפעש, אויסער זײַנע בעהיימעס. די ס"ס־לײַט האָבן אַ שפּײַ געטאָן אָפּ אים און אוועקגעלאָפן אין אַן אַנדער ריכטונג, און די פרויען האָבן זיך, ווײַזט אויס, געראַטעוועט.

דאָס רעגנדל איז געוואָרן ווינטיקער און שמײַסיקער. דער אוילעם

האָט זיך גענומען פונאַנדערשיטן. איך שפּרײַז צוריק אַ צערודערטער, און 2 נאַקעטע, שלאַנקע, קופּער־רױטע סאָסנעס פאַרשטעלן מיר דעם װעג. גלײַך טױכט אױף פאַר מיר דאָס בילד פון די 2 נאַקעטע אַנטלױפנדיקע שװעסטער מײַנע. אינסטינקטיװ װיל איך אַראָפּציִען פון זיך דעם רעגן־מאַנטל. מען נעמט מיך רופן פון אָפּגײיענדיקן אָמניבוס און איך טשוכע זיך שנעל אױס...

מיט מענטשלעכער װערדע צװישן װעלף

אין אַ פאַרקערטער ריכטונג פאָרן מיר, מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, קײַן אָשװיענטשים.

עס פאָרט מיט אונדז מיט אַ געװעזענע „פּענסיאָניסטין" פונעם טױט־לאַגער, אַן אױסגעבליכטע קינדער־דיכטערין, װאָס האָט באַװיזן צו זײַן שטאַרקער פונעם טױט. װען זי האָט גערעדט צו אונדז, פלעגן די בליקן אירע פאַרפאַלן װערן אין דער װײַטסטער װײַט, און אירע אױגן־ראַנדן האָבן אױסגעזען װי זאַמדיק־װיסטע ברעגעס פון שטילע אָזיערעס. קײַן גאַנצן שמײכל האָט מען קײנמאָל ניט געקענט זען אױף איר פּאָנים; אין בעסטן פאַל — בלױז אַ פּרוּװ אָדער אַ שאָטן פון אַ שמײכל...

פאַרטריבן איז זי געװאָרן אין אָשװיענטשים, אַ יונגיטשקע און אַ פעסטע, נאָכן אױפשטאַנד אין געטאָ.

שױן די ערשטע טעג איז איר אױסגעקומען צוצוקוקן זיך צו אַזױנע בילדער:

פון אונגאַרן האָט מען געבראַכט אין לאַגער אַ גאַנצע באַסעגע: כאָסן־קאַלע, מעכותּאָנים, געסט, קלעזמאָרים; און אַלעמען — אַ 100 פערזאָן, האָט מען מיט מוזיק און מיט די גרעבסטע שפּאָט־רייד אַרײַנ־געטריבן אין גאַז־קאַמער.

זי האָט געפּרוּװט באַרויִקן און שפּילן זיך מיט 2 ברעקלעך קינדער, װאָס מען האָט אַרױסגעריסן פון דער מאַמעס שױס. האָט זיך אונטער־נעגאַנװעט צו איר פון הינטן אַ ס"ס־מאַן, האָט זי דערלאַנגט מיט אַ שטעקן איבער קאַרק, און די 2 קינדערלעך גענומען פאַר די הענט, צו־געפירט זײ צו אַ טיפער גרוב מיט בעמישע גיפט־שטאָפן, אַרײַנגעשטופּט זײ מיטן שטיװל אין דער לאָך און דערטרונקען זײ אינעם געדיכטן סאַם.

דאָס װאָס זי האָט פערזענלעך איבערגעלעבט, אױף איר אײגענעם לײַב און אין איר אײגענער נעשאָמע, װיל זי אַפילע ניט דערמאָנען. די גרױליקע איבערלעבונגען האָבן אױפגעקאָכט איר יוגנטלעכע שפּירעװדי־

קייט, אָבער עס איז איר געלונגען צו שטעלן אַ פּסיכישן ווידערשטאַנד און ניט איינצוברעכן זיך. זי האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז קיין צוריק איז ניטאָ און אַז וואָס פאַרא טאַקטיק מען זאָל ניט אָנווענדן אַף צו פּרוּוון ראַטעווען זיך, איז אַלץ אַרויסגעוואָרפן.

האָט זי דעריבער באַשלאָסן צו בלייבן שטאָלץ ביזן לעצטן מאָמענט און מאַמעש פּראָוואָצירן די נאַצישע קויל, קעדיי ניט צו דאַרפן דער־שטיקט ווערן אין גאַז־קאַמער.

די מעגלעכקייטן צו שטאַרבן פון אַ קויל איז ביי די אויסגעפּייניקטע פרויען געווען אַ טרוים. איינע פון די צום מערסטן עקזאַלטירטע און „איינפלוסרייכע” לאַגער־פרויען האָט זיך מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ באַ־רימט, אַז זי האָט באַקומען אָפיציעל די פּריווילעגיע דערשאָסן צו ווערן, ווען עס וועט „שלאָגן איר שאָ”, און קיינער האָט זיך גאָר צו איר, אין דער דאָזיקער מאַקאַברישער סוויווע, ניט געקענט גלייבן...

די שפּעטערדיקע קינדער־דיכטערין האָט ניט געקענט צוזען די אונ־טערטעניקייט, די האַכנאָעדיקייט, די בעטלערישע בליקן, מיט וועלכע פרויען האָבן געפּרוּווט אַרומצוימען זייער שטיקל לעבן. זי האָט באַ־שלאָסן צו „לעבן”, ניט לויט די געזעצן פון פאַרזיכטיקייט און פון בליני־דער געהאָרכזאַמקייט, נאָר צו שטעלן אַלץ אין קאָן מיט מענטשלעכער ווערדע און אַפילע מיט הומאָר. זי האָט אויסגערעכנט, אַז זי האָט ניט וואָס צו פאַרלירן, און אַז געווינען קען זי עפּשער „אַלץ”, — אין גע־שטאַלט פון אַן אויסלייזערישער קויל...

איין מאָל, אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג, האָט זי באַגעגנט דעם לאַגער־קאָמענדאַנט און האָט ניט אַרויסגעכאַפּט די הענט פון די קעשענעס, און ניט אויסגעצויגן זיי מיליטערישע, לעגנאַוויס דעם קערפּער, ווי מען האָט געמוזט טאָן לויט די פאַרשריפטן. האָט ער אויסגעגלאָצט אַף איר די וועלפישע קוקערס און אַ רעווע געטאָן:

— די הענט! פאַרוואָס האַלטסטו די הענט אין די קעשענעס?

האָט זי מיטן פולן ערנסט געענטפערט:

— ווייל איך האָב פאַרגעסן די הענטשקעס אין שטוב...

ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער:

— איך קען דיך איצט דערשיסן ווי אַ צויג!

געמיינט האָט ער אַז זי וועט אים פאַלן צו די פיס, בעטן ראַכמים און פּרוּוון אָפּשרייען די טויט־געפאַר, און ערשט דאַן וואָלט ער זי זיכער דערשאָסן. זי האָט אָבער רויק געענטפערט, מיט די הענט אין די קע־שענעס:

— איך וועל אײַך זייער דאַנקבאַר זיין, אויב איר וועט מיר פאַר־שאַפן דעם דאַזיקן פאַרגעניגן.

דער לומפּ איז געבליבן ווי צוגענאָגלט צו דער ערד. מיט אַן אויס־געקרימטער מאָרדע האָט ער אַ צישע געטאָן:

— ביסט פרעך ווי שטראַסענדרעק!

ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ביי דער נאָענטסטער געלעגנהייט וועט ער איר פאַרשאַפן „דעם דאַזיקן פאַרגעניגן"; אַז אַזאַ פּרעכטיקע דאַמע ווי זי, האָט קאָשער פאַרדינט „דעם דאַזיקן פאַרגעניגן" און אַז דאַנקען פאַר דעם דאַרף זי ניט, ווייל פאַרשאַפן אַזוינע פאַרגעניגנס — דאָס איז זיין עלעמענטאַרסטע דײַטשע פליכט...

ער האָט זיך צעהירזשעט און אַוועקגעטריבן זי מיט אַ „לאָס!", און זי איז זיך ווידער אַוועק מיט אַ געמאָסטענעם טראָט און מיט די הענט אין די קעשענעס!...

פון צייט צו צייט פלעגן פאָרקומען קערפּערלעכע אינספּעקציעס. נאַקעטערהייט פלעגן די פרויען אויסגעשטעלט ווערן אין רייען, און דער לאַגער־דאָקטער פלעגט מאַכן אַן אָפּקלייב פאַרן אויוון. דער מינדסטער פּרישטשיקל, דער קלענסטער פלעק אָדער לישיי, איז גלייכוועדטיק געווען צו אַ טייקעפדיקן טויט־אורטייל, אַן אַפּעלאַציעס און אַן טייִנעס־און־מיינעס.

דער דאָקטער האָט באַקומען אַ ווונק פון קאָמענדאַנט, אַז ער זאָל ביי דער שטאָלצער „דאַמע" געפינען עפּעס אויף איר לייב. אים איז געגאַנגען אין לעבן אַוועקצושיקן זי אין אויוון אויף אַ „לעגאַלן" אופן, ווייזן איר אַז זי אַליין האָט „אויסגעקליבן" די גאַז־קאַמער, אָבער זי האָט זיך גע־האַלטן אַזוי ריין, אַז קיינמאָל האָט מען גאָרניש געקענט געפינען אויף איר קערפּער.

איין מאָל, האַרט פאַר אַן אינספּעקציע, האָט זי, צו איר גרויסער שרעק, אַנטדעקט אַ פּאָר קרעצלעך אויף איר ברוסט. זי האָט זיך אָבער שנעל גענומען אין די הענט און באַשלאָסן אָנצווענדן איר מעטאָד.

ווען דער דאָקטער איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי די אויסגעשטעלטע נאַקעטע רייען, האָבן אַלע גאַז־קאַנדידאַטינס געפּרוווט פאַרדעקן און באַ־האַלטן זייערע הויט־פעלערן, ספּעציעל די אויסשיטן צווישן די פינגער, אָבער זייערע נערוון, זייער אָנגעשטרענגטקייט און זייערע ציטערנדיקע גלידער האָבן זיי געלייך פאַראַטן. די „דאַמע", ווידער, איז געשטאַנען מיט אַ שטאָלץ־אויסגעשטרעקטער ברוסט, ווי זי וואָלט געהאַט דאָרט ניט קיין קרעצלעך, נאָר עטלעכע גאָלדענע מעדאַלן...

דער גראָב־בײַכיקער דאָקטער האָט באַמערקט פון װײַטן איר „אויס־געצירטע" ברוסט און האָט זיך אַזש באַלעקט:

— אַך, זאָ! ענדליך! שעהן, שעהן! װאָס זאָגסט איזט דאַס, ליעבכען?

האָט זי מיט אַ ליבלעכן שמייכעלע, פול מיט דער ביטערסטער איראָניע, געענטפערט:

— ליעבער הער דאָקטער — דאַס זינד „בוטאָן ד'אַמור" (דאָס זײַנען קנאָספּן פון ליבע, ליבע־פרישטשיקלעך).

דער דאָזיקער ענטפער האָט אַזוי איבעראַשט און פריטשמעליעט דעם דאָקטער, אַז עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ספּאַזמאַטישער געלעכטער. ער האָט ניט אויפגעהערט צו קוויטשן „בוטאָן ד'אַמור, בוטאָן ד'אַמור" און האָט געװוישט די לאַך־טרערן װאָס האָבן געשפּריצט פון זײַנע אייגעלעך.

װען עס האָט אים אויפגעהערט צו װאַרפן אין לאַכיקן קאַדאָכעס, האָט ער „טיפזיניק" אַ שנאָרך געטאָן:

— „נו יאָ, װאָס איז דאָ דער װוּנדער? בײַ אונדז אין לאַגער לעבט זיך אַזוי װויל און גוט, אַז אונדזערע געערטע דאַמען פאַרגינען זיך צו פלעגן ליבע־פרישטשיקלעך, און װוּ? צװישן בײדע ברוסט־טײַבעלעך, סאַמע אונטערן הערצכען! יאַװאָהל, ליבעס מעדכען, פאַרלויפיק בלײַבסטו לעבן! מיר זײַנען דאָך ניט אַזוינע באַרבאַרן, אַז מיר זאָלן אַ דאַמע מיט „בוטאָן ד'אַמור" שיקן אין אויװון אַרײַן"...

זי איז געבליבן לעבן און איז װײַטער געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם שטערן און געענטפערט „ניט צו דער זאַך". זי האָט ניט פאַרלוירן איר מענטשלעכע װערדע און איר הומאָר, און דאָס האָט זי געראַטעװעט.

די נאַצישע באַיע, פּונקט װי די באַיע װאָס װערט דערעסירט אין צירק, האָט דערפילט אין איר אַ מין העכערע קראַפט. אין טהאָם פון אונטערטעניקײַט, דערשלאָגנקײַט און טעראָריזירטקײַט האָט דער באַיע אימפּאָנירט די דאָזיקע אַרויסרופערישע האַלטונג פון אַ שװאַך ייִדיש מיידל, װאָס מען קען צעקװעטשן װי אַ פלוי.

זיכער װאָלטן אירע פאַרדינסטן געװען אַסאַך גרעסערע װען זי נוצט אויס איר כאַראַקטער־פעסטקייט און איר זעלבסטבאַהערשונג אויף אַרויסצוטרעטן אין אָפענעם קאַמף אָדער אויף צו אָרגאַניזירן אַ קאָלעקטיװן װידערשטאַנד, אָבער װי עס זאָל ניט זײַן, האָט זי באַװיזן איבערצוקליגן דעם טאַליען און צו באַזיגן שאַרפזיניק דעם טויט.

די אומגעגנט פון געגנעם

אויך אַרום אַשוויענטשים מאַכט די נאַטור אַ שווײַג וועגן דעם וואָס עס איז פאַרבאָרגן אין איינעם אַ פאַרוואָרפענעם זומפּ אירן, 50 קילאָמעטער פון קראָקע.

זי איז באַרגיק און געפּאַלדעוועט די קראָקעווער נאַטור, און יעדער ווינקעלע פון דער אַלטער ערד איז יוגנטלעך אויסגעצירט, און אויסגעפּוצט און אויסגעגלעט לעקאָוועד פרילינג.

די צעברעקלטקייט פון דער לאַנדווירטשאַפט וואַרפט זיך דאָ שטאַרק אין די אויגן. די פעלדער זײַנען צעפּיצלט און צעפּאַרפלט אַף קליינינקע ערד־כאַלאָקימלעך, וואָס זעען אויס, אין פאַרגלײַך מיט דער ראַכוועס פון די אַרגענטינער קאַמפּן, ווי קיכעלעך, ווי לאַטקעס אָדער ווי קרעפּלעך... יעדער פּעניצל ערד איז פאַראַקערט און באַאַרבעט ביז צום סאַמע שפּיץ פון די בערג און ביז צום סאַמע ברעג פון די טײַכלעך. ניטאָ אין ערגעץ קיין שטיין, קיין ווילדער קוסט, קיין זומפּ. ניטאָ קיין פלעק און קיין בראָדעוועקע אַפן פּאָנים פון דער ערד. ריינקייט און יאָנטעוודיקייט ציט זיך פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט.

אויך די דערפלעך ביינדלען זיך פון ווײַטן מיט זייער דאָרפישן פּוץ און פאַרבנרײַכקייט.

די הײַזלעך זײַנען ניט סטאַם קײַן כאַטעס, צונויפגעשלאָגענע פון געהילץ און צונויפגעפּלאָכטענע פון שטרוי. פאַראַן געשמאַק און קאָקעטישקײַט אין די ליניעס, פאַראַן דעטאַלן פון קונסט־שניצערײַ אַרום די ראַמען פון די פענצטער און אַף די קראָקוועס פון די דעכער. אויסער דעם זײַנען די בערוועגעס פון די הײַזער באַפאַרבט פון דרויסן מיט רויטע און בלאָע פאַסן, און אַזוינע הײַזקעס זעען אויס ווי זיי וואָלטן געוועז אָנגעטאָן צו גיין טאַנצן אַ קראַקאָוויאַק...

די גאַנצע דאָרפישע פּאַנאָראַמע האָט אין זיך אייגנאַרטיקייט און סטיל, ציוויליזאַציע און לעבנספרייד.

אַזאַ איז דער שאַר־בלאַט פון אַשוויענטשים און אָט אין דער־אָ נאַטור איז אײַנגעוויקלט אַ שטיק פון אונדזער אומגליק...

וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צום אומגליק, ווערט די ערד אַלץ פלאַכער. די לאָנקעס זײַנען אָנגעפּיקעוועט מיט געל־זוניקע ראָמאַשקעבלימלעך און צווישן דער פריילעכער, פרילינגדיקער געל־גרינקייט שפּאַצירן אַרום ווײַסע גענדז מיט פּוכיקע גענדזעלעך, אָקערשט פון די אייער אַרויס. צעפּלדיקע שיקסעלעך, וואָס היטן אָפּ דאָס דאָזיקע ווײַסע לעבן,

פּאָכען צו אונדז מיט די הענט, און אַ מאַמע גאַנדז שרויפּט איר לאַנגן האַלדז אין אונדזער ריכטונג און גאַגערט צו אונדז גאָר פריינטלעך...
אין מיטן פון דער דאָזיקער פרילינגדיקער אידיליע שניידט דורך אונדזער אָמניבוס אַ געפּלאָנטער פון רעלסן. ער גיט זיך ראַפּטום אַ שטעל אָפּ, און מען מעלדעט אונדז שוין ווידער, אַז „דאָ איז עס..."

דאָ...

דאָ איז עס.
דאָ איז אָבער ניט אַזוי פּוסט ווי אין טרעבלינקע.
און כאָטש דאָ איז אַלץ האַלב־פאַרניכטעט, מעג זיך נאָך דער געגעם קומען לערנען דאָ ווי אַזוי צו זיין אַ גענעם...
דאָ — אין דער דאָזיקער טייוול־מיל, זיינען צעמאָלן געוואָרן 4 מיליאָן מענטשן. 3.600.000 זיינען גלייך פון די פּי־וואַגאָנען אַוועק אין די גאַז־קאַמערן און זיינען אַפילו ניט רעגיסטרירט געוואָרן אין דער נאַצישער טויט־בוכהאַלטעריע. די איבעריקע 400.000 זיינען קימאַט אַלע פאַרסאַרפּעט געוואָרן אַביסל שפּעטער, נאָכדעם ווי מען האָט אויסגעצאַפּט פון זיי דאָס לעצטן ביסל כּיעס.
דאָ איז געווען ניט סטאַם אַזוי זיך אַ טויט־לאַגער, נאָר אַ צענטראַלער שטאַם־לאַגער פון טויט. דאָ איז געווען אַ מוטער־לאַגער, וואָס האָט געהאַט 39 אָפּצווייג־לאַגערן אין אַנדערע ערטער.
פון דאָזיקן צענטראַלן טויט־זומפּ האָבן זיך געצויגן שפּינוועבס־פעדעם אַרום און אַרום, אין אַלע ריכטונגען. דאָ האָט מען ניט נאָר געברענט און געבראָטן, נאָר דאָ איז אויך געווען דער „גייסטיקער צענטער" פון דער מאָרד־סיסטעם. פון דאַנען האָט די אומדערמידלעכע פאַרניכטונג־מאַשין פאַרשפּרייט איר טוירע איבער אַלע ווינקעלעך פון אייראָפּע.
און אויסגעקליבן האָט מען דאָס דאָזיקע אָרט, ווייל דאָ האָט געפוילט אַן אומגעזונטער זומפּ און ווייל דאָס טרינקוואַסער פון דאָזיקן ערד־ווינקל האָט געטויגט צו אַלץ אויסער צו טרינקען...
און די מאַקסימאַלסטע צייט וואָס אַן ארעסטאַנט האָט דאָ געמעגט לעבן, איז געווען 3 כאָדאָשים.
איינער פון די הויפּט־קנאַקערס פון לאַגער האָט טאַקע וועגן לעבנס־דויער פון זיינע אַרעסטאַנטן פאָרמולירט אַט וועלכע סענטענץ אָדער אַפאָריזם: „יעדער אָנשטענדיקער לאַגער־אַרעסטאַנט דאַרף לעבן ניט לענ-

גער ווי 3 כאַדאָשים; אויב ניט, איז ער אַ גאַנעוו". דאָס הייסט, אַז ער איז אַף אַזוי ווײַט אומאָנשטענדיק, אַז ער האָט די האָזע צו גאַנווענען בײַ די נאַצים שטיקער פון זײַן אייגענעם לעבן... אָבער ס'האָט נאָך ניט געטראָפן דער פאַל, אַז די נאַצים זאָלן זיך לאָזן באַגאַנווענען... זיי האָבן קיינעם, כאָלילע, ניט דערלויבט צו זײַן אומאָנשטענדיק...

אַ צווייטער מאַסן־מערדער, — דער לאַגער־פירער פריטש, — פלעגט אויפנעמען די נײַע טויט־טראַנספּאָרטן אָט מיט וועלכן לאָשן:

„איך זאָג אײַך אָן, אַז איר זײַט דאָ געקומען ניט אין אַ סאַנאַטאָריע, נאָר אין אַ נאַציִשן קאָנצענטראַציע־לאַגער, פון וועלכן עס איז פאַראַן איין־איינציקער אַרויסגאַנג — דורכן קוימען. אויב עמעצן פון אײַך געפעלט עס ניט, קען ער זיך גלײַך אָפּטראָגן צו די עלעקטרישע שטעכל־דראָטן. די ייִדן צווישן אײַך דאַרפן וויסן, אַז מער ווי 2 וואָכן טאָרן זיי ניט לעבן; גאַלאָכים מעגן לעבן אַ כוידעש און אַלע אַנדערע — 3 כאַדאָשים".

אַזאַ איז געווען די פּערספּעקטיוו פון די גליקלעכסטע, פון די 10 פּראָצענט וואָס זײַנען אַרויס גאַנץ פון דער ערשטער טויט־סעלעקציע...

און אָט געפינען מיר זיך טאַקע אין דער דאָזיקער שטאָט פון 4 מיליאָן טויטע — „דאָ איז עס"...

אַ שפּאַציר אין גענעם

דער ערשטער הויף פונעם „דאָ איז עס" איז אַרומגעשטעלט מיט רויטע צווייסטאָקיקע קאַזאַרמע־מויערלעך. אָן אַ זײַט זײַנען אָנגעוואַל־גערט שווערע טאַטשקעס און עס הענגען אַף געשטעלן ריזיקע אַבצווענ־געס, מוירעדיק־גרויסע שמידערישע צוואַנגען, ווי מען וואָלט זיך דאָ גע־קליבן מיט איין ריס אָפּצושינדן די הויט פון לעבעדיקע באַשעפעניש...

נאָכן ערשטן גענעמדיקן גרוס פירט מען אונדז קוידעם־קאָל אַוועק אין דערבײַיִקן פאַרניכטונגס־לאַגער בזשעזשינקע (בירקענאַו), אַ 3 קילאָ־מעטער ווײַטער אין זומפּ.

אַ שעטעך פון 175 העקטאַר איז דאָ געווען געשמידט אין קייטן, — קייטן פון שטעכל־דראָט, גראָבנס און וואַך־טורעמס. די דאָזיקע נאַציִשע קייטן זײַנען צעריסן און צעפליקט, אָבער זיי בילדן נאָך ביז איצט דעם פּירעק, אין וועלכן עס זײַנען געווען אײַנגעראַמט די 500 באַראַקן, אַ טייל פון וועלכע עס זײַנען געבליבן גאַנץ.

די באַראַקן זײַנען צונויפגעקלאַפּט געוואָרן לויטן מאָדעל פון פעלד־

שטאַלן פֿאַר פֿערד. אין יעדן באַראַק איז געווען אָרט פֿאַר 52 פֿערד, אָדער העכסטנס 300 מענטשן, אָבער אין דער ווירקלעכקייט פֿלעגט מען דאָרט אַרײַנפּרעסן מער ווי 1.000.

איבערקומען די נאַכט פֿלעגט מען אַף די נאַלע ברעטער פֿון דרײַ־שטאָקיקע פּריטשעס. אין די פֿרויען־באַראַקן איז געווען אַזוי ענג, אַז אין געוויסע מאָמענטן פֿלעגן זיך אַף אַ פּריטשע פֿון אָנדערטהאַלבן מעטער די ברייט דאַרפֿן אויסלייגן 12 פֿרויען. אַפֿילע ליגנדיק אַף אַ זײַט, פֿלעגט מען אַף אַזאַ מין סאָרט געלעגער צען מאָל אַ נאַכט האַלטן אין דערשטיקט ווערן.

עסן האָט מען געגעבן „קאַדאָכעס אין אַ קליין טעפּעלע". אַנשטאָט אַ מינימום פֿון 4.800 קאַלאָריעס, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן, האָט מען לויטן נאַציישן נײַ־וויסנשאַפֿטלעכן יוישער, געדאַרפֿט באַקומען 1.300, אָבער אָנקומען פֿלעגט אַסאַך ווייניקער, ווײַל די קאַפּאָס און זייערע געהילפֿן פֿלעגן אַראָפּנעמען די „שמאַנט" פֿונעם ביסל קאַדאָכעס...

און דאַן — דאָס נאָרמאַלע לעבן: סעלעקציעס, מאַקעס־רעצעך, פּיזישע און מאָראַלישע צעטראָטנקייט, אַוווידאָס־פּערעך, פֿראָסט אַפֿן נאַקעטן לײַב, לײַז, שילשל, קראַנקײַטן... יעדן פֿרימאָרגן פֿלעגט אַרויספֿאָרן דער אַזוי־גערופֿענער „פּליישוואָגן" און צונויפֿזאַמלען די קופּעס מייסים, וואָס זײַנען אַרויסגעוואַקסן פֿון דער שוואַרצער נאַכט... דאָס איז געווען אַ צוגאָב־געדעטעניש צום שניט פֿון די גאַז־קאַמערן...

פֿאַרן דערמאָרדן אַ קאַצעטניק פֿלעגן די שאָמרים באַקומען ספּעציעלע פּרעמיעס און אַ צוגאָב־אורלויב, אַזוי אַז די אַרעסטאַנטן פֿלעגן זיך יעדן מאָמענט ריכטן אַף אַ קנאַק מיט אַ שטעקן אין קאָפּ אָדער אַף אַ קויל אין נאַקן... איינער פֿון די מערדער האָט זיך שפּעטער מוידע געווען, אַז ער האָט אַף זײַן אייגענעם כעשבן און מיט די אייגענע הענט דערהאַרגעט 25.000 מענטשן...

מיר דערנענטערן זיך צו די אויפֿגעריסענע גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָרעס. ברוכשטיקער פֿון בעטאָן און פֿון פֿאַרזשאַווערטע אײַזערנע שטאַנגען וואַלגערן זיך אין בלאָטע, און די אַרומיקע הייליקע ערד, אַף וועלכער מיר מוזן טרעטן, איז אַף טריט און שריט בוכשטעבלעך דורכגעשפּרענקלט מיט ווײַסן אַש־זאַמד פֿון מענטשלעכע ביינער.

די פֿראַנצויזישע דעלעגאַציע וויקלט פֿונאַנדער 2 פּאַרטיזאַנישע פֿאָנען. מיט לעוואַיע־טריט גייען מיר צו צום פּראָוויזאָרישן דענקמאָל פֿאַר די פֿאַרשניטענע און אַ געוועזענע „פּענס־אַניסטקע" פֿונעם טויט־לאַגער שנײַט אויף אַלעמענס הערצער מיט אירע האַזקאָרע־רייד. אַן אונגאַ־

רישער ראָװ כליפּעט אַרױס פֿון זיך די טענער פֿון „אל מלא רחמים”.

דאָ, אונטער אונדזערע טריט, זײַנען אויסגעהויכט געװאָרן די פֿאַרגאַזטע און פֿאַרפּייניקטע נעשאָמעס פֿון 4 מיליאָן מענטשן, וואָס האָבן געהערט צו 29 פֿעלקער. גאַנץ אייראָפּע איז דאָ געשטיקט און גערוואָרגן געוואָרן, איז דאָ געסאַמט און געברענט געוואָרן.

די „אַרויסגיביקייט” פֿון די גאַז־קאַמערן האָט דאָ געקענט דערגרייכן צו 30.000 דערשטיקטע אין אַ מעסלעס, אָבער די קרעמאַטאָריעס האָבן געקענט פֿאַרברענען „בלויז” 12.000. צוליבן דאָזיקן „פֿאַרדריסלעכן דעפֿיציט” האָט מען דעם איבערפֿלוס פֿון די טויטע קערפּערס געמוזט ברענען אין גראָבנס און אויף שייטער־הויפֿנס.

עס איז פֿאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז די הענקער האָבן, פֿאַרן פֿאַרברענען, פֿאַרגאַזיקט זייערע קאָרבאָנעס ניט צוליב אַ וועלכן ניט איז נאַציש „הומאַניזם”, ווי אומווירדיקע אַדוואָקאַטלעך האָבן געפּרוּווט אויספּילפּלען אויף די פּראָצעסן פֿון די מערדער, נאָר צוליב לוינעוודיקייט און קאַלטער אויסרעכענונג. אין געציילטע מינוטן פֿלעגן 1.200 מענטשן אויסגיין אין איין־איינציקער גאַז־קאַמער, און דאָס האָט אויסגעמאַכט ביליק, געדויערט שנעל, ניט אָנגעמאַכט קיין טומל און געשטימט מיטן דײַטשן באַגריף פֿון באַקוועמלעכקייט, ריינקייט און שפּאָרזאַמקייט...

פֿון טאָג צו טאָג זײַנען אין לאַגער געוואַקסן די טאָנען פֿון מענטשלעכן אַש. פֿון אָנהייב האָט עס די נאַצים ניט געאַרט. זיי האָבן אַפֿילע אויסגעשאָטן מיטן דאָזיקן אַש די סטעזשקעלעך אַרום זייערע הײַזער, ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדלט פֿון צעשטויסענע יאַם־מושעלעך. שפּעטער אָבער, ווען דער אַש האָט ווי אַ געדיכטער שניי גענומען פֿאַרשיטן דעם לאַגער, און ווען דער ווײַטער אָפּהילך פֿון די רויטאַרמייאישע קאַנאָנען האָט גענומען פֿריקרע אָפּקלינגען אין די נאַצישע אינגעווייטן און געדערעם, האָבן זיך די מערדער דערשראָקן פֿאַרן אַש און פֿאַר די ניט־דערברענטע ביינדלעך.

פּונקט ווי זיי האָבן זיך פֿריִער אַרויסגעהאָלפֿן מיט פֿײַער, זײַנען זיי איצט אָנגעקומען צו וואַסער. עס איז געפֿאַלן דער באַשלוס: דערטרינקען; באַהאַלטן אין וואַסער דעם פֿאַרברעכן, ווײַל וואַסער קען מען דאָך ניט אויפֿגראָבן...

גרעסערע סכומים אַש האָט מען דערטרונקען אין דער ווײַסל און אין קלענערע טײַכן, אָבער אין לעצטן מאָמענט האָט מען געמוזט אָנקומען צו די זומפּן און סאַזשלקעס פֿון לאַגער גופֿע.

מיר דערנענטערן זיך צו עטלעכע אַזוינע אַש־סאַזשלקעס.

דאָס פעטע וואַסער זייערס איז פאַרפוילט, פאַרשימלט און פאַרוואָקסן מיט אַ געפּלאָנטער פון צעקודלטע שווערד־גראָזן. די דאָזיקע ווילדע און מיִעסע גראָזן, שפּיציקע, שאַרפע און איבערגעוואַקסענע, האָבן זיך איבערגעפּרעסן מיטן קאַלך און פאָספאָר פונעם אַש, און זיי זעען אויס ווי אַ האָרדע פאַרביסענע געשטאַפּאָניקעס...

דאָס וואַסער האָט ניט באַוויזן צו פאַרבאָרגן דעם אַש. די גראָלעכע טויט־בלאַסקייט פון די אַש־שיכטן שלאָגט זיך דורך דורך דער וואַסער־אויבערפלאַך, און עס איז גענוג בלויז אַרײַנצושטעקן די האַנט, קעדיי אָנצונעמען אַ פולן הויפּן מיט געדיכטן אַש־טייג...

דער איינציקער סימען פון לעבן אין די סאַזשלקעס זײַנען הונדערטער קליינע זשאַבקעלעך, וואָס גליטשן זיך און שפּרינגען אַרום איבערן מענטשלעכן אַש. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז די דאָזיקע זשאַבקעלעך זײַנען נאַצים אין מיניאַטור און אַז זיי באַלעבאַטעווען אין וואַסער איבער די דערטרונקענע יִידישע רעשטלעך...

דער דאָזיקער צושטאַנד איז, כאָלילע, ניט קיין אויסדרוק פון אַ פּכיסאַס־האַקאָוועד פאַר די רעשטלעך פון די מאַרטירער. די פּוילישע רעגירונג וויל קאָנסערווירן די פאַרניכטונגס־ערטער אין זייער נאַטירלעכן אויסזען, אַזוי ווי די נאַצים האָבן זיי איבערגעלאָזט, קעדיי מען זאָל כאָטש קענען קריגן אַ שטיקל דירעקטן אײַנדרוק פונעם פאַרגאַנגענעם שוידער.

מיר קלײַבן זיך צוריק.

אַרום איז אַ וויסטע טויט־שטילקייט. די נאַטור זעט דאָ אויס ווי זי וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון פרילינג. אַ מאָדנע געדריקטקייט ליגט אויף יעדן גרעזעלע, אויף יעדן שפּאַן ערד. די לופט איז דאָ פאַרשטיקט פון אַ כראָנישער פאַרנעפּלטקייט, און עס הענגט דאָ, ווי אַן אײַנגעגעסן רעגנדל, אַ מעשונענדיקע פאַראומערטקייט אַרום און אַרום.

צווישן די טויטע סאַזשלקעס שטייט דער שוואַרצער סקעלעט פון איין־איינציקן פאַרברענטן בוים. אויף זײַנע פאַרבראָכענע, פאַרקוילטע צווײַגן טאַנצט ניט אַרום קיין פרילינגדיקע שוואַלב. אַפילו קיין שוואַרצע קראָ זעט מען דאָ אין ערגעץ ניט...

28 מויערן פון טויט

אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען מיר צוריק אין געמויערטן אָשוויענטשים — אין צענטראַלן טויט־קאָמבינאַט פונעם מאָרד־לאַגער.

צווישן די 28 ציגלנע הײַזער־בלאָקן ציט זיך די רויטע גאַס פון טויט. דאָ האָט דער טויט געבושעוועט אין באַקוועמערע באַדינגונגען, — ניט אין הילצערנע באַראַקן און שטאַלן, נאָר אין סאָלידע טונקל־רויטע מויערלעך, מיט גאַניקלעך און מיט טרעפּלעך, כאָטש נעם און טאַנץ אַרײַן אין זיי...

און אָט זײַנען די שוידער־בלאָקן 10 און 11.

אין איינעם פון זיי האָבן די מעדיצינישע מערדער געשניטן שטיקער פון לעבעדיקע מענטשן, אַרײַנגעהאַקט גיפטיקע נאָדלען אין הערצן, גע־מאַכט טויט־אײַנשפּריצונגען, געקאַליעטשעט די שענסטע און יינגסטע קערפּערס, געבראָכן ביינער, אַרויסגערופן אייטערדיקע וווּנדן, סטערעלי־זירט, קאַסטרירט, געשניטן אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי אין אַ פּאָשע־טער יאַטקע.

דער אַנדער בלאָק איז געווען אַ טורמע אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער... דאָס איז געווען אַ טויט־קאַרצער, וווּ מען פלעגט מיט די טײַוולאָ־נישסטע פּײַניקונג־אינסטרומענטן דרעשן די גלידער פון די פּאָליטיש־פאַרדעכטיקטע. אין הויף, צווישןביידע בלאָקן, פלעגט מען זיי שפּעטער דערשיסן.

בײַ דער עקזעקוציע־וואַנט אין דאָזיקן הויף, וווּ עס זײַנען דערשאָסן געוואָרן 20.000 רעוואָלוציאָנערן און פּאַרטיזאַנער, האָבן מיר זיך אָן אַ וואָרט אין מויל און מיט פעלדבלומען צווישן די פאַרקראַמפּטע פינגער אָוועקגעשטעלט אויפן אָרט פון די דערשאָסענע. מיר זײַנען געבליבן פאַרגלי־וערט און פאַרשטיינערט, אויפן זעלבן אָרט, וווּ זיי זײַנען געשטאַנען צום לעצטן מאָל, מיט דער לעצטער סעקונדע לעבן אין די אויגן...

די דאָזיקע 28 גרויל־מויערן וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אינטער־נאַציאָנאַלן אַנטיפאַשיסטישן מוזיי, און יעדער איינער פון די פעלקער, וואָס זײַנען זיין האָבן דורכגעבלוטיקט אָשוויענטשים, וועט באַקומען אַ באַזונ־דערן בלאָק.

דער מוזיי פון פּוילישן בלאָק איז שוין קימאַט ווי אויסגעענדיקט און ער איז גאָר שטאַרק יידיש...

הינטער ריזיקע שויבן, פון 5 מעטער די ברייט אויף 3 די הייך, איז קאָנסערווירט דאָס איבערבלײַבעכץ פונעם שוידער:

בלאָנדע און שוואַרצע בערג מיט לעבן־געבליבענע האָר פון די פאַר־ברענטע פרויען; קוליעס און פּראָטעזן, וואָס זײַנען געבליבן גאַנץ, אין דער צײַט ווען די לעבעדיקע גלידער פון זייערע באַלעבאַטים זײַנען לאַנג שוין נישטאָ...; טשעמאָדאַנעס מיט אַדרעסן און נעמען, — 99 פּראָצענט פון זיי יידישע; ראַזיר־בערשטלעך, צאָן־בערשטלעך, ברילן; אַ טויטע פאַרבן־שפּיל פון שיסלען, טעפּ און געפעס; אַן אָנגעוואַלגער פון שוואַקס־פּושקעס פון דער גאַנצער וועלט...

פון אַנדערע גלאָז־ווענט קוקן אַרויס בייז און ציניש פּיראַמידעס מיט פּושקעס פון גאַז ציקלאָן; פאַרגרעסערטע בילדער פון סעלעקציעס, גענויע מאָדעלן פון קרעמאַטאָריעס און גאַז־קאַמערן, צענומענע קאַלך־אויוונס.

און צווישן פאַרטרויערטן גלאָז — אַ נאַקעטער, שענדלעכער פּלאַקאַט: דער יודענראַט פון קעלן גיט צו וויסן די „גלאַובענס־גענאָסען", אַז מען זאָל אָן מוירע פאָרן קיין אָשוויענטשים, ווײַל דאָרט איז שיר ניט קיין גאַניידן פאַר ייִדן...

די דײַטשע טעקסטיל־אינדוסטריע, וואָס האָט געצאָלט 50 פעניג פאַר אַ קילאָ פרויען־האָר, האָט פון די בערג געשענדעטע האָר געשפּינט און גע־וועבט שטאָף. מיר האָבן געזען דעם דאָזיקן „האָריקן" שטאָף, וואָס איז טאָקע שטאַרק האָריק געווען. ניט אַלע הערעלעך האָבן זיך געלאָזט דיס־ציפּלינירן. אַסאַך האָבן זיך ניט געלאָזט אײַנפעדעמען, אײַנשפּינען, און זיי זײַנען אַף אַ רעבעלישן אויפן געבליבן שטיין טראָציק, אַרויסגעקראָכן פונעם געוועב און געשאַפן אַ מין האָריקן נעפּל איבער דער אויבערפלאַך פון דיקן שטאָף. מען זאָגט, אַז דער דאָזיקער שטאָף איז אין די מילכאָמע־יאָרן שטאַרק אַרײַן אין דער מאָדע בײַ די דײַטשקעס...

מיר האָבן געענדיקט אונדזער טרויער־מאַרש איבער דער רויטער גאַס און געשטעלט אונדזער לעצטן טראָט בײַ דער טליע פון רודאָלף העס, דעם הענקער פון אָשוויענטשים. ערשט דאָרט האָבן מיר, צום ערשטן מאָל, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם...

פאַרברעכן און שטראָף

4 אַ האַלבן יאָר, פון יולי 1940 ביז יאַנואַר 1945, האָבן די קוימענס פון אָשוויענטשים אויסגערויכערט 4 מיליאָן מענטשן...

דעם 27סטן יאַנואַר 1945 האָט די רויטע אַרמיי אַרײַנגעשטורעמט אינעם לאַגער. פון די 4 מיליאָן קאָרבאָנעס, וואָס די נאַצים האָבן אַרײַנגע־פירט אַהין, האָבן די רויטאַרמייער געקענט אַרויספירן בלויז אַ פּאָר טויזנט

קאַליקעס, צווישן זיי 200 קינדער, פון וועלכע די נאַציס האָבן געהאַט געצאַפּט דאָס בלוט.

דאָס ווערטל „געצאַפּט דאָס בלוט" נוצט מען געוויינטלעך ווי אַ מעטאַפאָרע, ווי אַן אויסדרוק פון אָנטאָן יענעם גרויסע לײַדן, אָבער אין פאַל פון אָשוויענטשים דאַרף דער אויסדרוק גענומען ווערן אזוי ווי ער קלינגט, אזוי ווי ער שטייט און גייט. מען האָט פון די יונגע קינדער געצאַפּט דאָס בלוט ווי ווײַן פון אַ פעסל און געטאָן האָט מען עס סײַ צוליב „עקספּערימענטן" און סײַ קעדיי צו פאַרנוצן דאָס יונגע בלוט פאַר הויכגעשטעלטע נאַציס וואָס האָבן געקרענקט אויף אַנעמיע, אָדער געניטיקט זיך אין אַ דעליקאַטער טראַנספוזיע.

ניט אַלע פאַרברעכער און בלוטצאַפּער האָט מען געכאַפּט. צוזאַמען מיט העסן האָט מען דערשטיקט אויף די טליעס פון אָשוויענטשים, וואַרשע און נירנבערג נאָך 33 אוישוויצער וואַמפּירן.

אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד האָט מען אויך געמישפּעט דעם צושטעלער פון ציקלאָן־גאַז — דר. גערהאַרד פּעטערס, אָבער אַדענאַוערס יוסטיץ האָט אים באַפרײַט פון יעטווידער שולד, מאָטיווירנדיק דעם אורטייל אָט מיט וועלכן שאַנד־און־שפּאָט־אַרגומענט: „מען קען ניט דערווײַזן, אַז מיט ציקלאָן־גאַז האָט מען ווירקלעך געטויט מענטשן אין אָשוויענטשים".

מיט דער זעלבער לאָגיק וואָלט מען אויך געקענט זאָגן, אַז מען קען ניט פעסטשטעלן צי אַ שלאַקס־רעגן איז נאַס אָדער טרוקן, אָבער די דאָזיקע לאָגיק איז פונדעסטוועגן פולשטענדיק גילטיק געווען אויף צו פאַרזיכערן די פרײַהייט פונעם אָפּסאַמער פון 4 מיליאָן מענטשן...

די פּוילישע מעלוכע האָט נאָך ניט געשלאָסן דעם שטראָף־קאַפּיטל פון אָשוויענטשים; זי זוכט און זי נישטערט, און זי איז דעצידירט ניט צו דערלאָזן אַז די צײַט זאָל פאַרווישן די שולד.

גלײַכצײַטיק מיטן פונאַנדערבויען דעם אינטערנאַציאָנאַלן גרויל־מוזיי, וווּ די נאַצי־פאַרברעכנס זאָלן וויסנשאַפטלעך און רעאַליסטיש פּאַראייביקט ווערן אויף דויער־דורות, מאַכט די מעלוכע צוגרייטונגען אויפצושטעלן אַ ריזיקן מאָנומענט פאַר די 4 מיליאָן פאַרצוקטע און פאַרשניטענע. פון 30 לענדער פון איראָפּע זײַנען אָנגעקומען 400 דענקמאָל־פּראָיעקטן, וואָס ווערן באַטראַכט דורך אַ ספּעציעלער עקספּערטן־קאָמיסיע פון קינסטלער, אינזשעניערן, היסטאָריקער און געוועזענע קאַרבאָנעס פון לאַגער.

מיר זײַנען געווען אין גענעם און אַרויס פון אים בעשאָלעם. און אַרויס זײַנען מיר פון אים בעשאָלעם, ווײַל די רויטע אַרמיי האָט אים געהאַט

אויפגעבראָכן און געלאָזט אויסרינען פון אים, ביזן לעצטן טראָפּן, די ברענענדיקע פאַשיסטישע סמאָלע...

אַרויסגיין פרײַ פון געפעם! — ווי דערהויבנדיק און באַפליגלדיק דאָס דאָזיקע געפיל איז.

און אַט דאָס דאָזיקע געפיל איז בײַ אונדז געוואָרן נאָך שטאַרקער, ווײַל צוזאַמען מיט אונדז האָט זיך געפונען אַ ליכטיקער, אַ לײַבלעכער שפּליטער פון דער רויטער אַרמיי — דער גענעראַל דראַגונסקי.

ער איז אַרויסגעגאַנגען דער ערשטער און מיר זײַנען אים נאָכגעגאַנגען, און פּונקט ווי די באַפרײַטע פון 13 יאָר צוריק, וואָס זײַנען אַרויס דורכן זעלבן טויער, האָבן מיר געהאַט דאָס טיף־טיפע געפיל, אַז די רויטע אַרמיי עפנט אונדז דעם וועג...

פּאַר און נאָך אָשוויענטשים

אונדזער טרויער־טאָג אין אָשוויענטשים איז פאַרלאָפן צווישן צוויי פײַערלעכע נעכט, — נעכט אין וועלכע דאָס נײַע פּוילן האָט אונדז דרײַ מאָל אָפּגעגעבן קאָוועד. געשען איז עס אין קראָקע, אין נאָווא הוטאַ און אין קאַטאָוויץ.

קראָקע איז די גרויז־גראָע קרוינשטאָט פון אַלט־געשיכטלעכן פּוילן, נאָווא הוטאַ — די יונגיטשקע וווּנדער־שטאָט פון נײַ־אינדוסטריעלן סאָציאַליסטישן לאַנד, און קאַטאָוויץ — דער קאָכיקער צענטער פון דער פּוילישער שווער־אינדוסטריע.

אַלע דרײַ ליגן זיי אַ שפּאַן פון אָשוויענטשים און אַלע דרײַ האָבן געוואָלט ליכטיקער מאַכן אונדזער געבראָכענעם געמיט.

האָט מען אונדז אויפגענומען מיט מעלוכישע באַנקעטן, מיט טרייסטרייד און מיט אַנטיפאַשיסטישער עקזאַלטאַציע.

אין נאָווא הוטאַ האָט אונדז דער „פאַרבאַנד פון קעמפער פאַר פרײַהײַט און דעמאָקראַטיע" אויפגענומען מיט אַ בלאָז־אָרקעסטער, און אַפן זעלבן אָרט, וווּ מיט פופצן יאָר צוריק וואָלט מען אָנגעטאָן אַף אונדזער ברוסט די געלע לאַטע, האָט מען אונדז דעקאָרירט מיט דער ערן־אָפּצייכענונג פון די פּוילישע פּאַרטיזאַנער...

מען האָט אונדז געוויזן דעם אַלט־ייִדישן געטאָ־ווינקל פון קראָקע: בראָך, פאַרניכטונג און צעטראָטנקייט.

פון דער אַלטער פאַרסאַרפּעטער שטאָט־שול איז בלויז געבליבן דער פאַרסמאָליעטער פּאַרקן, אָבער זי שטייט אויף טכיאַס־האַמייסים, צווישן אַ

געפֿלעכט פֿון רושטאַװאַניעס, כאָטש מאַשיאַך איז נאָך ניט געקומען... די סאָציאַליסטישע מעלוכע בויט צוריק אַפֿ די שול מיט אַלע סטיליסטישע פּיטשעװקעס פֿון דער פֿאַרשװוּנדענער. דער פֿאַקולטעט פֿון אַרכיטעקטור פֿון יאַגעלאָנער אוניװערסיטעט איז זיך מיסאַסעק מיט אַלע אײנצלהײַטן, און אַ סטודענט פֿון דאָזיקן פֿאַקולטעט, אַ טיפּישער פּױלישער „שײגעץ", קלערט אונדז טאַקע אויף אַלע פּראָטים פֿון דער סינאַגאָגאַלער אַרכיטעקטור פֿון 14טן, 15טן און 17טן יאָרהונדערט...

אָפּגעפֿונען גאַנץ האָבן מיר דאָס בעסמעדרעשל פֿון באַרימטן קראָקעװען גאָען — דעם רמא (רעב מױשע איסערליש). אַף די װענט: אַלט־אָפּגעקראָכענע מאָלערײַען פֿון נויעכס טײװע, פֿון קױסל מאַאַראָװי, פֿון ראָכלס קייװער; אַפֿן הויף — אַן אַלט־אַלטיטשקער בײס־אױלעמל. צעבראָכענע און פֿאַרזונקענע מאַציײװעס, װאָס זײַנען גרין און גראָ פֿון אַלטקײַט, ליגן אויסגעלייגט, װי זיי װאָלטן געפֿאַלן קוירים (כורעים). בלויז אײנצלנע פֿאַרשװאַרצטע שטיינער שטײען האַלב־אָנגעבויגן װי לעצטע צײנער אין אַ פּוסטן זקײנישן מויל...

דער היסטאָרישער שלאָס אין קראָקע

פֿון ייִדישן נידער הייבן מיר זיך אויף צו די הויכקײַטן פֿון װאַװעל, דעם אַלט־קעניגלעכן, אַלט־לעגענדאַרישן שלאָס פֿון דער פּױלישער געשיכטע, אַרום װעלכע עס װיקלען זיך די טויזנטיאָריקע לעגענדעס װעגן אויפֿקום פֿון פּױלן.

אין דאָזיקן שלאָס האָט פּילסודסקי געהייסן באַגראָבן זײַן האַרץ, און דער נאַצישער טאַליען פֿון פּױלן, האַנס פֿראַנק, האָט דאָ אײַנגעאָרדנט זײַן רעזידענץ. פֿונעם הייליקסטן אָרט פֿון פּױלן האָט דער נאַציזם דערנידעריקט און באַשפּיגן דאָס פּױלישע פֿאָלק...

דאָס אָרט איז געװען פֿאַרהייליקט נאָך אין דער פּאַלעאָליטישער עפּאָכע, און מען האָט זיך דאָרט דערגראָבן צו געבעט־הײַזער װאָס שטאַמען פֿון די געצנדינערישע צײַטן. יעדער יאָרהונדערט האָט עפּעס איבערגעלאָזט און יעדער קייסער האָט צוגעבויט קאַמערן פֿאַר זיך און קאַטעדראַלן פֿאַר זײַן גאָט.

שפּעטער איז צוגעקומען אַ גאָטישער שלאָס און באַקװעמערע פּאַלאַצן, און נאָך שפּעטער האָט דער רענעסאַנס אַרײַנגעבלאָזן איטאַליענישע פֿרישקײַט אין דער גאָטיש־גערמאַנישער פֿאַרשטיקטקײַט, און עס זײַנען אויך צוגעקומען פּױלישע פֿאָלקס־מאָטיװן אין דער אַרכיטעקטור.

די מילכאָמעס, אינוואַזיעס און צעטיילונגען פון פוילן האָבן געריסן פונעם שלאָס שטיקער, און זינט דעם יאָר 1903 האָט מען אים אין איין איבערבויען און רעסטאַווירן, אָבער דער איניען איז אַזוי קאָמפּליצירט, אַז מען האָט נאָך אַלץ פון פאַרענט...

אַז מען קלעטערט אַרויף אַפן באַרג פונעם שלאָס און מען פאַרבלינעט זיך מיט פינף קילאָמעטער גרין־בלאָער שיינקייט פון דער פרילינגדיקער ווייסל, דערזעט מען קוידעמקאָל דעם „טורעם פון די גאַזלאָנים" — אַן אַלטערטימלעכע קיילעכדיקע טורמע, ווו מען פלעגט פאַרשפּאַרן בלוט־פאַר־גיסער. שפּעטער באַגעגנט מען זיך מיט אַ קלויסטער, וואָס זיין קופּאָל איז געגאָסן פון ריינעם גאָלד, און נאָך שפּעטער שפּאַנט מען דורך הויפן און הויפן, ביז מען גייט אַריין, דורך געשניצטע פּאָרטאַלן, אין צענטראַלן פּאַלאַץ, וואָס די ווענט זיינע זיינען פון אָנדערטהאַלבן און דריי מעטער די דיק...

מיר שפּאַנען דורך בלויז עטלעכע הויפּטזאַלן און פאַרקוקן זיך לענגער אַפן טראָן־זאַל און סענאַטאָרן־זאַל.

די ווענט זיינען באַדעקט מיט מאָלערייען און פריזן פון 16טן יאָר־הונדערט און אייניקע זאַלן זיינען אויסגעצירט אין געמאָלענע און גאָלד־געשטיקטע טאַפּעטן פון לעדער. אַ ניט־געוויינטלעכן איינדרוק מאַכט די אָרנאַמענטיק פון די סטעליעס. אַלע סטעליעס זיינען אויסגעלייגט מיט קליינע און טיפע פילפאַרביקע קוואַדראַטן, וואָס זעען אויס ווי איבערגעקערטע ברונימלעך, מיט פאַרשיידענע גאָלדענע צאַצקעס אינעווייניק. אַלע סטעליעס זיינען געדיכט אויסגעשטערנט מיט די דאָזיקע אַזוי־גערופענע פּאָליכראָמישע ראָזעטן.

אין טראָן־זאַל האָט יעדע סטעליע־קעסטעלע אַ געשניצטן הילצערנעם קאָפּ פון אַ מענטשן. דאָס זיינען קעפּ פון כאַשעווע הויף־לייט, וואָס זיינען אַף אַזאַ מין אויפן פאַראייביקט געוואָרן אַף דער סטעליע, אָבער די דאָזיקע גרונוואַלד, פּאַנצערס, שפּיזן, שווערדן, טראָגען, באַשלאָגענע קופּערטן און קאָלערליי קלאַפּער־געצייג פון די אַלטע בלוט־פאַרגיסונגען.

די צימערן זיינען פול מיט אַלטע מילכאָמע־טראָפּייען, ווי: טערקישע געצעלטן פון אָריענטאַליש־מאַסיוון זייד, פאָנען פון די פּרייסישע קרייצלער וואָס האָבן געבראַכן האַלדז און נאַקן אין דער באַרימטער שלאַכט בא גרונוואַלד, פּאַנצערס, שפּיזן, שווערדן, טראָגען, באַשלאָגענע קופּערטן און קאָלערליי קלאַפּער־געצייג פון די אַלטע בלוט־פאַרגיסונגען.

פון די עטלעכע הונדערט וואַנט־קאָוויאָרן און גאָבעלינען, וואָס זיינען אוניקומס אין דער גאַנצער וועלט און וואָס זיינען אין די ערשטע טעג פון

דער מילכאָמע „גערעטעוועט" געוואָרן דורך די אַנטלויפנדיקע פוילישע פּאָלקאָווניקעס, זיינען 120 שפּעטער צוריק אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון די „ראַטעווערס" הענט דורכן ראַטנפאַרבאַנד און אומגעקערט געוואָרן אין וואַוועל. די איבעריקע זיינען דורך די פאַשיסטן דעפּאָזיטירט געוואָרן אין קאַנאַדע, אָבער די איידעלע קאַנאַדער רעגירונג האָט זיך לאַנגע יאָרן ניט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, אַז עס איז פאַראַן אַ נייער פּאָלקס-באַלעבאָס פון די דאָזיקע אוצרעס... אַזוי ווי צוגעלאַקכנט האָבן די פריערדיקע פּאָל־קאָווניקעס, האָט זי ניט געגאַסנט צוריק און פּאַרטיק... עס זיינען שוין, אָבער, דאָ סימאָנים, אַז די דאָזיקע קאַנאַדער איינגעשפּאַרטקייט האַלט אין נאָכלאָזן און ווייכער ווערן, און אַז די וואַוועל־גאָבעלינען וועלן זיך סאָף־קאָל־סאָף אומקערן צו זייערע היימלאַנדישע ווענט.

מען דאַרף זיך צוקוקן מיט וואָס פאַר אַ פּיעטעט די יונגע קונסט־עקספּערטן פון נייעם פּאָלקס־פּוילן ציטערן איבער יעדן ווינקעלע און ברעקעלע פון וואַוועל; מיט וויפל פאַרדרוס זיי ריידן וועגן די פאַרלוסטן און מיט וואָס פאַר אַן ערודיציע זיי רעסטאַווירן און לעבן־אויף דאָס צעשטערטע. ווי גאַנץ פּוילן, ליגט אויך דער וואַוועל אין גוטע הענט...

נאָכן אוראַלטן וואַוועל באַגעגענען מיר באַנאַכט די יונג־יונגיטשקע נאָוואַ הוטאַ, וואָס איז מיט פינף יאָר צוריק געלעגן נאָך אין די וויקעלעך און וואָס איז איצט דער אינדוסטריעלער שטאָלץ פון פּוילן. אַ ווינקל באַ־לויכטענע נאַכט דעקט אונדז אויף שלאַנקע צעמענטענע בלאָקן, ספּיראַלן פון אַספּאַלטענע סטעזשקעס און פּרייד, פרייד, פרייד אַף הונדערטער פּעניִמער.

קאַטאָוויץ איז גאַנץ ווי אַ קיילעכדיקער וועלישער נוס. די רויטע אַרמיי האָט ניט דערלויבט, אַז דער דאָזיקער נוס זאָל צעקנאַקט ווערן. אַן איידעס פון דעם איז דער רויטאַרמייִשער בייסוילעם אין מיטן פון אַ שטאָטישן פּאַרק...

די מעכטיקע און שיינע קאַטאָוויץ גיסט זיך קימאַט צונויף מיט סאָסנאָוויץ און מיט אַנדערע קוימען־שטעט פון דאָזיקן אינדוסטריעלן לאַנד־ווינקל. אַנשטאָט די נאַצישע טויט־קוימענס, רויכערן די פּראָדוקציע־קוי־מענס פון פּוילנס נייער, סאָציאַליסטישער גרויסקייט.

און אָט, — צווישן דעם היסטאָרישן רום און דער אינדוסטריעלער מאַכט פון פּוילן ליגט אָשוויענטשים, און אין אָשוויענטשים — די וועלפּישע שפּורן פון אונדזער אומגליק..

10. רעפּאַטריאַנטן

ריין מאַכן דאָס האַרץ פון פּוילישן פאָלק

צוזאַמען מיט די באַפרײַערישע טאַנקען פון דער רויטער אַרמיי איז אַרײַן אין פּוילן דער סאָציאַליזם, אָבער דער וועג זײַנער איז ניט געווען קיין לײַכטער. ער האָט פון אָנהייב אָן געדאַרפט טרעטן אויף די הייסע קוילן פון קאַטויליציזם, פון שאָוויניזם, פון אַנטיסאָוועטישקייט.

זינט הונדערטער יאָרן איז די פּסיכיק און דער געמיט פון פּוילישן פאָלק געווען דורכגעקנאָטן מיט סינע צום רוס, צום „מאָסקאַל", צום צאַריזם, וואָס האָט אַנטייל גענומען אין אַלע צעטיילונגען פון פּוילן און אַרײַנגעכאַפּט אין זײַן קראָקאָדילן־פּיסק די גרעסטע שטיקער פונעם לאַנד, צוזאַמען מיט דער הויפּטשטאָט. די קלאַסישע פּוילישע פּאָעזיע איז פול מיט צאַר און צאָרן קעגן צאַרישן אַרײַנדרינגער, קעגן נאַציאָנאַלן אונטערדריקער און פאַרניכטער פון דער פאָלקס־קולטור.

נאָכן ווידערגעבורט פון פּוילן, אין 1918, איז דער אַנטיצאַריזם שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַנטיקאָמוניזם...

אין דעם זינען האָט פּוילן גלײַך באַקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַנדאַט. לויט דער באַשטימונג פון די קאָאַליציע־מעלוכעס האָט זי פאַרנומען דעם באַשעוויסטן אָרט אין דעם שטאָלענעם רינג, אין „סאַניטאַרן קאָרדאָן", וואָס האָט געדאַרפט פאַרקוועטשן פון אַלע זײַטן דאָס יונגע אָקטאָבער־לאַנד. עס האָט אויך צוגעשפּילט דער פאַקט וואָס די נאַקעטע און באָרוועסע רויטע אַרמיי האָט אונטערגענומען דעם „מאַרש אויף וואַרשע". אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז די ערשטע מילכאָמע וואָס דאָס אָקערשט־געבוירענע פּוילן האָט געדאַרפט פירן איז ווידעראַמאָל געווען קעגן רוסן, און דערצו נאָך באָלשעוויקעס און אַנטיקריסטן...

דער פּוילישער שאָוויניזם האָט דאַן, אַזוי צו זאָגן, אַקטואַליזירט און מאָדערניזירט די פּאָליטישע ליניע פון זײַן אַלטער אַנטיצאַריסטישער סינע, וואָס האָט נאָך דערצו באַקומען אַ נײַע אידעאָלאָגישע באַאַרבונג, צוזאַמען מיט דער ערן־אויפגאַבע צו זײַן „דער פאַרפּאָסטן פון קריסטלעכן מיַירעוו אויף די גרענעצן פון דער גאָטלאָזער, אַזיאַטיש־מאַרקסיסטישער באַרבאַריע"...

די פּילסודסקישע, ענדעקישע און סאַנאַציע־רעגירונגען האָבן זיך באַמיט צו פאַרטיפן די דאָזיקע סינע. די פּוילישע קאָמפּאַרטיי, וואָס איז

פֿון ערשטן מאָמענט אָן אַרײַנגעװאָרפֿן געװאָרן אין דער סאַמע ביטערסטער אומלעגאַלקײַט, האָט זיך העראָיִש געראַנגלט בעמעשעך פֿון 20 יאָר, אָבער האַרט פֿאַר דער מילכאָמע איז זי ליקװידירט געװאָרן דורך די װיסטע מאַכינאַציעס פֿון דער בעריאַ־קליקע.

עס האָט זיך געדאַרפֿט דורכטראָגן דורך פּוילן דער גרוילעקער נאַציװיכער, קעדיי די רויטאַרמײיִשע באַפֿרײַונג זאָל אויפֿגענומען װערן דורכן פֿאָלק מיט ברידערלעכער פֿרייד, ביפֿראַט אַז בעראָש זײַנען געגאַנגען די פּוילישע פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע דיװיזיעס.

אָבער דער קלאַסן־סוינע, דער קלער, די אַגענטן פֿון דער גאָלעס־רעגירונג און פֿון אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש האָבן שנעל גענומען װעקן דעם אַנטיסאָװעטישן און אַנטיסאָציאַליסטישן גײַסט. די אײַנגעדרעמלטע סינע איז אויפֿגעריסן געװאָרן פֿון שלאָף, אָבער דאָס אָדלערישע אויג פֿון דער פֿאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי איז אויך געװען װאַך.

פֿון מײַסע קעלץ ביז מײַסע פּאָזנאַן ציען זיך יאָרן פֿון האַרטנעקיקן קאַמף קעגן סוינע פֿון סאָציאַליסטישן סיידער. אין דאָזיקן קאַמף זײַנען באַגאַנגען געװאָרן ניט װייניק טאַקטישע פּעלערן, אָבער דער פּײַנט איז געלעגן אײַנגעלייגט מיטן פּיסק אין שטויב, באָטש אים איז געלונגען צו זייען כשאַד און אומצוטרוי.

פֿאַר דער רעגירונג, װידער, איז געשטאַנען די פֿראַגע פֿון איבערדערציונג, פֿון ריין מאַכן דאָס האַרץ פֿון פּוילישן פֿאָלק, פֿון געשטאַלטיקן דעם יונגן דאָר. אַ פֿערטל מיליאָן מיטגלידער אין דער יוגנטלעכער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע — דאָס איז דער ביזאיצטיקער רעזולטאַט פֿון דאָזיקן פֿאַריִנגערונג־פּראָצעס.

אויסטרייסלען אַלע היסטאָרישע שטויבן פֿון פּוילישן האַרצן — דאָס איז די שװערסטע אויפֿגאַבע פֿון יונגן פּוילישן סאָציאַליזם. „טרייסלען פֿאַרזיכטיקער" — איז געװען די שטעלונג פֿון גאָמולקאַן, און אָט מיט דער דאָזיקער אײַנשטעלונג, האָט ער איבערגענומען די מאַכט.

דער פּאָליטישער אינטערמעצאָ

גאָמולקאַס קומען צו דער מאַכט האָט געהאַט פֿאַר אַ ציל װייכער און עלאַסטישער צו מאַכן דעם דאָזיקן פּראָצעס, און געפֿינען אַ מין פּוילישן ריטם אינעם גאַנג צום סאָציאַליזם, — אַ װאַריאַנט ניט קיין אָפּנייגלערישן נאָר אַ פּאַראַלעלן.

די ערשטע צײַטן איז אָבער צופֿיל אָפּגעשװאַכט געװאָרן די רעװאָ־

לוציאָנערע אויפמערקזאַמקייט. צופיל האַנאָכעס זײַנען געגעבן געוואָרן די סאָנים פון סאָציאַליזם, און אין נאָמען פון דעמאָקראַטיזירונג האָבן קענגער באַקומען אַ פרײַען פּיסקן־פּע, אַ מעגלעכקייט צו ריידן און באַריידן, און צו שיטן מיט אַן אַ שיר רעכילעסן.

דער אַרגומענט, וואָס ווייכע סאָציאַליסטן שטעלן אַרויס, אַז אַזוי אַרום האָט מען זיך דערוווּסט וועגן אַלע שעדלעכע שטימונגען וואָס הערשן אין דער געזעלשאַפט און אַז דער סוינע האָט אויפגעדעקט די קאָרטן, איז, פון אַלע שטאַנדפּונקטן, אַ הילפלאָזער און אַ צו שוואַכער אַף צו האָבן טאָלערירט אַזוי לאַנג די אַקציע פון דעספּרעסטיזשירן די פּאָלקסדעמאָקראַטישע אָרדענונג.

שוין אַף דער סאַמע גרענעץ האָבן די ערשטע פּאָר פּאָליאַקן, וואָס מיר האָבן באַגעגנט, גענומען פאַרשפּרייטן מיַעסע מורמלערײַען, ניט געקוקט אַף דעם וואָס זיי זײַנען געווען מעלוכע־באַאַמטע (דער צאָלאַמט־אָפיציר און דער קאָנדוקטאָר) און וואָס זיי האָבן ניט געוווּסט ווער מיר זײַנען.

זײַט בײַ זײַט מיט זייערע פּאָליטישע שטעכווערטלעך, האָבן זיי זיך באַמיט צו שאַפן דעם אײַנדרוק, אַז אין פּוילן איז „ציענזשקאָ זשיץ" (שווער צו לעבן), כאָטש ווינונג און עסן באַקומט דער אַרבעטער און אָנגעשטעלטער קימאַט אומזיסט.

„טשיענזשקאָ זשיץ" — דאָס דאָזיקע פאַלשע, אויסגעקרעכצעטע פּראָפּאַגאַנדע־ווערטל איז דורך די סאָנים אומעטום געלאָזט געוואָרן אין גאַנג, און זײַן ציל איז אַרײַנצוהאַקן אין קאָפּ, אַז דער סאָציאַליזם פאַרלייכטערט ניט, נאָר באַשווערט דאָס לעבן.

פאַרן דאָזיקן פאַלשן „טשיענזשקאָ זשיץ" האָבן די סאָנים באַקומען אַ ברייטע קאָמפּענסאַציע. פריער, — האָט אונדז געזאָגט דער קאָנדוקטאָר — האָב איך גאָרניט געקענט טרוימען צו ווערן אַ מעלוכע־באַאַמטער און צו ריידן פרײַ וואָס איך וויל. די או. בע. (געהיים־פּאָליציי) און די „פּאָנאָוויע זשידקאָוויע" (הערן יידליאַקעס) האָבן געהאַט די מאַכט און האָבן זיך אַרומגעדרייט אומעטום. איצט איז אויך ניט גוט, אָבער מיר פײַפן שוין אַף זיי און אַלץ וואָס עס באַקט זיך אונדז אַפן האַרצן קענען מיר פרײַ אַרויסזאָגן". דערבײַ האָט ער אונדז געגעבן אָנצוהערן, אַז מיר זאָלן ניט זײַן קיין יאָלדן און געדענקען אַז עס איז דאָ אַ שוואַרצער מאַרק...

די דאָזיקע באַגעגעניש מיט מעלוכע־באַאַמטע, וואָס זײַנען סאָנים פון דער מעלוכע, אַף דער סאַמע גרענעץ מיט דער קאַפּיטאַליסטישער

װעלט — אַ גרענעץ װוּ יעדער מענטש דאַרף זײַן אויסגעפּרוּװט און הונ־דערט־פּראָצענטיק זיכער — האָט אונדז שוין געגעבן אַ בוילעטן אָנדײַט, אַז די „דעמאָקראַטיזירונג" איז צו װײַט אַװעק, ביפראַט אַז שפּעטער האָבן מיר געהאַט נאָך און נאָך אַזוינע באַגעגעניש...

דאָס דערלויבן רעליגיע אין די שולן האָט פון אָנהייב אַרויסגערופן מיצאַד אַ קאָנסערוואַטיוון עלעמענט פּוילישע טאַלמידים אַ געוויסע ראַסן־דיסקרימינאַציע, וואָס איז שפּעטער שטאַרק געצווימט געוואָרן.

די קאָלעקטיוויזאַציע פון באָדן איז פּאַקטיש אַנולירט געוואָרן. אַנ־שטאָט קאָלעקטיוויזאַציע איז אײַנגעפירט געוואָרן קאָאָפּעראַטיוויזם און עס איז דערלויבט געוואָרן פּריוואַטער ערדבאַזיץ ביז 60 העקטאַר.

די מעלוכע באַמיט זיך צו העכערן די קליינע אַרויסגיביקייט אין דער אַרבעט און צו פאַרקלענערן דעם איבערפלוס פון ביוראָקראַטישן פּערסאָ־נאַל, ניט אַרויסרופנדיק דערבײַ קײַן אַרבעטסלאָזיקייט. קעדיי צו שאַפן נײַע אַרבעטס־מעגלעכקייטן, װערן געמאַכט גרויסע אינדוסטריעלע אינ־וועסטירונגען און עס זײַנען געהעכערט געוואָרן די לוינען מיט 30 מי־ליאַרד זלאָטעס אַף צו סטימולירן אַ וואָס גרעסערע אַרויסגיביקייט אין דער אַרבעט.

דאָס וויכטיקסטע איז, אָבער, וואָס די מעלוכע און די אַרבעטער־פּאַרטיי גיבן זיך אָפּ כעשבן, אַז מען דאַרף נעמען צוימען די אונטערגראָ־בערישע אַקציע פון קלאַסן־סוינע און פון דער קאַטוילישער קירך, און אַז דער סאָציאַליזם מוז ביסלעכווײַז צוריקציִען די האַנאָכעס, וואָס ער האָט געגעבן אין אַ פאַרגאַנגענעם היסטאָרישן מאָמענט.

קײַן קלאָרע אָנטשיידונג בענוגייע די מעטאָדן וואָס דאַרפן אָנגע־ווענדט ווערן אַף צו שטאַרקן סאָציאַליסטיש די פּאָלקסדעמאָקראַטישע אָר־דענונג, איז נאָך אָבער דערווײַל ניטאָ. פון דאַנען באַקומט זיך, אַז די ווירקונג פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי אַפן לעבן איז נאָך ניט אַזאַ ווי זי וואָלט געדאַרפט זײַן.

ענג פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער פּאָליטישער פּאַנאָראַמע איז די פאַרפלאָנטערטע פּראָבלעמאַטיק פון די ייִדישע רעפּאַטריאַנטן, פון די כוואַליעס ייִדן אָנגעפלייצטע פון ראַטנפאַרבאַנד.

כוואַליעס ייִדן

דער יאַם איז ניטאָ, אָבער כוואַליעס זײַנען געבליבן...
כוואַליעס פּוילישע ייִדן, וואָס האָבן זיך אין די צײַטן פון דער נאַ־

צישער מעהומע אַריבערגעגאָסן אַפן ראַטנפאַרבאַנדישן מיזרעך־בּרעג, הערן ניט אויף צוריקפליסן אין בעקן פון אויסגעטריקנטן יאַם...

פון די דאָזיקע מיזרעכדיקע יידן־כוואַליעס, וועלכע דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אויפגעהיט און אומגעקערט, האָט זיך געשאַפן דער קערן פון נאָכמילכאָמעדיקן פּוילישן יישעוו, וואָס האָט אויך אַרײַנגענומען אין זיך די רעשטלעך פאַרטיזאַנישע וואַלדמענטשן, די ניט־דערברענטע האָלאָ־וועשקעס פון די טויט־לאַגערן און די אויסבאַהאַלטענע יעכידים פון גרי־בער און זומפּן.

צוויי גרויסע מאַסן־צופלוסן פון רעפּאַטריאַנטן האָבן זיך אַרײַנגע־כוואַליעט אין נײַעם פּוילן: איינע, — גלײַך נאָך דער מילכאָמע, איז אין איר גרעסטן טייל פאַרשוווּנדן דורך אַוועקפליסן נאָך ווײַטער, ספּע־ציעל קײַן יִסראָעל; און די צווייטע האָט זיך באַוויזן אין די לעצטע פאָר יאָר, ווי אַ רעזולטאַט פון פרישן רעפּאַטריאַציע־אָפּמאַך צווישן ראַטנ־פאַרבאַנד און פּוילן.

דער אײַנגעשרומפּענער פּוילישער יישעוו, וואָס איז שוין געווען רע־דוצירט צו אַ 35.000 יידן, האָט דורך דער לעצטער רעפּאַטריאַציע אַרויפּ־געצויגן אַף זיך אַ נײַע הויט, אָבער אַ הויט וואָס פאָדערט קוראַציע און אַ הויט מיט אַ נייגונג צו שיילן זיך, אַ הויט וואָס פאָדערט קוראַציע און פלעגונג...

צוליב די סעריעס איבערוואַנדערונגען, אַרײַנוואַנדערונגען און אַרויס־וואַנדערונגען, איז נאָך די צאָל יידן אין פּוילן ניט סטאַביליזירט.

די דאָזיקע אַלע וואַנדערונגען זײַנען אַ רעזולטאַט פון וועלן געפינען אַ דעפיניטיווע זיכערקייט, אַ דויערהאַפטיקע מענוכע און אויך אַן אָנ־האַלט פאַר די יידישע געפילן, פאַר דער יידישער זעלבסטווערדע, נאָכדעם ווי זי איז אַזוי ווערעמדיק צעטראָטן געוואָרן אין די צײַטן פון נאַציזם און איז געשטאַנען אין געפאַר אין די נאָך־מילכאָמע־צײַטן, אין פּעריאָד פון קולט פון דער פּערזענלעכקייט.

די פּוילישע פאָלקס־מעלוכע האָט אַלץ געטאָן קעדיי צו גאַראַנטירן די דאָזיקע זיכערקייט און צו געבן די פולע און מאַקסימאַלע שטיצע דער יידישער קולטור, אָבער די איבערבלײַבעכצן פון אַלטן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָבן זיך, אין די ערשטע אומדערפאַרענע יאָרן פון נײַעם פּוילן, באַוויזן אַף דער אויבערפלאַך, אין אַ מאָמענט פון אָפּגעשוואַכטער וואַכ־זאַמקײַט; די מוירע אַז די יידנפרײַנטלעכע שטעלונג פון דער פּוילישער רעגירונג קען זיך ענדערן אונטערן דרוק פון דרויסנדיקע פאַקטאָרן; און די פּאַניק וואָס עס האָבן בעקיוון געזייט פילאָציאָניסטישע קרײַזן, פאַר־

אינטערעסירטע אין אַרויסנעמען און אַפילו אַרויסרײַסן די ייִדן פון פּוילן, האָבן געשאַפן די שטימונג פון פּאַקן די וואַליזעס, פון ניט פאַרלאָזן זיך אַפן סאָציאַליזם.

מיר האָבן געזען און געטראָפן זיך מיט די דאָזיקע ייִדן אין אַלע שטעט פון פּוילן, ספּעציעל אין נידערשלעזיע. מיר האָבן זיך אָפּגעטויוולט אין דער לעצטער ייִדן־כוואַליע, וואָס האָט געשמעקט מיט שוועבל און געשפּריצט מיט פונקען...

פאַראַן צווישן זיי פּראָסטע כּלי־וועקאַיעמס און האַרעפּאַשניקעס, און פאַראַן טעכניקער און פּראָפעסיאָנאַלן. אַדאַנק דער רעגירונג, דעם קול־טור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד און דעם דזשאָינט, זײַנען אַלע אײַנגע־אָרדנט מיט דירעס, פאַרנאָסע און שטיצע, אָבער עס הייבט זיי פון אָרט. אַרום 75 פּראָצענט ווילן לויפן ווײַטער, ספּעציעל קיין ייִסראָעל; אַ 10 פּראָצענט, די מער באַוווּסטזיניקערע, פאַרדריסט וואָס זיי האָבן פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד; און אַ 15 פּראָצענט (צוזאַמען מיט די 10 פּראָצ. כאַראַקטעקניקעס) ווילן בלײַבן אין פּוילן.

פאַראַן צווישן זיי גוטע פּאַכלײַט און סטאַם אָרנטלעכע אַרבעט־מענטשן, אָבער פאַראַן אויך אַ ספּעקולאַנטישער עלעמענט, אַן אָנגעשטאָפּ־טער מיט געלט. פאַראַן גאָר אַסאַך, וואָס האָבן מיטגעבראַכט פון ראַטנ־פאַרבאַנד קאָלערליי מאַשינעס, אַרײַנגערעכנט אויטאָס און אײַזקאַסטנס.

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען?

ווײַזט זיך אַרויס, אַז די ראַטנפאַרבאַנדישע רעגירונג האָט זיי אומ־געקערט, ביז דער לעצטער קאָפּיקע, דעם פולן פּיליאָריקן באַטרעף פון די אינערלעכע האַלוואָעס און פון די אָפּצאָלן פאַר עמעריטור („כוביליאַ־ציע”). אויסער דעם האָבן די מער פּיפיקערע באַוויזן צו „אָרגאַניזירן” אַ פאַרמעגן אין ראַטנפאַרבאַנד, ווער ווייניקער קאָשער און ווער טאַקע אינגאַנצן טרייף...

די שטרענגע סאָוועטישע גרענעץ־קאָנטראָל האָט, אין פאַל פון די רעפּאַטריאַנטן, פונקציאָנירט פונקט אַף אַ פאַרקערטן אויפן ווי זי איז געוווינט. אָן שום בוידעק זײַן און אָן נאָכפרעגן זיך אַפילו, האָט מען געלאָזט אַרויספירן האַקל־באַקל־שעלאַקל. וויבאַלד רעפּאַטריאַנטן, איז אַלץ געווען קאָשער...

אַזוי אַרום זײַנען געקומען פון ראַטנפאַרבאַנד, גראַד פון ראַטנפאַר־באַנד, ניט ווייניק מענטשן מיט קאַפּיטאַל, און וויבאַלד קאַפּיטאַליסטן, איז דאָך קלאָר, אַז פּוילן איז פאַר זיי קיין אָרט ניט, קיין מעלוכע ניט, קײַן אָנשפּאַר ניט...

אין אַ נידערשלעזישער שטאָט האָט זיך געדרייט אַרום אונדז אַ קליין ייִדעלע, וואָס האָט ניט אַנדערש געוואָלט וויסן פון אונדז צי מיט הונדערט טויזנט דאָלער און מיט 2 רייַכע פעטערס אין בוענאָס־אײַרעס קען מען זיך אײַנאָרדענען בײַ אונדז אין לאַנד צי ניט... עס איז בײַ אים, קענטיק, געווען אַ ספֿק, אַז עפּעס איז עס נאָך וויניק...

וואָס נעגאַטיווער דער רעפּאַטריאַנטישער עלעמענט איז, מיט אַלץ מער רוגזע פֿאַלט ער אָן אויפֿן ראַטנפאַרבאַנד און כאַזערט איבער די באַקאַנטע רעכילעסן. אַסאַך טראָגן זיך אַרום מיט אָן אויסגעטראַכטן פאַרפֿאָלגונגס־קאָמפּלעקס, און ספּעציעל פאַרביטערט זײַנען אַזוינע, וואָס האָבן אַ גאַנץ לעבן אויסגעלעבט זיך מיט ייִדישן וואָרט און וואָס זײַנען אין די צײַטן פון פערזאָנען־קולט געזעסן יאָרנלאַנג אין טפּיסע פאַרן אַזוי־גערופֿענעם, ניט־געשטויגענעם, ניט־געפֿלויגענעם, „אָרגאַניזירן אַ ייִדיש־נאַציאָנאַליסטישן ווידערשטאַנד", פון וועלכן זיי זײַנען שפּעטער אַלע רעהאַביליטירט געוואָרן.

און פאַראַן אויך גאָר אַ גרויסע צאָל מענאַכעם־מענדלשע עלעמענטן, וואָס פאַר זיי זײַנען אַלע סענטימענטאַלע און אויסגעטראַכטע אַרגומענטן אַף צו באַרעכטיקן די אומצופרידנקייט און די וואַנדערלוסט בלויז אַ טערעץ. זיי האַנדלען מיט וואַלוטע און מיט גאָלד, אָדער גייען אַרום ליידיק, ניט דערפֿאַר ווײַל קיין אַרבעט איז ניטאָ, נאָר ווײַל זיי ווילן ניט און דאַרפֿן ניט אַרבעטן.

די 20 דאָלער שטיצע אַ כוידעש, וואָס קומט אָן פאַר יעדער פאַמיליע פון דער שווייץ, פון פאַרשיידענע ייִדישע און ניט־ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, גיבן אַ מעגלעכקייט די דאָזיקע עלעמענטן אָנצוגיין זאָרגלאָז מיט זייער צעשטערערישער און אָפּטמאָל פּרעכער אַגיטאַציע, ניט נאָר לעגאַבע דעם ראַטנפאַרבאַנד, נאָר אויך לעגאַבע דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון ייִדן אין פּוילן. אין די באַדינגונגען פון דער אַזוי־גערופֿענער „אַבסאָלוטער דעמאָקראַטיע" ווערן זיי אין דעם ניט געשטערט, ביפּראָט אַז אויך אַף דער פּוילישער גאַס איז אָפּן דער וועג פאַר קאָלערליי רעכילעסן. מען קען האַלטן אָפּן דאָס מויל און אַרײַנזאָגן אין טאַטן אַרײַן...

עס צאַנקט דער עמיגראַנטישער אימפּעט

אַזוי איז געווען אין אַפּריל 1958, אָבער נאָכן נאָוועמבער־פּלענום פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, אין זעלבן יאָר, האָט כ' סמאָליאַר געקענט פעסטשטעלן אָט־וואָס:

„עס איז פאַראַן אַ קענטיקע באַרויִקונג בײַ דער ייִדישער באַפעלקע־רונג און אַן אַנטשלאָסנקייט בײַ איר אַבסאָלוטער מערהייט צו פאַרבינדן דעם אייגענעם גורל מיט דעם לעבן אין פאָלקס־פּוילן. אַוודאי זײַנען נאָך פאַראַן מענטשן וואָס וואַקלען זיך אָדער וואָס טראַכטן ווײַטער וועגן עמיגרירן. זיי זײַנען אָבער ניט כאַראַקטעריסטיש פאַרן אַלגעמיינעם טראַכטן און פילן פון די ייִדישע מישפּאָכעס, וועלכע זײַנען פאַרנומען מיט טאָג־טעגלעכער אַרבעט, באַמיִענדיק זיך אַזוי אַרום צו פאַרבעסערן זייער לעבנס־שטייגער, צו באַוואָרענען אַ גוטן טאַכלעס פאַר זייערע קינ־דער".

פון איין זײַט האָט דאָ געווירקט די אַלץ מער קאָנסעקווענטערע „ריכטיקע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק און איר אָנווענדונג לגבי דער ייִדי־שער באַפעלקערונג", און פון דער צווייטער זײַט דער פאַקט וואָס „טויזנ־טער ייִדישע מישפּאָכעס, וואָס האָבן עמיגרירט קיין ייִשׂראל, אויסטראַ־ליע און אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווענדן זיך, צו אונדז מאַסנ־ווײַז מיט איין גרויסן ווײ־געשריי: העלפט אונדז צוריקקומען קיין פּוילן! דער עקזיסטענדיקער קריזיס אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, די מוי־רעדיקע שוועריקייטן פאַר דעם פאַשעטן ייִדישן מאַסן־מענטש זיך אײַנ־צואָרדענען, צו באַקומען אַרבעט און אַ דירה, צו געבן מעגלעכקייטן די קינדער זיך צו לערנען — דאָס אַלץ ברענגט צו שרעקלעכע טראַגעדיעס אין טויזנטער ייִדישע עמיגראַנטן־מישפּאָכעס".

אין די ערשטע צײַטן, ווען עס האָט ראַפּטום אָנגעפלייצט די רע־פּאַטריאַנטן־כוואַליע, אַ נעגאַטיוו־אָנגעלאָדענע, אַ פּרעטענציעזע און אַן אָנגעפילטע מיט עמיגראַנטישן אימפּעט, האָבן די אָנפירער פון ייִדישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פּוילן ניט געוואָלט קעגנשטעלן זיך מאַמאָשעסדיק און מיט דער פולער סאָציאַליסטיש־מעלוכישער קאַטעגאָ־רישקייט קעגן דעם דאָזיקן פאַרביטערטן שטראָם, קעדיי ניט פאַרשריען צו ווערן ווי „אונטערדריקער", ווי „יעווסעקעס"...

ניט געקוקט אויף זייער פרײַנטלעך־אויפקלערערישער אַרבעט און אויף זייערע גרויסע אויפטוען פאַר דער מאַטעריעלער אײַנאָרדענונג און קול־טורעלער אויסלעבונג פון די רעפּאַטריאַנטן, זײַנען זיי אָבער אַלץ איינס פאַרשריען געוואָרן ווי סאָנים, ווי „אַגענטן", ווי „באָלשעוויקעס"...

די עמיגראַציע איז אָבער מיצאַד דער ייִדישער אָנפירונג ניט גע־שטערט געוואָרן, ווײַל „דאָס רעכט צו עמיגרירן איז אַ הומאַניטאַרער אַקט, וואָס דרינגט אַרויס פונעם כאַראַקטער פון דער פאָלקסמאַכט אין פּוילן". דער כ׳ סמאָליאַר שטעלט אָבער פעסט, אַז דער קולטור־געזעל־

שאַפּטלעכער פאַרבאַנד „האָט אַלע מאָל פאַראורטיילט דעם עמיגראַציאָניזם אַלס אויסדרוק פון קאַפּיטולאַציע לעגאַבע די שוועריקייטן און ווי אַ פאַרלייקענונג פון דער סאָציאַליסטישער לייזונג פון אַלע ייִדישע פראַגן, און דער דאָזיקער איינציק־ריכטיקער שטאַנדפּונקט אונדזערער אין קריטישע מאָמענטן, ווען ייִדן האָבן זיך צום מערסטן געגייטיקט אין אונדזער אויפקלערונג, איז ניט אַרויסגעבראַכט געוואָרן מיט דער אַבסאָלוטער קלאָרקייט און אַנטשלאָסנקייט, האַגאַם די פּראַקטיק פון „אַגיטירן דורך טאַט", פון ניט איבעררייסן אָדער אָפּשוואַכן אונדזער אַרבעט אַפילע דאַן, ווען גרויסע טיילן ייִדן זײַנען באַהערשט געוואָרן דורך פּאַניק, האָט געהאַט איר וויכטיקע באַדײַטונג. עס האָט אָבער געפעלט אַלס באַגלייטונג דערפון, די קלאָרע, אַנטשלאָסענע, אומויפהערלעכע פּאָליטיש־אויפקלערערישע אַרבעט, וועלכע וואָלט פאַרשנעלערט דעם פּראָצעס פון באַרויִקונג און סטאַביליזירונג".

די פירער פון נײַעם ייִדישן לעבן האָבן פון אָנהייב, ווי דאָס אָנערקענט דער כ' סמאָליאַר, ניט געטראָפן מיט זייער אידעיש־פּאָליטישן וואָרט אין פינטל פון דער צעוויכערטער רעפּאַטריאַנטן־מאַסע, — אַ צעפּײַניקטע פון פּאַניק און אַ צעטרייסלטע פון אילוזיעס, אָבער די צײַט און דאָס לעבן האָבן זיך געשטאַרקט איבער דער פּאַניק און איבער די אילוזיעס. דערפאַר איז אַ פרייד צו דערוויסן זיך פון זעלבן כ' סמאָליאַר, אַז:

„אין מעשעך פון דער פאַרגאַנגענער צײַט מיט אַלע אירע שוועריקייטן און קאָמפּליקאַציעס, אין דער אַטמאָספער פון נערוועזקייט באַ געוויסע שיכטן ייִדן, אין דער לאַגע וואָס עס האָט געשאַפן די עמיגראַציע, באַ קענטיקע אידעאָלאָגישע וואַקלונגען צווישן געוויסע געזעלשאַפטלעכע טוער, באַ דער ווירקונג פון קאַפּיטולאַנטישע, אָפּן־קעגנערישע קויכעס, האָט דעם פאַרבאַנד דאָך זיך אײַנגעגעבן, אין גרונט גענומען, אײַנצוהאַלטן אַלע אויסגעבויטע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס. נאָך מער, אין העסקעם מיט די נײַ־אויפגעקומענע באַדערפעניש, האָט זיך אויסגעברייטערט די קולטור־מאַסן־אַרבעט אין אונדזערע קלובן, זײַנען געשאַפן געוואָרן אַ ריי נײַע ייִדישע אינסטיטוציעס, קוידעם קאָל פון עקאָנאָמישווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער, איז דורכגעפירט געוואָרן מיט זייער גוטע רעזולטאַטן אַ שווערע און באַזונדערס נוצלעכע אַרבעט באַם אָרגאַניזירן דעם זומער־אָפּרו פון טויזנטער ייִדישע שולקינדער און יוגנטלעכע".

מען דאַרף דעריבער ניט דערוואַרטן מער קיין נײַע עמיגראַנטישע מאַסן־קאָנוווּלסיעס אין פּוילן. די פופציק טויזנט ייִדן, — דאָס דאָזיקע לעבעדיקע ריטשקעלע, וואָס שלענגלט זיך אינעם געלעגער פון טויטן יאַם

װעט זיך ניט אויסטריקענען און ניט פאַרפאַלן װערן צװישן די געשיכט־לעכע זאַמדן...

אַ טרעפונג מיט פּערעצעס "כאַרעװ זאָל װערן די װעלט"...

מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן צו אונדזערע ברידער רעפּאַטריאַנטן און געטראָפן זיך מיט זײ פּנים־אל־פּנים אין דער שפּאָגל־נײַער נידערשלע־זיע און אין אַלטן לאָדזש.

װען איך װאָלט זיך אויסגעדריקט, אַז צום ערשטן מאָל האָט מײַן האַרץ געהאַט די געלעגנהייט אָנצוקװעלן פון מילכאָמע־כורװעס, װאָלט עס געקלונגען ניט גאָר שיין. װען איך זאָג אָבער, אַז צום ערשטן מאָל האָט מײַן יידיש האַרץ אָנגעקװאָלן פון די מילכאָמע־כורװעס אין דער אַלט־דײַטשער און עקס־נאַצי־שער ברעסלאַו (װראָצלאַװ), איז עס ניט נאָר ריכטיק און גוט געזאָגט, נאָר דאָ קומט אויך צום אויסדרוק איינע פון די גרעסטע האַנאָעס פון מײַן רײַזע, כאָטש װען די שטאָט פאַלט אַרײַן גאַנ־צערהייט אין די הענט פון די באַפרײַער, װאָלט געװען געזינטער פאַר דער פּוילישער פאָלקס־מעלוכע.

מישן זיך טאַקע די געפילן. פון איין זײַט, איז ניטאָ קיין גרעסערע פרייד װי אָנצוקוקן די צעפּלעטשטע, צעבויגענע און צעטראָטענע ברעס־לאַו, און פון דער צװייטער זײַט, פאַרדריסט װאָס װראָצלאַװ איז אַזוי גרינטלעך צעשטערט...

אין װאַרשע האָט יעדער כורװע אַרײַנגעװיינט, אַרײַנגעכליפּעט און אַרײַנגעקלאָגט אין מײַן געמיט, אָבער אין װראָצלאַװ האָבן די ברוכשטי־קער פון די איבערגעקערטע גאַסן געזונגען און געטאַנצט באַלעט...

דאָס איז געװען אַ געזאַנג צו מײַנע יידישע אויערן און צו דער רױ־טער אַרמיי, װאָס האָט אַזוי גרינטלעך און אָרנטלעך אָפּגעטאָן איר שטיקל אַרבעט, — אַזוי גרינטלעך, אַז 13 יאָר נאָכן דאַזיקן סאָװעטישן „שנעל אין נאָז" קען מען זיך דאָ קומען לערנען װי אַזוי צו דערלאַנגען אין מאָרדע...

האָב איך געקוקט אַף די ברוכשטיקער און געזען אַף זײ ניט די װיזיע נאָר טאַקע די פאַרװירקלעכונג פון פּערעצעס „כאַרעװ זאָל װערן די װעלט", — כאַרעװ װערן, קעדיי די נײַע װעלט זאָל האָבן אַף װאָס צו טרעטן...

און װער רעדט נאָך, אַז טרעטנדיק אַזוי מיט אונדזערע יידישע פיס אַף די דײַטשע כורװעס, קומט אונדז אַנטקעגן אַ פּערעץ־גאַס, אַ גאַס

וואָס טראָגט פּערעצעס נאָמען און וואָס איז איינעם פון אירע געצײלטע, ניסימדיק גאַנץ־געבליבענע ריזן־ביניאָנים פונקציאָנירט אַ יידישע שול, וואָס טראָגט דעם נאָמען שאָלעם אַליכעם, ווערט בעעמעם היים אין אַלע גלידער און די ליפּן שעפּטשען: געבענטשט זאָלן זײַן די פאַרשאָלטענע כורוועס, אַף וועלכע עס איז אויסגעוואַקסן די דאָזיקע יידישע טרייסט...

די שטאָט, אַ צעשאָטענע, וואַלגערט זיך אַף דער ערד און ביסלעכ־וויַיז הייבט מען זי אויף פון שטויב.

קוקנדיק אַף די געציילטע, קוים־שטיין־געבליבענע, פאַרוווּנדיקטע בי־ניאָנים, אַף די עטלעכע שפּיציק־אויסגעשטרעקטע קלויסטערס און אַפן פּאַרנעם פון די צעטראָסקעטע און צעפּאַרפלטע „שטראַסען", דאַרף מען ניט האָבן קיין גרויסע פאַנטאַזיע אַף פאַרצושטעלן זיך די אַמאָליקע גרויסקייט און שיינקייט פון דער דערהאַרגעטער ברעסלאַו... אָבער אויך דער טויט אירער איז געווען ניט ווינציקער גרויס און שיין...

ביז איצט גראָבן זיך מענטשן אין אירע טויטע געדערעם, קעדיי אַרויסצוקריגן מילכאָמע־רויב.

ספּעציעל זוכט מען גאָלד און אײַזן. ניט לאַנג צוריק האָט מען טאַקע געפונען עטלעכע פּאַנצער־קאַסעס מיט מאַסיוון דײַטשן גאָלד... פאַרבײַ אונדז האָבן 2 מענטשן געשטופּט אַ האַנט־וועגעלע מיטן פּראָדוקט פון אַ פּאָר שאָ גראָבן: אַ פאַרזשאַווערטע ניי־מאַשין, אַ צעבויגענע מיליטערישע קאַסקע פון אַ טויטן סאָלדאַט און אײַזערנע שטאַנגען און פּרענטן, אַרויס־געריסענע פון אַ צעבראָכענעם הויז־סקעלעט...

ניט נאָר די שטאָט איז צעשטערט, נאָר אויך די דײַטשישקייט פון דער שטאָט... ניטאָ קיין דײַטש אַף קיין רעפוּע. אין דער אַמאָליקער דײַ־טשער מיליאָנען־שטאָט ברעסלאַו האָבן מיר ניט געקענט געפינען קיין איין דײַטש. מען האָט זיי ניט געטריבן, אָבער זיי זײַנען פון זיך אַליין אויסגערונען... ביזן לעצטן טראָפּן...

אויך דאָס איז געווען פאַר מיר אַ ניט־קליינע פרייד, ביפראַט אַז געוווינט האָבן מיר אין זעלבן האָטעל, ווו היטלער פלעגט אײַנשטיין, ווען ער פלעגט קומען פּאַיאַצעווען און ווילדעווען אין ברעסלאַו...

געמיטלעכקײַט וואָס טרייסט ניט

געמיטלעכער זעט אויס וואַלבזשיך און די אַנדערע שלעזישע שטעט־לעך אַרום. וואָס קלענער דאָס שטעטל איז, אַלץ קלענערע מילכאָמע־קלעפּ

האָט עס באַקומען און ניט ווייניק אַזוינע שטעטלעך האָבן זיך אַרויסגע־דרייט אינגאַנצן אַן קלעפּ.

די נאַציס האָבן ניט געהאַט דאָרט וואָס אומצוברענגען און וועמען צו פאַרטיליקן, ווײַל קיין ייִדן זײַנען דאָך דאָרט ניט געווען... און די רויטע אַרמיי האָט זיך דאָרט בלויז דורכגעגליטשט, ווײַל אַף סטאַם מענטשן זײַנען דאָך די סאָוועטישע טאַנקען ניט געווױנט אָנצופאַלן...

זײַנען די דאָזיקע שטעטלעך געבליבן גאַנץ מיט זייער יוסטער, אײַנ־געפּונדעוועטער, באַלעבאַטישער פעסטקייט, מיט זייער יעקיש־גאָטישער אויסגעצאַצקעטקײַט, מיט דער אַלט־אידילישער אָרנאַמענטיק פון דרויסן און מיט די היימיש־אינטימע קאַכלע־אויווועלעך אינעווייניק...

אָבער די דאָזיקע גאַנץ־געבליבענע געמיטלעכקייט איז אויך ניט געװען בעקוױעך אײַנצוהאַלטן אַף אַן אָרט די דײַטשן. דער אינסטינקט פון קאָנסערווירן די אייגענע פעל און דער שוואַרצער געוויסן האָט זיי אַלעמען פאַרטראָגן אַף מײַרעוו...

און אַז מען קוקט זיך צו צו די דאָזיקע דײַטשע שטעטלעך אָן דײַטשן, דערמאָנט מען זיך אין די ייִדישע שטעטלעך אָן ייִדן...

פאַראַן, אָבער, אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די צוויי קלוימערשט־ענלעכע פּוסטקײַטן: די פאַרשוווּנדענע דײַטשן זײַנען געבליבן גאַנץ און די פאַרשוווּנדענע ייִדן זײַנען ניטאָ, און עס איז אַפּילע אַ קנאַפּע טרייסט, וואָס די פּוסטע דײַטשע שטעטלעך זײַנען אָנגעפילט גראָד מיט ייִדן...

מיט ייִדן אין וראָצלאַוו און וואַלבזשיך

ווו נאָר מיר האָבן געגעבן אַ טראָט צווישן די דײַטשע כורוועס, האָבן געקלעפּט צו אונדז ייִדן.

פון די איינצלנע ייִדן זײַנען געוואָרן רעדלעך און פון די רעדלעך — אַ גאַנצער יאַריד. עס האָט געקאָכט אַרום אונדז מיט קאָלערליי פּוילישע, ליטווישע, גאַליציאַנער און אוקראַיִנישע ייִדישן. אַן אינטערנאַציאָנאַלער געזשום פון ייִדישן פאָלקלאָר און אידיאָמאַטיק האָט זיך געריסן צו אונדזערע אויערן.

אויגן אָנגעגאָסענע מיט רירנדיקער פרײַנטשאַפט און פּענימער פול מיט צערטלעכער ברידערלעכקייט האָבן אונדז באַלאַגערט פון אַלע זײַטן. מענער, פרויען און יוגנט האָבן געהאַט מאַמעש אַ סענטימענטאַלע און פיזישע באַדערפעניש אָנצורירן אונדז, צוהאַלטן אונדז, קוקן אונדז מיט ליבע אין די אויגן און טוליען זיך צו אונדז. זיי האָבן זיך אין אונדז אָנ־

געבאַפּט ווי אין אַ צויבער־פּאַדעס, וואָס קען צונויפבינדן און פאַרקניפּן, וואָס קען עפּשער פאַרנייען דעם ריס אין האַרצן...

הונדערטער הענט מיט אַדרעסן און מיט באַקאַשעס אויסצוגעפינען דעם און יענעם האָבן אונדז פאַרשטעלט דעם וועג, און אָן אַ שיר מענטשן האָבן פאַרלאַנגט מיר זאָלן פּאַסקענען שיילעס אַפן פּאָליטישן, געזעלשאַפט־לעכן און קולטור־געביט, און דער איקער — געבן איינס און צוויי אַ קלאָרן ענטפער אַפן „יעווריייסקי וואָפּראָס"... אין אַסאַך פראַגעס האָט זיך געהערט דער עכאָ פון דער אונטערערדישער העצע קעגן דער סאָציאַליס־טישער וועלט.

מיר האָבן די הונדערטער עלנטע מענטשן צונויפגעקליבן אין די קלובן, אָפּגעגעבן זיי קוידעם־קאָל אָן אַרגענטינישן פּאָלקסטימלעכן שאָ־לעם־אַלייכעם און דערציילט זיי וועגן אונדזער לעבן און ראַנגלענישן אַפן אַמעריקאַנער באָדן, וואָס מען מיינט נאָך אַלץ אַז ער איז געמאַכט פון זעמל־מעל און פון מאַרציפּאַנעס...

פּולע הויפנס מוט און טרייסט האָבן מיר געזייט אין די צעוואַקלטע געמיטער און געלערנט מיט די וואַגלער הילכעס סאָציאַליסטישן ביטאָכן און פּאָליטישע קלאָרזעוודיקייט.

אין אַלגעמיין האָבן די בעריאַ־נעגישעס אַזוי צעטרייסלט די הער־צער און דעם גלויבן באַ אַ טייל רעפּאַטריאַנטן, אַז עס איז שווער געווען צו קומען מיט זיי צו אַ שטיקל סייכל־האַיאַשערדיקן טאָלק. דערפאַר האָט, ניט אַף אַלעמען גלייַך, געווירקט אונדזער וואָרט. די פּאַרגיפּטיקטע, די פאַרהעצטע, די „ערעץ"־שרייַער, — דאָס ראָוו בייַטל־יידן, אַוואַנטוריסטן, אָבער אויך פּאָליטיש־רויע אַרבעט־מענטשן, זייַנען ניט פעיִק געווען צוצולייגן אַן אויער צו טיפערע אַרגומענטן; זיי האָבן זיך בלויז צו־געהערט צום האַמער־טראַסק פון דער אייגענער היסטעריע.

דער פּאָלקסמענטש און די געבילדעטערע יוגנט קוקן מיט וואַקסנדיקן אָפּטימיזם אַפן יידישן לעבן אין דער פּאָלקס־דעמאָקראַטישער סוויווע; און פאַראַן אַן עלעמענט פון שטאָל און אייַזן, ווי יענער וראָצלאַווער באָכער, וואָס האָט הארט פאַר דער מילכאָמע דערשאָסן אין פּוילן אַ פּראָ־וואָקאַטאָר און אַנטלאָפן אין ראַטנפאַרבאַנד; דאָרט האָט אים די בעריאַ־באַנדע גלייַך פאַרשפּאַרט אין טפּיסע און ער האָט געדאַרפט אָפּזיצן פּולע 18 יאָר, ביז ער איז רעהאַביליטירט געוואָרן. דער דאָזיקער אויסגעליטע־נער באָכער לאָזט ניט פאַלן דאָס מינדסטע שטויבעלע אַפן ראַטנפאַרבאַנד און ער בויט מיט ענטוזיאַסטיש־באַנייַטע קויכעס דאָס יידישע לעבן אין פּוילן.

יעדן טאָג ווערט פוילן שטאַרקער, געזינטער און סאָציאַליסטישער, און אין דער מאָס ווי דער דאָזיקער פּראָצעס ווערט אָנזעעוודיקער, ווערן גאַנצער די שפּאַלטן אין די יידישע געמיטער און עס וואַקסט די זיכער־קייט אַז דאָס ערגסטע איז אַריבער.

קיין שום זאַך, וואָס זאָל אַפילו פון ווייטן קענען ענלעך זיין אַפן נאַצי־אומגליק אָדער אַפן בעריאַ־קאָשמאַר, קען שוין מער ניט פּאַסירן. די דאָזיקע זיכערקייט בירגערט זיך איין אין די יידישע הערצער און נעמט צובינדן די צוריקגעקומענע וואַנדערער צו דער היימישער פּוילישער ערד.

יידישע היימישקייט אין לאָדזש

פּונקט ווי קאַטאָוויץ איז אויך לאָדזש געבליבן גאַנץ, אַדאַנק אַ פּלינ־קער סטראַטעגישער פּעטליע, וואָס די רויטע אַרמיי האָט געהאַלטן אין פּאַרוואַרפן אַרום גאַרגל פון געשלאָגענעם נאַציש וואַלד־כאַזער.

מוירע האָבנדיק צו ברעכן האַלדז און נאַקן, האָבן די נירענבערגער וועלף איבערגעלאָזט אַפן באַראָט פון די סאָוועטישע טאַנקען „זייער" ליטצמאַנשטאַדט, צוזאַמען מיט די לעצטע פּאָר הונדערט יידן, וואָס האָבן פּונקט אין יענעם מאָמענט, געהאַלטן אין גראָבן זייער מאַסן־קייווער.

לאָדזש איז געווען דאָס ערשטע ווינקעלע פון נאָך־כורבנדיקער יידי־שער אויפזאַמלונג און ביז איצט האָט זיך דאָרט אויפגעהיט די „דיקסטע" שיכט פון יידן אין פּוילן.

מיר האָבן דאָרט געטראָפן מאַמעש אַ פּאַרמילכאָמעדיקן יידישן אוי־לעם. אויף דער יידישער קינסטלערישער אַקאַדעמיע לעקאָוועד דעם ערשטן מיי, איז דער גרויסער טעאַטער־זאַל פון יוגנט־צענטער „יוליאַן טוווים" געווען אָנגעפּראָפּט ניט סתם מיט אַן אוילעם פון עלטערע און מיטליאָ־ריקע מענטשן, ווי מען איז געוווינט צו זען אומעטום, נאָר אויך מיט ברוייזנדיקער יוגנט, מיט יונגע פּאָר־פּעלקער און מיט מענטשן אין בעסטן שעפערישן עלטער. אויסער דעם איז דער אוילעם געווען אַ פּאָלקסטימלע־כער, אַ האַרציקער, אַ יידיש־ריידנדיקער. אַזאַ אוילעם זעט מען זעלטן אַפילו אין אַרגענטינע.

באַנאַכט האָבן מיר פאַרבראַכט פּריוואַט אין אַ יידיש־אינטעליגענטי־שער היים און מיר האָבן דאָרט געטראָפן: אַ מעלוכע־פּראָקוראָר, אַ וויצע־פּרעזידענט פון דער שטאָט לאָדזש, אַן אָנגעזעענעם מיטגליד פון שטאָ־טישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, אַ דירעקטאָר פון אַ מעלוכע־פּאַבריק, אַ דירעק־טאָר פון אַ צייטונג — אַלע געוועזענע יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעל־

טע, וואָס זײַנען געזעסן אין די טפּיסעס אונטערן פּוילישן פֿאַשיזם. די דאָזיקע אַלע אָפּיציעלע הויך־סיטואירטע פּערזאָנען האָבן אַ גאַנצן אָוונט געשמועסט מיט ייִדישע כאָכמעס און ניט אויפֿגעהערט צו זינגען ייִדישע פֿאָלקסלידער, און פֿון זייערע וואַרעמע רייד האָט מען געקענט קלאָר אַרויסדרינגען, אַז עס גייט זיי שטאַרק אָן דער גורל פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־קולטור, כאָטש קײַן דירעקטן קאָנטאַקט מיטן ייִדישן מאַסן־לעבן האָבן זיי ניט, צוליב די אַלגעמיין־מעלוכישע פֿונקציעס, וואָס זיי פֿירן אויס.

מיר זײַנען געווען אויך אין אַ קאָאָפּעראַטיווע פֿון פּריש־געקומענע רעפּאַטריאַנטן, וואָס אַרבעטן ווי פֿאַבלײַט אין 6 בראַנזשעס. דאָס זײַנען יונגעלײַט אין די בעסטע יאָרן: געוועזענע רויטאַרמייער, פּאַרטיזאַנער, אָרדן־טרעגער און אידעאַליסטן.

זיי האַלטן זיך אײַפֿערדיק בײַ זייער וועלטלעכער ייִדישקײַט און האָבן ליב פּוילן. דאָס איינציקע וואָס זיי ווילן, האָבן זיי אַלע געזאָגט, איז האָבן די זיכערקייט, אַז די סאָציאַליסטישע מעלוכע־פֿירונג וועט קיינמאָל ניט אַרײַן אין קיין אומבאַרעכטיקטן קאָנפֿליקט מיט זייער ייִדיש־סאָציאַליסטישער פֿאָלקישקייט און ייִדיש־סאָציאַליסטישער קולטור.

ריווקע וואָיסקאָווסקי, אַזאַ ווי געווען

אַ ספּעציעלן גרוס פֿאַרן אַרגענטינער ייִשעוו האָט אונדז מיטגעגעבן ריווקע וואָיסקאָווסקי, וואָס איז איצט אַ הויפּט־רעדאַקטאָרין פֿון איינער פֿון די וויכטיקסטע מעלוכע־צײַטונגען אין לאָדזש.

אונדזער ייִשעוו קען זי גוט. פֿונעם לאַנד פֿון ייִדישן מאַסן־טויט איז זי געקומען צו אונדז, אין אַרגענטינע, ווי אַ שעליעך פֿון לעבן, — קורץ נאָך דער מילכאָמע. אָט ווי מיר האָבן זי געזען דאַן:

„אַ פּאָנים אַ צעעפּנטער און אַ צעוויקלטער, אַ רויִקער ווי אַ סאַזשל־קע, אַף וועלכן עס שווימען אָבער ניט אַרום קיין ווײַסע שוואַנען. אַ פּאָנים וואָס רעאַגירט שנעל און וואָס קען זיך מיטאַמאָל געבן אַ צעשטורעם און אַ צערונצל פֿון עמאָציעס. אויגן — אויך ברייט־צעוויקלטע, אַרײַנזויגנדיקע און עפּעס ווי אויפֿגעשניטענע. די דאָזיקע אויגן, אין וועלכע עס טוויולען זיך וויזיעס, פֿאַרקוקן זיך אָפּטמאָל אין דער טיפֿוואַלדיקער פֿאַרגאַנגענ־הײַט און אַלע ווײַלע גייט אויף אין זיי אַן אינעווייניקסטע ליכטיקייט, וועלכע צינדט זיך און לעשט זיך, ווי די זון אין אַ צווײַגן־געפֿלעכט. אַ פּאָנים — פֿול מיט אויגן־סובסטאַנץ, פּונקט ווי די צײַט וואָלט זיך ספּע־

ציעל באַמיט אַז דאָס געזעענע זאָל האָבן אָרט ווו צו בלייבן אין די דאָ־זיקע אויגן.

ליפּן — געשיקטע, לייכט־באַוועגלעכע, דורך וועלכע די ווערטער גיסן זיך מיט קוואַליקן אימפּעט, מיט דער שעפע פון אַ וואַסערפאַל, וואָס האָט ניט פאַר וואָס צו זיין קאַרג.

אַף איר קערפּער — מילכאָמע־וווּנדן, אַף איר נעשאָמע — ניטאָ דאָס מינדסטע ראַצעלע".

עס איז קימאַט ניטאָ וואָס צוצוגעבן צו די דאָזיקע איינדרוקן פון יאָרן צוריק. געגנוי אַזוי האָבן מיר זי געזען אין איטציקן לאָדזש, ווו איר זשורנאַליסטיש וואָרט העלפט טאָג־טעגלעך צעמענטירן סאָציאַליסטיש דאָס פּוילן פון אירע פּאַרטיזאַנישע וואַלד־טרוימען, דאָס פּוילן פון פאָלק.

פאַראַן מער געמיטלעכקייט און רויִקייט אין איר בליק, אַ מער שאָל־ווערדיקע לעבנספרייד אין איר גאַנצער געשטאַלט: זי וואָלט געוואָלט איי־בערלעבן פרישערהייט די טרעפונגען מיט אונדזער אוילעם און האָבן פאַר זיך נאָך אַמאָל די טויזנטער צעשפּיגלטע אויגן פון אונדזערע אַרגענטי־נער מאַסן־אוידיטאָריעם.

דער באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ פון אַ דיכטער־רעפּאַטריאַנט

פון אונטער אַ באַסקישן בערעט שוואַרצט זיך אַרויס דאָס אָפּגע־לאָשענע, צעקנייטשטע פּאָנים פון יִיסראָעל עמיאָט. זיין טראָט איז פול מיט צעבראָכנקייט, אָבער אין די אויגן זיינע זעט זיך אַ נייַ געפינקל און אין די רייד זיינע ריזלט זיך אָפּטימיזם און אפילע וויציקע גוטמוטי־קייט.

ער איז אַ דאָפּלטער שיירים־האַפּליטעניק: ווי אַ פּוילישער יִיד און ווי אַ בירעבידזשאַנער שרייבער, וואָס איז אַרויס גאַנץ פון בעריאַס קאָשמאַר.

אַמאָל איז ער געווען אַ רעליגיעזער דיכטער און האָט אַסאַך גע־דאַוונט אין זיינע פערזן, אָבער בעיים דער מילכאָמע האָט ער צעבראָכן און צעשערבלט זיין גאָט אַף פּיץ־פּיצלעך. בעמעשעך פון די שפּעטערדי־קע בעריאַ־יאָרן, וואָס ער האָט אומשולדיקערהייט דורכגעאַרעסטאַנטעוועט אין פאַרשיידענע אַרבעט־לאַגערן, איז ער, לויט זיינע רייד, ניט צעשטויבט געוואָרן גייסטיק. ער האָט זיך געפּלייסט צו איבערצייגן אונדז, אַז פון אַלע ניסיוינעס האָט ער אַרויסגעטראָגן גאַנץ זיין דיכטעריש געמיט, זיין גלויבן אינעם מענטשן און אין סאָציאַליסטישן הומאַניזם. מיט שטאָלץ האָט ער אונדז געוויזן זיין געריכטלעכע רעהאַבילּיטאַציע־צייגע־

ניש און האָט דערבײַ אַרויסגעהויבן די גרויסקײַט פון רוסישן פאָלקס־מענטש, די איידעלע פּײַנקט פון דער רוסישער פאָלקס־נעשאָמע.

דאָס ייִדישע פּוילן האָט אים צוגעטוליעט צו זיך ווי אַן אייגן קינד: געגעבן פרײַע מעגלעכקייטן צו לעבן זאָרגלאָז ווי אַ שרײַבער, אַרויסגע־געבן אַ לידער־זאַמלונג, געפּראַוועט זײַן 50יאָריקן יובילײ, באַזאָרגט אים מיט אַלץ, אָפּגעגעבן אים סאָציאַליסטישן קאָוועד און געעפנט פאַר אים אַלע ייִדישע און ניט־ייִדישע טירן.

די וויטיקן האָבן גענומען פאַרגיין אונטער דער נײַער לעבנס־הויט, וואָס האָט אים גענומען באַדעקן און באַשירעמען. ער האָט אָבער ניט געוואָלט בײַקומען מיט געוואַלד זײַן פּערזענלעכע איינזאַמקייט. דער מיל־כאָמע־פּלאָנטער האָט אים אָפּגעריסן פון ווײַב און קינד, וואָס זײַנען שפּע־טער פאַרטראָגן געוואָרן קיין צאָפן־אַמעריקע, און ווער רעדט נאָך אַז ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ פרישער זיידע פון אַן אַמעריקאַנער אייניקל, האָט דאָס אַלט־נאָגנדיקע מישפּאָכע־געפיל גענומען באַהערשן אים אינגאַנצן, און ער האָט שוין ניט געקענט אײַנזיצן אױף אַן אָרט, ניט געקוקט וואָס אַזאַ כאָשעוון אָרט איז אוממעגלעך צו געפינען אַנדערש־וו. אַזוי יעדנפאַלס האָט ער פאַרזיכערט...

וויבאַלד אַזוי, האָט אים דאָס אָפיציעלע ייִדישע פּוילן גענומען גרייטן, מיט דער ברייטער האַנט, אין וועג אַרײַן, כאָטש זײַן דיכטערישע פעדער האָט זיך שוין גענומען אײַנבירגערן אין דער נײַער ייִדיש־פּוילישער ליטעראַטור.

האַרט פאַר אונדזער אוועקפאָרן, שטעלט ער מיך אָפּ אױף די טרעפּ פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד און זאָגט מיר:

— נעמט אַ העמד!

פאַרשטיי איך ניט און שטעל אויס אױף אים אַ פּאָר אויגן:

— וואָס פאַר אַ העמד?

— מײַנע אַ העמד.

— וואָס מיר העמד? ווען מיר העמד?

— איר פאַרשטייט, איך פאָר דאָך קיין אַמעריקע, טאָ צו וואָס דאַרף איך העמדער?

ער האָט זיך געשעמט צו זאָגן, אַז דאָס וויל ער מיר געבן אַן אָנ־דענק אַזאַ, און באַקומען האָט זיך:

צו וואָס טויגן אים סאָציאַליסטישע העמדער אין דער קאַפּיטאַליס־טישער אַמעריקע?...

שפּעטער, אין אַמעריקע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ניט נאָר די סאָציאַליסטישע העמדער האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך, נאָר אויך די אָנערקענונג און דאַנקבאַרקייט צו די סאָציאַליסטישע לענדער, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן זײַן לעבן.

ער איז אַף אַזוי ווײַט געוואָרן אַמעריקאַניש, אַז אַפילו „די פּרעסע", וואָס האָט אים געהאָט באַשמוצט, ווען זי איז נאָך געווען זיכער אַז ער פאַרבינדט אַף שטענדיק זײַן דיכטערישן און פּערזענלעכן גורל מיט פאָלקס־פּוילן, האָט געהאַלטן שפּעטער פאַר נייטיק איבערצודרוקן, פון אַ יִשׂראלדיקן פּאַשקוויל, זײַנע נײַע אַמעריקאַנער דיבורים...

ער איז אַזוי „פאַרווערטס" מיטן אימפּעט פון אַ שטיין וואָס נעמט זיך קײַקלען באַרג אַראָפּ...

11. דער גענעראַל־שטאַב פון נײַעם יִדישן לעבן

נאָוואָגרודזקע 5

פּערעצעס אַמאָליקע וואַרשע האָט געקלונגען מיטן אַדרעס צעגלאַנע 1; אין דער נאָך־פּערעצישער וואַרשע האָט זיך געטומלט מיטן אַדרעס טלאָמאַצקע 13, און איצט איז אין דער זעלבער וואַרשע פאַראַן אַ פּרײַער וואַרעמער קולטור־אַדרעס נאָוואָגרודזקע 5.

דאָס איז דער צענטראַלער אַדרעס פון נײַעם יִדישן לעבן, פון דער נײַער יִדישער קולטור, פון דער מעלוכיש־געזעלשאַפטלעכער יִדישער אָרגאַניזירטקייט. דאָס איז די פאָלקס־רעזידענץ פון „קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון יִדן אין פּוילן".

אויסערלעך איז עס אַ פירשטאָקיק מויערל, אָן פּרעטענזיעס אַף אַרכיטעקטורעלער אייגנאַרטיקייט און אַף סטיל. געבויט האָט אים די נויט, ווי אַלץ וואָס איז בעכיפאַזנדיק אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער צעמאָלענער און צעקנאָקטער וואַרשע. אין די נאָכמילכאָמעדיקע בוי־ונגען האָט מען קודעם־קאָל געזוכט פּראַקטישקייט און אַ דאַך איבערן קאָפּ, און אָט אַזאַ מין סאָרט דאַך האָט דאָס נײַע פּוילן אויסגעשפּרייט איבער דער יִדישער געזעלשאַפטלעכקייט, מיט דער געהעריקער מעלוכישער דרינגלעכקייט, און ס'איז אויפגעקומען דער נײַער אַדרעס, וואָס ווערט אַלץ היימישער און היימישער פאַרן יִדישן אויער.

אַף אַלע 4 שטאָק דרייען זיך אַרום קאָרידאָרלעך, וואָס פירן צו די צענדליקער קאַמערן און קעמערלעך, ווו עס אַרבעטן די קולטור־געזעל־שאַפטלעכע „טראַנסמיסיע־פּאַסן" און די גאַנצע „מאַשינעריע" פון פאַר־באַנד. ווען די שטיפעריישע קאָרידאָרלעך פלעגן אונדז נעמען פירן און פאַרפירן, פלעגן מיר זיך אָפטמאָל פאַרלירן אין דאָזיקן קאַמער־קאַמער־הויז, אָבער דערוויַיל פלעגט אונדז שוין אויסקומען אַריַינצושטעקן די קעפ אומעטום, און אַזוי אַרום זיַינען מיר ביסלעכוויַיז געוואָרן אויסגע־בונדן מיט אַלע לאַבירינטן...

אויסער דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, מיט זיַין פּרעזי־דענץ, סעקרעטאַריאַט, אַדמיניסטראַציע, בוכפירונג און אַרכיוו, און מיט זיַינע באַזונדערע אָפּטיילונגען פאַר אָרגאַניזאַציע, בילדונג, קולטור און פּראָפּאַגאַנדע,ווירטשאַפט, פּראָדוקטיוויזאַציע און הילף, זיַינען נאָך אין נאָוואָגרודזקע 5 אַריַינגעפּאַקט: די רעדאַקציע „פאָלקס־שטימע", די רע־דאַקציע פון די ליטעראַרישע „יִדישע שריפטן", דער פאַרלאַג „יִדיש בוך", דער „אָרט", אַ קלוב, אַן עס־זאַל מיט אַ קיך, און אין פּאַרטער — אַ פאַרקויף־געשטעל פון ביכער און אַ שניַידער־קאָאָפּעראַטיווע.

פון דעם אַליין קען מען שוין פאַרשטיין, אַז אַף נאָוואָגרודזקע 5 הערשט ניט די שאַלווע פון אַ באַרג־סאַנאַטאָריע, נאָר דער געזשום און געקאָך פון אַ שטיקל יִדישלעכן יאַריד, ביפּראַט אַז די טרעפּ און די קאָ־רידאָרלעך ברענגען יעדן טאָג אַרויף פון דרויסן פאַרשיידענע מינים מענטשן, ניט אויסגעשלאָסן קיין נודניקעס; און קענען נודיען האָט נאָך אַפילע דער סאָציאַליזם ניט באַוויזן צו דערפינדן אַ גענוג ווירקעוודיקן מיטל...

מי וואָמי (מי ומי), אָדער ווער איז ווער...

אין אַלפּוילישן פאַרנעם ווערט דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַר־באַנד אָנגעפירט דורך אַ הויפּט־פאַרוואַלטונג, און אין די באַזונדערע פּונקטן פון יִדישער קאָנצענטראַציע — דורך לאָקאַלע שטאָטישע קאָמי־טעטן.

דער פאָרזיצער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג און בעמיילע פון פּרע־זידיום איז הערש סמאָליאַר, וואָס איז אויך שעף־רעדאַק־טאָר פון דער „פאָלקס־שטימע".

לויט זיַין באַוועגלעכקייט און רירעוודיקייט וואָלט ער מיסטאָמע גע־

קענט אויספּילן נאָך אַ צענדליק אַמטן. עס שיכט פֿון אים און עס שפּריצט פֿון אים מיט פֿײַער. װען מיר װאָלטן אים גענדאַרפֿט כאַראַקטעריזירן אין כעמישע טערמינען, װאָלטן מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ געמיש פֿון קװעקזילבער און שװעבל, אָדער אַז ער האָט אַ טעמפּעראַמענט פֿון שװעבלדיקן קװעקזילבער.

ער איז אַזױ עקספּאַנסיװ, אָנצינדעװדיק און טעמפּעראַמענטפֿול, אַז אין געװיסע פֿאַלן װאָלט זיך געװאָלט אָנקלעפּן אַף אים, אַזױ װי אַף אַן אַמוניציע־סקלאַד אָדער אַף אַ קאַמיאָן מיט אויפֿרײַס־שטאָף, אַ צעטל, מיט דער װאָרענונג: פּאָרזיכטיק, געפֿאַר פֿון עקספּלאָזיע!

דער דאָזיקער טעמפּעראַמענט זײַנער האָט גאָרנישט צו טאָן מיט לײַכט־אויפֿפּלאַמענדיקן קאַעס, אָדער מיט היציקער אומגעדולד, אָדער מיט אומטאָלעראַנץ. דאָס איז אַן אויסדרוק פֿון פּסיכישער ענערגיע, פֿון איבערנעמען זיך טיף מיט יעדן איניען, פֿון איבערלעבן יעדע זאַך מיטן גאַנצן האַרצן, אָדער פֿון לײַדנשאַפֿטלעכן דראַנג צו גערעכטיקייט. און ברענגען ברענגט ער אַרױס זײַן טעמפּעראַמענטפֿולקייט טיפֿזיניק און שאַרף, און ס׳פֿעלט אים קיינמאָל ניט דאָס געהעריגע װאָרט און דער פּרעציז־פֿאָרמולירטער געדאַנק. דערבײַ איז ער פֿאָלקלאָריסטיש־אַמכאָדיק און גוטברודעריש ביז גאָר.

דער איבערפֿלוס פֿון געדאַנקען און געפֿילן איז בײַ אים אַזאַ ראַשיקער, אַז עפּעס אַ קױעך שטױסט אים צו זײַן שטענדיק װאָס נענטער צו אײַך. מיר האָבן אים קיינמאָל ניט געזען אײַנזיצן אַ פּאָר מינוט בײַ זײַן איבערגעלאָדענעם קאַבינעט־טיש, אָדער מאַכן דעם מינדסטן אָנשטעל פֿון זעלבסטװיכטיקייט. גלײַך גייט ער אַרױס צו אײַך פֿון הינטערן טיש און שױן האָט איר פֿאַר די אויגן זײַן באַװעגלעך פּאָנים, זײַנע צאַפּלדיקע ברעמען, זײַנע שאַרפֿע זשעסטן, זײַנע װינטמיליקע פֿינגער און דעם װאַסערפֿאַל פֿון זײַנע רייד. און אַז עס געלינגט אײַך סאָף־קאָל־סאָף אַרײַנצװואַרפֿן אין זײַן רײַסיקן װערטער־שטראָם אייערן אַ װאָרט אָדער אַ פֿראַגע, דאַרפֿט איר קיין איין סעקונדע ניט װאַרטן אַף אַן ענטפֿער; איר װערט צופֿרידנגעשטעלט אין מאָמענט.

אַף זײַן שרײַבטיש איז שטענדיק אָנגעלייגט אַ באַרג מיט באַקומענער קאָרעספּאָנדענץ — בוכשטעבלעך פֿון דער גאַנצער ייִדישער װעלט, אַרײַנגערעכנט רירנדיקע בריװ פֿון ייִדישע שרײַבער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד. דאַרף מען זיך קסיידער דורכדרינגען מיט דעם אַלעמען און ענטפֿערן גרינטלעך, װי סמאָליאַר האָט ליב; אָבער אויך די רעדאַקציע פֿון דער

צײַטונג לאָזט ניט צורו, כאָטש עס איז דאָ א פאַרטרעטער פון שעף — דער קאָרפּולענטער, גוטמוטיק־בלאָנדער קיווייקא.

מען דאַרף אויך שטיין אין פאַרבינדונג מיט די מעלוכע־אָרגאַנען, מיט דער פּאַרטיי, מיטן ראַט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, ווו 2 מיט־גלידער פון פאַרבאַנד זײַנען פּערמאַנענטע מיטגלידער, און דער איקער — מען דאַרף פירן דאָס גאַנצע יידישע מיניסטעריום, וואָס דער פאַר־באַנד שטעלט פאָר מיט זיך, און אויך אויסמײַדן און פאַרגלעטן די שטור־רעמס און שטורעמלעך, וואָס דער פריש־צוגעקומענער עלעמענט יידן פאַרשאַפט נאָך דאָ און דאָרט. אויסער אַלץ איז מען דאָך א שרײַבער אויך, און עס ווילט זיך אָנשרײַבן יענעם פּײַערדיקן לייט־אַרטיקעלע, אָדער א קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש אָדער נאָך א קאַפּיטל זיכרוינעס פון די פּאַרטיזאַנער־יאָרן אין די וועלדער הינטער מינסק.

ניט געקוקט אַף דעם אַלץ, געפינט נאָך סמאָליאַר צײַט אַרויסצו־כאַפּן זיך מיט ספּעציעלע מיסיעס אין אויסלאַנד. פאַרן לעצטן האַלבן יאָר האָט ער באַוויזן צו זײַן אין עסטרײַך און אין דער שווייץ, ווו ער האָט ווידעראַמאָל גערעדט און אויפגעקלערט, און אָנגעצייכנט די פּראָ־גרעסיווע ריכטליניעס פון יידישן צוזאַמענלעבן.

אין סמאָליאַרן איז פאַרקערפּערט דער טיפּ פון א פּראַקטישן, ענער־גישן און באַליבטן פירער, פון אַן עמעסן ציווילן קאָמאַנדיר, אַזוי צו זאָגן. זײַן האַסטיקער לעבנס־ריטם שפּיגלט זיך אָפּ אינעם גאַנג פון קול־טור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, און זײַן טאַקט האָט מיטגעווירקט אויס־צומיידן שוועריקייטן אין דער געזעלשאַפטלעכער לעבנס־פּראָבלעמאַטיק פון ניט־איינהייטלעכן יידישן יישעוו אין פּוילן.

אויך אַף אַלע אונדזערע צוזאַמענקומען, אַף וועלכע עס זײַנען גע־ווען מענטשן מיקאָל האַמינים, האָט ער אַרײַנגעבראַכט דעם געהעריקן טאָן און געשאַפן די שטימונג פון העכערער יידישער שוטפעס אַרום די וועלט־אידעאַלן פון דער מענטשהײַט.

סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד איז דאָוויד ספאַרד, וואָס האָט, אין זין פון טעמפּעראַמענט, פּונקט א היפּעכדיקן כאַראַקטער פון סמאָ־ליאַרן. ער איז א באַזאַכטער, א רויִקער, רעדט שטיל און זוכט שטענדיק א ראַפינירטערן אויסדרוק. עס רוט אַף אים די שכינע פון ליטעראַטור. ער איז א פײַנער ליטעראַטור־קריטיקער און א פּאָעט, און זײַן געמיט לאָזט עס אים ניט פאַרגעסן. זאָגט ער טאַקע אין זײַנס א ליד:

„אינמיטן פון טעגלעכע זאָרגן,
עס גיט ניט די זעונג קיין רו מיין געמיט,
מיין האַרץ ציטערט שטיל ווי אַ בלאַט אין פרימאָרגן
מיין בלוט זינגט אַן אומעטיק, אויסטערליש ליד".

מיט אַ בעניסמעסדיקן שמייכעלע אַנטשולדיקט ער זיך נאָכאַנאַנד וואָס ער איז אַזוי פאַריאָגט און פאַרנומען. און בעעמעס — דער סעקרעטאַריאַט פון פאַרבאַנד איז ניט קיין צוקער־לעקעכל, און אַפילו מיט אַן אייגן ליד, איידער עס ווערט באַשאַפן, איז ניט אַזוי לייכט אויסצוטיינען זיך...

סמאָליאַר און ספּאַרד זיינען די 2 הויפּטפיגורן פון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט אין פאַרבאַנד. סמאָליאַר איז דער שטורעם אין די זעגלען, און ספּאַרד — דער גלעט מיט די וועסלעס איבערן וואַסער...

מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד, אָבער אָן פונקציעס אין זיין פּראַקטיש־קאָנקרעטער אָנפירונג, זיינען שימען זאַכאַריאַש, מיכל מירסקי און יויעל לאַזעבניק. דאָס זיינען 3 וועטעראַנען, וואָס זיינען אַ גאַראַנטיע פאַר דער אידעאָלאָגישער גאַנצקייט פון פאַרבאַנד. זאַכאַריאַש, וואָס קעמפט מיט זיין אָפּגעשוואַכטן אָרגאַניזם, האַלט קסיידער אין איין דערמאָנען וועגן ניט פאַרלירן די ברייטע פּערספּעקטיוון; מירסקי איז אַ טיפער קולטור־מענטש, מיט אַן אומגעהויערן יידישן און מאַרקסיסטישן וויסן; און לאַזעבניק איז אַ פאָלקס־גוואַרדייער, וואָס וויל ניט וויסן פון קיין אַנדער זאַך ווי טרייקייט און אויסדויער.

פון די אַנדערע אָנפירער פון פאַרבאַנד דאַרף מען ספּעציעל אויסטיילן די כ"ב: קאָרמאַן, פעלהענדלער, צעשינסקי, וואַסערשטרום, גאָלדפינגער, הורוויטש, פישגרונט, וואָלפאָוויטש. יעדער איינער פון זיי איז געווען פאַר אונדז אַ „נאַש בראַט" און באַמיט זיך היימישער צו מאַכן אונדזערע וואַרשעווער טעג און נעכט. עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז אַלע האָבן זיי וויכטיקע פאַרדינסטן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און פאַר דער יידישער קולטור. זיי שטייען לעבעדיקע פאַר אונדזערע אויגן און פאַרנעמען אַ ליכטיקן אָרט אין אונדזער געמיט.

דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד האָט אַן אַדמיניסטראַטיוו־אָנפירנדיקן אַפּאַראַט פון 42 פּערזאָן און אַ ריזן־ביודזשעט פון מיליאָנען. קיין פינאַנציעלע האַרצווייטיקן האָבן זיי ניט און צו קיין קאַמפּיינען דאַרפן זיי ניט אָנקומען, ווייל די מעלוכע דעקט אַלץ ביזן לעצטן

גראַשן און אַפילו ביזן לעצטן טראָפּן נאַפט פון די 2 אָפיציעלע אויטאָס וואָס דער פאַרבאַנד האָט באַקומען פון נייעם פוילן...

אָרגאַניזמען וואָס אַרבעטן מיט אַ שטיקל „מיין"...

אין פוילן עקזיסטירן אויך יידישע רעליגיעזע קעהילעס.

צוקוקנדיק זיך צו די פוקסישע געננגלעך פון האָזעדיקן קאַטוילציזם אף דער אַלגעמיין־פוילישער גאַס, האָבן זיי אויך געפּרוווט אַרויסווייזן, מיט אַ שטיקל צייט צוריק, פּאָליטישע אַמביציעס, אין מיזראָכיסטישן גייסט, אַזוי אַז מען האָט די דאָזיקע ניט־רעליגיעזע אַמביציעס געמוזט צוימען. דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד שטייט מיט זיי אין קאָרעקטע פאַר־בינדונגען אָבער האַלט אַף זיי אַן אויג.

זינט אַ שטיקל צייט ווירקט אין פוילן דער דזשאָינט, וואָס איז צו־געלאָזט געוואָרן נאָכן אָנקומען פון דער גרויסער כוואַליע רעפּאַטריאַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד.

די פּאָזיטיוו־עקאָנאָמישע ווירקונג פון דזשאָינט גיט אָבער, דאָ און דאָרט, געזעלשאַפטלעך־נעגאַטיווע רעזולטאַטן. די הילף, וואָס ער טיילט אויס, גיט אַ מעגלעכקייט די נעגאַטיווע עלעמענטן אַרומצוגיין ליידיק און צו זייען אומצופרידנקייט צו דער סאָציאַליסטישער וועלט. די אַרבעט פון דזשאָינט אין פוילן איז ניט קיין דעפיניטיווע. זי איז צוגעלאָזט געוואָרן ווי אַן עקספּערימענט און ווערט קאָנטראָלירט דורכן קולטור־געזעלשאַפט־לעכן פאַרבאַנד.

עס ווירקט אויך דער „אָרט", וואָס האָט איינגעשטעלט אַ ריי פאַך־קורסן, ווי וועבערייַ, פריזירערייַ, ניי־אַרבעט, שלאָסערייַ, עלעקטראָטעכ־ניק, פּאָטאָטעכניק. ס'האָט זיך אים איינגעגעבן צו שאַפן אַ סוויווע און אַן ערנסטע שטימונג פון אַרבעט צווישן יינגערן שיכט רעפּאַטריאַנטן. לעבאַטכילע האָט זיך דער „אָרט" באַמיט צו אָרגאַניזירן אַזוינע פאַך־קורסן וואָס זאָלן בעאיקער טויגן פאַר יסראָעל און ניט פאַר דער פּוילי־שער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט... האָט מען אויך אין דער ריכטונג גע־דאַרפט אַרייַנפירן קאָרעקציעס...

עס איז קלאָר, אַז ווי נוצלעך און ווי אויפריכטיק דער „דזשאָינט" און דער „אָרט" זאָלן ניט זייַן, אַרבעטן זיי דאָך מיט אַ געוויסן „מיין"... מען וועט, דעריבער, אין דער צוקונפט, דאַרפן גוט צוקוקן זיך אַף וויפל דער דאָזיקער „מיין" ווערט שעדלעך אָדער ניט...

12. יידישע קולטור אין נײַעם פּוילן

די מעלוכע און די יידישע קולטור

די יידישע קולטור אין פּוילן איז דורכוים א יידיש־שפּראַכיקע און דורכוים א מעלוכישע.

א מעלוכישע איז זי, ניט נאָר ווײַל זי ווערט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן פון דער מעלוכע, נאָר בעפּיירעש צוליב דעם וואָס זי איז א נאַטירלעכער טייל פון דער גאַנצער מעלוכישער קולטור.

זי איז ניט קיין סובסידירטע בײַזאַך נאָר א באַשטאַנדטייל פון סאָציאַליסטישן איקער און זי האַלט דערבײַ אײַן אירע יידישע פאָלקס־אָטריבוטן. אויסער דעם איז עס ניט קיין קולטור וואָס באַשטייט פון געציילטע און באַגרענעצטע מוסטערן, נאָר א גאַנצע און אַן אַרומנעמיקע אויף אַלע פעלדער פון פאָלקישן אויסלעבן זיך: ליטעראַטור, טעאַטער, שולוועזן, פּרעסע, ביכער־פּראָדוקציע, היסטאָרישע פאָרשונג, אינסטיטוציאָנעלע קאָנצענטרירונג, פאַך־אויסבילדונג.

די זאָרג פון דער פּוילישער מעלוכע פאַרן יידישן קולטור־לעבן איז אַן אומגעהויערע, ניט געקוקט אויף די ריזיקע יידישע דעפיציטן וואָס זי דאַרף דעקן. מען האָט אויסגערעכנט, אַז אויף יעדע 10 זלאָטעס, וואָס קולטור־אַרבעט קאָסט אויף דער מעלוכע פאַר א פּאָליאַק, גיט זי אויס 1.000 זלאָטעס פאַר יעדן יידן...

דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד ווערט אויסגעהאַלטן דירעקט דורך צענטראַלע מעלוכע־פאָנדן; די „פאָלקס־שטימע" — דורכן מעלוכישן פּרעסע־קאָנצערן „פּראַסאַ"; דאָס טעאַטער — דורכן קולטור־מיניסטעריום; דער היסטאָרישער אינסטיטוט — דורך דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע; די שול־נעץ — דורכן בילדונג־מיניסטעריום, און אַפילו די קעהילעס באַקומען א סובסידיע פון דער רעגירונג. אויסער דעם בויט איצט די רעגירונג א מאָדערנעם ריזן־בנין פאַרן יידישן טעאַטער, שול און קלוב אין לאָדזש און א געהעריק־צוגעפּאַסטן שול־בנין פאַר דער שאָלעם־אַליכעם־שול אין וורָאַצלאַוו. דעם גרעסטן טייל הויצאָעס פון אויסהאַלטן די אויסלענדישע דעלעגאַציעס וואָס זײַנען געקומען צו די פײַערונגען פון 15טן יאָרטאָג פון דער געטאָ־עפּאָפּעע, האָט אויך געדעקט די רעגירונג.

די מעלוכע וועגט ניט אויפן ליט און מעסט ניט אויפן מילימעטער דעם פאַרנעם פון דער יידישער קולטור, און זי האָט קיינמאָל נישט גע־

צווייפלט צי די דאָזיקע קולטור איז נייטיק אָדער ניט. קוים האָט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט געזאָגט „יאָ, נייטיק!”, ווערט דער דאָזיקער „יאָ” באַטראַכט ווי קאַטעגאָריש און ער ווערט רעספּעקטירט אָן וועלכע נישט איז קווענקלענישן און מיטן פולן, וואַרעמען צוטרוי צום קליינעם יידישן יישעוו, ניט געקוקט אַפן מיליאָניקן פּרייז, וואָס די מעלוכע דאַרף צאָלן פאַר דעם.

אַפילע אין פּעריאָד פון דער בעהאָלע, אין די צייטן פון 1956־57, ווען דער פריערדיקער ריזיקער טיראַזש פון יידישן בוך און פון דער „פאָלקס־שטימע” איז געזונקען שיר נישט אַף צוויי דריטל, האָט די מעלוכע ניט געזאָגט „מען דאַרף שוין מער ניט”, אָדער „גענוג”, אָדער „צייט צו פאַרקלענערן און פאַרשמעלערן”.

אַלע יידישע קולטור־פּאָזיציעס און ביודזשעטן זיינען, אין דער ערגסטער צייט, אויפגעהאַלטן געוואָרן, און איצט זיינען די באַדינגונגען אַזוינע אַז מען קען שוין צוריק פּלאַנירן אַ מאַסן־אַקציע אַף צו ווערבירן אַבאָנענטן און אַף צו שאַפן אַפילע יוגנט־אָפּטיילונגען אין די קלובן.

אין פּוילן קען מען נאָך אַלץ ארויסגעבן און פאַרשפּרייטן אַ יידישן בוך אין 3.000 עקזעמפּלאַרן, אין דער צייט ווען אין צאָפן־אַמעריקע, וווּ דער יידישער יישעוו איז הונדערט מאָל אַ גרעסערער ווי אין פּוילן, איז עס אַן אומבאַגרענעצטער טרוים, ווי עס פּאַסט פאַר אַ לאַנד פון אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן... אַפילע אַזאַ מין גאַליאַס־האַפּלישטי ווי דער „פאָרווערטס”, איז פון שטאַנדפּונקט פון עקזיסטענץ־זיכערקייט אַ סאַך שוואַכער פונעם קליינעם סאָציאַליסטישן דאַווידל, וואָס הייסט „פאָלקס־שטימע”.

עס איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז מיט דער צייט זאָל דער יידישער מעלוכע־טעאַטער דאַרפן ברענגען אַביסל בינע־יידישקייט קיין ניו־יאָרק, נעמענדיק אין אַכט די טעאַטראַלישע קינדערלאָזיקייט פון איסט־בראָדוויי...

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז ניט נאָר אין דער יידישער קולטור־סוויווע, נאָר אויך אין די מעלוכע־ספערן און אַף אַלע דערשיינונגען פון לעבן, פאַרנעמען צענדליקער און הונדערטער יידן די כאָשעווסטע פּאָזיציעס.

סיי די כוליגאַנישע יודאָפאָביע און סיי דער איידעלער אַנטיסע־מיטיזם זיינען דורך דער מעלוכע ענערגיש געצוימט און געפּענטעט גע־וואָרן, און די פאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט אָפן און קלאָר פּאָר־מולירט דעם פּרינציפּ, אַז „רעגולירן די קאַדרען לויט אַ נאַציאָנאַלן סיידער איז ניט מאַרקסיסטיש”, דאָס הייסט, אַז די מיינונג וועגן אַוועק־

שטעלן באַ דער אָנפירונג פון פּוילישן מעלוכע־לעבן בלויז פּאָליאַקן און וועגן אויסשליסן אַלע אַנדערע, איז אַ פּאַלשע אַנטיסאָציאַליסטישע טעזע.

דער דאָזיקער פּרינציפּ איז טאַקע פאָרמולירט געוואָרן בעאיקער אין שײַכעס מיט דער ייִדן־פראַגע, און דער דאָזיקער פּרינציפּ ווערט שטרענג אָפּגעהיט. ייִדן ווי ייִדן קענען אַנטוויקלען פרײַ און אָפן כעשבן פון דער מעלוכע זייער קולטור־לעבן אַף ייִדיש, און ייִדן ווי בירגער האָבן אַ צוטריט, ווי יעטווידער פּאָליאַק, צו אַלע צווײַגן פון עפנטלעכן לעבן.

פאַר די ייִדן אין פּוילן איז זייער ייִדישקײַט ניט קיין באַגרענעצנדיקער פאַקטאָר. פאַרקערט, אין באַצוג צו גײַסטיקער אויסלעבונג, גיט זיי זייער ייִדישקײַט ספּעציעלע קולטור־רעכט און בענויגייע דעם אַלגעמיינעם עפנט־לעכן לעבן שטעלט זי מיט זיך ניט פאַר די מינדסטע שטערונג.

ייִדישע שולן אין פּוילן

גלײַך נאָך דער מילכאָמע, און אין דער מאָס ווי עס זײַנען צוריק־געקומען די רעפּאַטריאַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד, האָט זיך צעוואַקסן און צעבליט דער נײַער ייִדיש־מעלוכישער שול־וועזן אין פּוילן און ער האָט ניט אויפגעהערט צו שטײַגן אינהאַלטלעך און קוואַנטיטאַטיוו בעמעשעך פון אַ 5-6 יאָר. דירעקטע גערוסן פון דאָזיקן אימפּעטדיקן וווּקס האָבן מיר געהאַט דורך לאַזאָווסקיס גרינטלעכער לערן־פּראָגראַם און דורך די לערנביכער וואָס זײַנען צו אונדז דערגאַנגען. אין אַ געווויסן מאָמענט זײַנען שוין געווען אין פּוילן 34 ייִדישע שולן, אַרײַנגערעכנט אַ שול אין וואַרשע.

צווישן די יאָרן 50-53, אין דער מאָס ווי ס'האָט זיך פאַרשטאַרקט די סיסטעמאַטישע אויסוואַנדערונג, ספּעציעל קיין ייִסראָעל, און, אין אַ קלע־נערער מאָס, אויך דערפאַר וואָס די פּראָגראַם פון די ייִדישע לימודים איז, צוליב די באַקאַנטע סיבעס, פאַרשמעלערט געוואָרן, האָט די צאָל שולן גענומען פאַלן, ביז זי איז דערגאַנגען צו 7 קליינע לערן־אַנשטאַלטן.

מיטן אָנקומען פון דער צווייטער רעפּאַטריאַנטן־כוואַליע פון ר"פ, זײַנען די 7 קליינע שולן געוואָרן גרויסע און עס האָלטן באַם געעפנט ווערן 2 נײַע שולן. פון די 7 עקזיסטירנדיקע שולן, געפינט זיך בלויז איינע, די פון לאָדזש, אין אייגנטימלעכן אַלטן פּוילן, און די איבעריקע 6 אין דער נײַ־פּוילישער, עקס־דײַטשער נידערשלעזיע און פּרײַסן. די דאָזיקע שולן געפינען זיך אין: ווראָצלאַוו, שטשעטשין, ליגניץ, דזשיערזשאָניוו, ביעלאַווע און וואַלבזשיך. די 2 נײַע שולן, וואָס האַלטן זיך

אין עפענען, וועלן זיך אויך געפינען אין נידערשלעזיע, אין די שטעט שווידניץ און זשארי. ארום און ארום באקומען יידישע בילדונג 2.000 קינדער, אף אן אלגעמיינער יידישער באפעלקערונג פון ארום 50.000 איינוווינער.

די יידישע לערן־אנשטאלטן זיינען ניט קיין צוגאב־שולן, נאר אינטעגראלע. עס ווערן אין זיי געלערנט אלע אן אויסנאם לימודים, וואס א קינד דארף האבן לויט דער מעלוכע־פראגראם, מיט א צוגאב פון די באטרעפנדיקע יידישע לימודים, וואס זיינען פארפליכטנדיק, און אן וועלכע מען קען ניט אריבערגיין פון איין גראד אין צווייטן, און ניט באקומען די דעפיניטיווע רייפקייט־צייגעניש פון האבן געענדיקט די מיטלשול, ליציי אדער גימנאזיע.

דער נייער קוואנטום רעפאטריאנטישע קינדער האט אנגעפילט די שולן און מאמעש אויפגעלעבט זיי, אבער געשאפן א שפראכיקע צוגאב־פראבלעם, א פראבלעם ניט פון צווייישפראכיקייט, נאר פון דריישפראכיקייט. די קינדער זיינען געקומען פון ר"פ בלויז מיט רוסיש, און האבן גלייך געדארפט איינוואָרצלען זיך אין פויליש און אין יידיש. אזוי ווי אין דער אינטעגראלער שול ווערן 80 פראצענט לימודים געלערנט אין פויליש, איז קלאר, אז מען האט א גרעסערע אויפמערקזאמקייט געדארפט אפגעבן דער פוילישער שפראך, און יידיש האט שוין בעמיילע געמוזט פארנעמען דאס צווייטע ארט, וואס פאקטיש איז עס דאס דריטע. די רוסיש־ריידנדיקע קינדער ריידן נאך שווערלעך פויליש, און נאך שווערער קומט זיי אן אייצע צו געבן זיך מיט יידיש.

די רעפאטריאנטן־כוואליע האט אויך געלייזט, אין א גאר גרויסער מאס, די פראבלעם פון לערער. עס זיינען מיטגעקומען פעדאגאגן פון די אמאליקע יידיש־וועלטלעכע שולן, — בעסערע און שוואכערע, און צווישן די גוטע — אויך א צאל אידעאלאגיש־צעוואקלטע, אבער אין אלגעמיין, האבן זיי זיך אריינגעפאסט און מען האט באקומען א מעגלעכקייט אויסצופילן מיט זיי אלע פרייע ערטער.

אף א נארמאלן וועג גרייט מען דערווייל ניט צו קיין לערער פון יידישע לימודים. מען האט געפרווט שאפן א יידישע אפטיילונג באם פעדאגאגישן מעלוכישן ליציי, אבער עס זיינען געווען גאר ווייניק קאנדידאטן, ווייל די יוגנט, און ניט נאר די יידישע ,איז באהערשט פון א פאליטעכנישן גייסט, אין העסקעם מיטן אפבוי און מיט דער אינדוסטריאליזירונג פון פוילן. זייער ווייניק יידישע יוגנטלעכע ווילן שטודירן הומאניסטיק און פעדאגאגיק, און נאך ווייניקער ווילן ווערן יידישע לערער.

פון די 14 שילער אין לעצטן יאָר מיטלשול פון דער יידישער שול אין לאָדזש, האָט, אױף מײַן פראַגע: װער פון זײ עס װיל װערן אַ לערער, בלויז 1 שילערין געענטפערט פּאָזיטיװ, און דאָס אויך מיט אַ האַלבן מויל, איך װאָלט געזאָגט מיט אַ פערטל מויל. עס איז פאַראַן אַ פּראָיעקט װעגן גרינדן אַ קאַטעדרע פון יידיש אױפן װאַרשעװער אוניװערזיטעט, אָבער די זיכערקייט אַז אַזאַ מין זאַך זאָל קענען דורכגעפירט װערן איז נישטאָ.

דעם גרעסטן טייל פון די לערן־פּראָגראַם פאַרנעמט די טעכניש־שפּראַכיקע זײַט, נעמענדיק אין אַכט די אינטערעסטעליקייט פון די קינדער אין יידיש. מען אַרבעט שטאַרק אױף שפּראַך־איבונגען און אױף גראַמאַטיק. װאָס שײַך דעם אינהאַלטלעכן טייל, גיט מען זיך אָפּ מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון נײַעם פּױלן, מיט פעלקער־פרײַנטשאַפט, מיט סאָציאַליזם און, פאַרשטייט זיך, מיט דער יידישער ליטעראַטור. ליטעראַרישע מוסטערן נעמט מען בעיקר פון דער מאָדערנער און גאָר יונגער פּראָגרעסיװער דיכטונג, פון די קלאַסיקער, פון רייזענען, און מען שליסט אויך ניט אויס אָפּאַטאָשון און אַשן.

פאַראַן אַ מעטאָדאָלאָגישע סעקציע פון לערער פון יידישע שולן. אַלע 3 כאָדאָשים קלײַבן זײ זיך צונויף און אַרבעטן אױף מעטאָדיק און אױף טעקסטן. די יידישע לערנביכער, װאָס מען האָט מיט 10 יאָר צוריק גענוצט אין 7טן און 8טן קלאַס, מוז מען איצט נוצן אין 10טן און 11טן. די ביכער זײַנען ניט פאַרעלטערט געװאָרן, אָבער זײ זײַנען, אַזוי צו זאָגן, עלטער געװאָרן אױף 3 יאָר. דאָס נעמט זיך פון דעם װאָס די שפּראַך־אַנטװיקלונג בײַ די קינדער איז אַ שװאַכערע, זײ קומען פון װײניקער יידיש־אָנגעלאָדענע היימען, און דער נאַטירלעכער, אָביעקטיװער דרוק פון דער סװיװע איז אַ שטאַרקערער.

דאָס איבעררוקן די פאַראַנענע טעקסטן פון נידעריקע גראַדן אױף העכערע לייזט נאָך ניט אינגאַנצן די פראַגע. מען דאַרף צופּאַסן די טעקסטן צו דער אַנטװיקלונג און צום עלטער פון די קינדער, און עס שטייט די פראַגע פון אַרויסגעבן נײַע לערנביכער, װאָס זאָלן סײַ שפּראַכלעך און סײַ אינהאַלטלעך אַנטשפּרעכן דער אויפנעם־פעיִקייט פון נײַעם טיפּ קינד אין אַ באַשטימטן עלטער. אָבער אַזוי װי שנעל לאָזט זיך עס ניט מאַכן, און מען איז אויך ניט זיכער װעלכע מאַטעריאַלן זײַנען די מער צוגעפּאַסטע, גיט מען דערװײַל אַרויס העפטן, ענלעכע אױף די איקוף־העפטן װאָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, און ערשט שפּעטער, װען די שול־פּראַקטיק װעט באַװײַזן װאָס פאַר אַ שטאָף עס איז באַרעכטיקט און װאָסערער ניט, װעט מען די עקספּערימענטאַלע העפטן

דורכזיפּן און רעדאַגירן, און שאַפן פון זיי ענדגילטיקע כרעסטאָמאַטיעס. עס איז קעדיי צוצוגעבן, אַז אויך די קינדער־ביילאַגע פון דער „פֿאָלקס־שטימע" ווערט אָפט גענוצט ווי לייען־מאַטעריאַל.

נאָך די אויפדעקונגען פון 20טן קאָנגרעס, האָט מען אַף אַן ענער־גישן אופן גענומען רעסטאַווירן די יידישע לערן־פּראָגראַמען.

אין פּוילן האָט מען, פון איין זייט, איינגעאָרדנט אַ העכערן קורס אַף אויסבילדן לערער פון יידישער געשיכטע; און פון דער צווייטער זייט, האָט די בילדונג־אָפּטיילונג פון „קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון יידן אין פּוילן", צוזאַמען מיטן בילדונגס־מיניסטעריום, גענומען אַרבעטן אַף אַ נייער פּראָגראַם פון יידישער געשיכטע. און ווייל די בילדונג־אָפּ־טיילונג פון פאַרבאַנד האָט געפאָדערט אַ וואָס ברייטערע און וואָס אַרומ־נעמיקערע פּראָגראַם, האָט זיך דער איניען אביסל פאַרצויגן, אָבער האַרט פאַר אונדזער אַרויספאָרן איז פון מיניסטעריום אָנגעקומען דער אָפּיציע־לער העסקעם אַפן סאַמע ברייטסטן קורס. מען האָט אויך גענומען שטאַרקן דעם יידיש־לימוד דורך אַרויסגעבן נייע מאַטעריאַלן, און דורך אַריינגעבן אין דרוק דעם דריטן טייל פון אַ מעטאָדישער און אויסשעפּיקער גראַ־מאַטיק.

די בילדונגס־אָפּטיילונג פון „קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון יידן אין פּוילן", האָט אַ וויכטיקן שוטעף, וואָס מיר האָבן אים ניט — די פּוילישע מעלוכע. אין איניאָנים פון אַדמיניסטראַציע, אינספּעקציע און פּערסאָנאַל, איז די בילדונג־אָפּטיילונג אויטאָנאָם, אָבער אַף פּראָגראַמען און טעקסטן דאַרף מען האָבן די צושטימונג פון בילדונגס־מיניסטעריום; און וואָס שייך פינאַנצן, איז די מעלוכע דער איינציקער שוטעף, וואָס טראָגט ביי, אַף אַלע 100 פּראָצענט, וואָס נאָר מען דאַרף און ווען נאָר מען דאַרף.

די הילף פון דער מעלוכע דריקט זיך אויס ניט נאָר אין אויסהאַלטן אינגאַנצן די שולן, נאָר אויך אין פאַרגרעסערן זייער קאָמפאָרט און באַקוועמלעכקייטן. פאַר די יידישע שולן פון לאָדזש און וראָצלאַוו ווערן איצט געבויט צוויי פּרעכטיקע, נייע ביניאָנים, כאָטש די אַלטע זיינען נאָך אויך גאַנץ גוט. די שטאָט־פאַרוואַלטונג פון וראָצלאַוו האָט צוגע־שטעלט דער יידישער שול אַ ספּעציעלן טראַמוויי, וואָס אינדערפרי נעמט ער צונויף די קינדער און פאַרנאַכט פירט ער זיי אָפּ אַהיים. מיטיק עסן די קינדער אין שול, און יעדער מיטיק ווערט סובסידירט דורכן „דזשאָינט" מיט 8 זלאָטעס אַ טאָג. דער „אָרט", ווידער, האַלט אין איינאָרדענען

טעכנישע קורסן בײַ די שולן, קעדיי די קינדער, וואָס ווילן עס, זאָלן גלײַכצײַטיק מיטן שטודירן אין שול, קענען אויסלערנען זיך אַ פאַך.

דער יאָריקער לערן־ציקל באַטרעפט 10 כאָדאָשים און מען לערנט 6 טעג אין דער וואָך. ביזן 5טן קלאַס אײַנשליסלעך לערנט איין און די זעלבע לערערקע אַלע לימודים. פון 6טן ביזן 11טן איז פאַראַן אַ באַזונ־דערער לערער פאַר יעדן לימוד.

קימאַט אַלע קינדער זײַנען מיטגלידער פון דער פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע און טראָגן מיט שטאָלץ די רויטע האַלדזטיכער. בײַ די שולן עקזיסטירן קינדער־קלובן, וווּ די פאַרווײַלונג־פּראָגראַמען זײַנען זייער ענלעך צו אונדזערע. אויסער דעם זײַנען פאַר אַלע שילער צוטריטלעך די פּיאָנערן־פּאַלאַצן, וווּ די קינדער געפינען פון וואָס אַ מאָל קען ריידן און וווּ עס פאַרשווינדט מאַמעש די גרענעץ צווישן ווירקלעכקײַט און לעגענדע.

אין אַלגעמיין קען מען זאָגן, אַז אין פּוילן זײַנען פאַראַן אַלע מעלו־כישע, געזעלשאַפטלעכע, גײַסטיקע און מאַטעריעלע מעגלעכקײַטן פאַר דער עקזיסטענץ פון יידישן שולוועזן. דאָס ווײַטערדיקע לעבן און אַנט־וויקלונג פון די יידישע שולן איז אָפּהענגיק פון דעם צי די רעפּאַטריאַנ־טישע מאַסן, וואָס די קינדער זייערע בילדן 75 פּראָצענט פונעם שילער־באַשטאַנד, וועלן זיך סטאַביליזירן, באַרויִקן, פאַרלירן זייער וואַנדער־לוסט און אײַנוואָרצלען זיך אין זייער פּוילישן היימלאַנד.

די מעלוכע און דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד טוען אַלץ אַז אַזוי זאָל זײַן: מען באַזאָרגט די רעפּאַטריאַנטן מיט גוטע וווינונגען, מען שאַפט פאַר זיי אַרבעט־מעגלעכקײַטן, מען פירט אַ סיסטעמאַטישע קולטור־אַרבעט אין יידיש, מען אָרגאַניזירט קלובן, מען וויקלט פונאַנ־דער אַן אידעאָלאָגישע אויפקלערונג און מען באַמיט זיך קעגנצוּווירקן אַלע יענע פאַקטאָרן און קרייזן, וואָס האָבן אַן אינטערעס, אַז עס זאָל הערשן אַ בעהאָלע, אַ וואָקזאַל־שטימונג און אַן אומצוטרוי צום פּאָלקס־דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם.

דאָס אויסברייטערן די פּראָגראַמען פון די יידישע לימודים, די דעציזיע צו עפענען נײַע שולן און די אויסשפּרייטונג פון דער נעץ זומער־קאָלאָניעס זײַנען אַ באַווײַז אַז עס ווערט ניט פאַרלוירן פון אויג יעטווידע מעגלעכקײַט צו פאַרפעסטיקן און צו קרעפטיקן דעם יידישן שולוועזן אין פּוילן.

יידישע שרײַבער

אין פּוילן געפינען זיך א 25 יידישע שרײַבער און זשורנאַליסטן.

צוליב אונדזער ספּעציפישער מיסיע און נאָכאַנאַנדיקער געזעל־שאַפטלעכער פּאַריאַגטקײַט, האָבן מיר זיך, אין לויף פון אונדזער 20 פּוילישע טעג און נעכט, ניט געקענט זען מיט אַלעמען, און אויך די פאַר־געקומענע זעונגען זײַנען דאָס ראָוו געווען ניט קיין אויסשעפּיקע און האָבן זעלטן געקענט רייף ווערן ביז צו אינטימקײַט.

אַ ריי שרײַבערישע באַגעגענישן האָבן מיר שוין דערמאָנט אין די־דאָזיקע רײַזע־שטריכן. פון די שרײַבער, וואָס מיר האָבן נאָך ביז איצט ניט דערמאָנט, האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט: האדאַסע רובין, לילי בערגער, לייב אָליצקי, מוישע שקליאַר, מאַרק ראַקאָווסקי, אווראָם קוואַ־טערקאַ.

עטלעכע געציילטע, פאַרבײַלויפנדיקע ווערטער וועגן יעדן איינעם פון זיי:

האַדאַסע רובין (1) — אַ דראָבנינקע, מיט אַ פאַרשפּיציקטן פּאָנים, אַ ביינעוודיק־פאַרפאַנצערטן הינטער אַ פּאָר אַמעריקאַנער אויגן־גלעזער. עס איבעראַשט דער טיפער ליריזם פון איר פּערז. שיין און שלאַנק איז איר דיכטעריש וואָרט, וואָס האָט אויך עלעגאַנטע גערדאַנקלעכקײַט, אָבער וואָס איז דורכגעטרערט מיט נײַעם און אַלטן ווייטיק, מיט יידישן און אינדיווידועלן פּײַן.

פון אונדזער באַריכט־גרוס וועגן דאָרעם־אַמעריקע האָט איר צום מערסטן באַווירקט אונדזער צופעליקע באַמערקונג, אַז אין דער פּערואַנער הויפּטשטאָט לימאַ עקזיסטירט נאָך אַ געסל וואָס הייסט „מאַטאַ כודיאָס״. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז זי נאָך געווען געפּלעפּט פון דעם און האָט אונדז געבעטן שיקן גענויערע געשיכטלעכע פּראַטים וועגן גאַנצן איניען. זי איז אין דעם געוואַלדיק פאַראינטערעסירט, האָט זי געזאָגט, און האָט זיך בעשאַס־מײַסע פאַרקוקט ווײַט־ווײַט...

לילי בערגער — אַ פּאָנים מיט פרײַנטלעכער, וואַרעמער שוואַרצ־אויגיקײַט. זי איז ניט לאַנג צוריק געקומען פון פראַנקרײַך קײַן פּוילן, זיך אײַנגיבירגערט און זעצט דאָרט פּאָר איר ליטעראַרישע אַרבעט אַפן פעלד פון ליטעראַטור־קריטיק און עסייִסטיק. זי האָט וואָס צו זאָגן און זי טוט עס וואַרעם און מיט איבערצײַגונג.

---

(1) איצט אין ישׂראל.

לייב אָליצקי (1) — אַ נאָמען מיט טראַדיציע און מיט אײַנגעװאָרצלט־קײַט אין דער יונג־ייִדישער ליטעראַטור, אויך צוליב די אַנדערע אָליצקים. לייב איז שוין אַ זעכציקער און איז אַקטיװ־שעפּעריש אַף דרײַ ליטעראַרישע הויפּט־געביטן: פּאַבל, פּאָעמע, ראָמאַן. אין סאָציאַליסטישן פּוילן זײַנען דערשינען 10 ביכער זײַנע, אויסער 7 בענד איבערזעצונגען און אַנדערע זאַמל־װערק. לעצטנס האָט ער זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט גע־שטאַלטיקן פּאָעמאַטיש די לעגענדעס פון ייִדישן פֿאָלקלאָר. געטאָן האָט ער עס מיט באַציִונג און פּיעטעט פון אַ מיניאַטור־קינסטלער, װאָס קען אַלע סוידעס פון דער אַנטיקװאַרער פיליגראַן־מײַסטערשאַפט.

ער האָט פאַרנומען דעם אַמט פון הויפּט־רעדאַקטאָר פון ליטעראַרישן זשורנאַל „ייִדישע שריפטן". ער האָט אַרײַנגעבראַכט אין זשורנאַל אַ געװיסע קאָנסערװאַטיװע פּאַרקילטקײַט, סײַ אין אָפּקלײַב פון מאַטעריאַל און סײַ אין טאָן. עס װאָלט זיך געװאָלט, אַז דאָס נײַע ייִדישע און ניט־ייִדישע פּוילן זאָל האָבן אַסאַך מער ליטעראַרישע, געזעלשאַפטלעכע און אידעאָלאָ־גישע רעפּרעזענטאַטיװקײַט אין דאָזיקן צענטראַלן אָרגאַן פון די ייִדישע שרײַבער.

מוישע שקליאַר — אַ שיינער געשטאַלטיקער באָכער, פונעם ייִנגערן דאָר. לויטן אויסזען — אַ „גאַלאַן"; לויטן שרײַבערישן טעמפּעראַמענט —אַ שטילער ליריקער און אַ לעבעדיקער זשורנאַליסט. אַ בענימעסדיקער, באַשיידענער יאַט, אָן אָנשטעלן און אָן פיגוראַטיװע אַמביציעס.

מאַרק ראַקאָװסקי — דער אַלטער איבערזעצערישער װעטעראַן פון אַזוי פיל צענדליקער און שיר ניט הונדערטער װערק פון דער אייראָפּעי־שער ליטעראַטור, איז אַ פרישער רעפּאַטריאַנט. מער הערט אָבער פון אים ניט די געװיינטלעכע רעפּאַטריאַנטישע אָכצענישן און קרעכצענישן. ער דערציילט אויך ניט קײַן סוידעס אַפן אויער און ער טראָגט זיך ניט אַרום מיט אַן אַל־ייִדישן „װעלטשמערץ".

דער דאָזיקער באַיאָרטער מענטש איז פול מיט יוגנטלעכן אימפּעט און מיט פרישע איבערזעצערישע פּלענער. ער איז אַ באָקי אין אַ צענדליק שפּראַכן, און מיט אַ געװיסער אָנשטרענגונג האָט ער אַפילע געפּרוּװט רעדן צו אונדז שפּאַניש, װאָס אין פּוילן איז עס אַזוי גוט װי טערקיש... ער האָט אַרויסגעװיזן קענטענישן אין לאָפּע דע װעגאַ און אין קאַלדעראָן דע לאַ באַרקאַ און פון די נײַערע האָט ער אַ ספּעציעלע שװאַכקײַט צו בלאַסקאָ איבאַניעזן.

(1) איצט אין ייִסראָעל.

אַוורום קוואַטערקאַ — איז די הויפּט־רעפּאָרטערישע קראַפט פון דער „פאָלקס־שטימע”. ווען מען האָט, לעמאָשל, געדאַרפט „דעקן” דעם גאַנצן פאַרלויף פון די עמאָציאָנעלע געטאָ־פייערלעכקייטן, וואָס האָבן זיך געצויגן אַ וואָך צייט אין פאַרשיידענע עקן פון פּוילן, איז עס, פאַר־שטייט זיך, געפאַלן אויף די פּלייצעס פון קוואַטערקאַן.

אין זיינע באַריכטן, וואָס דערגרייכן אָפט צו דער מאַדרייגע פון קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש, איז פאַראַן, אויסער דעם אינהאַלטלעכן אזוי־און־אזוי, אויך דער געמיטלעכער הינטערטאָן און די ריירנדיקע נאָטע. אויסער דעם האָט ער אַ טעכנישן כוש פאַר טאַמצים און קען אַרויסכאַפּן דעם פינף־פּראָצענטיקן איקער פון זאַכן, געשעענישן און רעדעס...

אַ נידעריקער, אַ קיילעכדיקער, אַ פּולבלעכער, קומט ער אַנטקעגן מיט זיין גוטמוטיקייט און כאַווערישקייט, און איז שטענדיק גרייט אַרויס־געשאָסן צו ווערן ווו נאָר מען דאַרף, קעדיי צו ברענגען צוריק אַ פלינקע זשורנאַליסטישע שטיקל אַרבעט...

די יידישע שרייבער אין פּוילן זיינען ניט נאָר מעלוכיש פאַרזאָרגט, נאָר זיי ווערן אויך מעלוכיש אָפּגעשאַצט. קימאַט אַלע זיינען באַערט געוואָרן מיט אָרדענס, מעדאַלן און פאַרדינסט־קרייצן פאַר זייער ליטע־ראַרישער אַרבעט אין יידיש, אַן אַרבעט וואָס ווערט דורך דער מעלוכע באַטראַכט ווי אַ ביישטייער צו דער גייסטיקער שטאַרקונג פון נייעם פּוילן.

דער פאַרגאַנגענער כורבן שטייט נאָך אָבער אַלץ ווי אַ שוואַרצער זייל רויך אין די געמיטער, און ווי דער רייעך פון אַ גרויסער סרייפע וועפט ער זיך אזוי לייכט ניט אויס. אויך דער „פּליסיקער” צושטאַנד פון יידישן יישעוו אין פּוילן און די איבערלעבונגען פון דער בעריאַ־טקופע דריקן נאָך אויפן האַרצן פון די ווייניקער שטאַנדהאַפטיקע, פון די אידעאָ־לאָגיש שוואַכערע.

די מעלוכישע קאַטעגאָריע פון יידישן וואָרט אין פּוילן איז אָבער אַ ליכט אין די אויגן און גיט דעם יידישן שרייבער דעם באַוווסטזיין פון גרויסער געזעלשאַפטלעכער נוצלעכקייט און דאָס דערהויבענע געפיל פון גלייכבאַרעכטיקונג.

די יידישע קינסטלערישע פּראָבלעמאַטיק באַשטייט איצט אין קענען דורכפירן דעם יידישן געמיט צווישן דעם שוואַרצן טהאָם און דעם נייעם אויפשפּראָץ, צווישן קאָשמאַר פון טרעבלינקע און דער לעבעדיקער נידער־

שלעזיע, צווישן די נאַציִשע טליעס און דער יִדישער ווייַסער גוורע־וואַנט וואָס דאָס סאָציאַליסטישע פּוילן האָט אויפגעשטעלט לעדוירעס אין געטאָ. דאָס נײַע לעבן, ווי ברעקלדיק און פּיצלדיק עס זאָל ניט אויסזען קוואַנטיטאַטיוו, אין פאַרגלייַך מיטן יאָר 1939, איז אָבער געזי־כערט מיט נײַוועלטיקע גאַראַנטיעס, און דערפאַר באַמיט זיך דער באַ־וווסטזיניקער יִדישער שרײַבער צו זײַן אַ מיטשמידער פונעם סאָציאַ־ליסטישן אָפּטימיזם, וואָס טוליעט אַרײַן אין זיך, מיט אַזויפיל עכטער ליבע, די יִדישע רעשטלעך.

13. יִדישע טעכטער פון פּוילן

וואָס פאַראַ טעכטער?

אין דער יִדישער ליטעראַטור איז נאָך ניטאָ די גרויסע פּאָעמע, דער שיר־השירים צו די יִדישע טעכטער פון פּוילן; ניט צו די עסטער־קעס פון אַ קאַזשימיעזש דעם גרויסן, אָדער צו די כסידיש־נעגידישע ראָכעלעך און כאַוועלעך, אָדער צו די מאָדערנע שטאָטישע „פּאַניענקעס", נאָר צו יענע יִדישע טעכטער וואָס האָבן, אין די פּאָשיסטישע דרײַסיקער יאָרן אַוועקגעגעבן דעם גאַנצן ראָמאַנטישן ברען פון זייער יוגנט דעם רעוואָלוציאָנערן אונטערערדישן קאַמף, ניט פאַרלירנדיק דערבײַ גאָרניט פון זייער ווײַבלעכקײַט, פון זייער סעמיטיש־סלאַווישן כיין און פון זייערע נאַטירלעכע יונג־מיידלשע סענטימענטן.

דער פּאָליטישער אידעאַליזם האָט אויסגעאיידלט זייער געמיט און צוגעגעבן נײַע שטריכן צו זייער שיינקײַט. די דאָזיקע מיידלעך האָבן גענומען אַף זיך די געפערלעכסטע קאָנספּיראַטיווע מיסיעס, און פון זיי זײַנען עס שפּעטער אַרויסגעקומען די אומדערשראָקנסטע געטאָ־קעמפּע־רינס און נעקאָמע־נעמערינס.

מען האָט געקענט אָפּגעפינען אין זיי: די אײַזערנע אַנטשלאָסנקײַט פון דער מאַקאַבייִשער כאַנען, — די מוטער פון די 7 געשאָכטענע זין; די זויבערקײַט פון פּערעצעס מיידל אין די „דרײַ מאַטאָנעס"; די גוטס־קײַט פון דער לעגענדאַרישער סאָרע באַס טויוויִם.

זייער לעבן איז פול געווען מיט טויט־געפאַרן און אַסאַך פון זיי האָבן געמוזט אַנטלויפן פון פּוילן. געלאָפן איז מען ס'ראָוו קיין פראַנקרײַך,

אין יענעם פּאַריז, ווו עס זײַנען נאָך לעבעדיק געווען די טראַדיציעס פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, פונעם פעלקער־פרילינג, פון דער קאָמונע, און ווו עס האָט געגומען שמעקן מיט פאָלקס־פראָנט.

דער טערמין „אַנטלויפן" קלעפּט זיך אָבער ניט צו די דאָזיקע מיידלעך. דאָס אַנטלויפן זייערס איז באַשטאַנען אין אריבערוואַרפן זייער טעטיקייט, זייער דערפאַרונג און זייער קאָרבאָנעס־גרייטקייט אַף די פעלדער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אין די סינדיקאַטן, אין די פּראָגרעסיווע ייִדישע שולן, אין די פאָרויסגייערישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס; און שפּעטער, אין דער שטאָק־פינצטערער נאַצי־נאַכט, האָבן די דאָזיקע צאַרטע ייִדיש־פּוילישע מיידלעך אויפגעטאָן וווּנדערלעכע זאַכן אין דער פּאַרטיזאַנישער מאַקי־באַוועגונג, אין דער אומלעגאַלער פּרעסע און אין אָרגאַניזירן די באַפעלקערונג קעגן גרויליקן אָקופּאַנט.

נאָכן נאַצי־בראָך אין אייראָפּע און נאָכן אויפקום פונעם נײַעם פאָלקס־פּוילן, האָבן זיך אַ טייל פון זיי אומגעקערט צו דער באַפרײַטער יוגנטהיים, קעדיי פאַרצווזעצן אָפּן דאָס אַלץ, פאַר וואָס זיי האָבן אָפּגעגעבן, אין געהיים, זייערע שענסטע מיידלשע יאָרן.

זיי האָבן זיך אומגעקערט באַרײַכערטע און פאַרטיפטע, פול מיט פּאַריזער שאַרפזיניקן „עספּרי", אָנגעזאַפּטע מיט פראַנצויזישער קולטור און מיט יענער זיכערקײַט אין זיך, וואָס יאָרן פון געפערלעכן קאַמף האָבן איבערגעלאָזט אַף שטענדיק.

אויך פון זייער פיזישער שיינקייט און שלאַנקייט איז קימאַט גאָרנישט פאַרלוירן געגאַנגען, ניט געקוקט אַף די יאָרן. דרויסנדיקע שיינקייט איז אָפּטמאָל אַן אָפּשפּיגלונג פון אינערלעכן לעבנסדראַנג, פון יונג־געבליבענעם געמיט, פונעם גלויבן אין אַ גרויסן אידעאַל. איז טאַקע אַף די פּענימער און געשטאַלטן פון די צוריקגעקומענע קעמפערינס אָפּגעשפּיגלט זייער אינערלעכער נעשאָמע־פײַער, יענער קינסטלערישער פײַער, לויט וועלכן מען קען אונטערשיידן אַ פּאָרטרעט פון סטאַם אַ פאָטאָגראַפיע...

די דאָזיקע פרויען זײַנען אַ סינטעז פון ייִדישקײַט, פּוילישקײַט און פראַנצויזישקײַט. זיי זײַנען עפּעס אַזוי ווי געקוויפּלט אַף 3, און זיי זײַנען איצט, אַזוי ווי אַמאָל, אויפטועריש פאַר דרײַען...

מיר האָבן זיי געטראָפן אין נײַעם פּוילן. זייער אָרגאַניזאַטאָרישער כוש, וואָס האָט זיך בא זיי אַנטוויקלט אין די קאָנספּיראַטיווע און פּאַרטיזאַנישע יאָרן, און זייער אויסגעבונדנקייט מיט דער וועלט־קולטור,

װערט בעאיקער אויסגענוצט אַף צו הויבן די קולטור פון די פּוילישע מאסן.

זיי זײַנען פּאָרוואַלטערינס פון די גרויסע ביבליאָטעק־קלובן, פון די ריזיקע מעלוכישע בוכהאַנדלונגען; זיי זײַנען רעדאַקטאָרינס פון פּאָלקס־צײַטונגען, פּאַרטיי־טוערינס, לעקטאָרינס. און אַז מען טרעפט זיך מיט זיי, בלײַבט מען אונטערן אײַנדרוק פון דער פּאָלקס־מאַיעסטעטישקײַט, פון דער פּערפעקט־קאָנסערווירטער פרישקײַט און פון דער אידעאַליסטישער און פּערזענלעכער װאַרעמקײַט, וואָס שלאָגט פון זיי.

טעשקע — „דער שוואַרצער מאַלעך"

איינע פון די דאָזיקע פרויען, וואָס האָט זיך אין יאָר 1932 „פּאַר־זינדיקט" און געמוזט אַנטלויפן קיין פראַנקרײַך, און וואָס איז מיט 22 יאָר שפּעטער צוריקגעבראַכט געוואָרן מיט גרויס קאָוועד קיין פּוילן, צוליב די זעלבע „געפערלעכע זינד" אירע, איז דורכן אויפנעם־קאָמיטעט צוגעטיילט געוואָרן צו אונדזער דעלעגאַציע און צו אַ פּאָר אַנדערע, קעדיי היימישער צו מאַכן אונדזער לעבן אין וואַרשע.

מען האָט זי אומעטום גערופן טעשקע. ניט טײַבל, ניט טערעזאַ, ניט פרוי קאָרמאַן, ניט באַוווּרטע מאַרשטשעווסקאַ, נאָר פּראָסט־פּאָשעט טעשקע. אונטערן דאָזיקן אינטים־היימישן נאָמען איז זי יאָרנלאַנג געווען באַקאַנט סײַ אין פּאַריז און סײַ אין וואַרשע, און עס איז בעעמעס שווער געווען פּאָרצושטעלן זיך, אַז זי קען הייסן אַנדערש, מער „ערנסטער", מער „בעקאָוועדיקער", מער „אָפיציעלער".

אַ דראָבנינקע, אַ ברונעטקע, מיט אַן איידעלן, מאַטן פּאָנים, מיט אַ שוואַרץ־אָנגעטאָנענעם יאָנטעוו אין אירע אויגן (בערגעלסאָנס אַן אויסדרוק), אַ פרויִש־צאַרטע ביז גאָר, האָט זי אונדז שטענדיק דערפרייט מיט איר אויפגעלייגטקײַט און מונטערקײַט, מיט איר אוממיטלבאַרקײַט און וואַרעמקײַט.

אַלע שוועריקײַטן, וואָס אין דער פרעמד זעען זיי אויס גרעסער ווי געוויינטלעך, פלעגט זי איינס און צוויי דערליידיקן. אַ הויב דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און פאַרטיק. אַף אַלע אונדזערע באַקאָשעס, פלעגט מען אונדז אומעטום ענטפערן: „פאַרלאָזט זיך אַף טעשקען", און טעשקע אַליין האָט קיינמאָל קיין אַנדער ענטפער ניט געהאַט ווי „אַלץ וועט זײַן אין אָר־דענונג".

ביזן לעצטן מאָמענט, ביזן אָפּגיין פון באַן, האָט זי אונדז אַרויס־געוויזן צענדליקער פּערזענלעכע געפעליקייטן, וואָס זיינען ניט אַריין אין פּראָגראַם פון איר אָפיציעלער מיסיע. זי איז אונדז געווען אַלץ אין דער וועלט, און דעריבער איז קיין ווונדער ניט וואָס מיר האָבן זי אַ נאָמען געגעבן „דער שוואַרצער מאַלעך".

עס איז קעדײַ איבערצוגעבן דאָ בעקיצער די געשיכטע פון איר לעבנסוועג:

נאָכן אויסניכטערן זיך פון אַ קורצער שאָמריש־ציוניסטישער פאַר־כאָלעמטקײַט, איז זי יונגערהייט אַרײַנגעטראָטן אין דער אַוואַנגאַרד־פּאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס און גלײַך געוואָרן אַקטיוו אויף דער ערשטער קאַמפּס־ליניע.

אין 1932 האָט מען זי אַרעסטירט, און אין דער זעלבער צײַט האָבן פּאָליציי־אַגענטן געכאַפּט איר כאָסן און, אָן אַ מישפּעט, אויפגעהאַנגען אים אין אַ וואַלד הינטער בריסק, אָבער פאַרבײַפאָרנדיקע פּויערים האָבן אים אַראָפּגענומען פון דער טליע, דערמונטערט און אומגעקערט צום לעבן.ביידע זײַנען דעם זעלבן יאָר אַנטלאָפן קיין פראַנקרײַך, כאַסענע געהאַט דאָרט און גלײַך אַרײַנגעטראָטן אין דער פראַנצויזישער פּאַרטיי.

זי האָט זיך אויסגעלערנט שנײַדערײַ, געוואָרן סעקרעטאַרין פון נאָדל־סינדיקאַט און אַ מיטגליד פון דער אינטערסינדיקאַלער קאָמיסיע. נאָך דער היטלעריסטישער אינוואַזיע איז איר מאַן געכאַפּט געוואָרן, אַוועק־געשיקט געוואָרן אין אָשוויענטשים און דאָרט אומגעקומען. זי האָט זיך גלײַך אַרײַנגעוואָרפן אין אומלעגאַלער פּאַרטיי־אַרבעט. אין דרויסן פון פראַנצויזישן טויט־לאַגער דראַנסי האָט זי אָרגאַניזירט דעם קאַמף און די מאַניפעסטאַציעס פון די מישפּאָכע־מיטגלידער פון די פאַרשפּאַרטע, און געהאָלפן אײַנשטעלן אינעווייניק אינעם לאַגער אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי־אָנפירונג.

שפּעטער האָט זי אָרגאַניזירט אַן אָפענעם און אויך אַ פאַרבאָרגענעם קאַמף מיט די יועדנראַטן. דערוויסנדיק זיך, אַז אין אַ קינדער־אַנשטאַלט, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער אַפּעטראָפּסעס פון יודענראַט, ווערן צונויפגעזאַמלט יידישע קינדער, קעדיי זיי שפּעטער צו ליקווידירן, האָט זי אָרגאַניזירט 60 פרויען און געפּויעלט אַז מען זאָל זיי דערלויבן אַרויסצונעמען פון אַנשטאַלט 60 קינדער אויף אַ „קורצן שפּאַציר". די דאָזיקע קינדער האָבן זיך נאָך ביז איצט ניט אומגעקערט פון טעשקעס „שפּאַ־

ציר"... זיי זײַנען גלײַך באַהאַלטן געוואָרן אין זיכערע ערטער און מאַמעש אַרויסגעריסן געוואָרן פון יודענראַטלעריש־נאַצישן מאַלכאַמאָוועס.

שפּעטער איז זי אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אַף אַן אַנדער פראָנט: אָרגאַניזירן פּאָליטיש די איטאַליענישע און פּוילישע אַרבעטער פון די פראַנצויזישע אײַזן־גרובן. נאָך שפּעטער איז זי אַריבער אין דער רעזיס־טענץ, און סאָף־קאָל־סאָף איז זי אַרעסטירט געוואָרן מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור.

17 כאַדאָשים האָט זי זיך אַרומגעוואַלגערט אין טפּיסעס און קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן, ריכטנדיק זיך יעדן מאָמענט אַפן סאָף, אָבער די רויטע אַרמיי האָט זיך צוגעאײַלט און האָט זי באַפרײַט פון איר לעצטן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין די סודעטן, ווו זי האָט געהערט צו דער דרײַ־פּערזאָניקער פּאַרטיי־אָנפירונג פון לאַגער.

גלײַך איז זי געלאָפן קיין פּאַריז, און איר ערשטע אַרבעט איז געווען —צונויפנעמען די יעסוימים און די באַהאַלטענע „שפּאַציר"־קינדער, צוריקגעבן זיי זייער קינדערשן שמייכל, ווערן פאַר זיי א.מאַמע און צולייגן א פעסטע האַנט צו דער אויפשטעלונג פון דער נעץ ייִדישע קינדערהיימען, וואָס זײַנען שפּעטער באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט.

נאָכדעם איז זי געווען סעקרעטאַרין פון דער צענטראַלער פּאַריזער פּאָלקס־אָרגאַניזאַציע „אוניאָן" און האָט געהערט צו דער ייִדישער פּאַרטיי־אָנפירונג.

אין 1954, צוזאַמען מיט איר צווייטן מאַן, — אַן אָנפירנדיקער כאַווער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון ייִדן אין פּוילן, האָט זי זיך אומגעקערט אין דער נײַער וואַרשע, ווו זי פאַרנעמט איצט דעם אַמט פון סעקרעטאַרין פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אינעם אָרגאַן פון די פּוילישע פרויען „פּשיִאַטשיולקאַ" („פרײַנדין").

אַזאַ איז דער לעבנסוועג פון א ייִדישער פּאָלקס־טאָכטער פון פּוילן און פון הונדערטער אַנדערע טעכטער פון פּאָלק.

קוקט מען אַף איר, אַף אָט דער פּאַשעטער און האַרציקער טעשקען, ווילט זיך גאָרניט גלויבן אַז איר לעבן איז אָנגעפילט מיט אַזויפיל לעגענדאַרישער ווירקלעכקײַט, מיט אַזוינע טראַגישע איבערלעבונגען און מיט אַזאַ מין געפערלעכער שיינקײַט, אָבער אַז מען קוקט זיך צו נעענטער צום שוואַרץ־סאַמעטענעם יאָנטעוו אין אירע אויגן און מען הערט זיך צו צו איר מוטיקן וואָרט, מאַכט מען גלײַך שאָלעם מיטן גדאַנק, אַז אַף אָט דעם „שוואַרצן מאַלעך" קען מען אַלץ גלויבן...

באַנעלע אָדער זשאַן ד'אַרק און ריווקע די געפּרוווטע

מיט דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע זײַנען געקומען פון פּאַריז נאָך צוויי ייִדישע טעכטער פון פּוילן.

איינע — א דינינקע, א שמאָלינקע, — מיטן מויל אַוועקצובלאָזן, אָבער מיט צוויי ברענענדיקע וועלדער אין די אויגן, מיט אויסדרוקפולע, צאַפּלדיקע ליפּן און מיט א וויזיאָנעריש פּאָנים. אזוי האָט געדאַרפט אויסזען זשאַן ד'אַרק, — גיט מען זיך א טראַכט, ווען מען ברייט זיך אָפּ מיט איר בליק.

די צווייטע — א ווויקסיקע, מיט טיפע ווייטיק־רעדער אונטער די אויגן און מיט פאַרשטאַרטער לעבנס־כאַכמע אַפּן הויכן שטערן און צווישן די פּאָר קנייטשעלעך אַרום די ליפּן.

ביידנס לעבן — שפּאַנענדיק און העלדיש ווי דאָס לעבן פון אַלע רעוואָלוציאָנערע ייִדישע טעכטער פון פּוילן. ביידע האָבן אַוועקגעגעבן זייערע פריִע יוגנט־יאָרן דער סאָציאַליסטישער ראָמאַנטיק, ביידע זײַנען אַרײַנגעדרייט געוואָרן צווישן די רעדער פון נאַציזם, ביידע בויען און פאַרשענערן איצט דאָס פּראָגרעסיווע ייִדישע לעבן אין פראַנקרײַך.

באַנעלעס אויפטוען פאַר דער ייִדישער סאָציאַליסטישער קולטור זײַנען צעשפּרייט איבער דאָרעם־אַפריקע, איבער לאָנדאָן און פּאַריז. אין 1939 איז זי פרײַוויליק געבליבן אין פּאַריז, קעדיי צוצולייגן איר פונק צו דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. זי האָט פאַרשפּרייט די אומלעגאַלע „נײַע פּרעסע", געראַטעוועט קינדערלעך פון וואָלפס פּיסק און פאַבריצירט פאַלשע דאָקומענטן פאַר פּאַרטיזאַנער. איצט איז זי איינע פון די פיר סעקרעטאַרן פון דער „אוניאָן".

ריווקע איז פאַרשלעפּט געוואָרן קיין אָשוויענטשים און דאָרט איז איר אויסגעקומען דורכצוּווייטיקן א מאָדנע איבערלעבונג:

אין א געוויסן טאָג האָבן זיך די אַרעסטאַנטינס דערוווּסט, אז פאַר די קאַלך־אויוונס פון אָשוויענטשים דאַרף אָנקומען א טראַנספּאָרט ייִדישע קינדער פון פראַנקרײַך. א ווילד־אַקשאָנעסדיקער אינסטינקט האָט אונטערגעזאָגט ריווקען, אז מיטן דאָזיקן טראַנספּאָרט וועלן אָנקומען אירע צוויי קינדער, וואָס זײַנען געבליבן אין פראַנקרײַך. און ווירקלעך, גלײַך ווי מען האָט גענומען אויסלאָדן די קינדער פון די וואַגאָנען, האָט ריווקע דערקענט אירע צוויי אוייפעלעך און ווי א לייבעכע האָט זי זיך א וואָרף געטאָן צו זיי מיט א געוואַי און פאַרפּלאָנטערט זיך צווישן די עלעקטרישע

שטעכל־דראָטן. אַ האַלב־טויטע האָבן זי די כאַוועריטעס אָפּגעריסן פון שטראָם און שנעל באַהאַלטן אין באַראַק.

זי איז געווען געליימט פון ווייטיק. און שפּעטער, ווען די קאַלך־אויוונס האָבן געברענט, האָט זיך איר אויסגעדוכט אַז זי אָטעמט אַרײַן אין זיך דעם רויך פון אירע פאַרסאַרפּעטע קינדער...

אַלץ אין איר איז געווען צעשפּאָלטן פון ווייטיק און פון צאַר. איר פּעסטער גוף האָט אָבער פונדעסטוועגן אַריבערגעטראָגן, און ווען זי האָט זיך נאָך דער באַפרײַונג דערשלעפּט קיין פּאַריז, זײַנען איר אַנטקעגנגע־לאָפן מיט פרייד... אירע 2 קינדערלעך!

איר אַשוויענטשימער פּאַטאַלער טאָעס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ מוירעדיקער אויטאָסוגעסטיע, פון אַ פּרעוועגנטיווער זיכערקייט אַז אַנ־דערש קען גאָרנישט זײַן, ווײַל די קינדער אירע זײַנען געבליבן אין פּאַריז אױף העפקער און אָפן בוראָט פון די נאַצישע שפּירהינט. פּאַריז האָט זיי אָבער באַהאַלטן און אומגעקערט ריווקען, און ס'איז, דוכט זיך, ניטאָ די מאַמע אױף דער וועלט, וואָס זאָל האָבן באַקומען אַזאַ קאָמפּענ־סאַציע פאַר אירע לײַדן, אָבער זי האָט ביז דאַן אַזויפיל געליטן און איבער־געליטן, אַז אַ גרוב אין האַרצן איז פּאָרט געבליבן...

זי האָט געהאַלטן די האַזקאָרע־רעדע בעייסן באַזוך פון די דעלע־גאַציעס אין אַשוויענטשים. דער פּאַרהאַרטעוועטער גענעראַל דראַגונסקי, וואָס האָט באַזיגט אַזויפיל נאַצישע אַרמייען, האָט, הערנדיק זי, ניט געקענט באַזיגן זײַנע טרערן. ריווקעס ווערטער זײַנען געווען דאָס רירנ־דיקסטע וואָס ער האָט ווען ניט איז געהערט...

און כאַנעלע האָט געערדט אין וואַרשעווער שטאָט־ראָט, אין נאָמען פון פראַנקרײַך. זי האָט אינגאַנצן געגליט, ווי זי וואָלט געשטאַנען אױף אַ שײַטערהויפן, און נאָך אַמאָל, מער נאָך ווי פריער, האָבן מיר זיך פאַר־געשטעלט, אַז אַזוי האָט געדאַרפט אויסזען די נאַציאָנאַלע מאַרטירערין זשאַן ד'אַרק, ווען די ערשטע פלאַמען האָבן גענומען לעקן אירע פיאַטעס...

14. געזעגענונג

אַ בעערעכדיקער אונטערצי

אױפן ראַנד פון דער גרויסער ייִדישער פּאַרשײַנטנקייט איז איבערגע־בליבן אין פּוילן אַ קליינטשיקער ייִשעוו, — איבער 10 מאָל אַ קלענערער פון אַרגענטינער ייִדישן ייִשעוו.

דאָס ייִדישע לעבן, וואָס איז אין די פֿאַנסקע צײַטן געוואַקסן מיטן קאָפּ אַראָפּ, וואַקסט איצט מיטן קאָפּ אַרויף, אָבער דער גרויסער צעוואַקסענער פֿאָלקס־גוף איז ניטאָ. הינטער דער נײַ־פּוילישער ייִדישער היים כווישעכט נאָך אַלץ דער הינטערגרונט פֿון ייִדישן אומגליק.

ניט געקוקט אַף דער טראַגישער אײַנגעשרומפּנקייט, — ווערט געטאָן אַ ריזיקע קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט, — אין אַ ייִשעוו וואָס די באַפֿעלקערונג זײַנען איז נאָך ניט סטאַביליזירט. די ניט־סטאַבילקייט זײַנע נעמט זיך פֿון דער פֿאַרויסיקער, פּרעווענטיווער מוירע, ספּעציעל מיצאַד די רעפּאַטריאַנטישע מאַסן, וואָס האָבן דורכגעלעבט די דערפֿאַרונג פֿון פּערזאָנען־קולט, אַז עס זאָלן ניט פֿאָרקומען קיין מעגלעכע פּאָליטישע ענדערונגען אין גאַנג פֿון פּוילישן סאָציאַליזם, ענדערונגען, וואָס וואָלטן זיך געקענט אַרויסווײַזן ווי ניט קײַן גינסטיקע, און עס זאָל זיך ניט שטאַרקן דער אונטערדריקטער אַנטיסעמיטיזם.

די דאָזיקע אומבאַרעכטיקטע מוירע, וואָס ווערט קינסטלעך אונטערגעוואַרעמט מיצאַד בייזוויליק־פּאַראינטערעסירטע קרייזן, שאַפֿט שווערי־קײַטן און האַלט אויף אַ קלימאַט פֿון ווײַלן אויסוואַנדערן. דער דאָזיקער אומרו ווערט אָבער לעצטנס „פּאַרקילט" פֿון זיך אַליין, צוליבן ראַשיקן פֿאָרויסגאַנג פֿון סאָציאַליסטישן לעבן, וואָס באַוועגט זיך באַרג־אַרויף מיט באַרג־אַראָפּיקער שנעלקײַט און צוליב די גרוסן פֿון אויסזיכטלאָזיקײַט וואָס עס שיקט די וועלט פֿון די אויסגעוואַנדערטע גליקן.

די אײַנגעזעסענע און וועטעראַנישע ייִדישע קרײַזן, בעראָש מיטן קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד באַמיען זיך, מיט אַלע קויכעס, קעגנצווירקן די וואָגל־שטימונגען, דורך שאַפֿן קאָנקרעטע מעגלעכקײַטן פֿון אַרבעט און אײַנאָרדענונג, דורך ברייטער קולטור־באַדינונג אין ייִדיש און דורך אידעאָלאָגישער אויפֿקלערונג.

וואָס שײַך דער מעלוכע, איז זי דעצידירט, מער נאָך ווי פֿריער, אונטערצודריקן יעטווידן שפּראָץ פֿון אַנטיסעמיטיזם און צו דעקן די מיליאָניקע ביודזשעטן פֿון דער ייִדישער קולטור־אַרבעט.

מיר פֿאַרלאָזן די ערד פֿון 19טן אַפּריל

עס איז אַרום האַלבער נאַכט. די גאַסן זײַנען פֿול מיט ליכטיקער שטילקײַט און די כורוועס זײַנען „פֿאַרצירעוועט" מיט נאַכטיקע שאָטנס. אַ טראַמווײַ פֿאַרלירט אַן עלעקטרישע טרער אַף זײַן דראָט און אַנטלויפֿט

שנעל־שנעל צו די פּינטעלעך ליכט אין דער אויסגעשפּרענקלטער װײַט־קייט.

דער אויטאָ פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פאַרװײגט אונדז אַפּן װעג צום װאָקזאַל. אין געמיט נעמט זיך װעבן דער כעשבן־האַ־נעפעש: קיװער־אָװעס און לעבעדיקע ברידער, דער גרױסער אומגליק און דער צאַרטער אויפשפּראָץ, די נאָכװייעניש און די נאָכפרייעניש, דער גראָדער פּאָדעם פון פּאָלקס־דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם און דאָס פאַר־פּלאָנטערטע קניילכל װאָל פון דער יִדישער פּראָבלעמאַטיק, די לינקע און די רעכטע װעלט; אָבער טעשקע, „דער שװאַרצער מאַלעך", װאָס באַגלייט אונדז מיט נאָך עטלעכע כאַװײרים פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, לאָזט אונדז ניט אײַנזינקען צו טיף אין מאַכשאָװעס און גע־פילן. אירע װערטער פלאַטערן װי שמעטערלעך און טראָגן אַװעק פון אונדז די באַלאַנס־שטימונג און דעם פּײַנלעכן אומעט פון ערעװ צע־שיידונג.

און אָט זײַנען מיר אין פּראָװיזאָרישן הילצערנעם שאַלאַש פון הויפּט־װאָקזאַל. אַף די פּראָסטע, רויע װענט — מאָלערײַען און סילועטן פון אַרבעטער און פּויערים. צװישן די װענט און אין אַלע װינקעלעך און דורכגענג פון װאָקזאַל — װידעראַמאָל פּויערים, אַרבעטער און סאָלדאַטן. אַ געװימל פון קעפּקעס, פּאַטשיילקעס און שטיװל פילט אויס דעם גאַנצן רוים מיט פּאָלק, מיט עכטן קאָרענעם פּאָלק...

די כאַװײרים שטאָפּן אונדז אָן מיט זיסװאַרג און עס פאַלן די לעצטע ברידערלעכע קושן. אונדזער װאַגאָן גיט אַ ציטער און װאַרשע נעמט זיך אַװעקקײַקלען פון אונטער אונדזערע טריט.

פון װײַטן, אין שפּיץ פון דער גרופּע, װערט אַלץ פּיצלדיקער און פּיצלדיקער די דראָבנינקע געשטאַלט פון טעשקען, אָבער דער שװאַרץ־אָנגעטאָנענער יאָנטעװ אין אירע אויגן פאָרט מיט אונדז מיט אַ שטיק װעג...

ג.

אַף דער ערד פון 23טן אויגוסט

15. פון 19טן אַפּריל צום 23טן אויגוסט

די פאַרגעשיכטע פון אונדזער רומענישער רייזע

ווען מיר האָבן זיך אין בוענאָס־איירעס גענומען גרייטן צו אונדזער וואַרשעווער רייזע, איז אונדז פאַרלאָפן דעם וועג א האַרציק בריוול פון רומעניע.

דאָס בריוול איז געווען אַן אָפיציעלס, אָבער ווייט ניט קיין קאַלטס, ווי עס זיינען געוווינט צו זיין די געוויינטלעכע אָפיציעלע בריוו. בא זיין גאַנצער אָפיציעלקייט, איז דאָס בריוול געווען וואַרעם און ליבלעך, ווי א מילדער זומער אַפן ברעג פון שוואַרצן יאַם.

געזאָגט האָט זיך דאָרט אַף פּראָסט יידיש און אין נאָמען פון דער פעדעראַציע פון די יידישע קעהילעס, אַז מעדינאַס רומעניע עפנט פאַר אונדז טיר און טויער און אַז מיר ווערן פאַרבעטן, אַף אַלעם פּאַרטיקן, ווי אַנגעלייגטע און היימישע געסט.

פון אונטער דער אונטערשריפט אַפן בריוול האָט אַזוי ווי אַרויסגע־שמייכלט צו אונדז דאָס גוטמוטיקע, ווייך־בלאָנדע פּאָנים פונעם „פּרעזי־דענט" פון די רומענישע יידן — יִסראָעל באַקאַל, — דער זעלבער באַקאַל, וואָס איז צוזאַמען מיטן דעפּוטאַט בערקו פעלדמאַן געקומען ספּעציעל צו אונדז, צום 6טן איקוף־קאָנגרעס, אין 1956.

ביידע רומענישע שליכים האָבן דאַן, ווי מאַלאָכים פון א מייסעלע, נעראַטעוועט מאַמעש דעם איקוף־קאָנגרעס פון די פּאָליצייִשע פאַרבאָטן. ווי שטערן זיינען זיי פּלוצלונג אַראָפּגעפאַלן פון הימל, אין מיטן פון אונדזער האַרטער ווירקלעכקייט, און דערמעגלעכט, מיט זייער מעלוכיש־אָפיציעלער אויסלענדישקייט, אַז דער איקוף־קאָנגרעס זאָל פאַרקומען לעגאַל, אָן שטערונגען און אַף יידיש...

אין די טעג פון די נעטאָ־פייערונגען האָבן מיר זיך אין וואַרשע באַ־געגנט מיט אונדזערע צוויי „מאַלאָכים" און מיט די אַנדערע מיטגלידער

פון דער רומענישער דעלעגאַציע. זיי האָבן אונדז צום צווייטן מאָל פאַר־בעטן צו זיך, און מיר האָבן זיך צום צווייטן מאָל ניט געלאָזט לאַנג בעטן...

אַף אַזאַ אויפן זײַנען מיר פון דער ערד פון 19טן אַפּריל אַפּגעפאָרן צו דער ערד פון 23טן אויגוסט.

דורך פאָלקסדעמאָקראַטישער ערד

דער 23טער אויגוסט אין רומעניע איז ניט סתּם אַ דאַטע פון באַפרײַונג, נאָר אַ גרויסע און שאַרפע היסטאָרישע גרענעץ צווישן דעם וואָס איז געווען און דעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן הײַנט.

פּונקט ווי אין דער איצטיקער וועלט ווערט די צײַט־רעכענונג אײַנגע־טיילט אַף פאַר און נאָך קריסטוסעס געבורט, אַזוי ווערט אַלץ אין רומעניע אײַנגעטיילט אַף פאַר און נאָך דעם 23טן אויגוסט, ווען די רויטע אַרמיי האָט אײַנגעשטעלט אַ שפּאָגל־נײַע עפּאָכע, און דערפאַר טאַקע הערשט אין רומעניע אַף טריט און שריט אַזאַ מין פרישע און ניט־פאַר־גענגלעכע פאַרערונג פאַר די באַפרײַער.

איידער מיר האָבן דערגרייכט די ערד פון 23טן אויגוסט, האָבן מיר מיט אונדזער באַן, ווי מיט אַ לאַנגן מעסער, דורכגעשניטן נאָך צוויי אַלטע ערדן, מיט נײַע געבורט־דאַטעס: טשעכאָסלאָוואַקיע און אונגאַרן.

ס'איז שוין איבער אַ וואָך נאָכן ערשטן מײַ, אָבער קיין איין באַן־סטאַנציע פון טשעכאָסלאָוואַקיע האָט נאָך ניט געפּויעלט באַ זיך אויס־צוטאָן דאָס יאָנטעוודיקע אָנטועכץ: דעם רויטן פאָן־געפלאַטער, דאָס דעקאָראַטיווע גרינס, די בלומען־גירלאַנדעס און די פריידפולע לאָזונגען. די פאַסאַדן זײַנען אויסגעשטערנט מיט פינף־עקיקע שטערן, סערפּן און האַמערס, און פון יעדן ווינקעלע זינגט אַרויס די טיפע ליבע צום ראַטנ־פאַרבאַנד. „רום צום ראַטנפאַרבאַנד, — אונדזער בעסטן פרײַנט און טרײַסטן פאַרבינדעטן” — איז די פּאָפּולערסטע לאָזונג וואָס וואַקסט אַרויס פון די רויטע לײַוונטן און סטענגעס.

אין ברייטן דרויסן איז אַ זעלטענע אויסגעסיידערטקייט. די פעלדער זעען אויס ווי זיי וואָלטן אָקערשט אַרויס פון פריזירערס הענט: אַרומגע־שאָרן, אויסגעבערשטלט און צוגעקעמט. עס דוכט זיך אויס אַז די לאַנדשאַפט באַשטייט דאָ ניט פון פעלדער נאָר פון פּאַרקן... ווו נאָר מען האָט זיך אַ קער געטאָן, האָט מען געזען אידילישע פּייזאַזשן, ווי אַרויס־גענומענע פון רײַך־אילוסטרירטע כרעסטאָמאַטיעס...

די זעלבע געפּוצטע בערגלדיק־װעלדלדיקע און אידילישע לאַנדשאַפט ציט זיך אַװעק אין אונגאַרן אַרײַן, און דאָ דוכט זיך, אַז אַפילו די בלאָטעס זײַנען ריין...

פאַרנאַכטלעך לױפט פאַרבײַ אונדז פאַרבײַ די אַמאָליקע בודאַפּעשט — די באַרימטע מיטל־אייראָפּעיִשע שײנהײַט און די געװעזענע צװײטע הױפּטשטאָט פון דער עסטרײַך־אונגאַרישער אימפּעריע. די געל־צעפּלעקטע, צעשפּאָלטענע און אָפּגעשײלטע פּאַלאַצן־װענט פון דער אַמאָליקער בודאַפּעשט זאָגן אײדעס, אַז דער מאַדיאַריש־ריטערלעכער שטאָלץ פון די האַרטים און מינדשענטים ליגט אַן אױסגעגלײַכטער מיט דער ערד. הינטער דער אױסגײיענדיקער שײנקײַט פונעם אַמאָל שטרעקן זיך העכער און העכער די יונגע בעטאָנענע ליניעס פון דער נײַער בודאַפּעשט, — דער בודאַפּעשט פון פאָלק.

עס װערט פינצטערלעך און עס פאַלט צו די נאַכט. אונדזער באַן פליט, װי זי װאָלט װעלן אַריבעריאָגן דעם װינט, װאָס באַגלײט זי, און זי פאַרשיט אים מיט הױפנס לאָקאָמאָטיװ־פונקען. די שנעלקײַט פון װינט ציט פונאַנדער די פונקען און פאַרװאַנדלט זי אין פײַערדיקע פעדעם. יעדער פונק ציט זיך אױס אין אַ גאָלדענעם שנור און עס דוכט זיך, אַז די גאַנצע נאַכט איז דורכגעשטעפּט מיט גאָלדענע פעדעם. מיט דער דאָזיקער גאָלדיק־שװאַרצער נאַכט־װיזיע װערן מיר פאַרװיגט אין אַן אונגאַרישן דרימל...

אין רומעניע פאָרן מיר אַרײַן דורך אַ לאַנדװירטשאַפטלעכער געגנט. די פריערדיקע „פריצישע" לאַנדשאַפט װערט אַלץ „פּױערישער" און „פּױערישער". די נאַטור און די פעלדער זײַנען שױן מער צעשױבערט. סײַ די פּױערים און סײַ די װײַסע אָקסן אַקערן די פעט־שװאַרצע ערד. סײַ די פּױערים און סײַ די הײַזקעס טראָגן הױכע שטרױענע היט אױף די קעפּ... די לאַנגע לײַװנטענע העמדער פון די מאַנצבילן הענגען אַריבער איבער די הױזן; אױף די העמדער בײַנדלען זיך אױסגענײטע װעסטלעך.

װאָס טיפער מיר שנײַדן זיך אַרײַן אין רומעניע, אַלץ באַרגיקער, װאַלדיקער און װאַסערדיקער װערט דער אַרום. עס טראָגן זיך פאַרבײַ די באַרימטע סאַנאַטאָריע־געגנטן, װאָס זײַנען אָנגעפּיקעװעט מיט באַרג־פּאַלאַצלעך און װאָס האָבן אַמאָל געהערט צו די רומענישע באָיאַרן און אױסגעבאָליעטן אַדל. דער קעניג קאַראָל האָט דאָ אַפילו געהאַט אַ פּרי־װאַטע באַן־סטאַנציע, װאָס איז שװינדלט זי פאַרבײַ אונדזערע אױגן...

פאַרנאַכטלעך דערזעען מיר אַפֿן ראָזלעך־בלאָען האָריזאָנט די קרעם־קאָלירטע בוקאַרעשט, און עס רינט אויס די גאַנצע מידקייט פֿון אונדזערע גלידער...

מיר קומען אָן

דער צושטאַנד פֿון דער איקוף־עקאָנאָמיע האָט אונדז ניט דער־לויבט צו פֿאָרן מיטן פּאַרנעם פֿון אַ וועלט־דעלעגאַציע. ווי איקוף־מענטשן און ווי אָנהענגער פֿון שאָלעם־אַליײכעמס אַמכאָדיקער רייזע־טעאָריע, זײַנען מיר געפֿאָרן ניט מיט שלאָף־וואַגאָן און ניט אַפֿילו ערשטע קלאַס...

צוויי טעג טרייסלעניש און צוויי נעכט ראַנגלען זיך מיטן שלאָף האָבן אונדז קיין צו שיינעם אויסזען ניט צוגעגעבן. פֿאַרשטויבטע און צע־קנייטשטע האָבן מיר מיט בענקשאַפֿט אַרויסגעקוקט דורך די וואַגאָן־פֿענצטערלעך אויף דער אָנלויפֿנדיקער בוקאַרעשט. פֿון ווײַטן, אין צענטער פֿון פּעראָן, האָבן מיר באַמערקט אַ היבשע גרופּע צערעמאָניאַל־אויסגע־שטעלטע מענטשן, צווישן זיי אַ פּאָר דאַמען מיט בלומען. האָבן מיר זיך געקליבן צו כאַפּן אַ קוק אויף די הויכע לײַט, וואָס וועלן אַראָפּשטײַגן פֿון אונדזער באַן און צו זען ווי מען וועט זיי אויפֿנעמען.

ווען די באַן האָט זיך שוין געהאַלטן באַם אָפּשטעלן, האָבן מיר, צו אונדזער גרויסער שטוינונג, באַמערקט, אַז דאָס מיינט מען גאָר אונדז!

בעראָש פֿון דער גרופּע האָבן זיך געפֿונען באַקאַל און פֿעלדמאַן, און אַלעמענס בליקן זײַנען געווען אָנגעשטעלט אויף די שלאָף־וואַגאָנען. פֿאַרשוילדיקטע און פֿאַרשעמטע זײַנען מיר אַראָפּ פֿון אונדזער פּאַשעטן וואַגאָן און האָבן זיך געלאָזט דערקענען. אין אַלעמענס בליקן האָט דורכגעבליצט אַ שאַרפֿער פֿונק פֿון איבעראַשונג, אָבער די אַמכאָ־הערצער האָבן זיך גלײַך צעוואַרעמט.

מיט אַ שטיקל פּראָטאָקאָלאַרן צערעמאָניאַל האָט מען אונדז גענומען פֿאָרשטעלן פֿאַר די אַפּוואַרטנדיקע: פּאָרזיצערס, דירעקטאָרן, פּאַרוואַל־טערס — צוזאַמען אַ מאַן פֿופֿצן. פֿאַרטראָטן האָבן זיי: די פֿעדעראַציע פֿון די קעהילעס פֿון דער רומענישער רעפּובליק, די בוקאַרעשטער קעהילע, דעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד, דעם מעלוכע־טעאַטער, דאָס יידישע שולוועזן, די פֿאַרלאַגן אאַ"וו. צוויי פֿרײַלנס האָבן אונדז צוגעטראָגן בלומען און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר זיך שוין געפֿונען אין „אַטענע־פּאַלאַס" — דער שענסטער האָטעל פֿון בוקאַרעשט, פּונקט אַנטקעגן פּאַלאַץ פֿון קייסער קאַראָל...

און אין דאָזיקן האָטעל האָט מען אונדז געגעבן ניט סתּם אַ שײנעם צימער, נאָר אַ דעפּאַרטאַמענט אַ גאַנצן, מיט טעפּיכער, מיט פּרעכטיקע מעבל, מיט אַן אױפֿנעם־סאַלאָן און מיט אַ באַלקאָן צום קײסערלעכן פּאַלאַץ.

עס איז אונדז אױך גלײַך צוגעטײלט געװאָרן אַ שטענדיקער אַדיוּ־טאַנט — אַ הױכער באַאַמטער פֿון דער קעהילע־פֿעדעראַציע. זײַן אױפֿ־גאַבע איז געװען: פֿאַרזיסן אונדז דאָס לעבן, טאָן אונדזערע פֿאַרלאַנגען און העלפֿן אונדז אין רעסטאָראַן פֿאַנאַנדערצוקלײַבן זיך אין די געריכטן, װאָס האָבן פֿיגורירט אין מעניו מיט אַץ־קױיצעצדיקע, פֿראַנצױזישע און טערקישע נעמען, װי עס פּאַסט פֿאַרן גומען פֿון אױסלענדישע געסט. װעאַל קולאָם — זײַנען מיר באַאױפֿטראָגט געװאָרן צו געניסן װיפֿל און װאָס נאָר מיר װעלן גלוסטן...

16. צװישן ייִדן אין בוקאַרעשט

מיר „פֿירן אױס די פּראָגראַם"

מיט 35 גראַד פֿרילינגדיקער היץ און מיט דער גאַנצער ברײט־געװעלע־שאַפֿטלעכער װאַרעמקײַט האָט אונדז אױפֿגענומען די ייִדישע רומעניע, װאָס האָט שױן אַ טראַדיציע פֿון צעעפֿענען די נעשאָמע װי ברײט עס לאָזט זיך נאָר.

די כאַװײרים, װאָס האָבן אונדז אױפֿגענומען, האָבן זיך באַמיט אַז אונדזערע צען רומענישע לעבנס־טעג זאָלן פֿול זײַן מיט לעבן, זאָלן זײַן פּרוכפּערדיק און אָרגאַניזירט.

דער כ׳ באַקאַל, װאָס פֿאַרנעמט אײנעם פֿון די סאַמע העכסטע און כאָשעװוסטע אַמטן אין אַ רומענישן מיניסטעריום, האָט מיט מיניסטאָרי־שער פּינקטלעכקײַט, אױסגעאַרבעט, צוזאַמען מיט אונדז, אַ גענױע טאָג־טעגלעכע פּראָגראַם פֿון אַרבעט און פֿאַרגעניגנס. אונדזער אױפֿגאַבע יעדן טאָג איז געװען זײער אַן אײנפֿאַכע און אַן אָנגענעמע. אױפֿשטײן און נעמען זיך צו דער פּראָגראַם... טאָג און נאַכט זײַנען מיר געװען פֿאַרטאָן אין „אױספֿירן די פּראָגראַם", און די פּראָגראַם איז באַשטאַנען בעאיקער פֿון דרײ צענטראַלע פּונקטן: באַקענען זיך מיטן ייִדישן לעבן, מיט די

אַלגעמיינע דערגרייכונגען פון רומעניש לעבן און מיט דער שיינקייט פון לאַנד.

ארויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס זיינען געווען דריי שיינקייטן מיט איין מאָל, און באַגעגנט האָבן מיר זיי אויף טריט און שריט. צוזאַמען מיט דער באַרגיק־וואַלדיקער שיינקייט פון דער נאַטור, איז אונדז אַנטקעגנגעקומען די סאָציאַליסטישע שיינקייט פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער אָרדענונג און די אַמכאָדיקע שיינקייט פון דער אומפאַרגלייכלעכער גאַסטפריינטלעכקייט.

און דאָס אַלץ האָט זיך געדרייט ארום אונדז ווי אַ פאַרבנרייכער קאַראַהאָד, און פרילינג איז געווען אויף דער וועלט, און די רייכעס פון אַקאַציע און בעז, וואָס האָבן ארומגעהילט דאָס גאַנצע לאַנד, האָבן זיך אריינגעדופטיקט אין אונדזערע נעשאָמעס...

מיט דער זעלבער אויסגעבענקטער פרייד, מיט וועלכער מיר האָבן „אויפגעגעסן" מיט די אויגן דעם איטאַליעניש שניי, מיט אַ כוידעש צוריק, האָבן מיר זי געלאָזט מיטן רומעניש בעז אין מיטן כוידעש מײַ. מיר האָבן צוריקדעראָבערט דעם „עמעסן" מײַ, דעם פרילינגדיקן, דעם אויסגעזוונגענעם און אויסגעצערטלטן דורך אַ מיליאָן פּאָעטן. ער האָט אונדז אויסגעזען אומפאַרגלייכלעך אין זיין פראַכט, נאָך אַזויפיל נאַסע און בלאָטיקע אַרגענטינער מייען, און דער איקער — נאָכן באַגעגענען זיך מיט אַ מיי, וואָס איז שוין מער ניט קיין סימבאָל פון פאַרביטערטן פּראָלעטאַרישן קאַמף, נאָר פון זיג און פאָרויסמאַרש.

מיט אַן אָפּשטאַנד פון געציילטע טעג האָבן מיר, נאָך אַן איבעררייס פון צענדליקער יאָרן, דערזען שניי און בעז; דער שניי האָט אונדז אויסגעזען ליכטיקער ווי געוויינטלעך, ניט נאָר צוליב די פאַרלאָפענע יאָרן, נאָר אויך ווייל געזען האָבן מיר אים אויף עקס־פאַשיסטישער ערד; דער בעז האָט אונדז אויסגעזען פיאָלעטער און דופטיקער, ווייל געבליט האָט ער אויף עקס־יידנפרעסערישן באָדן, אויף ניי־געבוירענער ערד — אויף דער ערד פון 23טן אויגוסט...

אינעם צענטער פון קעהילע־לעבן

דאָס „אויספירן די פראָגראַם" האָבן מיר אָנגעהויבן מיט אַ פראָטאָקאָלאַרן וויזיט אין הויז פון אונדזערע מאַכניסיי־אָרכים — אין דער פעדעראַציע פון די קעהילעס און שפּעטער אין דער בוקאַרעשטער קעהילע. פאַרשטייט זיך, אַז די פראָטאָקאָלאַרקייט איז צעגאַנגען ווי שניי, נאָכן ערשטן הויך פון קעגנזייטיקער וואַרעמקייט.

דאָס ייִדישע לעבן אין רומעניע איז אָרגאַניזירט ניט דורך אַ צענ־טראַלן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, ווי אין פּוילן, נאָר דורך דער פעדעראַציע פון די קעהילעס, בעראָש פון וועלכער עס געפינט זיך דער ד״ר באַקאַל. ער ווערט געוואַלדיק רעספּעקטירט דורך אַלעמען, ניט צוליב זײַן הויכן ראַנג אין מיניסטעריום, נאָר צוליב זײַן מענטשלעכער ליבלעכ־קײַט און אויפטוערישקײַט. מיט זײַן רויקן, בלייכן שמייכעלע לייזט ער די שווערסטע פּראָבלעמאַטיק. ער האַלט אין אויג אַפן גאַנצן ייִדישן לעבן און שעמט ווי אַ שנעלער אָרגאַניזאַטאָר און פּלאַנירער.

אין ביידע גרויסע קעהילע־אינסטיטוציעס, וואָס זײַנען ווי מילגרוימען אָנגעפּילט מיט קאַבינעטן, אַרבעט־צימערן און זיצונג־זאַלן, זײַנען מיר אויפגענומען געוואָרן מיט דער גאַנצער טראַדיציאָנעל־ייִדישער פרײַנט־לעכקײַט און וועלטלעכער וואַרעמקײַט, אַף דער בוענאָס־אײַרעסער קעהילע געזאָגט געוואָרן, כאָטש אַ צענטל פון דעם... עס האָבן אונדז אַרומגערינגלט דאָרט דורכויס וועלטלעכע ייִדן, אויסער דעם הויפּט־ראַבינער ראָזען, וואָס איז אָבער, אין אַלע הינזיכטן, אַ פּראָגרעסיווער מענטש.

ווען מיר האָבן דערציילט וועגן דער כיירעם־סיטואַציע בײַ אונדז אין לאַנד און וועגן דער גזיילע־פּאָליטיק פון דער בוענאָס־אײַרעסער קעהילע לעגאַבע די ייִדיש־וועלטלעכע שולן, האָבן די פירער פון רומענישן קעהילע־לעבן אויסגעשטעלט אַף אונדז אַזוינע אויגן, פּונקט ווי מיר וואָלטן דערציילט וועגן האָטענטאָטן, זולוסן, אָדער אַנדערע קאַניבאַלן פון די געדיכטענישן פון אַפריקע. זיי האָבן זיך געכאַפּט פאַר די קעפּ און קעסיי־דער איבערגעכאַזערט: „אומגלויבלעך״!...

די פעדעראַציע פון די קעהילעס גיט זיך בעאיקער אָפּ מיטן אָרגאַניזירן דאָס רעליגיעז־געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די ייִדן. די ייִדישע קולטור־צווײַגן ווערן באַזאָרגט און באַוואַכט דירעקט דורך די אַנטשפּרעכנדיקע מיניסטעריומס.

אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן רומעניע האָבן די ייִדישע קולטור־איניאָ־נים פּונקט אַזאַ אָנזען ווי אַלע אַנדערע, און עס איז דאָרט פולשטענדיק נאַטירלעך, אַז זאָרגן פאַר זיי זאָל דירעקט די מעלוכע, דורך אירע געהעריקע אויספיר־אָרגאַנען. די ייִדישע טעאַטערס זײַנען אָפּהענגיק פון קולטור־מיניסטעריום, די ייִדישע שולן און דער פעדאַגאָגישער פאַרלאַג — פון בילדונגס־מיניסטעריום, די ייִדישע ליטעראַטור און דער ליטעראַרישער פאַרלאַג — פון אַלגעמיינעם שרײַבער־פאַרבאַנד. און מען דאַרף דאָ בוילעט אונטערשטרײַכן, אַז „אָפּהענגיק״ מיינט דאָ ניט שטרענגע, פרעמדע, אינס־

פּעקטאָרישע קאָנטראָל־אָפּהענגיקייט, נאָר ברידערלעכע און לייבלעך־אייגענע פאַרשטענדעניש.

די רומענישע מעלוכע שטייט מיטן פּאָנים צום לעבן און בעמיילע אויך צום יידישן לעבן. זי איז אָבער ניט קיין ספינקס און ניט קיין פייער־שפּייענדיקער באַרג. מען זעט זי אין געשטאַלט פון איינפאַכע און האַרציקע מענטשן, פון איבערגעגעבענע ברידער און שוועסטער, וואָס האַלטן אין איין טאָן גוטס און וואָס שטאַרקן מיט דעם צענפאַכיק דעם סאָציאַליס־טישן סיידער.

די יידישע לעבנס־צווייגן זיינען פול מיט אַזוינע מעלוכע־מענטשן, וועגן וועלכן עס וועט אונדז נאָך אויסקומען צו דערציילן. דער אָנגעזעענס־טער פון זיי איז יִסראָעל באַקאַל. מען קען זאָגן, אַז באַקאַל — דאָס איז אַ שטיק רומענישע מעלוכע אַפן פעלד פון אַלגעמיינעם יידישן פאָלקסלעבן.

אינטערעסאַנט איז, אַז ערשט אונטערן פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים איז ווי געהעריק אָרגאַניזירט געוואָרן דאָס יידישע רעליגיעזע לעבן דורך דער פעדעראַציע פון די קעהילעס. פריער האָבן עקזיסטירט פאַרשיידענע צעקריגטע קרייזלעך און קלייזלעך, אָרטאָדאָקסן און אַזוי־גערופענע נעאָ־לאָגן, ווי אויך גרופּקעס איינגעטיילטע לויט פאַכן (אַ מין רעליגיעזע צעכן־סיסטעם...). איצט זיינען פאַראַן אין לאַנד איבער 200 פאַראייניקטע, צענטראַליזירטע שטאָט־קעהילעס, 85 פון זיי — גרויסע.

עס עקזיסטירט אין גאַנצן לאַנד 500 באָטע־מעדראָשים, פון וועלכע עטלעכע און פערציק אין בוקאַרעשט, צווישן זיי — אַ פּאָר טעמפּלען מיט כאָרן. פאַראַן דריי קאָשערע יאַטקעס, אויסגעהאַלטענע פון דער מעלוכע, אַ מיקווע, דריי בייסוילעמס.

די קעהילע האָט זיך דערדינט צו האָבן אַפילע אַן אייגענע צייטשריפט, וואָס דערשיינט אין יידיש, העברעיש און רומעניש, און וואָס זינדיקט אונטער אַביסל אויך מיט וועלטלעכקייט און מיט ליטעראַטור...

די הויפּט־האַכנאָסע פון דער פעדעראַציע איז דאָס רענט פון די אומבאַוועגלעכע גיטער און הייזער, וואָס זיינען געבליבן נאָך די אומגע־בראַכטע יידן. די רומענישע מעלוכע האָט דעם דאָזיקן ריזיקן אייגנטום ניט קאָנפיסקירט, נאָר איבערגעגעבן דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. עס זיינען געווען אַזויפיל גיטער, אַז אַ טייל פון זיי האָט די פעדעראַציע געשאָנקען פאַר וווילטעטיקע צילן פון אַלגעמיין־רומענישן כאַראַקטער (סאַנאַטאָריעס און קינדער־היימען).

די באַגריפן „קאָהאָל” און „קעהילע”, וואָס זיינען אַזוי דערספּרעסטי־זשירט און פאַרמיעסט באַם יידישן פאָלק־מענטש, זינט די צייטן פון

מענדעלען ביז צו אונדזער איצטיקער אַרגענטינער ווירקלעכקייט, זיינען פאַר אונדז ריינגעוואַשן געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער רומעניע...

מיר האָבן, אויסער דעם, געזען אַ טיפּ פון אַ קאָהאָל־טוער, וואָס פּאַלט פולשטענדיק צונויף מיטן אַלט־ייִדישן אידעאַל פון אַן „עוסק בצרכי ציבור באמונה" (וואָס טוט זיין אַרבעט מיט טרייהייט און געוויסנהאַפטיקייט); און געהאַט די זכיה צו זען עס, האָבן מיר גראָד אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער, „יעווסעקישער" רומעניע...

17. ווי אַזוי דער היינט פאַרגעדענקט דעם נעכטן

וואָס אַ ייִדישע ביבליאָטעק קען זיך פאַרגינען

אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקעלע פון אונדזער באַרימטער פּראָגראַם, הינטער די צענדליקער אָנגעמערקטע וויכטיקע באַזוכן, האָט זיך קוים אַרויסגעזען אַ וויזיט אין דער ביבליאָטעק פון דער פעדעראַציע, אַ וויזיט וואָס מען האָט איבערגעלאָזט אַף אַ „פאַרפאַלענער" שאָ...

מיר האָבן דעריבער געמיינט, אַז דאָס איז אַ ביבליאָטעק, ווי הונדערטער אַנדערע ביבליאָטעקן, וואָס דרימלט איר שטויביק־פּאַפּירענעם שלאָף ערגעץ אין אַ צימער פון דער פעדעראַציע, אָבער אַז מען האָט אונדז צוגעפירט צו אַ פּאַלאַצל, אַן אַלטיטשקן שוין, אָבער מיט אַ „גראַפסקן" אויסזען, געבויט אין נעאָ־קלאַסישן סטיל, און אַז מיר האָבן דערזען דעם הויכן מעטאַלענעם שטאַכעטן־פּאַרקן, די ברייטע מירמלנע אַריינגאַנג־טרעפּ, די מאַרמאָר־זיילן פון דער פּריצישער פּאַסאַדע און אַלע אויבערשטע און אונטערשטע אויסגעצאַצקעטקייטן, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ „ניט אין אָרדענונג", דאָס הייסט אַז אונדזער פריערדיקע פאָרשטעלונג וועגן דער ביבליאָטעק שטימט מיסטאָמע ניט מיט דער ווירקלעכקייט.

עס האָט אונדז איבעראַשט דער איינפאַל פון אַ ייִדישער ביבליאָטעק צו פאַרקריכן אַזוי „הויך". באַקאַלט שמייכלענדיק האָט אונדז אָבער גלייך דערמאָנט, אַז די ביבליאָטעק איז ניט „פאַרקראָכן" און האָט ניט „פאַרבלאָנדזשעט", נאָר אַז די נייע רומעניע האָט זי אַריינגעפירט אַהער אַפן גלייכן וועג און בעקאָוועד־גאָדל...

אַסאַך מער ווי אַ ביבליאָטעק

דער ייִדישער אינעווייניק פֿונעם פּאַלאַץ האָט אונדז נאָך מער איבעראַשט ווי זײַן ניט־ייִדישער דרויסן: צימערן און זאַלן אָנגעפּאַקטע ביז דער סטעליע מיט געשיכטלעכן קאָל־טוּוו, מיט קונסט־אָביעקטן, מיט פֿאָליאַנטן, מיט ריזן־זאַכן און מיט מיניאַטור־זאַכעלעך. עס האָט זיך גלײַך געוואָרפֿן אין די אויגן אַז דער נאָמען „ביבליאָטעק" איז אַ צודעק פֿון עפּעס וויכטיקערס און גרעסערס.

עס איז טאַקע דאָרטן געווען אַ ביבליאָטעק אויך, אָבער דער דאָזיקער „אויך" דאַרף ניט פֿאַרשטאַנען ווערן ווי אַ בײַזאַך. עס איז שוין איין מאָל אַן „אויך" — אַן „אויך" פֿון הונדערט טויזנט ביכער אין אַ צענדליק שפּראַכן, צווישן זיי 17.000 אין ייִדיש; און זײַן זײַנען עס ניט בלויז קיין דורכשניטלעכע ביכער, נאָר ווערק וואָס האָבן ס'ראָוו צו טאָן מיט ייִדישער פּראָבלעמאַטיק, קולטור־געשיכטע, פֿילאָזאָפֿיע, אַנטיסעמיטיזם און צענדליקער ספּעציעלע טעמעס, וואָס באַרירן אָן אַ שיר ייִדישע געשיכטלעכע אָנגעוויטיקטקײַטן, מאָדערנע פּלאָגן און רײַכע ייִדישע פֿאָלקס־שעפֿערישקײַט אַפֿן שעטעך פֿון הונדערטער יאָרן צוריק.

ספּעציעל שמעקט מיט געשיכטע ניט אַזוי די ביבליאָטעק ווי דער אַרכיוו, וואָס איז אָנגעפּראָפּט מיט איבער 5.000 אָריגינעלע דאָקומענטן, פֿאַרשוואַרצטע אַלטיטשקע מאַנוסקריפּטן, גרײַז־גראָע פּאַרמעטן, אָפּיציעלע מעלוכע־אַקטן, בריוו פֿון פּערזענלעכקײַטן, סטאַטוטן פֿון כעוורעס און פּינקאַסים, — קינסטלעריש געקסיוועטע מיט פּילקאָליריקע, כראָמאָגראַפֿישע טינטן, ווענעציאַנער און קראָקעווער דרוקן פֿון 16טן יאָרהונדערט און אַ באַרג מיט טאַלמודישע אַנטיקן.

אַף ספּעציעלע ווײַסע געשטעלן ליגן, ווי יאַם־וועלף אַפֿן אײַז, שוואַרץ־געבונדענע יאָרגענג פֿון זעלטענע צײַטשריפֿטן פֿון די לעצטע הונדערט יאָר און פֿון דער גאַנצער ייִדישער וועלט. הונדערט יאָר מאָדערנע ייִדישע קאָפּ־דרייעניש, דיסקוסיעס, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע טעזיסן און אַ געדיכט־צעצווײַגטע כראָניק פֿון ווייטיק און בלוט...

און אָט איז דער דאָקומענטאַציע־קוואַל פֿון ייִדישער טעאַטער־געשיכטע. ווו, אויב ניט אין גאָדפֿאַדענס רומעניע, קען מען געפֿינען די סאַמע ברייִשיסדיקע שפּורן פֿון אונדזער מאָדערנער טעאַטער־קונסט?

אָ, ווען מען קען זיך רויִק אַוועקזעצן און נישטערן אָן אײַלעניש, אין די קופּעס געלע בלעטער, אַראָפּגעפאַלענע פֿון יענע ראָמאַנטישע און העלדישע גאָלדפֿאַדען־יאָרן...

און אָט זײַנען פֿרישע בלעטער, שױן ניט קײן געלע, נאָר ברױנע פֿון פֿאַרטריקנטן ייִדישן בלוט: גאָגאַ־קוזישע יודאָפֿאָביע, כוליגאַניזם פֿון דער אײַזערנער גװאַרדיע, אַנטאָנעסקו־רעזשים, היטלעריסטישער טעראָר...

אין אַ צװײטן צימער װערט ליכטיקער אין די אױגן פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־קונסט, װאָס איז פֿאַרבונדן מיטן פֿאַרגאַנגענעם לעבנס־שטײגער: קאַמײעס, מעגילעס, פֿאָרױבעסן, מענטעלעך, מענוירעס, הענג־לײַכטער, בענטש־לײַכטער, בסאָמים־ביקסלעך, טאַבאַק־פּושקעס, קױסעס, כאַנוקע־לאָמפּן, שױפֿרעס. איך קען זיך ניט אײַנהאַלטן און טראָג צו צו די ליפּן אַ קינסטלעריש־געשניצטן, װײַס־געקאַרבטן שױפֿער און אומגעריכט ענטפּערט ער מיר מיט אַ לױטער־רײנער, מעכטיקער טקיע־גדױלע...

מיר געפֿינען אױך אַ נומיזמאַטישן אוצר: מאַטבײעס און מעדאַלן. אַלט־ייִדישע מאַטבײעס פֿון באַר־קאָכבאַס צײַטן און פֿון נאָך פֿריער; מאַטבײעס, װאָס ייִדישע מעטאַל־גיסער האָבן באַהאַלטענערהײט אַרײַנגעקריצט אין זײ זײערע נעמען מיט מאַסקירטע ייִדישע אותיעס; ייִדישע מאַטבײעס פֿון קעהילעס, װאָס האָבן קענטיק געהאַט די פּריװילעגיע אַרומצוגעבן אײגן קלײנגעלט; און פּרעכטיקע פֿאַמיליע־מעדאַלן פֿון שפּעטערדיקע צײַטן, װאָס ייִדישע גװירישע מישפּאָכעס האָבן געלאָזט אױסגיסן לעקאָװעד אַ יױװל אָדער אַ געשעעניש. אױסער דעם פֿאַקט גופֿע פֿון דער עקזיסטענץ פֿון ייִדישע מאַטבײעס און מעדאַלן, זעט מען װי הױך עס האָט זיך געפֿונען די ייִדישע גראַװיר־קונסט.

אױך די װענט פֿון רומענישן פּאַלאַץ רעדן אַלע מיט דער שפּראַך פֿון ייִדישער קונסט: פֿון אַלע ריכטונגען קוקן אַראָפּ קונסט־בילדער פֿון ייִדישע מאָלער; אין אַלע װינקלען און אױף אַלע קאַמינען גליװערן װערק פֿון ייִדישע סקולפּטאָרן. אין אַ פּאָר װינקלען שטײען הילצערנע ייִדישע מאַצײװעס, אױף װעלכע עס איז נאָך קענטיק דער אַרײַנגעשניצטער קסאַװ, כאָטש דאָס האָלץ איז שױן אַלט צװישן דרײַ און פֿיר הונדערט יאָר.

אָט אַזױ האָט דער ייִדישער איצט אין רומעניע ניט פֿאַרגעסן דעם אַמאָל, אָבער דאָס געדענקען װאָלט זיך געדאַרפֿט אױסדריקן ניט נאָר אין דער פֿאָרם פֿון פּאַסיװן אָנזאַמלען דעם אָנדענק־מאַטעריאַל, נאָר אױך אין אַנטפּלעקן אים פֿאָרשעריש און אַרײַנדרינגען אין אים היסטאָריש און באַשרײַבעריש.

די ביבליאָטעק, װאָס איז פּאַקטיש סײַ אַן אַרכיװ און סײַ אַ מוזײ, האָט אַלע געגעבענע צו פֿאַרװאַנדלען זיך אין אַ היסטאָרישן פֿאָרש־צענטער. פֿאַראַן דאָקומענטן, װאָס טאָרן ניט בלײַבן פֿאַרבאַלזאַמירט; פֿאַראַן אינ־

טערעסאַנטע און לעבנסוויכטיקע איינצלהייטן, וואָס דאַרפן ניט בלייבן ליגן אָפן דעק פון דאַזיקן ייִדיש־היסטאָרישן יאָם.

די ביבליאָטעק, ווי אַ ביבליאָטעק, איז אַגעוו אַן אָפּגעשלאָסענע און ניט קיין עפנטלעכע. עס האָבן צו איר אַ צוטריט בלויז געלערנטע וואָס זוכן אַ ייִדישן דעטאַל צו זייערער אַן ארבעט, אָבער ספּעציעלע געלערנטע וואָס זאָלן זיך אָפּגעבן צו די אָנגעזאַמלטע אויצרעס זיינען נאָך ניטאָ. פאַראַן עטלעכע אינטעליגענטע אָפּהיטערס, וואָס קאַטאַלאָגירן און סעגרעגירן, אָבער ניט קיין היסטאָריקער און ניט קיין וויסנשאַפטלער. אויך דער גרעס־טער טייל זאַכן איז נאָך ניט קוואַליפיצירט און ניט אָפּגעשאַצט, און אין גרונט געגומען וויים מען נאָך אַפילו ניט גענוי וואָס מען פאַרמאָגט.

דאָס נעמט זיך דערפון וואָס דאָס מאָדערנע ייִדישע קולטור־לעבן אין דער נייער רומעניע איז נאָך זייער יונג און ניט דערפאַרן; וואָס עס זיינען ניטאָ קיין טיפערע טראַדיציעס פון פאָרשערישער ארבעט; וואָס עס זיינען נאָך ניטאָ קיין אויסגעשולטע ייִדיש־קענענדיקע פאָרשער און אויך קיין שטאַרקערער באַוווסטזיין וועגן דער וויכטיקייט פון דער דאָזיקער איינציק־אַרטיקער זאַמלונג פאַר דער ייִדישער און רומענישער קולטור. דאָס אָנזאַמ־לען אַליין איז שוין געווען אַ גרויסער פאַרמעסט, אָבער מען וואָלט זיך פונדעסטוועגן געדאַרפט באַמיען, אַז דער היסטאָרישער רוישטאָף זאָל דער־גרייכן דעם ווייטערדיקן עטאַפּ פון וויסנשאַפטלעכער אויסקלאָרונג.

דאָס ייִדישע קולטור־פּאַלאַצל מוז זיך דערוואַרטן אַף אַ שעפערישן טיקן. יאָרהונדערטער גאַנצע פון אינטענסיוון ייִדישן פאָלקס־לעבן בעטן זיך מאַמעש, אַז מען זאָל זיי גייסטיק מעכאַיע־מייסים זיין אַף בלעטער פון דער ניי־געשריבענער געשיכטע, און דאָס איז אַ קולטור־איניען וואָס גייט בע־פּיירעש אַריין אין די אינטערעסן פון פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים.

אַ רומענישער גרוס פון טיעררא דעל פועגאָ...

צווישן די פאַרשיידענע היסטאָרישע זעלטנקייטן אין ייִדישן קולטור־פּאַלאַצל, האָבן מיר זיך אויך אָנגעשטויסן אַף עפּעס אייגנס: אָפן סאַמע דאָרעמדיקן שפּיץ פון אַרגענטינע — אַף טיעררא דעל פועגאָ...

און דאָ דאַרף מען דערציילן אַ שטיקל שפּאַנענדיקע מייסע־שעהאָיאָ:

מיט איבער 80 יאָר צוריק האָט אַ יונגער ייִדיש־רומענישער אינזשע־ניער — יוליוס פּאָפּער — ניט געקענט באַהערשן זיין הויכן, אַוואַנטורים־טישן בלוט־דרוק און זיין ייִדישע וואַנדער־לוסט, און האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער ברייטער וועלט.

נאָכדעם ווי ער איז אויסגעווען ווו די וועלט האָט אַן עק און געלעבט

א לענגערע צײַט אין פֿראַנקרײַך, גאַנצן און װײַטן אָריענט, יאַפּאַן, צאָפּן־אַמעריקע, קובאַ און בראַזיל, האָט אים דער װיכער פֿון זײַן אימפּעט פֿאַר־טראָגן צו די סאַמע דאָרעמדיקסטע עקן פֿון דאָרעם־אַמעריקע. אין יאָר 1886 האָט ער זיך דערקליבן קיין טיעררא דעל פֿועגאָ, װוּ קיין שום אַרגענ־טינער האָט נאָך ביז דאַן זײַן פֿוס ניט געהאַט אַרײַנגעשטעקט.

ער האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז דאָרט, אין אומבאַקאַנטן אַרגענטינישן האָצע־פּלאָץ, געפֿינט זיך גאָלד. װיבאַלד אַזוי, האָט אים שפּעטער אַן אַר־גענטינער קאָנסאָרציום אָנגעטרויט עטלעכע שיפֿלעך, און די עקספּעדיציע איז אַרויסגעשװוּמען און פֿאַרפֿאַלן געװאָרן הינטערן מאַגעלאַנען־דורכגוס.

פּאָפּער איז אָבער ניט פֿון די מענטשן װאָס װערן פֿאַרפֿאַלן. ער האָט די אָפּגעשלאָסענע און געהיימנישפֿולע פֿײַער־ערד אַ נעם געטאָן אין די הענט, און געפֿונען האָט ער דאָרט ניט נאָר גאָלד, נאָר אויך אינדיאַנער, פּרעכטיקע פֿעלז־מאַסיװן, װאַלד־טײַכן און באַרג־אָזיערעם.

די בערג און די װאַסערן האָט ער אָנגערופֿן מיט רומענישע נעמען, װאָס זײַנען נאָך טיילװײַז גילטיק ביז הײַנט. די אינדיאַנער האָט ער אײַנגענומען ניט מיט דער נאַקעטער שװערד, װי די מאָדע איז דאַן געװען, נאָר מיט פֿרײַנטשאַפֿט און גוטסקײַט.

געשפּײַזט האָט זיך די עקספּעדיציע מיט פֿלייש פֿון יאַם־כאַיעס, און געקליידט זיך אין פֿעלן פֿון יאַם־הינט.

אויסער דעם האָט פּאָפּער אײַנגעשטעלט אַ שטיקל אייגענעם מעלוכע־סיידער, װאָס די אַרגענטינער רעגירונג האָט שפּעטער אָנערקענט דורך אַ קאָנטראַקט מיט פּאָפּערן — דעם „ראָש פֿון דער פֿײַערלענדישער מעלוכע"...

מיט יוגנטלעכן פֿײַער און מיט קאָנקװיסטאַדאָרישן ברען האָט ער צונויפֿגעשלאָגן אַ קאַװאַלעריע־אַרמיי, אַרויסגעלאָזט אייגענע פּאָסט־מאַרקעס און אייגן געלט (ניט קיין פּאַפּירלעך, נאָר מאַטבייעס געגאָסענע פֿון אייגענעם פֿײַערלענדישן גאָלד. די מאַטבייעס האָבן געטראָגן די אויפֿשריפֿט: טיעררא דעל פֿועגאָ — פּאָפּער — 1889)...

אין מיטן פֿון זײַן רעגירן איז ער אָבער, אין יאָר 1893, צו 36 יאָר, געשטאָרבן, ניט פֿון גאָלד־פֿיבער, נאָר פֿון װולגאַרן געלן פֿיבער...

פֿון דער דאָזיקער אַװאַנטורע, װאָס האָט זיך פֿאַרװאַנדלט אין אַ מעלוכע־בויערישן פֿאַרמעסט, איז געבליבן פּאָפּערס אַן אַלבום, געבונדן אין פּאָקע־פֿעל און באַצירט מיט מאַסיװן גאָלד, און אָנגעפֿילט מיט זעלטענע, ברײשיסדיקע בילדער.

דעם דאָזיקן אַלבום האָט די רומענישע געאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט רעפּראָדוצירט, מיט 60 יאָר צוריק, אין אַ באַגרענעצטער צאָל עקזעמפּלאַרן,

וואָס מען געפינט שוין איצט אין ערגעץ ניט. און אָט אזאַ מין עקזעמפּלאַר, אַ בײַכיקן און אַן אָנגעפּילטן מיט די אויסגעבלייכטע פּאַטאָס און סקיצן פון אַן אויסטערליש לעבן אַף אויסטערלישער ערד, האָבן מיר „געפּאַקט" אין ייִדישן קולטור־פּאַלאַצל.

מיר האָבן זיך קוים געקענט אָפּרײַסן פון דאָזיקן ייִדיש־רומעניש־אַר־גענטינישן גרוס, און די פיגור פון פּאָפּערן האָט אויפגעלויכטן פאַר אונדז מיט אָפּגלאַנצן פון סאַן־מאַרטינישער געוואַגטקײַט און פאַרמעסט.

אָט איז אַ געשטאַלט, האָבן מיר זיך געטראַכט, וואָס פאַרדינט אַ קינסטלערישן מאָנומענט אין דער ליטעראַטור און אַ מירמלנעם אָדער בראָנדזענעם דענקמאָל אין לעבן.

וויפל עפּאָפּעיִשער שטאָף וואָלט זיך געלאָזט אַרומוועבן אַרום דער דאָזיקער דינאַמישער פיגור און מיט וויפל פּאָעמאַטישן פּאַטאָס וואָלט מען געקענט באַזינגען זײַנע ניט־געווינטלעכע מאַיסים, אָבער ווייניק געשיכט־לעכן מאַזל האָט געהאַט דער דאָזיקער ייִדיש־רומענישער באָכער, ניט גע־קוקט אַף דעם וואָס ער האָט געווונען פאַר דער אַרגענטינער ציוויליזאַציע דעם ווײַטן דאָרעמדיקן שפּיץ פון לאַנד, — מיט יאָרן פריער איידער די נאָנטע פּאַמפּע האָט אויפגעהערט צו זײַן אַ מידבער, וואָס האָט געדראָט מיט פאַרוויסטונג און מיט קריגערישע אינדיאַנער...

18. די ייִדישע בינע־קונסט באַ זיך אין דער היים

ייִדיש טעאַטער — אַ מעלוכע־איניען

אַף זײַן 82סטן לעבנס־יאָר, האָבן מיר אָפּגעפונען אין רומעניע דעם ייִדישן פאָלקס־טעאַטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אַף גאָלדפאַדענס הענט אין שטעטעלע יאַס.

ניט קיין אַלטיטשקן האָבן מיר אים געפונען, נאָר אַ יונגן, אַ מעלוכישן און אַ מאַלכעסדיקן. אנשטאָט דער אַלטער מאַרקע „קאַבצענזאָן עט הונגער־מאַן", האָט געלויכטן אַף אים דער מעלוכע־הערב פון דער רומענישער פאָלקס־רעפּובליק און דער ערן־טיטל: ייִדישער מעלוכע־טעאַטער — טעאַטרול עווריעסק דע סטאַט.

געטראָפן האָבן מיר אים סײַ אין בוקאַרעשט און סײַ אין יאַס, אָבער ניט דער זעלבער איז עס געווען. די ייִדישע בינע־קונסט אין רומעניע איז פאַרמעלוכישט געוואָרן אין צוויי באַזונדערע טעאַטערס, און געטאָן איז עס געוואָרן מיט אַזאַ פאַרנעם, אַז עס האָט פאַרפעלט מאַמעש אָטעם אַף צו קענען באַקוקן אַלץ מיט אַנאַנדער.

אין בוקאַרעשט, איידער מען קומט צו צום קערן פון ייִדישן טעאַטער, צום צוקוקער־זאַל, דאַרף מען דורכגיין אַ סעריע קאָרידאָרן און פּאָיעען, פּאָדער־צימערן און שפּיגל־זאַלן. עס קומט אויס ווי דער דרויסן וואָלט אויפגעגעסן דעם אינעווייניק. מיר, וואָס זײַנען געוווינט צו אַמעריקאַנער פּראַקטישקייט, זײַנען איבעראַשט געוואָרן פון דאָזיקן איבערפלוס פון דרויסנדיקן איירעפּעישן גלאַנץ. אויסער דעם, זײַנען פאַראַן זײַטיקע צימערן און רעפּעטיציע־זאַלן, אייגענע וואַרשטאַטן און רעקוויזיט־זאַלן, דעקאָראַציע־זאַמלונגען און גאַרדעראָבן, וואָס זעען אויס ווי הורט־מאַגאַזינען פון סכוירעס.

דער יאָדער איז אָבער פּונקט אַזוי שיין ווי די שאָלעכץ. וועגן די באַקוועמלעכקייטן פון בוקאַרעשטער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער האָט אַזאַ אויטאָריטעט ווי יאָן סאַדאָוועאַנו, דער דירעקטאָר פון נאַציאָנאַלן טעאַטער, געשריבן, ניט מיט אײַפערזוכט, נאָר מיט שטאָלץ: „דער זאַל פון בוקאַרעשטער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער איז הײַנט צו טאָג דער סאַמע עלעגאַנטסטער און דער צום בעסטן באַזאָרגטער און אײַנגעאָרדנטער פון אַלע זאַלן פון אונדזער הויפּטשטאָט״.

אין 1956, צום 80טן יובילײ פון ייִדישן טעאַטער, האָט די מעלוכע אַפּסנײַ אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק דעם טעאַטער־ביניען און אַפילו באַזאָרגט יעדן טעאַטער־בענקל מיט ספּעציעלע הער־טרײַבלעך; וואָס זעצן איבער די ייִדישע בינע־רייד פאַרן רומענישן צושויער...

אין יעדן ווינקעלע פילט מען די פּרײַנטלעך־אונטערגעשטעלטע פּלייצע פון דער מעלוכע. אַלץ קומט פון דער פּאָלקס־רעגירונג, וואָס שאַצט שטאַרק די קינסטלערישע דערגרייכונגען פון ייִדישן טעאַטער. אין אַלע רעפּרעזענטאַטיווע אַלבומען פון דער רומענישער טעאַטער־קונסט, ווי אויך אין די אילוסטרירטע צײַטשריפטן, דערשײַנען נאָכאַנאַנד רעפּראָדוקציעס און באַשרײַבונגען פון אויפפירונגען איןביידע ייִדישע טעאַטערס.

יוגנט און ייִנגער פון יוגנט

עס האָט אונדז איבעראַשט צו געפינען אין בוקאַרעשטער טעאַטער אַ פּירש־געגרינדעטע טעאַטער־סטודיע, ווו הויך־טאַלאַנטירטע 18־20יאָריקע סטודענטן און סטודענטקעס האָבן אויפגעפּירט פאַר אונדז דראַמאַטורגישע און דראַמאַטיזירטע פראַגמענטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי אויך מוסטערן פון ייִדישן געזאַנג־פּאָלקלאָר, אין אַ מעכאַיעדיקן, קלינגעוודיקן ייִדיש און מיט שוישפּילערישן טאַלאַנט פון גאָר הויכער מאַדרייגע.

דאָס איז אַ כעוורע סטיפּענדיאַנטן, וואָס דאָס גאַנצע לעבן זייערס איז טעאַטער; און זיי קענען זיך עס פאַרגינען, ווײַל אַלע זייערע מאַטעריעלע דײַגעס זײַנען געבליבן ווײַט פון הינטן. די מעלוכע, וואָס האַלט זיי אויס מיט אַלעם פּאַרטיקן און דערצאַלט זיי נאָך אַ פײַנעם געהאַלט, האָט צו זיי איין פאָדערונג: לערנט קינדערלעך און באַהערשט מיט אַלע פּיטשעווקעס די ייִדישע וואָרטקונסט!

מיר האָבן זיך אַף אַ ווײַלע דערנענטערט צו זיי. באַ די מיידלעך — אַלע קראַסאַוויצעס — האָבן זיך פון די אויגן געגאָסן וואַסערפאַלן מיט ליכט; צווישן די ליפּן האָט זיך געפּערלט אַ גראַציעזער פאָלקס־ייִדיש, וואָס האָט אַרויסגעקוואַלט פון געמיט און וואָס האָט איידעס געזאָגט וועגן הויכן אידעאַליזם און וועגן יענע יוגנטלעכע בענקשאַפטן, וואָס זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר מיידלעך אין דעם עלטער.

די באָכערים, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען אַלע מעגלעכע פיזישע טיפּן, אָנהייבנדיק פון פאַרמויעכטן, אויסגעבלייכטן אינטעלעקטואַל און ענדיקנדיק מיטן ברייטפּלייציקן, פריידפולן דאָרפסיונג, האָבן גערעדט אַלע וועגן זייער דערהויבענער קונסט־מיסיע און וועגן זייער אַלזײַטיקן גרייטן זיך צו באַקומען „סמיכעס" ווי אַקטיאָרן.

אַלע צוזאַמען האָבן זיך נאָך מער באַגײַסטערט, ווען דעם צענטער פון שמועס האָט פאַרנומען אַרגענטינע; און ווען אין סאַמע מיטן פונעם צענטער האָט זיך באַוויזן דער אי־פּט, זײַנען מיר אַלע געוואָרן אַזוי ווי לײַבלעכע ברידער און שוועסטער, און עס האָט אַ שוועב געטאָן די אידעע פון אַ רומעניש־אַרגענטינישער טרעפונג צווישן דער ייִדישער טעאַטער־יוגנט פון ביידע לענדער.

עס איז אונדז שווער געווען אָפּצורײַסן זיך פון דער דאַזיקער נאָענטער און אייגענער קונסט־יוגנט, פון דאַזיקן עכטן ייִדישן העמשעך, וואָס מיר האָבן ווידעראַמאָל געפונען גראָד אין דער „יעווסעקישער" רומעניע...

און טאָמער איז עס נאָך ווייניק געווען, האָבן מיר געפונען אין בוקאַרעשטער טעאַטער נאָך ייִנגערס ווי יונג...

מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אין טעאַטער מיט אַ פּראָבע פון אַ גרויסן קינדער־ספּעקטאַקל, וווּ די אַרטיסטן זײַנען געווען אָפּגעקליבענע קינדער פון די ייִדישע שולן, אָבער די רעזשיסאָרן, מוזיקער, טאַנץ־מײַסטערס און ליכט־טעכניקער זײַנען ניט געווען די לערער, ווי ס'פירט זיך באַ אונדז, נאָר פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער־פאַכלײַט.

די קליינע ווערוויקלעך און פּעמפּיקלעך, וואָס צוזאַמען טראָגן זיי דעם טיטל „קינדער־אַנסאַמבל פון ייִדישן מעלוכע־טעאַטער", האָבן געקערט

וועלטן אַף דער בינע, סיי אינדיווידועל און סיי קאָלעקטיוו, און ווידער־אַמאָל דורכוים אין יידיש.

מען האָט געפּרוּווט די קינדער־פּיעסע „קינדער־יאָרן אין דאַ מאזשאַר" — א. סטאַרינס אַ מוזיקאַלישע פאַנטאַזיע אין 2 אַקטן און צענדליקער ביל־דער, אָנגעפּילט מיט פאָלקלאָריסטישע רעוויי־נומערן, קינדער־הומאָר און שפּילעווודיקער פּראָבלעמאַטיק פון שילער־לעבן.

מיר זיינען ארײַן אין טעאַטער מיט פוסטן און אַרויס מיט פולן — מיט 2 דוירעס צעזונגענער און זאָרגלאָזער יוגנט און מיט איר יונגן יידישן וואָרט.

מיר לאָזן זיך אַרוים אַזיאָגן אַ יידישן טעאַטער

פון די „דערוואקסענע" טעאַטער־אַנסאַמבלען האָבן מיר קיין איינעם פון די צוויי „ניט געטראָפן אין דער היים".

ביידע יידישע טעאַטערס „זיצן ניט איין" אַף אַן אָרט. זיי טראָגן פונאַנדער טעאַטראַלישן געגנוס איבערן גאַנצן לאַנד, און דערפאַר וואַנדערן זיי אָפט אַרום, אָבער ניט ווי די אַמאָליקע „בלאָנדזשענדיקע שטערן".

ספּעציעלע ווין־וואַגאָנען מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן שטעלט צו די מעלוכע אַף דער צייט פון די גאַסטראָלן אין דער פּראָווינץ; און די אַר־טיסטן באַקומען דערביי צוגאָב־גאַזשעס און פולע אויסהאַלטונג, אויסער דעם געוויינטלעכן געהאַלט, וואָס לויט דער הייך זיינער דאַרף מען אים באַטראַכטן פאַר אַן אויסערגעוויינטלעכן, און אויסער אַלע אַנדערע סאָציאַלע פאַרזיכערונגען וואָס יעדער בירגער באַקומט.

די אַרטיסטין־וועטעראַנין סאַרע עטינגער האָט אונדז דערציילט, מיט פולע אויגן טרערן, ווי אַזוי יידישע אַרטיסטן האָבן זיך אַרומגעשלעפּט אי־בערן לאַנד פאַרן 23טן אויגוסט; יצחאָק כאַווים, וואָס טראָגט דעם טיטל „פאַרדינסטפולער שוישפּילער פון דער רומענישער פאָלקס־רעפּובליק" האָט, אין דער זעלבער צייט, דערציילט ווי אַזוי מען קעכלט זיך איצט „פון סאַמע אויבן" מיט די יידישע אַקטיאָרן. דער אונטערשייד האָט געריסן די אויגן, און די שוישפּילערין עטינגער, וואָס האָט דורכגעמאַכט ביידע עטאַפּן, האָט ווידעראַמאָל געווישט אירע אויגן, וואָס זיינען ווי פרילינג־דיקע טייכן אַרוים פון די ברעגעס...

אונדזערע 10 רומענישע טעג זיינען פונקט צונויפגעפאַלן מיט פּראָ־ווינץ־גאַסטראָלן פון ביידע טעאַטערס, און ס'האָט אויסגעזען אַז די פּאָ־טאַליטעט האָט צוגענומען בײַ אונדז יעדע מעגלעכקייט צו זען אַ טעאַטער־

פאַרשטעלונג, אָבער אין אַ פאָלקס־דעמאָקראַטישן לאַנד לאַכט מען זיך אויס פון פאַטאַליטעטן און מען דערשרעקט זיך דאָרטן ניט פאַר קיין גע־שעענע פאַקטן...

ניטאָ דער טעאַטער? נו, איז וואָס? קען מען דאָך אים ערגעץ אָנ־יאָגן; און אויב אָניאָגן, איז דאָך דאָס בעסטע פּליען! טאָ וואָס פאַרא פּראָבלעם איז דאָס און וואָס איז דאָ פאַראַן אַסאַך צו טראַכטן?

האָט אונדז דער כאַוועד באַקאַל אַרײַנגעזעצט אין אַן אַוויאָן און מיר זײַנען אַרויסגעפלויגן „כאַפּן" דעם יאַסער ייִדישן טעאַטער אין שטעטל באַקאַו...

גאָלדפאַדען קישעפט נאָך אַלץ...

אין שטעטעלע באַקאַו זײַנען מיר אָנגעקומען צו דער צײַט און פונקט צו גאָלדפאַדענס „קישעפמאַכערין", ווי צו אַ טעאַטראַלישן קאַבאָלעם־שאַבעס אין אַן אַלט־ייִדישן פּריִטיק־צו־נאַכטס...

די באַרימטע פּיעסע איז מיטן גאַנצן טראַדיציאָנעלן, אַלט־מאָלדאַ־ווישן קנאַק אָפּגעשפּילט געוואָרן אין שטאָט־טעאַטער. דער זאַל איז געווען אָנגעפּאַקט פון אויבן ביז אונטן מיט אַ צעשײַנטן עולם, וואָס האָט שוין די פּיעסע געזען אַ מאָל צוואַנציק אָדער מער, און וואָס האָט יעדן וואָרט געקענט פון אויסווייניק, אָפּגערעדט שוין פון די „הייסע באָבקעלעך", „פּלאַקער פײַער, פּלאַקער" און „קום, קום, קום צו מיר"...

וויפל טויזנטער מאָל איז שוין „די קישעפמאַכערין" געשפּילט גע־וואָרן? דעם כעשבן האָט מען שוין, מיט צענדליקער יאָרן צוריק, פאַר־לוירן. עס איז דער פאָלקסטימלעכער שיר־השירים פונעם רעפּערטואַר. אויך אַנדערע סטיליזירטע גאָלדפאַדען־פּיעסעס זײַנען נאָך אין גאַנג און אויך דער „גאָלדפאַדען־כאָלעם", אַזאַ ווי מיר קענען אים אין ראָטבוימס מאָנטאַזש.

גאָלדפאַדען איז נאָך אַלץ אַזוי אײַנגעבאַקן אין האַרצן צוליב זײַן ביינעוודיקן פּרימיטיוו, זײַן פאַרבינדונג מיטן שפּראַכיקן און מוזיקאַלישן פאָלקלאָר, זײַן קאַמף קעגן צוואַק, זײַנע יווישער־זוכנדיקע קאַוואָנעס, זײַנע שפּילעוודיקע טיפּן, זײַן זין פאַר קאָמישקייט און קונדיישקייט און זײַן קריטישן רעאַליזם. האָגאַם זײַן דראַמאַטישער שטאָף איז אָפט „אונ־טערטעניק" צום פּראַסטאַקישן, ניט־אַנטוויקלטן געשמאַק פון רויען צוקו־קער, האָט ער אָבער אַזוי פיל געשעפּט פון לעבעדיקן פאָלקס־שטראָם, אַז ביז איצט נאָך האָט דאָס פאָלק ליב האַנאָע צו האָבן פונעם „אַלטן ווײַן", וואָס טראָגט דעם ייִכעסדיקן עטיקעט „גאָלדפאַדען".

גאָלדפֿאַדען איז, אַזוי צו זאָגן, די טראַדיציאָנעלע עלטער־זיידישע ראָזשינקע. פֿאַראַן אָבער, פֿאַרשטייט זיך, אַ נײַער רעפּערטואַר, וואָס איז געבויט מער אַף קאָמעדיע ווי אַף דראַמע.

אוניווערסאַל־קלאַסישע פּיעסעס (ספּעציעל מאָליער), שאָלעם־אַליי־כעמס אויצערדיקע יערושע, פֿאָלקלאָר־ספּעקטאַקלען, סאָציאַליסטישע הע־ראָיִק און מאָדערנע לײַכט־לירישע קאָמעדיעס פֿילן אויס דעם רעפּערטואַר. לעצטנס זײַנען געשטעלט געוואָרן אַ ריי פּיעסן פֿון יונגן ייִדישן דראַמאַ־טורג לודאָוויק ברוקשטיין, וואָס האָט אין זיך סאָציאַלן פֿײַער און דראַ־מאַטישע שפּאַנונג.

אַ כאַשעוון אָרט אינעם רעפּערטואַר האָבן אָנגעהויבן פֿאַרנעמען רע־ווי־פּראָגראַמען פֿון אַ פֿאָלקלאָריסטיש־הומאָריסטיש־מוזיקאַלישן כאַראַק־טער, און עס ווערן אויך געזוכט וועגן צוצוקומען צו אַ גאָר מאָדערנעם רעפּערטואַר, וואָס זאָל אָבער שטימען מיטן פֿאָלקס־געשמאַק פֿון דורכ־שניטלעכן טעאַטער־גייער, אַ דערצויגענעם אַף גאָלדפֿאַדענען און אַף סענ־טימענטאַל־ליטעראַרישע אַנטוויקלונגען פֿון דראַמאַטישן סיוזשעט.

טעאַטער און „אומגעגנט"...

ביידע טעאַטערס (דער בוקאַרעשטער איז אַלט געווען 10 יאָר און דער יאַסער — 8 אין יאָר 1958) האָבן אין זייער אַקטיוו צו 50 פּרעמיערעס, אַן ערעך, יעדער איינער. און אינטערעסאַנט איז, אַז אויסער געציילטע אויסנאַ־מען, איז דער רעפּערטואַר אינגאַנצן אַ פֿאַרשיידענער, ניט געקוקט אַף דעם וואָס אויך אין רומעניע איז אַ דויכעק אין אָריגינעלער ייִדישער שעפֿעריש־קײַט אַפֿן געביט פֿון מאָדערנער דראַמאַטורגיע. אַ פֿאַקט איז אָבער, אַז אין 10 יאָר איז געשאַפֿן געוואָרן אַ פֿאַרמעגן פֿון אַרום הונדערט טעאַטער־ספּעקטאַקלען, וואָס אַלע איבעריקע יִשוּווים אַף דער וועלט האָבן קימאַט ניט אויסגענוצט.

אין ביידע טעאַטערס פֿעלן ניט קיין מענטשן און קיין מעגלעכקײַטן. דער בוקאַרעשטער טעאַטער־קאָלעקטיוו באַשטייט פֿון 150 פּערזאָן, אַרײַנ־גערעכנט אַרטיסטן, מוזיקער און טעכנישן פּערסאָנאַל, און דער יאַסער — פֿון 110. לויט אונדזערע באַגריפֿן זײַנען עס רעגימענטן גאַנצע, און וועגן די מיליאָנען־ביודזשעטן לאָמיר שוין בעסער ניט ריידן... אויך די רומענישע מעלוכע־קאַסע רעדט ניט און שטעלט ניט קײַן קאַשעס. אַלץ וואָס מען דאַרף (און מען פֿאַרגינט זיך צו דאַרפֿן...) ווערט דערלייַדיקט צום מאָמענט.

ניט נאָר מעגלעכקייטן גיט די מעלוכע, נאָר אויך אַלרומעניִשע העכ־סטע אנערקענונג. 4 פון די ייִדישע ארטיסטן זײַנען דורך דער מעלוכע באַלוינט געוואָרן מיטן לעבנסלענגלעכן ערן־טיטל „פּאַרדינסטפולער שוישפּילער פון דער רומעניִשער פאָלקס־רעפּובליק" (דינע קעניג, סעווילִיא פּאַסטאָר, מאָריץ סעקלער, און יִצחאָק כאַווים).

די אָנפירונג פון יעדן איינעם פון די יִידישע טעאַטערס געפינט זיך אין די הענט פון דער דירעקציע און ליטעראַרישער לייטונג. אין שפּיץ פון ביידע טעאַטראַלישע גענעראַל־שטאַבן געפינען זיך: עפראַים אויערבאַך — יִסראָעל בערקאָוויטש (בוקאַרעשט) און איזאַ שאַפּיראָ — איציק שוואַרץ (יאַסי). די ערשטע 2 געהערן צום יִנגערן דאָר, און זייער אַרבעט באַוועגט זיך אַף דער ליניע רעאַליזם־דינאַמיק. די לעצטע 2 זײַנען טיף דורכגעוואָרצלט מיט יִדישע קולטור־ווערטן, מיט „ווילנער טרופּע" און מיט אַלגעמיינער טעאַטראַלישער אַנגעלערנטקייט; זייער ארבעט איז מער דורכגעדרונגען מיט עלעמענטן פון טרוימערישקייט און סטיליזאַציע.

די יִדישע רומעניע איז אַזוי פּאַרטעאַטראַליִשט, אַז אויסער די פּראָפעסיאָנעלע טעאַטערס, קען מען נאָך געפינען סטאַם טעאַטער און סטאַם בינע־לײַדנשאַפט. עס איז אַזוי ווי באַ אונדז אין ענטרע־ריאָס, מיט די רעגנס: עס גיסט און עס פּליוכעט, און אַז עס הערט שוין אויף צו רעגענען, רעגנט נאָך אַבּיסל...

מיר האָבן אויסגעפונען אַ יוגנטלעך־ליבהאָבערישן טעאַטער אינעם פּריש־געגרינדעטן ייִדישן קולטור־קלוב, וואָס געפינט זיך אין דער סאַמע ייִדישער געדיכטעניש פון בוקאַרעשט. יונגע אַרבעטער קומען זיך צונויף באַנאַכט, און דאָס בעסטע פּאַרברענגען זייערס איז שטעלן פּיעסקעס און פּאַרדווייקען זיך אין ייִדישן פּאָלקס־געזאַנג, און מען דאַרף אַנערקענען אַז זיי טוען עס מיט כיין און מיט האַרץ. זיי האָבן ניט גערוט, ביז זיי האָבן געגעבן לעקאָוועד אונדז אַ גאַנצע פּאָרשטעלונג אין איינעם פון די קינאָס פון דער ייִדישער געגנט...

און אויסער טעאַטער האָבן די רומענער ייִדן סטאַם ליב צו זינגען, צו כאַפּן אַ זעמערל און צו הערן עפּעס גוטס. עס קען גאָר ניט געמאָלט זײַן קיין גאָרטן־רעסטאָראַן אָן אָרקעסטער און אָן געזאַנג. געזאַנג גייט מאַמעש אַרײַן אינעם מעניו.

אין איינעם אַזאַ בוקאַרעשטער גאָרטן־רעסטאָראַן זײַנען מיר באַרוישט געוואָרן ניט פונעם צעשפּילטן ווײַן, נאָר פון די דוינעס און די וואָלעכלעך, וואָס מען האָט אַרײַנגעשפּילט אין אונדזער געמיט. צום סאָף האָט מען אונדז אָרומגעפלאָכטן מיט אַ מוזיקאַלישן קראַנץ פון טאַנגאָס, וואָס זײַ־

נען אַרױס אַזױ אַרגענטינישׂ־פּערפֿעקט, אַז קאַרלאָס גאַרדעל װאָלט עס ניט געמאַכט בעסער...

„פּאָמול װערדע"

דאָס היסטאָרישע הײליקטום פֿון ייִדישן טעאַטער, דער פֿאַנטעאָן זײַנער, געפֿינט זיך אין יאַסי, אין יענעם גערטנדל װאָס הייסט „פּאָמול װערדע", און װוּ אַװראָם גאָלדפֿאַדען האָט גענומען לערנען גײן דעם ייִדישן טעאַטער מיט איבער 8 צענדליק יאָר צוריק, נאָכדעם װי ער איז דאָרט צום ערשטן מאָל אױסגעפּײַפֿט געװאָרן...

דאָס גערטנדל געפֿינט זיך פּונקט אַנטקעגן פּאַלאַץ פֿון נאַציאָנאַלן טעאַטער און אין פֿראָנט פֿון זײַן אַרײַנגאַנג־טױערל בײַנדלט זיך דער שילד — „ייִדישער מעלוכע־טעאַטער".

גלײַך װי מען עפֿנט דעם טױער, באַגעגנט מען זיך מיט גאָלדפֿאַדע־נען. ער געפֿינט זיך דאָרט זינט 1956, װען די מעלוכע האָט אים אַװעק־געשטעלט אַן אױסגעגאָסענעם אין בראָנדז, װי אַן אײדעם אַז דאָס ייִדישע טעאַטער איז אַלט געװאָרן 80 יאָר...

דער צעװאַקסענער גרינער בױם — דער פּאָמול װערדע, — װאָס האָט אַמאָל געקיניגט אינעם צענטער פֿון גאָרטן, האָט שױן אױסגעלעבט זײַנע יאָרן, זײַנע ביאָלאָגישע יאָרן; די יאָרן פֿון זײַן גאָלדפֿאַדענישן רום גרינען אָבער װײַטער...

אױך דער גאָרטן איז שױן מער ניט קײן גאָרטן. ער האָט שױן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ קאָקעטיש בינעלע און צענדליקער טעאַטער־בענק. זומער־צײַט שפּילט דאָ, פֿון צײַט צו צײַט, דער ייִדישער טעאַטער און עס קומען פֿאָר קאָנצערטן.

פֿאַרן אַרױסגײן שטעלן מיר זיך װידער אָפּ אַ לענגערע װײַלע אין פֿײַן־געפֿלעגטן אַרײַנגאַנג־הױפֿל, װוּ עס שטײט אױף דער װאַך פֿון דער ייִדישער טעאַטער־געשיכטע דער בראָנדזענער גאָלדפֿאַדען — דער ערש־טער פּרינץ פֿון ייִדישן טעאַטער, װאָס איז באַם סאָף פֿון זײַן שװערן לעבן דעגראַדירט געװאָרן, אין צפֿון־אַמעריקע, צו אַ מעלעך־עװיען, װי עס טרעפֿט אין די אָפּערעטקעס...

ערשט דער סאָציאַליזם האָט אים צוריק אַװעקגעשטעלט אױף זײַן היס־טאָרישן פּעדעסטאַל און פֿאַראײביקט זײַן אָנדענק אין יענעם ראָמאַנטישן, פּאַטערלענדישן גערטנדל, װוּ עס איז פֿאַרװאָרפֿן געװאָרן דער פֿונק פֿון זײַן גרױסקײט...

פּאָמול ווערדע — גרין איז דער בוים! אין אונדזער לעבן גרינען נאָך אַלץ יענע סענטימענטאַלע און לויטערע טעאַטער־טראַדיציעס, וואָס דאָס פאָלק האָט אַרײַנגעטראָגן אין גאָלדפאַדענס ווערטער און אין זײַן געזאַנג.

19. די ייִדישע שרײַבער און דאָס ייִדישע וואָרט

וואָס הייסט ווו?

ווו קען מען טרעפן די ייִדישע שרײַבער אין בוקאַרעשט?

ווען מיר האָבן געשטעלט די דאָזיקע פראַגע, האָט מען אויסגעשטעלט אַף אונדז אַ פּאָר אויגן, פּונקט ווי מיר וואָלטן געפרעגט, אַ שטייגער, ווו געפינען זיך ערגעץ די שטערן?...

וואָס הייסט ווו? די ייִדישע שרײַבער געפינען זיך אין פּאַלאַץ פון רומענישן שרײַבער־פאַראיין, פּונקט ווי די שטערן געפינען זיך אַפן הימל...

אָן אַ פּאַלאַץ רירט מען זיך אין רומעניע פון אָרט ניט, און אויך די ייִדישע קולטור מיט איר קעלערדיקער פאַרגאַנגענהײַט, איז אַרײַן אין די הויכע פענצטער. פּירט מען אונדז טאַקע צו צו אַן אַלט־פּריצישן ריזיקן פּאַלאַץ, אַן אַרײַנגעוואַקסענעם אין אַ פּאַרק, וואָס שמעקט מיט אַמאָליקן ווין און מיט פראַנצ־יאָזעפישע באַקנבערד...

אינעווייניק, אינעם פּאַלאַץ, איז אַן איבערגעלאָדנקײַט פון מירמל־שטיין, גאָלד־מאָלערײַען און שפּיגל־ווענט. געדרייטע זײַלן שרױפן זיך צו די ציזעלירטע סטעליעס, און הונדערטיאָריקע קאַנדעלאַברען לאָזן זיך אַראָפּ פון אויבן. אַרום און אַרום — פראַנצויזיש מעבל אין ראַכיטישן ראָקאָקאָ־סטיל, און באַפּוצונגען — איינע אַף די אַנדערע.

ניטאָ אין ערגעץ קײַן פּאָשעט ווינקעלע. אומעטום איז אָנגעשניצט, אָנגעדריידלט און אָנגעגילדט געדיכט און פעט...

עס דוכט זיך אונדז, אַז מיר גייען אַרײַן ניט אין קיין שרײַבער־פאַראיין נאָר אין אַנדערסענס אַ מײַסעלע: „אַמאָל איז געווען אַ מיילעך, האָט ער געוווינט אין אַ שיינעם פּאַלאַץ"...

אין אַלע צימערן הערשט אַ שאַלוועדיקע, געמיטלעכע שטילקײַט. קיי־נער קיבעצט ניט, קיינער באַטלט ניט די צײַט, קיינער רויכערט ניט קיין ליולקעס, קיינער זופּט ניט קײַן קאַוועלעך, קיינער באַהעמעוועט ניט... אונדזערע טריט שטערן ניט די רו; זייער אָפּהילך ווערט פאַרפאַלן אין די טעפּיכער.

איין מאָל און אַ צווייטן מאָל שטײַגן מיר אַרויף אַף טרעפּ מיט רײַך־געשניצטע באַלוסטראַדעס, און אַז מיר פאַרקירעווען זיך אין איינעם פון די גרעסערע זאַלן, געפינען מיר, ניט קיין מיילעך, נאָר אַ 15 „פּרינצן", אויסגעזעצטע אַרום אַ ריטער־טיש...

„אָט דאָס זײַנען זיי" זאָגט מען אונדז. און ווירקלעך — דאָס זײַנען געווען די שטערן וואָס מיר האָבן געזוכט — די ייִדישע שרײַבער.

דער אוילעם גיט זיך אַ הייב און גייט אונדז אַנטקעגן. מען נעמט זיך אַרום, מען באַקענט זיך און מען לאָזט זיך אַלע אַראָפּ אין דער ווייכקײַט פון די פאָטעלן. אנשטאָט לאָגלען מיט ווײַן, שיסלען מיט געפליגל און פּאַלומיסקעס מיט פליישׁ, בערגלען זיך אַפן ריטער־טיש שטויסן פריש־דערשינענע ייִדישע ביכער, און שפּעטער באַווײַזט זיך לײַכטער ייִדישער קיבעד...

צווישן די „פּרינצן" — דער גרונטלייגער פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור אין רומעניע — יאַנקעוו גראָפּער, — אַ הויכער זאָקן מיט אַ שטעקן אין האַנט און מיט אַ ראָזלעכן פּליך. די איבעריקע שרײַבער — צווישן 30 און 65 יאָר.

אַ טראָפּן געשיכטע

גראָפּער, אַ שטאַרק באַריידעוודיקער, הייבט אָן פון געשיכטע און פון זיכרוינעס.

אַ האַלבן יאָרטויזנט איז אַלט דער ייִדישער יִישעוו אין רומעניע, אָבער די קולטור איז אַ סאַך ייִנגער: 100 יאָר פּרעסע, 80 יאָר טעאַטער און קוים 45 יאָר ליטעראַטור.

דער רומענישער יִישעוו איז געווען אַ „פאַרגרעבטער", איז יאָרנלאַנג געלעגן אויסער די גרענעצן פון דער העכערער ייִדישער גײַסטיקײַט, איז „פּאַרמאַמעליגעט" געוואָרן און איז געווען אויסגעשטעלט אַף אויסלענדישער גײַסטיקער קעסט. דאָס אויסלענדישע רוכניעס איז אַרײַנגעדרונגען צופעליק און ברעקלעכווײַז. אויך די גרויסע אָנהייבער וועלוול זבאַראַזשער און אַווראָם גאָלדפאַדען זײַנען געקומען פון גאַליציע און פון רוסלאַנד, און קיין ליטעראַריש־קינסטלערישע באַוועגונגען האָבן זיי ניט איבערגעלאָזט הינטער זיך.

צוליב די שטענדיקע מילכאָמעס, אונטעריאָכונגען און גראַנגלעניישן מיט די טערקן, איז דער אַלגעמיינער קולטור־צושטאַנד פון לאַנד געווען אַ נידעריקער, און האָט, פון זײַן זײַט, „מיטגעשטײַערט" צו דער ייִדי־

שער פאַרגרעבטקייט. אויך די גרויסע רענעסאַנס־באַוועגונגען פון יידישן לעבן, אין סאָף 19טן יאָרהונדערט, האָבן דאָ געהאַט בלויז אַ שוואַכיטשקן אָפּהילך און זיינען ניט פאַרקינסטלערישט געוואָרן אין ליטעראַרישע שאַפונגען.

ערשט דאָס יאָר 1914, דאָס זעקסטע נאָך טשערנאָוויץ, קען באַטראַכט ווערן ווי דאָס ערשטע ברייטשיסדיקע יאָר פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע. די גרופּע „ליכט", וואָס איז דאַן אויפגעקומען, האָט אין אַ קאַרגן יאָר אַרויסגעגעבן 4 נומערן פון אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן זשורנאַל מיטן זעלבן נאָמען און דאָס בעסאַראַבישע שטעטל ליפּקאַן, וואָס מען רופט „דער רומענישער אָלימפּ", האָט גענומען אַרויסגעבן פון זיך אַזוינע גרונט־פיגורן ווי עליעזער שטיינבאַרג, יעהודע שטיינבערג, יאַנקעוו שטערנבערג, מוישע אַלטמאַן, וואָס האָבן, צוזאַמען מיטן יאַסער איציק מאַנגער און מיט אַנדערע, ניט נאָר דערוואָרבן ליטעראַרישע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר דער יידישער רומעניע נאָר אויך געמאַכט זי וועלט־באַרימט אין דער אַלגעמיינער יידישער ליטעראַטור.

אין דער רומענישער „פאַרגרעבטקייט" האָט פונדעסטוועגן געלעבט און געשטאַמלט דאָס מינדלעכע שאַפן פון פאָלק, וואָס האָט שפּעטער באַקומען קינסטלערישן לאָשן דורך די אויבן־אָנגערופענע שרייבער. אַ גאַנצע מינדלעכע ליטעראַטור האָט פאָלקלאָריסטיש געבלאָנדזשעט צווישן די מאַסן. מוסטערן פון דער דאָזיקער ליטעראַטור האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט צו הערן פון יאַנקעוו שטערנבערגס אַ ברודער, וואָס איז געזעסן צווישן די 15.

אין דער מאָס ווי די צייט איז רייכער געוואָרן מיט סאָציאַלן אומרו, האָט אויך די יידישע שעפערישקייט אַ וואַקס געטאָן. ערשט נאָך 1917 האָט זי באַקומען יענעם פּאָנים, וואָס איז היימיש אין אַלע ווינקעלעך פון דער גרויסער יידישער ליטעראַטור.

ביז איצט קען מען אָנציילן אַן 80 נעמען אין דער געשיכטע פון דער יידיש־רומענישער ליטעראַרישער שעפערישקייט, אָבער דאָס וואָס עס האָט אונדז בעאיקער אינטערעסירט איז ניט געווען דער געשיכטלעכער צוריק־קוק, נאָר דאָס טרעפן זיך מיטן איצט. מיר האָבן געוואָלט אַריינקוקן גלייך אין די אויגן פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט, און אָט די דאָזיקע יידיש־ליטעראַרישע קעגנוואַרט האָט געעפנט פאַר אונדז איר האַרץ אינעם פּאַלאַץ פון די שרייבער, אָפן זעלבן אויפן ווי מיר האָבן אַנטבלויזט די אַרגענטינער ווירקלעכקייט פאַר די רומענישע באַוווירים.

די ייִדישע שרייבער — אַ טייל פונעם איקער

די נייעווירקלעכקייט פון דער ייִדישער ליטעראטור אין רומעניע נעמט זיך, ווי אַלץ אין יענעם לאַנד, פון 23טן אויגוסט. די דאָזיקע ווירקלעכקייט האָט ארויסגעשיינט פון די אויגן פון אַלע 15 שרייבער און ספּעציעל פון די שוואַרצאַפּלען פון בינימין ריספּלער, — דעם יונגן שרייבער און אָנפירער פון ייִדישן מעלוכע־פאַרלאַג.

די ייִדישע שרייבער בילדן ניט קיין קרייזל פאַר זיך, נאָר זיינען אַ סעקציע אין אַלגעמיינעם שרייבער־פאַרבאַנד און ווערן בעקאָוועדיק אויסגעהאַלטן פון דער מעלוכע. זיי האָבן דעם פולן באַוווסטזיין, אַז „אויך זיי זיינען רומעניע״, אָבער פאַקטיש אָנעם „אויך״, ווייל אַלע זיינען גלייך און ס׳איז ניטאָ „מער רומעניש״ און „ווינציקער רומעניש״. אויב מען קען יאָ אויסגעפינען אַ געוויסע פּריווילעגיע, איז זי דאָווקע לעטויוועס די ייִדישע שרייבער.

די ניי־רומענישע ווירקלעכקייט איז, ווי אַף אַלע אַנדערע געביטן, רייך אין מעגלעכקייטן פאַר יעדן שעפערישן ליטעראַט. די האָנאָראַרן זיינען הימל־גרייכנדיקע, לויט אונדזערע באַגריפן. אַזוי, לעמאָשל, האָט דער אָנפאַנגענדיקער שרייבער מ. ווילנער, אַ געוועזענער שויכעט, באַקומען פאַר זיין ערשטן בוך, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אַפן כעשבן פון דער מעלוכע, אַ האָנאָראַר פון 30.000 ליי, אָדער 2.500 דאָלער. אויסער דעם, אויב דער מאַטעריאַל פון אַ בוך איז פריִער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ צייטונג, אָדער אויסגענוצט געוואָרן אין אַ ראַדיאָ אָדער אין אַ סצענאַר, האָט דער שרייבער, בעשאַטוי, באַקומען אַ באַזונדערן האָנאָראַר פאַרן זעלבן מאַטעריאַל. דער שרייבער ווידענפעלד האָט אונדז דערציילט, אַז ער האָט 3 מאָל באַקומען באַצאָלט פאַרן זעלבן מאַנוסקריפּט...

עס זיינען, אויסער דעם, פאַראַן באַזונדערע אָפּרו־הייזער פאַר אַלע שרייבער, וואָס קענען זיך דאָרט אָפּרוען ניט דאַווקע אין די וואַקאַציעס, נאָר אין יעדן מאָמענט, ווען נאָר זיי פילן זיך ניט מיט אַלעמען.

און טאָמער איז עס ווינציק, זיינען נאָך פאַראַן אַזוי־גערופענע שאַפונג־הייזער, אין די שענסטע געגנטן פון לאַנד. אויב אַ שרייבער מעלדעט, אַז צום גונסטן פונעם ווערק וואָס ער שאַפט, מוז ער האָבן אַ ספּעציעלע נאַטור־סוויווע, אָדער אַ ספּעציעלן קלימאַט, אָדער ספּעציעלע רו, ווערט ער געשיקט אַף אַלעם פאַרטיקן אין אַזעלכע ערטער, וווּ עס ווערן פאַר אים געשאַפן אידעאַלע באַדינגונגען פאַר זיין אַרבעט.

אַז אַ שרײַבער זאָל דאַרפֿן לעבן פֿון אַן אַנדער פּאַרנאָסע און ניט פֿון זײַן פּען, איז אַ ניט־געהערטע און אַ ניט־באַגרײַפֿלעכע זאַך אין דער נײַער רומעניע.

מיר, וואָס באַ אונדז מוז יעדער שרײַבער לעבן פֿון עפּעס אַנדערש ווי פֿון שרײַבן, און וואָס די פֿיזישע מעגלעכקייט צו נעמען זיך צו דער פּען באַקומט ער ערשט נאָך אַ שווערן אַרבעט־טאָג און אָפּטמאָל נאָך אַ אַ נאַכט פֿון אויסשעפּנדיקער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, און וואָס שאַפֿן שאַפֿט ער — ניט אין קיין אַפּרו־הײַזער און ניט אין קיין שאַפֿונג־הײַזער, און וואָס האָנאָראַר זעט ער אַן אַזוי זעלטן ווי אַ ליקע־כאַמע, און וואָס אַרויסגעבן אַ בוך דאַרף ער ס׳ראָוו אַף אייגענע קאָסטן; — מיר, די דעלעגאַטן פֿון דער רײַכער אַמעריקע, האָבן געקוקט אַף די דאָזיקע נײַ־רומענישע באַדינגונגען מאַמעש ווי אַף אַ ניט־דערגרייכלעכן גאַניידן.

ווען מען האָט אונדז גענומען דערציילן וועגן די אַפּרו־הײַזער און וועגן די שאַפֿונג־הײַזער, האָבן מיר זיך מיטאַמאָל געכאַפּט פֿאַרוואָס עס איז אַזוי שטיל און רויִק אינעם שרײַבער־פֿאַראיין און פֿאַרוואָס מען זעט דאָרט אַזאַ קליינעם שרײַבערישן אוילעם...

דאָס יִידישע וואָרט אַף דער ליכטיקער שײַן

דאָס יִידישע וואָרט קומט אַרויס אַף דער ליכטיקער שײַן דורך 2 וועגן: דורכן מעלוכע־פֿאַרלאַג פֿאַר שיינער ליטעראַטור און דורכן פּעדאַ־גאָגישן מעלוכע־פֿאַרלאַג פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן.

יעדער צוגעשטעלטער מאַנוסקריפּט ווערט דורכגעקוקט סעפּאַראַט דורך 4 מיטגלידער פֿונעם שרײַבער־פֿאַריין, און אָפּן סמאַך פֿון זייערע גענויע רעפֿעראַטן און עקספּערטיזעס, באַשליסט דער אָנפֿירער פֿון דער יִידישער אָפּטיילונג פֿון מעלוכע־פֿאַרלאַג וועגן דער „טיפּאָגראַפֿישער צו־קונפֿט" פֿון צוגעשטעלטן מאַטעריאַל.

די פֿאַרשפּרייטונג־מעגלעכקײַטן פֿון יִידישן בוך קענען זיך ניט פֿאַר־גלײַכן מיטן רומענישן, אָבער די מעלוכע איז ניט איבעראַשט פֿון דער גרויסער דיפֿערענץ און ווײַזט אַרויס אַ געוואַלדיקע טאָלעראַנץ.

דער מינימום־טיראַזש פֿון אַ בוך פּראָזע אין רומעניש איז 15.000 עקזעמפּלאַרן, און אין יִידיש — 750; פֿון פּאָעזיע: אין רומעניש — 6.000 עקזעמפּלאַרן, און אין יִידיש — 300. אַפֿילע אַזאַ מין שאַפֿונג־צווײַג ווי פּאָעזיע, וואָס אין אונדזערע מעקוימעס קוקט מען אַף דעם ווי אַף לוק־סוסדיקן קײַ־און־שפּײַ, איז זייער אַ כאָשעווער אַרטיקל אין רומעניע...

ניט געקוקט אַף די קלײנע ייִדישע מיניִמום־טיראַזשן, באַקומען די ייִדישע שרײַבער די זעלבע האָנאָראַרן װאָס די רומענישע. די באַדײַטנדיק קלענערע טיראַזשן און דער זעלבער האָנאָראַר פֿאַרטײַערן שטאַרק דעם קאָסטפּרײַז פֿון אַרױסגעבן אַ ייִדישן בוך, אָבער אַזױ װי ס'איז אַן איניִען פֿון קולטור, איז עס װערט. װיפֿל מען זאָל ניט דערלײגן צו קולטור, איז עס רײנער פֿאַרדינסט — אַזאַ איז די שטעלונג פֿון דער רעגירונג. דערבײַ איז דאָס ייִדישע, אָדער אונגאַרישע, אָדער טשעכישע װאָרט פּונקט אַזױ בשיװעסדיק פֿאַר דער לאַנד־קולטור װי רומעניש.

די קלײנע ייִדישע מיניִמום־טיראַזשן נעמען זיך פֿון דעם װאָס עס איז ניטאָ אין רומעניע קײן שטאַרקע ייִדישע קולטור־ און ליטעראַטור־טראַדיציע, װי אין פּױלן, לעמאָשל, האַגאַם דאָס לאַנד האָט אַרױסגעגעבן שרײַבער, װאָס זײַנען באַדײַטנדיק גרױס אין דער אַלגעמײנער ייִדישער ליטעראַטור. ביכלאַל, אַפֿן געביט פֿון ייִדישער קולטור, און ספּעציעל פֿון ייִדיש, איז שטענדיק געװען אַ צעטײלונג צװישן אינטעליגענץ און פֿאָלק. די פֿאָלקס־שפּראַך האָט זיך ניט דערדינגט צו קײן העכערער קאַטעגאָריע. עס איז ניט געװען קײן מערקלעכער ייִדיש־אױפֿשטײַג אין די צװאַנציקער און דרײַסיקער יאָרן, אַזױ װי אין פּױלן און ליטע. העכערע קולטור אַף ייִדיש, אָדער ייִדיש װי אַן אַלגעמײנע קולטור־שפּראַך, זײַנען ניט געװען קײן אָנזעעװדיקע דערשײַנונגען אין ניט־בעסאַראַבישן טײל פֿון רומעניע, און דאָס לאָזט זיך פֿילן ביז איצט, האַגאַם מען באַמיט זיך, אין אַ געװיסער מאָס, די דאָזיקע לאַגע צו קאָרעגירן.

ערשט די נײַע, סאָציאַליסטישע אָרדענונג האָט געשאַפֿן דעם העכערן באַװוּסטזײַן פֿון אַ ייִדישער פֿאָלקס־קולטור און האָט, צום ערשטן מאָל, צװישן אַנדערע זאַכן אַף װעלכע מען האָט זיך פֿריִער קײנמאָל ניט גע־ריכט, צוזאַמענגענומען אין אַ ברײדערלעכן בונד די ייִדישע שרײַבער פֿון לאַנד און גענומען אױסקוקן מיט ליבע אַף זײער שאַפֿן.

עס האָט געדױערט אַ שטיקל צײַט ביז די ייִדישע שרײַבער־סעקציע האָט זיך אַרײַנגעלעבט אין דער ראַכװעס, אָבער זי אַנטװיינט זיך שױן פֿון איר שעמעװדיקײַט און נעמט באַקומען האַסאָגעס װי עס באַדאַרף צו זײַן. איר פּאַרלאַנ־פּלאַן אַפֿן קולטור־יאָר 1958—59 האָט אַרומגענומען אַ סכום פֿון 10 ביכער, אַרײַנגערעכנט איבערזעצונגען און ייִדישע װערק פֿון אױסלענדישע שרײַבער. אַף אונדזערער אַן אָנפֿראַגע האָבן די כאַװײרים געענטפֿערט, אַז זײ װאָלטן עװענטועל אַרױסגעגעבן אַ בוך פֿון אַן אַר־געטינער ייִדישן שרײַבער.

פֿאַרן צאַרטן שולװאָרט פֿון ייִדישן קינד עקזיסטירט אַ באַזונדערער

פאַרלאַג, וואָס נעמט אַרום די שפּראַכן פון אַלע 14 נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן. בעראָש פון דער ייִדישער אָפּטיילונג געפינט זיך אַ יונג ייִדיש מיידל — הערטאַ דאַנענפעלד. די הויפּט־דירעקטאָרין (אַ רומענערין) און די שעף־רעדאַקטאָרין (אַ טשעכין) פון פאַרלאַג פון די נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן האָט געמאַכט פאַר אונדז אַ היימישע און אויסערגעוויינטלעך־וואַ־רעמע אויפנאַמע אין בנין פון פאַרלאַג. זיי האָבן גערעדט מיט פולער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט וועגן דער וויכטיקייט פון ייִדישער פאַרלאַג־אַרבעט און וועגן דער שטענדיקער גרייטקייט זייערער צו באַפרידיקן אַלע באַדערפעניש אין טעקסטן מיצאַד די ייִדישע שולן. אָט די דריי פּאַשעטע פרויען — די רומענישע, די טשעכישע און די ייִדישע, — דאָס איז די רומענישע מעלוכע אָפן געביט פון ייִדישע שול־אויסגאַבעס.

די ייִדישע שול־אויסגאַבעס (כרעסטאָמאַטיעס, לערנביכער, רעכנבי־כער, מוזיק־העפטן א״א) ווערן אַרויסגעגעבן מיט דער זעלבער פּראַכט און קאַליגראַפּישקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די קינדער־אויס־גאַבעס אין די סאָציאַליסטישע לענדער. קיינמאָל האָט זיך דאָס ייִדישע שולוואָרט ניט געפּאָרט מיט אַזויפיל לוקסוס און מיט אַזאַ מין אויסגע־פוצטקייט...

אַז מען נעמט די דאָזיקע ביכער אין האַנט (סיי פונעם קליינוואַרג און סיי פון די דערוואַקסענע), האַלט מען זיי ניט, נאָר מען גלעט זיי; בלעטערט מען זיי ניט, נאָר מען „שפּילט" אויף זיי; קוקט מען אויף זיי ניט, נאָר מען עסט זיי מיט די אויגן...

דאָס ייִדישע וואָרט אין דער לופטן

פון דער צענטראַלער בוקאַרעשטער ראַדיאָ־סטאַנציע ווערט פונאַנ־דערגעכוואַליעט יעדן טאָג בעמעשעך פון אַ שאָ צייט, דאָס ייִדישע וואָרט איבער דער גאַנצער וועלט, און טאַקע מיטן אויסשליסלעכן מיין, אַז די ברייטע וועלט זאָל זיך גוט צוהערן צום דאָזיקן וואָרט.

די ראַדיאָ־טראַנסמיסיעס פאַר דער אויסלענדישער וועלט ווערן געכוואַליעט אין די וויכטיקסטע שפּראַכן, צווישן זיי אין ייִדיש, וואָס דאָס איז אַ באַווייז ווי ווייט די רומענישע פאָלקס־רעפּובליק שאַצט די ייִדישע שפּראַך און וויל אַז ייִדן אין אויסלאַנד זאָלן וויסן וואָס עס טוט זיך אין רומעניע.

דער פּערסאָנאַל פון דער שאָ, וואָס באַשטייט פון פיר יונגע, באַ־גאַבטע קולטור־מענטשן, האָט זיך פאַר אונדז באַקלאָגט, אַז די ייִדישע

דאָרעם־אַמעריקע הערט זיי ניט און עס קומען ניט אָן פון דאָרט קיין שריפטלעכע אָפּרופן. עס גייט זיי מאַמעש אין לעבן אַז מען זאָל הערן זייערע לעבעדיקע און אינטערעסאַנטע טראַנסמיסיעס, איינגאַנצן איבער־געגעבענע אין יידיש, און מען זאָל זיי צוזוויסן געבן וואָס אַזוינס עס וואָלט געפעלן געוואָרן צו הערן.

אויך מיר זײַנען פאַרבעטן געוואָרן צו רעדן אין דער יידישער ראַדיאָ־שאָ, און אונדזער יידיש וואָרט האָט אַף רומעניש כוואַליעס אַרומגע־קרייזט די גאַנצע וועלט...

דאָס יידישע וואָרט אַף דער שול־באַנק

די אַלגעמיינע סטרוקטור פון די יידישע שולן איז קימאַט די זעלבע ווי אין פּוילן, אָבער די סיטואַציע איז אַביסל אַן אַנדערע.

אַדאַנק דער סטאַבילקײַט און אײַנגעזעסנקײַט פון דער פערטל־מי־ליאָניקער יידישער באַפעלקערונג, איז פאַראַן איין טיפּ קינד, אָבער צווישן איין טייל לאַנד און דעם צווייטן איז פונדעסטוועגן פאַראַן אַן אונטערשייד.

אין דער צענטראַלער מאָלדאַוויע, אַרום בוקאַרעשט, קענען די קינדער שוואַכער יידיש, אין יאַסי — בעסער און אין טימאָשאַרא — נאָך בעסער. אַף די ראַנדגעביטן פון לאַנד, דאָרט וווּ די יידישע באַפעל־קערונג איז קאָמפּאַקטער און מער קאָנצענטרירטער אַף איין אָרט, עקזיס־טירט אַ טיפערע טראַדיציע פון פּיעטעט פאַרן יידישן לאָשן און פון דווירעסדיקער דורכגעדרונגענקײַט מיטן יידישן וואָרט. די סאַמע יידיש־אָנגעזאָפּטסטע ראַנדגעביטן, ווי בעסאַראַביע און בוקאָווינע, געהערן איצט צום ראַטנפאַרבאַנד, און דאָרט זײַנען געבליבן אַ ריי באַדײַטנדיקע יידישע שרײַבער און קולטור־שאַפער, אָבער אויך אין דער איצטיקער רומעניע שלאָגט אַ שטאַרקער יידישער קולטור־אָדער, און עס איז אינטערעסאַנט אַז די יידישע שול גלײַכט ביסלעכווײַז אויס די אונטערשיידן צווישן איין געגנט און דער צווייטער, לעבאָל־האַפּאָכעס באַ די קינדער. עס איז אויך ניטאָ קיין פראַגע פון דרײַשפּראַכיקײַט און עס איז ניטאָ קיין סימען פון דער רעפּאַטריאַנטישער צערודערטקייט, וואָס ווירקט אומגינסטיק אַפן געמיט פון יידישן שולקינד אין פּוילן.

אויך אין זינען פון לערער און פון דידאַקטישן מאַטעריאַל, איז די לאַגע בעסער ווי אין פּוילן. ביז מיט אַ יאָר צוריק האָט עקזיסטירט אַ יידישער פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט, וואָס האָט באַזאָרגט מיט יונגע,

מאָדערן־אויסגעבילדעטע און אידעאָלאָגיש־זיכערע לערער אַלע יידישע שולן, און עס איז טאַקע אַ פאַרגעניגן געווען צו טרעפן די דאָזיקע פּעדאַ־גאָגישע יוגנט, און דאַווקע באָכערים, אין אַלע יידישע לערן־אַנשטאַלטן, זייט בא זייט מיט די פאַרדינסטפולע וועטעראַנען.

פאַראַיאָרן, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז פאַראַן אַן איבערפלוס פון יידישע לערער, איז דער אינסטיטוט געשלאָסן געוואָרן. ווען ס'וועט ווערן אַ דוויכעק אין לערער, איז קיין סאָפעק ניט, אַז ער וועט ווידער קענען געעפנט ווערן. אין די סאָציאַליסטישע לענדער ווערט אַלץ נאָרמירט לויט די באַדערפעניש. יעדער אַנשטאַלט איז דאָרט אַ רעזול־טאַט פון קאָנקרעטער נויטווענדיקייט. איז אַ זאַך נייטיק פאַרן לעבן, פאַר דער קולטור, פאַר דער בילדונג, ווערט זי געשאַפן, ווי טייער זי זאָל ניט קאָסטן. איז זי איבעריק, ווערט זי אָפּגעשאַפט; איז זי צייטווייליק איבעריק, ווערט זי צייטווייליק אָפּגעשאַפט. אַף אַלץ ווערט געקוקט פונעם קוקווינקל פון דער קאָנקרעטער באַדערפעניש.

וואָס שייך לערנביכער, עקזיסטירן זיי פאַר יעדן גראַד, ביזן 5טן איינשליסלעך. זינט אַ געוויסער צייט ווערן געגרייט פּראָיעקטן פון לערנ־ביכער פאַר די עלטערע קלאַסן, אָבער אַזוי ווי די דאָזיקע אַרבעט, וואָס פאָדערט אַסאַך יישעוו־האַדאַאַס, דאַרף גרינטלעך צוגעגרייט ווערן דורך לערער־קאָמיסיעס און שפּעטער דאַרפן אַ 4־5 אָנגעזעענע לערער צושטעלן, יעדער איינער באַזונדער, אַן אַנאַליטישן רעפעראַט וועגן פּראָיעקט, און נאָך שפּעטער דאַרף דער גאַנצער מאַטעריאַל דורכגעקוקט און אָפּראָבירט ווערן דורכן אינספּעקטאָראַט פון די שולן פאַר די נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן, קען די אַרבעט צו שנעל ניט פאַרענדיקט ווערן, ביפראַט אַז אָנגע־הויבן האָט מען זי ניט לאַנג צוריק. מען העלפט זיך דערווייל אַרויס מיט גאַנצע ביכער פון מעכאַברים און מיט צוגאָב־טעקסטן. אַ ספּעציעלע פּיע־טעט ווערט אַרויסגעוויזן אין די עלטערע גראַדן צו עליעזער שטיינבאַרגן, צו שאָלעם אַלייכעמען, צו גאָלדפאַדענען, צו די רומענישע קלאַסיקער אין איבערזעצונג און צו שאַפונגען פאַרבונדענע מיטן יידישן קאַמף אין די געטאָס.

עס עקזיסטירן אין רומעניע דריי גרויסע יידישע שולן: אין בוק־קאַרעשט, אין יאַסי און אין טימאָשאַראַ. אויסער דעם, אין שטעטלעך און אין שטאָטישע געגנטן, ווו ס'איז ניטאָ קיין גענוגנדיקע צאָל קינדער אַף צו גרינדן אַ יידישע שול, ווערט איינגעפירט אַ קאַטעדרע פון יידיש אין דער רומענישער שול, פאַר די יידישע קינדער. עס זיינען פאַראַן 75 אַזוינע קאַטעדרעס איבערן גאַנצן לאַנד און עס זיינען אַרויסגעגעבן גע־

װאָרן ספּעציעלע סינטעטישע לערנביכער פאַר די דאָזיקע קאַטעדרעס. דאָס לערנען ייִדיש טראָגט דאָרט דעם כאַראַקטער פון לערנען אַן אויסלענדישע שפּראַך. מען לערנט ייִדיש מיט דער הילף פון רומעניש אָדער אַף רומעניש, אַפּן זעלבן אויפן װי מען לערנט ענגליש, פראַנצױזיש אָדער רוסיש. אינטערעסאַנט איז, אַז עס עקזיסטירן אויך איבער 70 טאַלמוד־טוירעס. די מעלוכע רעספּעקטירט די רעליגיעזע געפילן פון אירע ייִדישע בירגער און גיט זײ די לעגאַלע מעגלעכקײַט צו געבן זײערע קינדער אַזאַ דערציִונג װעלכע זײ האַלטן פאַר נייטיק. אין די ייִדיש־װעלטלעכע שולן און אַף די ייִדישע קאַטעדרעס לערנען זיך אַרום און אַרום 6.500 קינדער.

אין רומעניע זײַנען די פּראָגראַמען און מעטאָדן פון לערנען אין די ייִדישע שולן זײער ענלעך אַף די פון פּוילן.

עס איז ניטאָ קײן שום קאָאָרדינאַציע צװישן די ייִדישע שולװעזנס פון בײדע לענדער און קײן שום קעגנזײַטיקער אָפּרײד אָדער אויסגלײַך. די ענלעכקײַט, װאָס מען געפינט צװישן בײדע שולװעזנס, דרינגט אַרויס פון עצעם מעהוס פון דער װעלטלעך־פּראָגרעסיװער, סאָציאַליסטישער דערציִונג. אין בײדע שולװעזנס איז פאַראַן אַ טיפע פאַרערונג פאַר אונדזערע קלאַסיקער און אַ שטאַרקע דורכגעדרונגענקײַט מיט דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער רעאַליטעט פון יעדן לאַנד באַזונדער. אַף די דאָזיקע צװײ פונדאַמענטאַלע פּונקטן זײַנען געבויט די שול־פּראָגראַמען.

אַ גרויסער אונטערשייד איז אָבער פאַראַן אינעם אויסלײג װאָס איז אַ פאַרשײדענער אין בײדע לענדער. אין פּוילן איז גילטיק דער פאַרמילבאַמעדיקער אויסלײג, מיט דער אָריגינעלער טראַנסקריפּציע פון די העברעיִזמען, דאָס װערט געטאָן, זאָגן די שול־ און קולטור־טוער, קעדײ אָנצוהאַלטן די טראַדיציע פון אַלט־ייִדישן פּוילן; קעדײ צו קענען גענים פון די ייִדישע ביכער און אויסגאַבעס װאָס דערשײַנען אין אויסלאַנד און קעדײ די שפּעטערדיקע קולטור־פאַרבינדונג פון די קינדער מיט דער ייִדישער װעלט זאָל זײַן אַ באַקװעמערע.

אין רומעניע, װידער, הערשט אונדזער פאָנעטישער אויסלײג, אָבער נאָך מער ראַדיקאַליזירט, אַפּן ייִדיש־סאָװעטישן שטײגער, דאָס הײסט אָן די שלאָס־אויסיעס אַפילע. דאָס װערט געטאָן צוליב לײַכטקײַט און באַקװעמלעכקײַט פאַרן שילער און פאַרן פאָלקסמענטש, און אין העסקעם מיט דער באַקאַנטער שטעלונג פון אַרויסװאַרפן פון דער שפּראַך אַלע פאַרעלטערטע און אומנוציקע באַלאַסטן.

דער אויסלײג אין פּוילן פאַרשאַפט שװעריקײַטן די קינדער, און דערפאַר איז צו די לערנביכער פון גראַמאַטיק צוגעגעבן אַ װערטער־ביכל פון

אַ 600 העברעיִזמען, וואָס הייסט „אויסדרוקן וואָס מען שרײַבט אין העברעיִשן אויסלייג". יעדער העברעיִזם פיגורירט אונטער צוויי רובריקן: אונטער אַ ניט־פֿאָנעטישער רובריק, וואָס הייסט „אַזוי שרײַבט מען" און אונטער אַ פֿאָנעטישער, וואָס הייסט „אַזוי לייענט מען". אָבער קיין סאַך העלפֿט עס ניט. דאָס קינד ווערט אַוועקגעשטעלט פֿאַר אַ מעשונעדיקן פֿאַר אים פֿאַקט, אַז איין און דאָס זעלבע וואָרט, איז געלייענטערהייט אַנדערש ווי געשריבענערהייט, און ער מוז אָנשטרענגען ריין־מעכאַניש זײַן זע־זיקאָרן קעדיי צו פֿאַרגעדענקען אַ וואָרט־פֿיגור, וואָס די קאָמבינאַציע פֿון אירע אויסיעס האָט ניט קיין שום לאָגישע באַרעכטיקונג, ווען ער קען ניט קיין העברעיִש. די דאָזיקע שוועריקייט האָט טאַקע באַוווויגן לעצטנס אַ פֿאָר שול־טוער אין פּוילן צו טראַכטן, דערווײַל נאָך שטיל און שעמעוודיק, וועגן אײַנפֿירן העברעיִש ווי אַ הילפֿס־לימוד אין די שולן. וועגן ענדערן דעם אויסלייג וויל מען דערווײַל ניט טראַכטן.

ביכלאַל, דאַרף מען זאָגן, אַז דער איניען אויסלייג אין די ייִדיש־פּוילישע שולן איז אַ באַווײַז, אַז עס פֿעלט נאָך דאָרט אַ קאָנסעקווענט־סאָציאַליסטישער אײַנשטעל בענוגייע דער דאָזיקער וויכטיקער פֿראַגע, און אַז אין דעם זינען איז רומעניע פֿאָרגעשריטענער און אַנטשיידענער, אָבער זי לײַדט פֿון אַ געוואַלדיקער סטירע: ניט געקוקט וואָס אין די שולן גילט דער פֿאָנעטישער אויסלייג, ווערן די ביכער פֿאַר דערוואַקסענע אַרויסגעגעבן מיטן העברעיִזירטן אויסלייג. עס ווערט אַזוי אַרום אויפֿגעשטעלט אַן אויסלייג־מעכיצע צווישן קליין און גרויס...

אין סאַך־האַקל קען מען זאָגן, אַז די ייִדישע קינדער און די רומענישע שולן געניסן, אין דער פֿולער מאָס, פֿון דער מעלוכישער זאָרג פֿאַרז קינד. די ייִדישע שולן ווערן באַטראַכט ווי פֿולבאַרעכטיקטע און פֿוליוערטיקע לערן־אַנשטאַלטן, פּונקט ווי די ריין־רומענישע שולן און ווי די שולן פֿון די אַנדערע 13 נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן.

עס איז נאָך נייטיק צוצוגעבן, אַז אין ייִדיש־אינהאַלטלעכן זינען האָבן די ייִדישע שולן געמאַכט אַ באַדײַטנדיקן פֿאָרשריט און אַז עס איז פֿאַראַן אַ זאָרג צו פֿאַרטיפֿן די דערגרייכונגען.

20. פֿאַלאַצן און טפּיסעם

די פֿאַלאַצן פֿאַרן פֿאָלק

„אַמאָל", — מיט 15 יאָר צוריק, האָבן אַלע געוווּסט, אַז ווו אַ פּאַלאַץ, דאָרט אַ פּאָריץ מיט פֿאַרדרייטע וואָנצעס, דאָרט אַ באָיאַר, אַ בראַטיאַנו, אַ שאַרבאַן־קאַנטאַקוזינאָ, אַן אַנטאָנעסקו, אָדער אַן אַנדער אָנגעבלאָזענע שישקע. היינט ווייס אַ קינד אין וויג, אַז ווו אַ פּאַלאַץ, דאָרט דאָס פֿאָלק. דער 23טער אויגוסט האָט פֿונאַנדערגעפּראַלט אַלע פּאַלאַצן און האָט אויסגערויכערט פֿון דאָרט דאָס ביסל אַדעליקע אומפֿליִיט.

אויך די נאַטור־שיינקייט פֿון רומעניע, וואָס איז געווען באַהאַלטן פֿאַר די פּריצים, איז פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכט געוואָרן און אומגעקערט געוואָרן צום פֿאָלק.

די גאַניידנדיקע שטיק רומעניע, באַקאַנט אונטערן נאָמען סינאַיאַ, איז געווען פֿאַרשלאָסן אונטער קעניג קאַראָלס שלאָס. אַפֿילע די וואַסערקוואַלן פֿון דער געגנט האָט ער אַרומגעמויערט מיט די זאַלן פֿון זיין פּאַלאַץ. איצט איז די דאָזיקע באַרגיקע און קוואַליקע, און וואַלדיקע שיינקייט אָפֿן פֿאַר אַלעמען.

מען האָט אַראָפּגעריסן די פּריצישע שלעסער פֿון דער נאַטור. ערשט אין רומעניע האָב איך פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס אַ פּריצישער פּאַלאַץ הייסט שלאָס...

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז קאַראָלס זומער־פּאַלאַץ אין סינאַיאַ איז פֿון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט בײַדלעך פֿאַר הינט און מיט סקולפּטורן פֿון קאָלערליי קלאָווים. אויך אַפֿן הויף פֿון שלאָס שטייען בראָנדזענע הינט מיט פֿאַרריסענע פּיסקעס אין דער ריכטונג פֿון קאַראָלס שלאָף־צימער... אָבער די דאָזיקע איידעלע הינטישע צייטן זיינען שוין אַריבער. אַפֿן אָרט פֿון דער הינטיש־קייסערלעכער עפּאָכע האָבן מיר געטראָפֿן אַ מענטשלעך־פֿאָלקישע אָרדענונג און גראָד די מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעפּינצטערט אַ שטיק פֿון זייער לעבן אין די כווישעבדיקע קאַזעמאַטן פֿון דער קאַטאָרגע אין דאָפּטאַנאַ, פֿירן איצט אָן און רעגירן מיטן לאַנד.

אין בוקאַרעשט האָבן מיר די גאַנצע צייט געוווינט בישכיינעס, אַ וואַנט איבער אַ וואַנט, מיטן הויפּט־פּאַלאַץ פֿונעם גאָדל־שעביגדוילים אַליין — פֿונעם זעלבן מיילעך קאַראָל; פֿון זעלבן קאַראָל, מיט וועלכן מיר האָבן אַ שטיקל שייכעס, ווייל ער האָט געשפּילט אַ ליבע מיט „אונדזער"

מאַנדאַ לופּעסקו און צוגעשטעלט מיט דער ברייטער האַנט קיצלדיקן שטאָף דעם „פּאַרוועדטס"...

אַפּן אָרט פון קעניג קאַראָל האָט זיך אינעם פּאַלאַץ איצט באַזעצט די נאַציאָנאַלע קונסט פון רומעניע. עס איז דער קונסטמוזיי פונעם פאָלק. אַרבעטער, סטודענטן און האַלב־באָרוועסע מאָלדאַוואַנישע פּויערים שפּאַצירן אַרום איבער די זאַלן, שטאַקן און קייסערלעכע טרעפּ, ווערן היימיש מיטן קייסערלעכן מירמלשטיין, מיטן אַלעבאַסטער און מיט די טויזנטער קונסטבילדער, סקולפּטורן און סטאַטועס.

עס פּאַרכאַפּן אַן אויג די אייל־לייווונטן פון גרויסן נאַציאָנאַלן מאָלער ניקאָלאַע גריגאָרעסקו, ספּעציעל די אידילישע דאָרף־מאָטיוון, די בלוט־פאַרגליווערנדיקע מילכאָמע־עפּיזאָדן, ווי אויך באַזונדערע פאָלקס־טיפּן. פאַראַן איבער אַ צענדליק בילדער זיינע אויך אויף יידישע מאָטיוון, און אין קאַראָלס פּאַלאַץ האָבן מיר טאַקע אָפּגענומען פון גריגאָרעסקון אַ יידישן גרוס...

פון די עטלעכע אויסגעהאַנגענע בילדער אויף יידישע טעמעס טיילט זיך אויס „דער ייד מיט דער גאַנדז". אַ דאָרפישער ייד, מיט אַ האַלב־שעלמישן, האַלב־דערשראָקענעם שמייכעלע, שטייט מיט אַ שריפטלעכער ביטע אין האַנט (אַ „פּראָשעניע"), ערגעץ אין אַ ווינקל פון אַ מעלוכע־אַמט, אָבער פון הינטער זיין פּאָלע קוקט אַרויס אַ צעפּאָלאָשעטע גאַנדז. די גאַנדז דאָס איז דער „שלאָגנדיקער אַרגומענט", וואָס דאַרף אויסטרעטן אַ וועג פאַר דער ביטע. ס'איז ניט אַזוי וויכטיק דאָס אָפיציעלע פּאַפּיר מיט דער שטייער־מאַרקע און מיטן מעליצעדיק־האַכנאָעדיקן טעקסט, ווי די „ביילאַגע", וואָס מען דאַרף אַריינרוקן אין יאַד אַריין... יעדער ייד האָט געוווּסט, אַז קעדיי ווייך צו מאַכן דאָס האַרץ פון די רומענישע טשינאָווניקעס, דאַרף מען אונטערשמירן מיט וואָס עס לאָזט זיך. אַ דאָרפישער ייד האָט געשמירט מיט אַ פעטער גאַנדז...

דאָס בילד פאַרמאָגט אין זיך אַ ביטערן קינסטלערישן הומאָר און אַ לעבנס־עכטקייט וואָס איבערצייגט מיטן ערשטן קוק.

שפּעטער האָבן מיר, אין דער פּראָווינץ, געהאַט די געלעגנהייט צו זען דאָס הויז, וווּ גריגאָרעסקו האָט געוווינט און געשאַפן, און וואָס ווערט אָפּגעהיט דורך דער מעלוכע ווי אַ הייליקטום. דער דאָזיקער מאָלער האָט אין 40 יאָר באַוויזן צו שאַפן 4.000 בילדער. אין בילדער־יאַם פון זיין שאַפן האָט ער רעאַליסטיש פּאַרקינסטלעריש טויזנטער אַספּעקטן פון רומענישן פּייזאַזש און פון רומענישן לעבן. ער האָט געמאָלן געשיכטע.

א פאלאץ פאר קינדער

אלע קינדער אף דער וועלט „האבן" פאלאצן אין די מייסעלעך ערגעץ, אבער די רומענישע קינדער האבן אן אייגענעם צענטראלן פאלאץ אין צענטער פון בוקארעשט און אנדערע פאלאצן צעווארפענע איבערן לאנד.

ווען דער 23טער אויגוסט האט גענומען ארויסטרייסלען פון דער אפגעלעבטער געשיכטע די הונדערטער פאלאצן, האט דער דאזיקער רעוואלוציאנערער סאן־קלאוס ניט פארגעסן אין די קינדער.

און אז ער האט ניט פארגעסן אין זיי קען מען זיך איבערצייגן ווען מען קוקט אריין אין בוקארעשטער פיאנערן־פאלאץ, וואס געפינט זיך אין די פאסעסיעס פון א גרויס־פריצישער מישפאכע און וואס פארנעמט 27 העקטאר מיט אלדאס גוטס:

הונדערטער צימערן מיט זאלן, 2 טעאטערס, גארטנס, געדעקטע און אפענע גימנאסטישע זאלן, א שווים־באסיין, א פארק, א זאאלאגישער גארטן, מוזייען, ביבליאטעקן, קולטיווירטע פעלדער, ספעקטן, א פלאנעטאריום, אן אייגענע ראדיא־סטאנציע.

עס זיינען פאראן 60 קרייזן פון זעלבסט־טעטיקייט, לויטן געשמאק פון קינד, מיט שטענדיקע אינסטרוקטארן אף יעדן געביט, צי דאס איז ליטעראטור אדער מאלעריי, אדער סקולפטור, אדער נאטור־וויסנשאפט, אדער די צענדליקער צווייגן פון דער מאדערנער טעכניק: ראדיא, אעראמאדעליזם, שיפבוי, אייזנבאן, עלעקטרישע סטאנציעס, אגראנאמיע און, פארשטייט זיך, מוזיק און באלעט.

יעדער איינער פון די 60 קרייזן האט זיך זיין זאל, זיינע ווארשטאטן מיטן מאדערנסטן געצייג, זיינע ספעציעלע מעבל און די פארשיידנסטע באקוועמלעכקייטן. אויסער דעם, זיינען פאראן 240 אנגעשטעלטע, לערער, אינסטרוקטארן און טעכניקער, וואס אנטוויקלען די נאטירלעכע נייגונגען פונעם פיאנערן־קליינוואַרג.

דער פיאנערן־פאלאץ — דאס איז א מאדערן קינדער־מייסעלע, פון וועלכער עס האט זיך ארויסגעצויגן דער קישעף און עס האט זיך ארייַנגעצויגן די נייע רעאלע וואר, וואס האט די אמביציע איבערצושטייגן אלע אמאליקע מייסעלעך.

די אלטע פאנטאסטישע קינדער־ליטעראטור פארכאפט שוין מער ניט די קינדער. זי האט שוין מער ניט מיט וואס צו איבעראשן זיי און מיט וואס ארויסצורופן אויסגעטרוימטע, אומדערגרייכלעכע באגערן, ווייל אלץ אין לעבן איז פארן קינד דערגרייכלעך און ווייל דאס לעבן איז אינטערע־

סאַנטער, טיפער און קליגער פון די אַלטע מײַסעלעך. אין די נײַע באַדינ־גונגען פאַרוואַנדלען זיך די אַלטע מײַסעלעך אין געשיכטלעכע אילוסטראַ־ציעס צו די קינדער־טרוימען פון אַ פאַרגאַנגענער טקופע, וואָס זעט אויס אַזוי ווײַט, אַזוי ווײַט...

די טפיסע וואָס איז געוואָרן אַ מוזיי

ווו עס זײַנען פאַראַן אַסאַך פּאַלאַצן, זײַנען אויך פאַראַן אַסאַך טפיסעס, און קאַראָלס מעדינע איז ניט געווען קיין אויסנאַם...

דער 23טער אויגוסט האָט זיך אַ נעם געטאָן צו ביידע „דערשײַנונ־גען". ער האָט ניט נאָר געעפנט די פּאַלאַצן, נאָר אויך די טפיסעס, אָבער אין דער צײַט ווען ער האָט געעפנט די פּאַלאַצן אַף אַ ר ײַ נ צ ו ל אָ ז ן דאָס פּאָלק, האָט ער געעפנט די טפיסעס אַף אַ ר ו י ס צ ו ל אָ ז ן דאָס פּאָלק...

איינע פון די דאָזיקע טפיסעס, — די באַרימטע פּאָליטישע קאַטאָרגע־טורמע „דאָפטאַנאַ" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי, אָבער קיין קונסטבילדער האָט מען דאָרטן ניט גדאַרפט אויפהענגען. אָן קונסטביל־דער איז דאָרט אויך געווען וואָס צו זען...

גלײַך אין פירהויז הענגען 17קילאָיקע שמיד־אײַזנס און קייטן, אין וועלכע מען פלעגט אײַנקאָווען די הענט און די פיס פון די אַרעסטאַנטן. אויסער דעם, פלעגט מען צו די קייטן צושמידן גרויסע אײַזערנע קוילן אַף נאָך שווערער צו מאַכן דעם טראָט. ביז מיר האָבן באַזוכט די טפיסע, האָבן מיר געמיינט, אַז אַזוינע קוילן זײַנען בלויז אַ דערפינדונג פון קאַ־ריקאַטוריסטן, אָבער קאַראָלס רומעניע האָט אונדז אַרויסגעפירט פון טאָעס...

די טפיסע האָט 8 אָפּטיילונגען, איינע פינצטערער און שווערער פון דער צווייטער. בלויז צו 3 אָפּטיילונגען פון די 8 קומט צו אַ ביסל טאָג־ליכט. די איבעריקע 5 באַשטייען פון פינצטערע, נאַקעטע קאַזעמאַטן, ווו טאָג און נאַכט הערשט אַבסאָלוטער כווישעך, פאַרשטיקטקײַט און קעלט.

אין די דאָזיקע לעבער און קאַרצערס האָט צענדליקער און צענדליקער יאָרן געפוילט די בעסטע רעוואָלוציאָנערע יוגנט פון רומעניע. די גאַנצע איצטיקע רעגירונג פון לאַנד און די רומפּולסטע פירער פון דער פּאַרטיי, בעראָש מיט געאָרגיו דעזש, האָבן דורכגעמאַכט, דורכגעקרענקט און דורכ־געפינצטערט די דאָזיקע טײַוול־גרוב, אויך אונדזער בערקו פעלדמאַן איז דאָרט געווען אַף קעסט,

און טאמער איז דאס ווינציק געווען, האט דער אויבערשטער צוגע־האלפן... אין נאוועמבער 1940 האט א שטארקע ערד־ציטערניש געפרואווט פארניכטן דעם דאזיקן לעבעדיקן קאשמאר, אבער די בלינדע פוריע, וואס האט איינגעווארפן א סאך טפיסע־ווענט, האט אויך פארשטיינערט א היפשע צאל רעוואלוציאנערן און קעמפער. געבליבן איז נאך זיי א ווייס בייסוילעמל, וואס די פאלקס־רעגירונג וואכט איבער אים מיט יראס־הכבוד.

איצט איז די אויפגעפראלטע „דאפטאנא"־טפיסע טאג־טעגלעך פול מיט עקסקורסיעס, מיט שולקינדער און מיט יוגנט. שטייט מען אף די ראנדן פון בעטאנענעם כוישעך, אף די שוועלן פון די גענעם־קעמערלעך, און מען קאן זיך גארניט פארשטעלן ווי אזוי מענטשן האבן דא געקענט אויסהאלטן מער ווי 3 טעג.

דער נייר־טאמיד פונעם אידעאל האט אבער ניט אויפגעהערט צו לויכטן אין געדיכטן און געפרעסטן כוישעך, און מען האט אויסגעהאלטן. מען האט אריבערגעלעבט און מען האט דערלעבט.

ווען מיר גייען ארויס אף דער ליכטיקער פרילינגדיקער שיין, מרוזשען מיר די אויגן, קנייטשן די ברעמען און ציען אין זיך לופט. לופט, לופט! א שמעקעדיק מיי־ווינטל העלפט אונדז אפכאפן דעם אטעם. אונדזער דעלעגאציע לאזט איבער אין דיקן באזוכער־בוך אט וועלכע אויפשריפט: גליקלעך זיינען די פעלקער, וואס קענען פארוואנדלען זייערע טפיסעם אין מוזייען...

21. א סינטעטישער דארף אין מיטן פון דער הויפטשטאט

א דארפישער שפאציר אין בוקארעשט

וואס סינטעטישע פילן זיינען, איז באקאנט. דאס זיינען קייקעלעך אדער פאסטילקעס פון שטארק־קאנצענטרירטע כעמישע שטאפן, וויטאמינען, הארמאנען און עקסטראקטן. א סווארע, אז מיט איין פילכל אזא וועט מען קענען פארבייטן צענדליקער קילאען שפייז, אבער די גאנצע זאך איז נאך דערווייל אן איניען ניט קיין טאג־טעגלעכער, נאר פון דער צוקונפט.

אין מיטן בוקארעשט האבן מיר געפונען אן אנדער סארט פיל — א סינטעטישן דארף, — א דארף, אין וועלכן עס זיינען קאנצענטרירט אלע דערפער פון רומעניע, אלע סטילן, דאס גאנצע פויערישע שטייגער־לעבן

פון אַלע עקן לאַנד און די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייטן פון רומעניש ערד־מענטש.

ניט קיין אויסשטעלונג פון מאַקעטן איז עס געווען און ניט קיין צו־זאַמענשטעל פון מיניאַטורן, נאָר אַן עמעסער גרויסער דאָרף, אין נאַטיר־לעכער גרייס; ניט קיין נאָכגעמאַכטער און ניט קיין קאַפּירטער, נאָר אַן אויט־טענטישער דאָרף, וואָס אין דער פאָרם ווי ער עקזיסטירט אין בוקאַרעשט, עקזיסטירט ער אין ערגעץ ניט, כאָטש דאָס איז אַן עמעסער דאָרף מיט אַלע פּיטשעווקעס...

וואָס האָט דאָ פּאַסירט און אין וואָס באַשטייט די סינטעטישקייט?

פון שטאַנדפּונקט פון דאָרפישער אַרכיטעקטור און פּויערישן לעבנס־שטייגער, האָט מען אויסגעפונען אַז עס זיינען פאַראַן אין רומעניע 44 סטילן. אין יעדן איינעם פון די 44 ראַיאָנען פון לאַנד האָט מען אויסגעקליבן אַ טיפּישן דאָרף, און אין דאָזיקן טיפּישן דאָרף האָט מען אויסגעקליבן די סאַמע טיפּישסטע פּויערישע כאַטע מיט אַלץ וואָס עס געפינט זיך אינעווייניק, מיט איר הויף און מיט איר גאַנצער באַלעבאַטישקייט. די כאַטע, צוזאַמען מיט דעם אַלץ וואָס עס האָט זיך געפונען אין די גרענעצן פונעם הויף, האָבן טעכניקער און עטנאָלאָגן צענומען אַף פּיץ־פּיצלעך, איינגעוויקלט און איינ־געפּאַקט, און אַוועקגעשיקט קיין בוקאַרעשט.

אין בוקאַרעשט האָט מען די איינגעפּאַקטע פּויערישע הייפן צוריק אויפגעפּאַקט און מאָנטירט פונדאַסניי, גענוי אַזוי ווי זיי האָבן אויסגעזען אין די פּויערישע ווייטע ווייטן, צוזאַמען מיט די הייזער, סטאַדאָלעס, שפּי־זאַרניעס, שטאַלן, ברינעמער, טויערן, פּאַרקנס, געצייג, געפעס, קיילים, אָנ־טועכץ, בעטגעוואַנט, מעבל, קופערטן, שפּינדלען, געוואַנטן, לייוונטן, אויס־שטייערס, איקאָנעס, פּאַטשערקעס, באַפּוצונגען און האַקל־באַקל־שעלאַקל, אָן קיין שום אויסנאַם... קעדיי דער קאָלאָריט און די אויטענטישקייט זאָלן זיין שטרענג־פּינקטלעך, האָט מען אַרום יעדן הויז פאַרפלאַנצט די געוויקסן און ביימער, וואָס זיינען געוואַקסן אין זעלבן הויף, ווען די ווירטשאַפט האָט זיך נאָך געפונען אין ווייטן געבוירן־אָרט פון דער כאַטע...

אַזוי אַרום איז אויסגעוואַקסן דער סינטעטישער דאָרף, דער עטנאָ־גראַפישער דאָרף פון רומעניע.

דער דאָזיקער דאָרף איז אַ מין לאַנד־צוזאַמענפאָר פון 44 רומענישע הייפן — יעדער איינער מיט זיין באַזונדערן כיין און מיט זיין אייגנאַרטי־קער און פאַרכאַפּנדיקער פאָלקס־קונסט. פאַראַן דאָ הייפן פון ערד־אַרבע־טער, פּאַסטעכער, פישער און יעגער. די באַרגיקע געגנטן, די טאָלן, די ברעגן

פון יאַם און די װאַלד־מאַסיװן פון גאַנצן לאַנד װײַזן דאָ װי אַזױ עס זעט אױס דאָס װאָכעדיקע און יאָנטעװדיקע לעבן פון רומענישן ערד־פּאָלק.

ס׳ראָװ הײַזער זײַנען אַלט אַ יאָר 50, אָבער פאַראַן אױך גאָר אַלטע. אױפן טױער פון אַ כאַטע האָבן מיר געפונען אױסגעקריצט די דאַטע פון איר געבורט. — דאָס יאָר 1810, און אַ דורכגעזשאַװערט בלעכל פון אַן אַלט־צאַרישער אַסעקוראַציע־געזעלשאַפט...

די רומענישע קונסט פון די לעצטע 300 יאָר האָט זיך קסיידער אינ־ספּירירט אין די דאָרפישע פּאָלקס־מאָטיװן, און סטודענטן פון די קונסט־פאַקולטעטן זײַנען שיר ניט קײן אײַנװױנער פון דאָזיקן ניט־געװײנטלעכן דאָרף, װאָס קײן אַנדערער אױף דער גאַנצער װעלט איז ניטאָ אַזאַ.

פאַרן 23טן אױגוסט האָט ער, פאַרשטײט זיך, ניט עקזיסטירט. ערשט די פּאָלקס־מעלוכע האָט פאַרטראַכט דעם דאָזיקן „צוזאַמענפאָר" און אים פאַררופן אױף אײביקע סעסיעס...

די װיסנשאַפטלעכע אָפּטעראַפּסעס איבערן דאָרף האָט דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער פאַקולטעט פון בוקאַרעשטער אוניװערזיטעט, און אײנער פון די סטודענטן — ניקאָלאַע פּושקאַשו — האָט אונדז טאַקע אַרומגעפירט אי־בער די װעגן און שטעגן, אַלקערן און קעמערלעך, הױפן און געסלעך פונעם דאָרף, װאָס האָט זיך אַרײַנגעצױגן אין דער גרױסער שטאָט און געבליבן דאָרט װױנען...

אין יעדן הױף און אין יעדער כאַטע האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ נײַ שטיקל רומעניע. דער סטודענט האָט מאַמעש געשײַנט פון גליק װאָס ער קען פונאַנדערלײגן פאַר אונדז אַלע „זײַנע" רײַכקײטן און אױפֿקשטעלן אונדז באַ די סאַמע קװאַלן פון דער רומענישער פּאָלקס־אײגנאַרטיקײט .

די העפטערײען, די צעראַמיק, די גאַרטלען, די טוזשורקעס פון שעפּסן־פעל, די אױסגענײטע װעסטלען, די הױכע פּוכיקע געלעגערס, די קאַלעשע אױסשטײַערס — דאָס אַלץ האָט אָנגעװײעט אַן אַטמאָספער פון אינטימער אַלט־מישפּאָכעדיקער הײמישקײט.

אַ ספּעציעלן רױשעם האָבן געמאַכט די פישער־כאַטעס, װאָס זײַנען פול געװען מיט קינסטלערישער האַנט־אַרבעט, קימאַט אױסשליסלעך פון פרױען.

די פרױען פון די פישער פלעגן לאַנגע טעג און נעכט בלײַבן אַלײן, נאָך דעם װי די מענער פלעגן אַרױספאָרן אױף פישפאַנג, װײַט אין שװאַרצן יאַם אַרײַן. פלעגן זײ זיך אָפּגעבן צו קאָלערלײ אױסאַרבעטונגען: געשניצ־טע מיניאַטורן פון בײנער פון פיש, אױספּלעכטונגען פון נעצן, אױסװוע־בונג פון טעפּיכער און אַפילע מאָלערײ, די װענט פון די פישער־הײַזער

זײַנען געװען באַהאָנגען מיט בילדער, געמאָלענע אױסשליסלעך פֿון די באַ־לעבאָסטעס, און פֿון אײניקע פֿון די דאָזיקע בילדער האָט אַרױסגעלױכטן קונסט...

אין אײנער פֿון די שטיבער איז אַראָפּגעהאָנגען פֿון דער סטעליע עפּעס אַזױנס װי אַ מאָדנער הענג־לאָמפּ אָדער װי אַ נאַטירלעכער װאַלד־בינשטאָק. געװען איז עס אַן אומפֿאַרשטענדלעכע זאַך, אַ קונציק־אױסגע־אַרבעטע פֿון שטיקלעך פּאַפּיר און פֿון דיניטשקע שטעקעלעך. געהאַט האָט עס גאָרנדלעך און גאַלערײעלעך, און הונדערטער אַרײַנגאַנגען פֿון אַלע זײַטן. דער דאָזיקער יאָ־לאָמטערן און ניט־לאָמטערן האָט אױסגעזען װי אַ הענגענדיקע כינעזישע רעטעניש און האָט אַביסל געכאַפּט דעם אָנבליק פֿון אַ בודא־טעמפּל...

אױסגעלאָזט האָט זיך, אַז דאָס איז אַן אַזױ־גערופֿענע „פֿליגן־הױז". דאָס דאָזיקע פּאַפּירענע שטיבעלע איז אַזױ געמאַכט, אַז פֿליגן באַקומען אַ שװאַכקײַט צו אים און קריגן זיך אַהין אַרײַן דורך אַלע עפֿענונגען, אָבער אַרױסגײן קענען זײ שױן ניט...

די דאָזיקע אימפּאָזאַנטע זאַך איז געװען ניט מער װי אַ פּאַסטקע פֿאַר פֿליגן, אָבער זי איז געװען אַזױ דעקאָראַטיװ, אַזױ עסטעטיש און האַר־מאָניש אױסגעצאַצקעט און אַזױפֿיל מי איז געװען אין דעם אַרײַנגעלײגט, אַז מען האָט געמײנט װער װײס װאָס דאָס איז...

קעדײ אין סינטעטישן דאַרף זאָל גאָרניט פֿעלן, האָט מען אױך ניט פֿאַרגעסן צו באַזעצן דאָרט אַן אַלטן הילצערנעם קלױסטערל...

איבעראַשט האָט אונדז די קלױסטער־טיר — זי איז געװען אַן אױ־סערגעװײנטלעך נידעריקע, אַזױ אַז באַם אַרײַנגײן אַהין האָט מען זיך מאַמעש געדאַרפֿט אײַנדרײען אין דרײַען. אַרױסגעװיזן האָט זיך, אַז דאָס איז געמאַכט געװאָרן מיט אַ ספּעציעלן מיין, קעדײ די „פֿױערישע קעפּ", װאָס װעלן ניט פֿאַרשטײן אַז אין גאָטס הױז דאַרף מען אַרײַנגײן אײַנ־געבױגן, זאָלן געצװוּנגען װערן דורך דער טיר אײַנצובױגן זיך טיף גלײַך אַף דער שװעל... מערקװירדיק איז אױך װאָס אין דאָזיקן אַלטן פֿױערישן קלױסטערל האָבן מענער און פֿרױען געדאַװנט באַזונדער. עס איז געװען אַ ספּעציעלע אָפּגעצױמטע אָפּטײלונג פֿאַר פֿרױען — פֿון הינטן, פֿאַר־שטײט זיך... איז עס עפּשער אַ שטײגערישער „קולטור"־אײַנפֿלוס פֿון ייִדישן עזראַס־נאָשים?...

װי אינטערעסאַנט יעדע כאַטע איז ניט געװען, האָבן מיר פֿונדעסט־װעגן ניט געקענט „גײן צו גאַסט" אין אַלע הײַזער. עס האָט אונדז גע־סטײַעט קױעך קױם אַף 10-12, אָבער אַלץ אײנס האָבן מיר געהאַט גאַנץ

רומעניע אַזױ װי באַ זיך אױף דער דלאָניע. מיר האָבן געהאַט דעם אײַנ־דרוק, אַז מיר האָבן אַראָפּגעשלונגען די עמעסע סינטעטישע פֿיל...

עס איז געװען האַלבער מײַ און דער דרויסן איז געװען אָפּגעטונקט אין בעז. די פֿרילינג־רײכעס האָבן זיך אַרומגעשיפּט אין אונדזערע אָדערן און דער ניט־געװײנטלעכער סינטעטישער ספּעקטאַקל האָט געקרײַזט אַרום אונדז װי אַ קאַרוסעל...

22. מוסטערן פֿון גרויסן פֿאַרמערט

דער באַלקאַן איז געבליבן פֿון הינטן

פֿאַרן 23טן אויגוסט איז רומעניע געװען אַ שטיק „באַלקאַן”. דאָס באַלקאַנישע איז געקומען צום אויסדרוק אין דער אָפּגעשטאַנענקײַט, אינעם אַנאַלפֿאַבעטיזם, אין דער פֿאַרגרעבטקײַט.

דאָס לאַנד האָט זיך גראָד געװױקט אין נאַפֿט און געשװוּמען אין װײַן, אָבער פֿון די שװאַרצע און רויטע שטראָמען זײַנען פֿאַרן פֿאָלק אַפֿילע קײַן טראָפּנס ניט געבליבן. מען האָט זיך, אויסער דעם, באַמיט, אַז די מאַסע זאָל גײַסטיק פֿאַרפֿינצטערט װערן, פֿאַרװאַקסן װערן מיט מאָך און מיט שטעבלקעס...

דער 23טער אויגוסט האָט באַפֿרײַט דאָס לאַנד ניט נאָר פֿון פֿאַ־שיזם, נאָר אויך פֿון דער דוירעס־לאַנגער באַלקאַנישקײַט. אויס מיט דער אײַזערנער גװאַרדיע און אויס מיטן „באַלקאַן”! — אַזאַ איז געװען דער היסטאָרישער זין פֿון רויטאַרמײיִשן זיג, און אַזױ איז געקומען צום סענסאַציאָנעלן שפּרונג אין דער רומענישער געשיכטע: דער שפּרונג פֿון אײַנגעזױמטער באַלקאַנישער פֿריצאָקראַטיע צום פֿרישן פֿאָלקס־סאָציאַליזם.

עס האָט זיך גלײַך אָנגעהויבן דער אינדוסטריעלער אויפֿשטײַג פֿון לאַנד, דער גרויסער סאָציאַליסטישער פֿאַרמעסט און די גרינטלעכע ענ־דערונגען. דער װײַן איז געװאָרן געשמאַקער און דער נאַפֿט האָט גענו־מען פֿלײצן פֿאַר אַלעמען.

מיר האָבן זיך מעכאַיע געװען מיטן דאַזיקן װײַן אין אַלע װינקע־לעך פֿון רומעניע, און מיר האָבן זיך צוגעקוקט װי די נאַפֿט־ראָפּע פּליסט אַרויס, װי שװאַרצער האָניק, פֿון אונטער דער ערד. די ריזיקע

צעוויגטע פּאָמפּעס פון די פּלאָעשטער נאַפט־טורעמס, וואָס זײַנען ענלעך אַף האַמערנדיקע פויסטן, האָבן אונדז געגריסט פון אַלע זײַטן. מיר האָבן זיך אויך איבערצײַגט, אַז זיי האָבן פאַרפּלאָכט זייער אַרויסגי־ביקײַט און אַז עס זײַנען אַנטפּלעקט געוואָרן נײַע נאַפט־קוואַלן אין אַנ־דערע טײלן פון רומעניע.

אומעטום זײַנען אויפגעקומען קאָמבינאַטן און ריזן־אונטערנעמונ־גען, און פּאַריאָגט פון דער רומענישער ערד די אַמאָליקע אָפּגעריסנקײַט און אָפּגעשליסנקײַט. דער „באַלקאַן" און די באַלקאַנישקײַט זײַנען אַראָפּ פון מאַרק...

אַ פאַבריק פון געדרוקטן וואָרט

מיט איינעם אַזאַ קאָמבינאַט האָבן מיר זיך געטראָפן פּנים־על־פּנים אין בוקאַרעשט, און מיר זײַנען דאָרט שיר ניט פאַרפּאַלן גע־וואָרן ווי אין אַ געדיכטן וואַלד... ניט קיין שטאָל־גיסערײַ איז עס געווען, ניט קיין מאַשינען־פאַבריק, ניט קיין נאַפט־רעפינעריע און ניט קיין ווײַן־פאַבריק אַפילע, נאָר אַ קאָלאָסאַלע פאַבריק פון געדרוקטן וואָרט — אַן עמעסע מעכאַנישע בעקערײַ פון גײַסטיקן ברויט...

געווען איז עס דער פּאָליגראַפישער קאָמבינאַט „סקאַנטעאַ", וואָס אַן ענלעכער צו אים איז נאָך ביז איצט ניטאָ אין דער סאָציאַליסטי־שער וועלט.

דער דאָזיקער קאָמבינאַט, וווּ עס דרוקט זיך 80 פּראָצענט פון דער לאַנדפּרעסע, „וואַרפט אַרויס" אין אַ טאָג 3 מיליאָן צײַטונגען, 2 הונ־דערט טויזנט בראָשורן און צײַטשריפטן, און הונדערט טויזנט ביכער. אָבער דאָס איז בלויז אַ ברוכטייל פון זײַן פולער פּאָטענץ. ער פּראָדו־צירט עס, אַזוי צו זאָגן, „שפּילנדיק זיך". ווען ער זאָל לאָזן אין גאַנג זײַן גאַנצע מאַשינעריע, קען ער געבן אַ דערלאַנג אַ מיליאָן צײַטונגען אין איין שאָ...

דער דאָזיקער קאָמבינאַט איז אַזוי ריזיק, אַז דער הויפּט־דירעק־טאָר, וואָס איז אַגעוו אַ ייִד, און וואָס איז שוין 5 יאָר אַף זײַן אַמט, האָט נאָך ניט באַוויזן צו זײַן אומעטום אין דער פאַבריק. עס זײַנען פאַראַן אָפּטיילונגען, וואָס ער האָט נאָך בעמעשעך פון די 5 יאָר ניט באַוויזן צו באַזוכן, און אַ דירעקטאָר איז ער זייער אַ טעטיקער און רי־רעוודיקער, ווי אַלע הויך־קוואַליפיצירטע מענטשן אין דער סאָציאַליס־טישער ווירטשאַפט...

דער קאָמבינאַט, װאָס די הייך זײַנע גרייכט צו איבער אַ צענדליק שטאָק און װאָס האָט אַ צוגאָב פֿון עטלעכע פֿליגל־ביניאָנים, פֿאַרנעמט פֿופֿציק טויזנט קוואַדראַט־מעטער. ער איז אַרומגעגאַרטלט מיט אַן אַר־קאַדן־גאַלעריע. יעדער איינער פֿון די בויגנס פֿון דער אַרקאַדע רוט אױף 2 זײַלן, װאָס טראָגן אױף זייער „קאָפּ" אַ ברייטן אונטערשפּאַר, אין דער פֿאָרם פֿון אַ קוב. דער דאָזיקער סטיל איז טיפּיש רומעניש און מען באַגעגנט אים אומעטום, אַפֿילו אין די ביניאָנים פֿון די אַמבאַסאַדעס װאָס דאָס לאַנד האָט אין אויסלאַנד.

ביכלאַל, זעט מען אין ערגעץ ניט קיין גראָע, בלינדע פֿאַבריק־װענט און קיין אומעטיקע מויערן. די סאַמע פּראָזאַישסטע ביניאָנים זײַנען געפּאָרט מיט שיינקייט, און ניט סתּם מיט שיינקייט, נאָר מיט פֿאָלקס־נאַציאָנאַלער סטילפֿולקייט.

דער קאָמבינאַט איז אַזוי „קאָמבינירט", אַז ער איז אומאָפּהענגיק פֿונעם דרויסן. ער האָט אַן אייגענע עלעקטרישע סטאַנציע, אַן אייגענע ראַדיאָ־סטאַנציע, קאַנטינעס, קינאָס, אַ ביבליאָטעק, אַ פּאָליקליניק, סאַ־נאַטאָריעס, בעדער, שולן, קינדער־גערטנער, יאַסלעס, ספּאָרט־פּלעצער אאַ"וו.

עס אַרבעטן 6,000 אַרבעטער — אַ העלפֿט באַ רעדאַקציע־אַרבעט און אַ העלפֿט װי טעכניקער־מעכאַניקער. 70 פּראָצענט פֿון די טעכניקער זײַנען יוגנטלעכע, און 60 פּראָצענט פֿון אַלע אַרבעטער זײַנען פֿרויען. פֿאַר די יוגנטלעכע, װאָס װילן שטודירן, פֿונקציאָנירט אין דער פֿאַבריק אַן אָונט־ליציי. זיי אַרבעטן מיט אַ שעה װייניקער און אין דער באַ־קוועמסטער טורנע. 20 פּראָצענט פֿון די יוגנטלעכע נוצן אויס די דאָ־זיקע פּריווילעגיע. אויסער דעם פֿונקציאָנירן באַ דער פֿאַבריק 2 שולן אױף צו פֿאָרמירן טעכניקער. פֿאַראַן פּערמאַנענט טויזנט אַזוינע שילער.

אינעווייניק איז די פֿאַבריק פֿול געװען מיט ליכטיקייט און ריינ־קייט. די שווערע דרוקמאַשינען זײַנען ניט פֿאַרגראָבן אין די קעלערן נאָר רוען אין גערוימע, געדיכט־באַפֿענצטערטע זאַלן. פֿאַראַן מאַשינען װאָס פֿאַרנעמען אַן אָרט פֿון 5 העלפֿאַנטן, אָבער ס'איז ניטאָ קיין סימן פֿון ענגשאַפֿט. עס דוכט זיך נאָכאַנאַנד אויס, אַז עס איז פֿאַראַן צופֿיל אָרט...

מיר האָבן געשפּאַצירט צווישן די נאַקעטע טאָרסן פֿון די הונדער־טער מאַשינען און ניט געשפּירט דעם כאַראַקטעריסטישן שאַרפֿן אויל־שוויים פֿון די שטאָלענע קערפּערס. אומעטום איז געװען לופֿטיק, און די

מאַשינען האָבן געגלאַנצט ווי זיי וואָלטן אָקערשט פון באָד אַרויס... אַ טייל מאַשינען זײַנען געווען באַצירט מיט רויטע פענדלעך, ווי אַ באַווײַז אַז זייער מאַנשאַפט איז פּרעמירט געוואָרן פאַר דערגרייכן הויכע אַרבעט־נאָרמעס. אין יעדן זאַל האָבן, פון ספּעציעלע געשטעלן, אַראָפּגעשמייכלט צו אונדז די בילדער פון די שלאָגלער און אויסטויגער.

מיר האָבן זיך אַזויפיל געדרייט אַרויף, אַראָפּ און צווישן, אַז מיר האָבן שוין ניט געוווּסט וווּ איז דער אָנהייב און וווּ איז דער סאָף, וווּ דער אויבן און וווּ דער אונטן...

אין אַ ייִדישלעכן דײַטש האָבן מיר זיך שפּעטער צעשמועסט מיטן ייִדישן דירעקטאָר פון קאָמבינאַט, אין זײַן מאָמעש מיניסטעריאַלן קאַבינעט.

אויף דער פראַגע, צי עס אַרבעטן ייִדן אין קאָמבינאַט, האָט ער אונדז געענטפערט „זייער אַ סאַך". די גענויע צאָל אָדער דעם פּראָצענט האָט ער ניט געקענט אָנגעבן, ווײַל קיינעם פאַלט גאָר ניט אײַן פעסטצושטעלן אַזוינע אומנייטיקע, ניט־וויזנטלעכע זאַכן. אַלע זײַנען אַזוי צונויפגעלעבט און צונויפגעאַרבעט, אַז קיינעם פאַלט גאָר ניט אײַן אָפּצושטעלן זיך אויף דער פראַגע: יאָ ייִד, ניט ייִד. מען ווייס ווער עס איז אַ ייִד, אָבער מען ציילט ניט און מען טײַטלט ניט מיטן פינגער. ניט די רומענער, ניט די ייִדן טוען עס, ווײַל — צוליב וואָס? דערפאַר קלינגען די אויסלענדישע נאָכפרעגענישן, אין דעם זינען, קאָמיש און טשודאַקיש פאַר אַ רומענישן בירגער.

דער דירעקטאָר האָט גלײַך פון אָנהייב געזאָגט „איך בין אַ ייִד". געזאָגט האָט ער עס אָן שטאָלץ און אויך אָן וועלכע ניט איז קאָמפּלעקס, נאָר ווי אַ דעטאַל וואָס מען באַהאַלט ניט אויס און וואָס שפּילט קיין שום ראָל ניט, ניט צום שלעכטן און ניט צום גוטן.

אַ פאַבריק וואָס באַנייט און באַקליידט

עטלעכע קילאָמעטער הינטער בוקאַרעשט האָט אונדז פאַרשטעלט דעם וועג אַ צווייטער ריז — די קליידער־פאַבריק „געאָרגע געאָרגיו דעזש", וואָס אַרבעט אויס אַלע סאָרטן קליידער, זאָקן און טריקאָטאַזש, אין 48 פאַרשיידענע דעפּאַרטאַמענטן.

דער קליידער־קאָמבינאַט האָט אונדז אויפגענומען מיטן גלאַנץ פון זײַנע עטלעכע טויזנט פענצטער און מיטן דופט פון זײַנע גערטנדלעך, וואָס זײַנען אַרײַנגעשניטן צווישן די פאַרשיידענע פאַבריק־קאָר־

פוסן. די פאַבריק־הייפן באַשטייען דאָ ניט פון נאַקעטן אַספאַלט און הוילן ברוק. אַלע צענטראַלע שטאָכים זײַנען באַגראָזיקט, באַבוימט און באַבלומט. פאַר די פאַבריק־קאָמיאָנען זײַנען באַשטימט ספּעציעלע גע־פלאַסטערטע וועגן וואָס ציען זיך בײַ די ראַנדן פון די גערטנדלעך.

אין קאָראַלס צײַטן האָבן זיך אויף דעם אָרט געפונען עטלעכע היל־צערנע באַראַקן, ווו מען האָט געלאַטעט סאָלדאַטסקע קליידער. דער 23טער אויגוסט האָט דאָס פּריִערדיקע אָפּגעמעקט פון דער ערד און אויפגעשטעלט אַ קייט פאַבריק־פּאַלאַצן, וואָס צוזאַמען בילדן זיי די גרעסטע קאָנפעקציע־פאַבריק פון דאָרעם־מיזרעך אייראָפּע. אויך דאָ איז דער דירעקטאָר אַ ייִד. אויך די מערהײַט דירעקטאָרן פון די גרויסע מעלוכישע מאַגאַזינען אין קאָביקן צענטער פון בוקאַרעשט זײַנען ייִדן, וואָס טראָגן אָפן זייער עכט־ייִדישע פאַמיליע־נעמען.

די פאַבריק האָט זיך שנעל פונאַנדערגעבויט און די פּראָדוקציע איז געוואַקסן ווי אויף הייוון... דער גאַנצער פונאַנדערוווּקס איז געקומען פון די אייגענע פאַרדינסטן פון דער פאַבריק. און פאַרדינען פאַרדינט די פאַבריק בעסאַך־האַקל 6 פּראָצענט. אַזאַ פאַרדינסט האָט זי זיך געשטעלט און מער וויל זי ניט, ווײַל די פּראָדוקטן גייען פאַרן פאָלק. די פאַרקויף־מאַגאַזינען, פון זייער זײַט, פאַרדינען 15 פּראָצענט.

עס אַרבעטן אין דער דאָזיקער ריזן־אונטערנעמונג, זיבן טויזנט אַרבעטער, — פון זיי 75 פּראָצענט פרויען. אַלע אַרבעטער האָבן די בעסטע סאָציאַלע פאַרזאָרגונג: קאַנטינעס, ווו די מאָלצײַטן קאָסטן גראָשנס, אָפּרו־הײַזער, זומער־קאָלאָניעס, סאַניטאַרע דינסט און אַלע איבעריקע „לוקסוסן”, וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט בײַם באַשרײַבן דעם פּאָליגראַפישן קאָמבינאַט.

עס איז לײַכט פעסטצושטעלן, אַז עסן, וווינונג און קאָמוניקאַציע קאָסטן דעם אַרבעטער גראָשנס; אַז קינדער־דערציִונג און קינדער־פאַר־זאָרגונג קאָסטן קיין גראָשנס אויך ניט, אַזוי אַז די 800־7 ליי, וואָס אַ דורכשניטלעכער אַרבעטער פאַרדינט, קלעקן אים פולשטענדיק אויף די אַנדערע לעבנס־באַדערפעניש. קוואַליפיצירטע אַרבעטער פאַרדינען דאָפּלט, און ספּעציאַליסטן — נאָך מער. דער אוילעם גייט גוט אָנגע־טאָן און פילט אויס מאַסנווײַז אַלע פאַרווײַלונגס־ערטער.

צווישן אַנדערע זאַכן האָבן מיר אין דער פאַבריק אויך געטראָפן אַ מעכטיקן סינדיקאַט. דער סינדיקאַט געפינט זיך שטענדיק אין פאַבריק גופע און „רעגירט”, אַזוי צו זאָגן, איבער אַלץ, אַפילו דער הויפּט־די־

רעקטאָר איז אַ מיטגליד אין סינדיקאַט, און עס איז אויסגעשלאָסן, אַז עס זאָלן קענען פּאַרקומען וועלכע ניט איז עקאָנאָמישע קאָנפליקטן.

דער סינדיקאַט, אין וועלכן עס זיצן די בעסטע און די געטרײַסטע אַרבעטער, איז דער אויסדרוק ניט נאָר פון די אַרבעטער־אינטערעסן, נאָר אויך פון פאָלקס־אייגנטום. דער פּראָלעטאַריער איז דער פאָלקס־באַלעבאָס, און דער סינדיקאַט זײַנער דאַרף ניט קעמפן קעגן עקספּלואַטאַציע, נאָר זען אַז אַלע אַרבעטער זאָלן יוישערדיק געניסן פון זייערע פּאַרזיכטערטע רעכט און אַז די פּראָדוקציע זאָל אָניאָגן און אַריבעריאָגן די נאָרמעס. פון דער צווייטער זײַט, באַמיט מען זיך צו פאַרבעסערן נאָך מער די לעבנס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער און זייערע פאַמיליעס. אַזוי, לעמאָשל, האָט דער סינידקאַט באַשלאָסן אויסצובויען דע־פּאַרטאַמענטן פאַר זײַנע מיטגלידער, און די ערשטע 48 זײַנען נאָר וואָס „פון נאָדל אַרויס".

עס איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס די איבערגעגעבנקײַט פונעם אַרבעטער וואַקסט אָן אויפהער און וואָס די פאַבריק האָט זיך אײַנגאַנצן אָפּגעווווינט צו פּראָדוצירן אָפּפאַל. ניטאָ מער קיין בראַק, און די פּראָדוקטן זײַנען פון אַזאַ קוואַליטעט, אַז זיי גייען אַפילע אַף עקספּאָרט.

אַזאַ איז דער אויסזען און דער אינהאַלט פון די נײַע פּאַלאַצן, וואָס דער 23טער אויגוסט האָט אויפגעשטעלט. ניט די אַלטע פּאַלאַצן, וואָס דאָס לאַנד האָט געיאַרשנט פון קאַראָלס באַיאַרן, זײַנען רומעניע, נאָר אָט די נײַע ריזן, וואָס זײַנען אַ סינטעז פון פאָלקס־אַרבעט, שיינקײַט און סאָציאַליסטישער שעפערישקײַט.

23. געזעגענונג מיט רומעניע

די באַדײַטונג פון אַ שמייכל

אונדזערע צען רומענער טעג, וואָס אַלע זייערע שאָען און מינוטן זײַנען פול געווען מיט קאַל־טווו, האָבן זיך אײַנציקווײַז געגומען אוועקרוקן אין דער פאַרגאַנגענהײַט.

אויסגעזען האָבן זיי אונדז טאַקע ניט ווי צען נאָר ווי דרײַסיק טעג, ווײַל מיר האָבן געלעבט 3 מאָל אינטענסיווער ווי געוויינטלעך און ווײַל אונדזער לעבן איז געפלאָסן האַסטיק און שיין ווי אַ באַרג־שטראָם

צװישן צעדער־בײמער, אָבער דאָך האָבן מיר זיך ניט ארומגעקוקט װי מיר האָבן זיך געפונען אפן שװעל פון אונדזער דריטן עטאַפּ — ישׂראל.

פון שװעל ביזן אַרײַנגאַנג איז געװײנטלעך ניט מער װי אַ שפּאַן, אָבער, אין אונדזער פאַל, האָט אונדז דער שפּאַן אױסגעזען װי אַן אומענדלעכקײַט, צוליבן צושטאַנד פון אונדזערע איקוף־פינאַנצן. מיר זײַנען גרײט געװען צו פאָרן מיט אַ שיף, טאַסקען זיך מיטן באַן און אפילו „אױלע רעגל" צו זײַן מיט אַנדערע שלעפּ־מיטלען, אַבי אונדזערע געצײלטע, איקופישע פאָלקס־דאָלאַרן זאָלן ניט אױסרינען צו שנעל און מיר זאָלן ניט דאַרפן בלײַבן שטעקן ערגעץ װי שיפּברוכיקע אױף אַן אינדזל. מיר זײַנען טאַקע געפאָרן אין אַ לאַנד װאָס איז, אַזױ צו זאָגן, אונדזערס, אָבער מיר האָבן גוט געװוּסט, אַז דאָלאַרן צעגײען דאָרט װי זאַלץ אין װאַסער...

װי אין יעדער שװערער סיטואַציע, האָבן מיר אױסגעשטאַמלט אונדזער פאַרלעגנהײט פאַר אונדזער מאַלעך־האַגױעל — ד"ר באַקאַל און געבעטן אים, אַז ער זאָל אונדז רעקאָמענדירן עפּעס אַ ביליקן טראַנספּאָרט־מיטל, עפּעס אַ שאָלעם־אַלײכעמדיקן דריטן קלאַס פון װאָס עס זאָל ניט זײַן... מיר זײַנען גרײט געװען מאַקריװ צו זײַן צען טעג פון אונדזער לעבן אױף אַזאַ מין שלעפּ־רײַזע, אַבי מיר זאָלן װיסן אַז מיר װעלן ארוים מיט גאַנצע בײנער, דורכדרײען זיך אין „הײליקן לאַנד" און האָבן מיט װאָס צוריקצוקערן זיך אַהײם.

אױף ד"ר באַקאַלס מילדן פּנים זײַנען אָנגעלאָפן קנײטשן פון פאַרװוּנדערונג. אױף די בלאָנדע, אונטערגעהױבענע ברעמען איז מאַמעש געװען אָנגעשריבן: פײַנע פאָרערס, די ריכטיקע ביניאָמין־האַשלישים, די עמעסע פּראָװינציאַלן...

„װאָס פאַרא שיפן און װאָס פאַרא באַנען? װאָס טוט זיך מיט אײַך?" — האָט ער שטיל אַ מורמל געטאָן. „פון דאַנען קײן ישׂראל קען מען בלױז פליען"...

דאָ האָבן מיר שױן גענומען שמײכלען. „ס'הײסט פליען? װאָס זײַנען מיר עפּעס קאַפּיטאַליסטן? און דער באַגאַזש, װאָס פאַר יעדן איבעריקן קילאָ דאַרף מען צוצאָלן אין מעזומענע דאָלאַרן? װאָס זײַנען מיר עפּעס מענאַכעם־מענדלעך?"...

ד"ר באַקאַל האָט זיך אַ װײַל פאַרטראַכט, און אונדזער טרײַער אַדיוטאַנט און „לעבנס־באַגלײטער" סטאַפּלער האָט צו אונדז אַ פּינטל געטאָן מיט אַן אױג, װי אײנער זאָגט: ד"ר באַקאַל פאַרטראַכט זיך קײנ־

מאָל ניט סטאַם אַזוי, קיינמאָל ניט אומזיסט; אויב ער טראַכט, איז אַ סימען אַז עס פּיקט זיך אָן אויסוועג...

א ווײַלע שפּעטער האָט באַקאַל עפּעס אַ שושקע געטאָן אין סטאָפּ־לערם אויער. נאָכדעם האָט ער צו אונדז אַ שמייכל געטאָן מיט איינעם פון זײַנע גוטע, בלייבע שמייכלען און איז אַריבער אינגאַנצן אַף אַן אַנדער טעמע...

זײַנען מיר געבליבן שטאַרק צעטומלט, אָן אַן אייצע און אָן אַן אויסוועג, און אַזוי ווי די שרעק האָט גרויסע אויגן, האָבן מיר זיך פאַר־געשטעלט אַז אונדזער לאַגע איז אַזאַ שווערע, אַז אַפילו דער אַלמעכ־טיקער באַקאַל פילט זיך לעגאַבע איר אוממעכטיק...

אַף מאָרגן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דאָס שמייכעלע באַקאַלס איז ניט געווען סטאַם קיין שמייכעלע. דאָס שמייכעלע האָט באַדײַט: מיר פליִען קיין יִשׂראָעל דורך גריכנלאַנד, אַפן כעשבן פון דער פעדע־ראַציע פון די קעהילעס, צוזאַמען מיט אונדזער גאַנצן געפּעק, כאָטש מען האָט געדאַרפט פאַר אים דערצאָלן מער וויפל ער איז ווערט געווען...

דער גוטער באַקאַל האָט עס אונדז ניט געוואָלט זאָגן דירעקט, קעדיי ניט צו פילן זיך אומבאַקוועם ווען מיר וואָלטן אים אָנגעהויבן צו דאַנקען...

רעמינעסצענצן אַפן וועג

אַרויסגעפלויגן זײַנען מיר אין פריִען פאַרטאָג, און ניט געקוקט אַף דער דאָזיקער גראָ־קאַלטער שאָ, האָט זיך, פון אונדזער קאָוועד וועגן, געפונען אַפן אַעראָדראָם דער גאַנצער פּרעזידיום פון דער פעדעראַציע פון די קעהילעס, בעראָש מיט באַקאַלן און פעלדמאַנען. עס האָבן זיך איבערגעבאַזערט די רירנדיקע סצענעס פון צען טעג צוריק אַפן בוקאַ־רעשטער וואָגזאַל, אָבער אַף אַ וויניקער צערעמאָניאַלן און מער אינטים־כאַווערישן אויפן.

דער קליינער רומענישער אַוויאָן, פון סאָוועטישן אַפּשטאַם, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע אַוועקצוטראָגן אונדז קײַן אַטען, האָט אונדז געגעבן אַ פלינקן הויב־אויף און גענומען שנײַדן אין דער לענג דעם באַלקאַן.

אַ זיסלעכע שוואַכקײַט האָט גענומען באַזיגן די אויגן־לעפלעך, אָבער איידער דער דרימל האָט זיי באַוויזן צוצושליסן, האָבן גענומען

קרײַזן אין אַ קאַראַהאָד געשטאַלטן און בילדער פון דער רומעניִשער ערד, װאָס האָבן אונדז געהאַלטן אין אײן נאָכיאָגן.

אָט איז פּאָליאַ באַראַש, — די הױפּט־אינספּעקטאָרין פון די שולן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן, — אַ האַרציקע ייִדישע פרוי, מיט אַ מאַלכעסדיקן אױסזען און מיט אַ געשטעטל פון מירעלע עפראָס. זי רעדט צו מיר אױף ייִדיש און העברעיִש װעגן איר מאַמישער ליבע צום ייִדישן שולװעזן און צום נײַעם פּאָליטישן און פּעדאַגאָגישן סיידער. עס איז גוט צו הערן די דאָזיקע רייד, װײַל דאָס רעדט די רומעניִשע מעלוכע דורכן מויל פון פּאָליאַ באַראַש.

אָט איז סימעלע שנײַדער — די צאַרטע גאָלד־בלאָנדע דיכטערין און געהילף־רעזשיסערין פון יאַסער מעלוכע־טעאַטער. זי רעדט אַרױס צו מיר פון איר לעצטן בוך „לידער":

„עס האָט די פרײ־האַרבסטיקע זון אין כאַפּערעלעך געשפּילט מיט מיר...
זיך געטוליעט הינטער די בערעזעס, הינטער יעדן דעמב,
מיט די שטראַלן צערטלעך מײַנע האָר צעקעמט,
אין אַ שטראַלן־פּעטליע מיך אַרײַנגעכאַפּט —
און געלאַכט, זיך גינגאָלדן צעלאַכט".

אָבער זי װײס װעמען זי האָט צו פאַרדאַנקען איר „פרייד פון רײַפער מי", און דערפאַר זאָגט זי צו איר פּאַרטײ:

„אַזױפיל װונדן האָבן טורמע־קייטן אױסגעריבן,
אַזױפיל קעמפער — פײַן געטרונקען ביזן ראַנד,
ביז ס'איז דער לעצטער טפּיסע־מױער אײַנגעפאַלן
אין יענעם זומער־טאָג דעם 23טן אױגוסט . . .
אַזױ פיל װעגן זײַנען מיר מיט דיר שױן אױסגעגאַנגען
און טאָמיד האָסטו גוט דעם װעג געװוסט".

אָט איז דאָס שטעטעלע באַקאָו, מיט איר ייִדן־געדיכטעניש, מיט אירע פּראָסטע קוקורוזע־ייִדן, מיט איר אַמכאָ, מיט די מאַמעליגע־ברײדער אונדזערע. אָט זײַנען אירע שילדן מיט ייִדישע נעמען אױף געװעלבלעך פון האַנטװערקער: כאַים יאָסל לייבאָװיטש, אַװראָם מױשע סעגאַל, לייבאַ מענדעלעװיטש אאַ"װ. אָט איז דער פּאָלקסטימלעכסטער פון די 50 ייִדישע דאָקטוירים פונעם שטעטל און אומגעגנט — אַ פּאָלקס־דאָקטער אױפן

שטייגער פון אונזער נויעך יאַרטשאָ אין די ענטרע־ריאָסער קאָלאָניעס און פון צעמעך שאַבאַד אין ווילנע.

אָט איז דער דאָרפישער ערדוועג, וואָס ציט זיך פון באַקאַו קיין יאַסי און וואָס פירט אונדז אַרויף אַף די שפּורן פון אונדזער וויטיק. צוויי שטעטלדיקע אַלט־אַלטיטשקע בייסוילעמס, מיט האָריזאָנטאַלע, אויסגעצויגענע מאַצייוועס, ווײַזן אונדז זייער „מאָדערנעם" טייל — די ייִדישע ברידער־קווערים פון 15 יאָר צוריק. די קדושים־ערד איז אײַנגעהילט אין אַן אַספאַלט־צודעק, וואָס ציט זיך צענדליקער מעטער אין דער לענג און אין דער ברייט. אַף אַ נאַקעטער וואַנט זײַנען אַרײַנגעקריצט שוואַרצע, האַרצרײַסנדיקע אָנדענק־ווערטער, וואָס פלעכטן זיך צונויף מיט לויבריד צו דער רויטער אַרמיי.

אָט איז די לעבעדיקע ייִדן־שטאָט יאַס, מיט איר צאַפּלדיקער ייִדישסאָציאַליסטישער קולטור און מיטן געפלאָנטער פון אירע אַלט־ייִדישע געסלעך, ווו עס זײַנען פאַרטייעט און צונויפגעהאָרבט 65 באָטעמעדראָשים, מיט אַלטע קונסט־שניצערײַען, ריזיקע מענוירעס און מיניאַטורכפּייצים. אייניקע פון די דאָזיקע באָטע־מעדראָשים שטייען שוין אַזוי, אין דער יאַסער ענגשאַפט, איבער 300 יאָר... און אָט איז די באַרימטע „גוליע" — די פעסטונג און מאָנאַסטיר פון איבער 400 יאָר צוריק, ווו די טערקן פלעגן ברעכן האַלדז און נאַקן...

און מיטאַמאָל גיט אַ שײַן אין די אויגן און אַ גרימפּל אין די אויערן אַ זונטיקדיקער פאַרנאַכט אין איינעם פון די פאָלקס־גערטענער הינטער בוקאַרעשט. דער גאָרטן איז פול ווי אַן אויג מיט שוימענדיקן פאָלק און אַף די הונדערטער טישלעך „גיסט זיך" ביר און ווײַן. פון איין טישל צום צווייטן באַוועגן זיך „מוזיקאַלישע בעטלער", וואָס שפּילן אונטער אַף פידלען און האַרמאָניקעס. איין פּאָרל אונטערשפּילער גייט אַוועק און גלײַך רוקט זיך צו אַ צווייטס און גרימפּלט ווײַטער. דאָס דאָזיקע קסיידערדיקע אונטערשפּילן איז מאַמעש אַ טייל פונעם מעניו...

עס ווערט פינצטער, און מיר פאָרן צוריק אַף אַ וועג, וואָס איז פוןביידע זײַטן געדיכט אויסגעזעצט מיטביימער, און וואָס די שטאַמען זייערע זײַנען אָפּגעשמירט מיט קאַלך. די שנעלקײַט פון אויטאָ שאַפט אַן אָפּטישע אילוזיע: די ווײַסע פּאַסן אַף די ביימער גיסן זיך צוזאַמען און עס דוכט זיך אויס אַז פון ביידע זײַטן וועג ציִען זיך ליכטיקע שניי־פעלדער, אין מיטן פון דער נאַכט...

און אָט זײַנען מיר ווידער אין בוקאַרעשט, וואָס איז פול מיט נאַכטיקער געמיטלעכקײַט און מיט אַזאַ אָנגענעמער שטילקײַט. די גאַסן זײַנען

פול מיט מענטשן, מיט שפּאַצירער און געניסער, אָבער ס'איז ניטאָ קײַן הו־האַ. עס דוכט זיך אױס, װי מענטשן װאָלטן געגאַנגען אױף די שפּיץ פינגער. עס קאָכט די שטאָט, אָבער מיט אַזאַ שטילקײַט, מיט אַזאַ מין מישפּאָכע־געמיטלעכקײַט, אַז אין מיטן גאַס, דוכט זיך אױס, איז מען בײַ זיך אין דער היים...

טרעטן מיר אױך, אין דער שטילער ענגשאַפט, מיט זײַדענע טריט; שטיל, שטילער, צום שטילסטן און גאָר שטיל...

די אױגן־לעפּלעך לאָזן זיך אַראָפּ און דער ערשטער לופט־דרעמל באַהערשט דעם מידן גוף...

אַ גוטער אונטערצי

אַז מיר מאַכן אַ קאַלטן אונטערצי װעגן רומעניע, װערט אונדז גראָד װאַרעם, גוט װאַרעם.

אין דער נאָכמילכאָמעדיקער רומעניע זײַנען ניט געװען קײן פּאָליטישע אױפטרייסלונגען, עס איז ניטאָ קײן פּאַרפּלאָנטערטע ייִדישע פּראָבלעמאַטיק, עס זײַנען ניטאָ קײן רעפּאַטריאַנטן און עס איז ניטאָ קײן בעהאָלע און קײן קלימאַט פון אומזיכערקײַט. די ייִדישע באַפעלקערונג, אַ פערטל־מיליאָניקע, איז אַ גרינטלעך־אײַנגעזעסענע, אַ סאָציאַליסטיש־גלײַכבאַרעכטיקטע און אַ נאַטירלעך־צונױפגעלעבטע מיט דער ארומיקער באַפעלקערונג.

די זאָרג צו מאַכן זאָרגלאָז דעם אַרבעט־מענטש איז דער הױפּט־ציל פון דער אײגענער, לײַבלעכער פאָלקס־מעלוכע. דער שטאָלצער אױסדרוק „אונדזער מאַכט", „אונדזער פאָלקס־רעגירונג", גײט ניט אַראָפּ פון די ליפּן פון קלײן און גרױס, פון ייִד און ניט־ייִד.

די צען טעג װאָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין רומעניע און „אױסגעפירט די פּראָגראַם", האָבן אונדז דערמעגלעכט צו זען אַ גליקלעך לאַנד און אַן אַמכאָדיקן ייִדישן יישעװ, װאָס האָט ניט קײן אַלגעמײן־פּאָליטישע און קײן ספּעציפיש־ייִדישע אָנגעװײטיקטקײַטן, און װאָס אַלע זײַנע קולטורעלע, אינסטיטוציאָנעלע און געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן װערן באַפרידיקט דורך דער מעלוכע, — אַ מעלוכע, װאָס איז ניט קײן אָנגעברױגזטער פּאַריץ און ניט קײן װײַטער פעטער, נאָר דער אױסדרוק גופע פון פאָלק, און בעמײלע אױך פון יענעם טײל פאָלק װאָס די ייִדן שטעלן פאָר מיט זיך.

ד.

אַף דער ערד פון פּראָמעטעוסן

24. אַ מעסלעס אין גריכנלאַנד

פון אויבן און פון אונטן

ד"ר באַקאַלס שמייכל האָט ניט נאָר געעפנט פאַר אונדז דעם לופט־וועג קיין יִשׂראל, נאָר האָט אויך מעגלעך געמאַכט, אַז מיר זאָלן פאַר־ווירקלעכן אומגעריכטערהייט דעם טוריסטן־באַלעס פון יעדן באַסער־וועדאַם — זען גריכנלאַנד. און טאָמער איז עס ווינציק געווען, האָבן מיר, אין זכות פון זעלבן שמייכל, דורכגעמאַכט דעם שפּעטערדיקן עטאַפּ אַטען־לוד אין אַ צאַפּן־אַמעריקאַנער דזשעט־עראָפּלאַן.

נאָכדעם ווי אונדזער רומענישער אַוויאָן האָט זיך 2 מאָל אַראָפּ־געלאָזט און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם אַף בולגאַרישער און יוגאָסלאַווישער ערד, האָט ער שנעל אָפּגעפונען אַטען און גענומען דרייען זיך איבער דער שטאָט, וואָס איז „דאָס וויג פון גריכנלאַנד, די מוטער פון די קונסטן און פון דער רעטאָריק".

די העלענישע ערד האָט אונדז געוויזן אַ פּאַנעם פון ליים־קאָליר, און דער עגייִשער יאַם האָט בלאָלעך צוגעשמייכלט. די אַלט־היסטאָרישע ערד האָט אויסגעזען פון אויבן ווי אַ שטאַרק־אויסגעטראָטענע, אַ פּליכע־וואַטע, אַן אָפּגענוצטע פון דער געשיכטע און פון די יאָרהונדערטער, וואָס האָבן געשפּאַנט איבער איר מיט מילכאָמע און מיט פײַער.

די שטאָט האָט זיך עטלעכע מאָל געשטעלט פּאָפּעריק, צוליב די שאַר־פע אויסבויגן וואָס דער אַוויאָן האָט געמאַכט. איין מאָל און אַ צווייטן מאָל האָט ער דורכגעמישט די פונאַנדערגעעפנטע שטאָט, ווי די בלעטלעך פון אַ בוך, — און אָט זײַנען מיר שוין אין העלעניקאָן — דעם אינטער־נאַציאָנאַלן עראָדראָם פון אַטען, אין מיטן פון אַ יאַריד פון לופט־שיפן, אַלומיניום־פליגל, צערווישטע פּראָפּעלערס, פײַפעריַיען פון סילאָן־אַוויאָנען און מאָטאָריזירטע „זשוקעס", וואָס לויפן באַדינען די אַוויאָנען מיט נאַפט, אויל, לופט און וואַסער.

איבער אַ מעסלעס האָבן מיר צו וואַרטן אַף אַ צווייטן אַוויאָן. ווערן מיר, פון דער העלער הויט, טוריסטן און מיר זײַנען גרייט „אײַנצושלינ־גען" גאַנץ גריכנלאַנד אין געציילטע שאָען.

די פּאַרשטאָטישע אומגעגנט פון אַטען גיט אַף אונדז אַן אָטעם מיט געמיטלעכקייט. פּאַראַסאָל־צעדערן און אייל־בערט־בוימער, און געפּוצטע שטיבעלעך, און אַ מילדע זון, און אַ דורכזיכטיקע לופט, גיסן אַן די אויגן און דאָס האַרץ מיט יענער וואַרעמקייט וואָס מאַכט ליב דאָס לעבן.

די שטאָט גופא איז געבויט אין אוניווערסאַלן סטיל פון דער מאָדערנער צעמענטענער ציוויליזאַציע, אָבער אין אַלע ווינקעלעך איז צעשאָטן געשיכטע און עס איז אָנגעבראַכט מירמלנע שיינקייט פון די אַלט־קלאַסישע צייטן, מיט 2.500 יאָר צוריק, ווען גריכנלאַנד איז געווען דער סאַמע העכסטער שפּיץ פון דער געלערנטער און קלוגער וועלט.

צוקאָפּנס פון דער שטאָט הייבן זיך בערג, וואָס די רוקנס זייערע זיינען איינגעהילט אין באַזוועגלעכע נעפּלען. אַ פּאָר באַרג־ווינקלען זעען אויס ווי עס וואָלטן געלעגן אַף זיי שטיקער נאַכט. אַף די דאָזיקע באַרג־שפּיצן, פאַרבאָרגענע הינטער נעפּל־פּאָרהאַנגען, וווינען, לויט דער מיטאָלאָגיע, קריגערישע און אייפערזיכטיקע געטער און געטעכעס. דער אויסזען פון די איבערגעדעקטע בערג קען טאַקע שאַפן דעם איינדרוק, אַז עפּעס דאַרף דאָרטן געשען, און אַזוי ווי ס'איז הויך און פאַרבאָרגן, איז דאָך קלאָר, אַז דאָס איז אַן איניען פון געטער...

אונטן רוישט מיט איינפאַכן לעבן און דאָס פאָלק האָרעוועט אַף פּאַרנאָסע, ווי אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט. אַלץ איז פּראָזאַיש און געוויינטלעך. דאָך באַמערקן מיר אין די גאַסן נישט־געוויינטלעכע און, דוכט זיך, ווייניק־גריכישע זאַכן: מיליטערישע דזשיפּן, אויטאָס און אָמניבוסן, וואָס אַף זייערע פּאַטענט־בלעכלעך איז אָנגעשריבן ניט „אַטען" און ניט „גריכנלאַנד", נאָר:

U. S. Air Force, U. S. Army, U. S. Navy

(אַמעריקאַנער לופט־קויכעס, אַמעריקאַנער אַרמיי, אַמעריקאַנער פלאָט)...

זיי פילן זיך דאָ, קענטיק, ווי בא זיך אין דער היים, און זיי ברענגען אויך גרויסע נוצן דעם לאַנד, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט און ווי מיר האָבן זיך גלייך פאַרגעשטעלט...

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, ווען מיר זיינען שוין געשוווּמען צוריק אַהיים, האָבן מיר אָנגעטראָפן אַפן שיף 2 באַלעבאַטישע גריכן — אַן אורוגווייער און אַ בראַזיליענער. ביידע, פאַרבענקטע נאָך זייער פאָטערלאַנד, זיינען געווען געקומען קיין גריכנלאַנד אַף אַ לענגערער שטיקל צייט, און קיינער, האָבן זיי געזאָגט, קען גאָרנישט אָפּשאַצן זייער גליק וואָס זיי איז געלונגען צו אַנטלויפן פון דאָרט, קוים עטלעכע טעג נאָך זייער אָנקומען. עס ווייזט זיך אַרום אַז־וואָס:

עס זײַנען פֿאָרגעקומען װאַלן אין לאַנד, און די מאָנאַרכיסטיש־קאָנ־סערװאַטיװע רעגירונג האָט דורך פֿאַרשיידענע „פּאַטריאָטישע" דרײדלעך, געצװוּנגען די אַרבעטער אין די פֿאַבריקן און די סאָלדאַטן אין די קאַזאַר־מעס צו שטימען פֿאַרן פּראָ־פֿאַשיסטישן רעזשים. דאָס פֿאָלק איז מאַסנ־װײַז אַרױס אין די גאַסן מיט געשריי און פּראָטעסט, און ס'האָט געהאַלטן באַ אַן אָפֿענעם בירגער־קריג. האָט דער אַמעריקאַנער פֿלאָט און אַרמיי, װאָס געפֿינען זיך אין גריכנלאַנד אַף צו „ראַטעװען דאָס לאַנד פֿון סאָװעט־טישן אָנגריף", אָקופּירט די גאַנצע שטאָט, און די רעגירונג האָט גלײַך געװוּנען די װאַלן... די קאָרעספּאָנדענטן פֿון די אַמעריקאַנער נײַס־אַגענ־טורן האָבן דערציילט דער װעלט װעגן אַ רירנדיקער װאַל־אידיליע און װעגן געזונטן בירגערלעכן כוש פֿון גריכישן פֿאָלק...

גלײַך נאָכן „זיג" איז אױסגעבראָכן אַזאַ פּאַניק צװישן פֿאָלק און עס האָבן זיך פֿאַרשפּרייט אַזעלכע אַלאַרמירנדיקע קלאַנגען, אַז בײדע געסט האָבן געהאַלטן פֿאַר געזונטער אָפּצוציען װאָס שנעלער. דאָס אײנציקע װאָס זײ האָבן מיטגענומען פֿון דער אַלטער, זיסער היים איז פֿאַרביטערונג און באַליידיקונג. זײ האָבן זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז זײער פֿאָטערלאַנד װעט ליגן אַזאַ נעבעכדיקע און אַזאַ פֿלאַטשיקע אונטער די 48 שטערן פֿון אַ פֿאָן װאָס איז ניט זײערע...

בײדע באַלעבאַטישע גריכן, װאָס האָבן „געמאַכט אַמעריקע", האָבן שטילערהייט און מיט פֿאַרזאָרגטע פּנימער צוגעגעבן:

קיין עמעסער אױסװעג איז ניטאָ, װײַל זאָל נאָר דער לעצטער אַמע־ריקאַנער טאַנק פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, איז קיין ספֿק ניט, אַז גלײַך װעט דאָרט אױפֿקומען אַ לינקע אָדער גאָר קאָמוניסטישע רעפּובליק, װײַל יע־דער צװײטער גריך איז אַ קאָמוניסט אָדער אָנגעשטעקט מיט רויט־עקס־טרעמיסטישע אידעען, צוליב דער אומגעהויערער אָרעמקייט און יאַקרעס. יעדן מאָמענט קען עפּעס געשען און עס װעט מוזן אױפֿרײַסן אָדער פּלאַצן. דעריבער דאַרף יעדער אָנשטענדיקער גריך אין אױסלאַנד פֿאַרגעסן װעגן זײַן פֿאָטערלאַנד. דאָס איז די גרױסע לערע, װאָס זײ פֿירן מיט זיך. זײער רײַזע האָט זײ דערמעגלעכט דורכצופֿירן אַ נײטיקע אָפּעראַציע — אױס־היילן זיך פֿון אַלע בענקענישן. זײ האָבן אױסגעװאָרצלט פֿון זיך יעטװידן היימלאַנד־סענטימענט... װאָס פֿאַרא סענטימענטן קען מען דען האָבן צו דער איצטיקער װירקלעכקייט און צו דעם װאָס קען קומען?...

נאָך „אונטערשטע" גערוסן

ווען מיר האָבן זיך געקליבן צו פאַרלאָזן אונדזער אַטענער האָטעלכל, האָבן מיר זיך אין האָל אָנגעטראָפן אַף אַ טומל און אַף אַן אומגעווייִנט־לעכער צערודערונג.

די באַאַמטע זײַנען אַרומגעלאָפן פאַרסאָפּעטע און נערוועזע, גע־שלעפּט בעטן און מאַטראַצן, און געהאַלטן זיך אין איין אַנטשולדיקן פאַר מענטשן מיט לאַנגע, אומעטיק־מידע פּנימער.

— וואָס איז געשען? ס'ברענט? — האָב איך געפרעגט אין אַ פראַנ־צויזישן גריכיש.

אַ שוואַרץ גריכל האָט אַ ווײַז געטאָן מיט זײַן גאָמבע אַף דער אַרײַנ־גאַנג־טיר און געענטפערט אַף אַ גריכישן ענגליש:

— מען דאַרף מאַכן אַן אָרט פאַר די אַמעריקאַנער...

אַנטקעגן אַרײַנגאַנג איז געשטאַנען אַ גרויסער מיליטערישער אָמני־בוס, מיטן בלעכל U. S. Air Force, אָנגעפּילט איז ער געווען מיט יונגע אַמעריקאַנער פרויען און מענער, וואָס זײַנען אָקערשט עוואַקויִרט געוואָרן פון ביירוט, ווו ס'האָט אין יענע טעג געברענט דער לעוואַנענער בירגער־קריג.

אומעטום אין נאָענטן מיזרעך זײַנען „פּאַרזייט" אַמעריקאַנער, און ווי נאָר ס'ווערט זיי ערגעץ ענג, עוואַקויִרט מען זיי קיין אַטען — דעם גענע־ראַל־שטאַב פון די צאָפן־אַמעריקאַנער אינטערווענץ־קויכעס אין דאָרעם־מיזרעך אייראָפּע...

אַביסל האָבן מיר זיך געוווּנדערט וואָס אַזוינע אָנגעזעענע לײַט דאַרפן אָנקומען צו אַ האָטעלכל פון אַ קאַטעגאָריע וואָס פּאַסט פאַר איקוף־מענטשן, אָבער געענטפערט האָט מען אונדז אַז גאַנץ אַטען איז איבערגע־פּולט מיט אַמעריקאַנער און אַז אין ערגעץ איז שוין מער קיין אָרט ניטאָ.

אַף די פּנימער פון די ניט־אויסגעשלאָפענע און צעבראָכענע אַמע־ריקאַנער האָט זיך געשאָטנט אַן אויסדרוק פון ווייטיק און שיר ניט פון „וועלט־שמערץ", ווי ס'פּאַסט פאַר וועלט־פּאַרזאָרגער... זייערע ביטערע און זויערע מינעס זײַנען געוואָרן נאָך כווישעבדיקער, ווען זיי האָבן באַ־מערקט, אַז מען האָט ניט צוגעגרייט פאַר זיי קיין וואַלדאָרף־אַסטאָריאַ־האָטעל...

דורך אַ ריינעם צופאַל איז אונדז, אַזוי אָרום, באַשערט געווען צו־צוקוקן זיך ווי די אַמעריקאַנער זײַנען זיך מאַקריוו און ווי שווער עס קומט זיי אָן דאָס „ביזנעס" פון ראַטעווען די וועלט...

נאָך דער דאָזיקער אַמעריקאַנער דערפֿאַרונג זײַנען מיר אַרויס זוכן עפּעס שענערס איבער די צענטראַלע גאַסן און בולוואַרן. איינע פֿון די דאָזיקע גאַסן, אַ באַזונדערס קאָכיקע און שיינע, האָט געהערופֿן אונדזער אויפֿמערקזאַמקײַט מיט איר עכט־גריכישן נאָמען: װינסטאָן טשערטשיל...

דער דאָזיקער נאָמען, האָט מען אונדז געזאָגט, איז אַן אָנערקענונג פֿון „גריכישן פֿאָלק" פֿאַר דער ענגלישער הילף, וואָס איז אַזוי ווי אַראָפּ־געפֿאַלן פֿון הימל בעיסן בירגער־קריג, און וואָס האָט באַפֿרײַט דאָס לאַנד פֿון די קאָמוניסטן...

„איין קלייניקייט, טשערטשיל! ווען ניט ענגלאַנד, האַ־האַ־האַ!..."

25. „דער קאָפּ איז אין ענגלאַנד"

אין געיעג נאָך אַלטער שיינקײַט

אַן דאַלמעטשערס און אַן טוריסטן־ביוראָען האָבן מיר זיך אַרויסגע־לאָזט זוכן, אַף בלינד, די היסטאָרישע שיינקײַטן פֿון אַטען.

דורך וועגן און אומוועגן, וואָס מיר האָבן אַליין אַנטדעקט, האָבן מיר זיך גענומען דראַפּען צום שפּיץ באַרג, אַף וועלכן עס געפֿינט זיך דער אַקראָפּאָליס — די קרוין פֿון אַטען און פֿון גאַנץ גריכנלאַנד.

אונטן, אַף אַ שעטעך פֿון 20 העקטאַר, איז די שטיינערנע און ציגלנע ערד צעגראָבן און „אויסגעביינדלט". שוין צענדליקער יאָרן ווי אַרכעאָ־לאָגן פּרוּוון מעבאַיע־מייסים־זײַן דעם סקעלעט פֿון דער גאָר אַלטער אַטען, וואָס ליגט אין כורוועס אונטער דער ערד. אַפֿן אַקראָפּאָליס, וואָס ליגט ניט, נאָר שטייט אין כורוועס, האָט די באַגרעבערישע ערד קײַן שליטע ניט געהאַט. ער לויכט פֿון אויבן, און מיר דראַפּען זיך צו אים, פֿון איין פֿעלז אַפֿן צווייטן. פֿון אַלטקײַט זײַנען די פֿעלזן באַדעקט מיט ברוינלעכע פֿלעקן, ווי די הענט פֿון זקיינים...

נאָך אַ שאָ שטורעמען דעם באַרג, נעמען מיר אים ענדלעך אײַן... אַ מירמלנע ליכטיקײַט נעמט אונדז אַרום און אַ שיינקײַט פֿון דוירעס שלאָגט אַרויס פֿון די כורוועס. „שענער פֿון שיינע זאַכן זײַנען די כורוועס פֿון שיינע זאַכן" — האָט געזאָגט אַ פֿראַנצויזישער עסטעט; מיסטאָמע דער־פֿאַר, ווײַל לויט די כורוועס קען מען זיך פֿאַרשטעלן די ווירקלעכקייט שע־נער ווי זי איז געווען אין דער עמעסן...

דער אַקראָפּאָליס, וואָס איז אַ זאַמלונג פון טעמפּלען, איז אין גאַר אַלטן אַמאָל געווען די פעסטונג פון די אַטענישע מעלאָכים, אָבער שפּע־טער איז ער אוועקגעשאָנקען געוואָרן די געטער. די געטער, וואָס זײַנען לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע אַליין געווען צעקריגט צווישן זיך, האָבן ניט געקענט אײַנהיטן פון פאַרניכטונג די דאָזיקע מענטשלעכע שיינקייט, וואָס מען זאָגט אַף איר אַז זי איז אַ געטלעכע...

דער געטלעכער באַרג האָט דערגרייכט צום העכסטן שפּיץ פון זײַן שיינקייט אין פּעריקלעסעס צײַטן, אין 5טן יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן; די מילכאָמעס האָבן אָבער געריסן פון אים שטיקער. די ספּאַרטאַנער, די פּערסן, די רוימער, די ביזאַנטינער, די קריסטן, די טערקן, האָבן דאָ גע־ראַבירט און געסאַרפּעט, און די ענגלענדער האָבן שפּעטער געטאָן די דאָ־זיקע וואַנדאַלישע אַרבעט אַף אַ פרידלעך־קולטורעלן אויפן...

דעם פאַרמעסט צווישן שיינקייט און מילכאָמע האָט אָבער געוווּנען, ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל ניט זײַן, דאַווקע די שיינקייט, און מיר זעען עס מיט אונדזערע אייגענע אויגן. זי איז טאַקע אַרויס פון פאַרמעסט אַ פאַרוווּנדעטע, אָבער זי איז דאָ. ניט נאָר זעען מיר זי, נאָר מיר טרעטן אַפילע אַף איר...

מיר טרעטן מער ניט אַף ערד, נאָר אַף ווײַסן מירמלשטיין פון פּענ־טעליקיע, וואָס איז צווישן מירמלשטיינער דאָס זעלבע וואָס גאָלד צווישן מעטאַלן.

אַרום אונדז איז אַן אָנגעוואַלגער פון בלאָקן און פון זיילן, אָבער אויך פון שטייענדיקע קאָלאָנעס, וואָס די צײַט האָט ניט אָנגערירט און ניט אומגעוואָרפן. מיר געפינען זיך צווישן די רעשטן פון הויפּט־אַרײַנ־גאַנג צום אַקראָפּאָליס, צווישן די געוועזענע פּירהויזן און גאַלערייעס — די באַרימטע פּראָפּילייען, וואָס פירן גלײַך צום הויפּט־טעמפּל, צום קאָד־שע־קאָדאָשים פון דער גריכישער קונסט — דעם פּאַרטענאָן. דער דאָזיקער טעמפּל איז געווען געהייליקט דער געטין אַטענאַ פּאַרטענאָס, די באַשיצערין פון דער שטאָט און פון מאַלכעס אַטען.

דאָס איז אַ לענגלעכער, פּירעקיקער ביניען, אָן... ווענט. אַנשטאָט ווענט, האָט ער 46 ריזיקע און שלאַנקע זיילן, און אינעווייניק איז ער אויס־געהוילט ווי אַ פּוסטער נוס. געבליבן איז בלויז דער צעשפּאָלטענער מיר־מלנער דיל, די צעבראָכענע טרעפּ און צעמאַזיקטע טיילן פון דער דעקאָ־ראַטיווער סופּער־סטרוקטור, וואָס די זיילן טראָגן אַף זייערע געשניצטע דאָרישע קעפּ.

די אַרכיטעקטאָנישע מײַסטערשאַפט און די סופּער־מאַטעמאַטישע

פֿערפֿעקטקײַט פֿון יעדן זײַל, װאָס זײַנען אַלע קוים־קוים אָנגעבויגן אױף אינעווייניק, און די ליכטיקײַט פֿון אײדעלן מירמלשטײן, שאַפֿן דעם אײַנדרוק פֿון אײן צױבערלעכער סימפֿאָנישער האַרמאָניע, און עס גלויבט זיך קוים, אַז מענטשן זײַנען געווען פֿעיִק אױסצומײַסטערן אַזאַ „געטלעך" װערק, װאָס, פֿאַרניכטעטערהײט, לעבט עס זײַן דריטן יאָרטױזנט...

די צעשטערטע פֿריזן און באַרעליעפֿן, װאָס באַצירן נאָך טײלװײַז די סופּער־סטרוקטור איבער די זײַלן, זײַנען געשאַפֿן געוואָרן פֿון באַרימטן אַלטערטימלעכן סקולפּטאָר פֿידיאַס. זײ שטעלן פֿאָר די קאַמפֿן צװישן די געטער און די ריזן, צװישן די לאַפּיטינער און די צענטאַורן, צװישן די אַטענער און די אַמאַזאָנען; די באַלאַגערונג פֿון טראָיע; דאָס געבורט פֿון אַטענאַ און דעם קאַמף צװישן אַטענאַ און פּאָסעידאָן פֿאַר איבערנעמען די אַפּעטראָפּסעס איבער דער הױפּטשטאָט פֿון דער אַטענישער מעלוכע.

די פֿאַרשײדענע אײנװאַזאָרן האָבן געפּרוּװט „פֿאַראײגענען" דעם פּאַרטענאָן פֿאַר זיך, דורך רעליגיעזער אָקופּאַציע און פֿאַרגװאַלדיקונג. רוים האָט דאָ באַזעצט אירע געצן; די ביזאַנטינער האָבן דאָ אײַנגעאָרדנט אַ קלױסטער, און די טערקן — אַ מעטשעט...

יעדער אַרײַנדרינגער האָט דורך רעליגיעזע באַפֿאַרבעכצן און קריצערײַען אױפֿן מירמלשטײן געװאָלט איבערלאָזן אַ שטעמפּל אױף אײביק, אָבער די יאָרן האָבן אָפּגעריבן די אַרױפֿגעצװוּנגענע „אײביקײַט" און די קלאַסישע אור־שײנקײַט איז געבליבן אַזױ װי פֿריִער. פֿון די איסלאַמישע צײַטן איז אַפֿילו קײן סימען ניט געבליבן. פֿון די רױמישע צײַטן — אַ פּאָר מיִעסע לעכער פֿון די שטאַנגען, אױף װעלכע עס איז געהאַנגען אַ בילד פֿון נעראָנען. פֿון די ביזאַנטינישע צײַטן — אַ געשמאַקלאָזער רױטלעכער פֿלעק, װאָס דאַרף פֿאָרשטעלן אַ קריסטלעכן הײליקן. דער דאָזיקער הײליקער פֿלעק אױפֿן מירמלשטײן מאַכט דעם זעלבן אײַנדרוק, װאָס עס װאָלט געמאַכט אַ בראָדעװקע אױפֿן פּאָנים פֿון װענוס פֿון מילאָ...

אַ גריכישע טוריסטן־פֿירערין שטײט אין מיטן פֿון אַ רעדל מענטשן און דערקלערט די באַדײַטונג פֿון יעדן װינקעלע.

אירע יונגע אױגן זײַנען אַזױ װי נעסטן אָנגעפֿילטע מיט פֿונקען, און אירע רײד קלינגען פּאַטעטיש, װי פֿערזן פֿון אַ פּאָעמע:

„אַמעריקע און ענגלאַנד, און רוסלאַנד, זײַנען טאַקע די מעכטיקסטע און די רײַכסטע מעלוכעס אױף דער װעלט, אָבער דאָס אַלץ איז

גאָרניט אַנטקעגן דעם וואָס מ י ר פאַרמאָגן, בלויז אַף דעם איין באַרג. מיר זײַנען בעעמעס די רײַכסטע און מיר ווילן זיך ניט בײַטן מיט קיינעם, אבסאָלוט מיט קיינעם!"...

אַף די ברילן־גלעזער פון די אַמעריקאַנער טוריסטן האָט זיך אָפּ־געשפּיגלט אַ גלאַנץ פון לײַכטער איראָניע. שטילערהייט און שעלמיש האָבן זיי זיך דורכגעשמייכלט צווישן זיך, ווי איינער זאָגט:

גוט אַזוי: פאַרשיקער זיך, גריכין, מיט דײַנע רייד; פאַרשיקער זיך און רייד זיך אײַן, אַז איר זײַט טאַקע די רײַכסטע; האָב ראַכמאָנעס אַף אונדז וואָס מיר האָבן ניט דאָס וואָס איר פאַרמאָגט; ווי גוט דאָס איז וואָס דו זעסט בלויז דעם אַמאָל און באַמערקסט ניט דעם הײַנט, און וואָס דו ליגסט זיך, ווי אַ וואָרעם אין כריין, צווישן די אַלטע שטיינער; רייד, גריכין, פאַרכלינע זיך מיט דײַנע ווערטער און רייד זיך אײַן אַז מיר זײַנען גאָרניט ווערט לעגאַבע דיר, און כאַפּ זיך ניט, אַז מיר האָבן גאַנץ גריכנלאַנד בא זיך אין קעשענע, צוזאַמען מיט דיר און מיט דײַן אַקראָ־פּאָליס!...

שפּרינגענדיק איבער די צעטראָסקעטע טרעפּ, נידערן מיר אַראָפּ פון פּאַרטענאָן. אַרום און וואַלגערן זיך די כורוועס פון אַלע איבעריקע ביניאָנים פונעם אַקראָפּאָליס, וואָס האָבן ניט געהאַט די גווורע אויסצו־האַלטן אַזוי ווי דער פּאַרטענאָן.

דאָרישע, קאָרינטישע און יאָנישע זיילן, דין ציזעלירטע און קינסט־לעריש פּערפעקטע, וואַלגערן זיך אומעטום, ווי שטאַמען פון אָן אויסגע־האַקטן ווײַסן וואַלד, צווישן שפּליטערס פון קינסטלערישן ברוכוואַרג. מיר באַגעגענען אויך אַ ריי סטאַטועןן, און מיר קענען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס זײַנען בא דער מערהײַט פון זיי אָפּגעהאַקט די קעפּ. בא איין סטאַטוע שטעלן מיר זיך אָפּ און מיר פרעגן דער פירערין: „ווו איז דער קאָפּ?". מיט אַ קוים־קוים באַמערקלעכן ציטער אין דער שטים, אָבער אָן קאָמענ־טאַרן און אויך אָן פּאַטאָס, ענטפערט זי שטיל: „דער קאָפּ איז אין ענג־לאַנד..."

עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז זינט 1801 האָט ענגלאַנד געשלעפּט פון גריכישן קונסט־פאַרמעגן וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט, און בענוויגייע סטאַטועןן האָט זי אָנגעווענדט אַ מאָדנע טאַקטיק: געהאַקט קעפּ...

דער סייכל פון דעם איז אַ דרײַפאַכיקער: מען האָט געקעפּט די סטאַ־טועןן, ווײַל דער איקער פון אַ סטאַטוע איז דאָך דער קאָפּ, און דער פּראַק־טישער ענגלענדער זוכט דאָך שטענדיק דעם איקער; ווײַל פירן בלויז דעם קאָפּ קיין ענגלאַנד איז באַקוועמער, מאַכט אויס ביליקער און רײַסט ניט

אזוי די אויגן ווי דאָס שלעפּן אַ גאַנצע סטאַטוע; און ווײַל עס איז אַ ווישער איבערצולאָזן עפּעס פאַר די גריכן אויך, קעדיי זיי זאָלן ניט האָבן קײַן טײַנעס אז מען באַראַבעוועט זיי...

זײַנען די גריכן געבליבן מיט די שווערע שטיינערנע גופים, און די קעפּ זײַנען אין בריטישן מוזייום...

אויך אַף די צענטראַלע פריזן פון פּאַרטענאָן פעלן די שענסטע קעפּ און אויך די דאָזיקע קעפּ געפינען זיך בײַ די ענגלענדער אין די הענט. אַפן זעלבן אויפן האָבן זיי אויך אויסגערויבט די עגיפּטישע פּיראַמידן און די רוימישע אַלטערטימלעכקייטן, ווי מיר האָבן עס שפּעטער געקענט באַשטעטיקן אין איטאַליע...

אַף אַן אײַליקן אויפן האָבן מיר זיך אויך דורכגעשפּאַצירט דורכן אַרכעאָלאָגישן מוזיי פון גריכנלאַנד.

מיר זײַנען דאָרט שיר ניט פאַרפאַלן געוואָרן צווישן טויזנטער פאַר־שיידנאַרטיקע, אַלטערטימלעכע וואַזעס, באַמאָלענע מיט סצענעס פון יאַגד, ליבע, פאַרמעסטן, סימבעס, לעוואַיעס און מילכאָמעס, מיל־כאָמעס... כפייצים, מיניאַטורן, מאַסקעס און צירונג, אויסגעמײַסטרעווע־טע פון בויגנס דינעם גאָלד, האָבן געגלאַנצט צו אונדז פון די טיפענישן פון יאָרטויזנטער, און מיר האָבן אײַנגעזען, אַז די מאָדע איז ניט ווײַט אַוועק זינט דאַן... בראָנדזענע פיגורן פון אַטלעטן און קריגער, אַרויסגעצוי־גענע פון די טיפענישן פון יאַם, האָבן אונדז געוויזן זייער טיטאַנישע מוס־קולאַטור. נאַטוראַליסטישע סטאַטועס, אַן פּײַנבלעטער און אָן צודעקעכצן, האָבן דערציילט וועגן ערדישע לעבנס, וועגן געזונט און גענוס.

אויך דאָ האָבן מיר געטראָפן סטאַטועס אָן קעפּ און אויך דאָ האָט מען אונדז געגעבן דעם קלאַסישן ענטפער:

„דער קאָפּ איז אין ענגלאַנד...".

אַף פליגל פון צאָפן־אַמעריקע

אוועקגענומען פון גריכנלאַנד האָט אונדז אַ ריזיקער מילך־ווײַסער אַוויאָן אַף צוריקשטויס־קראַפט, — אַ צאָפן־אַמעריקאַנער לופט־פעסטונג פונעם טיפּ סופער־דזשי־קאָנסטעליישן, וואָס האָט אָנגעהויבן זײַן רײַזע אין ניו־יאָרק, אָפּגעשטעלט זיך אין פּאַריז, אַראָפּגעלאָזט זיך אין אַטען און געגרייט זיך צום לעצטן שפּרונג קיין יִשׂראל.

ביזן לעצטן מאָמענט האָבן מיר זיך ניט גערעכנט, אַז ס'וועט אונדז אויסקומען צו ווערן מעכוטאָנים מיט אַזאַ מין לופט־טאַקיף. די גאַנצע

מײַסע האָט געשמעקט מיט כּאָלעם, אָבער גראָד די רעאַלע שאָען־פּלענער און די אָפּמאַכן צווישן די פאַרשיידענע לופט־קאָמפּאַניעס האָבן זיך אַזוי קאָמבינירט, אַז אַף אונדזער גוירל איז אויסגעפאַלן אַזאַ מין סופּער־פלי...

גלײַך ווי מיר האָבן זיך באַזעצט אינעווייניק, האָט דער אַוויאָן אַ שאָס געטאָן מיט 4 ריזיקע פײַער־זיילן, וואָס האָבן אַרויסגעפּלאַצט פון די טורבינע־מאָטאָרן, און אָט אַזוי — צווישן די 4 שיפּענדיקע פלאַקערן, וואָס האָבן אונדז באַגלייט דעם גאַנצן וועג, ווי 4 ביבלישע אַמודיי־האָאייש, האָט זיך דער אַוויאָן אַ ריס געטאָן צום שוואַרצן, באַנאַכטיקן הימל.

אינעווייניק האָט אַלץ אַרום אונדז געגלאַנצט, אַלץ איז געווען אָנגענעם פאַרן אויג, אַלץ איז געווען ווייך פאַר די גלידער, אַלץ איז געווען געשמאַק פאַרן גומען, און אַזוי ווי מיר האָבן שוין אַ טאָג 12 ניט געהאַלטן אין די הענט אַ פאַרשטענדלעכע פאַר אונדז צײַטונג, האָב איך זיך צוגעכאַפּט צום פרעסע־ווינקל פון אַוויאָן, וואָס איז פול געווען מיט פרישע ניו־יאָרקער, פּאַריזער און מאַדרידער (!) צײַטונגען פון דער זעלבער דאַטע.

ס'האָט געקלעקט איין קוק, אַז ס'זאָל מיר פינצטער ווערן אין די אויגן. די סאַמע רעאַקציאָנערסטע, מאָנאַרכיסטיש־פאַשיסטישע און געלסענסאַציאָנעלע צײַטונגען און פּאַשקווילן האָבן אויסגעאָטעמט אַף מיר זייער מיִעסן רייעך. דער רעכטער „לע פיגאַראָ" איז שוין געווען די לינקסטע צײַטונג, וואָס איך האָב געפונען אינעם באַרג רעאַקציע און מענטשן־האַס. און טאָמער איז עס נאָך ווינציק געווען, האָט די פאַלאַנכיסטישע פרעסע פון פראַנקיסטישן שפּאַניע צוגעהאָלפן פערפומירן די אַטמאָספער און זיסער מאַכן די היימלעכקייט אין יענקישן אַוויאָן...

איך כאַפּ אַרויס מײַנע בליקן פון פּאַפּירענעם כוישעך און גיב אַ קוק דורכן פענצטערל אין דער פינצטערניש אונטער מיר.

ווײַט אונטן טוקן זיך די ליכט־פּונקטן פון די לעצטע גריכישע אַרכיפּעלאַגן, פון די לעצטע אינדזעלעך, ווו ס'האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַמאָל־אַמאָל האָמערס אָדיסעע...

פון הינטן איז געבליבן דער אָלימפּ, דער פּאַרנאַס, דער אַקראָפּאָליס, דער פּאַרטענאָן, די געקעפּטע שיינקייט, דאָס פרײַהײַט־דורשטיקע גריכישע פאָלק, די קעמפער אין די טפיסעס און אויך די לופט־קויכעס, דער פלאָט און די אַרמיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן...

געבליבן פון הינטן איז דאָס לאַנד, ווו פּראָמעטעוס איז מיט נײַע קייטן צוגעשמידט צום אַלטן פעלז...

ה.

אַף דער ערד פון יִשׂראָעל

26. יִשׂראָעל, אַפן ערשטן קוק

אַפן שוועל . . .

נאָך אַ טאָג פון גריכישער באַרג־קלעטערײַ און נאָך דער פײַנער לופט־וועטשערע אין שוועבנדיקן אַוויאָן, האָט אַ בלאָנדזשענדיקע מידקײַט גענומען באַהערשן גליד נאָך גליד, אָבער די אויגן האָבן זיך באַ מיר ניט געקלעפּט

געדאַנקען, געפילן און נערוון האָבן מיך געהויבן פון אָרט, כאָטש דאָס אָרט איז געווען אַזאַ ווייכס און אַזאַ טוליענדיקס. מאַכשאָוועס, רעפלעקסן און שפּירונגען, דאָ שאַרפע און דאָ גלעטנדיקע, האָבן זיך געקנוילט אַהין און צוריק מיט ניט קיין קלענערער שנעלקײַט ווי די פון פליענדיקן לופט־עקספּרעס.

מיר זײַנען געפלויגן צום לעבעדיקן, יונגן יִשׂראָעל, אָבער אין געמיט באַ מיר האָבן אויך אָפּגעהילכט די עכאָס פון 80 אַוועקגעגאַנגענע יִדישע דורעס, וואָס דער געדאַנק וועגן אָט דעם ווינקעלע ערד האָט ליכטיק געמאַכט זייער שווערע און אָפטמאָל מאַרטירערישע עקזיסטענץ. כ׳האָב געפילט, אַז דאָס האַרץ מײַנס וועט זײַן דאָס דריטע אויג, מיט וועלכן כ׳וועל קוקן אַפן לאַנד, ניט קעדיי אָפּצושוואַכן דעם ניכטערן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן קוק פון מײַנע 2 אויגן און פון מײַן פּראָגרעסיוון באַוווסטזײַן, נאָר קעדיי צו דערשפּירן מיט וואָס מער נאָענטקײַט און ליבע די יִשׂראָעל־ווירקלעכקײַט, וואָס דאָס מיינט, אין געגעבענע פאַלן, נאָך שאַרפער און נאָך פּאַטריאָטישער צו רעאַגירן אַף געוויסע דערשײַנונגען, וואָס די יִשׂראָעל־רעאַקציע פּרוּווט באַגילדן אומבאַרעכטיקטערהייט.

מיט איין וואָרט, — כ׳האָב געפילט, אַז מיר דאַרפן קוקן אַף יִשׂראָעל ווי אַף אַן איניען וואָס איז אונדז נויגייע גאָר פון דער נאָענטן, און אַז דאָס איז ניט נאָר מײַן סוביעקטיווער ווילן, נאָר דער קאָלעקטיווער ווילן פון די מאַסן, וואָס האָבן אונדז באַאויפטראָגט צו באַזוכן דאָס לאַנד.

אויך טיף־רירנדיקע, פּערזענלעכע געפילן האָבן זיך געוויקלט אַרום האַרצן און פאַרכט געמאַכט די וויעס. דאָרט אונטן, אַף אַ שפּאַן יִשׂראָעל־

ערד, וואַרט אױף מיר אַ לײַבלעכער, לעבעדיקער שפּליטער פֿון אונדזערע פֿאַר־צוקטע פֿאָלקס־מיליאָנען, — אַ שוועסטער, וואָס איז ניסימדיק אַרויס פֿון די סאַמע טיפֿענישן פֿון געגעם צוזאַמען מיט איר קינד. עס וואַרט אויך אַ שוואָגער מיט אַן אַראַבישער קויל אין רוקנביין און מיט יעסורים, וואָס דויערן שוין איבער 10 יאָר. עס וואַרטן יונגט־כאַווײרים, וואָס זײַנען, אױף אַזאַ אָדער אַנדער אופֿן, געווען אַרײַנגעפֿלאָכטערט אין אונדזער בלוטי־קער וואָגל־געשיכטע פֿון די לעצטע 20 יאָר.

2 שאָ האָבן געשטורעמט אין מיר די דאָזיקע טראַכטענישן און ערװױ־איבערלעבונגען, ביז די „סטיוארדעסעס" — די אוויאָן־מיידלעך, מיט די קאָמערציעלע שמייכעלעך און מיט דער מעכאַניזירטער איידלקייט, האָבן גענומען אַרומצאַפּלען אין די דורכגענג און אָנגעהויבן וועקן די פּאַסאַ־זשירן. מיר האָבן זיך געפֿונען אַפֿן „שוועל" פֿון יִשׂראל — אַ שפּאַן פֿון לוד.

ס'איז געווען נאָך האַלבער נאַכט. סײַ דער יִשׂראל־הימל און סײַ די יִשׂראל־ערד זײַנען געווען געדיכט אויסגעשטערנט, און אַט צווישן דער דאָזיקער דאָפּלטער אויסגעשטערנטקייט, צווישן די 2 אויסגעשטערנטע הימלען, זײַנען מיר מאַמעש אַרײַנגעשאָסן געוואָרן אין לאַנד, אַפֿן שפּיץ פֿון שטוים־אוויאָן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַן אייגענעם ווינט, מיט זײַנע 4 קנוילן פֿײַער און מיט אַן אויסגעצויגענעם פֿײַף...

מיר נידערן אַראָפּ

דער ביניען פֿון אַעראָדראָם באַגעגנט אונדז מיט אַ צעפֿינקלטן, עלעק־טרישן „ברוכים הבאים", אױף העברעיש און ענגליש. פֿון הינטער אַן אָפּ־צוימונג, צווישן די אויסגעשטרעקטע העלדזער פֿון אַן אוילעם אָפּוואַרטער, פֿינקלען אַרויס די טרערן פֿון די אייגענע. די אינערלעכע עלעקטרישע שפּאַנונג שטײַגט אַלץ העכער און העכער.

מיר מאַכן שנעל דורך די אַרײַנפֿאַר־קאָנטראָלן. אַזוי ווי מיר זײַנען „אַמעריקאַנער" און דערצו נאָך פֿון אַן אַמעריקאַנער אוויאָן, ווערן אַלע אָנווײַזונגען און אויספֿרעגונגען פֿון די באַאַמטע געמאַכט אין ענגליש. מײַנע באַמיִונגען אַרײַנצוּוואַרפֿן אַ פּאָר יִדישע ווערטער, אַפֿילע דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון העברעיש, העלפֿן ניט.

ערשט באַם באַגאַזש־קאָנטראָל פֿרעגט אונדז אַ וואַליזקע־טאַפּער, אין אַ שטילן יִדיש, צי מיר פֿירן ניט מיט זיך קיין באַהאַלטענע זייגערלעך... ער האָט קענטיק געהאַלטן אַז שעקספּירס לאָשן איז ניט צוגעפּאַסט פֿאַר

אַזוינע קיצלדיקע פראַגעס, זינט מען האָט אין די קאָנסערוון־פּושקעס פון די אַגודע־לײַט און פון אַנדערע גאָטס סטראַפּטשעס געפונען „קאָנסערווירטע" זייגערלעך, זײַנען די צאָל־באַאמטע באַזונדערס שפּירעוודיק אַף אָט דעם סאָרט קאָנטראַבאַנד...

מיר וווּנדערן זיך, וואָס די רעוויזיע איז פונדעסטוועגן אַזאַ מילדע, בלויז פון יויצע וועגן. מען עפנט אויף איין וואַליזקע אַף צען, מען שטופּט ניט די פינגער צו טיף און מען גלויבט אַפן וואָרט. זײַטיקע מענטשן גיבן אונדז שפּעטער אָנצוהערן די מעגלעכע סיבע: „דער אַוויאָן איז דאָך עפּעס אַן אַמעריקאַנער...".

דער אינערלעכער שטורעם, וואָס איך האָב אין דער לופטן געפּרוווט צוימען אין זיך איבער 2 שאָ, צעדונערט זיך און צעבליצט זיך, ווען עס קומט די הויך־געשפּאַנטע מינוט פון די באַגעגענישן, אַף וועלכע מען האָט אויסגעקוקט די אויגן עטלעכע און צוואַנציק יאָר... אין פאַרקראַמפּטער אַרומנעמונג און פריידיקער פאַרטערטקייט איז מען זיך מיסיאַכעד מיט די טײַערסטע, מען שטיקט זיך מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער און מיט אַרויספּלאַצנדיקע געשלוכצן...

נאָך דער ערשטער אַנטשפּאַנונג באַמערקן מיר אַרום זיך אויך דעם „טאַרבוט לעאַם" (תרבות לעם), — די יִשׂראָעלדיקע קולטור־אינסטיטוציע פון איקופּישן שניט. בערמאַן, קאָהען און קאָט־גאַווריעלי גיבן אונדז אָפּ דעם ברייט־ברידערלעכן שאָלעם־אַלייכעם פון פאָלקסטימלעכן, פּראָגרעסיוון יִשׂראָעל.

איך בין שוין קימאַט ווי אויסגעניכטערט און שטאַרק זיך איבער די געפילן. די אָפּגעהאַקטע ווערטער ווערן צוריק גאַנץ און דער באָדן אונטער די פיס ווערט פעסטער און פעסטער...

די פייגעלעך, דער הימל און די ערד, די גאַס

נאָכדעם ווי די נאַכט פון אונדזער אָנקומען האָט פאַרשלונגען אין איר אויסגעשטערנטער טונקלקײַט דאָס לאַנד, האָט אַ געצוויטשערײַ פון וואָראָבייטשיקלעך און אַ טירקלערײַ פון טויבן צעעפנט פאַר מיר די פרימאָרגנדיקע בלאָקײַט פון ערשטן יִשׂראָעל־טאָג, אין אַ ווײַטלעכער, האַלבדאָרפישער פאָרשטאָט פון טעל־אַוויוו — אין ראַמאַט כאַיאַל (רמת חיל).

שוין מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט יִשׂראָעל־פייגעלעך האָט אַרויסגערופן אַ געפיל פון זיכערקײַט און אײַנגעזעסנקײַט. אין אַ יונגן און האַלבמידבערדיקן לאַנד, ווי יִשׂראָעל, ווו עס איז נאַטירלעך אַז עס זאָל זײַן אַ

דויכעק אין אַסאַך זאַכן און ווי אַפילע די נאַטור איז פאַרשלאָסן און קאַרגלעך, איבעראַשט די דאָזיקע באַפליגלטע שעפע פון טויזנטער צעפלאַטערטע, צעשטיפטע און צעזונגענע פייגעלעך.

נעמט מען אַ ביסל פילאָזאָפירן און מען גיט אַ טראַכט: אין אַ לאַנד, וואָס איז וויסט, זײַנען קײַן סאַך פייגעלעך ניטאָ, ווײַל פייגעלעך זײַנען דאָך ניט סטאַם קײַן באַשעפענישן וואָס די נאַטור האָט צעשאָטן דאָ און דאָרט, לויט אַ בלינדן טראַף, ווי אַ הויפן קאָנפעטי. זיי באַזעצן זיך שטענדיק דאָרט ווו זיי געפינען פאַרנאָסע; און אויב זיי זײַנען אין אַזוינע מאַסן פאַראַן אין ייִשׂראָעל, איז דאָך אַ סימען אַז זיי האָבן וואָס צו פּיקן, אַז זיי ווייסן ניט פון קיין אַרבעט־ביוראָען און פון קײַן וווינונג־לאַגערן און אַז זיי זײַנען צופרידן מיטן לאַנד... און איך האָב גלײַך פאַרשטאַנען ניט נאָר דעם פּאָעטישן, נאָר אויך פּראָזאַישן זין פון זייער געזאַנג...

דער גוטער גרוס פון די ייִשׂראָעל־פייגעלעך האָט אַרײַנגעשפּילט אין געמיט און ס׳האָט אויך גענומען אַרײַנטריפן אינעם געמיט די דורכזיכטיקע פרימאָרגן־בלאָקײַט.

די ייִשׂראָעלדיקע הימל־בלאָקײַט איז שוין באַשריבן געוואָרן ביז באַנאַלקייט, אָבער דאָס נעמט ניט צו באַ איר איר באַזונדערקייט, איר זילבערדיקע שטראַליקייט, איר איידל־בלאַסן שימער. דאָס העברעישע וואָרט „טכיילעס" (תכלת) גיט צום גענויסטן אַ באַגריף וועגן דאָזיקן בלוי. אונטער דער ווירקונג פון דער דאָזיקער בלאָער ליכטיקײַט איז מיר קלאָר געוואָרן פון וואַנען ס׳נעמט זיך דער אַלט־ייִדישער סענטימענט צו בלוי און פאַרוואָס עס זײַנען אין העברעיש פאַראַן אַסאַך סינאָנימען אַפן באַגריף ליכטיקײַט.

אַנטקעגן דעם צאַרט־בלאָען, גלאַזוריקן ייִשׂראָעל־הימל ליגט אויסגעצויגן אַ העל־געלבלעכע, די פאַרזאַמדיקטע ערד, אָבער מען זעט, אַז די זאַמדן טרעטן אָפּ אין אַלע ריכטונגען, אונטערן אָנפּראַל פון שוואַרצן שאָסייִקן אַספאַלט און פון די טיף־גרינע, געדיכט־אָנגעשאָטענע פלאַנצן־אינדזועלעך.

אין שורעס און אין האַלבקרײַזן זײַנען צעוואָרפן אין אַלע זײַטן ווײַטע הייזקעלעך, עס זײַנען אָנגעשפּינט אין דער לופטן טעלעפאָן־דראָטן און עס שפּיזלען זיך עלעקטרישע סלופּעס ביז צו דער סאַמע גרענעץ. מען דאַרף גאָרניט אָנווײַזן ווו די גרענעץ איז; דאָרט ווו עס ענדיקט זיך, ווו עס האַקט זיך אָפּ ראַפּטום, די אָנגעבויטקײַט און אָנגעגרינטקײַט, — דאָרט איז די גרענעץ, — די גרענעץ צווישן ייִדישן ווײַס־גרין און יאָרדאַנישן גראָ־געל. נאָך קענטיקער איז די דאָזיקע גרענעץ, ווי מיר האָבן עס שפּע־

טער געזען, אין די ירושלאַיִמער בערג, װוּ די יאַרדאַנישע באַרגיקע זײַט איז מאַמעש װײַס פון װיסטקײַט און פאַרטריקנטקײַט.

כ׳האָב נאָך ניט באַוויזן אַרײַנצולעבן זיך װי געהעריק אין מײַן ערשטן יִסראָעלדיקן פרימאָרגן, װי ס׳האָט זיך דערקײַקלט צו מיר אַ צװײ־טע צװײטשערײַ. כּאָפּטעם שול־קינדערלעך האָבן הויך אָפן קאָל געמאָלן שנעל־שנעל מיט די צינגעלעך אַ זינגעװודיקן העברעיש, מיט שאַרפע סאַ־מעכן און זאַיענס, מיט גאָרגלדיקע ריישן און כאָרכלדיקע כעסן. אַ געמיש פון נאַקעטע פּאַלקעס, פון בלאָנדער און שװאַרצער געקרײַזלטקײַט, פון גרויסע אויגנעמס און פון װײַסע שמייכלען צווישן די ציין, האָט זיך פאַר־בײַגעטראָגן פאַרבײַ מיר איין מאָל און אַ צװייטן מאָל.

די לופט איז פול געװאָרן מיט נאָנטע און װײַטע שאַלאָמען, מיטן געבראַזג פון אָנלויפנדיקע אָמניבוסן, מיט דער געקלינגערײַ פון אײַז־צו־שטעלער, גרינס־הענדלער, מיסט־פירער און מיט אַ העברעיש־יִדישן גאַסן־טומל.

ניט געקוקט אַף דער פרימאָרגנדיקער שאָ, האָט זיך די װאַרעמקײַט צעשפּילט קעדיבאָע. דער פרילינגדיקער טאָג האָט באַקומען זומערדיקע היץ, אָן װעלכער ניט איז האָפענונג פון רעגנדיקער אָפּפרישונג.

דער הייסער יִסראָעל־הימל איז קאַלט צו די ערדישע באַדערפענישן פונעם לאַנד. מיט זײַן גאַנצער בלאָער שיינקײַט איז ער אומבעראַכמאָנעס־דיק פאַרשלאָסן בעמעשעך פון 6 כאַדאָשים און איז קאַרג אַף אַ טראָפּן. װאָס שענער ער איז, אַלץ קאַרגער איז ער...

און אָט אַזוי האָט טאַקע אויסגעזען דער ערשטער טאָג: קאַלטע שיינ־קייט — אויבן, הייסע טריקעניש — אונטן, און אַ פולסירנדיקע מענטש־לעכע פאַרהאַװועטקייט — צווישן...

„און עס איז געווען אָװנט, און עס איז געווען פרימאָרגן — איין טאָג"...

27. דער דרויסן פון יִסראָעל

דאָס זומער־שפּרענקעלע

װי אַ זומער־שפּרענקעלע אָפן פּאָנים פון אַ ריז, אַזוי זעט אויס יִס־ראָעל אַף דער מאַפּע פון דער װעלט....

בלויז אין אַרגענטינע אַליין װאָלטן געקענט אַרײַנגיין 150 מעדינעס

אזוינע ווי יִשׂראָעל, און אין ראטנפארבאנד איז דאָ אָרט פאר 1.000 יִשׂראָעלס... די געדיכטקייט פון דער יִשׂראָעל־באפעלקערונג איז אָבער, שוין איצט, 15 מאָל א גרעסערע ווי אין אַרגענטינע און 10 מאָל א גרעסערע ווי אין ראטנפארבאנד, און מען וויל זי פונדעסטוועגן מאכן נאָך און נאָך געדיכטער. מען האלט אין איין טײַנען, אז „דאָס לאַנד איז פוסט".

אין די אַלטע ספאָרים ווערט ערעץ־יִשׂראָעל אָנגערופן „ארץ־הצבי" (די הירשן־ערד). מען וויל מיט דעם אָנדײַטן, אז כאָטש דאָס לאַנד איז קליין, קען זיך עס אויסציען און פונאנדערציען ווי די עלאַסטישע פעל פון א הירש...

„ארצנו הקטנטנת" — „אונדזער פיטשינק לענדעלע", — אזוי הייסט א פּאָפּולער און הארציק יִשׂראָעל־ליד, וואָס מען זינגט צום לאַנד ווי צו א קליין און טײַער קינד. אין דאָזיקן ליד, וואָס איז פול מיט סענטימענטאַליזם און מיט צערטלעכקײַט צום פּינטעלע אייגענעם באָדן, איז טאַקע באַטאָנט די קליינקייט, אָבער נאָך מער איז אַקצענטירט דער „אונדזער", — דער „אונדזער", וואָס איז בעקויעך צו פאַרוואַנדלען דאָס זומער־שפּרענקעלע אין א כיין־פּינטל, און דאָס כיין־פּינטל אין עפּעס גרעסערס... אפילו מענטשן וואָס עס לעבט זיך זיי ניט גאָר גוט אין יִשׂראָעל, פרעגן, נאָך אַלע באַוואָרענישן, מיט א ניט־פאַרבאָרגענעם שטאָלץ: „ווי געפעלט אײַך, פונדעסטוועגן, אונדזער לענדעלע?"

און אז דאָס לאַנד איז קליין און מען וויל, אז עס זאָל אויסזען ווי „א לאַנד מיט לענדער גלײַך", מוזן בעמיילע די באַגריפן וועגן אַלץ וואָס עס געפינט זיך אין אים פאַרגרעסערט ווערן.

שוין אין די צײַטן פון טאַנאַך האָט מען די ריטשקעס, לעמאָשל, אָנגערופן „טײַכן" און די אָזיערעס — „יאַמען", כאָטש דער טײַך פון די טײַכן — דער יאַרדן אַליין, איז, אין פאַרגלײַך מיט די דערבײַיִקע אַראַבישע טײַכן: נילוס, פּראַס (עופראַטעס) און כידעקעל (טיגרים), ניט מער ווי א קאַלוזשע. ווען אַזוינע קליינע אָזיערעס ווי דער יאַם קינערעט און דער יאַם האַמעלאַך וואָלטן זיך געפונען אין אויסלאַנד, וואָלטן זיי אפילע ניט זוכע געווען צו פיגורירן אַף דער מאַפּע, אָבער אין יִשׂראָעל זײַנען זיי, זינט די ביבלישע צײַטן, יאַמען גאַנצע... אפילע די פאַרוואַקסענע כולע־זומפּן האָבן געהייסן יאַם האַכולאַ...

דער ביבליש־ליטעראַרישער רום פון די דאָזיקע וואַסערן און די קליינקייט פונעם לאַנד האָבן זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער פון דער געאָגראַפישער ווירקלעכקײַט...

איין זאַך האָט ייִסראָעל יאָ, לויט דער מאָס פון די גרויסע לענדער. דאָס זײַנען גרענעצן. דאָס קלייניטשקע ייִסראָעל האָט 1.265 קילאָמעטער טעריטאָריאַלע גרענעצע; און גרענעצן זײַנען עס ניט קיין נאַטירלעכע און באַשיצטע, נאָר צופעליקע און אָפענע, אַזוי ווי דער קאַפּריז פונעם וואָפן־שטילשטאַנד האָט זיי אָנגעצייכנט אינעם זאַמד...

דאָס זײַנען מעשונעדיקע, אַקראָבאַטישע גרענעצן, ספּעציעל אין צענ־טער פון לאַנד; און לענגאויס פון זייערע 1.265 קילאָמעטער איז ניטאָ קיין איין סענטימעטער פרײַנטלעכקייט... אין וועלכן פּונקט פון ייִסראָעל מען זאָל זיך ניט געפינען, איז מען, לויט אונדזערע באַגריפן, אַ שפּאַן פון דער גרענעץ, אָדער טאַקע אויף דער גרענעץ גופא... מען באַמיט זיך איצט צו באַשיצן די דאָזיקע צעצויגענע און צעדרייטע גרענעץ־ליניע ניט מיט קיין באַפעסטיקונגען, נאָר מיט אַ לעבעדיקער און געדיכטער קייט פון גרענעץ־דערפער, אָדער „ישובי הספר”. פאַראַן איצט 200 אַזוינע גרענעץ־ייִשוווים.

דער גרעסטער טייל פון דער ייִסראָעל־ערד איז נאָך אַלץ הויל און אָפּגעשונדן, און אומעטום, אַפילו זײַט־בײַ־זײַט מיט די גרין־גאָלדענע פּאַרדייסים, זעט זיך אַרויס איר שטייניק־זאַמדיקע נאַקעטקייט.

ליגנדיק הונדערטער און הונדערטער יאָרן אַ צונויפגעבראָכענע צווישן מידבאָריעס, איז דאָס לאַנד פאַרמידבערט געוואָרן, באַגראָבן געוואָרן אין זאַמד און האָט זיך באַדעקט מיט אַן אויסשיט פון שטיינער... די בלינדע נאַטור האָט געבושעוועט, און די רוימישע, מאַכמעדאַנישע, קרייצטרעגע־רישע און טערקישע אינוואַזיעס האָבן זי צוגעהאָלפן... זײַנען די טאָלן פאַרזומפּיקט געוואָרן און פון די בערג איז אַראָפּגעפּליקט געוואָרן זייער פּרוכטיקער באָדן־צודעק, און אַלץ האָט זיך צעשאָטן אויף שטיינער. זעען טאַקע אויס די מיליאָנען און ביליאָנען אַלטע שטיינער ווי שערבלעך פון צעבראָכענעם אַמאָל...

אויף צו מאַכן אומשעדלעך די זאַמדן דאַרף מען וואָס מער וואַסער; אויף צו באַדעקן מיט אַ שוואַרצערדיקער הויט דעם אָפּגעשונדענעם באָדן דאַרף מען וואָס מער פלאַנצונגען און ביימער; אויף אַרויסצורירן די וויס־טע שטאָכים פון זייער מידבערדיקער פאַרגליווערטקייט דאַרף מען וואָס מער ענערגעטישן קויעך.

אָט מיט די דאָזיקע 3 טעכנישע הילפסמיטלען באַמיט מען זיך אָפּ־צומינטערן די פאַרכאַלעשטע ערד און צו פאַרוואַנדלען זי פון אַן „ארצנו הקטנטנת” אין אַן „ארץ הצבי”...

די רער וואָס טריפט און די פאַרקערטע רעגנס

אַלץ אין לאַנד איז פאַרבונדן מיט וואַסער. אַפילו „מילך און האָניק" אין ייִשׂראָעל איז אַ פראַגע פון וואַסער...

שוין אין די אַמאָליקע מילכיק־האָניקדיקע צײַטן, ווען גאַנץ ייִשׂראָעל האָט געבליט און איז פול געווען מיט ראָזשינקעס און מיט מאַנדלען, מיט באָקסערן און מיט טייטלען, איז וואַסער געווען מאַמעש אַ „געשאַנק פון הימל". פון דאַנען נעמט זיך די ראָמאַנטיק פון וואַסער, דער באַגריף פון „מיים חיים" (לעבעדיק וואַסער אָדער לעבנס־וואַסער), דער סענטימענט צום ברונעם און די טפילעס וועגן וואַסער.

דאָס וואָס בלוט איז פאַרן אָרגאַניזם, דאָס איז וואַסער פאַר דער ייִשׂראָעל־ערד; אַזוי — אַמאָל, און נאָך מער — איצט. ווו עס טריפט וואַסער, דאָרט טריפט לעבן; ווו עס קלאַפּט אַ וואַסער־אָדער, דאָרט נעמט גרינען די וויסטעניש.

אַפן הימל, ווי אַף אַ צושטעלער פון וואַסער, קען מען זיך שוין מער ניט פאַרלאָזן. אין דער צײַט ווען עס סאַרפעט די לאַנג־כּאַדאָשימדיקע טריקעניש, ווערט דער הימל פאַרביטן מיט אַזאַ וואָכעדיקער, גראָער און אומבאַדײַטנדיקער זאַך ווי די פּאָשעטע רער...

אַ דאַנק דער באַשיידענער רער האָט די ייִשׂראָעל־ערד זיך אויסגע־לערנט צו רעגענען אַף זיך אַליין, צו פּראָדוצירן אַליין אירע רעגנס, — רעגנס פאַרקערטע פון אונטן אַף אויבן... יעדן פרימאָרגן אָדער אָוונט־צו נעמט די ערד אַ טוש און פּרישט זיך אָפּ דורך אַ סיסטעם פון אַ רערן־נעץ, וואָס פירט צו וואַסער און וואָס איינפּאַכע דריי־מעכאַניזמען צעשפּריצן איבערן פעלד. ווען עס אַרבעטן אַף אַ פעלד אַ פּאָר צענדליק אַזוינע מע־כאַניזמען, באַקומט זיך דער עפעקט פון אַן עמעסן רעגן...

אַזאַ מין אָדערן־נעץ פאַר וואַסער־צירקולאַציע קען זיך געפינען סײַ אונטער דער ערד און סײַ אַף דער אויבערפלאַך, און כאָטש דאָס איז אַן איניען ניט קײַן ביליקער, צאָלט ער זיך אָפּ קויפל־קיפלאַים דורך די באַ־קומענע גערעטעניש. אין צאָפן פון לאַנד גיבן אַרויס די באַגאָסענע פעל־דער אַ צען מאָל גרעסערע גערעטעניש ווי די ניט־באַגאָסענע, און אין נעגעוו וואַקסט גאָרנישט אָן באַגיסונג.

די קינסטלעכע רעגנס, וואָס שפּריצן אַרויס פון די רערן, ווערן אַן אַלץ מער און מער אָנזעעוודיקער באַשטאַנדטייל פון ייִשׂראָעל־פּייזאַזש. ביכלאַל גענומען, איז די רער אַ כייפעץ פון ערשטן געברויך אין ייִשׂראָעל און מאַמעש אַ לעבנסוויכטיקער גליד פון דער ערד, פּונקט ווי אַן אָרטע־

ריע אין אַ לעבעדיקן גוף. אומעטום זעט מען רערלעך און רערן און ריזן־רערן; רערן פון אַלע גרייסן און פון פאַרשיידנאַרטיקע מאַטעריאַלן: מעטאַלענע און צעמענטענע, צינענע און בלײַענע, בראָנדזענע און פון פּלאַסטישן מאַטעריאַל, גומענע און קאַוטשוקענע. ווי אַ גערטל און ווי אַ פעלד, רינט וואַסער פון אַ רער און ער רעגנט פון אונטן אַף אויבן...

דאָס גאַנצע לאַנד האַלט אין דורכגערערט און דורכגעאָדערט ווערן אין אַלע ריכטונגען, און ספּעציעל אין דער ריכטונג צאָפן־דאָרעם, אין שײַכעס מיט די צוויי גרויסע קאַנאַליזאַציע־פּראָיעקטן, וואָס האָבן פאַר אַ ציל, אַז די וואַסערן פון יאַרקאָן און פון יאַרדן זאָלן מאַסנווײַז עמיגרירן אַהין ווו מען דאַרף זיי. ספּעציעל אין נעגעוו איז בולעט און אָנזעעוודיק די אַרבעט פון דער באַשיידענער רער, און מיר האָבן עס געזען מיט די אייגענע אויגן. די זעלבע שטיק ערד, אַ ניט־באַנאָסענע, — איז אַבסאָלוטער מידבער, און קוים ווערט זי סיסטעמאַטיש באַנאָסן, ווערט זי באַדעקט מיט איבערגעזעטיקטן, שעפעדיקן גרינס פון בעסטן מין.

די פאַרמערונג פון די וואַסער־אָדערן אינעם ערד־אָרגאַניזם פון לאַנד, אָט די דאָזיקע, אַזוי צו זאָגן, געבענטשטע אונטערגראָבערישע אַרבעט, בײַט אינגאַנצן דעם אויסזען פון ישׂראל.

די רער, דאַרף מען וויסן, קומט שוין אָבער אַף אַלעם פאַרטיקן. דאָס וואַסער דאַרף מען איר צושטעלן. מען דאַרף עס „אַרויסשעפּן" טעכניש פון די ווײַט־ווײַטע ערד־טיפענישן; אָדער פאַנגען די קורצע ווינטערדיקע גוס־רעגנס אין ריזיקע באַסיינען; אָדער טרײַבן די וואַסערן פון איין געגנט אין דער צווייטער דורך אונטערערדישע צעמענטענע קאַנאַלן...

דער בוים וואָס עגבערט

עס העלפט אויך בײַטן דעם אויסזען פון לאַנד דאָס מאַסנהאַפטיקע פלאַנצן פוןביימער, ספּעציעל אַף די שטיינערנע פּליכעס פון די בערג.

פאַראַן בערג, וואָס נאָר די געדולדיקע אַרבעט פון אַ ספּעציעלן בוים־וואָרצל קען זי אײַנבײַסן און דורכבויערן מיט דער פאַנטאַסטישער גיכקײַט פון 2 סענטימעטער אַ יאָר... אין די לעצטע 10 יאָר זײַנען פאַרפלאַנצט געוואָרן 45 מיליאָן ביימער, אַנטקעגן 4 מיליאָן געפלאַנצטע אין די פאָריקע 70 יאָר.

די באַוואַלדונג האָט פאַר אַ ציל ניט נאָר צו פאַרדעקן די אַלטע, אָפּגעצערטע נאַקעטקייט פון די בערג, נאָר אויך צו שאַפן אַן אַגריקולטו־

רעלן באָדן־שיכט, וואָס איז בעמעשעך פון וויסטע יאָרהונדערטער צע־קרישלט געוואָרן אַף גאָרניט.

דער קאַמף צווישן צאָרטן וואָרצל און אַלט־פאַרהאַרטעוועטן שטיין איז אַ פאַרביסענער. זייער אָפט זיגט דער שטיין. דער וואָרצל איז בע־קויעך צו זיגן ערשט דאַן, ווען ער איז באַוואָפנט מיט וואַסער. ווידער־אַמאָל און ווידעראַמאָל וואַסער...

לויט די פאָרשונגען פון באַקאַנטן פּראָפעסאָר זאָהארי, קומען זיך צונויף אין יִיסראָעל 3 געאָגראַפישע געוויקס־זאָנעס, און דעריבער קע־נען דאָרט געדייען, ווי באַ זיך אין דער היים, גאַנצע 2.400 מינים פלאַנ־צונגען, קעגן 1.500 פון עגיפּטן, 1.397 פון דענעמארק און 1.292 פון ענגלאַנד. נאָר וואָס־זשע דען? וואַסער!

זאָל נאָר זײַן וואַסער, וועט שוין בעמיילע אויך זײַן „מילך און האָניק”...

פאַרשטייט זיך, אַז עס איז דאָ אַ דינער שיכט מענטשן, וואָס עס איז זיי גוט אָן וואַסער אויך... זיי האָבן „מילך און האָניק” ביז איבערן האַלדז, אַפילע אין דער קאַטאַסטראָפאַלסטער טריקעניש, אָבער דאָס איז שוין אָן איניען פאַר ווײַטערדיקע באַטראַכטונגען.

ענערגיע

אַף אַוועקצושטעלן אַ יונג לאַנד אַף די פיס דאַרף מען האָבן אַסאַך ענערגיע, — ניט נאָר מענטשלעכע, נאָר אויך עלעקטריש־מעכאַנישע.

די ביליקסטע ענערגיע איז די הידראָ־עלעקטרישע. דער אומזיסטער, פּוסט־שפּריצנדיקער אימפּעט פון פאַלנדיקן וואַסער ווערט אײַנגעשפּאַנט אין טורבינעס און ער שאַפט יענעם עלעקטרישן פײַער, וואָס העלפט מאָביליזירן נײַע וואַסערן פאַרן לאַנד... וואַסער געבוירט פײַער און פון פײַער קומט אַרויס וואַסער...

די ענערגעטישע מוסקולן פון לאַנד זײַנען די וואַקסנדיקע עלעקטרי־שע צענטראַלעס. איינע אַזאַ מין נײַע, ריזיקע צענטראַלע איז אַ פּאָר טעג פאַר אונדזער אָפּפאָרן פון לאַנד געעפנט געוואָרן „ערגעץ אין נעגעוו”, — אין אַ פונקט, וואָס טאָר ניט אָנגערופן ווערן צוליב זיכערקייט־מאָ־טיוון.

מען נעמט אויך נוצן אין פּראַקטישן טאָג־טעגלעכן לעבן אַזאַ מין

אומגעװײנטלעכע זאַך װי זון־ענערגיע. אַ סך באַדצימערן אין מאָדערנע װױנונגען פֿונקציאָנירן שױן, ניט אױף גאַז און ניט אױף עלעקטריע, נאָר אױף זון־ענערגיע, װאָס װערט געפֿאַנגען דורך אַ סיסטעם פֿון מעטאַלענע שפּיגלען, אינסטאַלירטע אױף די דעכער און װאָס װערט שפּעטער טראַנספֿאָרמירט אין אַ געהאָרכיקן טערמאָ־דינאַמישן קױעך.

מען לייגט אױך האָפֿענונגען אױף ביליקער אַטאָמישער ענערגיע. דער ערשטער אַטאָמישער רעאַקטאָר איז שױן אינסטאַלירט געװאָרן און מען האָט שױן געפֿונען פּראַקטישע װעגן װי אַזױ צו װערן היימיש מיט דער דאָזיקער ריזן־קראַפֿט.

מיט איין װאָרט — באַװאַסערונג, באַװאַלדונג און פֿאַרפֿילפֿאַכונג פֿון די ענערגעטישע קװאַלן פֿאַרנעמען, פֿון ריין־טעכנישן קוקװינקל, אַ הױפּטאָרט אין דער װוקס־פּראָבלעמאַטיק פֿון ייִשׂראל.

װען אַלדאָס איבעריקע אין לאַנד, אױף די פֿעלדער פֿון פּאָליטיק, עקאָנאָמיע און געזעלשאַפֿטלעכקייט, װאָלטן געװען אין אָרדענונג, װאָלט, אַרום און אַרום, געװען ניט שלעכט, גאָרניט שלעכט...

28. אַ קוק טיפֿער

די אַנדערע זאַמדן, דער קיבוץ, דער סאָציאַליזם און דער דאָלער

דער דראַמאַטישער קאַמף צװישן װאַסער און זאַמד אין ייִשׂראל איז ניט דער איינציקער און ניט דער סאַמע דראַמאַטישסטער.

עס איז פֿאַראַן אַסך זאַמד ניט נאָר אױף דער ערד, נאָר אױך אין לעבן, אָבער אױף די דאָזיקע אַנדערע זאַמדן קוקט מען זיך ניט אום און זיי װערן ניט באַװאַסערט...

עס זײַנען פֿאַראַן שאַרפֿע סטירעס, װאָס װאַרפֿן זיך אין די אױגן. פֿון איין זײַט געפֿינען זיך די אָביעקטיװע, רעאַלע מעגלעכקייטן פֿון לאַנד, און פֿון דער צװייטער זײַט מערקט זיך דאָס אױספֿעלן פֿון אַ לאַנדװירטשאַפֿטלעכן, עקאָנאָמישן, סטרוקטורעלן און פּאָליטישן גלײַכגעװיכט.

דער גרױסער ייִשׂראל־פֿרײַנט, — דער עקספּערט פּראָפֿעסאָר לאַודערמילק, װאָס האָט יאָרנלאַנג שטודירט די ייִשׂראל־װירקלעכקייט און האָט לעצטנס 6 יאָר געלעבט אין ייִשׂראל, האָט זיך אױסגעדריקט טעקסטועל:

„נאָכן פאַרווירקלעכן אַלע וואַסער־פּראָיעקטן און נאָכן אָפּהיטן און פלעגן שטרענג דעם באָדן, קען די ייִסראָעל־ערד שפּייַזן 3 מיליאָן איינ־וווינער, מיטן באַדינג, אַז די געזעלשאַפט זאָל ענדערן עטוואָס איר לעבנס־ניוואָ, צופּאַסנדיק אים צו די באַדינגונגען פון לאַנד (מיט אַנדערע ווער־טער הייסט עס: לעבן ערגער ווי ביז איצט. — צ. ב.) און אַז דער פּראָ־צענט פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג זאָל שטייַגן לעבאָל־האַפּאָכעס אַף 15 ביז 20 פּראָצענט. אין דער עמעסן וואָלט נייטיק געווען, אַז זי זאָל שטייַגן ביז 30 פּראָצענט".

דאָס לאַנד, וואָס זיין גאַנצע באַזע האָט געזאָלט זייַן די באַלוצישע, לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָמונע, פאַרמאָגט בלויז $3\frac{1}{2}\%$ (דרייַ אַ האַלב פּראָצענט) פון איר באַפעלקערונג אין די קיבוצים, און די גאַנצע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע באַפעלקערונג אין אַלגעמיין, אַרייַנגערעכנט די ציטרוס־גוטבאַזיצער און די אַראַבער, באַטרעפט קוים 15 פּראָצענט.

דער גרעסטער טייל באַפעלקערונג באַשטייט פון שטאָטישן און שטעטלדיקן פּראָלעטאַריאַט. פאַראַן אויך אַ סאַך באַאַמטנטום, סוחער־טום, קליינהענדלערייַ, מענאַכעם־מענדלשע שטעקל־דרייערײַ, שנאָרערייַ און לוקסוסדיקער גרויס־קאַפּיטאַליזם.

די קליינציפערדיקייט פון די 3 אַ האַלב פּראָצענט קיבוצים־באַפעל־קערונג איז נאָך ניט אַלץ. עס מערקט זיך אויך אַן עקאָנאָמישער און אידעאָלאָגישער קריזיס אין די קיבוצים.

די קיבוצים ווערן אַלץ מער און מער פאַרשולדיקט. קעדיי מיטצו־גיין מיטן פּראָגרעס פון דער אַגריקולטורעלער טעכניק און ביכלאַל אויס־ברייטערן און מאָדערניזירן די ווירטשאַפט, מוז מען מאַכן קסיידער־דיקע אינוועסטיציעס פון געלט. מען מוז אַרייַנלייגן סייַ אינוועסטיציע־קאַפּיטאַל, סייַ אומזאַץ־קאַפּיטאַל. דער יאַקרעס איז אָבער גרויס און אַפילע אַ ייִדישלעכן גמילאַס־כעסעדל איז ניטאָ ווו צו באַקומען. די רעגירונג גיט אומבאַדייַטנדיקע קרעדיטן, און דאָס אויך צו די רייַכערע און פּאָליטיש־טרייַערע קיבוצים. וואָס שייַך די בענק, גיבן זיי אינגאַנצן ניט, ווייַל זיי האָבן כאַשעווערע און זיכערערע קליענטן. מוזן דעריבער די קיבוצים אָנקומען צום שוואַרצן קרעדיט־מאַרק און צאָלן פאַר אַזוינע האַלוואָעס פון 24 ביז 30 פּראָצענט אַ יאָר...

די אָפיציעלע מעלוכע־באַנק אַליין האָט אויסגערעכנט און פעסטגע־שטעלט, אַז אַ מיטגליד פון קיבוץ מוז אַרבעטן פון 3 ביז 4 שאָ אַ טאָג בלויז אַף צאָלן פּראָצענטן. 60—70 פּראָצענט פון די סובסידיעס, וואָס

די מעלוכע צאָלט פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטן, קומען אָן צו די פֿאַרמיטלער, און די שווערע שטײַערן־שרויף לאָזט ניט נאָך.

ווי באַקאַנט, האָבן די קיבוצים געזאָלט זײַן „סאָציאַליסטישע אינדזלען אין אַ קאַפּיטאַליסטישן יאַם”, עס האָט געזאָלט הערשן דער פּרינציפּ „עמל משוחרר מניצול” („אַרבעט באַפֿרײַטע פֿון עקספּלואַטאַציע”), אָבער עס לאָזט זיך אויס, אַז אַלע אין קיבוץ ווערן עקספּלואַטירט פֿון אַן אַנאָנימען אויסנוצער, פֿון אַן אומבאַקאַנטן פּראָצענטניק, און דעם קיבוצניק איז ניט בעסער פֿון אַ לוין־אַרבעטער בײַ יענעם.

פֿונעם גאַנצן סאָציאַליזם בלײַבט אים איבער בלויז די גלײַכהײַט פֿון קאָנסומירן און פֿון גיין אָנגעטאָן. קען מען עס דען אָנרופֿן סאָציאַליזם? אָבער אויך די דאָזיקע אילוזאָרישע גלײַכהײַט ווערט צעשטערט. פֿאַראַן קיבוצניקעס וואָס באַקומען פּעקלעך פֿון קרויווים און פֿאַראַן אַזוינע וואָס האָבן באַקומען דײַטשע רעפּאַראַציע־געלטער. עס פֿאָרמירט זיך אויס אַ שיכט פּריווילעגירטע, בעסער סיטויִרטע. עס שאַפֿן זיך, אַף דעם באָדן, סיכסוכים און ניט ווייניק ציען זיך אַרויס פֿון קיבוץ. אפילע אין בוענאָס אײַרעס קען מען שוין טרעפֿן אַ היפּש ביסל געוועזענע קיבוצניקעס, אָפּגערעדט שוין פֿון די שטעט אין יִשׂראָעל...

אין אַלע קיבוצים איז פֿאַראַן אַ שאַרפֿער דויכעק אין מענטשן, און מען פּײַניקט זיך דאָרט מיט דער פֿראַגע: יאָ אָדער ניט אַרײַננעמען לוין־אַרבעטער פֿון דרויסן. אַרײַננעמען שטימט ניט מיטן הייליקן, כאַלוציִשן גרונט־פּרינציפּ פֿון לעבן אויסשליסלעך פֿון אייגענער מי; דאָס ניט־אַרײַננעמען דערפֿירט אָבער דערצו, אַז דער קיבוץ זאָל אײַנגעדאַרט און אײַנגעקוואַרט ווערן.

עס איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס אַסאַך קיבוצניקעס זײַנען אַנטוישט און פֿאַרביטערט. עס איז אָבער יאָ אַ וווּנדער, וואָס אין די הויכע פֿענצטער פֿון דער „סאָציאַליסטיש”־היסטאַדרוטישער רעאַל־פּאָליטיק איז מען אויך ניט צופֿרידן; ניט צופֿרידן מיט דער גאַנצער קיבוציער „קאָפּ־פֿאַרדרייעניש”, מיט דער ראָמאַנטישער אומפֿעיִקײַט פֿון די קיבוצים צוצופּאַסן זיך און צו פֿאַרשטיין די נײַע „שטאַטסמענישע” ווירקלעכקײַט...

די דאָזיקע „אויבערשטע” ניט־צופֿרידנקײַט וואַרפֿט זיך שוין אַזוי שטאַרק אין די אויגן, אַז אַפֿילע אַזאַ מאַפּאַיניק ווי אַריע אויפֿיר (אריה אופיר) שרײַבט אָפֿן אין היסטאַדרוטישן בלאַט „יִשׂראָעל אין אויפֿבוי און קאַמף” (ניו־יאָרק) אָט־וואָס:

„אין דער קיבוצישער באַוועגונג הערשט אַן אומצופֿרידנקײַט מיט

דער שטעלונג פון געוויסע פּערזענלעכקייטן לעגאַבע דעם קיבוץ, — פּער־זענלעכקייטן, וואָס שטייען בא דער אָנפירונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

פון איין זייט ווייזט מען אָן אויף דעם קיבוץ ־אין די אויגן פון דער אויסערלעכער וועלט־ און מען שטעלט אים אַרויס ווי אַ זייער ווערטפולן סאָציאַלן עקספּערימענט. אָבער פון דער אַנדער זייט, ווען עס האַנדלט זיך קלאָפּע פּנים, אין יִשׂראל גופא, פילט זיך טיילמאָל אַ לעב־לעכע באַציִונג. שטאַמט ניט די דאָזיקע שטעלונג פון אַן איבערצייגונג, וואָס האַלט זיך אין אויסקריסטאַליזירן, אַז דער קיבוץ האָט פאַרענדיקט זיין אויפגאַבע און אַז ער שפּילט מער ניט די ראָלע וואָס ער האָט גע־שפּילט פאַר דעם אויפקום פון דער מדינה?"

אָפּגעשפּילט די ראָל, הייסט עס!...

אָבער ניט נאָר קלאָפּע פּנים, נאָר אויך קלאָפּע כוץ באַמיט מען זיך צו פאַרמינערן די וויכטיקייט פון די קיבוצים. קעדיי צו „דערמוטיקן" די אַמעריקאַנער אינוועסטירערס, זוכט מען מיט אַלע מיטלען אָפּצוווישן פון זיך דעם כשאַד און דעם פלעק פון סאָציאַליזם. און וואָס קען נאָר זיין אַזוי פאַרדעכטיק אין סאָציאַליזם ווי אַ קיבוץ?...

פאַראַן ביכלאַל איצט אַ טענדענץ אויפצושטעלן גרויס־קאַפּיטאַליס־טישע פערמעס, אָפן אַמעריקאַנער שניט, ווו עס זאָלן פאַרזייט ווערן פּלאַנטאַציעס פון איין טיפּ אינדוסטריעלן קולטיוו. קערען־קאַיעמעס וועט געבן דעם באָדן, און אַמעריקאַנער יאַהודים — די דאָלאַרן. געגנוג שוין געפּאָרעט זיך מיט דער קליין־קיבוצישער ווירטשאַפט פון הינער, אייער, מילך און טאָמאַטן. אַ סאָף זאָל נעמען צו דער ברעקלדיקער ראָמאַנטיק פונעם בייט און פון הינער־שטאַל!...

אַגעוו האַלט מען, אַז עס איז שוין בעמיילע פאַראַן צופיל פון די דאָזיקע אַרטיקלען, און וויבאַלד צופיל, איז דאָך פאַראַן אַ געפאַר אַז ס'זאָל ווערן ביליק; איז דעריבער אַן עקאָנאָמישע מיצווע אַריינצוּוואַרפן טאָמאַטן אין יאַם, אויסצושעכטן די קי, פאַרהאַלטן די פאַרפלייצונג פון מילך און אָפּצושטעלן דעם האָגל פון אייער, קעדיי אָנצוהאַלטן די פּרייזן אָף זייער אָנשטענדיקער, באַלעבאַטישער הייך...

די היסטאַדרוט, וואָס גילט נאָך אַלץ אין געוויסע קרייזן פון צאָפן־אַמעריקע ווי אַ סאָציאַליסטישער טרעסט, צוליב אירע גרויסע אונטער־נעמונגען, רייסט איין וועלטן קעדיי צו באַווייזן, אַז איר ברענענדיקער סאָציאַליזם איז שוין אַן אָפּגעברענטער... זי באַמיט זיך איצט צו צע־שטיקלען און צעקרישלען אירע אונטערנעמונגען, פאַרוואַנדלען זיי אין

„געמישטע" און ביכלאַל צו צעברעכן איר אײגענעם עקאָנאָמישן פּראָנט, קעדײ דער אַמעריקאַנער פּריװאַט־קאַפּיטאַל זאָל פולשטענדיק פאַרלירן זײַן מוירע און קעדײ די הילף פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג זאָל ערגעץ ניט פאַרשטאָפּט װערן.

קעדײ דער דאָלער זאָל נאָך װינציקער מוירע האָבן אַרײַנצוקומען אין לאַנד, האָט מען אים געגעבן די גרעסטע שטײַער־האַנאָכעס, אויסער אײַזערנע גאַראַנטיעס און אויסער פאַרזיכערונגען פון אַ שײנעם פּראָפּיט...

עס האָט זיך געענדיקט די כאַלוצישע ראָל פון קיבוץ און עס האָט זיך אָנגעהויבן די כאַלוצישע ראָל פון דאָלער...

עס איז טאַקע עמעס, אַז דער קיבוץ איז שײן און די פּאָעזיע איז אין אָרדענונג, אָבער דער עקאָנאָמישער, אידעאָלאָגישער און געזעל־שאַפטלעכער קריזיס שטעקט אַרום זײַן קאָפּ פון הינטער דער שײנקײַט...

„מאין יבא עזרי?" („פון װאַנען זאָל קומען מײַן הילף?")

די מעדינע מוז אָנקומען צו 350 מיליאָן דאָלער אויסלענדישע הילף אַ יאָר.

די דאָזיקע סומע װאָלט געקענט זײַן אַ סאַך אַ קלענערע, אָדער אינ־גאַנצן אומנייטיק זײַן, װען די נאַטירלעכע רײַכטימער פון לאַנד װאָלטן עקספּלואַטירט געװאָרן אין דער פולער מאָס פון זײער אַרויסגיביקײַט און װען אַ גרויסער טײל פון די געלטער װאָלט ניט געשאָנקען געװאָרן די פּאַרטײען, אָדער פאַרנוצט געװאָרן אויף אומפּראָדוקטיװע צילן, אָדער צעטרענצלט געװאָרן אויף אַ פּאַראַזיטישן אויפן.

די מינעראַל־קאָמבינאַטן פון יאַם־האַמעלאַך אַרבעטן קוים־קוים, װײַל אַזוי לוינט דער אַמעריקאַנער אַקציע־געזעלשאַפט, װאָס האָט דאָרט די הויפּט־דייע. די קופּער־גרובן אין טימנאַ (תמנע) זײַנען אומטעטיק, ניט געקוקט װאָס די רעגירונג האָט אַרײַנגעבראַכט דאָרט 30 מיליאָן דאָלער. די װעלט־פּרײַזן אויף קופּער זײַנען געפאַלן און די אַמעריקאַנער אַקציאָנערן האָבן געהײסן פּאַראַליזירן די אַרבעט. די צעטרוימייטערטע קײַזער־פּראַ־זער־פאַבריק פון צונויפשטעלן אַמעריקאַנער אויטאָס ברענגט דער מעדי־נע העזעק, און ניט סטאַם העזעק, נאָר העזעק אין דאָלאַרן, װי ס'האָט פעסטגעשטעלט דער מעלוכע־קאָנטראָליאָר. פאַר די אויטאָמאָביל־טײלן, װאָס קומען פון אַמעריקע, דאַרף מען אָפּשיקן דאָלאַרן, אָבער פאַר די עקספּאָרטירטע אויטאָמאָבילן קומט אָפּט אַרײַן אין לאַנד שיע־פּיע. פאַר אַ טראַנספּאָרט אויטאָמאָבילן, װאָס מען האָט אָפּגעשיקט קײן פינלאַנד,

איז אָנגעקומען פון דאָרט אַ טראַנספּאָרט צוגעפּוילטע הערינג... די דאָזיקע פּיקטיווע „אויטאָמאָביל־אינדוסטריע" ווערט פונדעסטוועגן אויפגעהאַלטן, מיטן אויסקוק אויף מיליטעריש־סטראַטעגישע אויסרעכענונגען...

אין אַלע גרויסע אונטערנעמונגען פון לאַנד דאָמינירט, מיט זײַן גאַנצער סענטימענטלאַזיקײַט, דער צפון־אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל, און די גרויס־אינדוסטריע פון לאַנד בויט זיך, דעריבער, ניט לויט די עקאָנאָמישע באַדערפעניש פון ישׂראל, נאָר לויט די אינטערעסן פון די צפון־אַמעריקאַנער אינוועסטירער.

אַ טייל פון די אַרײַנגעקומענע געלטער ווערט פאַנאַנדערגעטיילט צווישן די פּאַרטייען. צוליב דעם וואָס די פּאַשיסטן פון כיירות האָבן געמאַכט אַ טומל, אַז מען גיט זיי צו ווייניק, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז זיי באַקומען 800.000 דאָלער אַ יאָר. וויפל עס באַקומען די אַנדערע און ספּעציעל די רעגירונגס־פּאַרטייען איז אומבאַוווּסט, אָבער עס איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן...

עס גייט ווײַטער אָן די אומגעהויערע אינפלאַציע פון שליכים. אין די טעג פון אונדזער אָפּפאָרן האָט די פּרעסע קאָמענטירט דעם פאַל פון פראַנקרײַך, ווו עס זײַנען געשיקט געוואָרן 80 שליכים אויף צו ברענגען ניט מער ווי 140 אוילים. וויפל אַזוינע שליכים־סקאַנדאַלן ווערן דערשטיקט און דערגייען אַפילו ניט צו דער פּרעסע?

וועגן שליכים קיין אַרגענטינע האָט מ. ראַגיל (ניו־יאָרק) געשריבן, אין דער היגער „אידישער צייטונג" אַט־וואָס, ציטירנדיק די „דזשערוזאַלעם פּאָסט":

„די ייִדישע אַגענץ גיט אויס מיליאָנען דאָלאַרן אויף אויסהאַלטן שליכים פון אַלע באַוועגונגען אין אַרגענטינע, אויף האַלב־לײדיקע האַכשאַראַס".

ווען אין אַ שפּעטערדיקן קאָמענטאַר האָט זיך עמעץ מעשאַער געווען, אַז דאָס איז איבערגעטריבן, האָט דער זעלבער ראַגיל נאָך אַ מאָל פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז ריכטיק און אַז דער ציטאַט איז אָן אויטענטישער און אַ קאָנטראָלירטער. ווי אַ גוטער ציאָניסט האָט ער דערבײַ אויסגעדריקט זײַן מיינונג, אַז אין ירושלים וואָלט מען געמעגט זײַן פאָרזיכטיקער מיט אַרויסברענגען אויף דער ליכטיקער שײַן אַזוינע פאַרטרוילעכע ידיעות...

וואָס שײַך דער אַלגעמיינער רעגירונגס־פּאָליטיק, קומט קעסיידער צום אויסדרוק די צוגעבונדנקײַט צום מילכאָמע־גרייטנדיקן אימפּעריאַליסטישן צאַד, צו דער אײַזנהאַוער־דאָקטרין, צו אַדענאַוערס און דעגאָלס

מײַרעוו־דעמאָקראַטיע און צו אַלץ וואָס באַדײַט אַנטי־נייטראַלקײַט, אַנטי־פאַרשטענדיקונג צווישן ביידע וועלטן.

פאַרשטייט זיך, אַז פאַר דעם אַלץ באַקומט מען פון צײַט צו צײַט אַ קניפּ אין בעקל פון „אָנקל סעם", וואָס צאָלט נאָך עפּעס צו אויך, אין דער פאָרם פון „הילף"...

צוליב דער דאָזיקער צוצאָלעכץ, וואָס אָט ווערט זי יאָ געגעבן און אָט ניט, רעזידירט אין יִשׂראָעל אַ ספּעציעלער אַדמיניסטראַטאָר פון דער אַמעריקאַנער הילף. אַמעריקע פירט זיך אַז זי העלפט ניט סתּם אַזוי, נאָר זי זאָגט אויך דייעס אַף וואָס די הילף זאָל גיין, און די מענטשן פון דער דאָזיקער הילף האָבן רעכט צו שטעקן די נעז אין אַלע ווינקעלעך און זיי האָבן אַ צוטריט צו אַלע מעלוכע־סוידעס...

אויך די האַכנאָסע פון די אַמעריקאַנער ביכער, וואָס ווערן פאַרקויפט אין יִשׂראָעל, גייט אַרײַן אין דער „הילף". די דאָזיקע האַכנאָסע ווערט פונאַנדערגעטיילט דורכן צאָפן־אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר צווישן אַזוינע געזעלשאַפטן, וואָס צייכענען זיך ניט אויס, איידל גערעדט, מיט זייער צו שאַרפן אַנטיאימפּעריאַליזם...

זײַט באַ זײַט מיטן גרויסן אַרויסהעלפער, איז פאַראַן אַ קליין אַרויסהעלפערל — דאָס איז באָן...

אָט די דאָזיקע הילף, וואָס טריפט פון די שׂכיטע־געלטער, האָט מאָראַליש צעוואַקלט דאָס לאַנד, ווײַל אויב מען מעג שוין „דאָס", טאָ וואָס אַזוינס טאָר מען ניט?.. פון דאַנען נעמען זיך די שווינדלערײַען, פאַרברעכנס, אַפּערעס, אָפּנאַרערײַען און אַנדערע אומהייליקע טרעפונגען, וואָס פאַסטן אַזוי ניט פאַרן הייליקן לאַנד...

און אַז מען באַקומט הילף, דאַרף מען דאָך אַרויסווײַזן פרײַנטלעכקײַט צום הילף־געבער. האָט מען טאַקע צו די פײַערונגען פון 10־יאָריקן יובילעי פון דער מעדינע פאַרבעטן אַ באָנער רעגירונג־דעלעגאַציע, און די צײַטונגען האָבן באַקומען אַ ווונק צו מאַכן זיך ניט זעעוודיק און ניט הערעוודיק...

אויך דעם דריטן פרײַנט פאַרזעט מען ניט: ווען די גאַנצע דעמאָקראַטישע וועלט האָט געקריצט מיט די ציין אַף דע־גאָלס אויפשטײַג, האָט בען־גוריאָן אויסגעכאַפּט די בכוירע באַ בייגינען און געשיקט אַ מאַיאָפּעסדיקע, האַכנאָעדיקע באַגריסונג־טעלעגראַמע צו דע־גאָלן...

דער הויפּט־אָנשפּאַר איז אָבער — וואַשינגטאָן און באָן. וואַשינגטאָן און באָן זײַנען די אידעאָלאָגישע און פינאַנציעלע גרענעצן פון איצטיקן יִשׂראָעל. וואַשינגטאָן און באָן זײַנען די 2 שטעקנס, אַף וועלכע די

רעגירונג שפּאַרט זיך אָן, און אַף וועלכע שטעקנס מען שפּאַרט זיך אָן, אַזאַ גאַנג האָט מען...

ווען אָנשפּאַרן זיך האָט אַ ייִדישער נאָווי געוואָרנט מיט 25 יאָרהונדערטער צוריק און זײַן וואָרענונג איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. ער האָט געוואָרנט, אַז דער מעכטיקסטער אָנשפּאַר קען זיך פאַרוואַנדלען אין אַ צעבראָכן שטעקעלע (קנה הרצוץ), אָדער גאָר אין אַן איבערגעבראָכענעם שטרוי, און אַז מען טאָר זיך ניט פאַרלאָזן אַף די פאַרזאָרגער (אל תבטחו בנדיבים)...

ייִסראָעל געפינט זיך טאַקע צווישן אַזיע און אַפריקע, אָבער די ייִסראָעל־רעגירונג געפינט זיך פאַרלויפיק צווישן וואַשינגטאָן און באָן...

29. שטעט אין ייִסראָעל

דער כעשבן שטימט אין טעל־אַוויוו

יעדער פערטער ייִד אין ייִסראָעל איז אַ טעל־אַוויוווער.

פון דעם אַליין איז שוין קלאָר, אַז טעל־אַוויוו איז אַ געדיכטע ייִדישע שטאָט. ס׳איז אַ שטאָט ווי אַ גרויסער ייִדישער לעקעך, אָבער דאָ און דאָרט איז פונדעסטוועגן אַ ברעג פונעם לעקעך ניט אויפגעגאַנגען און ערטערווײַז איז ער אַפילע אַ ביסל צוגעברענט אויך...

די שטאָט, וואָס איז מיט אַ דרײַ טויזנט יאָר ייִנגער פון ירושאָלאַים, איז איצט אַלט געוואָרן פופציק יאָר. זי האָט ניט קיין ברעקל ביבלישן ייִכעס. זי איז וואַכעדיק און נײַ, און ליגט אָן אויסגעבעטע אין זאַמד, אַף הייסע לײַלעכער פון שוואַרצן אַספאַלט. זי האָט אויך ניט קיין וואַלקאַנישע אַמביציעס און קריכט ניט אין הימל אַרײַן...

באַ איר צופוסנס ליגט אַ האַלב־געלייִמטע די אַלטיטשקע יאַפע. יאַפע, די אַראַבישע שטאָט, פון וועלכער זי איז אַמאָל געווען אַ פאָרשטעטל, איז איצט אַליין אַ פאָרשטאָט באַ דער ייִדישער טעל־אַוויוו און קלײַבט ברעקלעך פון איר טיש...

טעל־אַוויוו, וואָס האָט זיך פון ערשטן מאָמענט אָן פאַרמאָסטן צו זײַן אַ „ריין־ייִדישע שטאָט", האָט זיך געבויט שנעל, כאַאָטיש און ספּעקולאַנטיש. דער גאָלדפיבער פון „ריינער ייִדישקײַט" האָט אַרומגעכאַפּט אַן אַ שיר שטעקל־דרייער. מען האָט געכאַפּט מינראַשימלעך פון די הענט

און אויסער דעם האָבן זיך געמערט קוואַרטאַלן אַפּן שניט פון דער באַרימטער „שכונע כאַפּ־לאַפּ"...

נאָך אַלע כאַפּענישן געהערט אָבער קימאַט די גאַנצע ערד פון טעל־אָוויוו צו בלויז 5 פּראָצענט פון אירע אײַנוווינער...

פאַראַן איז, דעריבער, אַ גווירישע־אַדירישע שטאָט און פאַראַן אַ קאַבצאָנעסדיקע, אַן אָני־וועוויענדיקע.

פאַראַן אַ ברעג יאַם מיט אָפּגעטאָקטע לוקסוס־האָטעלן, מיט אויסגעצאַצקעטע קאַבאַרעטן און נאַכט־לאָקאַלן פאַרן אַמעריקאַנער טוריסטישן אָלרײַטניק און פאַר דער אייגענער גאָלדענער יוגנט. פאַראַן אַ בינטל גאַסן, וואָס דער קײַלעכדיקער דיזענהאָף־פּלאַץ שטראַלט אַרויס פון זיך, און וואָס מען קריגט דאָרט פון וואָס אַ מויל קען ריידן. פאַראַן אַ דיזענהאָף־גאַס, — אַ מין שפּאַציר־בולוואַר, וואָס זײַן עלעגאַנטער טראָטואַר־לעבן און זײַנע סטיליזירטע קאַפעען ווילן אַריבערשרײַען פּאַריז. פאַראַן אַן אַלענבי־גאַס, וואָס קאָכט מיט צעפלאַמטן מיסכער. פאַראַן די ראָטשילד־אַלייען, וואָס זעען אויס ווי איין לאַנגע סוקע, ווי אַ טונקל־גרינער טונעל, צוליב דער צונויפגעוואַקסנקײַט פון די ביימער־קרוינען. פאַראַן שטילע, לעצט־מאָדערנע רעזידענץ־קוואַרטאַלן, וואָס זייערע שטאָקן זײַנען אָנגעטורעמט אַזוי ווי געשניצטע באַמבאַניערקעס, געוויקלט אין צעדערדיקן גרינס, באַהאַנגענע מיט דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע באַלקאָנען, אָנגעפּילטע מיט נעגידישער שאַלווע און מיט אַלע יענע מאָדערנע, אוילעם־האַזעדיקע לוקסוסן, וואָס זעען אויס פאַרן דורכשניטלעכן מענטשן ווי אַ כאַלעם פון אוילעם־האַבע...

אין די אַריסטאָקראַטישערע באַרשטעט, וואָס זײַנען אַליין שטעט (ווי ראַמאַט־גאַן, אַ שטייגער) און אין אַנדערע מאָלערישע פּונקטן קען מען אָנטרעפן „טשאַלעטלעך", פּאַלאַצעטלעך און ווילעס, וואָס טויוולען זיך אין מעהודערדיקע, אויסגעצערטלטע גערטנדלעך און אין פּאַריקמאַ־בעריש־צוגעשוירענעם גרינס...

פאַראַן אָבער אַ צווייטע טעל־אָוויוו, אַ וואָכעדיק־באַשיידענע, אַ קליינהײַזלדיקע, אַ ניט־אַספאַלטירטע, אַ בלאָטיקע, אביסל אַן אָפּגעריסענע, אביסל אַן אָפּגעשליסענע, אַן ענגע צום דערשטיקט ווערן.

42,000 טעל־אָוויווער מישפּאָכעס וווינען אין איין צימער יעדע איינע. בלויז 12,000 מישפּאָכעס (פון 3 מאָל אַזויפיל, וואָס לײַדן נויט) באַקומען אַ קרישקעלע הילף פון דער מוניציפּאַליטעט. די הילף באַשטייט פון 14 פונט אַ כוידעש, און אַף צו לעבן באַשיידן דאַרף מען האָבן 250 פונט...

דאָס באַל־גופנטום, וואָס קאָמאַנדעוועט אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, איז קאַרגלעך און האַלט פאַרשטשעמעט דאָס קאָהאָלשע בײַטל, כאָטש דער ביודזשעט פון דער שטאָט באַטרעפט 50 מיליאָן פונט.

האָקלאַל — ניט אַלץ איז לעקעך אין טעל־אַוויוו. פאַראַן טאַקע אַ טעל־אַוויוו פון סאַמע לעקעך און פאַראַן אַ טעל־אַוויוו פון גאָלע בולבע... די שכונאָט אויני (שכונות עוני — אָרעמקײַט־קוואַרטאַלן) שטעכן אין די אויגן און די צענדליקער אויסגעשטרעקטע הענט אַף די גאַסן פון טעל־אַוויוו שטעכן אין האַרצן...

צו איר 50יאָריקן יוביל האָבן מאָלער פאָרגעשטעלט טעל־אַוויוו ווי אַ צעעפנטע בלום. האָבן קאַריקאַטוריסטן אָנגעצייכנט אַפֿן פאָן פון דער זעלבער בלום אַ שוואַרצן דאָרן — דעם שוואַרצן דאָרן פון די „שכונות עוני”. אומעטום און צו אָפֿט זעט מען, צום באַדויערן, אַ דאָרנדיקן שאָטן...

אַז מען מאַכט אַ פאַרגלײַך צווישן ביידע טעל־אַוויוון, זעט מען אַז דער כעשבן שטימט און אַז ער פאַלט צונויף מיט אַנדערע ענלעכע כעשבוינעס. מען זעט, אַז אין טעל־אַוויוו זײַנען די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן פונקט די זעלבע ווי אין אַסאַך אַנדערע וועלט־שטעט. מען זעט קלאָר, אַז טעל־אַוויוו פאַרשעמט ניט, כאָלילע, דעם געזעלשאַפטלעכן סיידער פון דער „פרײַער” וועלט...

אַ באַרג מיט שיינקײַט

דורך אַ ברעגיאַמיקן שאָסיי און דורך אַן אײַזנבאַן־ליניע שטראָמט די פאַרבינדונג צווישן טעל־אַוויוו און כייפע.

דאָס איז איינער פון די „אויסגעטראָטנסטע” וועגן פון יִסראָעל, און ער ציט זיך דורך אַ געגנט, וואָס איר רויטלעכע ערד („כומרע”) איז אָנגעזעטיקט מיט גרינס און מיט לאַנגיאָריקער מי.

די ערשטע העלפט וועג שלענגלט זיך צווישן פלאַכע שטרעקעס, אָבער ראַפּטום גיט זיך אַ הייב, פון דער רעכטער זײַט, אַ באַרג־קייט, וואָס לויפט שוין מיט מיטן וועג ביז צו כייפע.

אַף די נאַקעטע פלייצעס פון די בערג ליגט די טיפע עלטער. דאָ און דאָרט זײַנען זיי דורכגעגעסן מיט היילן און מיט אוראַלטע לעכער, וואָס גלאָצן מיט געשיכטלעכער פינצטערקײַט... מען ריכט זיך, אַז אָט־אָט וועט פון דאָרט אַרויסשפּרינגען אַ שאַקאַל אָדער אַ פוקס, און מען נעמט פאַרשטיין פאַרוואָס אין טאַנאַך רעדט זיך אַזוי פיל וועגן היילן...

פֿון צײַט צו צײַט באַמערקט מען אַ װײַסלעכן אָנװוּקס אױף דער ברױ־נער נאַקעטקײַט פֿון די בערג, אָבער דאָס זײַנען ניט מער װי סימאָנים פֿון כורבן און טױט — דאָס זײַנען די פֿונאַנדערגעפֿאַלענע סקעלעטן פֿון צעשאָסענע אַראַבישע דערפֿלעך, װאָס האָבן אין יאָר 1948 געשטעלט אַ װידערשטאַנד...

װען מען דערנענטערט זיך צו כײפֿע, פֿאַרשװינדט די באַרגיקע װיס־טעניש. פֿון װײַטן נאָך פֿאַרפֿלײצט כײפֿע דעם געמיט מיט ליכט און מיט שײנקײט. שױן אין ערשטן מאָמענט װײַזט זי די שלאַנקע פֿיגור פֿון איר בוכטע, איר באַרגיקן װוּקס, איר בלאָװאַסערדיקן צופֿוסנס, איר נאַטירלע־כע און דערװאָרבענע אױסגעפּוצטקײַט און איר גאַנצן לױכטנדיקן אַרום־און־אַרום.

אױב די פֿאַרגעשיכטע פֿון טעל־אָװיװ הײבט זיך אָן מיט זאַמד, זײַנען די מאָדערנע אָנהײבן פֿון דער אונטערשטער, ברעגיאַמיקער כײפֿע פֿאַרבונדן מיט טױט־טראָגנדיקע זומפּן. „אַן אָאַזיס פֿון דערנער אין אַ מידבער פֿון מאַלאַריע" — אַזױ האָט אױסגעזען יענער טײל כײפֿע, װאָס נעמט אַרום די בוכטע און װאָס ציט זיך אַװעק צום אײמעק זװוּלון, אין דער ריכטונג פֿון עכּאָ.

איצט איז כײפֿע שײן ניט נאָר „אױבן" נאָר אױך „אונטען". און אָט די שײנקײט איז נאָך מער סימפּאַטישער, װײַל זי איז געפּאָרט מיט פֿראַצע און מיט אַרבעטזאַמקײַט. כײפֿע, „די רױטע כײפֿע", איז די אינ־דוסטריעלע הױפּט־שטאָט פֿון יִשׂראל, אָבער די שײנקײט אירע בלײַבט אַלץ אײנס אַ ניט־פֿאַררױכערטע און אַ ניט־פֿאַרסאַזשיקטע. די שװערע אינדוסטריע פֿון כײפֿע איז, אַגעװ, ניט קײן געװאַלדיק שװערע און מען קען אַפֿילע זאָגן — אַ גאַנץ לײַכטע (גלאָז, כעמישע פּראָדוקטן, צעמענט, אױטאָ־מאָנטאַזש, נאַפֿט־רעפֿינירונג און מעטאַלורגיע אָפּן שפּיץ מעסער), און זי „באַשװוּערט" ניט דעם נאַטור־כײן פֿון דער געגנט.

דער באַלעבאָס פֿון כײפֿע איז דער באַרג קאַרמעל. װוּ מען גײט זיך אַ דרײ, באַגעגנט מען אים, טרעט מען אױף אים, און אומעטום פֿאַר־שטעלט ער דעם װעג. ס'איז ניט קײן באַרג װאָס מען קען אים זען אינ־גאַנצן און װאָס מען קען זאָגן װעגן אים, אַז אָט הײבט ער זיך אָן און אָט ענדיקט ער זיך, אָט איז זײַן באַזע און אָט איז זײַן שפּיץ. ער גאַנװעט זיך אַרױס פֿון אײַער בליק און ציט זיך אַװעק מאַזל־בראָכעדיק אין אַלע זײַטן, מיט זײַנע פֿאַלדן און פֿאַרבאָרגענישן, און װײַזט יעדן מאָל אַלץ נײַע און נײַע פֿעלזן און אָראָפּהענגן. כאָטש די גאַנצע שטאָט איז שױן

אַרויפֿגעקראָכן אױפֿן באַרג, דוכט זיך אױס אַז דער באַרג האָט נאָך אָרט אין זײַנע פּאָלעם פֿאַר נאָך 10 שטעט...

אין דער אונטערשטער כּיפּע וואַרפֿט זיך אין די אויגן דער טוווע־פּאַלאַץ — „דאַגאָן" (דגון), — די היים פֿון די קערנער, דער ריזיקער סילאָ, וואָס איז די ברויט־קאַמער פֿון דער מדינה. אין זײַנע צעמענטענע בײַכער שטראָמט אַרײַן די גערעטעניש פֿון לאַנד.

בײַ אונדז, אין די טוווע־געגנטן פֿון ענטרע־ריאָס און סאַנטאַ־פּע, קען מען זען אַזוינע ווערטיקאַלע שײַערן, אָבער די בעטאָנענע נאַקעטקײַט פֿון די היגע ברויט־טורעמס איז מיט גאָרניט באַדעקט. אין כּיפּע האָט מען די אינערלעכע נוצן פֿון סילאָ פֿאַרבונדן מיט דרויסנדיקער עסטעטיק. דער „דאַגאָן" האָט אַרכיטעקטאָנישע אויסדרוקפֿולקײַט, איז געבויט אין אָריענטאַליש־אַראַבישן סטיל און האָט מאָטיוון פֿון ייִדישער אָרנאַמענטיק. דערפֿאַר איז עס ניט קיין וווּלגאַרער שײַער, נאָר אַן עמעסער טוווע־פּאַלאַץ.

אַז מען נעמט שטעלן ווײַטערדיקע טריט, גיט אַ שײַן אין די אויגן אַ זאַך, אויף וועלכער מען האָט זיך איינגאַנצן ניט גערעכנט: אַ קופּאָל, געגאָסן פֿון ריינעם, מאַסיוון גאָלד, וואָס זיצט ווי אַ קרוין אויף אַ מין אָריענטאַלישן, אימפּאָזאַנטן טעמפּל, צו וועלכן עס פֿירן צענדליקער און צענדליקער טרעפּ.

„איז עס ניט אַמאָל אַ רעפּראָדוקציע פֿון בית־המיקדעש?" — גיט מען זיך אין ערשטן מאָמענט אַ טראַכט, אָבער ס'ווײַזט זיך אַרויס, אַז די אומגעריכטע גאָלדענע וויזיע האָט גאָרניט צו טאָן מיט ייִדישקײַט, מיט ייִשׂראל און אַפֿילו מיט אַראַבער.

ס'איז אַ וועלט־טעמפּל פֿון די באַהײַען, — אַ סעקטע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פֿון איסלאַם און וואָס איז אויפֿגעקומען אין פּערסיע אין מיטן פֿון 19טן יאָרהונדערט. אַזוי ווי אין פּערסיע האָט מען זיי פּאָגראָמירט, האָבן זיי אײַנגעשטעלט זייער גאָלעם אין כּיפּע און אויפֿגעשטעלט דאָרט, מיט דער הילף פֿון אַ פּאָר פֿאַנאַטישע „געלט־זעק", זייער וועלט־צענטער און וועלט־טעמפּל.

אויסערן טעמפּל גופֿא איז פֿאַראַן אַ מירמלנער אַרכיוו־בנין, אין סטיל פֿון אַטענער פּאַרטענאָן. ביידע פּראַכט־בנינים זײַנען אײַנגעראַמט אין אַ ראַם פֿון מאַמעש לעגענדאַרישע גערטנער, אַרומגעצירקלטע מיט בלומיקע שטעגלעך, מיט פּילקאָלירטע סטעזשקעס און מיט אַ סימעטריש־אויסגעצאַצקעטער געוויקסן־וועלט, וווּ יעדער גרעזעלע איז, דוכט זיך, אָפּגעהיט באַזונדער. די דאָזיקע שיינקייט איז אַ רעזולטאַט פֿון זייער

דאָגמע, װאָס זאָגט, אַז גאָטס גײַסט רוט דאָרט װוּ ס'איז שײן... דער צענטראַלער פּונקט פון זײערע גלױבן איז: פרײַנטשאַפט צװישן מענטשן און שאָלעם צװישן פעלקער. װי ס'איז צו זען, האָט דער פּערסישער סאַטראַפּ געהאַט װאָגיקע מאָטיװן צו פּאָגראָמירן זײ...

דער קאַפּ „פּאַרדרײט זיך" פון שײנקײט ערשט שפּעטער, װען מען נעמט זיך דרײען אַרום באַרג, אַרום דער לעבעדיקער קאַרמעל־שײנקײט.

װען מען נעמט אַראָפּנידערן ספּיראַלאַרטיק, פון אױבן אַף אונטן, פון אױבערשטן האַר־האַקאַרמעל צום מיטעלן האַדאַר־האַקאַרמעל, נעמט מען זיך שפּירן װי אַ שװעבנדיק פּלאַטערל, צװישן די קרײַזן און האַלב־קרײַזן פון שײנקײט, װאָס װיגן זיך אונטער אײַך און פאַרװיגן אײַך. די ניט־געװײנטלעכע גרינלעכע בלאָקײט פון יאַם, אַ באַדעקטע מיט זוניקע שופּן; די „אַראָפּפּאַלנדיקע" סטילפּולע גאַסן; דער אָליװן־גרינער זװוּלון־טאָל מיט די קעסטלדיקע װײַסע יִישוּװים; די אינדוסטריעלע קאָרפּוסן, אײַנגעהילטע אין דורכזיכטיקע דאַמף־נעפּלען, — דאָס אַלץ האַלט זיך אין אײן טאַשן און איבערטאַשן, אין דער מאָס װי דער אַספּאַלטענער שנור פון די גאַסן האַלט אײַך אין אײן זיגזאַגיקן אַראָפּטראָגן פון קאַרמעל־באַרג.

דער ראַכװעסדיקער באַרגשפּיץ

סאַמע אױבן, אין מיטן פון דער באַרגיק־װאַלדיקער קאַרמעל־שײנקײט, שפּיגלען זיך די שפּאָגל־נײַע בנינים פון „טעכניאָן", װאָס איז, אין גרונט גענומען, אַ גאַנצער טעכנישער אוניװערסיטעט, מיט 8 אינזשענירישע פאַקולטעטן, אױסער ספּעציעלע קורסן.

דעם דאָזיקן פּאָליטעכניקום, װאָס האָט אַ קײמע־לאָן פון 2.300 סטודענטן, איז ענג געװאָרן אונטן און ער האָט געמוזט אַרױפּקלעטערן אַפן שפּיץ באַרג. געװײנטלעך געשעט דאָס פאַרקערטע: ענג װערט אַפן שפּיץ, און אַז מען װיל זיך צעװאַקסן, לאָזט מען זיך אַראָפּ נידעריקער. אין כײפע, אָבער, אַז מען װיל צענעמען די הענט, דאַרף מען שטײַגן װאָס העכער אַפן קאַרמעל, װאָס איז עלאַסטיש װי די פעל פון אַ הירש...

די זאַלן, לאַבאָראַטאָריעס און אינטערנאַטן זײַנען געבױט מיט אַלע טעכנאָלאָגישע הידורים פון דער מאָדערנער באַקװעמלעכקײט. עס מאַכט דעם אײַנדרוק, אַז דאָס איז עפּעס אַזױ װי פאַר אױסדערװײלטע, פאַר יעבידײ־סגולע. דערמאָנענדיק זיך אין די אײגענע סטודענטישע יאָרן און

מאַכנדיק פאַרגלייכן, בלײַבט מען געפּלעפּט פון דער גרויסער אַקאַדעמי־שער שעפע, אַף וועלכער עס פאַרגינט זיך דער שפּיץ פונעם קאַרמעל...

אין די סטודענטן־היימען איז נאָך דערווײַל דאָ אָרט פאַר קנאַפּע 300 סטודענטן. די וווין־צימערן זײַנען אַזוי געבויט, אַז עס איז פאַראַן אַ העכערער טייל צימער (צו אַרבעטן) און אַ נידעריקער (צו שלאָפן). די אָריגינעלע בוי־קאָנצעפּציע ווײַזט, אַז אויך פון 4 ווענט קען מען מאַכן אַ סאַך נײַע זאַכן. די וואַנט פאַרלירט איר קאַלטקײַט און שטומקײַט, און נעמט אויספירן אַ פונקציע אין לעבן...

אַ טאָג נאָך אונדזער באַזוך אַפן אַקאַדעמישן קאַרק פונעם קאַר־מעל, האָט מען געעפנט איינעם פון די נײַע פּאַוויליאָנען און מען האָט אים פײַערלעך מעזאַקע געווען מיטן נאָמען ווינסטאָן טשערטשיל. פאַר וועלכע מאַיסים־טויווים האָבן מיר זיך ניט דערוווּסט. עפּשער דערפאַר וואָס דער באַל־דאָוועד האָט געשאַפן דאָס קינסטלעכע מאַריאָנעטן־לענדל טראַנסיאָרדאַניע און אָפּגעריסן פון דער אַמאָליקער פּאַלעסטינע פיר פינפטל פון איר טעריטאָריע?..

דער שפּיץ באַרג איז פול, ניט נאָר מיט אַדאַקעמישער כשיוועס, נאָר אויך מיט פאָלקסטימלעכער אָנגעבויטקײַט.

אויך פּראָסטע וווינונג־הײַזלעך האָבן זיך פאַרקליבן אַף פאַרשיי־דענע טיילן פונעם קאַרמעל־שפּיץ. וואָס העכער און מעשופּעדיקער עס ווערט דער אויבן, אַלץ מער זעען דאָרט אויס די הײַזלעך ווי זיי וואָלטן געשטאַנען אַף הינערשע פיסלעך. צוליבן שיפּוא פון באַרג מוז דער פּאָ־דערשטער פראָנט פון די הײַזלעך אונטערגעשפּאַרט ווערן מיט הילצערנע אָדער צעמענטענע קלעצער, און עס דוכט זיך אויס פון ווײַטן, אַז די הײַזלעך שטייען מיט פאַרקאַשערטע הויזן...

ווו מען זאָל ניט וואַרפן דעם בליק, זעט מען ווי כייפע דראַפּעט זיך אַפן קאַרמעל. זי וואַקסט צום שפּיץ און אין אַלע ריכטונגען, און אין אירע געדערעם בויערט מען איצט דעם ערשטן סובטע פון גאַנצן אָריענט. מיטן אונטערערדישן באַן וועלן מענטשן פאַרשפּאָרן אַזויפיל צו דרייען זיך אַרום דעם קאַרמעל־באַרג און וועלן מיט איין קאַצן־שפּרונג זײַן אַפן שפּיץ...

מיר האָבן פאַרבראַכט אַ נאַכט אין אַ האָטעל, אַפן הויכן רוקן פון באַרג.

אַ קאַרמעל־נאַכט, און דערצו נאָך אַן ערשטע, ווילט זיך ניט פאַר־לירן אין שלאָף. אַ שטיק נאַכט האָבן מיר ניט געקענט אָפּרײַסן די אויגן

פון אַנגעצונדענעם באַרג און פון אויסגעשטערנטן יאַם, װאָס אַפילו אין דער טונקלקײַט זעט זיך עטװאָס זײַן בלאָקײַט. אַ צװײטע שטיק נאַכט האָב איך זיך געדרײט אַפּן גלעגער, װי כ'װאָלט זיך עפּעס געקײַקלט אַראָפּ באַרג, און אַ דריטע שטיק נאַכט איז אויסגעפּילט געװאָרן מיט אַ גרילציקן שאַקאַלן־געװײן, װאָס איז אַנגערונען פון ערגעץ אַ װיסטן באַרג־װינקל.

ערשט װען די קאַרמעל־נאַכט האָט גענומען אַראָפּטריפן פון שפּיץ באַרג, האָט מיך אַ פאַרטאָגיק דרימל אויסגעלייזט פון דער נאַכטיקער שפּאַנונג...

30. אין און אַרום יערושאָלאַיִם

שטײן אַף שטײן

װאָס מער מען דערנענטערט זיך צו יערושאָלאַיִם, אַלץ באַרגיקער װערט דער אַרום און אַלץ שטײניקער װערט די ערד.

יעדער שטיק באַרג, װאָס איז פון דער נאַטור שטײניק, איז נאָך אָפּגעשאָטן פון אויבן מיט אַנדערע שטײנער... דער אָנשיט פון שטײנער איז אַזאַ געדיכטער, אַז עס דוכט זיך: אָט ליגן צעשאָטן די אויסגעטריקנ־טע ביינער פון 3,500 יאָר ייִדישע געשיכטע... ניט אומזיסט האָט זיך דאָ דעם דיכטער סוצקעװער אויסגעדוכט, אַז יעדער שטײנדל איז זײַן זיידע...

14 מאָל, אין איר געשיכטלעכן לעבן, איז יערושאָלאַיִם כאָרעװ גע־װאָרן, און אַסאַך פון אָט די שטײנער זײַנען שפּליטערס פון פריִערדיקע און שפּעטערדיקע כורבונעס...

מען זעט, אַז ניט לײַכט איז אויסצוקלײַבן די שטײנער פון דער ערד; אַסאַך לײַכטער װאָלט שוין געװען אויסצוקלײַבן די ערד צװישן די שטײנער...

װען מען קוקט זיך צו צום דאָזיקן אָנגעװאַלגער פון שטײן אַף שטײן, נעמט מען פאַרשטײן פאַרװאָס דער „פּאָפּולערסטער" פון די 4 מיטלען אויסצופירן אַ טויט־אורטייל אין אַמאָליקן ערעץ־ייִסראָעל איז געװען סקילע (פאַרשטײנונג)...

צװישן די טויזנט־יאָריקע שטײנער איז דורכגעפּעדעמט דער יונגער

צעניאָריקער וועג. פֿון צײַט צו צײַט גיט אַ שימער פֿון אונטן אַ באַטאַ־ליאָן מיליטעריש־אויסגעסיידערטע מאַראַנצן־ביימער, וואָס „מאַרשירן" מיט זייערע גאָלדענע האַנט־גראַנאַטן אַף די האָרדעס שטיינער...

די אָנדערטהאַלבן מיליאָן נאָדל־ביימלעך, וואָס זײַנען פֿאַרפּלאַנצט געוואָרן צווישן די מיליאַרדן און מיליאַסן שטיינער, זעען זיך קוים אָן. וואָס קענען, מ׳שטיינס געזאָגט, אויפטאָן די צאַרטע יידישע צווײַגעלעך קעגן אַזאַ מין שטיינערנעם אַמאָלעק?...

די שיפּואים פֿון די בערג זײַנען פֿאַרפּלאַטשיקט דורך טעראַסן, קעדיי עס זאָל זיך קענען אָנזאַמלען וואָס מער ערד אַף די באַרג־רוקנס און קע־דיי דאָס יונגע בוימוואַרג זאָל האָבן קויעך צו פֿאַרפֿעסטיקן זיך, אָבער די שטיינער קוקן אַלץ איינס אַרויס אויך פֿון די דאָזיקע טעראַסן, ווי די אויסגעשטשירעטע ציינער פֿון אַ נאַקעטן שאַרבן... דער אַלגעמיינער אײַנ־דרוק איז, אַז אַף דער דאָזיקער ערד איז אויסגעפֿירט געוואָרן אַ טויט־אורטייל דורך סקילע און אַז דער פּראָצעס פֿון טכיאַס־האַמייסים איז שווער ווי דער טויט...

אַף איינעם פֿון די בערג הענגט, אַזוי ווי אַ צוגעקלעפּטער, דער אַראַ־בישער דאָרף אַבו־גאָש: הײַזקע אַף הײַזקע, און צווישן די הײַזקעס — פּוסטע שטעגלעך און ווינקלעך. מעלאַנכאָליע געמישט מיט זון איז אויס־געגאָסן אַפֿן מידן באַרג...

און גלײַך פֿון דער שטיינער־וויסטעניש פֿאַלט מען פּלוצלונג אַרײַן אין יערושאָלאַים גופֿע.

מען איז פֿון פֿריער גריים געווען אַף ספּעציעלע איבערלעבונגען, מען איז געווען אויפֿגעלייגט גערירט צו ווערן און אַפּילע איבערצולעבן אַ יערושאָלאַימער „שאָק", אָבער די פּלוצלונגדיקע באַגעגעניש מיט דער „אייביקער און הייליקער" שטאָט פֿאַרלויפֿט מאָדנע וואָכעדיק און ס׳איז מאַמעש ניטאָ אין וואָס „אָנצוכאַפּן זיך"...

פּראָזאַיִש־גראָע, אומעטיקלעכע מענטשן באַוועגן זיך איבער גאַסן, וואָס פֿאַלדעווען זיך לײַכט אַרויף און אַראָפּ. צווישן די הײַזער פֿון געלב־לעכן שטיין וואַרפֿן זיך אָפּט דורך יעשיווע און באָטע־מעדראָשים, און מען דערזעט צום ערשטן מאָל: די געדריידלטע, ציפּ־צאַפּלדיקע פּייעס, וואָס דערגרייכן קימאַט ביז די אַקסלען און וואָס באַמבלען זיך ווי צעפּ־לעך; די קאַפּעלאַטשלעך און יאַרמלקעלעך פֿון קאַפּאָטע־יידן און פֿון קליינוואַרג; און די פּעסקעס פֿון קורדיסטאַנישע, פּערסישע און טערקישע יידן. עס אײַלן אויך פֿאַרבײַ מענטשן מיט פּאָרטפֿעלן און באַם אַרײַנ־גאַנג פֿון די סוווועניר־געשעפֿטן דערקענט מען די באַקאַנטע געשטאַלטן

פון די אַמעריקאַנער טוריסטן־לײַדים... עס שװעבן אויך פאַרבײַ קאַדילאַקן און קײַזער־פראַזערס, אָבער דאָס אײַזעלע, װאָס שטייט און דרימלט־אונ־טער אין אַ זײַטיק געסל, װערט פון דעם אינגאַנצן ניט ניספּאָעל...

אַף דער אויטאָבוסן־סטאַנציע איז טומלדיק און שמוציקלעך. אויס־געשטרעקטע הענט, טראַסקענדיקע פּושקעס און האַכנאָעדיקע בליקן װאַרטן אַף נעדאָװעס. אַגעגנטן פון רעליגיעזע בעװערס רוימען אײַך אײַן אַ סאָד װעגן דעם אָדער יענעם באַל־נעס װאָס זיי רעפּרעזענטירן. זיי גיבן אַפילע אַרויס אַ קװיטל פאַר יעדער נעדאָװע און זאָגן אײַך דערבײַ צו די און יענע װעלט. גיט מען, כאַלילע, ניט, אָדער מען פּרוּװט אַרײַנװאַרפן אַ גוטמוטיק־איראָנישן װאָרט, װערט מען אָפּגעזידלט און געשטעמפּלט װי אַ גוי, װאָס פאַרשװעכט די הייליקע ערד...

דאָװיד האַמײלעכס גוירל . . .

יערושאָלאַים האָט אירע בערג ניט נאָר אין דרויסן פון איר שטאָט־גאַרטל; זי פאַרמאָגט אויך אַ פּאָר אינערלעכע בערג.

אַף איינעם פון די בערג, אַפן „הר ציון”, געפינט זיך דער קייװער פון דאָװיד האַמײלעך. ס'איז טאַקע אַ סװאָרע אַז דער קייװער איז אַן אויסגעטראַכטער, אָבער ער איז דאָ, און האַמוינים מענטשן, װאָס זײַנען אוילע צו אים, גלויבן בעעמונע שליימע, אַז דאָרט רוט דער באַרימטער קעניג, ביפראַט אַז פאַרשיידענע אָריענטאַציע־פײַלן, װאָס פירן צום קיי־װער, װײַזן אָן קלאָר און דײַטלעך: „קבר המלך דוד”.

מען ריכט זיך, אַז מען װעט אָנטרעפן ניט סטאַם אַ קייװער, נאָר עפּעס װאָס איז ענלעך אַף אַ פּאַנטעאָן. װי ס'פּאַסט פאַרן רומפולסטן יידישן קעניג. אויב אַפילע ס'איז היסטאָריש ניט דערװיזן געװאָרן, אַז דאָס איז דער ריכטיקער קייװער, האָט ער דאָך אָבער, פאַר די װאָס גלויבן, דעם װערט פון אַ העכסטן סימבאָל.

גייט מען אַרויף אַפן פײַן־געפלאַסטערטן באַרג און מען ריכט זיך אַף אַ גראַנדיעזער דערשײַנונג, אָבער נאָכדעם װי מען רײַסט זיך דורך דורך אַ קייט צעבראַסטעטע בעטלער, שלעפּער און קאַליקעס, װאָס קלאַפּן אין בלעכענע פּושקעס, װערט מען פאַרפּאַלן אין אַ לאַבירינט פון פינצטע־רע שטיגן, קעלערן, און לעכער, ביז מען שטופּט זיך אַרײַן אין אַ שמאָלן דורכגאַנג־צימערל, װאָס איז איבערגעפּולט מיט צעפּאַרעטע מענטשן; און אָט אין דעם אָ כױשעכדיקן אַלקערל, װען מען שטעלט זיך אַף די שפּיץ פינגער און מען װאַרפט אַריבער דעם בליק איבער 4—5 שורעס מענטש־לעכע פּלייצעס, דערזעט מען דעם קייװער.

ס'איז אַ מין לאַנגער, הויכער טאָמבאַנק (פון אַ דריַי מעטער די לענג און אַנדערטהאַלבן די הייך), פון אַן אומבאַשטימטן שוואַרצן מאַ־טעריאַל, וואָס איז צוגעמויערט צו דער וואַנט, און אַט דאָס איז איינ־גאַנצן. עס הערט ניט אויף צו האָגלען אַף אים מיט מאַטבייעס, מיט קוויט־לעך און מיט ליכט, וואָס דער צונויפגעדרענגטער אוילעם האַלט אין איין וואַרפן.

אַרום איז אַן ענגשאַפט און אַ שטופעניש, אַ געטאַנצעריַי פון פּייעס און אַ שאַקלעניש, אַ געפּרעפּלעריַי און אַ כליפּעניש. קיינער שטעלט ניט איַין קיין אָרדענונג, קיינער פּאַרמירט ניט קיין ריי, קיינער באַמיט זיך ניט אַז אין רעגולערע ציַיט־אָפּשניטן זאָל אַריַין ניט מער ווי אַ באַשטימטע צאָל מענטשן.

פון דאָרט ווערט מען דורך די ניַי־אָנגעקומענע מענטשן אַרויסגע־שטופּט אין אַנדערע צימערלעך, וואָס זיַינען שוואַרץ ווי סאַזשע און ווו עס איפּעשט מיט אָנגעשמאָלצענעם כיילעוו, מיט טוכלעקייט און מיט איַינ־געגעסענעם שמוץ. עס פלעמלען און שמעלצן זיך הונדערטער ליכט און עס הערן זיך מי־שעבייראַכס, אייל־מאָלע־ראַכמימס און אויסגעצויגענע קרעכצן.

דער דאָזיקער „ספּעקטאַקל" דערדריקט דעם געמיט. ס'איז ניטאָ דער באַזוכער, וואָס זאָל ניט אַ טראַכט טאָן באַ זיך: מאָנעפּשעך, איז עס יאָ דער קייווער פון דאָוויד האַמײלעך, דאַרף דאָך אַרויסגעוויזן ווערן צו אים דער געהעריקער אָפּשיי; דאַרף אַרויסגערוימט ווערן פון אַרום קייווער דער גאַנצער גנילאָפּיאַטעווקער כוישעך צוזאַמען מיט די קרומע פּישקעס; און אַנשטאָט דעם טונעיאַדעווקער יאַריד, דאַרף איַינגעשטעלט ווערן אַ שטיקל אָרדענונג. איז עס, ווידער, ניט דער קייווער, מעג ער דאָך באַ־טראַכט ווערן, לעכאָל־האַפּאָכעס, ווי אַ מאָנומענט, נעמענדיק אין אַכט, אַז די פאָלקס־טראַדיציע פאַרבינדט אים יאָ מיט דאָווידס נאָמען.

מיט די דאָזיקע געדאַנקען באַמיט מען זיך אַרויסצוריַיסן פון דער געשפּענסטיקער פאַרשטיקטקייַט, אָבער מען ווערט וויַיטער אַריַינגעשטופּט דורכן מענטשן־שטראָם אין אַ ניַיעם פּלאָנטער פון צימערלעך און קע־לער־שטיבלעך. דאָס אַלץ איז דער „מרתף השואה" — דער קעלער פון כורבן, פון קאַטאַסטראָפע.

דער גאַנצער קעלער איז — לאָך אַף לאָך, און אַלע לעכער זיַינען פול מיט פינצטערניש, מיט טשאַד און מיט קאַשמאַר. אַף טישלעך און געשטעלן זיַינען אָנגעלייגט צעריסענע ספאָרים, פאַרשוועכטע פאַרמעטן

און צעבראָכענע קולט־כפּייצים. צעפּליקטע, בלוט־פאַרפלעקטע טאַלייסים הענגען אַף טאָרסן פון מונעקענען (!!!).

די דאָזיקע באַקאַנטע „אַנדענק"־זאַכן שטאַמען פון די צאַרישע פּאָגראָמען און פון דער היטלעריסטישער אויסראָטונג. אין די ווענט זײַנען אײַנגעמויערט טאָוולעך פון צענדליקער לאַנדסלײַט־פאַראיינען, און אין די ווינקלען רויכערן ליכטלעך, וואָס זייער אויסגעשמאָלצענער וואַקס צערינט זיך אַף דער ערד אין אומריינע ריטשקעס.

דאָס אַלץ דאַרף זײַן אַ מין שוידער־„מוזיי" פון ייִדישע אומגליקן, אָבער אין דער עמעסן כאַפּט אָן אַ שוידער פון דער פּיעטעטלאָזיקייט, געשמאַקלאָזיקייט און היגיענלאָזיקייט, וואָס מערקט זיך אַף טריט און שריט. ווו מען גיט זיך נאָר אַ קער, איז פול מיט שמוץ, מיט שפּינוועבס און מיט שטויב, און דער גאַנצער „לאָקאַל" גופע שמעקט מיט קייווער...

איז דען דער ייִדישער אומגליק צו קליין, אַז מען זאָל אים נאָך דאַרפן באַגראָבן אין אַזאַ מין לאָך, קעדיי צו „שאַפן שטימונג"?.. דער־גרייכן דערגרייט מען, פאַרשטייט זיך, פּונקט דאָס פאַרקערטע — דער גאַסט ווערט אויפגעקאָכט קעגן די אָרגאַניזירער פון אַזוינע „מוזייען".

אויך דאָ פאַרגעסט מען ניט צו קלאַפּן מיט דער פּושקע, אָבער דאָס קלאַפּן האָט שוין „גנזעלשאַפטלעכע" צילן — די פּושקע דאַרף העלפן „אויסהאַלטן" דעם מוזיי...

און אָט, צווישן דעם אַלעמען, דאַרף עס שוועבן דער גײַסט פון דאַוויד האַמײלעך, פון דאָזיקן קעניג, וואָס האָט זיך גראָד אויסגעצייכנט מיט זײַן לעבנסלוסטיקײַט און צעזונגענקײַט.

מיט שטוינונג און פאַרביטערטקײַט אײַלט מען זיך וואָס שנעלער אַרויסצוקריכן פון קעלער. דאָס לעצטע ביסל גרייטקײַט דורכצודרינגען זיך מיט היסטאָרישע עמאָציעס פאַרשווינדט, און מען אָטעמט אָפּ פרײַער ווען מען באַפרײַט זיך סאָף־קאָל־סאָף פון דער הייליקער פּינצטערניש...

דער באַרג פון העלדישן טויט

פּונקט דער היפּעך פון אַלטן „הר ציון" איז דער יונגער „הר הרצל" — דער הערצל־באַרג, וואָס איז אויך אַ באַרג פון קוואָרים, אָבער קוואָרים ליכטיקע און, צום באַדויערן, יונגע, שוידערלעך יונגע...

קיין שום זאַך אַפן דאָזיקן באַרג איז ניט באַהאַלטן אין קיין קעלער, און אַלץ געפינט זיך אין שמעקעדיקן און אָפּגעהיטן דרויסן.

ס'איז דער באַרג פון דער יוגנט, פון דער שלאַכט־יוגנט וואָס איז געפאַלן אין די קאַמפן פאַר אומאָפּהענגיקײַט.

אַף די טעראַסן פון באַרג שנירלען זיך שורעס ווײַסע קוואָרים פון 18־ און 19־יאָריקע ייִנגלעך און מיידלעך. די דאָזיקע טעראַסן פון העל־דישן טויט הייבן זיך שטאָק איבער שטאָק. יעדער קייווער איז צוגעדעקט מיט אַ ליגנדיקער פלאַכער מאַצייווע, וואָס איז זאָרגעוודיק אַרומגעצירט מיט פעלד־קווייטן, אָרנאַמענטאַלן גראָז, ווײַסע שטיינדלעך און נידע־ריטשקע ציגל־פלאַנקנדלעך.

אַז מען קוקט פון אויבן אַף די קוואָרים, דוכט זיך אויס, אַז די טויטע יוגנט איז געבליבן פאַרגליווערט אין מיטן פון אַ הוירא...

אין אָנדענק פון דער יוגנט, וואָס איז געפאַלן אין יאַם, איז אויפ־געשטעלט אַ סימבאָלישער וואַסער־קייווער — אַ מאָנומענט אין פאָרם פון אַ שיף. דער דעק פון דער שיף איז אַ באַסיין מיט וואַסער, און אַפן גרונט פון באַסיין זײַנען אַרײַנגעקריצט די נעמען פון די געפאַלענע.

דאָס דורכזיכטיקע, דורכגעזוניקטע וואַסער פאַלדעוועט זיך קוים־קוים און די לײַכטע כוואַליעלעך האַלטן אין איין גלעטן די נעמען, אין איין צערטלען און פאַרוויגן זיי...

אַפן שפּיץ באַרג טונקלט זיך דער גרינער קרייז פון הערצלס קייווער. דער קייווער איז אַ פּערפעקטער ריזיקער קרײַז פון געדיכטן נידעריק־געש־שוירענעם גראָז, און איז אַרומגעגאַרטלט מיט אַ קייט, וואָס איז דורכגע־צויגן דורך די אויערלעך פון צעמענטענע סלופּיקלעך. זײַן מאַיעסטעטישע פּאַשעטקײַט שפּילט אַרײַן אין געמיט.

דער גאַנצער באַרג איז אָפּגעטונקט אין קולטיווירטן גרינס און אין גערטנערישער קונסט, אַלץ איז אָנגענעם פאַרן אויג און רופט אַרויס די געהעריקע שטימונגען.

אַ ברייטער, מאַלכעסדיקער טויער, אַ געשניצטער אין מעטאַל, עפנט, דורך זײַנע עטלעכע אַרײַנגענג, דעם וועג צום באַרג און דערפירט דורך אַלייען און סימעטרישע שטעגלעך צו אַלע ווינקעלעך פון יונגן פּאַנטעאָן.

דער אוניווערסיטעט־באַרג

אין מײַרעוו־זײַט פון יערושאָלאַיִם גליווערן די וויסטע בערג, פון וועלכע דער 10טער רוימישער לעגיאָן האָט, מיט קאַרגע 2.000 יאָר צוריק, געשטורעמט די שטאָט.

איצט האָט מען די דאָזיקע בערג גענומען אויפוועקן מיט דינאַמיט און מען האָט זיי געגעבן אַ נײַע פונקציע, אָבער דאָס מאָל ניט אינעם טויט נאָר דאַווקע אין לעבן. אַף זייערע פעלזענע רוקנס, וואָס זײַנען פריער

פאַרפלאַכט און אויסגעגלײַכט געוואָרן, ווערט אויפגעשטעלט די נײַע אוניווערסיטעט־שטאָט (קרית האוניברסיטה).

די דאָזיקע אוניווערסיטעט־בערג וועלן פאַרבײַטן דעם געפאַנגענעם „הר הצופים", וואָס איז מיט אַ פּאַס יאַרדאַנישער סינע אָפּגעשניטן פון ירושלים און אויף וועלכן עס זײַנען איבערגעבליבן די פריערדיקע 18 אוניווערסיטעט־ביניאָנים. די פאַרבינדונגען מיטן אַרומגערינגלטן „הר הצופים" האָבן שוין אָפּגעקאָסט אַן אַ שיר קאָרבאָנעס, און פּונקט אין טאָג ווען מיר האָבן אים אָנגעקוקט פון דער ישׂראל־זײַט, זײַנען דאָרט געטויט געוואָרן 4 ייִדישע זעלנער.

די נײַע הויכשול־בערג זײַנען אַזוי וויסט, אַז מען האָט זיי געמוזט באַדעקן מיט איבער אַ מיליאָן קוביק־מעטער ערד, קעדיי צו האָבן אויף וואָס צו פלאַנצן אַ באָטאַנישן גאָרטן און צו געבן זיי אַ שטיקל ציוויליזירטן פּאָנים.

עטלעכע ווײַסע אוניווערסיטעט־ביניאָנים זײַנען שוין פאַרטיק און זיי בליינדלען זיך אויף די ברוינע בערג. סײַ אויסערלעך און סײַ אינערלעך פאַרכאַפּן זיי אַן אויג, און שוין דער ראַכוועסדיקער צופאָר־פּלאַץ, וואָס איז אויסגעלייגט מיט געשמאַקפולע טאַפּלען פון צעמענט, זאָגט אײדעס, אַז מען האָט דאָ צענומען די הענט אין דער גאַנצער ברייט.

אינעווייניק איבעראַשט דער לוקסוס, די באַקוועמלעכקײַטן אין דער „לעצטער געשריי" פון מאָדערנקײַט. די סטעליעס, די דילן, די ווענט, די באַלוסטראַדעס, פאַראינטריגירן מיט זייערע גראַציעזע אויסבויגן און אָרנאַמענטאַלע מאָטיוון, וואָס זײַנען באַזירט אויף אַלט־ייִדישער פאָלקס־קונסט און אויף עקספּרעסיאָניסטישע קאָמבינאַציעס פון פאַרב און ליניע. די אַמפּיטעאַטערס, לערן־זאַלן, פאַראַנימפן זײַנען אַזוי ברייטהאַנטיק אײַנגעאָרדנט, אַז זיי װאָלטן, דוכט זיך, געפּאַסט פאַר אַ סאַך רײַכערע און גרעסערע מעלוכעס ווי ישׂראל...

אין איינעם פון די אינערלעכע הויפן געפינט זיך אונטער אַ וואַסער־צודעק אַ געטרײַע רעפּראָדוקציע פונעם מאָזאַיִק־דיל פון אַלט־באַרימטן בייס־האַקנעסעס פון קפאַר־נאַכום, און דורך אַ ברייטער גלאָז־וואַנט קוקט אַרײַן די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון ירושלים...

דער קיבוץ ראַמאַט־ראַכעל (רמת רחל)

פון דרײַ זײַטן איז ירושלים אַרומגערינגלט מיט אַ האַלבקרײַז פון יאַרדאַנישער אומפרײַנטלעכקײַט.

די איבערגעריסענע באַפרײַונג־קאַמפן פון יאָר 1948 האָבן איבערגעלאָזט אַרום דער שטאָט אַ ריזיקע אַראַבישע פּאָדקעווע, און יערושאָלאַיִם האָט זיך געמוזט אײַנלעבן מיט איר גוירל, און דערצו נאָך ווערן אַ הויפּטשטאָט אין די אומגינסטיקסטע באַדינגונגען אַף דער וועלט: סאַמע אַף דער גרענעץ, אַ צעשפּאָלטענע און אַ האַלב־אַרומגערינגלטע.

אין דאָרעמדיקן טייל פון אומפרײַנטלעכן האַלבקרײַז איז אַרײַנגעשניטן אַ קליין ייִדיש זעקעלע — דער קיבוץ ראַמאַט־ראַכעל, וואָס איז, מער נאָך ווי די שטאָט, פאַרקוועטשט און אַרומגעשטײַפט מיט אַראַבישער טעריטאָריע. דאָס איז דער העלדישער יערושאָלאַיִמער קיבוץ, וואָס האָט זיך אין 1948 געטרונקען אין רויך און אין פײַער, און איז דאַן עטלעכע מאָל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, ביז ער איז סאָף־קאָל־סאָף געבליבן, אַ הוילער, אַ פאַרסאַרפּעטער און אַ פאַרבלוטיקטער, אין די הענט פון די פּאָר צענדליק קיבוצניקעס.

סימאָנים פון יענע גרויליקע שלאַכטן זעט מען נאָך ביז איצטער. אַן אויפגעריסענער געפּאַנצערטער שול־וואָגן וואַלגערט זיך באַם אַרײַנפאָר, און גלאָצט מיט די אַרומגעזשאַווערטע לעבער, וואָס די שראַפּנעלן האָבן אויסגעגעסן אין אים. אַ שטיק ערד, אין וועלכער עס זײַנען אײַנגעזונקען געוואָרן די פריערדיקע ביניאָנים, און וואָס איז דורכגעקנאָטן געוואָרן מיט באָמבעס, האַרמאַט־קוילן און דינאַמיט, ליגט אַ ניט־גערירטע שוין איבער 10 יאָר, אָבער די נאַטור האָט שטילינקערהייט אָפּגעמאָלן אַף גרין די שאַנד פון קריג, כאָטש איבערגעבראָכענע באַלקנס און צעדרייטע אײַזנס קריכן נאָך אַרויס פון אונטער דער גרינער פאַרוואַקסנקייט.

אַף אַן אַנדער ביניען, וואָס מען האָט פאַריכט און אָפּגעבויט, האָט מען איבערגעלאָזט, ווי אַ זייכער־לעכורבן, אַ קוואַדראַט־מעטער וואַנט פון יאָר 1948. די אַלטע שטיק וואַנט, אין מיטן פון דער נײַער ווײַסקייט, זעט אויס ווי אַ מוירעדיקע זיפּ. לויט דער צאָל קוילן־לעכער, וואָס מען זעט אַף איר, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן...

מיר דערנענטערן זיך צו אַ צעמענטענעם שוץ־קופּאָל, וואָס איז איינע פון די צענטראַלע שמירע־פּאָזיציעס פון קיבוץ. מיר געפינען זיך פּונקט אַפן אָרט, וווּ מיט אַ פּאָר כאַדאָשים צוריק זײַנען געפאַלן עטלעכע אַרכעאָלאָגן פון ווילדע יאָרדאַנישע קוילן. טעאָרעטיש געפינען מיר זיך פּונקט אין דער זעלבער געפאַר, אָבער פּראַקטיש ווערן מיר אַזוי אָנגעזאַפּט מיטן אָפּטימיזם און מיט דער לעבנסלוסט פון די קיבוצישע באַגלייטער, אַז עס הייבט אונדז ניט אָן צו אַרן...

אַ פּאָר צענדליק מעטער אונטערן פאַרגאָסענעם בלוט, אַראָפּצוצו,

האַרט באַ דער גרענעץ, וואַרעמט זיך אַף דער זון דער ווײַנגאָרטן פון קיבוץ; פון דער צווייטער זײַט קוואַקעט דער הינער־שטאַל און פון דער דריטער זײַט לאָזן זיך הערן די האַלענדישע קי...

איך לאָז זיך אַראָפּ מיט אַ היימישן באָכער, אַ וועטעראַן פון קיבוץ, צום ווײַנגאָרטן. איך שטעל פעסט, אַז די פּרוכט־צווײַגעלעך זײַנען גוט און וויסנשאַפטלעך אַרומגעשניטן; אַז די לײַכטע, דורכגעשטיינדלטע ערד איז פּונקט צוגעפּאַסט פאַרן טיפּ ווײַנשטאָק, וואָס מיר האָבן פאַר די אויגן; אַז די פּאַראַזיטישע צווײַגלעך אַפן שטאַם זײַנען אַרומגעהאַקט, אַז די דינע וואָרצעלעך זײַנען געזונט; אַז די כעמישע הייל־שפּריצונגען זײַנען געמאַכט געוואָרן צו דער צײַט. מיר צעשמועסן זיך וועגן אַנדערע אַגראָנאָמישע איניאַנים און איך באַקום אַזש אַ פאַרבעטונג צו פאַרבלײַבן אַף שטענדיק אין קיבוץ...

גלײַך הינטערן ווײַנגאָרטן ליגט יאַרדאַניע. מיר גייען צו האַרט צו דער גרענעץ, 3 טריט פונעם גרענעץ־פּאַס. פון הינטער אַ כורווע, 50 מעטער פון אונדז, גיט זיך אַ הויב דער קאָפּ פון אַ לעגיאָנער און דער שפּיץ פון אַ ביקס. דער קיבוצניק ווערט ניט ניספּאָעל און וויל שטעלן נאָך עטלעכע טריט, אָבער כ'איבערצײַג אים, אַז בראַוווּר טאָר זיך ניט פאָרן מיט פּראָוואָקאַציע.

פון דער אַנדער זײַט גרענעץ ציען זיך מײַלן און מײַלן פון וויסטקײַט און אויסגעטריקנטקײַט. פאַר אונדזערע אויגן שלענגלט זיך אַ פאַראומער־טער דער פוסטער וועג קיין בייס־לעכעם, און איך שיק דורך אים אַ גרוס צו דער מוטער ראָכל...

אין קיבוץ איז לעבעדיק און עס ברענט די אַרבעט, אָבער עס מערקט זיך אַז ס'איז פאַראַן אַ דוּיכעק אין מענטשן. ניטאָ קיין באַלאָנים צו פאַרבינדן דאָס גאַנצע לעבן מיט אַ פּונקט וואָס ליגט אַפן ערשטן פײַער און וואָס קען זיך דער ערשטער אָנצינדן פון אַלע זײַטן.

קענענדיק מײַנע פּאָליטישע אײַנשטעלונגען, האָבן די קיבוצניקעס אויסגעמיטן צו רעדן מיט מיר וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע. ס'איז אָבער קלאָר, אַז דער קיבוץ איז, אין אַ געוויסן זינען, אַ פּריווילעגירטער, שוין צוליב דעם אַליין וואָס ער איז אַ מאַפּאַיִשער, זוי אויך צוליב זײַנע גרויסע קריגס־פאַרדינסטן פארן לאַנד און צוליב זײַן סטראַטעגישער פּאָזיציע.

די וווינונגען, דער עס־צימער, די קינדערהיימען, — זײַנען אײַנגע־אָרדנט מיט פולער באַקוועמלעכקײַט; די שפּײַז־רעזערוון — מיט דער ברייטער האַנט. עס גיט בלויז אַ ריס אין האַרצן, ווען אין קינדער־גאָרטן ווײַזט מען אײַך אָן, אַז אָט דאָס און דאָס דרײַ־יאָריק פּעמפּיקל איז אַ

קריגס־יאַסעמל. און אַז איר גיט זיך אַ וווּנדער: „ס'טײַטש, ווי אַזוי? ער וואָלט דאָך שוין געדאַרפט אַלט זײַן אַ יאָר 12", ענטפערט מען אײַך, מיט אַ ביטערן שמייכל, אַז דאָס איז שוין באַרעשעם אַ סינאַי־יאַסעמל... אַ טאַטע פון פײַער־פונקט ראַמאַט־ראַכעל קען אויך פאַלן אין סינאַי...

מיט גאָר אַ באַזונדערער איבערגעגעבנקײַט ווערן דורך דער מעלוכע באַזאָרגט די שווערע מילכאָמע־אינוואַלידן. איך בין אין קיבוץ אײַנ־געשטאַנען אין הויז פון אַזאַ אינוואַליד, אַ קאַרעוו מײַנעם, אַ געליימטן אַף ביידע פיס. ער האָט באַקומען אַ ספּעציעלן אויטאָ, אַ „פּריציש" הויז פון עטלעכע צימערן, אַ ספּעציעלן שלאָפצימער און באָד־צימער מיט פאַרשיידענע קונציקע אַפּאַראַטן אַף צו קענען אַליין באַדינען זיך, אַן אָפענע און פאַרמאַכטע וועראַנדע, אַן עלעקטרישע קיך, אַן אַמעריקאַנער אײַזקאַסטן, אַ ראַדיאָ וואָס כאַפּט אַרום די גאַנצע וועלט, די סאַמע מאָ־דערנסטע שטוב־קיילים, און זײַן פרוי אין קיבוץ איז ניט מעכויעוו צו טאָן קיין שום אַרבעט, אויסער אָפּהיטן אים. ער האָט יאָרנלאַנג געליטן מוירעדיקע יעסורים און דורכגעמאַכט עטלעכע אָפּעראַציעס, און איצט איז ער שוין בעיעכוילעס צו אַרבעטן אין אַן אַמוניציע־פאַבריק, זיצנדיק אַף זײַן אינוואַלידן־שטול.

איך האָב אין דאָזיקן קיבוץ גענאָסן פון לעבן און גאַניידנדיק פאַר־בראַכט; אָנגעאָטעמט זיך מיט אַלע זיסע רייכעס, וואָס זײַנען אויסגע־רעכנט אין שיר־השירים; אָפּגעפּונען אַלע בלומען, וואָס ווערן דערמאָנט אינעם ליד פון די לידער, און אָנגעזאַפּט זיך מיט דער פּאַנאָראַמע פון ירושלאַיִם, וואָס ליגט אין דער נידער און וואָס זעט אויס פון אויבן ווי אַן אידיליע פון די גוטע פּאַסטאָראַלע צײַטן, — אַן גרענעצן, אַן פּײַנטלעכע פּאַסן און האַלבקרײַזן, און אָן צעטיילונגען אַף מײַנס און דײַנס, אַף יידיש און אַראַביש...

דאָס בילד פון צען יאָר

דעם אונטערצי פון איר 10יאָריקער עקזיסטענץ האָט זיך די מעלוכע באַמיט צו ווײַזן אַף אַ גרויסער אויסשטעלונג אין דער הויפּטשטאָט.

דורך אַן אײַזערנעם פּאָרטאַל איז מען אַרײַן אין אַ ברייטן הויף און באַגעגנט זיך מיט אַ ריזיקער, שוואַרצער סקולפּטור פון אײַזן, — זייער אַן אומהיימלעכער און זייער אַן אַבסטראַקטער, און אָט דער דאָזיקער אײַזערנער אומזין האָט עס געזאָלט סימבאָליזירן די ייִדישע געשיכטע און דעם ייִדישן הײַנט...

די 3 (?) פים אירע האָבן געזאָלט פאָרשטעלן די ווײַטע פאַרגאַנגענהײַט, די היסטאָרישע וואָרצלען פון יִשׂראל; דער שוואַרצער, פאָרעמלאָזער קערפּער — דעם גאָלעס; און דער מעשונעדיקער, לעבערלעבער שפּיץ — די אידעע פון אַלטנײַלאַנד... די סקולפּטור האָט, כאָלילע, ניט אויסגעזאָגט דאָס וואָס זי סימבאָליזירט; ערשט נאָך אַ פּירעש פון באַגלייטער, האָט מען זיך געקענט נעמען אָנשטויסן...

צווישן 10 זײַלן פון שוואַרצן באַזאַלט, וואָס דאַרפן סימבאָליזירן די 10 יאָר פון יִשׂראל, איז מען אַרײַן צו דער אויסשטעלונג גופע. נאָר פאַרוואָס דאַרף אַלץ זײַן שוואַרץ און פאַרוואָס איז דער ברייטער פּרעסק איבערן פּאָסאַד פון אַרײַנגאַנג ווידעראַמאָל גאָלע אַבסטראַקטקײַט, האָט מען ווידער ניט פאַרשטאַנען; און פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט אָנקומען נאָכט עכט־יִידישן עמבלעם פון דער אויסשטעלונג (דער אָס יוד אַף אַ סטיליזירטער מענוירע) צום יענקי דזשיימס, האָט מען ווידער ניט געקענט באַנעמען.

אינעווייניק האָט מען זיך באַגעגנט מיט 15 פּאַוויליאָנען, וואָס האָבן זיך געצויגן פון די טאַנאַכיקע צײַטן, דורך דער געשיכטע פון ציאָניזם, ביז פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דער איצטיקער יִשׂראל־וויקלעכקײַט.

סײַ אַף די עקספּאָנאַטן, סײַ אין די לאָזונגען, סײַ אין די רייד פון די אַרומפיער, האָט געהערשט דער גײַסט פון אַטאָ־בכאַרטאָנו, פון „ווער נאָך אַזוי ווי מיר”!..

אין מיליטערישן פּאַוויליאָן האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די לאָזונגען: „מעטים מול רבים” (ווייניק קעגן אַסאַך) און „כל העם צבא” (דאָס גאַנצע פאָלק — איז מיליטער). פון צענטער פון אַ פּלאַסטישער יִשׂראל־מאַפּע, וואָס איז געווען צעשפּרייט אַף דער ערד, האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט אין אַ ראָד, אַ „בוקעט” דראָענדיקע פײַלן, אין אַלע זײַטן...

אַ גאַנצע וואַנט האָט פאַרנומען אַ פאַרגרעסערט פאָטאָגראַפיש בילד פון אַ האַמוין מענטשן אַף אַ שטאָטישן פּלאַץ. מען האָט געקענט אונטערשיידן קלאָר יעדן פּאָנים, און מיטאַמאָל האָט מען דערזען אויך זיך אַליין צווישן די פרעמדע פּענימער... צווישן די הונדערטער פּענימער האָט מען אַרײַנגעגלאָזט אַ צענדליק שפּיגעלעך, קעדיי יעדער באַזוכער זאָל קענען אָנקוקן זיך אַליין צווישן דעם יִשׂראל־האַמוין. דאָס איז געווען אַזוי צו זאָגן, אַ „פּסיכאָלאָגישער טריק”. מען איז מיט דעם אויסן געווען אַרויפצוברענגען יעדן באַזוכער אַפן געדאַנק, אַז, ווי אַ יִיד, פּאַסט

זיך זײַן פּאָנים אַרײַן אַהער און אַז פריער צי שפּעטער דאַרף ער זײַן א היזיקער...

אויסלויפטערנדיק די אויסשטעלונג פון איר פּראָפּאַגאַנדע־רייעכל, אַראָפּנעמענדיק פון איר איר שאָווינסטישע צוגעפּוצטקײַט און אַבס־טראַקטע סימבאָליק, און צוגעבנדיק די ניט־אַרויסגעבראַכטע אַספּעקטן פון דער סאָציאַלער ווירקלעכקײַט, האָט מען געקענט זאָגן אַז זי האָט געהאַט וואָס צו באַווײַזן און אַז, אין טעכניש־וויזועלן זינען, האָט זי עס אַרויסגעבראַכט אַף אַ געראָטענעם אויפן.

אין קנעסעט

אין אַ קליינעם, קײַלעכדיקן ביניען איז אײַנגעקוואַרטירט דער פּאַר־לאַמענט פון יִיסראָעל. מיט דער הילף פון ראָטשילדס צאַוואָע־מיליאָנען ווערט איצט אויפגעשטעלט פאַר דער קנעסעט אַן „אייגענע דירע", מיט אַזוינע באַקוועמלעכקײַטן, וואָס ניט אַלע פּאַרלאַמענטן זײַנען זוכע צו דעם...

דעם טאָג ווען מיר האָבן באַזוכט דעם פּאַרלאַמענט, האָט בען־גוריאָן געזאָלט ענטפערן אַף דער קאָמוניסטישער אינטערפּעלאַציע וועגן צע־טרײַבן, אַרעסטירן און פאַרשיקן הונדערטער אַראַבער, וואָס האָבן דע־מאָנסטרירט דעם 1טן מײַ אין נאָצערעט. דער דאָזיקער איניען, וואָס האָט געזאָלט זײַן דער צענטראַלער פון דער זיצונג, איז אומגעריכטערהייט איבערגערוקט געוואָרן צום סאַמע סאָף פון לאַנגן סיידער־האַיוים, קעדיי אים אָפּצופּאַטערן שנעל און אין אײַלעניש...

דעם פּאָרזיץ האָט געפירט בעבאַ אידעלסאָן. זי האָט באַקומען, געשריבן און געריסן צעטעלעך, געשושקעט זיך מיט דעם און מיט יענעם, און געהאַלטן זיך, אַזוי צו זאָגן, ניט מיט דער געהעריקער פּאַרלאַמענ־טאַרישער ווערדע. פון אַ פּאַפּיר האָט אַרויסגערעדט, מעכאַניש און מאָ־נאָטאָן, דער מיניסטער נאַמיר און שפּעטער — דער מיניסטער סאַפּיר. באַם מיניסטאָרן־טיש האָט געדרעמלט דער פּאָליציי־מיניסטער שיטריט (דער איינציקער פּאָליציי־מיניסטער אין דער איצטיקער ציוויליזירטער וועלט...).

מער פון אַלץ האָט אָבער איבעראַשט דער זיצונג־זאַל. עס זײַנען געזעסן אַף זייערע ערטער קוים אַ 30 דעפּוטאַטן און עפּשער נאָך ווייני־קער (פון 120), און די פּוסטע בענקלעך האָבן מאַמעש געשריגן געוואַלד... פון די קאַרגע 30 דעפּוטאַטן האָבן עפּשער 5 צוגעהערט זיך צו די מיניס־

טאַרישע רייד. אַ טייל האָט זיך אַרומגעדרייט אַהין און צוריק, און די מערסטע האָבן געבלעטערט זייערע פּאַפּירן, געשריבן און געלייענט צייַ־טונגען. בלויז די סטענאָגראַפיסטקעס, וואָס האָבן זיך געביטן אַלע ווײַלע, האָבן אַרויסגעוויזן פּראָפעסיאָנעלע אויפמערקזאַמקייַט...

אין דער גאַלעריע פאַרן פּובליקום איז געזעסן דער אָפיצירן־קאָרפּוס פון אַ יִשׂראָעלדיקער קריגס־שיף. דאָס זײַנען געווען ברייטפּלייציקע, יונגע בעוורע, מיט ענערגישע קינבאַקן און מיט פעסטע מוסקולן. מיט זייערע שאַרפע יאַם־בליקן האָבן זיי אַראָפּגעקוקט אין דער נידער, אַפן שטייַיִקן וואַסער פון פאַרכאַלעשטן זיצונג־זאַל, און איראָנישע שמייכעלעך האָבן זיך צעשפּילט אַרום זייערע מויל־ווינקלען. זיי האָבן זיך פּילדײַטיק דורכגעוווּנקען און אַן אויסדרוק פון נודנעקייַט און פאַרשלעפּערטקייַט האָט זיך צעגאָסן אַף זייערע פּעניִמער... ניט בּאַ איינעם פון זיי האָט זיך מיסטאָמע געשטעלט די פראַגע: אָט דאָס איז פּאַרלאַמענטאַריזם? אָט דאָס איז דער מאָדערנער סאַנהעדרין?...

כאָטש אין דער ווײַטער פּערספּעקטיוו פון דער זיצונג האָט מען זיך געריכט אַפן דערשײַנען פון בען־גוריאָנען, האָב איך געהאַלטן פאַר סייכלדיקער און פּראַקטישער צו דערליידיקן אַ וויכטיקן איניען און האָב פאַרלאָזן די קנעסעט.

שפּעטער האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז די דערקלערונג פון בען־גוריאָנען, אין רעדנערישן און אינהאַלטלעכן זינען, איז געווען אַן אוי־סערגעווײנטלעך בלאַסע, אַ טאַקיפּעסדיקע, אָן וועלכע ניט איז אַרגומענטן און, פאַרשטענדלעך, — אַ ציניש־אַנטיקאָמוניסטישע...

31. אַ טאָל פון לעבן און אַ לאַבירינט פון טויט

דער יאָנטעוודיקער גאָרטל

עס זײַנען דאָ אין יִשׂראָעל עטלעכע באַרימטע טאָלן, אָבער אַז מען זאָגט „דער איימעק", פאַרשטאָרט מען שוין צו זאָגן וועלכער איימעק; מען ווייס שוין וואָס מען מיינט.

דאָס איז דער טאָל פון די טאָלן, — דער איימעק יִזרעעל (עמק יזראעל) — די גרינע וויזיט־קאַרטע פון לאַנד.

דאָס איז אַ קאַנאַל פון גרינס און פון שיינקייַט, דורך וועלכן עס ציט זיך אַ שלאַנקע ליניע פון קיבוצים, וואָס נעמען זיך קייטלען אין דער אומגעגנט פון כייפע, שנײַדן דורך, עטוואָס אין דער קווער, קימאַט

די גאַנצע ברייט פון לאַנד און שליסן זיך צונויף מיטן איימעק בייט שעאַן (בית שאן), אַפּן יאַרדן.

פון ביידע זײַטן איימעק האָט די נאַטור פאַרהויבן גאָר הויך אירע פּאַלעס. עטוואָס נידעריקער פון גרינעם שנור פון טאָל בערגלט זיך דער אַראַבישער „דרײַעק" און עס טוליעט זיך צום יאַם דאָס דאַרע פּאַסיקל לאַנד, די שמאָלע טאַליע פון דער מעדינע... העכער איבערן טאָל בערגלט זיך דער צאָפן — דער פּאָעטישער, באַרגיק־וואַסערדיקער גאָליל.

צווישן די באַרגיקע פּאָלעס פון די גאָליל־בערג, אין צאָפן, און דעם גילבאָאַ־מאַסיוו אין דאָרעם, שנירלט זיך אַוועק דער וועג פונעם איימעק. פון ביידע זײַטן וועג ליגט אַן אויסגעגלעטע, אַ צעקעסטלטע און אַ גרין־אָנגעזעטיקטע די קיבוצישע ערד, אַ באַשאָטענע מיט קאָנצענטרירטע הויפנס הײַזקעלעך, מיט אויסגעשטרעקטע וואַך־טורעמס און הויכע וואַסער־רעזערוואַרן.

אין דער באַרגיק־שטייניק־זאַמדיקער פּאַנאָראַמע פון לאַנד זעט אויס דער איימעק ווי אַ לאַנגער אָאַזיס. זײַנע גרינע, גאָלדענע און ווײַסע לאַטעס זײַנען אַרומגעזוימט מיט וועלדלדיקן סאַמעט, אַדורכגעהאָפטן מיט ציטרוסדיקע זײַד־פּאַסן און אַרומגעבלימלט מיט גערטנדלעך.

די שטאָטישע שיינקײַט פון כייפע גיסט זיך צונויף מיט דער דאָרפישער שיינקײַט פונעם איימעק, און צוזאַמען בילדן זיי אַ מין אויסגעהאַפטענעם יאָנטעוודיקן גאַרטל. דער אייגנטלעכער גאַרטל איז דער איימעק, און כייפע איז די מעטאַלענע שנאָל פונעם גאַרטל...

געהאַט האָב איך בלויז אַ באַשרענקטע געלעגנהײַט „דורכצולויפן" שנעל אַף די פליגל פון אַן אויטאָ, אַ שטיקל איימעק, ביזן קיבוץ גוואַט (גבת), וווּ די עטלעכע מינוט זײַנען פאַרלאָפן אין טרערן און דערמאָנונגען, פּאָנים־על־פּאָנים מיט אַ נאָענטער יוגנט־כאַווערטע, וואָס איר מאַן, מיט וועלכן איך בין געזעסן אַף איין שולבאַנק, איז געפאַלן ווי אַ מאַקי־קעמפּער אין דער פראַנצויזישער רעזיסטענץ. צווישן איין טרער און דער צווייטער האָט זי אויסגעדריקט איר צופרידנקייט מיט איר קיבוציש לעבן.

קיין גרינטלעכערן וויזיט צום איימעק גופע איז מיר שוין ניט אויס־געקומען צו מאַכן און כ'האָב ניט געהאַט די געלעגנהײַט צו איבערצײַגן זיך צו דער אויבערשלאַק פון דער שיינקײַט שטימט מיטן אונטערשלאַק פון לעבן...

אַ בייסוילעם אָן מייסים

ניט ווײַט פון גרין־לעבעדיקן איימעק ליגט אַ טאָל פון אַלטן, היס־טאָרישן טויט — דער אונטערערדישער בייסוילעם פון בייט שעאַרים (בית שערים), — דאָס זיצאָרט פון אַמאָליקן סאַנהעדרין.

עטלעכע באַשעדיקטע, נידעריקע טויערלעך פון שטיין פירן אַרײַן אין די אינגעווייטן פון אַ ברייטפּליציקן באַרג. אינעווייניק — אַ נעץ קאַטאַקומבן און אונטערערדישע קאַמערן, אָנגעפילטע מיט סאַרקאָפאַגן, — שווערע, שטיינערנע טויט־קאַסטנס, אַלע אויפגעבראָכענע אָדער דורכגעלעכערטע.

בעיים די פאַרשיידענע אינוואַזיעס פון לאַנד פלעגן זיך רויבער אַרײַנקריגן אין די קעלערן און זוכן גאָלד און צירונג אין די קוואָרים. אַזוי ווי ס'איז געווען אוממעגלעך אַראָפּצונעמען די מאַסיווע צודעקן פון די הערמעטיש־פאַרמאַכטע שטיין־קאַסטנס, פלעגן זיי מיט לאָמען און העק דורכברעכן עפענונגען, קעדיי צו באַרויבן די מייסים...

איז עס אַ באַווײַז, אַז אויך די יִדישע פּלוטאָקראַטיע פון 3טן און 4טן יאָרהונדערט נאָך קריסטוסן האָט איבערגענומען דעם מינהעג באַ־גראָבן צו ווערן אָן אויסגעפוצטע אין עסיק און אין האָניק?

לויט די אויפשריפטן און סימאָנים אָף די שענערע סאַרקאָפאַגן קען מען טאַקע אַרויסדרינגען, אַז מען האָט דאָרט מעקאַבער געווען גווירים, אַריסטאָקראַטן און מעיוכאָסים. פאַרן איינפאַכן פאָלק זײַנען געווען באַשטימט הילצערנע קאַסטנס, פון וועלכע עס זײַנען בלויז געבליבן פּרימיטיווע, פאַרזשאַווערטע טשוועקעס, וואָס מען געפינט אין דער זעלבער באַרג־הייל.

אַ טייל פון די שטיינערנע סאַרקאָפאַגן זײַנען מישפּאָכע־קאַסטנס פון ווייניקער פאַרמעגלעכע פאַמיליעס. דער מעס פלעגט ליגן אין אַזאַ קאַסטן בלויז אַ געוויסע צײַט און שפּעטער „אָפּטרעטן דאָס אָרט" אַן אַנדערן. מען פלעגט צונויפנעמען זײַנע ביינער און באַהאַלטן זיי אין אַ נישע, און אין „געניצטן" קאַסטן — אַרײַנלייגן אַן אַנדער מעס פון דער זעלבער מישפּאָכע. דער מעס פלעגט אַזוי אַרום זײַן בלויז אַ צײַט־ווײַליקער „אײַנוווינער" פון זײַן קייווער, און גלײַך ווי זײַן געביין פלעגט פונאַנדערפאַלן, פלעגן דעם זעלבן קאַסטן קענען פאַרנעמען, „לויט דער ריי", אַנדערע נאָענטע קרויווים זײַנע...

קוקנדיק אָף די קאַסטנס, זעט מען קלאָר די אַמאָליקע שאַרפע קלאַסן־צעטיילונג. די ריזיקע, שיינע קאַסטנס געשניצטע און באַדעקטע מיט

עמבלעמען, געפינען זיך אין די ברייטע, צענטראַלע צימערן. אין די ווינקלען זײַנען פּאַרדוקט די פּראָסטערע קאָסטנס פון שטיין, און אין די גאָר פינצטערע לעכער, אויסגעגראָבענע אין די ווענט האַרט באַם דיל, וואַלגערן זיך עטלעכע טשוועקעלעך — דאָס איבערבלײַבעכץ פון די הילצערנע קאָסטנס...

לויט דער אויסגעשניצטער אָרנאַמענטיק אַף די סאַרקאָפאַגן, קען מען זען, אַז די ייִדישע אַריסטאָקראַטיע איז באַזוירקט געוואָרן דורך דרײַ קולטורן: די גריכישע, די ביזאַנטיש־רוימישע און די אַלט־ייִדישע. די גריכישע סימבאָליק דערקענט מען אין די לאָרבער־קרענץ און אין די רויזן, די רוימישע — אין די בייזע אָדלערס, און די ייִדישע — אין די 7 סאָרטן פּרוכטן (שבעה מינים), אין די לייבן, אָקסן, טויבן און הענגלעך ווײַנטרויבן.

אַלע קוואָרים און קאָסטנס זײַנען פּוסט. די מייסים זײַנען ניטאָ אין דער היים... מען זעט בעפּויעל־מאַמעש, אַז ניט נאָר דאָס לעבן, נאָר אַפילע דער טויט איז ניט אייביק...

די קילע, געלבלעכע ווײַסקייט פון די לאַבירינטן, קאַטאַקומבעס און צימערן מאַכט היימישער דעם גאַנג איבערן דאָזיקן פּוסטן אונטערערדישן בייסוילעם, וואָס איז איבער 1.700 יאָר באַהאַלטן אין די געדערעם פון אַ באַרג און וואָס זעט אויס אַזוי אַנדערש פון יעמווידן „נאַטירלעכן" ייִדישן בייסוילעם. ניט נאָר די קוואָרים, נאָר דער בייסוילעם גופע איז אַ באַגראָבענער... ער זעט אויס אַנדערש אויך דערמיט וואָס דאָס איז דאָס איינציקע היסטאָרישע קוואָרים־אָרט אין ייִסראָעל, וווּ עס הילכט ניט אָפּ דאָס קלאַפּן פון דער שנאָרערישער פּושקע...

וואָס נעענטער צום אַרויסגאַנג, אַלץ העלער ווערט דער שטיין, און אין דרויסן, אונטער דער זון, נעמט די ווײַסקייט בלענדן מאַמעש די אויגן. עס דוכט זיך אויס, אַז דער גאַנצער אַרום איז אײַנגעוויקלט אין ווײַסע, שטיינערנע טאַכריכים...

דער נאָמען בייט־שאַאַרים (בית שערים) דערמאָנט אין מייאַ שאַאַרים (מאה שערים), — דעם באַרימטן יערושאַלאַיִמער קוואַרטאַל, וווּ עס וווינט און הערשט בעיאַד כאַזאָקאָ (ביד חזקה) דער פּרומאַקישער מיטל־אַלטער. די טויטע אַלטע וועלט פון שטיין דערמאָנט אין דער אַלט־פּאַר־שטיינערטער לעבעדיקער וועלט. די באַצייכענונג „שערים", סײַ דאָ סײַ דאָרט, דערמאָנט אין טויערן וואָס פאַרמאַכן, וואָס פאַרמויערן, וואָס שליסן אָפּ פון לעבן...

32. איז דער צאָפן בלאָ צי גראָ?

אַף די שפּורן פון „הייליקייט"...

וואָס העכער און צאַפּנדיקער מען רוקט זיך אַוועק פונעם יאַנטעוודיקן גאַרטל פון איימעק, אַלץ באַרגיקער ווערט דער אַנטקעגנקומענדיקער גאַליל. די ערד ווערט אַלץ מער און מער שטייניקער, אַלץ מער און מער „יערושאָלאַיִמדיקער"...

אַז מען שנײַדט זיך אַרײַן טיפער אינעם גאַליל, דערזעט מען פון ווײַטן אַ סטאַדע הײַזקעס, וואָס קלאַמערן זיך אַף אַ באַרג. ס'איז די ערד פון נאַצערעט (נויצערעס, נאַזאַרעט). אַ פרומער קריסט וואָלט גלײַך דערזען אין דער דרעמלענדיקער נאַטור אַן אידיליע פון עוואַנגעלישער שאַלווע, אָבער פאַר אונדז האָט זיך געגעבן אַ צעעפן ניט מער ווי אַן אָרעם און אָפּגעריסן שטעטל.

דורכן שטעטל בערגלט זיך איין איינציקע שטויביקע הויפּטגאַס, פון וועלכער עס דריבלען זיך אָפּ אַ פּאָר צענדליק הויקערדיקע געסלעך. אינעם הימל שטעקן קלויסטער־שפּיצן און פון עטלעכע ווינקלען קוקן אַרויס קרעמלעך, וואָס מיסבערן מיט קלויסטערדיקן ביילעוו און וואַקס, מיט פּאַטשערקעס און צלאָמים, מיט טוריסטישע סוּווענירן און מיט פּאַר־שיידענעם הייליקן קלאַפּער־געצײַג...

באַ די ווענט פון די הײַזקעס זיצן „טערקיש" אַף דער ערד אָדער אַף נידעריקע פּוס־בענקעלעך גרופּעס אַראַבער מיט זייערע געשטרייפּטע קאַפּאָטעס און ווײַסע קאָפּטיכער. אַף די ראָגן פּוסטעווען אַ פּאָר קאַפעען, און אין ערגעץ שפּירט מען ניט יענע „הייליקײַט", וואָס האָט איבערגע־קערט אַ וועלט און פון וועלכער עס איז אויסגעוואַקסן די קריסטלעכע ציוויליזאַציע...

מיר האָבן פאַרשטאַנען סאַף־קאָל־סאָף, אַז הייליקע שפּורן קענען זיך ניט וואַלגערן סטאַם אַזוי אין גאַס. האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט אָפּזוכן זיי, אין דער באַגלייטונג פון אַראַבישע באַוויירים.

די הייליקע שפּורן זײַנען באַהאַלטן און פאַרמויערט הינטער מאָנאַס־טיר־ווענט. אַ באַריידעוודיקע פראַנצויזישע מאָנאַשקע האָט באַוויליקט אויפצודעקן פאַר אונדז דאָס פאַרבאָרגענע. אירע סמעטענע־אויגעלעך האָבן זיך געוויקט אין פרומקײַט, אָבער גלײַכצײַטיק האָט אַרומגעבליצט אין זיי אַ לעבעדיק־באַוועגלעכער פראַנצויזישער כיין. אַן שעמעוודיקײַט

און אַפּילע מיט אַ געוויסער שעלמישקייט האָט זי אונדז נעפּרוּווט פאַר־אינטריגירן און אַרײַנציען אין דער אַטמאָספער פון דער הייליקייט. אַף צו געווינען אונדזער צוטרוי האָט זי אונדז אַפּילע דערציילט אַ ביסל אַ פּיקאַנטן און צווייזײַטיקן נעס וועגן 7 עלנטע מענער, וואָס זייער גלויבן אין דער הייליקער בסולע האָט זיי דערלויבט צו לעבן בעשאָלעם ארום איין־איינציקער פרוי...

קוידעם קאָל האָט זי אונדז געוויזן דעם ברונעם, ווו דער מאַלעך האָט אָנגעזאָגט מאַריען אַז זי איז שוואַנגער פון הייליקן גײַסט און אַז ניט אַבי ווע־מען טראָגט זי, נאָר גאָט אַליין. ס'איז אַ ברונעמל מיט אַ שטריק־מעכאַניזם צו ציען וואַסער, — אַ גאַנץ מאָדערניזירטער און מיט אַ בעטאָנענעם צודעק, וואָס מען קען ניט רירן פון אָרט. עס זעט אויס ווי דאָס וואַסער־אויג פון ברונעם וואָלט געווען פאַרצויגן מיט אַ צעמענ־טענער בעלמע...

נאָכדעם האָט די מאָנאַשקע, ניט פאַרמאַכנדיק אַף אַ מינוט דאָס מויל, אַראָפּגעפירט אונדז אין אַ קעלער, ווו עס געפינען זיך די כורוועס פון אַ הויז, אין וועלכן עס האָט געוווינט די „הייליקע פאַמיליע". די מאָנאַשקע האָט זיך געשווירן, אַז דאָס זײַנען סימאָנים פון יעזוסעס וווינונג, פון דער עפּאָכע ווען די פאַמיליע האָט זיך אומגעקערט פון עגיפּטן.

מען זעט: אַ האַלב־אײַנגעזונקענע שוועל; סימאָנים וואָס אַ טיר האָט אויסגעריבן אין דער ערד, באַם עפענען און פאַרמאַכן זי; אַ שמאָלע לאָך, וואָס איז דאָס איבערבלײַבעכץ פון אַ ברונעם, פון וועלכן די געטלעכע פאַמיליע האָט געצויגן מיט אַ שטריק וואַסער; און הויפנס צעוואַלגערטע ציגל. דאָס אויפגעהיט־ווערן פון די רעשטלעך, בעמעשעך פון איבער 19 יאָרהונדערטער, איז מיסטאָמע אויך פאַרבונדן מיט אַ נעס, אָבער די סימאָנים פון דאָזיקן נעס זעען אויס ווי זיי וואָלטן אַלט געווען העכסטנס אַ 300 יאָר...

דורך אַ שמאָלן לאַבירינט קריכן מיר אַראָפּ נאָך נידעריקער און לאָזן זיך אַראָפּ אין דער שטיינערנער הייל, ווו די אַפּאָסטאָלן פלעגן זיך צוזאַ־מענקומען. די ווענט, דער באָדן און אַפּילע די געוועלבונג פון דער הייל זעען אויס ווי זיי וואָלטן געווען באַדעקט מיט פּאָקן. דאָס איז די אַרבעט פון די פרומע פּילגרימען, וואָס קרישלען אָפּ שטיקער הייליקן שטיין פון דער הייל, קעדיי מיטצונעמען עס ווי אַן אָנדענקונג.

באַם געזעגענען זיך, און זעענדיק אַז מיר זײַנען ניט שטאַרק ניספּאָעל פון די הייליקע שפּורן, האָט אונדז די מאָנאַשקע רעקאָמענדירט,

אַז מיר זאָלן 3 מאָל אַ טאָג זאָגן תהילים, און עס וועלן זיך אונדז עפענען די אויגן, און עס וועט אונדז גוט זיין...

אין סאַך־הכּל האָט זיך גאָרניט געענדערט: וואָכעדיק זיינען מיר אַריין און וואָכעדיק זיינען מיר אַרויס פון הייליקן אונטערערד, און נאָך וואָכעדיקער איז מיר געוואָרן אויפן האַרצן, ווען באַם אַרויסגאַנג האָב איך זיך געכאַפּט, אַז גראָד אויף דער הייליקער נאַזאַרעט־ערד האָט מען באַ מיר אַרויסגעצויגן מיין לאַנגיאָריק־אָפּגעהיטע פּאַרקער־פּען...

נאַזאַרעט הייבט אָן צו ווערן יידיש...

מיר האָבן געוווּסט, אַז נאַזאַרעט איז די איינציקע שטאָט אין יִשׂראל, וואָס איז אַראַביש דורך און דורך, אָבער געפינענדיק זיך אינעווייניק אין דער שטאָט האָבן מיר באַמערקט אויף די שפּיצן פון די אַרומיקע שטאָט־בערג שורעס פון נייע, מאָדערנע ביניאָנים, וואָס רייסן די אויגן מיט זייער קאָנטראַסט לעגאַבע די אונטערשטע אַראַבישע הייזקעס.

דער ניט־אַראַבישער סטיל פון די נייע באַרג־הייזער און די אַפּויטיקע וואָס אַזוינע הייזער האָבן געדאַרפט אָפּקאָסטן, האָבן אײדעס געזאָגט, אַז עפּעס נייס קומט דאָ פאָר און אַז מען האָט זיך אַ נעם געטאָן, ווייזט אויס, צו פאַרוואַנדלען נאַזאַרעט אין נאַצערעט...

די נייע ביניאָנים — דאָס איז דער נייער יידישער באַרג־קוואַרטאַל אָדער באַרג־גאַרטל, וואָס מען פאַרוואַרפט אַרום דער שטאָט, קעדיי זי צו יידישן און צוצונעמען באַ איר איר הונדערטפּראָצענטיקע אַראַבישקייט.

אַז מען דערקלייבט זיך אין דער הויך, באַגעגנט מען אַ קייט פון צווישטאָקיקע באַוווינטע הייזער. צווישן רושטאָוואַניעס וואַקסן אַנדערע ביניאָנים, און לענגאויס פונעם קוואַרטאַל קלעטערט אַ פיינער שאָסיי, פון וועלכן עס ציען זיך אַוועק הילצערנע בריקלעך צו די הייזער. פון קיין אַראַבער איז דאָרט קיין סימען ניטאָ...

מיר גייען אַריין אין אַ וווינונג פון 2 צימערן מיט אַ קיכל. די שטוב גיט אָן אָטעם מיט איינגעאָרדנטקייט און באַקוועמלעכקייט, כאָטש עס איז זייער ענג, צוליבן אָנגעשטעלטן מעבל, וואָס די מישפּאָכע האָט געבראַכט פון פּוילן, אָן קיינע שום באַגרענעצונגען.

פון די אָנגעבראַכטע זאַכן האָט מען אָבער איצט נאָכווייעניש. די באַלעבאָסטע קלאָגט זיך אַ פאַרזאָרגטע, וואָס די „פּקידימלעך" (באַאַמטע) פון דער יידישער אַגענץ האַלטן אין איין מאָנען פאַרן טראַנספּאָרט פון

די זאַכן, פאַר דער יאַם־פאַרזיכערונג פונעם באַגאַזש, פאַר רײַזע־הויצאָעס, פאַר דירע־געלט און פאַר אַנדערע כויוועס און כוויוועלעך, וועגן וועלכע מען האָט זיי אַ וואָרט ניט געזאָגט אין פוילן. מען האָט זיי בלויז געהייסן אַרויספירן וואָס מער און וואָס נאָר עס וועט זיך לאָזן... איצט דאַרף מען צאָלן, דערצאָלן, צוצאָלן און אָפּצאָלן. איז ווו נעמט מען אַף אַרומ־צוצאָלן זיך מיט אַלץ און מיט אַלעמען, ביפראַט אַז אין גיכן וועט מען שוין אויך נעמען מאָנען די פאַרשיידענע שטײַערן?..

דער מאַן איז באַשעפטיקט פון צײַט צו צײַט בײַ בוי־אַרבעט און העלפט זיך אַרויס מיט שוסטערײַ. „אין פוילן האָט אונדז, כאָלילע, גאָרניט גע־פעלט, זאָגט די פרוי, נאָר איר ווייסט דאָך, — דער טומל, די בעהאָלע, איז מען מיטגעלאָפן, מיטגעשלעפּט זיך"... און אַ זיפץ רײַסט זיך אַרויס פון איר ברוסט...

נאַזאַרעט ווערט קאָלאָניזירט מיט אָולים פון מיזרעך־אייראָפּע, האָרט איבער די קעפּ פון די אַראַבער. מען בעסערט ניט אויס די לאַגע פון די אַראַבישע מוישווים, מען נעמט זיי ניט אײַן מיט גוטסקײַט, נאָר מען וויל שאַפן אַ קינסטלעכן יִידישן קעגן־געוויכט אין דער טראַדיציאָנעלסטער אַראַבישער שטאָט. קוקן די אַראַבער אַף דער יִידישער באַזעצונג ווי אַף אַ יִידישער באַרג־פויסט צוקאָפּנס פון נאַזאַרעט...

די אַראַבער, וואָס געפינען זיך אין דער נידער, וואַרפן אַלע ווײַלע די בליקן אין דער הויך, זשמורען די אויגן און שווײַגן מיט פאַרפינצטערטע פּענימער...

דער האַרמאַט און דאָס פייגעלע

מיר פאָרן ווײַטער און העכער. מיר שרויפן זיך אַרום די בערג און דרייען זיך צוזאַמען מיטן הויכן וועג, וואָס דאָ און דאָרט מוז ער זיך פאַרבײַשלײַכן פאַרבײַ אַן אָפּגרונט.

אַ ביסל ווײַטער נעמען פון צווישן די בערג אַרויסלויכטן שטיקער קינערעט, וואָס הענגען צווישן די פעלזן. די פאַרשיידענע בערג שערן אויס פון דער אָזיערע דרײַעקן און האַלב־קרײַזן, און פאַכען מיט זיי פונדערווײַטן ווי מיט בלאָע טיכעלעך. דער דאָזיקער בלאָער באַרג־גרוס פון קינערעט פאַרכאַפּט און דערפרייט מיט זײַן שפּילעוודיקער מאָלעריש־קײַט.

מיר פאָרן אַרײַן אין טווערױע,— אין דער הויפּטשטאָט פון דער קינערעט־שיינקײַט. געמיינט האָבן מיר, אַז מיר וועלן טרעפן אַ צוגעפּוצטן קוראָרט,

אָבער באַגעגנט האָט אונדז אַ פּאָשעט שטעטל, מיט יִדישלעכע קראָמען און מיט אַ יִדישלעכן מאַרק.

אַפן מאַרקפּלאַץ האָט זיך אָבער געוויַיסט און געשוואַרצט עפּעס אַזוינס, וואָס איז פּאָרט ניט ענלעך געווען אַף אַ שטעטלדיק־יִדישער זאַך: אַ מאָנומענט.

אַז מיר האָבן זיך דערנענטערט, האָבן מיר, אין ערשטן מאָמענט, ניט באַנומען דעם זין פון מאָנומענט. דאָס איז געווען אַ דענקמאָל ניט פאַר קיין העלד, ניט פאַר קיין געלערנטן, ניט פאַר קיין היסטאָרישער פיגור, ניט פאַר קיין באַרימטן שריַיבער, ניט פאַר קיין געשיכטלעכער געשעעניש, ניט פאַר די געפאַלענע אין שלאַכט, נאָר פאַר אַ... האַרמאַט!...

אַף אַ וויַיסן פּעדעסטאַל איז זיך געשטאַנען אַ שוואַרצער האַרמאַט, מיט דער לופע אויסגעשטרעקט צו דער סירישער גרענעץ. אַפן פּעדעסטאַל איז געווען אויסגעקריצט דער 9טער פּאָסיק פון 2טן קאַפּיטל טהילים:

„תרעם בשבט ברזל
בכלי יוצר תנפצם"

אין יעהויעשעס איבערזעצונג באַדיַיט עס:

„וועסט זיי צעברעכן מיט אַן אַיַיזערנער רוט,
ווי אַ טעפּער־געפעס זיי צעפּיצלען".

איין מאָל און אַ צווייטן מאָל האָבן מיר מיט שטוינונג געריבן די אויגן. צום ערשטן מאָל אין לעבן איז אונדז אויסגעקומען צו זען אַזאַ מין „אָריגינעלן" מאָנומענט און אַזאַ מין פּראָוואָצירנדיקע אויפשריפט, ־אָרט אַף דער גרענעץ און געווענדט צו דעם שׂאָנא פון יענער זיַיט גרענעץ...

און ווי מיר שטייען אַזוי און שטוינען, דערזעען מיר מיטאַמאָל ווי אַ פייגעלע גיט אַ פלי אַריַין אין דער לופע פון האַרמאַט און נעמט דאָרט פרייִלעך טשיריקען. פּונקט אין פיַיער־מויל פון קאַנאָן האָט דאָס פייגעלע גענומען טאַנצן און שפּרינגען, און אויסצוויטשערן איר אומ־שולדיקע פרייד...

דער קאָנטראַסט איז געווען אַזאַ שאַרפער און די דערשיַינונג אַזאַ אומגעריכטע, אַז ס'האָט זיך פון אונדז אָפּגעטאָן די שטוינונג. אינעם גאַנצן בילד האָבן מיר, מיט פרייד, דערזען עפּעס אַזוי ווי אַ סימבאָל און אַן אָנזאָג, אַז דאָס פייגעלע וועט זיגן איבערן האַרמאַט... עס האָט

זיך אונדז מאַמעש געוואָלט אויסקריצן אַפֿן פּעדעסטאַל אַט וועלכע ווערטער: און אַלע האַרמאַטן־פּיסקעס וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין פייגל־נעסטן...

מיר האָבן געוואָרפֿן דעם בליק אין דער ריכטונג וואַהין דער האַר־מאַט איז געווען אָנגעצילט: הויכע סירישע בערג, פון יענער זײַט קי־נערעט, האָבן וויסט געגליווערט. קיין שום באַוועגונג, קיין שום ריר, קיין שום לעבעדיקן נעפעש האָט מען דאָרט ניט געקענט באַמערקן. בלויז אַף די רוקן־שפּיצן פון די בערג האָט פון צײַט צו צײַט געגעבן אַ לויכט־אויף דער פײַער־שפּיגל פון אַ רעפלעקטאָר.

אַף דער ייִדישער זײַט פון קינערעט האָט זיך געהויקערט די אַלטע טווערייע. דער אַראַבישער קוואַרטאַל איז געלעגן אײַנגאַנצן אין כורוועס, אַ צעוואַלגערטער, אַ פאַרוואָקסענער און אַ פאַרמיסטיקטער. בייזע צינ־גער זאָגן, אַז מען האָט דעם אַראַבישן שטאָט־טייל אויפגעריסן שוין נאָכדעם ווי די באַפרײַונג־מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, קעדיי די פריער־דיקע אײַנוווינער זאָלן ניט האָבן וווּ אומצוקערן זיך...

צופוסנס פון די בערג איז געלעגן אויסגעשטרעקט די פידל־געשטאַלט פון דער קינערעט־אָזיערע. די קוים־קוים געקרײַזלטע וואַסערן האָבן זיך געכיינדלט און געבעטן מאַמעש, אַז מען זאָל זיך אָפּטויוולען אין זיי. האָבן מיר זיך, דורך ריזיקע שטיינער, דערקליבן צו אַ ברעג און פאַרמאָסטן זיך אויסצובאָדן אין די הייליק־היסטאָרישע וואַסערן, וואָס ווערן געבוירן, זיסערהייט, אין יאַרדן און שטאַרבן, פון איבער־געזאַלצנקייט, אין טויטן יאַם... די האַרטע און שפּיציקע שטיינער פונעם גרונט האָבן אונדז אָבער ניט געלאָזט שטעלן קיין איין פרײַען טראַט אינעם וואַסער, און אַנשטאָט צו באָדן זיך, איז אונדז אויסגעקומען בלויז צו וויקן זיך...

הינטערן שטאָט, און אַ שפּאַן פון דער אָזיערע, געפינען זיך די אַלט־באַרימטע הייל־קוואַלן (חמי טבריה), וואָס זייערע וואַסערן זײַנען אָנגעפילט מיט שוועבל און מיט היץ.

די קוואַלן זײַנען קאַנאַליזירט און האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ. בי־ניאָנים, וואָס כאַפּן דעם אָנבליק פון סאַנאַטאָריעס, האַלטן די דאָזיקע קוואַלן „הינטער גראַטעס” און צווינגען זיי צו טאָן באָד־אַרבעט אין וואַנעס און אונטער שפּריצן. פאַרטאָג שוין, קען מען זען ווי אָרעמע און קראַנקע מענטשן, געקומענע קענטיק פון גאָר ווײַט, זיצן אַף דער ערד באַם אַרײַנגאַנג, אײַנגעוויקלטע אין קאָלדרעס און פאַטשיילעס, און וואַרטן אַז מען זאָל זיי צולאָזן צו די געבענטשטע טראָפּנס...

אין דרויסן קען מען לײַכט אָפּגעפינען לעבעדיקע שוועבל־שפּורן פון די רוימישע קוואַלן אין הורדוסעס צײַטן, אין ערשטן יאָרהונדערט פון דער איצטיקער צײַט־רעכענונג. פון די אַלטע, טויזנטיאָריקע ערד־לע־בער, וואָס זײַנען נאָך טיילווײַז אונטערגעשפּאַרט מיט געטעסעטן שטיין, בורבלט ארויס שוועבלדיק וואַסער און עס שלאָגט ארויס אַ לײַכטער דאַמף. די ארויסגעטריפטע שנירלעך וואַסער ריזלען זיך אין ריטשקעס, וואָס זײַנען פול מיט גרינער אָנגעקאָכטקייט...

אַף אַ בערגל, אַביסל העכער פון די קוואַלן, געפינט זיך, צווישן עטלעכע קלויזן און כסידישע שטיבלעך, דער קייווער פון מייער באַל האַנעס.

אַז מען גייט אַרײַן אין ליכטיקן און אויסגעווײַסטן קייווער־שטיבל, באַפאַלט אײַך גלײַך אַ שאַמעש מיט אַ פּושקע. צווישן אַזויפיל קוואַלן איז דער הייליקער קייווער אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוואַל...

אַסאַך נעבעכדיקער זעט אויס דער קייווער פון ראַמבאַם, וואָס געפינט זיך אין שטאָט גופא. אין צענטער פון אַן אָרעמען, נאַקעטן און שמוציקן הייפל בערגלט זיך אַן עלנטער קייווער, אָן אַ מאַצייווע און אָן אויפשריפט. איידער מען באַווײַזט זיך נאָך צו אַנטווישן, רוקט זיך אָן אַף אײַך ווידעראַמאָל אַ וואָלף מיט אַ פּושקע...

קיינער אויסער דעם פּושקע־שאַמעש איז אין הייפל ניט געווען. שפּעטער אַ ווײַלע האָט זיך אַרײַנגעשאַרט אַ ספאַרדיש־אָריענטאַלישע ייִדענע, וואָס האָט אַרומגענומען מיטביידע הענט דעם קייווער און גע־גלעט אים, געגלעט אים...

אויך אין מיטן שטאָט, ארום צענטראַלן גערטנדל, וואָס וויל אויס־זען ווי אַ פּאַרק און עס גיט זיך אים ניט אײַן, איז פול מיט אויסגע־זעצטע שנאָרערס...

ווי שיין און ווי בלאָ טווערייע איז פון ווײַטן, און ווי טרויעריק און גראָ זי איז אינעווייניק!...

אַ קינסטלער־שטעטל

מיר זײַנען ווידער אַפן באַרגיקן דריי־וועג און מיר דרייען זיך קיין צפאַט (צפת).

טווערייע פאָכעט ווײַטער מיט אירע בלאָע, קינערעסדיקע באַרג־טיכע־לעך. זי איז ווידער שיין און זי פינקלט שוין ווידער ווי אַן איידלשטיין, אָבער אַרום אונדז הייבט זיך, פון אַלע זײַטן, אַ נײַע שטייניקע לאַנד־שאַפט.

קאַנטיקע הויכע שטיינער, וואָס זעען אויס ווי זיי וואָלטן אַרויסגע־וואַקסן פון דער ערד, רינגלען אונדז אַרום. עס זעט אויס ווי די בערג וואָלטן געווען באַדעקט מיט פּלאַנטאַציעס פון שטיינער, אָדער ספּעציעל אויסגעברוקירט מיט הויכע, גראַניטענע קלעצלעך. אַז מען וואַרפט דעם בליק אַביסל וויַיטער, דוכט זיך אַז סטאַדעס און סטאַדעס שטיינער פּאַשען זיך אַף די בערג...

צווישן די שטיינער וואַקסט, פון זיך אַליין, ווילדער האָבער, און איינצלנע קרומע ביימלעך באַם וועג זעען אויס ווי זיי וואָלטן אויך גע־קלאַפּט מיט דער פּושקע...

צפת, די באַרגשטאָט גופא, נעמט אונדז אויף אָן איר באַרימטער קאַבאָלע־מיסטיק, נאָר מיט שטויב און מיט זון־ברענעניש. די באַרגיקע געסלעך שטייען האַלב פּאַפּעריק, און עטלעכע פון זיי זיַינען אַזוי מעשׂו־פּעדיק, אַז זיי זיַינען אויסגעלייגט מיט טרעפּ.

נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אַרויפגעדראַפּעט אַף אַזא מין גע־טרעפּלטן געסל, האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט דורך אַ צווייטן זאַוווּלעק, וואָס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געהאַלטן אין אַראָפּפאַלן פון באַרג... און דאָן האָבן מיר באַמערקט אַ נעץ פון שמאָל־שמאָלע געסלעך, אָנגע־פּיקעוועטע מיט הייפלעך און גערטנדלעך. אַף די פריש־אָפּגעוויַיסטע ווענט פון די הייפלעך האָבן פאַרשיידענע פּיאָלעטע, רויטע און שוואַרצע פיַילן אָנגעוויזן, אַז דאָ וווינט דער קינסטלער דער און דער, דאָ איז די אויסשטעלונג פון פלוני בען אלמוני, דאָ קריגט מען די קונסטבלעכן פון פּלאַסטיקער שימען בען ראובן. די עטלעכע געסלעך זיַינען פון אויבן ביז אונטן געווען מאַמעש אויסגעפּלאַסטערט מיט קונסט...

פאַרן יאָר 1948 איז דאָ געווען אַ קוואַרטאַל פון אַראַבישן מיטל־קלאַס. נאָך דער פּאַנישער אַראַבישער פּליטע האָבן זיך צענדליקער יידישע קינסטלער אַראָפּגעלאָזט אין די אויסגעליידיקטע געסלעך, פאַר־כאַפּט די פּוסטע הייזקעס צוזאַמען מיט די באַלעבאַטישקייטן און אייַנ־געאָרדנט דאָרט זייערע אַטעליעען און פּערמאַנענטע אויסשטעלונגען. דער דאָזיקער קינסטלערישער כאַפּ־לאַפּ האָט זיך ביסלעכוויַיז פאַרוואַנדלט אין אַ דויערהאַפטיקן פאַקט און אַזוי איז עס שוין געבליבן.

מיר גייען אַריַין אין מיניאַטור־הייפל פון פּראָגרעסיוון קינסטלער עפראָים (אפרים). ער איז בעאיקער אַ מעטאַלאָפּלאַסטיקער. דער האַלב־קעלערדיקער הויפּט־סאַלאָן פון זיַין קונסט־טעמפּל איז אויסגעהאַנגען מיט מעטאַלענע פּאָרטרעטן (שפּינאָזאַ, שאָלעם־אַלייכעם, קאַרטשאַק, ביאַליק, מענדעלע, היינע, ראַמבאַם, אייַנשטיין, פּערעץ, מאַרקס א"א.)

עס איבעראַשט די גרויסע קינסטלערישע אינספּיראַציע, וואָס איז אַרײַנגעלייגט אין די בלעכן, און די געוואַלדיקע טעכניק, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַרויסברענגען באַגײַסטערונג אין קאַלטן בלעך. יעדער שטריכעלע דאַרף אויסגעקלאַפּט ווערן אױף דער הינטערשטער זײַט פֿונעם בלעך, און דער קינסטלערישער עפֿעקט באַקומט זיך אױף דער פֿאָדערשטער זײַט...

אױף די בלעכן זײַנען אַרויסגעבראַכט ניט נאָר די פֿיזישע שטריכן, נאָר אויך אינערלעכע כאַראַקטער־שטריכן, וואָס דער קינסטלער האָט באַוווּסטזיניק און אויך אינטויִטיוו אַרויסגעפֿילט, אַזוי אַז יעדער קונסטבלעך איז אַ פֿיזיש־גײַסטיקער סאַכאַקל פֿון דער „אויסגעקלאַפּטער" פּערזענלעכקײַט...

דער קינסטלער האָט אונדז שפּעטער אַרײַנגעפֿירט אין אַ מין אַמפֿיטעאַטערל, וואָס איז געווען אויסגעפֿילט מיט מוראַלן און בילדער. דאָרט קומט ער זיך קאָנצענטרירן און פֿאַרטיפֿן אין זײַנע קונסט־מעדיטאַציעס...

עפֿראַים, פּונקט ווי אַלע אַנדערע געסל־קינסטלער, לעבן אין גרויס דאַכקעס און אָרעמקייט, ווײַל קיין נאָכפֿרעג אױף קונסט איז ניטאָ; אָבער אַזוי ווי אַ דירע האָט מען אַן אומזיסטע, קלאַפּט מען שוין ווי ניט איז צונויף דאָס שטיקל ברויט. מען פֿאַרקויפֿט רעפּראָדוקציעס, אַלבומען, און מען לעבט ווי קינסטלערישע נעזירים, ס'ראָוו טאַקע אָן ווײַב און קינדער; אַבי מען קען ציען דעם אָטעם און שאַפֿן ווײַטער...

דער כ' עפֿראַים האָט אונדז מעכאַבעד געווען מיט אַ גלאָז טיי. ווען עס איז געקומען צו פֿאַרבריען דעם געטראַנק, האָט ער אָבער ניט אַרײַנגעשאָטן קיין טיי אין טשײַניק, נאָר אַ נעם געטאָן אַ גרויסן האַקמעסער און גענומען מיט אים האַקן אין אַ שוואַרצן, פּלאַכן שטיין. אין ערשטן מאָמענט האָב איך געמיינט, אַז ער וויל צאַפּן טיי פֿון שטיין, לויטן מעטאָד פֿון מוישע ראַביינו...

נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע זײַנע קויכעס, האָט זיך אים אײַנגעגעבן אָפּצוקרישלען פֿון שטיין עטלעכע ברעקלעך. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער שטיין דאָס איז געפּרעסטער יאַפּאַנישער טיי, וואָס מען האָט פֿאַרכאַפּט בײַ די עגיפּטער בעיים דער סינאַי־אַקציע, און אַזוי ווי דער דאָזיקער פֿאַרשטיינערטער טיי קאָסט זייער ביליק און איז זייער שפּאָרזאַם, איז עס אַ צוגעפּאַסטער געטראַנק פֿאַר אַ קינסטלער...

מיט אַן אַלבום רעפּראָדוקציעס אונטערן אָרעם זײַנען מיר אַרויס

פון עפראַימס קונסט־הייפל. אין אַלע געסלעך צוזאַמענגענומען האָט מען ניט געזען קיין איין לעבעדיקן נעפעש, און די פײַלן אַף די ווענט האָבן ניט געהאַט וועמען צו פירן...

הינטער עטלעכע ווײַטערדיקע געסלעך האָט זיך געוואַלגערט דער האַלב־צעשטערטער, אַלט־אַראַבישער ווינקל שטאָט, און נאָך ווײַטער האָבן זיך ווידעראַמאָל געפּלאָנטערט שמאָלע און בלינדע געסלעך. די געסלעך האָבן ניט, פאַרשטייט זיך, קיין טראָטואַרן. דער גאַנצער באָדן איז בלויז ברוק. האַרט באַ די הײַזער ציט זיך דער ברוק פאַר מענטשן, און אין מיטן, עטוואָס נידעריקער, — דער ברוק פאַר בעהיימעס. דער גאַנצער מיטלסטער „ברוק" איז ניט מער ווי אַ שמאָל שטעגל פאַר אייזעלעך...

אין איינעם פון די געסלעך טרעפן מיר זיך אָן מיטן בעסמעדרעש פונעם באַרימטן קאַבאַלע־מיסטיקער — דעם אַרי האַקאָדעש. ווי מיר עפענען נאָר אויף די טיר, גיט מען זיך אַף אונדז אַ לאָז מיט שנאָרערײַ, אַז קוים וואָס מיר ציען אָפּ, אָבער מען יאָגט אונדז נאָך אין גאַס און מען מאָנט מיטן הארבן וואָרט, גאָרניט אַף קיין מיסטיש שטיינגער...

גאַנץ צפאַט איז איין גרויסער הויפן אָרעמקייט און עלנטקייט. בלויז פון ווײַטן זעט זיך, אַף אַ באַרג, אַן אָפּגעטאָקטע געבײַדע מיט שטאָקן און מיט פליגלען, און מיט מאַיעסטעטישער ברייטקייט.

דאָס איז ניט קיין שול און ניט קיין קלוב, און ניט אַפילע קיין טוריסטן־האָטעל, נאָר דער פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, וואָס די ענגלענדער האָבן איבערגעלאָזט בעירושע...

33. אין דאָרעם

די געשיכטע פון אַ צוקונפט

אין דאָרעם ליגט, אַ הוילע און אַ נאַקעטע, די צוקונפט פון יִסראָעל — דער נעגעוו...

די דאָזיקע צוקונפט האָט דעם אויסזען פון אַן איבערגעקערטן דרײַעק. זי פאַרנעמט גאַנצע 66 פּראָצענט פון דער יִסראָעל־ערד און פאַרמאָגט בלויז 2,5 פּראָצענט פון דער איצטיקער באַפעלקערונג.

ס'איז אַ צוקונפט, וואָס האָט אַ פאַרגאַנגענהייט, און די דאָזיקע

געשיכטלעכע פאַרגאַנגענהייט איז עלטער פון אַלטן ערעץ־ייִסראָעל גופע. דער נעגעוו האָט אינעם ווײַטן אַמאָל דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס, ביז ער איז טויטערהייט באַגראָבן געוואָרן אין זאַמד.

לויט פראַנצויזישע אַרכעאָלאָגן, וואָס גראַבלען פונאַנדער דאָ און דאָרט דעם זאַמד, האָט שוין מיט 6.000 יאָר צוריק געבליט אַ ציווילי־זאַציע אינעם נעגעוו, און ביז מיט אַ 1.500 יאָר צוריק האָט נאָך די איצטיקע „צוקונפט" פון ייִסראָעל געהאַט אַ לעבעדיקע פאַרגאַנגענהייט.

דער בראָך האָט זיך אָנגעהויבן ווען די אַלטע און שלאַבעריקע בי־זאַנטיש־רוימישע הערשאַפט איז זיך צעפאַלן אונטערן אָנפּראַל פון די יונג־ווילדע מוסולמענישע האָרדעס. שפּעטער האָבן זיך דורכגעטראָגן די נאָך ווילדערע סעלדזשוקן און באַשיבוזוקן, און די בעדויִנער האָבן אָנ־געהויבן צו רײַסן שטיקער. די נאָך שפּעטערדיקע צוזאַמענשטויסן צווישן די קרייצטרעגער און די טערקן האָבן פאַרענדיקט די פאַרניכטונג. עס האָבן זיך צעשאָטן די שטעט און עס זײַנען אָפּגעווישט געוואָרן די האַנדלס־וועגן צום רויטן יאַם. אַזוי אַרום האָט מען די געגנט ניט נאָר אויסגעטאָן נאַקעט, נאָר מאַמעש אָפּגעשונדן פון איר די הויט..

און אָט אין דעם אָ מידבער ליגט די נאַקעטע „צוקונפט" פון ייִסראָעל. די דאָזיקע דרײַעקיקע צוקונפט איז, אין איר היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, קיינמאָל ניט געווען קיין ייִדישע, און דערפאַר האָט מען זי איצט ניט געקענט אַ נעם טאָן אין די הענט, ווי אַ „ייִדישע צוקונפט", אויפן סמך פון „היסטאָרישע רעכט", נאָר מיטן רעכט פון ניצחון.

בעיס דער באַפרײַונג־מילכאָמע איז די גאַנצע „צוקונפט" געהאַנ־גען אויף אַ האָר. פאַרוקס אַרמיי האָט זיך שוין געפונען 40 קילאָמעטער פון טעל־אַוויוו און ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די אָנגרייפנדיקע עגיפּטישע כוואַליע וועט פאַרכליאַפּען דעם גאַנצן נעגעוו, אָבער דער העראָיִשער ווידערשטאַנד פון אַ פּאָר קיבוצים און די שפּעטערדיקע מיליטערישע אָפּעראַציעס „צען מאַקעס" און „אויוו" האָבן מיט אַ פּאָר דרײַסטע קלעפּ אָפּגעריניקט דעם נעגעוו און געמאַכט דאָרט אַן אָרט פאַר דער „צו־קונפט" פון ייִסראָעל.

בלויז די באַזע פון איבערגעקערטן דרײַעק, אַרום בעאיר־שעוואַ, איז דאַן געווען אַ ייִדישע און דאָס אויך ניט אינגאַנצן. איצט זײַנען אויפן אָרט פון די דעמאָלסטיקע 27 קאָלאָניעס און באַוווינטע פּונקטן פאַראַן 85, אָבער זיי זײַנען נאָך אַלץ צונויפגעפּינטלט מער אין צאָפן ווי אין דאָרעם.

יעדער איינער פון די שפּיצן פון דרײַעק רוט אויף אַן אַנדער יאַם,

— אפֿן טויטן, אפֿן רויטן און אפֿן מיטללענדישן, — און אַלע 3 יאַם־שפּיצן געפֿינען זיך פּעסט אין די הענט פֿון ישׂראל.

וואַסער און שאָלעם

אז מען פֿאָרט ארויס פֿון טעל־אוויוו אין דער ריכטונג פֿון דאָרעם, באגעגנט מען בלאָנדע טוווע־פֿעלדער מיט זעט און מיט שעפּע. די ליַיכט־געבערגלטע געגנט איז איַינגעוויקלט אין ווייץ און אין גערשטן, און איז באשפּרענקלט מיט וועלדלעך. אין יעדן ווינקעלע שמעקט די איַינגעזעסנקייט און דער ערד־רייעך פֿון זאַטקייט.

די דאָזיקע אידילישקייט ציט זיך עטלעכע און דריַיסיק קילאָמעטער. נאָכדעם ווערט די אידיליע ביסלעכוויַיז פֿארוואנדלט אין אַן עלעגיע. וואָס וויַיטער צו דאָרעם, אַלץ וויַיסער און וויַיסער ווערט די ערד, אַלץ מער שאָף וויַיזט זיך אף די נאקעט־ווערנדיקע פֿעלדער און אַלץ מער אראבער וואַרפֿן זיך דורך אף די פֿעלדער.

מיטאַמאָל וואַרפֿט אראָפּ פֿון זיך די געגנט דעם לעצטן ברעקל גרינס־צודעק. די צונויפֿגעדריקטע סטאַדעס שעפּסן, ציגן און קעמלען גליווערן אין דער נאַקעטקייט. די שעפּסן פּרייכן און באוועגן מיט די באָקעס, און ריַיסן זיך צו די געציילטע ערד־לעכער, ווו עס זיַינען פֿאַר־באָרגן אוראַלטע ברונעמס. זעלטן ווען קוקט ארויס פֿון דער ערד אַ רער מיט אַ קראַן. אַזאַ מין קראַן איז דער שלאָס פֿון אַ וואַסער־אויצער, און אראבער מיט לאַנגע ביַיטשן שטייען און האַלטן וואַך...

אף דער וויסטער וויַיסקייט וויַיזן זיך אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער שווארצע פֿלעקן. דאָס זיַינען די שווארצע כאַלאַטן פֿון די בעדוי־נער און די פֿלאַכע ווויַן־געצעלטן, וואָס די פֿלאַכטעס זייערע זיַינען אויסגע־וועבט פֿון די האָר פֿון שווארצע ציגן. דורך דער שוואַרץ־געפֿלעקטער וויַיסקייט דערקלייבט מען זיך קיין בעאייר־שעווא.

די שטאָט איז אַ צעוואָרפֿענע, אַ היבשלעכע, אָבער זייער אַ שיִטע־רע. זי דאַרף ערשט נעמען וואַקסן אָבער ניט צו דרויסן־צו, נאָר אף אינעווייניק... אין 1948 האָט מען אין דאָזיקן דאָרעמדיקן ביבלישן עק פֿון אמאָליקן ערעץ־ישׂראל געפֿונען אַ ביסל כורוועס, אָבער מען האָט זי פֿראָקלאַמירט ווי די הויפּטשטאָט פֿון נעגעוו און מען האָט אף איר ארויפֿגעלייגט אַ כוויוו: וואַקס און פֿרוכפּער זיך!

דער אַלטער צענטער שטאָט, ווו מען האָט צורעכט געמאַכט די כורוועס, איז פֿול מיט קרעמלעך, מיט רעסטאָראַנדלעך און מיט גאַזאָז־

לעבלעך... ס'איז טומלדיק און מענאַכעם־מענדלדיק ווי אין עפּעס אַ כאַליפּוּצישאַק...

אין איינעם פון די רעסטאָראַנדלעך באַדינט אונדז אַ יונגע פרוי מיט אַ פאַראומערטן טיפּיש־פּוילישן פּאָנים. עס ווײַזט זיך טאַקע ארויס, אַז איר פּאָנים האָט ניט אָפּגענאַרט. זי איז אַן עכטע פּאָליאַטשקע, וואָס האָט כאַסענע געהאַט מיט אַ ייִדישן באָכער אין וואַרשע, און געקומען אַהער, אַ גרייטע אַרײַנצולעבן זיך אינגאַנצן, ווי אַ ייִדישקע, אין די נײַע באַדינגונגען, אָבער ס'גייט איר ניט אײַן דאָס לעבן צוליבן ייִדישן ראַ־סיזם... מען האַלט איר אין איין פאַרוואַרפן, אַז זי איז אַ „גויע”, אַז זי איז אַ „פרעמדע”, אַז „ווי קומט זי גאָר אַהער?”. מען ברענט איר די טריט און מען דערגייט איר די יאָרן. ניין, זאָגט זי, אַף אַזוינס האָט זי זיך מיצאַד ייִדן קיינמאָל ניט גערעכט...

דאָ, אין דער אַלטער בעאייר־שעווא, דאַרף זיך אויך געפינען איי־נער פון אַווראָם אָווינוס 7 ברונעמס. עטלעכע אַלטע שטאָט־ברונעמס „ווילן” שפּילן די היסטאָרישע ראָל פון דאָזיקן ברונעם. מיר דערקלײַבן זיך צום וויכטיקסטן פון די „פּרעטענדענטן”: צווישן רוינען און מיסט געפינט ער זיך, אַ האַלב־צעוואַלגערטער, אַן אויסגעטריקנטער, מיט אַ גרויסער שעפּ־ראָד באַם זײַט, און מאַכט אַבסאָלוט קיין שום היסטאָרישן אײַנדרוק ניט...

וואָס ווײַטער פון אַלט־פאַרטריקנטן צענטער, אַלץ ליכטיקער ווערט אין די אויגן. אין קרײַזן און אין ליניעס ציען זיך די נײַע קוואַרטאַלן. די ווײַסע הײַזקעס האָבן אַלע איין פּאָנים און זײַנען אויסגעשטעלט ווי צו אַ מיליטערישן פּאַראַד...

נאָך ווײַטער אין דרויסן געפינט זיך דער האַיאַס־פּאַלאַץ, וואָס איז באַשטימט פאַר אַמעריקאַנער טעכניקער און ספּעציאַליסטן. אַלץ איז דאָרט אײַנגעאָרדנט אַף אַ דאָלערדיק־ברייטן אויפן: די האָלן, די ליווינגס, די וווין־צימערן, די פאַרזאַמלונג־זאַלן, דער רעסטאָראַן, דאָס לוקסוס־מעבל, די מאָלערײַען, די ליכט־עפעקטן, דער פּרעכטיקער גאָרטן וואָס וואָלט געקענט אײַנשטיין אין דער גרין־גאָלדענער קאַליפאָרניע. און דאָס אַלץ אין מיטן פון ווײַסן מידבער...

מען דערזעט דאָ נאָך אַ מאָל די וווּנדער־ראָל פון וואַסער. אַלץ וואָס איז באַוואַסערט, איז טיף־גרין און לעבעדיק, און אַלץ וואָס איז ניט באַ־וואַסערט, איז בלייך־ווײַס און טויט. אַף יעדן טראָט זעט מען דאָ די גרענעץ צווישן ווײַס און גרין...

ס'קומט שוין אָן וואַסער דורכן קאַנאַל יאַרקאָן־נעגעוו. ס'איז אַ

קאַנאַל פון 158 קילאָמעטער ריזן־רערן, וואָס ברענגען טײַך־וואַסערן פון ווײַטן צאָפן. אַזוי ווי דער ניוואָ איבערן יאַם איז אין נעגעוו מיט אי־בער 100 מעטער העכער ווי אַפן טײַך יאַרקאָן, האָט מען געמוזט אַפן וועג אינסטאַלירן 3 פּאָמפּ־סטאַנציעס, וואָס העלפן אונטער דעם קאַנאַל מיט 13.500 פערד־קראַפט, קעדיי ער זאָל קענען טרײַבן די וואַסערן אַף אַרויף...

ס׳איז קימאַט ניטאָ די פלאַנצונג, וואָס זאָל, מיט דער הילף פון וואַסער, ניט קענען געדייען אין אויבערשטן נעגעוו. פון גערשטן און ווייץ איז שוין אָפּגערעדט; אָבער אויך באַוול און צוקער־ראָר, קאַרטאָפל און פיסטאַשקעס, ווײַנטרויבן און מאַנדלביימער (ראָזשינקעס און מאַנד־לען...), מאַיִס און זון־בלומען, באָקסערן און גראַנאַטן, און אַלע מינים גרינוואַרג, ווי אויך וואַלד־ביימער. עס געדייט אויך אַ פלאַנצונג, וואָס פון איר צעלולאָז קען מען מאַכן פּאַפּיר, זאַקשטאָף און שטריק.

אויסער דעם איז דער נעגעוו אַ פּאַשע־אָרט פאַר שעפסן. מען האָט שוין דאָרט אַפילע געפּרוּווט „קאָלאָניזירן" אַרגענטינער און אויסטראַלי־שע שעפּסן... די אײַנגעבוירענע יִסראָעל־שעפּסן ווײַזן ניט אַרויס קיין ראַסן־האַס צו זיי...

דער נעגעוו פאַרמאָגט אויך אַ ביסל נאַפט און 16 מינים מינעראַלן, און אַ דריטל פון דער וויסטער ערד איז גרייט צו אַנטוויסטן זיך, אַבי וואָס? אַבי וואַסער!

די איבעריקע צוויי דריטל פונעם באָדן זײַנען בערג, וואַדיס (אויס־געדריקנטע געלעגערס פון טײַכלעך, דורך וועלכע עס פליסט אַף דאָס רעגן־וואַסער) און שטיינערנער מידבער.

וועט זײַן גענוג וואַסער און וועט זײַן גענוג שאָלעם, וועט דער נעגעוו צוריק אַרויפציען אַף זיך די הויט, וואָס איז פון אים ברוטאַל אַראָפּגעשונדן געוואָרן מיט 1.500 יאָר צוריק.

וואַסער און שאָלעם איז די איינציקע לעבנס־פאָרמול פאַרן נע־געוו!

פעך און שוועבל

ניט ווײַט פון דער געגנט, וואָס דאַרף האָבן, נייטיק ווי לעבן, וואַ־סער און שאָלעם, ליגט אַ ווינקל פון אייביקן פעך־און־שוועבל, — דאָס איז סדאָם אַפן ברעג פון טויטן יאַם...

אַ שוואַרצע אַספאַלטענע לענטע פון 130 קילאָמעטער פאַרבינדט

בעאייר־שעווא מיט סדאָם. ס׳איז אַ יונגער שאָסיי פון גרויסער ווירט־שאַפטלעכער און סטראַטעגישער באַדייַטונג, וואָס איז מיט מעסיראָס־נעפעש אויסגעבויט געוואָרן, דורך באַרג און דורך מידבער, בעמעשעך פון 2 יאָר.

מיט דינאַמיט האָט מען געדאַרפט אויפקנאַקן קילאָמעטערס און קי־לאָמעטערס בערג, פאַרשיטן אָפּגרונטן, און מיט ריזיקע בולדאָזערס (מע־כאַנישע ערד־קנעטערס) צעקייַען אַ שטיק מידבער, און פון די צעפּיצלטע פעלזן־שטיינדלעך (חצץ — כאַצאַץ) אויסלייגן אַ געלעגער פאַרן וועג.

מיר פאָרן אַפן שוואַרצן שאָסיי־גאַרטל. אַרום איז אַבסאָלוטע וויסט־קייט. אין ווייַס־גראָלעכן מידבער דערזעעט מען, פון צייַט צו צייַט, אַף אַן אייזעלע, דעם שוואַרצן סילועט פון אַ בעדווינער, און מען פרעגט זיך: וווּהין, אַ שטייגער, קען ער פאָרן אין דער דאָזיקער וויסטעניש, אַז אַרום איז אַלץ הויל און נאַקעט? אַז מען זעט אַפילו ניט קיין דאָרן אַף אַ רעפּוע?...

אַ לייַכטער שטויבווינט שפּרייַזט אַפן וועג. די ווינטן אין נעגעוו קליידן זיך אין שטויב און אין זאַמד, און זיי הערן אויף צו זייַן דורכ־זיכטיק. מען זעט זיי און מען קען זיי מאַמעש אָנטאַפּן...

נאָכן אָפּפאָרן אַ העלפט וועג, דערשייַנט אומגעריכט, פון לינקס, אַ מענטשלעכער יישעוו. דאָס איז דאָס נאַקעטע ייִדישע שטעטעלע דימאָ־נאַ (דימונה), וואָס איז אויפגעקומען צוזאַמען מיטן שאָסיי. די הייַזקעס זעען אויס ווי אַוועקגעוואָרפענע שפּילצייַג, און אַפן גאַנצן שטעטל ליגט אויסגעגאָסן אַ מידבערדיקע עלנטקייט.

וואָס טוט אַ ייִדיש שטעטל אין מיטן מידבער? צי לעבט עס פון זאַמד, אַזוי ווי קאַסרילעווקע פון לופט?... עס לעבן דאָרט און מאַטערן זיך צו ביסלעך נייַע אוילים, ניט אַזוי צוליב פּאַרנאָסע, ווי צוליב „הע־בערע" סטראַטעגישע מאָטיוון...

וואָס מער מען דערנענטערט זיך צו סדאָם, אַלץ באַרגיקער, שפּי־ציקער און מאָנסטערהאַפטער ווערט די נאַטור. עס אַנטפּלעקט זיך איין גרויסער שטיינערנער כאַאָס: אומרעגעמעסיק־אַרומגעטעסעטע בערג ווי ניט־פאַרענדיקטע ספינקסן, מיט שטיינערנע קודלעס, מיט פעלזיקע קאָלטנס, מיט שטריכן פון בייזקייט און גרימאַסע. אַ טייל פון זיי לאָזן זיך אַראָפּ, ווי געדרייטע לאָקנס, צו די טיפע וואַדיס, וואָס זייַנען פול מיט שטיינער און מיט אויסגעריסענע, פאַרטריקנטע דערנער, וואָס די שלאַקס־וואַסערן האָבן פון ערגעץ געבראַכט צושלעפּן...

באַם אויסבייג פון וועג, ווען מען נעמט זיך שוין אַראָפּלאָזן צו

סדאָם, שטייט אַ ווײַסער מאָנומענט. אין ערשטן מאָמענט מיינט מען, אַז דאָס איז אַ געדענק־טאָוול, וווּ עס איז פאַרצייכנט די געשיכטע פון אויסגעבויטן וועג, אָבער ווען מען גייט צו נענטער, דערוויסט מען זיך, אַז דאָס איז בלויז אַ בלוט־אָפּשפּריץ פון דער געשיכטע: יאַרדאַנער אַרײַנדרינגער האָבן אָפּן דאָזיקן אָרט דערמאָרדעט 2 ייִדישע וועג־אינזשעניערן, אין מיטן פון זייער אַרבעט...

פון הינטער דעם וועג־אויסבויג שטעקט אַרויס דער טויטער ים זײַן בלײַענעם פּאָנים. אַ לילער, בלאַס־פּיאָלעטער נעפּל הענגט איבער די געזאַלצענע וואַסערן און איבער דער בייזער וויסטקייט פון דער געגנט. בערג, ווי פאַרזאַלציקטע ריזן, וואָס דערמאָנען אין מענטשלעכע געשטאַלטן און פּענימער, סטאַרטשען פון אַלע זײַטן. אַלץ איז דורכגעפּרעסן מיט זאַלץ און מען דערשפּירט דעם רייעך פון שוועבל.

מיר פאָרן דורך דורך אַ פאַרלאָזענעם קאַמפּאַמענט, ענלעך אויף יענע וואָס מען זעט אין די אַמעריקאַנער פילמען, אין די געגנטן פון גאָלדפיבער אָדער ערד־ציטערניש. פון ווײַטן נעמען גלאַנצן שנייבערג... דאָס איז די ווײַסע גערעטעניש פון טויטן ים — די בערג מינעראַל־זאַלצן, וואָס מען האָט, מיט כעמיש־פיזיקאַלישער כאָכמע, אַרויסגעשאַרט פון זײַנע וואַסערן.

די וואַסערן פון טויטן ים זײַנען 8 מאָל געדיכטער און געזאַלצענער ווי איינפאַך ים־וואַסער. זיי פאַרמאָגן בעאיקער: פּאָטאַש, בראָם, מאַגנעזיע און פאָספאַטן, ווי אויך אַנדערע זעלטענע און טײַערע זאַלצן, ווי רובידיום, אָן וועלכן טעלעוויזיע־רערן קענען זיך ניט באַגיין. מען האָט אויסגערעכנט, אַז אין טויטן ים זײַנען „באַגראָבן" 42 טויזנט מיליאָן טאָן פאַרשיידענע זאַלצן. ס'איז נישקאָשע פון אַ סכומעלע...

דער ים אַליין ליגט זיך רויִק אויף זײַן זאַלץ־געלעגער. אַזוי ווי די מיזרעכדיקע העלפט זײַנע געהערט צו יאַרדאַניע און אַזוי ווי קיין גרעניצן אויפן וואַסער קען מען ניט אָנצייכענען, האָט מען פאַראַנקערט אין מיטן פון דער אַזיערע אַ שורע אַלטע באַרזשעס און שיפלעך, וואָס האַלטן וואַך אויף דער וואַסערדיקער זאַלץ־גרענעץ... אַ האַלב־אינדזל פון דער אַראַבישער זײַט איז טיף אַרײַנגעשניטן אין ים אַרײַן.

אַרום זעען זיך די באַסיינען, וווּ מען טריקנט די וואַסערן, אויף אַרויסצובאַקומען פון זיי די זאַלצן, ווי אויך די וואַרשטאַטן, וווּ מען מאָלט און קלאַסיפיצירט די ווײַסע, געזאַלצענע מאַזל־בראָכע...

מען זעט ניט קיין ברייט־אינדוסטריעלן טעמפּ אין דער אַרבעט, קיין באַוועגונג, קיין גרעסערע אַרבעטער־קאָנצענטראַציע. אַלץ איז האַלב־

פאַרשלעפּערט, ווײַל די אַמעריקאַנער אָקציאָנערן לוינט נישט איצט צו אַרבעטן אַף דער גאַנצער פּאַרע. ייִסראָעל לײַדט טאַקע פון דעם אַ סך שאָדן, אָבער דער טויטער יאַם געהערט צו דער ייִדישער מעדינע בלויז ריין־געאָגראַפיש. ליגן ליגט ער טאַקע אין ייִסראָעל, אָבער אין דער עמעסן ליגט ער אין דער קעשענע פון דער אַקציע־געזעלשאַפט די־און־די...

די איצטיקע „שטאָט” סדאָם איז אַפילע קיין שטעטל נישט, און זי פאַרמאָגט אַפילע נישט קיין איין גאַס. עטלעכע באַראַקן און הײַזקעס שטייען אַף קורצע שטאָלצן און פּרעגלען זיך אין דער זאַלציק־שוועבל־דיקער היץ. מען קען קוים־קוים אָפּכאַפּן דעם אָטעם אין דער פאַרעניש און שטיקעניש פון דאָזיקן קעסל, וואָס געפינט זיך 400 מעטער אונטער דער אויבערפלאַך פון יאַם...

מיר באַקומען אַביסל קעלט אין אַ הייל פון זאַלץ־קרישטאָל. דאָס איז אַ באַרג פון זאַלציקן שטיין, וואָס אינעווייניק, אין צענטער, איז ער פּוסט און אויבן ענדיקט ער זיך מיט אַן אָפענעם קראַטער. דורך גע־דריידלטע דורכגענג דערקלײַבן מיר זיך צו אַן אויסגעהוילטן, ווערטיקאַלן לאַבירינט פון 49 מעטער די הייך.

דער הויכער זאַלץ־טורעם, אַף וועמענס דעק מיר געפינען זיך, זעט אויס, לויט זײַן געוועלבונג, ווי אַ קאַטעדראַל, און דורכן אויבערשטן קראַטער קוקט אַרײַן אַ בלאָער קרײַז פון הימל. מיר זעען אויס ווי איינ־געזעקטן אין דאָזיקן ווילד־אימפּאָזאַנטן זאַלץ־באַרג, וואָס די נאַטור האָט דורכגעגראָבעט דורך און דורך... אינעווייניק הערשט אַן אָנגענעמע קיל־קייט, וואָס אין לעבאַל־האָפּאָכעס מיט אַ 20 גראַד נידעריקער פון דער דרויסנדיקער היץ. אַף צו קענען אַ ווײַל געניסן פון דאָזיקן פאַרגעניגן, שטעלט מען אײַך נישט אונטער קיין פּושקע, נאָר מען דאַרף באַצאָלן און אויסקויפן אַ בילעט...

מיר פאָרן צוריק. צו דאָרעם צו, צום שפּיץ פון איבערגעקערטן נע־געוו־דרײַעק ציט זיך די פאַרסאַרפּעטע וויסטקייט, אַן אײַנגעהילטע אין געזאַלצענע נעפּלען. פאָרויס, אָפן וועג, שפּאַצירן ווינטן, אָנגעטאָנענע אין זאַמד. פון ביידע זײַטן וועג גליווערן די גרימאַסן פון די נאַקעטע צעקריפּלטע בערג, און אין ערגעץ זעט מען נישט קיין לעבעדיקן נעפעש, קיין גרעזעלע, קיין פליגעלע, קיין ווערעמל...

איז עס אַ פּייזאַזש פון דער לעוואָנע, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אַף דער ערד?...

34. באגעגענישן מיט דער אראבישער ווירקלעכקייט

דער „נעס"...

איינער פון די „היסטארישע ניסים", וואס זיינען פארגעקומען אין די בלוטיקע מיי־טעג פון 1948, איז די מאסן־פאניק וואס האט באהערשט הונדערטער טויזנטער אראבער און א ריס געטאן זיי פון די ערטער. זיי האבן איבערגעלאזט האק און פאק, און אנטלאפן, קימאט נאקעטערהייט, פון דער אויפקומענדיקער יִשׂראל־מעדינע.

די אפיציעלע אויסטייטשונג פון דער דאזיקער מאסן־פליטע איז אט וועלכע: די מוסולמענישע פירער האבן אנגערייצט די אראבער, אז זיי זאלן פארלאזן זייערע וווינערטער און זייער האב־און־גוטס, קעדיי שפעטער אומצוקערן זיך צוזאמען מיט די זיגערישע אראבישע ארמייען און ארייננווארפן די יִדן אין יאם אריין.

פון וואנען האט זיך גענומען צו די אראבישע פירער די בלינדע און פארבלענדנדיקע זיכערקייט אין זייער זיג און ווער האט זיי ארייננגעגעבן דעם געדאנק פון אנטלויפן? איז דער ענטפער, אז דא האט זיך ארייננגעמישט „דער גאט פון יִשׂראל", וואס האט צעמישט די אראבישע געדאנקען און האט איבערגעכאזערט דאס וואס ער האט געטאן מיט 3.500 יאר צוריק מיט די קנאאנישע פעלקער, ווען יעהוישוא בען נון האט זיי אנגעגריפן מיט פייער און שווערד...

וועגן יענע פעלקער איז צענדליקער מאל דערמאנט אין טאנאך: „וינוסו מפני ישראל" („און זיי זיינען אנטלאפן פון די יִדן"); נו, האט זיך אין 1948 איבערגעכאזערט די זעלבע מייסע, מיט דער הילף פונעם „צור ישראל" (אזוי ווערט אנגערופן גאט אין דער דעקלאראציע פון אומאפהענגיקייט). און אין דעם הייסט עס, שטעקט דער נעס...

די סיבעס פון מאסנהאפטיקן אנטרונען ווערן פון די אראבער איז נאך גרינטלעך ניט אויסגעפארשט געווארן. צווישן די פארשיידענע מעגלעכע סיבעס דארף מען גוט האבן אין זינען די מוירעדיקע שכיטע אין דארף דעיר יאסין, ווו די גאנצע אראבישע באפעלקערונג איז קאלטבלוטיק אויסגעהארגעט געווארן דורך א באנדע יִדישע פאשיסטן. דער דאזיקער גרויליקער פאל איז גלייך באקאנט געווארן צווישן אלע אראבער אין לאנד און האט געהאלפן צעפלאקערן די פאניק.

די לאַגע נאָכן „נעס"

פאַר דער באַפרייונג־מילכאָמע האָבן זיך אַף יעדע 10 איַינוווינער פון פּאַלעסטינע געפונען 3 ייִדן און 7 אַראַבער. איצט געפינען זיך אַף יעדע 10 איַינוווינער פון יִסראָעל 9 ייִדן און 1 אַראַבער. די ייִדישע באַפעלקערונג איז געשטיגן פון 30 אַף 90 פּראָצענט, און די אַראַבישע איז געפאַלן פון 70 אַף 10 פּראָצענט.

אין יִסראָעל זיַינען פאַראַן איצט 200.000 אַראַבער. 125.000 פון זיי געפינען זיך אין עפּעס מער ווי 100 דערפער, 50.000 געפינען זיך אין די שטעט און 25.000 וואַנדערן אין מידבער.

מען מוז זאָגן, אַז די 200.000 אַראַבער „וווינען" ניט, נאָר „געפינען זיך" אין יִסראָעל, וויַיל „וווינען" באַדיַיט גליַיכבאַרעכטיקונג און בירגערלעכע פריַיהיַיט...

צענדליקער טויזנטער אַראַבער געפינען זיך אין אַזוי־גערופענע „אָפּגעשלאָסענע ראַיאָנען". ניט אונטערן דירעקטן קאָנטראָל פון געזעצלעבן זיי דאָרט, נאָר אונטערן האַרטן רעזשים פון מיליטערישן פאַרוואַלטער. נישטאָ פאַר זיי קיין פריַיהיַיט פון באַוועגונג און מען קוקט אַף זיי ווי אַף מעגלעכע שפּיאָנען און דיווערסאַנטן.

ביַי אַסאַך אַראַבער איז אַוועקגעריסן געוואָרן זייער שטיקל ערד צוליב „זיכערקייט־מאָטיוון", וויַיל דער באָדן זייערער געפינט זיך נאָענט פון דער גרענעץ, און אַזוי ווי אומעטום אין יִסראָעל געפינט מען זיך פּאַקטיש אַף די גרענעצן, ליגט קימאַט אומעטום אַף די אַראַבער דער געשפּענסט פון די „זיכערקייט־מאָטיוון" און אומעטום זיַינען זיי „ביס־לעכוויַיז" באַדראָט. צוליב די באָדן־קאָנפיסקאַציעס האָט זיך אין יִסראָעל אויסגעבילדעט אַ קלאַס פון איַינערלעכע אַראַבישע פּליטים, — פּליטים אין זייער אייגענעם לאַנד, און זיי וואַלגערן זיך ווי „געסט" אין די גאַנץ־געבליבענע אַראַבישע דערפלעך...

מען דערלאָזט ניט, אַז דער אַראַבער זאָל ווערן אַ מיטבירגער און אַ מיטברודער, און צוליב דער דאָזיקער פּאָליטיק פון אומבאַצאָלונג און אומצוטרוי, האָדעוועט מען מיט די אייגענע הענט אַן אינערלעכן סוינע און מען מאַכט געשפּאַנט די אויפגערייצטקייט.

די פּאַרריסענע מאַפּאַי־פירער, אָפּגערעדט שוין פון די רעוויזיאָניסטישע מעסער־העלדן, ווילן ניט פאַרשטיין, אַז דער אַלגעמיינער, דער גרויסער ייִדיש־אַראַבישער שאָלעם, מוז זיך אָנהייבן פון קליינעם ייִדיש־אַראַבישן שאָלעם אין יִסראָעל גופא. אָט אַזאַ מין לאָקאַלער שאָלעם, און

דער פֿאַקט פֿון אַראַבישער גלײַכבאַרעכטיקונג אין ייִשׂראל גופֿא, וואָלט געהאַט דעם שענסטן אָפּקלאַנג אין דער אַראַבישער וועלט און וואָלט אַנטוואָפֿנט די אַראַבישע רעוואַנש־העצער.

דעם איינציקן בײַשפּיל פֿון ייִדיש־אַראַבישער פֿרײַנטשאַפֿט אין ייִשׂראל קען מען געפֿינען בלויז אין די גרענעצן פֿון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. די ברידערלעכקייט איז דאָרט אַ פֿולשטענדיקע און אַ קעגנזײַטיקע פֿון ביידע צדדים. די איינציקע פּאַרטיי אין ייִשׂראל, וואָס איז דורכויס אַ ייִדיש־אַראַבישע, איז די קאָמוניסטישע. די האַרציקע און אײדעלע צונויפֿגעלעבטקייט צווישן ביידע גרופּעס, אין די ראַמען פֿון דער פּאַרטיי, איז אַן אידעאַלע און אַן וועלכע ניט איז רעזערוואַציעס. די פּראָפּאָרץ פֿון דער צאָל קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן אין דער קנעסעט איז שטענדיק פֿון 1 אַראַבער אויף 2 ייִדן.

אויך בען־גוריאָן האָט זיך זײַנע פּראָ־מאַפּאַישע אַראַבער, אָבער אין דער פּאַרטיי צו זיך לאָזט ער זיי פֿונדעסטוועגן ניט אַרײַן. דאָס זײַנען „שאַבעס־גוייִם", פֿאַר וועלכע ער שאַפֿט עטלעכע פּאַרטייִעלעך ערעוו די וואַלן. ער צעברעקלט זיי אין עטלעכע פּאַרטיי־גרופּקעלעך, קעדיי אויך די שטימען זייערע זאָלן זיך צעברעקלען, און צעברעקלטערהייט פֿאַרלירן זייער עמעסע וואָג...

אַנשטאָט אַרויסצוווײַזן אַ געהעריקע מענטשלעכע באַציִונג צו דער אַראַבישער ייִשׂראל־באַפֿעלקערונג און אַזוי אַרום פֿאַרוואַנדלען זי אין אַ בריק פֿון פֿרײַנשאַפֿט צו דער אויסלענדישער אַראַבישער וועלט, טוען די איצטיקע רעגירער אַלץ, אַז די ייִשׂראל־אַראַבער זאָלן זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַן עלעמענט פֿון אינערלעכער סינע, פּונקט ווי ס'וואָלט ווינציק געווען די דרויסנדיקע סינע... און די דרויסנדיקע סינע שטאַרקן זיי באַזונדער, מיטן אויספֿירן טרײַ די ראָל פֿון אַ פּאָרפּאָסטן פֿון אונטערדריקנדיקן מײַרעוו אין מיטן פֿון אַ מיזרעך־וועלט, וואָס האַלט זיך אין באַפֿרײַען (אײַזענהאָוער־דאָקטרין, סינײַ־אַקציע, קעגנערשאַפֿט צו פֿאָלקס־כינע).

אין דער צײַט ווען די ברייטע וועלט נעמט זיך באַנײַען אַלץ מער און מער אויף דער באַזע פֿון פֿעלקער־פֿרײַנטשאַפֿט, שוואַרצן זיך נאָך אַלץ אין ייִשׂראל סימאָנים פֿון פֿעלקער־סינע, און פֿאַראַן ביייזע פֿאַשיסטישע היצקעפּ, וואָס זייער ווײַס־בלאָער שטאָלץ מוז אויפֿגעהאַלטן ווערן מיט נאָך מער שוואַרצקײַט...

עס זײַנען אָבער אויך פֿאַראַן אַנדערע קויכעס, ניט דאַווקע אויסגעשפּראָכן־פּראָגרעסיווע, וואָס ווילן מיטן גאַנצן האַרצן, אַז ייִשׂראל זאָל

זיך באַפרייַען פון אַזוינע שוואַרצע פינטעלעך, וואָס זייַנען ווייַט־ווייַט ניט קיין כיין־פינטעלעך...

דערפאַר האָט זיך געשאַפן דער „ייִדיש־אַראַבישער פאַרבאַנד צו פאַרטיידיקן די אַראַבישע מינדערהייט אין ייִשׂראל״. שוין די עקזיסטענץ אַליין און די בעפיירעשע נייטיקייט פון אַזאַ מין פאַרבאַנד איז ניט קיין גינסטיקער איידעס פאַר די הערשער פון ייִשׂראל.

„זינד״ און באַשטראָפונג

גלייַך ווי מיר האָבן געשטעלט דעם ערשטן טראָט אויף ייִשׂראל־ערד, איז אונדז אַנטקעגנגעקומען די אַראַבער־פּראָבלעם, — עס האָט געקאָכט אומעטום מיט די רעפּרעסיעס פון דער רעגירונג קעגן די אַראַבער, וואָס האָבן דעם 1טן מייַ דעמאָנסטרירט אין נאַזאַרעט און אין אַנדערע אַראַבישע ייִשובֿים פון גליל.

פאַר מאַניפעסטירן אין טאָג פון אינטערנאַציאָנאַלן קאַמפּס־יאָנטעוו מיט לאָזונגען קעגן דער אויסנאַם־לאַגע און קעגן דער געטאָ־סיטואַציע, אין וועלכער זיי געפינען זיך, זייַנען אַרעסטירט געוואָרן צענדליקער און צענדליקער אַראַבער, וואָס האָבן שפּעטער באַקומען לאַנגע יאָרן טפיסע („פאַר וואַרפן שטיינער״ — האָט זיך די פּאָליציי פאַרענטפערט...).

נאָך מער אַראַבער, קעגן וועלכע מען האָט ניט געקענט אויסגעפינען קיין שום באַשולדיקונג, אָבער וועלכע מען האָט כוישעד געווען אַז זיי קענען „אָפּטאָן כאַזערייַען״, האָט מען פאַרשיקט „אַדמיניסטראַטיוו״ אויף 3 כאַדאָשים. מען האָט זיי אַוועקגעריסן פון זייערע פאַמיליעס און ניט געגעבן קיין מיטלען צו לעבן.

צווישן די בעסטע מענטשן פון לאַנד האָט אויפגעשטורעמט אַ פּראָטעסט־באַוועגונג. אויפן פּראָטעסט־מיטינג אין בעט־אַם פון טעל־אַוויוו, וואָס די פּראָגרעסיווע יוריסטן האָבן אייַנגעאָרדנט, האָבן מיר צום ערשטן מאָל געזען אַן אַראַבישע פרוי. מיט אַ פיצל קינד אויף די הענט, האָט זי אַ שלוכצנדיקע דערציילט ווי אַזוי מען האָט פון איר „אַוועקגערויבט״ דעם מאַן...

אין כייפע, אין לאָקאַל פון דער אַראַבישער וואָכנצייַטונג „אַל אי־טיאַכאַד״, האָט זיך מיט אונדז באַפרייַנדעט אַ לעבעדיקער אַראַבישער יונגערמאַנטשיק מיט קוועקזילבערדיקע קויל־אויגן. ער איז אָקערשט געווען אָנגעקומען, אַן אַנטלאָפענער, פון נאַזאַרעט, ווו מען האָט אים גע־

האַלטן אין אַרומזוכן פאַר „ערשטע מייַ־זינד“, וואָס ער האָט ניט אָנגעגעבן צו פאַרשטיין און וואָס אייגנטלעך זיי באַשטייען... צו אונדזער שטוינונג, האָט דער „זינדיקער“ גענומען ריידן צו אונדז יִדיש; ער האָט געאַרבעט מיט יִדישע בוי־אַרבעטער און האָט זיך אַזוי צונויפגעלעבט מיט זיי, אַז ער האָט געכאַפּט דעם שניט פון אונדזער שפּראַך...

אין זייַן נאַטירלעכער לעבעדיקייט האָט אַלע ווייַלע געצוקט אַ נערוועזקייט און אַן אומרו. די סיבע? זייַן פרוי, וואָס גייט צו קינד, איז געבליבן אַף העפּקער אין נאַזאַרעט און ער ווייס ניט וואָס צו טאָן. זאָל ער זיך נאָר אומקערן, וועט מען אים גלייַך אַרעסטירן און זי וועט אַלץ איינס בלייַבן אַף העפּקער... כאַווייַרים פון דער צייַטונג האָבן אים באַרויִקט, אַז מען וועט גלייַך אָננעמען מיטלען וועגן כאַווערישער סאָלידאַריטעט און זאָרג פאַר זייַן פרוי. דאָס פּאָנים פון אַראַבערל האָט זיך אויסגעלייטערט; ער האָט, אַ פריידיקער, גענומען נאָך שטאַרקער קנאַקן אַף יִדיש...

אין צפאַט האָבן מיר געטראָפן אַ היבשע גרופּע אַדמיניסטראַטיוופאַרשיקטע. אַ מאַן דרייַסיק, — פון יונגע באָכערימלעך ביז זקיינים, — זייַנען געווען צונויפגעדריקט אין אַ ברעקל צימערל מיט אַ קיכל. מען האָט זיי דאָרט איבערגעלאָזט אַף העפּקער, און די אייַנציקע ברירע וואָס איז זיי געבליבן, איז שלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט... קיין אַרבעט קריגן זיי ניט, ווייַל ווער וויל עס האָבן צו טאָן מיט „פאַרברעכער“? און צווייטנס, — מוזן זיי זיך 2 מאָל אַ טאָג מעלדן אין דער פּאָליציי, פּונקט אין אַזוינע שאָען, וואָס וואָלטן שטאַרק געשטערט דער אַרבעט...

קעגנאיבער דעם דאָזיקן ווילקיר זייַנען די פאַרשיקטע אַרומגערינגלט געוואָרן מיט דער סאָלידאַריטעט פון פאָלק און פון די פּראָגרעסיוו־הומאַניטאַרע אָרגאַניזאַציעס. די „מייַ־פאַרברעכער“ האָבן אונדז דערציילט וועגן הונדערטער פאַלן פון רירנדיקן מיטגעפיל און פון מאַמאַשעסדיקע בייַטראָגן פאַר זייער עקזיסטענץ מיצאַד קינדער אַפילע.

ניט געקוקט אַפן באַגאַנגענעם אומרעכט, איז ניט געווען קיין פאַרביטערונג אין זייערע רייד, נאָר פאַרדרוס פאַר דער אומגערעכטיקייַט. דאָס וואָס זיי ווילן, האָבן זיי געזאָגט, איז דאָס מינימאַלע: ניט מער ווי זייַן גלייַכבאַרעכטיקט אין אייגענעם פאָטערלאַנד און היימלאַנד. ווען זיי האָבן אַרויסגעפילט פון אונדז, יִדן, אונדזער מענטשלעכע סאָלידאַריטעט מיט זיי, האָבן זיך טרערן געשטעלט אין זייערע אויגן. זיי האָבן זיך מאַמעש געוואָרפן קושן צו אונדז און געבעטן פאָטאָגראַפירן זיך מיט זיי.

איין טראָפּן באַציִונג פון אומבאַקאַנטע ייִדן האָט, אַף אַ מאַקסי־מאַלן אויפן, דערפרייט זייער פאַרביטערטן געמיט; און מיר האָבן זיך געטראַכט: אין וואָס פאַרא טרייַע בירגער און פרייַנט פון יִשׂראָעל מען וואָלט זיי געקענט פאַרוואַנדלען, ווען זיי וואָלטן אַרויסגעפילט אַזאַ מין באַציִונג אויך פון זייערע טאָג־טעגלעכע ייִדישע לעבנס־שכיינים!

פון אונדזערע געשפּרעכן מיט די אַראַבער, ספּעציעל מיט די פּראָ־גרעסיווערע און פאָרגעשריטענערע, האָבן מיר אַרויסגעדרונגען קלאָר, אַז זיי גאַרן נאָך פרידן און פרייַנטשאַפט מיט די ייִדן, אַף דער באַזע פון קעגנזייַטיקן רעספּעקט. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז אַף די מיליטערישע פּראָצעסן, אין שייכעס מיט די ערשטע מיי־געשעענישן, האָבן אַסאַך פון די פאַרמישפּעטע אַראַבער, נאָכן אויסהערן די באַקומענע שווערע אור־טיילן, אויסגעשריִען: „זאָל לעבן די ייִדיש־אַראַבישע פרייַנטשאַפט!"...

עס איז אויך קעדאַי מען זאָל ווי‌סן, אַז אין פּראָגרעסיוו־אַראַבישן זשורנאַל „על דזשאַדיט" איז דערשינען אַ גרויסער אַרטיקל וועגן אויפ־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, געשריבן מיט גרויס פאַרשטענדעניש און ליבע צו אונדזערע גיבוירים און צו אונדזער מילכאָמע אַף לעבן און טויט מיטן נאַציזם.

די בייזוויליק־פאַרשפּרייטע מיינונג אַז די אַראַבער זייַנען אָפּגע־שטאַנען, פאַרגרעבט, פאַרווילדעוועט, פאַנאַטיש, שמוציק, האָבן מיר אין ערגעץ ניט געקענט באַשטעטיקן. אַלע אַראַבער, מיט וועלכע מיר האָבן זיך, אַף אַ פּלאַנירטן אָדער צופעליקן אויפן, באַגעגנט, האָבן זיך אַרויס־געוויזן ווי באַוווּסטזיניקע, ווילע, הייַנטצייַטיקע און פאָרגעשריטענע מענטשן. אַסאַך פון זיי האָבן אונדז איבעראַשט מיט זייער אינטעליגענץ און פייַנשפּירעוודיקייט, און אַלע האָבן זיך אייפערדיק און פרענעטיש אַרויסגעזאָגט פאַר ייִדיש־אַראַבישער ברידערלעכקייַט. פון זייער זייַט איז קיין מעניִע ניטאָ...

קימאַט אַלע האָבן גערעדט אַ פּליסיקן העברעיִש. אָפטמאָל פּלעגן זיך שאַפן קאָמישע סיטואַציעס: אין דער צייַט וואָס די אַראַבער האָבן גע־רעדט פרייַ העברעיִש, האָבן מיר, די ייִדן, געשטאַמלט און ספּאָטיקעוועט זיך מיט „אונדזער" לאָשן... אַ זייַטיקער מענטש, וואָס וואָלט בייַגעווען אַזאַ שמועס, וואָלט געקענט פרעגן: ווער זייַנען דאָ די ייִדן און ווער די אַראַבער?...

די אַראַבישע פרייַנט האָבן אונדז אַרויסגעוויזן זייער באַרימטע גאַסטפרייַנטלעכקייט, וואָס איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דער אידעיִש־פּראָגרעסיווער קרויווּשאַפט און מענטשלעכקייט, וואָס האָט

אונדז קענגזיַיטיק פאַרבונדן. אַף טריט און שריט האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז עס איז דאָך אַזוי לײַכט פאַר ייִסראַעל צו לעבן אין פרײַנטשאַפט מיט די „סאָנים" און אַז דער אַראַבישער מענטש איז אַ מענטש ווי אַלע מענטשן.

אַן אַראַבישער דעפּוטאַט

אין נאַזאַרעט האָט דער פּראָגרעסיווער אַראַבישער דעפּוטאַט עמיל כּאַוויווי געוואָלט ניט אַנדערש, אַז מיר זאָלן זײַן זײַנע געסט.

נישט נאָר אָפּיציעל האָט ער אונדז אויפגענומען אין פּאַרטיי־לאָקאַל מיטן טראַדיציאָנעלן טעפּעלע קאַווע, נאָר אויך געפּראַוועט לעקאָווער אונדז אַ מיטאָג בײַ זיך אין דער היים. צוזאַמען מיט זײַן פרוי, וואָס האָט פאַרקאַשערט די אַרבל און אַליין צוגעגרייט אין קיך דעם אַראַבישן שאַשליק, האָט ער אונדז באַזעצט אויבן־אָן און געפּירט דעם טיש אַף העברעיִש.

עטלעכע אַראַבישע יונגעלײַט, מיט אָפּענע, אויפריכטיקע און גוטע פּנימער, — די זעלבע וואָס האָבן אונדז אַרומגעפירט איבער נאַזאַרעט, האָבן מיטגעמיטיקט מיט אונדז, און מיט זייער אויפגעלייגטקייט און הומאָר לעבעדיקער געמאַכט דעם טיש. עס האָט ניט געהערשט צווישן אונדז קיין שום פאַרלעגנהייט, קיין שום קינסטלעכע אָנגעצויגנקייט. עס האָט זיך ניט געפילט קיין שום אונטערשייד צווישן „אָריענט" און „מײַרעוו", צווישן „ייִסראָעל" און „ייִשמאָעל"... מיר האָבן זיך געפילט בײַם טיש ווי מיר וואָלטן געווען פון איין שטאַם, פון איין ציוויליזאַציע און פון איין טיף דערציִונג אפילע, ווײַל איין קוק אַף דער וועלט האָט אונדז פאַרברידערט אָן קיינע שום באַוואָרענישן.

כּאַוויווי, אַן איידל־פּאָנימדיקער, טיפּיש־אַראַבישער ברונעט, און נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, האָט געגעסן מיט זײַן ווײַב פון איין טעלער, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: זעט, ווי ווײַט די באַציִונג צו דער אַראַבישער פרוי האָט זיך געביטן... ער האָט אונדז געניי באַקאַנט מיט סובטעלע איינצלהײַטן פון דער לאַגע אין נאָענטן מיזרעך, באַדויערט די אַראַבישע לאַגע אין ייִסראָעל און האָט אונדז אויסגערעכנט שטויגענדיקע פאַקטן פון פאָלקס־סאָלידאַריטעט מיט די פאַרשיקטע, אַרעסטירטע און פאַרמישפּעטע „מײַ־פאַרברעכער". שפּעטער האָט ער אונדז געוויזן אַלבומען מיט פאָטאָס, פאַרבונדענע מיט זײַנע מיסיעס אין אויסלאַנד, וואָס ער האָט דורכגעפירט מיט ייִדישע כּאַווײרים.

צום סאָף פון מיטיק האָבן מיר דערפילט דעם עמעסן טאַם פון דער גוט־באַקאַנטער סענטענץ: „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד" (ווי גוט און ווי זיס עס איז דאָס זיצן באַנאַנד און צוזאַמען מיט ברידער). וואָס מיר אַראַבער? ווער מיר ייִדן? די פרייד פון עכטער צוזאַמענקייט האָט אונדז צונויפגענומען און צונויפגעבונדן אין איין מענטשלעכן בו־קעט. צי איז דען ניט מעגלעך אַזאַ צוזאַמענלעבן אין אַלע ווינקעלעך פון ייִסראָעל, און, מיט דער צײַט, אין אַלע ווינקעלעך פון אָריענט?

אַן אַראַביש דערפל

נאָך מיטיק זײַנען מיר צוגעפאָרן אין דערבײַיִקן אַראַבישן דערפל יאַפענאַצערעט.

דאָס דערפל איז געלעגן אַ צעוואָרפנס איבער אָנגעהויפנטע פעלזן. אין דער נידער האָבן זיך נאָך געצויגן אַ פּאָר שמאָלע באַרג־געסלעך, אָבער אַביסל העכער האָט מען שוין געדאַרפט שפּרינגען איבער די פעלזן, קעדיי צוצוקומען צו די הײַזקעס. צוזאַמען מיט אונדז זײַנען גע־שפּרונגען שוואַרצע ציגן און שעפּסן.

פון אַלע זײַטן האָט אַרויסגעקוקט די פּרימיטיווקייט. דאָס ביסל גערשטן ווערט נאָך געדראָשן מיט פלעקענער, ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק. די אָרעמקייט וויינט אַראָפּ פון די צעקנוידערטע דעכער און פון די פּיטשינקע פענצטערלעך. די הײַזקעס זעען אָבער אויס ווי ווילעס אַנטקעגן די ביידלעך און די „ראַנטשאָס", וואָס זײַנען צונויפגעסטריגע־וועט פון שמאַטעס און וואָס „געהערן" צו אַראַבישע פּליטים, וועלכע האָבן זיך אויך צום דאָזיקן דערפל צוגעטוליעט.

מיר זײַנען אַרײַן אין אַ הײַזל: איין־איינציקער טונקעלער צימער, אָן אַ קיך. דאָס איז דאָס וווינאָרט פון 11 מענטשן. אַף דער ערד וואַלגערט זיך, אונטער אַ וואָלקן פון פליגן, אַ האַלב־נאַקעט קינד, וואָס לעקט אַ שמוציק לעפל. אַ יונגע, פאַרצאָגטע פרוי קוקט אונדז אָן מיט אירע האַלב־פאַרוואונדערטע, האַלב־דערשראָקענע אויגן. דער מאַן הענגט אַף דער וואַנט — אַ פּאָרטרעט בלויז. געפינען געפינט ער זיך אין סיריע — אַ פּאָליט פון יאָר 1948. אויך דער ברודער הענגט אַף דער וואַנט, אָבער שוין צען יאָר ווי ס'איז נישטאָ קיין זייבער פון אים; ער וואַלגערט זיך ערגעץ אין עגיפּטן. געבליבן איז זי מיט אַ צענדליק קינדער — קאָפּ אַף קאָפּ...

קימאַט אַלע אײַנוווינער פון דערפל דאַרפן זיך מעלדן אַ פּאָר מאָל

אין טאָג אין דער פּאָליציי. קיין אַרבעט איז נישטאָ, שטײַערן מאָנט מען, און פון אָרט קען מען זיך ניט רירן, ווײַל דער מיליטערישער הערשער דערלויבט ניט. ליגט אַ מאָרע־שכוירע אַף קליין און גרויס, אַף ציג און פעלז, און אַף דער גאַנצער שטרויענער אָרעמקייט. מען ווייס אָבער, אַז כּאווייווים פּאַרטיי שווײַגט ניט, און דאָס איז דער איינציקער מאָקער פון מוט...

שפּרינגענדיק פון פעלז צו פעלז און אויסמײַדנדיק די קאָלוזשעס, נידערן מיר אַראָפּ צום אַרײַנגאַנג פון דערפל. פון די פּאָר אונטערשטע געסלעך דערטראָגט זיך דער געקלאַנג פון רידלען און לאָמען, און מיר דערזעען די רוקנס פון אַ פּאָר צענדליק באַבערים, וואָס גראָבן ראָוועס אין מיטן פון די געסלעך. דאָס דערפל האָט ניט קיין וואַסער און דער רעגירונג גייט עס אָן ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי. איז מען געפאַלן אַף אַ סייכל: אַזוי ווי צײַט איז דאָ און אַרבעטלאָזע הענט פעלן ניט, האָט מען זיך צונויפגענומען און מען פירט דורך אַליין אַן אייגענע וואַסער־לייטונג. קיינער וועט פאַר דער אַרבעט ניט באַצאָלן; פאַרקערט — מען וועט זיך נאָך דאַרפן צוזאַמענלייגן אַף צו קויפן רערן און פּאָמפּעס, אָבער אַלע וועלן האָבן האָבן און דערפילן דעם טאַם פון קאָלעקטיווער אָנשטרענגונג. דעם געדאַנק האָט, פאַרשטייט זיך, געוואָרפן כּאווייווים פּאַרטיי...

דאָס לעצטע באַרגיקע געסל פון דאָרף האָט אונדז לײַכט אַראָפּגע־טראָגן אַף אונטן. מיר גיבן דעם לעצטן שפּרונג און אָט געפינען מיר זיך שוין אַפן שטויביקן וועג קיין נאַזאַרעט.

מיר זעצן זיך אַרײַן אינעם וואַרטנדיקן, גאַסטפרײַנטלעכן טאַקסי, וואָס זעט אויס, אין פאַרגלײַך מיטן דערפל, ווי איינער פון די 7 ווונדער פון דער וועלט, אָדער ווי אַ דערשײַנונג פון טויזנט און איין נאַכט...

וויפל טויזנטער נעכט וועלן דאַרפן אַוועקגיין ביז ס'וועט אויפקומען דער איינפאַכער וווּנדער פון אַ יִדיש־אַראַבישער בריק צווישן די נעשאָמעס? אַז מען וויל, איז עס גאָר קיין פּראָבלעם ניט. מען דאַרף נאָר וועלן...

35. גײַסט אין יִסראָעל

גײַסט, באַגײַסטערונג, גײַסט־אָרעמקייט

יִסראָעל איז אויפגעקומען אַזוי ווי זי איז אַמאָל געפאַלן — „בדם ואש" (בעדאָם וואָאייש — אין בלוט און פײַער).

בעיִם דער מילכאָמע פֿאַר אומאָפּהענגיקײַט האָט דער גײַסט און די באַגײַסטערונג פֿון פֿאָלק מיטגעפֿלאַטערט מיט דער קעמפֿנדיקער יוגנט און האָט געהאָלפֿן געווינען דעם גערעכטן קאַמף.

ווען עס זײַנען שטיל געוואָרן די שלאַכט־פֿעלדער, און די יונגע מעדינע האָט גענומען אַרויפֿציִען אַף זיך הויט און פֿלייש, האָבן די מענטשן פֿון גײַסט דערפֿילט, אַז זיי בלײַבן עפּעס אָן אַ זײַט און אַז אין גרויסן פּראָצעס פֿון אויפֿקום ווערט דאָס גײַסטיקע באַאוולט.

די מענטשן פֿון גײַסט, — די וואָס האָבן מיט זייער וואָרט געגעבן אַ קינסטלערישן און היסטאָרישן טיקן דער באַגײַסטערונג פֿון יאָר 1948, האָבן דערשפּירט, אַז עפּעס בלײַבן זיי אָפֿן ראַנד פֿון די מעלוכיש־געזעלשאַפֿטלעכע געשעענישן.

די אויבערהאַנט איבער אַלץ האָט באַקומען „דער מענטש מיט דער טעקע", דער ביוראָקראַט, דער פּאַקיד (באַאַמטער). די שרײַבער האָבן גענומען אַרומגיין מיט אַ שטילן פֿאַרדרוס, מיט אַ פֿאַרדעקטן אַגמעס־נעפֿעש, און דעם צאַר האָבן זיי געמוזט באַהאַלטן אין זיך. זיי האָבן זיך טרויעריק צוגעקוקט ווי צווישן די גרענעצן פֿון גרויסן מעלוכישן אויפֿשטײַג לײַדט אַ שטיקל יערידע די קולטור, און ווי אין נאַציאָנאַלן באַלאַנס וואַקסט־אָן אַ גײַסטיקער פּאַסיוו.

ווען עס וואָלטן בלויז באַאוולט געוואָרן די מענטשן פֿון גײַסט, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צאָרע. עס האָט אָבער אויך גענומען אַראָפּזינקען דער גײַסט־ניוואָ אין אַלגעמיין. עס זײַנען אַרײַנגעקומען אין יִסראָעל האַלב־אַנאַלפֿאַבעטישע, אַזיאַטיש־אָריענטאַלישע און אַפֿריקאַניש־מאַראָקאַנישע מאַסן, וואָס זייער גײַסטיקער באַגאַזש איז באַשטאַנען פֿון פֿאַרגליווערטער רעליגיע און וואָס די גײַסט־פּראָבלעמען זייערע האָבן זיך רעדוצירט צו דער פֿראַגע פֿון אויסלערנען זיך לייענען און שרײַבן.

דאָס וואָלט נאָך אָבער אַלץ ניט אויסגעמאַכט, ווען די אייראָפּעיִשע אוילים וואָלטן ניט געהאַמעוועט געוואָרן אין זייער נאָרמאַלער קולטור־אַנטוויקלונג. די אײַנגעוואַנדערטע אייראָפּעיִש־אַשקענאַזישע מאַסן, ניט נאָר וואָס זיי קענען זיך ניט אַנטוויקלען ווײַטער, נאָר זיי נעמען נאָך פֿאַרלירן דעם גײַסט־פֿאַרמעגן וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך, ווײַל צוליב דער אַרויפֿגעצוווּנגענער שפּראַך־פּאָליטיק בלײַבן זיי שטום און אָפּגעשניטן פֿון דער לעבעדיקער וועלט.

די געצוווּנגענע העברעיִזאַציע ברענגט מיט זיך אַ פּראָצעס פֿון גײַסטיקער ברוטאַליזאַציע. אַז מען נעמט בײַ אַ מענטשן צו זײַן שפּראַך,

בלײַבט זײַן גײַסט נאַקעט, און נאַקעטערהייט שעמט מען זיך, מען פּראָטעסטירט ניט אַזוי שטאַרק און מען ווערט אונטערטעניק.

די פריערדיקע אַליעס האָבן געבראַכט אַ גרויסן קאָנטינגענט אידעאַליסטישע אינטעליגענץ, און ס'איז ניט זעלטן צו טרעפן אין יִשׂראל עלטערע שוסטערס, וואָס, ציענדיק אַ דראַטווע, דיסקוטירן זיי צווישן זיך וועגן פילאָזאָפיש־אוניווערסאַלע פּראָבלעמען, אָבער די דאָזיקע אַלטע אינטעליגענץ איז שוין איצט אַ הינטערגרונטיקע, אַ צווייטפּלאַניקע, און זי איז ניט כאַראַקטעריסטיש פאַרן איצטיקן יִשׂראל, ווײַל זי איז אַ פאַרעלטערטע און אַן אימפּאָרטירטע. „דאָס פּרוכט פון לאַנד", די אײַנגעבוירענע דוירעס נעמען אַלץ מער און מער געשטאַלטיקן די מעדינע בעצאַלמאָם אובידמוסאָם.

ווי אַזוי האָט מען אָבער פאַרמירט זייער גײַסט? מען האָט פאַרמיעסט אין זייערע אויגן דאָס טויזנטיאָריקע גוירלדיק־ניסאָיענדיקע און, אויף זײַן שטייגער, העלדישע יִדישע לעבן אין מיזרעך־אייראָפּע; מען האָט פון זיי אויסבאַהאַלטן די מאָדערנע יִדישע ליטעראַטור; מען איז מיט זיי אַריבערגעשפּרונגען איבער שטיקער יִדישע געשיכטע פּונקט ווי מען שפּרינגט אַריבער איבער אַ בלאַטע. דערפאַר איז זייער גײַסט אַזוי לײַכטוואָגיק, אַזוי וויניק אָנגעלאָדן; דערפאַר איז באַ זיי די וועלט מיט יִדן — סאַמע גאָלעס, און דער גאָלעס — סאַמע מיצראַיִם... זיי ווילן אָנהייבן אַלץ פונדאָסנײַ און אַרויסוואַרפן אין מיסט אַלע אונדזערע יאָרטויזנטדיקע דערפאַרונגען. אַזוי אַרום האָט מען צוליב שלעכט־פאַרשטאַנענע רענעסאַנס־אידעאַלן אָפּגעטויט אין זיי דעם זין פאַר געזונטע געשיכטלעכע טראַדיציעס און קולטור־נאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען, אָפּגערעדט שוין פון אַ סאָציאַלן קוק אויף געשיכטע און אויפן לעבן.

ביוראָקראַטיע און הילצערנער פּאַטריאָטיזם

אין דער נײַער מעלוכע מערקט זיך אַ דראַנג צו קאַריערעסטישן מאַטעריאַליזם. דער אַמאָליקער אידעאַליזם רינט אויס און אַפילע דער באַגריף „ציאָניזם" איז שוין באַם יונגן דאָר געוואָרן אַ סינאָנים פון באַטלאָנעס.

אויף דער געפאַלנקײַט פון דער גײַסטיקער קולטור ווירקט אויך די ביוראָקראַטיזאַציע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער בירגערלעכער בלאַט „לעצטע נײַעס" זאָגט אָט־וואָס:

„די ביוראָקראַטיע בליט, ווילדעוועט, צעהעפקערט דאָס לעבן. קאָ־

רופציע, הויט־שינדעריי און האַרצלאָזיקייט — אַט דאָס זיינען די באַגלייט־דערשיינונגען פון אונדזער טראַגישער ווירקלעכקייט. מיר הערן ניט אויף צו וואָרענען קעגן דער האַרצלאָזער, אוממענטשלעכער באַציִונג צום מענטש, וואָס האָט זיך בײַ אונדז אײַנגעשטעלט. מען דאַרף אויסוואָרצלען, ביזן גרונט אויסברענען די דעפּקיירעס, אויב מיר ווילן ניט אומקומען אין איר טהאָם.״

דער באַקאַנטער פּובליציסט א. שעכטמאַן זאָגט אין האַלב־אָפיציעלן „דבר״:

„אין יִשׂראל הערשט אַ פּאַרביסענער ביוראָקראַטיזם, אַ טרוקענער פאָרמאַליזם און אַ ציניִשער קאַריעריזם. דאָס אַלץ פירט צו אונטערלעקעריי און צו אָפּהענטיקייט״.

וואָס שייך דער אויפלעבונג פון העברעיִש שרײַבט דער העברעיִסט נאַטאַן כאָפּשי צו י. נ. שטיינבערגן (אין „אויפן שוועל״):

„העברעיִשע שפּראַך — זייער גוט, דאָס פאַרשטייט זיך, אָבער העברעיִשע קולטור — וואָס באַטײַט עס, וואָס איז איר אינהאַלט? נאַציאָנאַלער שאָוויניזם אין העברעיִש, הערשאַפט פון גוואַלט, דעמאַגאָגיע און פּוסטער פראַזעאָלאָגיע אין העברעיִש, העברעיִשע איבערזעצונגען פונעם ערגסטן בײַ די פעלקער — אַט דאָס איז העברעיִשע קולטור? אַט דאָס איז דער זין פון מײַן גאַנצן קאַמף אַט דאָ, פון אַ יאָכיד קעגן אַ ראַבים?

פון וואַנען נעמט זיך דער צושטאַנד פון אַזאַ מין גײַסטיקער פלאַכקייט בײַם „פאָלק פון גײַסט״, און פון אַזאַ מין נעשאָמע־האַרטקייט בײַ די „ראַכמאָנים בניי ראַכמאָנים״?

קיין זאַך ווערט ניט אויסגעזויגן פון פינגער און יעדע זאַך איז אַ פּועל־יוצא פון עפּעס. דער דאָזיקער עפּעס איז די גוט־געפלעגטע סינע, וואָס איז סיסטעמאַטיש געפלאַנצט געוואָרן אין יונגן יִשׂראל־דאָר צום ייִדישן פאָלקסלעבן אומעטום און דער ביטל וואָס איז אַנטוויקלט געוואָרן בײַ דער יוגנט צום גרויסן מאַרטירערישן אָוואַר. דער דירעקטער שפּרונג פון טאַנאַך צום הײַנטיקן יִשׂראל איז אַ געפערלעכער שפּרונג. ס'איז אַ גײַסטיקע אַמפּוטאַציע פון 2.000 יאָר, און ספּעציעל פון די עטלעכע הונדערט ייִדיש־שאַפנדיקע און ייִדיש־לעבנדיקע יאָרן, וואָס האָבן, מיט אַלע זייערע אומגליקן, פאַרוואַנדלט די ייִדן אין אַ הויכער קולטור־געמיינשאַפט און געגעבן זיי אַן אייגנאַרטיקן לעבנס־קויעך.

די ענג־קאַנאַיִשע דערציִונגס־פּאָליטיק האָט אָבער פון דעם ניט געוואָלט וויסן. אַט איז אַ בײַשפּיל פון דאָזיקן אַטענטאַט אויף דער ייִדישער געשיכטע און ייִדישער קולטור:

דער באַקאַנטער קינדער־שרײַבער ד״ר ש. סיימאָן האָט, בעיס זײַן לעצטער רײַזע אין ישׂראל, דורכגעקוקט אַ קינדער־ביבליאָטעק אין אַ קאָלאָניע און געפונען דאָרט קימאַט אויסשליסלעך אַוואַנטורע־געשיכטעס, מײַסעס וועגן טאַרזאַנען און איבערזעצונגען פון ענגלישע דעטעקטיוו־העלדישקײַטן. אַ ביבליאָטעק־טוער פון דער קאָלאָניע האָט אַזוי געפּרוּווט אויפקלערן סיימאָנס פאַרוווּנדערונג:

„אײַערע ביכער האָט מען אונדז רעקאָמענדירט פון אַמעריקע אַף איבערצוזעצן, אָבער מיר ווילן זיי ניט איבערזעצן. אײַערע גאָלעס־ייִדן זײַנען פאַר אונדז צו שײנע ייִדן. ניט נאָר איז „שמערל נאַר״ בא אײַך ניט קיין נאַר, נאָר אַפילו אײַערע „כעלמער העלדן״ זײַנען ניט קיין יאָלדן. איר לאַכט פון זיי ניט, איר אידעאַליזירט זיי. טײַערע, קלוגע, ערלעכע, טיף־עמעסדיקע מענטשן זײַנען זיי גאָר בא אײַך. איצט ווילן מיר ניט, אַז אונדזערע קינדער זאָלן אַזוי קוקן אַף גאָלעס־ייִדן. איצט ווילן מיר פאַרמיעסן דעם גאָלעס. מיר דרוקן מענדעלען, וואָס לאַכט אָפּ פון ייִדן״.

אַף אַזאַ אויפן דעגראַדירן זיי און פעלשן אויך מענדעלען. זײַן דרייסטן ליטעראַרישן קאַמף קעגן די קאַהאָלשע פּיאווקעס פאַרוואַנדלען זיי גאָר אין אַן „אָפּלאַכן פון ייִדן״...

דעם איינציקן גרויסן געפיל, וואָס מען האָט שטאַרק אַנטוויקלט באַם יוגנטלעכן, איז פּאַטריאָטיזם, אָבער פּאַטריאָטיזם אַליין, אָן אַ מאָראַלישן און מענטשלעך־אידעיִשן הינטערגרונט, איז אַ פאָרם פון קאָלעקטיוון עגאָיִזם, וואָס פירט צו אומטאָלעראַנץ און אָפּגעטעמפּטקײַט אויך אין פּריוואַטן לעבן.

פאַרשקלאַפונג אין דער באַפרײַונג

די „פּראַקטישקײַט״ פון יונגן דאָר, וואָס וויל ניט וויסן פון קיין געשיכטלעכע און קולטורעלע פאַרבינדונגען, דער קאַלטער קאַריעריזם, די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פאַרקנאַסטקייט צום דאָלאַר, די מיליטאַנטישע פרומאַקישקײַט וואָס זוכט פּאָליטישע העגעמאָניע, די אַלעף־בייס־האָסאָגעס פון דער אָריענטאַלישער אימיגראַציע און די אינטעלעקטועלע פאַרגלײַ־ווערטקײַט וואָס ווערט צוליב שפּראַכלעכע מאָטיוון ארויפגעצוווּנגען אַף דער מיזרעך־אײראָפּעיִשער אײַנוואַנדערונג, — זײַנען פאַקטאָרן, וואָס באַדראָען דעם קולטור־מאַצעוו פון ישׂראל.

די יוגנט וויל וואָס מער פאַרגעסן, אַרײַנגערעכנט דאָס סאַמע ווערט־פולסטע פון דער קולטור־היסטאָרישער רײַכקייט, און די פרומאַקישע

קויכעס ווילן וואָס מער געדענקען, אַרײַנגערעכנט דאָס סאַמע פאַרשימלטע און קאָנסערוואַטיווע פונעם אָוואַר...

און גלײַכצײַטיק ווערט אויך אָפּגעשוואַכט, פון אַלע זײַטן, ניט נאָר דער גײַסט, נאָר אויך די מאָראַל.

קלאַפּע בוץ איז די מעלוכע אַזוי ווי אַ פּאַדקעווע צוגעשמידט צו די קאַפּעטעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע; קלאַפּע פּנים דריקט די דאָזיקע פּאַדקעווע אַלץ מער און מער אַפּן ביסל „סאָציאַליזם" און אָף דער וועלטלעכקײַט; און קלאַפּע דעם פּאָלקס־געוויסן גליוועט די נאַקעטע אוממאָראַלישקײַט פון האָבן אַנגענומען די נאַצישע שביטע־געלטער און פון האָבן פּאַרזאָרגט מיט ייִדיש געווער די נירנבערגער וועלף.

דעריבער ווערט אַלץ מער און מער צעוואַקלט און צעטרייסלט די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע מאָראַל. דעריבער קען אַזאַ ציאָניסט ווי ד. פּלינקער אַלאַרמירן אין ניו־יאָרקער ציאָניסטישן „טאָג", אַז „איצט שטייט דער ייִשעוו אַ דערשטוינטער און דערשיטערטער פאַר דער כוואַליע פון קאָרופּציע, וואָס טראָגט זיך איבערן לאַנד"...

טויג טאַקע ניט. עס איז דעריבער ניט קיין גוזמע צו זאָגן, אַז דאָס בירגערלעכע ייִסראָעל נייטיקט זיך איצט, ניט אַזוי שטאַרק אין עקאָנאָמישע קאַמפּיינען ווי אין אַ קאַמפּיין פאַר גײַסטיקער דערהויבונג, מאָראַל און אָנשטענדיקײַט.

ביז ס'וועט אָנהאַלטן אַ גײַסטיקע און מאָראַלישע אײַנגעבראָכנקײַט, וועט מוזן הערשן אין ייִסראָעל דער גוט באַקאַנטער צושטאַנד פון „עבֿדות בתוך חרות" (פאַרשקלאַפונג אין דער באַפרײַונג)...

36. וואָס הערט זיך אין דער יונגער ייִסראָעל־ליטעראַטור?

איז פאַראַן אַזאַ ליטעראַטור?

פאַראַן פּעסימיסטן, קרעכצער און יאַבעדניקעס, וואָס שטעלן אַנדערש די פראַגע; זיי פרעגן צי איז בכלל פאַראַן אַ יונגע ליטעראַטור אין ייִסראָעל און צי קען זי בכלל לאָזן הערן פון זיך.

זיי האַלטן, אַז דאָס דאָרטיקע יונגנטלעך־ליטעראַרישע שטאַמלען איז

נאָך קיין ליטעראַטור ניט און אַז די דאָרטיקע יונגע שרײַבער האָבן נאָך ווײַט־ווײַט ניט באַוויזן אָנצוזאָגן דאָס נײַ־ייִשׂראָעלדיקע לעבן. דאָס איז די מיינונג ניט פֿון „סווינע־ציען", נאָר פֿון אייגענע קאָשער־וועיאָשערדיקע מענטשן, פֿון ייִשׂראָעלדיקע ליטעראַטור־קריטיקער. פֿון לינקס ביז רעכטס איז מען ניט צופֿרידן מיט דער יונגער קינסטלערישער ליטעראַטור אין ייִשׂראָעל.

מיר האַלטן, אַז ווי קאָרעוו־לעעמעס און ווי באַרעכטיקט דער דאָזיקער פּעסימיזם זאָל ניט זײַן, טאָר מען די פֿראַגע אַזוי ניט אַוועקשטעלן, און נאָך ווינציקער קען מען האָבן טענעס צו די שרײַבער גופֿא. אויב ס'איז ניטאָ קיין ספּעציפֿישע ייִשׂראָעל־ליטעראַטור, זײַנען ניט שולדיק אין דעם די ליטעראַטן, נאָר די סוויווע, די דערציונג, דאָס לעבן, די ווירקלעכקייט, פֿון וועלכע די שרײַבער זײַנען אַ פּראָדוקט. יעדע נאַטירלעכע, עמעסע, געזונטע ווירקלעכקייט גיט אַרויס אַ ווירקלעכע און אַ ווערטיקע ליטעראַטור. יעדע שטראָמיקע ווירקלעכקייט פֿלייצט אַרײַן אין דער ליטעראַטור און געפֿינט אירע קינסטלערישע אויסדריקער.

די ייִשׂראָעל־ווירקלעכקייט, די נאָכמילכאָמעדיקע, האָט זיך נאָך ניט געענדיקט פֿאָרמירן און זי האַלט אין איין בײַטן איר סאָציאַלן פּאָנים, צוליבן קעסיידערדיקן צושטראָם פֿון קאָלערליי ייִדן, צוליבן ניט־פֿאַרענדיקטן פּראָצעס פֿון דער מעלוכישער געשטאַלטיקונג און צוליב די נײַ־אויפֿגעקומענע עקאָנאָמישע און אידעאָלאָגישע ווידעראַנאַנדן. די פֿאַר־מילכאָמעדיקע ווירקלעכקייט האָט זיך געפֿונען אונטערן קנאַפּל פֿון אָקו־פּאַנט און איז געווען אַרײַנגעקנאָטן אין גורל פֿון אַ צווייט פֿאָלק, וואָס האָט געהאַט די מערהייט אין לאַנד. די עקזיסטירנדיקע לעבנס־טעמאַטיק איז אָבער, די גאַנצע צײַט, געווען אַן אינטערעסאַנטע: די קיבוצים, די אַראַבישע סוויווע, די פּייזאַזשן, די פֿאַרשיידנשוואָטימדיקע ייִדן, די אַלטע ירושלאַיִמער וועלט, דאָס טעל־אַוויווער בירגערלעכע וועלטל, די נײַע יוגנט.

אַף אַן עפּאָפּעיִשן, ברייטפֿאַרנעמיקן אופֿן איז דאָס דאָזיקע לעבן ניט אַרײַנגעדרונגען אין דער ליטעראַטור, ווײַל עפּעס האָט ערגעץ ניט געשטימט, עפּעס האָט זיך ניט געקלעפּט, עפּעס האָט אויסגעפֿעלט. ערשט די באַפֿרײַונגס־מילכאָמע האָט צונישט געמאַכט די ספּייקעס, האָט אויפֿ־גערירט דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק און ס'האָט זיך גענומען אויספּיקן אַן עמעסע ייִשׂראָעל־ליטעראַטור, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן צו דערגרייכן צו קיין גרויסע קינסטלערישע מאַדרייגעס.

אין די 30 יאָר, צווישן 1918 און 1948, איז אָנגעגאַנגען אַ ליטעראַ־

רישער שאַפונג־פּראָצעס, אָבער סײַ דער אויפן פון שרײַבן, סײַ דער גרעסטער טייל פון דער טעמאַטיק, סײַ דאָס זען זאַכן, סײַ די טראַדיציעס, זײַנען געווען אימפּאָרטירטע, מיטגעבראַכטע. דאָס איז שײַך ניט נאָר די שרײַבער פון ביאַליק־דאָר, ווי שימאָנאָוויטש, פיכמאַן, קאַהאַן, נאָר אַפילו די שפּעטערדיקע און נאָך שפּעטערדיקע, ווי אַגנאָן, קאַרני, שיינבערג, האַזאַז. ס׳האָט זיך געפילט, אַז סײַ שפּראַכלעך, סײַ עמאָציאָנעל און סײַ טעמאַטיש, זײַנען זיי אַ האַלב־דרויסנדיקער איבערפלאַנץ אין נײַעם לעבן.

דער יונגער דאָר, ווידער, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף דורכויסיקער הורט־סינע צום גאָלעס, האָט ניט נאָר קיין אַנינג ניט געהאַט וועגן דער שטיינרײַכער יידישער ליטעראַטור, נאָר האָט אַפילו ניט געקענט פאַרטראָגן דעם קלענערן אָדער גרעסערן סימן גאָלעס אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, וואָס איז אויפגעקומען אין לאַנד. אויב ער האָט ניט צו שטאַרק ליב געהאַט די שרײַבער פון ביאַליק־דאָר, איז דאָך קלאָר אַז ער האָט נאָך ווייניקער געקענט פאַרטראָגן אַזוינע שרײַבער ווי גנעסין, בערדיטשעווסקי און ברענער, מיט זייערע גר בלעניש, גײַסטיקע קריזיסן און פּסיכישע צערודערטקייטן.

דער יונגער דאָר האָט ניט געוואָלט די ווייטיק־ירושע און אַפילו ניט די טרוימען־ירושע פון די עלטערע העברעיִשע שרײַבער, און אַזוי ווי קיין אַלגעמיין־יידישע ירושע האָט מען צו אים ניט צוגעלאָזט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון יעטווידער יידיש־ליטעראַרישער טראַדיציע און האָט געשטעלט אַלץ אויף זיך.

אַ ליטעראַטור קען זיך אָבער ניט אָנהייבן מיט נאַקעטע 20יאָריקע יינגלעך, ווי כאַלוציש־ליטעראַריש און ווי דרייסט זיי זאָלן ניט וועלן זײַן. אָן אַ געפיל פון פאָלקס־ירושעדיקייט און פון קולטור־העמשעכדיקייט קען מען אַ ליטעראַטור ניט אויפשטעלן, ווי אולטראַ־נײַ מען זאָל זי ניט וועלן געשטאַלטיקן.

אַנשטאָט אַן איבערגאַנג האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ מעכיצע צווישן אַלט און נײַ. דאָס אַלטע אין דער יִסראָעלדיקער העברעיִשער ליטעראַטור איז געוואָרן צו אַלט און דאָס נײַע האָט אויסגעזען צו נײַ. דאָס אַלטע איז געווען איבערגעשטאַנען און דאָס נײַע — רוי...

ס׳האָט דאָ אויך געשפּילט אַ ראָל דער נאַטירלעכער רעוואָלט־געפיל פון דער יוגנט. עס זײַנען פאַראַן אַזוינע עקסטאַזפולע מאָמענטן בײַ דער יוגנט, ווען אַלדאָס עלטערע, ווי ווערטפול דאָס זאָל ניט זײַן, זעט אויס אָפּגעלעבט און מען פאַרנעמט זיך דאָן־קיכאָטיש איבערצושטײַגן עס

צענפּאַכיק. דאָס קומט אַפילע פאַר אין יענע פאַלן ווען מען פּלאַנצט אײַן רעספּעקט און ליבע צו דער פאַרגאַנגענהײַט. הײַנט ווער רעדט נאָך ווען מען פּלאַנצט אײַן בעפּירעשע סינע צו אַ טויזנטיאָריקן אָוואָר, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן אין ייִסראָעל, איז דאָך די יוגנט אַוואַדע און אַוואַדע „באַרעכטיקט" אויסצושטרײַכן פון איר געדעכעניש אַלץ מיט אַנאַנדער און ווען אָנהייבן פונדאַסנײַ. און אויב עס האַלט שוין אין אָנהייבן, ווײַל מען דאַרף אָנהייבן גראַנדיעז, פאַרקוקט מען די „קלײניקײַטן" פון לעבן און מען פאַרקריכט אין האַצעפּלאַץ...

אַרום און אַרום האָט זיך באַקומען, אַז די יוגנט האָט קיין אַלטס ניט געגנומען און קיין נײַס האָט זי ניט געהאַט. די עלטערע שרײַבער האָבן זיך ניט געקענט אײַנגאַנצן אַרײַנפּאַסן אין דער נײַער ווירקלעכקײַט און די יונגע האָבן ניט געהאַט אין וואָס אָנצוכאַפּן זיך, ווײַל ס'האָבן זיי אויסגעפעלט סאָלידע גײַסטיקע קויכעס.

וואָס פעלט?

ווען מען קוקט זיך צו אויבערפלעכלעך צו די דרויסנדיקע דערשײַנונגען פון ייִסראָעלדיקן קולטור־לעבן, קריגט מען דעם אײַנדרוק פון אַ אויסערגעוויינטלעכער צעשפּרודלטקײַט: אַזויפיל צײַטונגען, צענדליקער פאַרלאַגן, טעאַטערס. מען דערוויסט זיך אָבער, אַז די גרויסע צײַטונג־דעפיציטן ווערן געדעקט פון פּאַרטיי־געלטער; אַז די גרעסטע צאָל אַרויסגעגעבענע ביכער זײַנען איבערזעצונגען; אַז אין די טעאַטערס ווערן ס'ראָוו געשפּילט פּיעסן פון אויסלענדישע שרײַבער.

ס'איז אַ קולטור אַ צונויפגעבאַפּטע מייאַרבאַ פּינוים אוילאָם, אָבער גאָר ווייניק פון דער אייגענער פּינע (ווינקל). פּונקט ווי מען פירט אַרײַן שפּײַז אין ייִסראָעל, אַזוי דאַרף מען אויך אַרײַנפירן גײַסטיקע שפּײַז. מען גיסט עס אַפילע אַריבער אין אַ העברעיִשער קיילע, אָבער ס'איז פאָרט ניט אייגנס. פאַר אַסאַך פריש־אײַנגעוואַנדערטע ייִדן, וואָס זייער שפּראַך איז ייִדיש, איז די העברעיִשע קיילע ערשט ניט אייגנס...

ס'איז אַ דעפיציט אין אייגענער ליטעראַטור. אַפילע דאָס סאַמע אייגנאַרטיקסטע אין ייִסראָעל — דאָס קיבוצישע לעבן, איז נאָך ניט אַרײַנגעדרונגען ווי ס'באַדאַרף צו זײַן אין ליטעראַרישן שאַפן.

קיין איין שרײַבער האָט נאָך ניט באַוויזן דעם קיבוץ אין זײַן גאַנצער ברייט, אין זײַן געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם, אין זײַנע פאַרבינדונגען מיטן אַרום. אין די ביזאיצטיקע קיבוצישע שילדערונגען זײַנען געקומען צום

אויסדרוק יעכידישע מאָטיוון, אינדיווידואַליסטישע גערדיקטקײַט, אַלטע אידעאָלאָגישע וויקוכים וועגן דער מעגלעכקײַט פון אַ „סאָציאַליסטישן אינדזל אין אַ קאַפּיטאַליסטישן יאַם". ביז איצט האָט די ליטעראַטור געוויזן דעם קיבוץ אַ פראַגמענטאַרישן, אַ שמאָל־אינעווייניקסטן, אַן אָפּגעריסענעם פון דער אַלגעמיינער סאָציאַלער ווירקלעכקײַט און פון דער יִסראָעל־ווירקלעכקײַט אין אַלגעמיין.

עס זײַנען אויך ניט פאַרקערפּערט געוואָרן בעלעטריסטיש די אומלעגאַלע ראַנגלענישן פון פּאַלמאַך און די סעריע סטירעס צווישן ענגלישן מאַנדאַט, ציעניסטישער פּאָליטיק, אַראַבער. ס'איז ניט אַרויסגעבראַכט געוואָרן די קוואַליקע פרייד פון בויען און אויפשטעלן אַ נײַ לעבן. עס זײַנען אויך ניטאָ קיין שאַפונגען אין וועלכע עס זאָל זיך פילן די סאָציאַלע באַשטעלונג פון יִסראָעל־אַרבעטער, פון דער האַרבער יִסראָעל־ווירקלעכקײַט.

בעסער איז מיט דער דיכטונג אין יִסראָעל. פאַראַן דיכטער פון אַלע שאַטירונגען: פון פּאָרנאָגראַפישן פּאַשיסט אורי צווי גרינבערג ביז אַזוינע סאָציאַל־באַוווּסטזיניקע און אַוואַנגאַרדישע דיכטער ווי אַזוויגדאָר האַמאירי און אַלעקסאַנדער פּען. די דיכטער שלאָנסקי און אַלטערמאַן, ביידע פון האַלב־עלטערן דאָר, האָבן נאָר פּײַן און טרעפלעך אָנגעטאַפּט דעם יִסראָעל־דויפעק און האָבן זיך דערגרונטעוועט צו דער פּאַשעטער, טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקײַט.

פאַראַן אָבער אַ גאַנצע פּלעיאַדע יִונגערע דיכטער, וואָס ווילדעווען מיט שפּראַך. ניט אין מעליצע האַנדלט זיך דאָ, נאָר אין עקספּערימענטירן מיט הילצערנעם אָץ־קויצעץ־לאָשן, וואָס דערגייט ניט צום געמיט און אָפּט אָפּילע צום פאַרשטאַנד אויך ניט...

צוויי פּראָלעטאַרישע דיכטער

אין דער יִסראָעל־ליטעראַטור זײַנען פאַראַן צוויי אויסגעשפּראָכענע פּראָלעטאַרישע דיכטער: אַלעקסאַנדער פּען (העברעיִש) און פייסעך בינעצקי (יִידיש).

פּען, וואָס דאַרף אַלט זײַן אַ יאָר 53, איז אַזוי אַטלעטיש און שיין, אַז ער דערמאָנט אין הערקולעסן און אין אַפּאָלאָ. עפּעס איז פאַראַן אין אים מאַיאַקאָווסקיס גוואַרע און פּערעץ מאַרקישעס שיינקײַט, און די פּערזן זײַנע זײַנען אויך אַ צונויפגעפלעכט פון גוואַרע און שיינקײַט. אַז מען

גיט אַ קוק אויף אים, גיט מען זיך אַ טראַכט: אויף אַלע ייִדישע דיכטער געזאָגט געוואָרן אַזאַ מין אויסזען און אַזאַ מין געשטעל...

ניטאָ קיין ייִדישער טרויער אין זײַנע אויגן און קיין נייגונג צום קרעכץ, כאָטש ער איז ניט צופרידן מיט אַסאַך זאַכן בײַ אייגענע און בײַ פרעמדע. אויף דער אויפנאַמע לעקאָוועד אונדז אין „טאַרבוט לעאַם" האָט ער זיך פאַרקליבן אין אַ ניט־אָפיציעלן ווינקל און, מיט אַ קאָס אין האַנט, געהאַט טײַנעס, וואָס אויף טרעפונגען מיט אויסלענדישע שרײַבער רעדט מען נאָכאַנאַנד וועגן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טאָג־זאַכן און עס בלײַבט ניט קיין געלעגנהייט דורכצורײדן זיך נעשאָמע צו נעשאָמע...

מיט זײַן באַהעמישן טאָן וואָגט ער אָפט אַרײַנצוזאָגן און אַרײַנצוּוואַרפן ביטערע ווערטער, אָבער מען איז געדולדיק צו אים ווי צו אַ געליבט קינד, ווײַל זײַן דיכטעריש וואָרט איז קרעפטיק, צילבאַוווּסט און טרעפט טאַקע אין ציל...

אין פאַרלאַג „מדע וחיים" איז לעצטנס דערשינען אַן אָפּקלײַב פון זײַן דיכטערישן שאַפן — „לאורך הדרך" (לענגאויס דעם וועג), וואָס נעמט אַרײַן ליריק, רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק, פּראָלעטאַרישע פּאָעמעס און אַנטימילכאָמע־פּאָעזיע. אויפן לעצטן קאָנגרעס פון די סאָוועטישע שרײַבער איז ער שטורמיש אַפּלאָדירט געוואָרן, נאָכן אָפּגעבן זײַן פּראָלעטארישן ייִסראָעל־גרוס.

פּ. בינעצקי איז מיט אַ יאָר 10 צוריק געקומען פון פּוילן. געקומען ניט ווי אַ דעזוערטיר און ניט ווי אַ הענדלער מיט אַנטיסאָוועטישע רעכילעסן, נאָר פאַרקערט, — ווי אַן אָנזאָגער פון נײַוועלטיקע בסורעס און מיטן טיפן באַגער צונויפצוּוואַקסן זיך מיט דער יונגער ייִסראָעל־ווירקלעכקײַט. די ווירקלעכקײַט האָט אים אָבער אויסגעשטעלט איר הארטן און שפּיציקן רוקן:

„איך האָב דײַנע שטויבן געקושט,
ווען כיבין צו דײַן ברעג צוגעפאַלן.
נאָר דו מיט אַ פויסט אין דער ברוסט
צעשלאָגסט מײַנע בענקשאַפטן אַלע.

איך האָב דאָך קיין סאַך ניט פאַרלאַנגט,
ווי בלויז נאָר אַ טראָפּעלע פריִדן.
נאָר דו האָסט פאַרטויבט דאָס געזאַנג
פון מײַנע צעיובלטע לידער".

בינעצקי האָט מיטגעבראַכט קיין ישׂראל אַן אַלטע פּראָלעטאַרישע קראַנקייט און מען האָט אים געמוזט אויסשניידן אַ לונג. פון דעם אַליין איז שוין קלאָר, אַז ער פאַרמאָגט ניט דעם גריכיש־אַטלעטישן געשטעל פון אַלעקסאַנדער פּען. אַ קליין־וווּקסיקער, מיט „עכט־ייִדישן" פּנים אין די אויגן, אַ ניט־באַוואָרנטער מאַטעריעל, אַ קראַנקער, איז זיין דיכטעריש וואָרט פונדעסטוועגן שטענדיק פול מיט סאָציאַליסטישן ביטאָכן:

„נאָך אַ יאָר, און מיר — מיר ווערן יינגער...
אונדזער טראָט מיט קראַפט ער גיסט זיך אָן.
אונדזער ליד, ווער קען אַזוי נאָך זינגען?
אונדזער זיג — ער איז אַזוי דאָך נאָנט!

צוליב זיין קראַנקייט ווערט ער אָפט געשיקט אין די מעלוכישע בארג־סאַנאַטאָריעס, אָבער ניט פון ייִשׂראל נאָר פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער און ספּעציעל פון פּוילן... און טאַקע אין פּוילן, האָט דער פאַרלאַג „ייִדיש בוך" אַרויסגעגעבן אין 1957 זיין בוך „לידער".

בינעצקיס דיכטעריש וואָרט, וואָס קומט אָפט פון שפּיטאָל און פון קראַנקן־בעט, קרעפטיקט אַף ייִדיש די פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע אין ייִשׂראל.

וואָס איז יאָ פאַראַן בײַ די יונגע?

די פּראָקלאַמירונג פון דער אומאָפּהענגיקייט און די באַפרייונג־מילכאָמע האָבן אויפגעכוואַליעט אַלע פאָלקס־ענערגיעס און האָבן אויפגעשטעלט די צאַברע־יוגנט פאַר אַן אַ שיר ניסיוינעס.

די דאָזיקע פאַרשקאָצישטע יוגנט, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַלע ניסיוינעס, האָט באַוויזן, אַז זי קען זיך אויך ספּראַווען מיטן נייעם ליטעראַרישן ניסאָיען, וואָס די מילכאָמע־ווירקלעכקייט האָט אַוועקגעשטעלט פאַר איר.

דורך נאַכט, קען מען זאָגן, איז אויפגעקומען אַ יוגנטלעכע קריגס־ליטעראַטור, וואָס האָט געאָטעמט מיטן הייסן פּולווער־אָטעם פון די אָקערשטיקע אויסלייז־שלאַכטן. שפּעטערצו זיינען שוין בעמיילע אויך אויפגעקומען ניי־אָריענטירטע ווערק אַף אַן אַנדער טעמאַטיק.

עס זיינען, אָבער, גלייך געקומען די טייַנעס פון די עלטערע: די דאָזיקע ליטעראַטור איז רעפּאָרטאַזשמעסיק; זי גייט אַפּן לייכטסטן וועג; זי אַנטלויפט פון אַכראַיעס; זי איז פול מיט נעאָלאָגיזמען, באַרבאַריזמען און

מיט אַ העברעיִשן „סלענג"־זשאַרגאָן; זי מיסברויכט צופיל מיט הומאָר, זי איז צופיל אָנגעפּראָפּט מיט שטימונגען; זי איז פאַרפּאַטעטעוועט; זי איז ניט פּסיכאָלאָגיש פּאַרטיפט. מיט איין וואָרט — ס'איז אַ פּראָזע אַ צו לײַכטע, אַ צו לײַכטזיניקע און אַ צו שטימונגספולע.

זיי האָבן פונדעסטוועגן ניט געקענט לייקענען, אַז אַזוינע ווערק ווי ס. יִזהאַרס קריגס־נאָוועלע „דער מילכאָמע־געפאַנגענער" („השבוי"), אָדער ד. שאַכאַמס קיבוץ־דערציילונג „רוף מיך סיאָמקע" („קרא לי סיאמ־קא"), אָדער מ. טאַוויוס ראָמאַן וועגן אַ טיימענער יונגטלעכן „ווי פעלד־גראָז" („כעשב השדה"), אָדער מ. שאַמירס „ער איז אַוועק איבער די פעלדער" („הוא הלך בשדות"), זײַנען עכטע און פּאַרטיפטע ליטעראַרישע פּאַרמעסטן.

עס איז ריכטיק, אַז דאָס זײַנען, אין אַ געוויסן זינען, אויסנאַמען און עס איז אויך ריכטיק, אַז דאָס וואָס עס ווערט געשילדערט אין די דאָזיקע ווערק זײַנען איינצלנע לעבנס־פּאַסירונגען, וואָס זײַנען נאָך דערווײַל ליטעראַריש ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געשעענישן, און אַז פון די איינצלנע גרויסע שאָען האָט מען נאָך קינסטלעריש ניט באַוויזן אויפצו־שטעלן אַ באַשטימטן צײַט־אָפּשניט, אַזוי ווי שלאָנסקי האָט עס פאַרלאַנגט.

דערפאַר האָבן געוויסע קריטיקער גענומען ריידן וועגן אַ יונגן קריזיס אין דער יונגער ליטעראַטור, און אַנדערע האָבן געפרעגט: ווי קען מען ריידן וועגן אַ קריזיס פון אַ זאַך וואָס עקזיסטירט ניט? זיי האָבן נאָך, הייסט עס, ניט אָנערקענט, אַז ס'איז פאַראַן אַ יונגע ליטעראַטור אין יִשׂראל.

אויב אַפילו מען זאָל אָננעמען אַז זיי זײַנען גערעכט, איז אויך ניט קיין אומגליק. עס איז נאָך ניטאָ קיין אויסגעקריסטאַליזירטער יונג־ליטעראַ־רישער קאָלעקטיוו, מיט אַן אייכעסדיקן און קאַמעסדיקן פּאַרנעם, אָבער עס זײַנען פאַראַן איינצלנע שרײַבער, קימאַט אָנפאַנגער, וואָס וועלן זיך, מיט דער צײַט, צונויפוועבן אין אַן עכטער יִשׂראל־ליטעראַטור. זיי האַלטן אין אָנטאַפּן נײַע פאָרמען, נײַע סיטואַציעס, נײַע דיאַלאָגן, נײַע פּייזאַזשן, און זיי באַמיען זיך אַז דאָס לעבן זאָל זיי ליטעראַריש גע־האָרכיק זײַן.

אויב זיי טאַפּן צופיל אַ וואַנט, איז אין דעם שולדיק זייער פריערדיקע סעקטאַנטישע קולטור־אויסבילדונג. די דיסקרימינאַציעס וואָס גראָד די עלטערע האָבן אַרויפגעצוואונגען אויף זיי לעגאַבע דער יִדישער ליטעראַטור. די גרויס־קינסטלערישע דערפאַרונגען פון דער יִדישער ליטעראַטור זײַנען

פאַר זיי אינגאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען, און פון דער העברעיִשער האָבן זיי ניט געהאַט וואָס צו נעמען. נעמען זיי אַביסל פונעם איבערגעזעצטן אין דער פרעמד און דער איקער — פון זיך אַליין.

זיי וועלן אָבער מיט אייגענע קויכעס, מיט דער קראַפט פון טיף־קינסטלערישן אימפּעראַטיוו, מוזן אַנטדעקן די ייִדישע ליטעראַטור און דערלערנען איר מײַסטערשאַפט, איר טעכניק, אירע עמאָציעס. דער יונגער ליטעראַרישער ייִסראָעל־דאָר וועט מוזן דורכמאַכן די דאָזיקע גײַסטיקע רעוואָלוציע. ער וועט מוזן אַרכעאָלאָגיש אויפדעקן די צוגערויבטע ירושע, די קוואַלן וואָס מען האָט באַהאַלטן פון אים. דאַן ערשט וועט בעמיילע פאַרשווינדן דער אַנטאַגאָניזם צווישן קעגנוואַרט און געשיכטע, צווישן נײַ און אַלט.

דער יונגער דאָר וועט מוזן דערזען די גאַנצע ייִדישע שעפערישקײַט, אין איר געשיכטלעכער און געאָגראַפישער אויסשפּרייטונג. ייִסראָעל טאָר נישט זײַן קיין בעלמע אַפן אויג, נאָר אַ פאַרגרעסער־גלאָז. אויב דער יונגער שרײַבער וועט ניט דערפילן, אַז צווישן אים און דעם טאַנאַך איז פאַראַן אַ לעבעדיקע ייִדישע בריק און אַז ער מוז די דאָזיקע בריק דורכשפּאַנען, וועט ער בלײַבן רעדוצירט צו אַ קליין צווײַגל אין דעמבן־וואַלד פון דער ייִדישער קולטור.

אַזאַ מין קער מערקט זיך נאָך ניט, אָבער ער וועט מוזן קומען. אין דעם זינען זײַנען איבעראַשנדיק און סימפּאַטאָמאַטיש אָט וועלכע אַרויס־זאָגונגען פון באַרימטן יונגן שרײַבער ס. ייִזהאַר אַף אַ קאָנגרעס פון העברעיִשן שרײַבער־פאַריין:

„מיר, די סאַברעס, זײַנען אַ דאָר מיט אַ קורצער געשיכטע. אונדזער געשיכטע גרייכט נאָר ביז אונדזערע טאַטעס פון דער צווייטער אָדער דריטער אַליִע, אָבער ניט ביז צו אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס. עמעס, טאַקע, אונדזערע טאַטעס זײַנען געווען פּיאָנערן און אידעאַליסטן, אָבער מיטן עלטערן דאָר האָבן זיי איבערגעריסן און גראָד וועגן אָט דעם דאָר האָבן זיי אונדז, די סאַברעס, ווייניק וואָס דערציילט. ס'איז ניטאָ נאָך אַזאַ פאָלק אין דער וועלט, וואָס די אוצרעס פון זײַן פאַרגאַנגענהײַט זאָלן זײַן אַזוי פאַרשלאָסן פאַר אים ווי פאַר אונדז! מיר, די יונגע דיכטער און דערציילער, מוזן זען צו געפינען דעם פאַרלוירענעם שליסל צו די אוצרעס פון דער פאַרגאַנגענהײַט און צו פאַרקניפּן פיל נענטערע באַציִונגען מיטן ייִדישן פאָלק איבער דער גאָרער וועלט".

דאָס וואָס עס מערקט זיך יאָ בײַ די יונגע שרײַבער, איז די פאַר־פולקומונג פון זייערע קינסטלערישע אויסדרוק־פאָרמען, אָבער דער גרוי־

סער אינהאַלט פעלט נאָך אַלץ. ס'פילט זיך נאָך אַלץ אַן אָפּגעריסנקייט פון לעבן, פון די כעוולי־לידע פון דער אויפקומענדיקער געזעלשאַפט. מען זעט נאָך אַלץ ניט, אַז אַ לעבנס־דערשײַנונג זאָל ליטעראַריש דער־גרונטעוועט ווערן ביזן סאַמע גרונט אירן.

ס'קען זײַן, אַז דאָס איז אַ באַווײַז פון אַ מין יוגנטלעכער שעמעוו־דיקייט, פון אַ מין אומדרייסטקייט צו פאַרמעסטן זיך. ס'קען זײַן, אַז דאָס איז אַ פאָרעם פון יענער אַניוועסדיקייט און באַשיידנקייט, וואָס האָט געצווונגען די יונגע מילכאָמע־העלדן ניט צו ריידן וועגן זיך און ניט צו דערציילן וועגן די שלאַכט־אויפטועז פון זייערע מיליטערישע איינהייטן.

די באַציִונג פון עלטערן שרײַבער־דאָר

טייל עלטערע העברעיִשע שרײַבער, נישט נאָר וואָס זיי שאַצן ניט אָפּ ווי געהעריק דעם ליטעראַרישן נאָכוווּקס, נאָר זיי פּרוּוון נאָך אָנוואַרפן אַף אים אַן אַבסורדאַלן פאַכאַד, ווי דאָס טוט, לעמאָשל, דער באַוווּסטער ראָמאַניסט י. באַר־יאָסעף. ער זאָגט אַזוי צום יונגן יִסראָעל־שרײַבער:

„פון גײַסטיק־געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט ביסטו אומגליקלעכער פון פריערדיקן דאָר. די שרײַבער פון פריערדיקן דאָר האָבן נאָך געקענט גלויבן אין אַ גוטן מאָרגן. זיי האָבן נאָך געקענט טרוימען, אַז די אידעען, וואָס וויברירן אין זייער האַרצן, וועלן בײַטן די וועלט; זיי זײַנען זיכער געווען אַז מען וועט אָפּשאַצן דעם דענקענדיקן יאָכיד און אַז דאָס וואָרט וועט האָבן אַן אײַנפלוס אַף דער געזעלשאַפט. דו ביסט אָפּגעריסן געוואָרן פון די אַלע זיסע האָפענונגען. דו ווייסט, מיט אַ שוידערלעכער קלאָרקייט, אַז ניט די אידעע נאָר דער טאַנק וועט באַשטימען דעם אויסזען פונעם מאָרגן. דו ווייסט אַז דער יאָכיד און אַפילע דאָס פאָלק האָט אינעם וועלט־געראַנגל פאַרן מאָרגן פונקט אַזאַ באַדײַטונג ווי אַ ברעקל קנאָבל־שאָלעכץ. אויב דו וועסט אַפילע אָנשרײַבן טויזנט ביכער, וואָס וועלן פאַראינטערעסירן דעם לייענער, וועסטו, אַפילע אַף אַ קויצוי שעל יוד, ניט ענדערן דעם גאַנג פון די געשעענישן. דער פאַרצווייפלונג־געשריי פון אַ דאָר, וואָס איז גע־פאַנגען בײַ קויכעס אַף וועלכע ער האָט קיין שליטע ניט, הילכט אָפּ אין דײַן צעשפּאָלטענער נעשאָמע. אַ ביטערע אָפּהענטיקייט כאַפּט דיך אַרום און טויט־אָפּ אין דיר יעדן שאַפונגס־ווילן".

ניט אונדזער „מוירעדיקע" צײַט, נאָר גראַד אַזוינע „אומשולדיקע", פאַרברעכערישע רייד זײַנען מעסוגל אָפּצוטויטן דעם שאַפונגס־ווילן פון אַ שפּירעוודיק־נאַיִוון, יונגן שרײַבער.

אַזאַ מין פֿלאַטשיקע מוירע, אַזאַ ניט פֿאַרשטײן די ראָל פֿון אַ שרײַבער, אַזוי זעלבסטמערדעריש אַרונטערוואַרפֿן זיך אונטערן טאַנק פֿון דער „קומענדיקער״ מילכאָמע, אַזאַ מין אומגלויבן אין מענטשלעכן וואָרט מיצאַד אַ שרײַבער, באַווײַזן ווי טיף געוויסע אינטעלעקטועלע קרײַזן אין ישׂראָעל שטעקן אין דער אומזיניקסטער פֿאַרצווייפֿלונג, אין אַ מאָראַלישן הינער־פֿלעט, וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון אונטערגעבן זיך די מילכאָמע־צינדערישע האַשפּאָעס.

באַר־יאָסעף זאָגט עס אַלץ, ניט קעדיי אָפּצונעמען, כאָלילע, דעם מוט צו שאַפֿן באַם יונגן שרײַבער, נאָר קעדיי אויפֿצופֿאָדערן אים, אַז „ניט געקוקט אַף אַלץ״ זאָל ער זיך פֿאַרשפּאַרן אין זײַן דאַלעד־אַמעסדיקן ישׂראָעל־ווינקעלע און דאָך שרײַבן. ס׳איז ווי איינער וואָלט געזאָגט: זאָל זיך די מעשוגענע וועלט שלאָגן קאָפּ אין וואַנט; דו אָבער, פֿאַרשפּאַר זיך ווי אַ שלימאַק אין מושל און שאַף, אויב דו קענסט; מען וועט זיך טאַקע צו דיר ניט צוהערן און אַלץ וואָס דו שרײַבסט איז טאַקע אַרויסגעוואָרפֿן, אָבער פֿונדעסטוועגן, שרײַב, שרײַב; צוליב וואָס? כ׳ווייס ניט...

פֿון געזעלשאַפֿטלעכן שטאַנדפּונקט איז דער יונגער ישׂראָעל־שרײַבער שיר ניט אַ יאָסעם. די עלטערע שרײַבער באַנעמען אים ניט, האָבן טײַנעס צו אים און ווילן אים פֿאַרטומלען. פֿון דער אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־טראַדיציע איז ער אָפּגעריסן. צו דער נײַער וועלט באַמיט מען זיך אים ניט צוצולאָזן. אויסגעשטעלט איז ער אַף זיך אַליין.

די יונגע ישׂראָעל־ליטעראַטור וועט אָבער מוזן אײַנברעכן די צוימען אַרום זיך און אַ נעם טאָן, אַף אַ רעוואָלוציאָנערן אויפֿן, דאָס וואָס עס קומט איר. זי וועט מוזן אָפּזוכן איר קולטור־ירושע און דערבליקן די ייִדישע שעפֿערישקײַט פֿון דער גאַנצער וועלט, ווי אויך אָנזאַפּן זיך מיט נײַוועלטיקן אָפּטימיזם. ערשט דאַן וועט זי קענען בעסער דערזען און פֿאַרשטײן וואָס עס טוט זיך אַרום איר אין ישׂראָעל גופֿע.

עס זײַנען פֿאַראַן סימאָנים, אַז זי וועט עס קענען דערגרייכן, און דערפֿאַר דאַרף מען האָבן עמונע אינעם יונגן ישׂראָעל־וואָרט.

37. אַ שול אין יִשׂראָעל

שול־קינדער אין לאַנד און אין „גאָלעס"

איבער די וועגן און שטעגן פון אונדזער שליכעס — אין פוילן, אין רומעניע און אין יִשׂראָעל, — זײַנען אונדז אומעטום אַנטקעגנגעקומען יִדישע שולן; און פון די שולבענק, אין די פאַרשיידענע לענדער, האָבן צו אונדז אַראָפּגעקוקט די זעלבע יִדישע פּנימלעך פון אַרגענטינע, פון בראַזיל, פון אורוגווײַ און פון וואַנען ניט?

אומעטום האָט געצאַפּלט דאָס יִדישע וואָרט אַף די ליפּן פון די קינדערלעך; ווי שוואַכער, ווי שטאַרקער, אָבער אין ערגעץ ניט צו שטאַרק. בלויז אין יִשׂראָעל, ווי דאָס יִדישע וואָרט איז העברעיִש, איז די שפּראַך געזעסן פעסט און זיכער, און אײַנגעפונדעוועט אין די מײַלער פון די קינדערלעך, — אַזוי פעסט און נאַטירלעך, ווי די שורעס יונגע ציין זייערע. אַסאַך פון זייערע ווערטער, וואָס געפינען זיך, אין געשטאַלט פון העברעיִזמען, אויך אין דער יִדישער שפּראַך, האָבן געקלונגען גאַנץ יִדישלעך אין אונדזערע אויערן, ניט געקוקט אַף זייער ספּאַרדישער צעכאָרכלטקײַט.

ווען מיר האָבן באַזוכט די שולן, פון די פאַרשיידענע לענדער, האָבן די קינדער פון רומעניע און פוילן אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיקע נײַגעריקײַט צו אַרגענטינע. פון זייערע ברייט־צעעפנטע אויגעלעך האָט אַרויסגעפינקלט עמאָציע און גוטהאַרציקײַט, און אַף די צעוואַרעמטע פּנימלעך האָט וויברירט אַ געפיל פון נאָנטער קרויוועשאַפט צו די ווײַט־ווײַטע יִדישע ברידערלעך און שוועסטערלעך. זיי האָבן אויסגעדריקט זייער ווילן צו פאַרבינדן זיך נענטער, צו שרײַבן זיך בריוו, צו טרעפן זיך אין די ווײַ־טערדיקע יאָרן. זיי האָבן געווונטשן די אַרגענטינער יִדישע קינדער אַלדאָס גוטס און אויך אַז דער סאָציאַליזם זאָל דערגיין צו אונדזערע ברעגן.

די קינדער פון יִשׂראָעל זײַנען אָבער געבליבן גלײַכגילטיק און קאַלט, ניט ווײַל זיי זײַנען „ערגערע" אָדער „האַרטערע" קינדער, נאָר צוליבן פּאָשעטן טאַם וואָס פאַר זיי עקזיסטירן ניט קיין אַנדערע עכט־יִדישע קינדער ווי בלויז יִשׂראָעל־קינדער, אין העסקעם מיטן גלויבן, וואָס איז אין זיי טאָג־טעגלעך אײַנגעפּלאַנצט געוואָרן, אַז יִשׂראָעל איז דער איינ־ציקער צענטער פון אַלץ וואָס איז יִדיש און אַז דער „גאָלעס" האָט קיין שום ווערט ניט. און בעעמעס, — ווי אַזוי קען אַ קינד ניספּאָעל ווערן

אָדער כאָטש אַרויסווײַזן אַ שטיקל אינטערעס צו אַ זאַך, וואָס ווערט סיסטעמאַטיש פֿאַרמיעסט אין זײַנע אויגן?..

אײן אײנציקן ווונטש האָבן זײ אַלע אויסגעדריקט „בפּה אחד" (בעפּע עכאַד — מיט אײן מויל). דער ווונטש איז, אַז אַלע ייִדישע קינדער פֿון אַרגענטינע, אַלע אָן קײן שום אויסנאַם, זאָלן גלײַך פֿאַרפּאַקן די פּעקלעך און קומען באַזעצן זיך אין ייִסראָעל, ספּעציעל אין נעגעוו. אָבער אויך אין טאָן פֿון דאָזיקן ווונטש האָט זיך ניט געפֿילט קײן ברידערלעכקײַט און וואַרעמקייט, נאָר קאַלטער אָנזאָג און מיטלייד. ס'האָט זיך באַקומען, אַז זײ ווילן אַרויסציִען די אַרגענטינער ייִדישע קינדער פֿון עפּעס אַ גרוב, און ערשט אין ייִסראָעל, אַף די זאַמדן פֿון נעגעוו, מאַכן זײ פֿאַר עמעס ייִדישע קינדער...

מוסטער־שול „הענריעטע שאָלד"

דאָס עלעמענטאַרע שולוועזן אין ייִסראָעל נעמט אַרום אומגעפֿער 200.000 קינדער. אַרײַנרעכענענדיק די מיטלשולן און די העכערע לערן־אַנשטאַלטן, לערנען זיך אין ייִסראָעל אַ פֿערטל מיליאָן קינדער און יוגנט־לעכע.

אַלע שולן און קינדער־גערטענער, אָן אויסנאַם, — מעלוכישע און פּריוואַטע, פֿון עקסטרעם לינקס ביז עקסטרעם רעכטס, ווערן געפֿירט אין העברעיִש. ייִדיש האָט ניט קײן דריסאַס־האַרעגעל, אַפֿילע ווי אַ פֿרעמד־שפּראַך. פֿאַראַן בלויז אַ קלײנטשיק צוגאָב־שולכל אין ייִדיש, וואָס דער „בונד" האָט געגרינדעט אין טעל־אַוויוו; מער ווי אַ שול, איז עס עקספּע־רימענט און קוריאָז... אויך אין אַ רײ אָרטאָדאָקסישע און ווילד־רעליגיעזע „שולן" און יעשיוועס ווערט געקנעלט, אַף דער גאַנצער פּאַרע, אין ייִדיש...

איך האָב באַזוכט אין טעל־אַוויוו אַ מוסטער־שול, אָדער „בית ספר לדוגמא", אַפֿן נאָמען פֿון הענריעטע שאָלד, — אַ שול פֿון איבער 1.300 קינדער, 37 לערער און 20 קלאַסן.

פֿון דרויסן און פֿון אינעווייניק איז עס אַ שול מיט אַלע מאָדערנע פּיטשעווקעס. אַרכיטעקטור, באַקוועמלעכקײַט, פֿאַרנעם — אַלץ זאָגט אײדעס, אַז די דאָזיקע שול שפּאַרט זיך אָן אַף דער פּלײצע פֿון דער מעלוכע.

זײַט בײַ זײַט מיט די לערן־צימערן, זײַנען פֿאַראַן אַ רײ וואַרשטאַט־צימערן, וואָס פֿונקציאָנירן פּערמאַנענט אונטערן אויפֿזיכט פֿון אינסטרוק־טאָרן. פֿאַראַן אַ ניי־וואַרשטאַט און אַ מעכאַנישער וואַרשטאַט, ווו די

קינדער אַרבעטן אויס קאָלערליי שיינע קליינינקייטן, אין די ראַמען פון לימוד האַנטאַרבעט. ספּעציעלע זאַלן פאַר נאַטור־וויסנשאַפט און פיזיק זײַנען פאַרזען מיט די געהעריקע אַפּאַראַטן. אַ געדעקטער גימנאַסטיק־זאַל און אַ מעדיצינישער קאַבינעט מיט אַ שטענדיקער קראַנקן־שוועסטער קאָמפּלעטירן די הויפּט־אינסטאַלאַציעס פון דער דאָזיקער שול.

אויסער די נאַטורוויסנשאַפטלעכע לימודים, מאַטעמאַטיק און פיזיק, איז די גאַנצע לערן־פּראָגראַם, אין קימאַט אַלע קלאַסן, אַזוי וויפל איך האָב זיך געקענט איבערצײַגן פון אַ 3שאָיקן באַזוך, געווען דורכגעדרונגען מיט טאַנאַך און מיט דער אַמאָליקער, פאַר־צוויי־טויזנט־יאָריקער גלאָריע פון ייִדישן פאָלק, און מיט דער פאַרפעסטיקונג און פאַרשטאַרקונג פון לאַנד, ספּעציעל פון נעגעוו. ניט נאָר דער לימוד פון געשיכטע, נאָר אויך די געלייענטע ליטעראַרישע מוסטערן זײַנען באַשטאַנען אויסשליסלעך פון דער זעלבער טעמאַטיק. די 2.000 רומפולע העלדישע מאַרטירער־יאָרן, דאָס וואָרט פון אונדזערע קלאַסיקער און דאָס איצטיקע לעבן פון די ייִדן אַף דער ברייטער וועלט, — די דאָזיקע אַלע זאַכן האָבן זיך אינגאַנצן ניט אָנגעזען.

איינער פון די הויפּטצילן פון דער יִשׂראָעל־שול איז שטאַרקן בײַ די קינדער דאָס געפיל פון זעלבסטזיכערקייט און פּערזענלעכער אומאָפּהענגיקייט, קעדיי דער שילער זאָל זיך אַליין קענען געבן אַן אייצע מיט שוועריקייטן.

אין די ראַמען פון זעלבשטענדיק מאַכן די קינדער, איז אײַנגעפירט געוואָרן, לעמאָשל, אַזאַ לימוד ווי „שפּײַז־צוגרייטונג" אָדער „תזונה" (טזונאַ). אין דער באַזוכטער שול האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אַף אַ ספּעציעלן, אַזוי צו זאָגן, קיך־גראַד...

אַ קלאַס קינדער מיט הויכע קוכער־היט, מיט האַקמעסערס, מיט קאָכלעפל, מיט וואַלגער־העלצער און מיט אַנדערע קיך־מאַכשירים אין די הענט, זײַנען געשטאַנען בײַ לאַנגע טישן, ניט ווײַט פון אַן עלעקטרישן אויוון, און צוגעגרייט קאָלערליי געריכטן.

אַ ספּעציעלע לערערקע מיט אַ געהילפין לערנט זיי טעאָרעטיש און פּראַקטיש אַלע סוידעס פון דער קולינאַרער קונסט, און דאָס וואָס זיי גרייטן צו און קאָכן אויס, עסן שפּעטער די קינדער פון דער שול. יעדער גראַד, ייִנגלעך און מיידלעך, לערנט דעם דאָזיקן לימוד מיט פולער ערנסטקייט און דיסציפּלין. פּונקט ווי ס'איז דאָ אַ פיזיק־צימער און אַ נאַטור־צימער, איז אין יעדער גרעסערער שול אויך פאַראַן אַ קיך־צימער,

ספּעציעל קעדיי אויסצולערנען די קינדער אויסצונוצן אַלע שפּייז־מעגלעכ־קייטן פון די ייִסראָעל־פּראָדוקטן, בעאיקער גרינסן.

עס איז אויך אָבליגאַטאָריש דאָס אויסלערנען זיך שווימען. אויסער וואָס מען גייט קלאַסנווייז באָדן זיך אין יאַם, באַקומט יעדער גראַד 10 לעקציעס שווימען אַ יאָר, און נאָך 3 יאָר מוזן אַלע קענען שווימען.

שטאַרק אַנטוויקלט איז אויך די שילער־טוריסטיק. אומעטום, ווו מען זאָל ניט גיין און פאָרן, באַגעגנט מען וואַנדערנדיקע גרופּעס קינדער מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס און מיט שטעקענער אין די הענט. אויף אַלע שאָ־סייען הערט מען קימאַט שטענדיק, פון נאָנט און ווייט, כאָראַלן קינדער־געזאַנג, — דאָס פאָרן קאַמיאָנען מיט קינדער באַקענען זיך מיטן לאַנד.

קימאַט אַלע קינדער פון די עלטערע קלאַסן געהערן צום „גדנע" (גאַדנאַ), אָדער „גדודי נוער" (גדודע נאָאַר); דאָס זיינען יוגנט־באַטאַליאָ־נען, וואָס מאַכן דורך אַן אינטענסיוון פיזישן און פּאַראַ־מיליטערישן צוגרייטונגס־קורס. הארט פאַר אונדזערע ארויספאָרן איז פאָרגעקומען אַ ספּאָרט־פּאַראַד פון 6.000 אַזוינע יוגנטלעכע אין צענטראַלן סטאַדיאָן פון ראַמאַט־גאַן, מיט דער באַטייליקונג פון מעלוכע־פּרעזידענט, פּרעמיער און שעף פון גענעראַל־שטאַב.

די קינדער וואַקסן אויס פיזיש געזונט, קערפּערלעך שטאַרק אַנט־וויקלט, אָבער מיט אַ געפיל פון העכערקייט און גרינגשעצונג צום ניט־ייִסראָעלדיקן אַרום, ספּעציעל צו די אַראַבישע שכיינים און צו די ייִדן אויף דער וועלט. אויסער עקסטרעמען פּאַטריאָטיזם האָט ניט די מערהייט קינדער וועלכן ניט איז אַנדער אידעאַל, און אַ סאַך פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, אַפילו פון ניט־פּראָגרעסיווע קרייזן, ווייזן אָן אויף דער געפער־לעכקייט פון אַזאַ מין גייסטיקער פאָרמירונג.

דער דויער פון לערנען, אַרייַנגערעכנט די מיטלשול, איז אויסגע־רעכנט אויף 10 יאָר. דער עלעמענטאַרער ציקל ציט זיך 6 יאָר און דער העכערער — 4.

דאָס לערנען אין דער עלעמענטאַרער שול איז פאָרמעל אומזיסט, אָבער דאָך מוז יעדער קינד באַצאָלן 25 פונט אַ יאָר פאַר ביכלעך, העפטן און סאַניטאַרער דינסט, וואָס די שול גיט. נאָך 7 פונט דאַרף מען איינצאָלן אין עלטערן־קאָמיטעט, און די קינדער וואָס בלייבן אין „מועדון" (מאָ־אַדאָן) — אַ מין האַלבער אינטערנאַט (פון 8 פרי ביז האַלב 5 פאַרנאַכט), דאַרפן צאָלן נאָך 200 פונט. די מיטלשול־בילדונג איז אויסערגעוויינטלעך טייַער, און בלויז גוט־סיטויִרטע מענטשן קענען זיך דערלויבן דעם דאָזיקן

לוקסוס. די מיטעלע און העכערע בילדונג איז אַזוי אַרום רעזערווירט קימאַט אויסשליסלעך פאַר דער בורזשואַזיע.

מיט די לערער און מיט דער דירעקציע פון דער שול האָב איך זיך פאַרשטענדיקט אַף יִדיש. אַלע האָבן גערעדט אַ גוטן און פליסיקן יִדיש, אָבער די קינדער האָבן אַ וואָרט ניט פאַרשטאַנען. אין אַ 10־15 יאָר אַרום וועט מען שוין אויך מיט די לערער ניט קענען אויסריידן אַ יִדיש וואָרט, סײַדן די באַציִונג צו אונדזער פאָלקס־שפּראַך זאָל זיך ענדערן, אָבער דאָס איז פּונקט אַזוי אוממעגלעך ווי די מעגלעכקײַט צו באַשיידן די פּראָבלעם פון דער קוואַדראַטור פון קרײַז...

אין אַלגעמיין קען מען זאָגן, אַז די שולן אין יִשׂראל שטייען אַף אַ באַדײַטנדיקער פּעדאַגאָגישער הייך און אַז עס איז אַ סך אויפגעטאָן געוואָרן אַפן געביט פון זעלבסטטעטיקײַט, זעלבסטזיכערקײַט און פיזישער פאַרהאַרטעוועטקײַט פון די קינדער. אַ גרויסער טייל פון די פּעדאַגאָגישע אויפטוען ווערן אָבער אוועקגעגעבן אַף צו פאַרשאָוויניזירן דעם גײַסט פון קינד און אַף אָפּצושליסן זײַן נעשאָמע פון ברייט־פאַרשטאַנענעם הומאַניזם, פּעלקער־פרײַנטשאַפט און סאָציאַלן פּראָגרעס. אויסער דעם ווערט איגנאָרירט אונדזער רײַכע קולטור־ירושע פון טויזנטער יאָרן און ספּעציעל פון די לעצטע פאַר הונדערט יאָר.

פון דער צווייטער זײַט, איז די מיטעלע און העכערע בילדונג רעזערווירט פאַר די מיטעלע און העכערע קלאַסן, צוליבן געוואַלדיקן יאָקרעס אַף לערנען זיך. אַזוי אַרום איז די פאָלקס־שול די גרענעץ פון בילדן זיך פאַר דער גרויסער מערהײַט קינדער, און וואָס שײַך די העכערע לערן־אַנשטאַלטן, זײַנען זיי טאַקע אָפן, פאָרמעל, פאַר אַלעמען אָן אויסנאַם, אָבער, אין דער פּראַקטיק, זײַנען זיי רעזערווירט פאַר די זעלבע פּריווילעגירטע קרײַזן, וואָס אונדזערע נעוויִאים האָבן אַזוי ביטער געשטראָפט, נאָך מיט 2.500 יאָר צוריק...

38. דאָס פּראָגרעסיווע האָב־און־גוטס

ווי דאַניעל אין דער לייבן־גרוב

ערשט ווען מען געפינט זיך אַ שטיקל צײַט אין יִשׂראל, קען מען זיך איבערצײַגן ווי ווייניק אָריגינעל און זעלבשטענדיק עס איז די יִדישע

רעאַקציע אַף דער וועלט, מיט איר באַרבאַרישער סינע צו אַלץ וואָס איז פּראָגרעסיוו אין יידישן לעבן.

טאָמער האָט עמעצער געקענט מיינען, אַז די יידישע כווישעך־לײַט אין די טפוצעס האָבן אַ ביסל אייגענעם אײַנפאַל, זאָל זײַן כאָטש אַפן געביט פון אַנטיפּראָגרעסיווקײַט און אַנטיסאָוועטישקײַט, וועט אים די יסראָעל־ווירקלעכקײַט איינס און צוויי באַווײַזן, אַז אויך אַפן דאָזיקן געביט זײַנען זיי נאָכמאַכעריש און נאָכקרימעריש. די אָריגינעלע צען געבאָטן פון דער האָטענטאָטישער מאָראַל און פון די האָטענטאָטישע מײַסים לעגאַבע דער פּראָגרעסיוו־יידישער פאָלקס־באַוועגונג געפינען זיך אין יסראָעל; און אָט די דאָזיקע לוכעס, דער דאָזיקער „אָריגינעלער מוס־טער", ווערן קאָפּירט אומעטום, — אַזוי אין צאָפן־אַמעריקע, אין פראַנק־רײַך, אין אַרגענטינע, אין בראַזיל און ווו ניט?

פּונקט ווי דער טויטער יאַם איז איבערגעפולט און איבערגעזעטיקט מיט זאַלץ, אַזוי איז אויך די העצע קעגן פּראָגרעסיוון קויעך אויסגעפילט מיט גיפטיקן שעקער און מיט גרינער גאַל. און אָט אין דאָזיקן גאַליקן יאַם דאַרפן לעבן און קעמפן די אַוואַנגאַרד־מענטשן פון יסראָעל.

די רעאַקציאָנערע סינע האָט אַ פּאַרוואָס. דער פּראָגרעסיווער קויעך שטייט איר אין וועג און קאָנטראָלירט, ביפניי קאָל אַם וועאיידע, יעדן קער און יעדן ריר אירן. ער הערט ניט אויף אויפמערקזאַם צו מאַכן טאָג־טעגלעך פון דער קנעסעט־טריבונע, פון דער גאַסן־אַרענע און פון די צײַטונג־שפּאַלטן, אין 9 פאַרשיידענע שפּראַכן, אַפן אומרעכט און אַף די געפערלעכע וועגן פון בען־גוריאָנישן אָפּיציאַליזם.

דערפאַר באַשולדיקט קעסיידער דאָס רעגירנדיקע טאַקיפנטום אָט דעם זויבערן און אידעאַליסטישן פאָלקס־קויעך אין „פּאַראַט", און דערפאַר איז מאַפּאַי אַרויסגעקומען אין 1958 מיטן אומלעגאַלן פאַרשלאַג אויס־צושליסן דעם פּראָגרעסיוון צאַד פון דער פאַרוואַלטונג פון דער היסטאַד־רוט, — אַ פאָרשלאָג, וואָס האָט, מיט זײַן ווילקירלעכער אַנטידעמאָקראַ־טישקײַט, אַרויסגערופן שטוינונג אין אַלע קרײַזן.

מען קען זאָגן, אַז די פּראָגרעסיווע קעמפער אין יסראָעל פירן אַ העראָישע און געפערלעכע עקזיסטענץ, — אָן מאַטעריעלע מיטלען און אין לעבנס־באַדינגונגען וואָס גרענעצן זיך מאַמעש מיט דאַכקעס. זיי זײַנען אָבער באַזעלט מיט אַ מין וויזיאָנערישער באַגײַסטערונג, וואָס קומט פון דער טיפער איבערצײַגונג, אַז זיי פאַרטיידיקן אַ דורכויס־גערעכטע און אַ לויטער־מענטשלעכע זאַך. דערפאַר זײַנען די פּאָליטישע זאַמדן ניט בעיכוילעס צו פאַרשיטן זיי, אָדער צו פאַרווישן זייער וועג.

די כאַװײרים אין ייִסראָעל שטרײַכן אונטער נאָכאַנאַנד זייער טיפֿן פּאַטריאָטיזם, וואָס ציט זיך נאָך פֿון די צײַטן פֿון ענגלישן מאַנדאַט, ווען הונדערטער קעמפּער זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון לאַנד, אָדער פֿאַר־פּײַניקט געוואָרן צום טויט, ווי סיאָמע מיראָניאַנסקי — איינער פֿון די ליכטיקסטע פֿירער־געשטאַלטן אין די צײַטן פֿון בריטישן אימפּעריאַליזם.

דער דאָזיקער פּאַטריאָטיזם האָט דערגרייכט זײַן היסטאָרישן הויכ־פּונקט בעיים דער באַפֿרײַונג־מילכאָמע, ווען אַ דאַנק די באַמיִונגען פֿון דער באַוועגונג האָט מען באַקומען סאָציאַליסטיש געווער אָף אויסצו־קעמפֿן די אומאָפּהענגיקײַט פֿון דער מעדינע. אַלע ווייסן, אַז דאָס דאָזיקע געווער האָט דעצידירט און האָט אַריבערגעצויגן די וואָגשאָל פֿון זיג אָף דער זײַט פֿון ייִסראָעל.

דער זעלבער פּאַטריאָטיזם האָט שפּעטער גענומען קעמפֿן קעגן די אומרעכטן פֿון קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, וואָס קליידט זיך אין סאָציאַ־ליסטישע פּאַווע־פֿעדערן; קעגן פֿאַרוואַנדלען ייִסראָעל אין אַ בריקן־קאָפּ פֿון קאָלאָניאַליסטישן מײַרעוו, פּונקט אין מאָמענט ווען אַלע 3 מיזרעכן (דער נאָענטער, דער מיטעלער און דער ווײַטער) און אַנדערע וועלט־טיילן האַלטן אין אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די אַלטע פּיאַווקעס; קעגן דער געטאָ־פּאָליטיק לעגאַבע די אַראַבער; קעגן די שאָוויניסטישע מילכאָמע־אַוואַנ־טורעס און קעגן אַלץ וואָס איז אַנטיפֿאָלקיש, אַנטימאָראַליש, אַנטיסאָציאַל.

אָט ווי דער אָנגעזעענער פּובליציסט דר. יוינע טעמקין דעפֿינירט דעם טאָך פֿון פּראָגרעסיוון פּאַטריאָטיזם:

„מיר האָבן ליב אונדזער פֿאָלק און אונדזער לאַנד ייִסראָעל. און דאַווקע דערפֿאַר ווײַל מיר האָבן ליב אונדזער לאַנד און פֿאָלק, קענען מיר ניט גלײַכגילטיק פֿאַרבײַגיין איבער די שאָטן־זײַטן אין אונדזער גע־זעלשאַפֿטלעכן און נאַציאָנאַלן לעבן. קענען מיר ניט גלײַכגילטיק אַריבער־גיין די געפֿאַרן, וועלכע באַדראָען אונדז פֿון אינעווייניק און פֿון דרויסן. אונדזער געפֿיל פֿון אַכראַיעס לעגאַבע דעם פֿאָלק און לאַנד צווינגט אונדז אָפּט שאַרף צו באַקעמפֿן די נעגאַטיווע דערשײַנונגען אין אונדזער לעבן.

„דער דאָזיקער עמעסער פּאַטריאָטיזם קוקט אָפּט קריטיש אָף פֿאַר־שיידענע דערשײַנונגען אינעם נאַציאָנאַלן לעבן, באַקעמפֿט דאָס שלעכטע, טרעט אַרויס אין אָפֿענעם קאַמף קעגן סאָציאַלער אומגערעכטיקײַט, קעגן דער נאַציאָנאַלער קראַנקײַט וואָס רופֿט זיך שאָוויניזם, קעגן קולטורלאָ־זיקײַט אָדער קולטורעלער פֿאַרנאַכלעסיקונג. מיט איין וואָרט — ער פֿירט אַ נאַציאָנאַל־דערציערישן קאַמף פֿאַר דעם וווּל און דער צוקונפֿט פֿון פֿאָלק".

אַדאַנק דעם דאָזיקן לויטערן פּאַטריאָטיזם, הערשט אומעטום, אין די פּראָגרעסיווע רייען, אַ געזונטער פאָלקס־אָפּטימיזם, וואָס נעמט זיך פון דער טיפער ליבע צום לאַנד און פונעם באַוווּסטזיין פון זיינע גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס זיינען פאָרמולירט געוואָרן דורך מושע סנע אינעם בילדערישן זאָץ: „יִשׂראָעל קען אויסהאַלטן ניט איין ייִדיש פאָלק, נאָר אַפילו 2 ייִדישע פעלקער"... און אַף מושע סנע קען מען זיך פאַרלאָזן; ער ווייס ווי אַזוי און ער ווייס וואָס ער רעדט...

קעגן וואָרט, קעגן די מענטשן און קעגן די עמעסען פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג איז אָנגעשטעלט דער גאַנצער שעקער־אַפּאַראַט, ניט נאָר פון די מעלוכישע קאָהאָל־לייט, נאָר אויך פון דער „לינקער" אָפּאָזיציע, וואָס האָט אַ גאַנצן פיינעם רעקאָרד פון קרענקלעכן „אַנטיקאָמוניזם".

און מען דאַרף טאַקע אונטערשטרייכן, אַז דער פּראָגרעסיווער וועג אין יִשׂראָעל איז דער איינציקער, וואָס האָט אַן אַנדער ריכטונג ווי דער בען־גוריאָנישער. די אָפּאָזיציע פון די לינק־ציאָניסטישע פּאַרטייען איז בלויז אַ פראַזעאָלאָגישע, און אין דער פּראַקטיק פאַלן זיי שטענדיק צונויף מיט דער רעכטער און מיירעוודיקער רעגירונגס־ליניע.

זיי זיינען אַזוי ווי קליינע קינדער, יואָס פון אָנהייב טופען זיי מיט די פיס און שרייען „ניין, ניין און ניין"!, אָבער צום סאָף, אַז זיי זיינען שוין גוט מיד פונעם שרייען, טוען זיי וואָס דער טאַטע הייסט... אַזוי אַרום, און ניט געקוקט אַף די 20 פּאַרטייען, זיינען אין לאַנד שטענדיק פאַראַן בלויז 2 קלאָרע פּאָזיציעס: די מאַפּאַישע און די פּראָגרעסיווע.

עס איז דעריבער ניט קיין וווּנדער, וואָס מאַפּאַי זוכט מיט אַלע מיטלען אונטערצוגראָבן די איינציקע פּאָזיציע, וואָס איז אַף אַן עמעס קעגנערייש צו איר. די טאָג־טעגלעכע העצע גייט ציטנווייז אַריבער אין טעראָר, ווי אין די צייטן פון דער סיניי־אַקציע, ווען עס איז דערקלערט געוואָרן אַן אַלגעמיינער באָיקאָט קעגן פּראָגרעסיוון קויעך, וואָס איז דאָן געווען דער איינציקער קעגנצושטעלן זיך קעגן דער אומדערהערטער און געפערלעכער אַוואַנטורע.

די קיאָסקן האָבן דאַן מוירע געהאַט צו האַלטן בא זיך דעם „קול העם" („קאָל האאָם") און מען האָט די צייטונג געמוזט פאַרשפּרייטן געהיים דורך פרייוויליקע ברייוטרעגער. אָפּן שטייגער פון אונדזערע היגע פּראָגרעסיוו־ייִדישע אויסגאַבעס, האָט „קול העם" דערפילט דאַן דעם טאַם פון דעם, — דעם ביטערן און זיסן טאַם: דעם ביטערן טאַם פון

רעכטלאַזיקייט און דעם זיסן טאַם פון כאַווערישער איבערגעגעבנקייט און קאָרבאָנעספּולקייט.

די אויסשפּיר־אָרגאַנען פון דער זיכערקייט־פּאָליציי (ווי „פּיַין" דאָס קלינגט פאַר יִיסראָעל!) באַמיען זיך אונטערצוהערן, אויסצושמעקן און נאָכצושפּיאָנירן אַלץ וואָס עס טוט זיך אין דער באַוועגונג. ניט זעלטן געפינט מען געהיימע מיקראָפאָנען אין פּאַרטיי־לאָקאַלן און בא פּראָגרע־סיווע דעפּוטאַטן אין שטוב. אונדז אַליין איז אויסגעקומען צו זען ווי כאַוויירים פון אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע האָבן אַנגענומען פּאָרזיכטיקייט־מיטלען: בא אַ געוויינטלעכער זיצונג האָבן זיי אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ און פאַרשטאָפּט דאָס טעלעפאָן־טרײַבל, קעדיי קיין בייז אויג (בייז אויער!) זאָל ניט שאַטן...

מיר האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט, אָבער זיי האָבן אונדז געזאָגט: „פאַרלאָזט זיך, מיר ווייסן וואָס מיר טוען..." זיי האָבן אויך פּערפעקציאָ־נירט די קונסט פון רעדן אין טעלעפאָן מיט רעמאָזים און מיט האַלבע ווערטער...

די באַוועגונג לעבט נאָכאַנאַנד אין אַ צושטאַנד פון מאַטעריעלער דערשטיקטקייט. אין דער צייַט ווען אַלע פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך באָדן זיך אין די קאַמפּיין־געלטער (וואָס דאָ, אין גאָלעס, רעדט מען אַלעמען אייַן, אַז זיי גייען אַף בויען דאָס לאַנד...) איז דער פּראָגרעסיווער קויעך אויסגעשטעלט אַפן אָרעמען פּאַלקס־גראָשן.

די וואָס אָרבעטן פאַר דער באַוועגונג (די אָנגעשטעלטע, די זשור־נאַליסטן, די דעפּוטאַטן) טיילן זיך מיטן ביסן. דער באַלאַנס איז שטענדיק דער זעלבער: ס'קלעקט ניט! און אַז ס'קלעקט ניט, טיילט מען זיך גלייַך אַף גלייַך. יעדער מענטש, ווער ער זאָל ניט זייַן, מוז האָבן אַ מינימום אַף אויסקומעניש, און אַלע מוזן קוידעם־קאָל באַקומען אָט דעם מינימום, און אַז אָט דער מינימום איז אויך ניטאָ, מוז מען זיך באַגנוגענען מיט ווייניקער ווי מיטן מינימום...

אַלע באַשעפטיקטע בא דער באַוועגונג, אָנהייבנדיק פון טיר־היטער און רייניקער, און ענדיקנדיק מיטן דעפּוטאַט. און העכסטן פּאַרטיי־פירער, באַקומען 150 פונט אַ כוידעש, אין דער צייַט ווען דער סאַמע באַשיידנ־סטער לעבנס־מינימום איז 280 פונט. אַזוי ווי ס'קלעקט ניט, העלפן אַרויס די פרויען, די קינדער און עס מוז ווי ניט איז קלעקן. דאָס פּריוואַטע ניט־קלעקן איז ווייניקער וויכטיק ווי דאָס געזעלשאַפטלעכע ניט־קלעקן...

אויסער דעם דאַרף מען האָבן צענדליקער טויזנטער פונט אַף אַרויס־צוגעבן דאָס אייגענע געדרוקטע וואָרט; אַף אויסצוהאַלטן די אָרגאַניזאַציעס

און לאָקאַלן; אַף רײַזע־הויצאָעס און וואַל־פּראָפּאַגאַנדע; און דאָס אַלץ דאַרף מען דערגרייכן אין אַן אַטמאָספֿער פֿון פֿאַרביסענער סינע, אין מיטן פֿון אַ טויטן, געזאַלצענעם יאַם...

איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס די פּראָגרעסיווע באַוועגונג אין ישׂראל געפֿינט זיך ווי דאַניעל אין דער לייבן־גרוב, אָבער פּונקט אַזוי ווי דאַניעל, ווייס זי ווי אַזוי צו בלײַבן גאַנץ אין דער דאָזיקער גרוב און ווי אַזוי אַרויסצוגיין פֿון איר אומבאַשעדיקט...

דאָס אינסטיטוציאָנעלע אייגנטום און דאָס געדרוקטע וואָרט

דער פּראָגרעסיווער פֿאָלקס־גראָשן אין ישׂראל האָט, אַזוי ווי אומעטום, באַוויזן זײַן קויעך. אַ באַוואָרנטער קעגן געזעלשאַפֿטלעכן שווינדל און קעגן אינדיווידועלער גנייווע, איז ער דערגאַנגען אַ גאַנצער אַהין ווו עס איז נייטיק געווען, אַהין ווו די פּאָליטישע און קולטור־באַדערפֿענישן האָבן געוואָרט אַף אים. מען דאַרף אויך געדענקען, אַז דער דאָזיקער גראָשן איז קימאַט אײַנגאַנצן אַ ישׂראלדיקער, אין קעגנזאַץ צו די אָפֿיציעלע גראָבע אַפּויטיקעס, וואָס קומען פֿון אויסלאַנד...

האָבן מיר זיך טאַקע אָנגעטראָפֿן אַף 2 צענטראַלע אייגענע הײַזער פֿון דער באַוועגונג: די דרוקערײַ און דער ביניען פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי.

מען דאַרף ניט מיינען, אַז די דאָזיקע צוויי ביניאָנים, — די טיפּאָגראַפֿישע פֿעסטונג און דער אידעאָלאָגישער באַלוואַרט פֿון פּראָגרעסיוון לעבן, — געפֿינען זיך, כּאָלילע, אַפֿן אַריסטאָקראַטישן דיזענהאָף־פּלאַץ. זיי האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער ברייִרע ווי צוצוטוליען זיך ערגעץ צווישן טעל־אַוויוו און יאַפֿע, אַפֿן הינטערגרונט פֿון פֿאַרשטאָטישער אָרעמקײַט און זאַמדיקער ניט־פֿאַרבויטקײַט. און דער אויסזען זייערער פֿון דרויסן און פֿון אינעווייניק איז אויך ניט אײַ־אײַ־אײַ. זיי האָבן ווײַט ניט דעם אָנבליק פֿון די מאַפּאַישע פּאַלאַצן און פֿון די „נאַציאָנאַלע” ביניאָנים. אַ פּאָנים האָבן זיי אַן עכט־פּראָלעטאַרישן און זעען אויס ווי אַרבעטער וואָס גייען אַרויס פֿון דער פֿאַבריק...

דאָס זײַנען 2 באַשיידענע מײַערלעך, וואָס פֿון דרויסן פֿאַרכאַפּן זיי ניט קיין אויג, און וואָס אינעווייניק באַלוינען זיי מיט ענגשאַפֿט און מיט אומבאַקוועמלעכקײַטן, אָבער אַפֿילע אַף דעם האָבן מיר זיך ניט גערעכנט. גערעכט האָבן מיר זיך אַף אַ קעלער בײַ יענעם און געפֿונען האָבן מיר אייגענע שטאָקיקע מײַערלעך. האָט אונדז טאַקע יעדער ווינקעלע

איבעראַשט און געפּרייט, און מיר האָבן זיך נאָך קיינמאָל ניט געפילט אַזוי ראַכוועסדיק ווי אין דער דאָזיקער ענגשאַפט... ערשט דאָרט האָבן מיר דערפילט ווי ווייך עס קענען זײַן האַרטע בענקלעך...

דער הויפּט־אָרגאַן, וואָס ווערט טאָג־טעגלעך אַרויסגעגעבן אין דער דרוקערײַ, איז „קול העם" (פאָלקסשטימע). די צײַטונג דערשײַנט אין אַ פּרעכטיקן העברעיִש, און אָט דער דאָזיקער קאָמוניסטישער העברעיִש ווערט, ניט איין מאָל, אויסגעלויבט דורך די שפּראַך־ספּעציאַליסטן און אַפילו דורך דער רעאַקציע. דאָס איז דער איינציקער זכום וואָס די רע־אַקציע געפינט אָפּ „קול העם". פאַר אַלע אַנדערע אייגנשאַפטן זײַנע וואָלט זי אים אײַנגעשלונגען אַ לעבעדיקן...

זײַט בײַ זײַט מיטן „קול העם" דערשײַנט, זינט איבער 10 יאָר, דאָס יִדישע וואָכנבלאַט „פרײַ יִשׂראָעל". פון זײַנע 4 זײַטן איז ער אין 1958 אויסגעוואַקסן צו 6, אין דער צײַט ווען דער סובסידירטער יִדישער אָרגאַן פון די לינקע פּויאַלע־ציען, „יִשׂראָעל־שטימע", האָט זיך געמוזט רעדוצירן פון 20 זײַטן אויף 8. צוליב פינאַנציעלער דאַכקעס האָט מען אָבער לעצטנס געמוזט צוריק אײַנשרומפּן דאָס פּראָגרעסיווע יִדישע וואָרט אין יִשׂראָעל צו זײַנע פריערדיקע 4 זײַטן, מיט דער האָפענונג אַז מען וועט נאָך ווען ניט איז ווערן אַ טאָגצײַטונג, וואָס זאָל קענען קעגנווירקן דעם קוויטש־קוואַטש פון דער קאָמערציעל־העפקערדיקער בלאַטצײַטונג „לעצטע נײַעס".

אין דער זעלבער דרוקערײַ דערשײַנען 2 יוגנט־אָרגאַנען (אין העברעיִש און אַראַביש); דער קיינעוודיקער און געשמאַקפולער פרויען־זשורנאַל „עלונך („דײַן בלאַט" — אין העברעיִש, יִדיש און אַראַביש) און וואָכן־אויסגאַבעס אין אַנדערע 8 שפּראַכן.

אַ געוויסע צײַט איז דערשינען די יִדישע ליטעראַרישע אויסגאַבע „יִשׂראָעל־בלעטער", אָבער ווען די ליטעראַטור האָט זיך געמוזט פאַרמעסטן מיט די שוואַכע פינאַנצן, האָבן די פינאַנצן ניט אויסגעהאַלטן דעם פאַר־מעסט... און אַז די פינאַנצן האָבן ניט אויסגעהאַלטן, האָט שוין אויך די ליטעראַטור ניט אויסגעהאַלטן...

קולטור און געזונט

אין אַן אידיליש געסעלע בײַ „שדרות רוטשילד" (ראָטשילד־אַליײַען) געפינט זיך די אָרגאַניזאַציע „תרבות לעם" (קולטור פאַרן פאָלק), וואָס איז, אָפּן יִשׂראָעל־באַדן, מער־ווייניקער דער עקוויוואַלענט פון איקוף. זי האָט געהאַט די האַסאָגע צו פאַרקלײַבן זיך אין אַ גווירישן קוואַרטאַל,

אָבער דערפאַר האָט איר מער קיין קויעך ניט געסטײַעט ווי אַף אַ פּאָר געדונגענע צימערלעך...

„תרבות לעם" איז אויפגעקומען אין די צײַטן פון סטאַלינגראַד, אין 1942, ווען עס איז געוואָרן ליכטיקער אין מיטן פונעם וועלט־אומגליק, אָבער ווען די ייִדישע פאָלקס־קאַטאַסטראָפע האָט זיך ערשט גענומען פונאַנדערוואַקסן. די אָרגאַניזאַציע האָט גלײַך פון אָנהייב געשטעלט דעם טראָפּ אַף קעמפּעריש אַנטיפאַשיזם און האָט זיך געשטעלט מיטן פּאָנים צום ייִדיש־רײדנדיקן האַרעפּאַשניק און צו דער ייִדישער קולטור.

זי האָט איצט אַ ביבליאָטעק, אַ דראַמקרײַז, אַ ליאַלקע־טעאַטער, אַ קינדער־באַלעט און דעם באַרימטן אַרבעטער־כאָר „רון" (ראָן), וואָס האָט שוין דערוואָרבן אינטערנאַציאָנאַלן רום אַף פעסטיוואַלן און געזאַנג־פאַר־מעסטן. זי אָרגאַניזירט אויך ציקלען רעפעראַטן אַף צאָפלדיק־געזעלשאַפט־לעכע, ליטעראַרישע און פאָלקס־וויסנשאַפטלעכע טעמעס, און ווײַזט אַזוינע פילמען, וואָס זײַנען צו טרייף פאַרן עקראַן פון די באַלעבאַטישע קינאָס...

אין „תרבות לעם" פונקציאָנירט דער פאַרלאַג „מדע וחיים" (וויסנשאַפט און לעבן), וואָס האָט שוין ביז איצט אַרויסגעגעבן 10 ביכער (סאָציאַלע פראַגן, וויסנשאַפט, ליטעראַטור). די אינהאַלטלעכע וויכטיקײַט פון די ביכער האַרמאָניזירט מיט זייער דרויסנדיקער דרוק־שיינקײַט.

די ייִנגסטע און שענסטע דערגרייכונג פון „תרבות לעם", און פון דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקײַט אין אַלגעמיין, איז די קינדער־קליניק אָפּן נאָמען פון רוון ברײַנין, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן מיטן בײַטראָג פון צאָפן־אַמעריקאַנער פּראָגרעסיווע פאָלקסמענטשן. צום ערשטן מאָל האָבן אַמעריקאַנער דאָלאַרן געטאָן פּראָגרעסיווע אַרבעט אין ייִסראָעל...

די דאָזיקע קליניק געפינט זיך אין דער סאַמע אָרעמסטער געגנט פון טעל־אַוויוו, וווהין די זאָרג פון די שטאָט־טאַטעס איז ניט געוווינט צו דערגיין, אַפילע צופעליק... ווען מען האָט, פאַרן בויען די קליניק, געבעטן דעם שטאָט־ראַט, אַז ער זאָל שענקען אַ שטיקל זאַמדיקן פּלאַץ פאַרן ביניען, האָבן די שטאָט־טאַקיפים אַזוי לאַנג געדרייט און געדרייט מיט די צינגער, ביז זיי האָבן זיך אַרויסגעדרייט; אָבער גלײַך ווי די קליניק איז אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן און האָט פאַרשײַנט די געגנט, האָבן זיי נעגעבן אָנצוהערן, אַז זיי וואָלטן באַוויליקט איבערצונעמען דעם הייל־אַנשטאַלט... זאָל מען זיי נאָר געבן, וועלן זיי זיך אָנשטרענגען און נעמען... די „קאָמוניסטישע" פּלענער זײַנען פריער געווען טרייף, אָבער די „קאָמוניסטישע" ווירקלעכקײַט איז שוין איצט קאָשער, ביפראַט אַז זי רײַסט

די אויגן און ביפראַט אַז עס פּאַסט גאָרניט פֿאַר טעל־אוויוו, אַז אַזאַ מין סאָציאַל־וויכטיקער פֿאָלקס־בנין זאָל פֿאַראַדירן אונטער אַ "קאָ־מוניסטישער" מאַרקע...

און די קליניק פֿאַרכאַפּט טאַקע אַן אויג מיט איר שיינקייט און קערט װעלטן מיט איר נוצלעכקייט. די גראַציעזע ליניעס פֿון דער גראָד־עקיקער אַרכיטעקטור און דער ווייס־ברוין־בלאָער קאָלאָריט פֿון די ווענט, צוזאַמען מיט די הויף־בלומען און מיט די פּאַרקנדלעך, אָטעמען מיט געזונט און מיט לעבן... אַלץ איז דאָרט פֿול מיט קאָמפֿאָרט, מיט גלאַנץ און מיט ליכטיקייט.

אין דער אַרומיקער גראָ־בלײַכער אָרעמקייט פֿון דער שאַבזי־שכונה זעט טאַקע אויס די קליניק ווי אַ מין טעמפּל. ס'איז אַ טעמפּל "אָן גאָט", און פֿונדעסטוועגן געשען אין אים ניסים: אָן אַ גראָשן געלט קישעפּט מען דאָרט אַרײַן אַ רויטן קאָליר אין די אויסגעבלייכטע בעקלעך פֿון אַזויפֿיל אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע יאָסעלעך און שלוימעלעך, מאַכ־מעדעלעך און אַבדולטשיקלעך...

פֿרויען, קינדער, פֿרײַנטשאַפֿט

אַ גרויסע בעריע אין ישׂראל איז די פּראָגרעסיווע איישעס־כאַיל...

די פּראָגרעסיווע פֿרויען זײַנען אָרגאַניזירט אינעם "איחוד נשים דמקרטיות בישראל" — "אנדי" (פֿאַרבאַנד פֿון דעמאָקראַטישע פֿרויען). די אָרגאַניזאַציע איז אויפֿגעקומען צוזאַמען מיט דער אַנטשטייונג פֿון דער מעדינע, און זינט דאַן האָבן די פֿרויען ניט אויפֿגעהערט צו קערן בערג אױף די פֿעלדער פֿון שאַלעם, דערציִונג, קאַמף פֿאַר די רעכטן פֿון דער פֿרוי און קעגן קלעריקאַלן כאַסענע־ און געט־געזעץ. זיי זײַנען די ערשטע אין אַלע דעמאָנסטראַציעס און מאָביליזאַציעס, און הויפּנוויז קען מען שעפּן בײַ זיי ענטוזיאַזם און קעמפֿערישקייט.

אַ גאָר באַזונדערער פֿאַרדינסט זייערער זײַנען די קינדער־גערטענער, וואָס זיי האָבן מיט לײדיקע הענט אויפֿגעשטעלט פֿון גאָרניט. אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי: אין די צײַטן פֿון מילכאָמע־אויפֿברויז האָט מען אין די אָרעמסטע קוואַרטאַלן צונויפֿגענומען עלנטע קינדער, וואָס די טאַטעס זייערע זײַנען געווען אױף די פֿראָנטן, און אַזוי אַרום געגעבן די מאַמעס אַ מעגלעכקייט צו גיין אַרבעטן.

נאָך דער מילכאָמע, ווען די טאַטעס האָבן זיך אומגעקערט, (און אַ־סאַך האָבן זיך ניט אומגעקערט...) זײַנען די קינדער אַלץ איינס געבליבן

אַף העפקער, ווײַל אַף אויסצובויען גענוג קינדערהיימען און שולן אין די אָרעמסטע אַרבעטער־קוואַרטאַלן האָט דער רעגירונג און דעם שטאָט־ראַט ניט געקלעקט קיין ברייטהאַרציקייט. איז בײַ די פרויען גלײַך אויפגעקומען דער געדאַנק: פאַרוואַנדלען די צײַטווײַליקע און לויזע קינדער־גרופּעס אין שטענדיקע קינדער־גערטענער. אײַ, קויעך? איז דאָך פאַראַן אַזאַ מין מאַמיש־וואַרעמער געפיל ווי פרויען־סאָלידאַריטעט אין פּראָגרעסיוון יִדישן אויסלאַנד.

האָבן זיך טאַקע אָפּגערופן איבער אַ צענדליק אויסלענדישע יִדישע פרויען־אָרגאַניזאַציעס, ספּעציעל פון צפון־אַמעריקע און אויך אונדזער היגע איקופּישע פרויען־אָרגאַניזאַציע, און צוזאַמען טראָגט מען ליכט און לעבן פאַר די סאַמע אָרעמסטע אויפעלעך, כאָטש טאָן האָט עס גע־דאַרפט דאָס בילדונגס־מיניסטעריום פון יִשׂראל.

עס פונקציאָנירן איצט 4 קינדער־גערטענער: 3 יִדישע אין טעל־אוויוו און 1 אַראַבישער אין כייפע. אַף צוצוקומען צו די דאָזיקע קינדער־גערטנער דאַרף מען אָפט דורכקריכן דורך גראָבנס און מיסטבערג, און אין צײַט פון רעגן דאַרף מען אָנווענדן אַ ספּעציעלע שפּרונג־סטראַטעגיע...

אין פאַרגלײַך מיט דער ראַבוועס פון אונדזערע היגע איקופּישע קינ־דער־גערטענער, זײַנען די דאָרטיקע — פּיצעלעך און ברעקעלעך; און אויך אַלע אינערלעכע אײַנריכטונגען און דידאַקטישע מאַטעריאַלן זײַנען אָן אַ ערעך אָרעמער און באַגרענעצטער אין אַלע הינזיכטן. די פּראָגראַם שיידט זיך ניט אונטער פון די איבעריקע קינדער־גערטענער. די שפּראַך איז, פאַר־שטייט זיך, העברעיִש, און דער לערן־מאַטעריאַל ווי אויך אַפילע דער צערעמאָניאַל, וואָס איז פאַרבונדן מיט די טראַדיציאָנעלע יאָנטויווים, ווערט אָפּגעהיט און געפּראַוועט אַזוי ווי אומעטום אין יִשׂראל.

די קינדער־גערטענער פילן אויס אַ וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פונקציע. פון די אָרעמע מישפּאָכעס, וואָס וווינען אָפט זאַלבעזעקסט און אַפילע זאַלבעאַכט אין איין צימערל, ווערט אַראָפּגענומען אַ לאַסט, ווײַל די קינדער ווערן באַשפּײַזט און טיילווײַז באַקליידט. אויסער דעם באַקומט מען אַ צוטריט צו דער באַפעלקערונג, וואָס געפינט זיך אַף דער פעריפעריע פון די קינדער־גערטענער, און מען קען נעמען פירן צווישן די דאָזיקע שיכטן אַן אויפקלערערישע קולטור־אַרבעט, נייטראַליזירנדיק די לומפּן־טעאָריעס פון די כיירות־לײַט, וואָס האָבן אַ האַשפּאָע אַף די דאָזיקע דערשלאָגענע און אויסגעמוטשעטע מענטשן.

פאַר קינדער אין שול־עלטער עקזיסטירט די פּיאָנערן־אָרגאַניזאַ־ציע „ילדי עמל" (אַרבעט־קינדער), וואָס גייט, פאַרשטייט זיך, אַף גאָר

אַנדערע וועגן ווי די אַלגעמיין־מעלוכישע פאַרשאָוויניזירונג און פאַר־טאַנאַכיזירונג פון די צאַרטע געמיטער...

אין אַקטיוו פון די פּראָגרעסיווע אויפטוען דאַרף מען אויך אַריינ־רעכענען די ליגעס פון פריינטשאַפט מיטן ראַטנפאַרבאַנד און מיט די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער. אין אַלע גרעסערע שטעט געפינען זיך די אַזוי גערופענע „פריינטשאַפט־הייזער" (בתי ידידות). דאָס זיינען קלובן פון מענטשן־ליבע, ווו מען אָטעמט סיי מיט יִסראָעל און סיי מיט דער נייער וועלט, און ווו עס ווערט צונישט געמאַכט טאָג־טעגלעך די גרילציקע בען־גוריאָנישע פּראָפּאַגאַנדע, אַז די מעדינע און די פאָלקס־דעמאָקראַטישע ערד זיינען 2 קעגנזעצלעכע טערמינען, 2 זאַכן וואָס שליסן זיך אויס...

אויסדויער און העלדישקייט קעגן אומכיין און כיירעם

די פּראָגרעסיווע באַוועגונג פאַרמאָגט אויך אַן אייגענעם קיבוץ — „יד חנה" (יאַד כאַנאַ, — אָפּן נאָמען פון כאַנע סענעש).

ווי אַ רויטע טוך אַף אַן אָקס, אַזוי ווירקט דער דאָזיקער קיבוץ אַף די אָפיציעלע פאַרזאָרגער. פון אָנהייב האָט מען געפּרוּווט די קיבוצני־קעס פאַרטרייבן פון באָדן, אָבער אַזוי ווי דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבן, האָט מען דעם קיבוץ גענומען פאַרקוועטשן אין אַ רינג פון סינע, אָרעמקייט און אויסגאַנגסלאָזיקייט. מען האָט געפּרוּווט אומברענגען דעם קיבוץ מיטן קויעך פון פאַרמאַכטן בייטל און פון דער אויסגעשטעלטער פייג. קיין שום קרעדיט איז ניט צוגעטיילט געוואָרן, קיין שום שטיצע, קיין שום סימען פון מיטלייד, כאָטש דער קיבוץ געפינט זיך אַף דער סאַמע גרענעץ און איז אַ לעבנס־פונקט פאַרן לאַנד.

די כעוורע האָבן אָבער אויסגעהאַלטן, סיי פיזיש, סיי עקאָנאָמיש און סיי אידעאָלאָגיש, און מען איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער נויט און מיט די פאַרפאָלגונגען.

די ערשטע גרופּע קיבוצניקעס האָט געשטאַמט פון אונגאַרן; איצט וווינען דאָרט יִידן פון 12 פאַרשיידענע לענדער, און כאָטש זיי לעבן ניט קיין האָניק, זיינען זיי אָבער זיכער, אַז די האָניק־צייט וועט ניט פאַר־שפּעטיקן...

ווען מען סומירט אַלע גרויסע און קליינע אויפטועַן פון דער פּראָ־גרעסיווער באַוועגונג אין יִסראָעל און ווען מען דערמאָנט זיך אין די קנוילן סינע, וואָס זיינען אַזוי ווי שטעכל־דראָט געדיכט אָנגעדרייט אַרום

די דאָרטיקע אוואַנגאַרד־קויכעס, קען מען מיט צופרידנקייט זאָגן „דיינו" (דאַיעינו), ביפראַט אַז דאָס אַלץ וואָס איז שוין פאַראַן טראָגט אויף זיך סימאָנים פון נאָך ווייטערדיקער פונאַנדערשפּראָצונג. אַלץ וואָס איז עכט־פּראָגרעסיוו מוז וואַקסן ווייטער. אַנדערש קען גאָרניט זיין!

יִשׂראל האָט פאַר אונדז באַקומען אַ שענערן און טיפערן זין ערשט דאַן, ווען מיר האָבן זיך געפונען אָט אין דער דאָזיקער נייוועלטיקער סוויווע, אָט צווישן די דאָזיקע באַגייסטערטע מענטשן, אָט צווישן די דאָזיקע פּאָרויספירנדיקע אינסטיטוציעס.

קוקנדיק אויפן ציוויל ן העלדנמוט פון די דאָזיקע מענטשן און אויף זייער פּערמאַנענטן, פּראָנטאַלן קאַמף קעגן שאָוויניסטישן שעקער, האָבן מיר באַקומען נאָך מער גלויבן אין דער מעדינע און עס האָט זיך געשטאַרקט אונדזער זיכערקייט אין דער מאַזל־בראָכעדיקער אַנטוויקלונג פון איר ווייטערדיקן געשיכטלעכן גוירל.

39. וואָס עסט מען און ווי וווינט מען אין יִשׂראל?

שפּייז

שפּייז איז אין יִשׂראל ניט קיין „לייכטער ביסן", אָבער מען פּאַסט ניט, כאָלילע, קיין טאַנייסים און מען עסט אַ סאַך מער וויפל אַן אויסלענדער שטעלט זיך פאָר. ווען דער אויסלענדער קומט נאָך פון אַזאַ מין אַבילע־לאַנד ווי אַרגענטינע, גיט ער אַ טראַכט וועגן יִשׂראל: דאָס לאַנד איז קליין און אָרעם, און ווער וויים צי מען קען זיך דאָרט פאַרגינען צו עסן צו דער זעט?..

ווייזט זיך אַרויס, אַז די לאַגע איז אַזוי ווי אומעטום. דאָס „פאַרגינען זיך" איז ניט אָפּהענגיק פונעם לאַנד, נאָר פון דער אינדיווידועלער לאַגע פון יעדן עסער...

אַלץ איז דאָ אין יִשׂראל און אַלץ איז אָפּהענגיק פון דער קעשענע. פון דעם איז שוין געדרונגען, אַז ניט אַלץ וואָס עס איז דאָ איז גרייט פאַר אַלעמען...

אַ סאַך פון דעם וואָס דאָס לאַנד פאַרברויכט, שטאַמט פון אויסלאַנד (ברויט און רינדערן־פליייש); אַ סאַך וואַקסט און ווערט פּראָדוצירט אין לאַנד (מאַראַנצן, ווייַנטרויבן, גרינסן, בוימל, וויין); און אַ סאַך פון דעם

וואָס איז דאָ אין לאַנד, האָט מען זיך דערטראַכט צו פּראָדוצירן קינסטלעך: קינסטלעכע הינער, קינסטלעכע פיש, קינסטלעך פּוטער...

די הינערצוכט אין די קיבוצים, אַף דער באַזע פון אויסבריען קינסטלעך הינדעלעך, האָט זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז ס'איז מעקויעם געוואָרן אַף די אויפעס די ביבלישע בראָכע פון „פּרו ורבו ומלאו את הארץ" (פּלאָדיעט זיך און פאַרמערט זיך, און פילט אָן דאָס לאַנד). אויסער דעם ווענדט מען אָן פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע מיטלען, אַז די הינדלעך זאָלן שנעלער וואַקסן, זאָלן פריער און אָפטער לייגן אייער און אַז די ענדלעך זאָלן אָננעמען אַף זיך וואָס מער פלייש.

קעדיי די הינער זאָלן שנעלער וואַקסן און ווערן פּראָדוקטיווער, האַלט מען זיי אַף אַ פרעס־דיעטע. און קעדיי זיי זאָלן פרעסן טאָג און נאַכט, האַלט מען, אין געוויסע הינער־שטאַלן אָנגעצונדן די עלעקטריע ביז אין די שפּעטע נאַכט־שאָען. די הינער מיינען, אַז ס'איז טאָג און זעצן פאָר מיטן פּיקן... די הון איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן איי־מאַשין, וואָס דאַרף וואָס ווייניקער שלאָפן און וואָס מער עסן, קעדיי וואָס מער צו לייגן...

פאַראַן הינער־שטאַלן, וווּ די אויפעס טראָגן ספּעציעלע הינער־ברילן, וואָס דערלויבן זיי ניט צו זען קיין אַנדער זאַך ווי דאָס קאָריטקעלע מיטן עסן און וואָס לאָזן זיי ניט באַלעמוטשען די צײַט אַף נאַרישקײַטן... דורך די דאָזיקע ברילן זײַנען זיי אויך באַשיצט פון די שנאָבלען פון די שאָכנטעס, ווײַל אין די הינער־שטאַלן איז אַזוי ענג, אַז די הינער פּיקן זיך אָפּט אַרײַן איינע די אַנדערע אין די אויגן...

אַ העלפט פון די קורטשוקלעך, וואָס ווערן געבוירן אין די ברי־מאַשינען זײַנען ענדלעך. איז אַף וואָס פאַראַ קאַפּאָרעס דאַרף מען זיי האָבן?.. אַז קיין אייער וועלן זיי ניט לייגן, און אַפּעטיט האָבן זיי, און אָרט פאַרנעמען זיי, און צו די הינדלעך טשעפּען זיי זיך און שטערן זיי אין עסן?.. איז אײַנגעפירט געוואָרן אַ סיסטעם פון אָפּנעמען בײַ זיי דאָס וואָס די נאַטור האָט זיי געגעבן — זייער הענערישקײַט. אָדער מען קאַסטרירט זיי דירעקט, אָדער מען שיסט זיי אַרײַן אין אַ געווויסן פּונקט פון שאַרבן פּילעכלעך מיט הינערשע האָרמאָנען. דאָס איז אַזאַ מין ביאָלאָגישע קאַסטרירונג, וואָס פאַרוואַנדלט זיי, אָן כירורגישער בלוט־פאַרגיסונג, אין געשלעכטלאָזע באַשעפענישן. זיי ווערן שנעל גרויס און פעט, און זייער פלייש איז טאַם גאַניידן. די דאָזיקע ביאָלאָגישע טעכניק איז באַקאַנט אין זייער ווייניק לענדער.

אַז ס'איז דאָ אַסאַך הינער, „באָדט מען זיך", פאַרשטייט זיך, אין אייער. עס זײַנען דאָ צײַטן, וואָס מען ווייס מאַמעש ניט וואָס צו טאָן מיט

די מיליאָנען אייער. מען האָט זיי שוין עקספּאָרטירט קיין אויסלאַנד בעצאַצי־בינעם, געמאַכט אייער־פּראָשקעס, אָבער דער קריזיס פון אייער־איבערפלוס כאַזערט זיך אָפּט איבער.

מען דאַרף ניט מיינען, אַז צוליבן דאָזיקן איבערפלוס זיינען אייער און הינער בעזיל־האַזאַל. פאַר אַן אָרעמאַן אין יִשׂראל איז אַ הינעריש יאָיכל נאָך אַלץ אַ פּראָבלעם...

יִדן זיינען אַ פאָלק, וואָס האָט ליב ניט נאָר הון, נאָר אויך פיש... אַזוי אָבער ווי מיט דעם יאַם און אַפילו מיט דער קינערעט־אָזיערע זיינען נאָך די יִשׂראל־יִדן ניט שטאַרק היימיש, אין פישפאַנגערישן זינען, האָט מען זיך אויך דאָ דערטראַכט צו עפּעס באַקוועמערס, ווייל ווי שטייט עס געשריבן אַז נאָך פיש דאַרף מען אָנקומען דאַווקע צום יאַם אָדער צו אַן אָזיערע?..

האָט מען אין אַסאַך ערטער, אין יִשׂראל, געשאַפן קינסטלעכע סאַזשעלקעס, ווו מען פאַרזייט רויגן פון קאַרפּן, און גאָר שנעל ווערן די דאָזיקע גרויסע קינסטלעכע וואַסער־באַסיינען אָנגעפילט מיט לעבעדיקע און צאַפּלדיקע, און „עכט־יִדישע" קאַרפּן־פיש...

אין די שפּייז־געשעפטן זיינען פאַראַן ספּעציעלע צעמענטענע טאַנקען, ווו עס שווימען אַרום „פּאַרטיקע" קאַרפּן, און אַז אַ באַלעבאָסטע וויל באַצייטנס אָנגרייטן אַף יאָנטעוו עטלעכע לעבעדיקע קאַרפּן, לאָזט זי זיי אַריין אין דער וואַנע פונעם באַדצימער...

אַן אויסגעצייכנטער קינסטלעכער אַרטיקל, וואָס פאַרבייט פּוטער, איז מאַרגאַרין. סיי לויט זיין אויסזען, סיי לויט זיין טאַם און סיי לויט זיין שמירעוודיקייט, איז דער דאָזיקער יִשׂראל־מאַרגאַרין, עכטער, שמעקעדיקער און געשמאַקער פּוטער. אויך דער קאָליר און דער גלאַנץ איז פון עכטן פּוטער, אין קעגנזאַץ, לעמאָשל, צו די געלכלעך פון די יִשׂראל־אייער וואָס האָבן אָפטמאָל אַ גרינלעכן קאָליר, אָדער צו די געהאַקטע לעבערלעך, וואָס זיינען ניט ברוין נאָר גראָ.

דער דאָזיקער יִשׂראל־מאַרגאַרין איז אַ פיינער כעמישער צונויפגעמיש פון אייַלן און געוויקס־עקסטראַקטן, וואָס „נאַרט־אָפּ", אַף אַ פּערפעקטן אופן, די „פּוטער־נערוון" פון דער צונג און וואָס לאָזט ניט איבער קיין פעטס אינעם אָרגאַניזם. דער מאַרק איז פאַרפלייצט מיט אַלטן, געזאַלצענעם פּוטער פון די אימפּאָרטירטע צאָפן־אַמעריקאַנער „איבערבלייבעכצן", אָבער דער דאָזיקער עכטער פּוטער איז פונדעסטוועגן ניט מעסוגל צו קאָנקורירן מיטן פאַלשן...

דער טאָג־טעגלעכער מעניו איז פול מיט גרינסן און גאָרטנוואַרג. עס

זײַנען פֿאַראַן, עס ווערן קעסיידער אויסגעטראַכט, און עס ווערן נאָכאַנאַנד רעקאָמענדירט הונדערטער געריכטן פֿון יעראָקעס. פֿון גרינסן מאַכט מען קאָטלעטן און לאַטקעס און טייגעכצלעך, און וואָס נאָר אַ מויל קען ריידן. דער העלד פֿון טאָג איז דער טאָמאַט, אָבער אַז ער ווערט צו פּרוכפּערדיק און נעמט באַדראָען די מאַרק־פּרײַזן, פֿאַרניכטעט מען אים אָדער מען דערטרינקט אים אין יאַם...

אויסער אַן אָנדערטהאַלבן צענדליק מינים ברויטן און כאַלעס, געפֿינט מען אין ייִסראָעל קאָלערליי געבעקסן, נאַשערײַען און אַלע דעליקאַטעסן פֿון דער וועלט, אַף צופֿרידנצושטעלן דאָס טרייפֿענע האַלדז פֿון די אַלע, וואָס האָבן און קענען...

וויסנשאַפֿטלעכע אָנשטרענגונגען ווערן געמאַכט אַף צו פֿאַרבעסערן און אויסאיידעלן די פּרוכטן פֿון לאַנד. ווען מען באַמערקט אין ספּעציעל־געפֿלעגטע פּרוכט־גערטנער געשפּענסטן אין לײַלעכער, דאַרף מען זיך ניט דערשרעקן... דאָס זײַנען ניט קיין מייסים, וואָס שפּאַצירן אַף די פֿעלדער, נאָר פּרוכטבוימער אײַנגעוויקלטע אין לײַוויינטן אָדער אין טולן. מען טוט עס, קעדיי צו באַשיצן די עקספּערימענטן, וואָס ווערן געמאַכט אַף זיי, אָדער קעדיי צו איזאָלירן זיי פֿון די אינסעקטן. ניט זעלטן זעט מען, אַז דעליקאַטע פּרוכטן אַף די ביימער זײַנען אָנגעטאָן אין העמדעלעך אָדער זעקעלעך. די דאָזיקע אינדיווידועלע העמדלעך באַשיצן יעדע פּרוכט פֿונעם אָנגריף פֿון זומער־פֿייגעלעך און פֿליגעלעך, וואָס יעדער קאָנטאַקט זייערער מיט דער פּרוכט איז אַן אָנזאָג פֿון אַ שפּעטערדיקן אינעווייניקסטן וואָרעם...

די ווייניקער באַשיצטע פּרוכטביימער און ווײַנשטאָקן באַקומען אַ שפּריץ פֿון שוועבל־צעלאָזונגען, קעדיי צו פֿאַרשטאַרקן זייער זעלבסטשוץ קעגן אַלע פֿליִענדיקע און קריכנדיקע שלעק...

עס איז ניטאָ קימאַט די שטוב, ווו עס זאָל זיך ניט געפֿינען דאָס טראַדיציאָנעלע פֿלעשל קאַרמעל־ווײַן. דאָס איז אַ דעסערט־ווײַן אַף לעכאַימס. קײַן טיש־ווײַן צום עסן נוצט מען קימאַט ניט, אויסער בײַ די טישן פֿון די גאָר גרויסע נעגידים, אָדער בײַ גאָר געהויבענע געלעגנהײַטן. דעם געווינטלעכן דורשט שטילט מען מיט די פֿאַרשיידענע מיצן און גאַזאָזן (דערפֿרישנדיקע געטראַנקען) און מיט סאָדע־וואַסער, אָבער דער סאַמע פּאָפּולערסטער געטראַנק איז נאָך אַלץ וואַסער...

ס'איז אַלץ פֿאַראַן און קיין זאַך איז ניט ביליק, אַזוי אַז דאָס דורכשניטלעכע פֿאָלק דאַרף זיך גוט רעכענען מיט יעדן גראָשן. פֿאַראַן טישן, וואָס ברעכן זיך פֿון גוטס, און פֿאַראַן טישן, וואָס ווייסן ניט פֿון קיין הון

און פֿון קײן קאָרף, און װוּ עס פֿײַפֿט גאַנץ פֿײַן דער דאַלעס, װי דער מינהעג־האָאוילעם איז...

װױנונגען

די װױנונג־נױט, װאָס איז אַ װעלט־פּראָבלעם, איז באַזונדערס שאַרף אין ייִסראָעל, װוּ „שיכון" (שיקון — װױנונג) איז מאַמעש אַ צױבער־װאָרט.

אין ייִסראָעל, װוּ עס קרײַזן איבערן קאָפּ אַזױ פֿיל דײַגעס, איז דער „דאַך איבערן קאָפּ" די דײַגע נומער אײנס. דינגען אַ װױנונג איז קימאַט אוממעגלעך, װײַל ס'איז ניטאָ. „לײַכטער" איז שױן קױפֿן, אָבער קױפֿן הײסט ניט פּראָסט פּאָשעט נעמען און קױפֿן... קױפֿן הײסט אין ייִסראָעל געבן שליסל־געלט, און דער באַטרעף פֿונעם שליסל־געלט איז אַזױ הױך, אַז ער דערגרײכט קימאַט צו עמעסן װערט פֿון דער דירע... און דער װערט פֿון אַ ברעקל דירע איז אַרום צען טױזנט פֿונט. פֿאַרדינען פֿאַרדינט מען דורכשניטלעך צװישן 200 און 250 פֿונט אַ כױדעש, און דאָס קלעקט קוים אָפּן לעבן... הײסט עס, אַז מען דאַרף האָבן זײַטיקע געלטער. טאָ פֿון װאַנען זאָל מען זײ נעמען, אױב מען האָט ניט קײן שטיקל קאַפּיטאַל, אָדער אױב אַ גוטער ברודער העלפֿט ניט אַרױס, אָדער אױב עס געשעט ניט קײן נעס?...

אָבער סײַ קאַפּיטאַל און סײַ גוטברודערשאַפֿט װאַלגערן זיך שױן לאַנג ניט אין די גאַסן; ניסים זײַנען געשען אין מױשע־ראַבײנוס צײַטן, און די בענק אײַלן זיך ניט צו מיט קײן קרעדיטן. זײ גיבן אַזױנע מענטשן, װאָס נײטיקן זיך שױן ניט, באַרכעשעם, אין קײן דירע...

אין טאַקע די לאַגע אַזאַ, אַז, פֿון אײן זײַט, לעבט מען װי הערינג אין אַ פֿעסל, סײַ אין די מאַאַבאָראָט (אימיגראַנטן־לאַגערן), סײַ אין די פּאַרשטאָטישע קװאַרטאַלן, װוּ עס איז צונױפֿגעדריקט שיכטנװײַז די אָרעמ־קײט; אָבער, פֿון דער צװײטער זײַט, זײַנען פֿאַראַן לוקסוס־דעפּאַרטאַמענטן, װאָס פֿאַרכאַפּן אַן אױג און װאָס מען גלױבט גאָרניט, אַז זײ געפֿינען זיך אין ייִסראָעל, אַזױ אױסגעצירט זײַנען זײ אין עסיק און אין האָניק... סאַראַ ראַכװועס, סאַראַ באַלקאָנען, סאַראַ מעבל, סאַראַ באַקװעמלעכקײטן!.. און פֿאַרשטײן דאַרף מען, אַז בײַ קײן גאָר גרױסע מאַגנאַטן איז דאָך אונדז ניט אױסגעקומען צו זײַן...

דאָס באַאַמטנטום, דאָס סױכערטום און די פּראָפֿעסיאָנאַלן האָבן שע־נערע װױנונגען װי דער זעלבער קלאַס מענטשן אין אַרגענטינע, און אין

אַלגעמיין קען מען זאָגן, אַז דאָס „אויבערשטע" ייִשׂראָעל איז ווײַט פון דער „אונטערשטער" ווי הימל פון ערד און עפּשער נאָך ווײַטער...

עטלעכע שאָ אין אַ לוקסוס־האָטעל

עס זײַנען פאַראַן אין ייִשׂראָעל לוקסוס־האָטעלן, ספּעציעל פאַר די דאָלאַר־לײַט, וואָס דאַרפן אפילו קיין וויזע ניט אױף אַרײַנצוקומען אין לאַנד. אין ביכעלע אינסטרוקציעס פאַר טוריסטן, ווו עס זײַנען אויסגערעכנט אַלע פאָרמאַליטעטן אױף צו באַקומען אַ ייִשׂראָעל־וויזע און וואָס זײַנען גילטיק פאַר אַלע לענדער פון דער וועלט, אויסער פאַר צפֿון־אַמעריקע, זאָגט זיך: „די בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן דאַרפן זיך ניט געבן די מי צו באַקומען אַ ייִשׂראָעל־וויזע אױף אַרײַנצופאָרן קיין ייִשׂראָעל. זייערע פּעסער וועלן געשטעמפּלט ווערן אָן שום שוועריקייט בײַם אָנקומען אין לאַנד". מען וויל זיי, הייסט עס, פאַרזיכערן, אַז זיי פאָרן ווי צו זיך אַהיים...

צוליב דעם וואָס אונדזער אַוויאָן קיין איטאַליע האָט זיך פאַרשפּעטיקט אױף עטלעכע שאָ, האָט אונדז די לופט־געזעלשאַפט „אל־על" אײַנגעקוואַרטירט אין איינעם פון די דאָזיקע האָטעלן — אינעם „שאַראָן" פון הערצליאָ, ניט צוליב אונדזער קאָוועד וועגן, נאָר צוליבן קאָוועד פון די ייענקישע דאַמען און הערן...

דער האָטעל געפינט זיך אױף אַ בילדעריש בערגל, הארט באַם יאַם, מיט אַן אייגענער פּליאַזשע, גערטנדלעך, שפּאַציר־בריקלעך, טעראַסעס, וואַסער־באַסיינען, און ער איז אַזוי ווי אָפּגעטיילט מיט אַ פּאַס פון וווילטאָג פון אַרבעטנדיקן לײַדנדיקן ייִשׂראָעל. אַלץ אַרום שמעקט דאָ מיט קאַליפאָרניע און מיט מיאַמי ביטש...

די ברייטע אינערלעכע סאַלאָנען אָטעמען מיט אַריסטאָקראַטישן קאָמפאָרט. צווישן ברייט־געגלאָזטע טירן, וואַנט־מאָלערײַען, טעפּיכער, ווייכן מעבל, אַבאַזשורן, קאַמינען, אויסגעצאַצקעטע קלייניקייטן און געדעמפּטן ליכט, רוט די שאַלווע פון אויפגעקומענער גווירישקייט און פון סנאָבישער „העכערקייט". די קאָסמאָפּאָליטישע, וועלט־סענסאַציאָנעלע זשורנאַלן „לײַף" און „פּאַרי מאַטש" גלאַנצן אַראָפּ פון די לאַקירטע לייען־טישלעך, און אַלע ווײַלע קומט צו צו אײַך אַ האָטעל־מיידל און פרעגט אײַך אױף ענגליש צי עס איז אײַך כאָלילע ניט טרוקן אין האַלדז... זי איז גרייט אײַך מעכאַבעד צו זײַן מיט אַ קאָקטעל, מיט אַ וויסקי, מיט אַ קאָניאַק, מיט אַן אַפּעריטיוו, מיט אַ ברענדי, אַבי צו לעשן מיט אַן איידעלן געטראַנק אײַער אַריסטאָקראַטישן דורשט...

אַזוי ווי מיר האָבן ניט געוווּסט צי די דאָזיקע איידלקייט איז אַן אומזיסטע אָדער האָט אַ פּרייַז, האָבן מיר זיך, מיט אַריסטאָקראַטישע מאַניערן, אָפּגעהאַלטן פון מאַניפעסטירן אונדזער דורשט...

ערשט שפּעטער, בײַם אָוונטברויט, האָבן מיר זיך איבערצײַגט, אַז סטאַם איידלקייט עקזיסטירט ניט אויף דער וועלט...

אויף אונדזער טישל איז געשטאַנען אַ קליין פלעשל איינפאַך טיש־ווייַן, פון ווייניקער ווי אַ האַלבן ליטער, און האָט זיך מאַמעש געבעטן בײַ אונדז, אַז מיר זאָלן עס ניט איגנאָרירן. זײַענדיק זיכער, אַז דאָס איז מען אונדז ספּעציעל מעכאַבעד אַפן כעשבן פון דער פאַרשפּעטיקונג פון אַוויאָן, האָבן מיר געלאָזט דאָס פלעשל אין גאַנג, און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז פאַרן גאַסטפרײַנטלעכן טיש־ווײַן האָט מען אונדז פאַררעכנט, לויטן איצטיקן מאַטבייע־קורס, 150 פּעזעס...

אויף אַזאַ אויפן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אַ קאַרגער ליטער טיש־ווײַן קאָסט אין „שאַראָן" 300 פּעזעס, אָבער דערפאַר האָבן מיר זיך עט־לעכע שאָ געפונען אין דער הויט פון אַמעריקאַנער מאַגנאַטן...

40. מאָמענטן פון לעבנס־שטייגער

פאַרווײַלונגען

פאַרווײַלונגען אין ייִסראָעל טראָגן בעאיקער אַ קולטור־כאַראַקטער, כאָטש אין די פּאָר גרעסערע שטעט זײַנען אויך פאַראַן קאַבאַרעטן, נאַכט־לאָקאַלן און געשלאָסענע ווינקעלעך, וואָס קענען אַרײַן אין דער קאַטעגאָריע „צו הײם (צו געזאָלצן) פאַר פאַריז" (אַ ניו־יאָרקער אויסדרוק).

קיין פערד־געיעגן און קיין אָפיציאַליזירטע אַזאַרט־שפּילן זײַנען נאָך דערווײַל נישטאָ; קיין טעלעוויזיע — אויך ניט.

די יוגנט איז פאַרקאָכט אין קינאָ און איז אויסגעבונדן מיט די נע־מען און מיט די אַוואַנטורע־געשיכטעס פון די קאָל־האַמינים סטאַרן. די הויפּט־אַטראַקציע פאַר אַלעמען איז, אָבער, טעאַטער און ספּעציעל די „הבימה", וואָס איז, אין 1958, צו איר אַלט ווערן 40 יאָר, דערקלערט גע־וואָרן ווי דער נאַציאָנאַלער טעאַטער פון ייִסראָעל.

אין די 40 יאָר פון איר קונסט־לעבן האָט די „הבימה" אויפגעפירט 158 פּיעסן און געגעבן 10.725 פאָרשטעלונגען. ניט געקוקט וואָס דער

העברעיִשער נאַציאָנאַלער טעאַטער ברענגט אַרויס אַף זײַנע בינע־ברעטער דאָס סאַמע בעסטע פון דער וועלט־דראַמאַטורגיע, פאַרנעמען ביז איצט די ערשטע 5 ערטער אינעם רעפּערטואַר פון אירע אויפגעפירטע ווערק, פּיעסן איבערגעזעצטע פון יידיש. דאָס זײַנען אַנסקים „דער דיבוק", לייוויקס „דער גוילעם", פּינסקים „דער אייביקער ייד", שאָלעם־אַליינכעמס „טעוויע דער מילכיקער" און גאָרדינס „מירעלע עפראָס". דאָס איז, כּאַלילע, ניט קיין אײַנשטעלונג אַזאַ פון טעאַטער גופא, נאָר די פאָדערונג פונעם פּובּ־ליקום, פונעם קולטור־אַנגעזאַפּטן, יידיש־ליבנדיקן אַמכאָ...

אונדז איז אויסגעקומען צו זען אין „הבימה" אָרן מעגעדס „כּאַנע סענעש", ווו עס זײַנען אויפגעטראָטן די באַרימטע ווערטראַנען פון דער מאָסקווער עפּאָכע, ווי ראָווינאַ, מעסקין, בערטאָנאָוו און די יונגנטלעכע צאַברע מיריאָם זאהאַר — אין דער הויפּטראָל. די פּיעסע איז געווען גע־בויט מער אַף פּסיכישע גריבלענישן און קימאַט אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער קעמפערישער און יודנראַטלערישער ווירקלעכקייט.

אין האָל פון טעאַטער איז געווען אײַנגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון כּאַנע סענעשעס יוגנט־פאַרמעגן: קליידונג, העפטן, בריוו, דיפּלאָמען און קלייניקייטן, און די דאָזיקע פאַשעטע רעליקוויעס האָבן אַרײַנגעבראַכט שטימונג, אַזוי אַז שוין אין האָל האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָלאָג פון ספּעקטאַקל...

דער טעאַטער אַליין האָט פאַרנעם און ווירקט אַפּן געמיט מיט זײַן אָנגענעמער, קײַלעכדיקער סטרוקטור און מיטן טונקל־רויטן קאַרשן־קאָליר פון זײַן אינעווייניקסטן כּאַלאַל.

עס זײַנען ביז גאָר באַליבט צווישן „בעסערן" אוילעם די אַנדערע 2 קלענערע העברעיִשע טעאַטערס „אָהעל" און „קאַמרי", און גאָר שטאָלץ איז מען אַף דער אָקערשט־געעפנטער אייגענער אָפּערע און אַפּן סימפאָ־נישן אָרקעסטער, אין וועלכן עס שפּילן וועלט־באַקאַנטע אינסטרומענ־טיסטן. דער דאָזיקער אָרקעסטער האָט שוין אַפּילע באַוויזן אַזאַ מין העל־דישקייט ווי שפּילן אַזש אין וואַטיקאַן, קעדיי אָפּצוגעבן קאָוועד און פאַר־שאַפן פאַרגעניגן דעם הייליקן פאָטער...

ניט געקוקט אַף אַלע נעגישעס, שוועריקייטן, שטײַערן און שיקאַנעס, מיט וועלכע מען וויל דערשטיקן די היימלאָזע און וואַנדערנדיקע טעאַטערס אין יידיש, רײַסן זיי זיך פונדעסטוועגן דורך דורך אַלע שטערונגען, ווײַל זיי געפינען שנעלער אַ וועג צום געמיט פון פאָלק און ריידן צו אים אַף דער האַרציקער שפּראַך, „וואָס יעדער איינער פאַרשטייט"...

ווען מיר זײַנען געווען אין יִסראָעל, האָבן זײַט בײַ זײַט מיט די 3

העברעיִשע טעאַטערס, געשפּילט 3 יידישע, און צו די יידישע האָט גע־שטראָמט אַ 2 מאָל גרעסערער עולם ווי צו די העברעיִשע. י. בולאָוו האָט געשפּילט „אַנאַ פראַנק", דזשיגאַן און שומאַכער — „איינס אין איינס" און אַ מוזיקאַלישע טרופּע — „סימכעס באַ יידן". די צופּעליקע יידישע טעאַטערס מיסברויכן אָפט מיט דער ריינקייט און ערנסטקייט פון אינהאַלט און פּאַרוולגאַריזירן אָפטמאָל דאָס יידישע וואָרט, ווײַל ס'איז ניטאָ קיין געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל און ווײַל דער אויסגעהונגערטער עולם שטעלט זיך צופרידן מיט „אַבי וואָס". אַ פאַקט איז אָבער, אַז אין ישׂראל איז דאָ אָרט פאַר אַ ריינעם יידישן קונסט־טעאַטער, מיטן באַ־דינג, אַז ס'זאָל ניט הערשן די העברעיִזירנדיקע אינקוויזיציע פון דער רעגירונג.

אַלע טעאַטערס גאַסטראָלירן אין די קיבוצים און עס שפּילן דאָרט אויך, פון צײַט צו צײַט, איינענע ליבהאָבער־טרופּעס. אַלע קלענערע און גרעסערע יישובֿים זײַנען אויך פול מיט כאָרן און אָרקעסטערס. אַ נאַ־ציאָנאַלער אינסטרומענט איז די פלייט (חליל אָדער חלילית). ניטאָ קי־מאַט דאָס קינד אין ישׂראל, וואָס זאָל ניט פּײַפן אַף קיין פלייט. עס איז אויך אויפגעקומען אַ גאַנצע פלייטן־אינדוסטריע, וואָס גייט אַפילע אַף עקספּאָרט. אַ פּאָר צענדליק אַזוינע פלייטן האָבן מיר אַפילע מיטגענומען מיט זיך פאַר דער כעוורע פון אונדזערע שולן...

דיקטאַטור פון שאַבעס

שוין פרײַטיק מיטיקצײַט הייבט זיך אָן דער שאַבעס־פיבער, וואָס וואַרפט אַרײַן דאָס גאַנצע לאַנד אין אַ מין שאַבעס־כאַלאָשעס... גאָר פרי אינעם נאָכמיטיק נעמט מען שוין הערן דעם האַרטלעכן „שאַבאַט שאַלאָם", אַנשטאָט דעם היימישן פאָלקס־יידישן „גוט־שאַבעס".

אַז מען דרייט אויף דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, הערט מען ניט קיין אַנ־דער זאַך ווי דאָס ציקלען זיך פון אַ כאַזאַנישער שטים. נאָך די געדריידל־טע ליטורגישע „שטיקלעך", גיט מען איבער דאָס פרײַטיק־צו־נאַכטיקע דאַווענען, אַזוי ווי בײַ אונדז, לעהאַוודל, די זונטיקדיקע „מיסע"...

שוין פרייטיק פאַרנאַכט שטעלן זיך אָפּ די באַנען, די גאַסן־באַוועג־גונג און קימאַט אַלע קאָמוניקאַציע־מיטלען. בלויז איינצלנע „שאַבעס־דיקע" טאַקסיס, וואָס זײַנען שאַבעסדיק דערמיט וואָס זיי רײַסן אַ פּאָס, באַוועגן זיך איבערגעפּולטע דאָ און דאָרט. גראָד שאַבעס, ווען מישפּאָכעס וואָס זײַנען צעוואָרפן איבערן גאַנצן לאַנד, קענען זיך צונויפפאָרן, בלײַבט

מען אָפּגעשלאָסן און אָפּגעשניטן איינע פון די אַנדערע, און עס איז שווין שווער צו פּראַקטיצירן דאָס שאַבעסדיקע „גיין צו גאַסט". קימאַט אַנדערט־האַלבן טעג בלײַבט דאָס לאַנד פּאַראַליזירט, — אַ זאַך וואָס עס טרעפט אַפילו ניט אין די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע איסלאַמישע לענדער.

בלויז אין דער „רויטער בייפע" באַוועגן זיך עטלעכע שטאָטישע אָמניבוסן, אָבער די קוואַרטאַלן, ווו עס זײַנען דאָ באָטע־מעדראָשים, ווערן אָפּגעשפּאַרט פאַרן פאַרקער, קעדיי ניט צו שטערן דאָס דאַווענען... אין יערושאָלאַיִם טרעפט אָפט, אַז די מיליטאַנטן צווישן גאָטס סטראַפּטשעס וואַרפן שטיינער אַף דורכפאָרנדיקע אויטאָס, און כאָטש דאָס וואַרפן שטיינער איז אויך אַ כילעל־האַשאַבעס, מאַכט מען אָבער אַ העטער אַף דעם, ווײַל מען טוט עס צוליב אַ „העבערן אידעאַל"... די דאָזיקע גאָטס קאַזאַקן האָבן, אַגעוו, אָרגאַניזירט אין דער הייליקער שטאָט אַ שוואַרץ־געדיכטע, עקסטרעם־קריגעריש דעמאָנסטראַציע קעגן שטאָטישן שווים־באַסיין, ווײַל ס'האָט געדראָט די געפאַר, אַז זכאָרים און נעקייוועס זאָלן זיך דאָרט, ראַכמאָנאָ־ליצלאָן, באָדן צוזאַמען...

דער איניען שאַבעס איז איינער פון די צענדליקער קאָנצעסיעס וואָס דער רעגירנדיקער „סאָציאַליזמוס" האָט געגעבן דעם קלעריקאַליזם און די פרומאַקעס, אָבער פאַר גאָטס סטראַפּטשעס איז עס נאָך צו ווייניק. אויסער שאַבעסדיקע פּריווילעגיעס, פאָדערן זיי טאָג־טעגלעכע פּאָליטישע אונטערדריקונג, ווי עס שרײַבט דער מיזראַכי־פירער ד"ר רעפאָעל:

„עס וווּנדערט מיר אַף הויכע קולטור־טוער און אַף די וואָס פאַרשטייען אין סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגן, וואָס זיי שווײַגן און קוקן סיסטעמאַטיש אַוועק פון סאָציאַלן אויפרײַס־פּולווער, וואָס זאַמלט זיך אָן קופּעסווײַז און וואָס איז אָלעל, כאָס־וועשאָלעם, צו ברענגען אָן אומגליק אַף אונדזער ווערק און שאַפונג. — פון וואַנען זשע די זיכערקייט, אַז טיילן פון דער באַפעלקערונג, און יוגנט בעסויכאָס, וועלן ניט זינקען אין מ"ט שאַאַריי (שערי) עקסטרעמיזם? (49 טויערן פון עקסטרעמיזם). — ווו איז די באַריערע פאַר קאָמוניסטישע כוואַליעס — זיי זאָלן אונדז ניט פאַרפלייצן? אויב מיר וועלן זיך ניט שאַפן קיין שטאַרקע פעסטונגען, ווער וועט אונדז העלפן?".

שאַבעס אַליין איז טאַקע אַ פעסטונג, אָבער אַ צו שוואַכע... מען דאַרף נאָך, הייסט עס, האָבן פּאָליטישע באַריערן פון מעקאַרטישן שניט אַף צו באַשיצן דאָס הייליקע לעבן, וואָס דער גאָט פון יִיסראָעל האָט אונדז געשאָנקען...

ייִדיש

מיט ייִדיש פילט מען זיך פולשטענדיק היימיש אין ייִסראָעל, ווײַל כאָטש די שפּראַך „גרילצט" אין געוויסע „סאָציאַליסטישע" אויערן, איז קימאַט ניטאָ דער מענטש אין לאַנד, וואָס זאָל ניט פאַרשטיין דאָס ייִדישע וואָרט און וואָס זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו אים.

אַפילע העברעיִסטן, ווען עס קומט זיי אויס צו ריידן, ניט סטאָם אַף צו פאַרשטענדיקן זיך, נאָר אַף אויסצודריקן עפּעס נעשאָמעדיקס אָדער וויציקס, גייען זיי אַריבער אַף ייִדיש, און מען זעט, אַז זיי האָבן האַנאָע, כאָטש זיי האָבן דעם באַוווסטזײַן, אַז זיי „זינדיקן"...

די אָפיציעלע אײַנשטעלונג לעגאַבע ייִדיש איז ווײַטער איין־און־איינציקע: דערשטיקן. דערשטיקן ניט מיט גוואַלד, נאָר מיטן פוילן אָטעם פון פּערעצעס פּרומער קאַץ... דער אַמאָליקער שפּראַכיקער גאָסן־כוליגאַניזם איז פאַרשוווּנדן, און די עמעסע שפּראַך־באַריערן ווערן געבויט אַפן סאַמע ריכטיקן אָרט — אין די שולן. בלויז די רעליגיעז־דערצויגענע קינדער אין אַלט־יערושאָלאַים ריידן און שפּילן זיך אַף ייִדיש.

ייִדיש ווערט נאָך אַלץ באַטראַכט ווי אַ פרעמדשפּראַך, אָבער ניט ווי ענגליש אָדער פראַנצויזיש, אָדער דײַטש אַפילע, נאָר ווי אַ נידעריקע פרעמדשפּראַך... דערפאַר האָט מען זיך, לעמאָשל, אײַנגעאַקשנט, אַז די ייִדישע בירגערלעכע טאָג־צײַטונג, וואָס פאַקטיש האָט זי עקזיסטירט. ווי אַזאַ, זאָל כאָטש פאָרמעל ניט אויסזען ווי אַ טאָג־צײַטונג. 3 מאָל אַ וואָך האָט זי געהייסן „הײַנטיקע נײַעס" און די איבעריקע 3 מאָל — „לעצטע נײַעס". דאָס האָט טאַקע אויסגעזען ווי לעבערלעכע שטרוים־פּאָליטיק, אָבער דער פּרינציפּ פון אויסשליסן ייִדיש איז „געראַטעוועט" געוואָרן... לעצטנס האָט מען שוין אָפּגעשאַפט דעם דאָזיקן בעלעמער אַבסורד.

קעדיי צו קענען צוזואַקיש פאַרענטפערן זיך, אַז מען איז ניט קיין ייִדיש־פרעסער, גיט די היסטאַדרוט אַרויס דעם זשורנאַל „די גאָלדענע קייט" און עס איז אײַנגעפירט געוואָרן אַ קאַטעדרע פון ייִדיש אין אוניווערסיטעט, אָבער דער זשורנאַל מיט זײַן אַריסטאָקראַטישער פאַרקילטקייט און די קאַטעדרע מיט איר אַרכעאָלאָגישער מאַציווע־אײַנשטעלונג, זײַנען ניט קיין לעבעדיקע פאָלקס־פּאָזיציעס פון ייִדיש.

עס איז ניטאָ דער קלענסטער אויסקוק, אַז די לאַגע זאָל פאַרבעסערט ווערן, ווײַל אַפילע העברעיִזאַציע פון ייִסראָעל איז שוין איצט אַן אַנאַכראָניזם; עס איז פאַראַן אַ דרייסטערע און מאָדערנערע שיטע — העברעיִזאַציע פון גאָלעס...

אויב דער געמיט־צושטאַנד פונעם העברעישן גײַסט־מענטש אין יִשׂראל איז ניט קיין גוטער, איז אָבער דער דאָרטיקער ייִדישער שרײַבער מאַמעש אַ שיפּבראָכיקע ברעט, אַ נידעריקער גײַסט־פּאַריער, וואָס דאַרף, באַם פולן באַוווּסטזײַן, צוזען זײַן אייגענעם גײַסטיקן טרינקען זיך.

איז דען דעריבער אַ וווּנדער, וואָס אַזאַ מין דורכויסיקער ייִשׂראָעל־דיכטער ווי י. פּאַפּיערניקאָוו, זאָל אין זײַן ליד „צאַאַר פון ייִדיש" זאָגן אָט וואָס:

„ווײַל סיהאָט מײַן נײַע היים ניט אויפגענומען מיך
צוזאַמען מיט מײַן קינד: דאָס ליד דאָס ייִדישע,
און מיך געלאָזט דערמיט אין דרויסן,
ווי אַ יורעד אָף אַ סימכע אַ נעגידישער,
בין איך אין אייגן לאַנד אין מײַן,
ווו כ׳ילעב שוין יאָרן צענדליקער,
אין לעבן ניט אַרײַן,
געבליבן ווי אַ זײַטיקער אין אים
מיט מײַן פאַרשעמט געזאַנג:
מײַן ייִדיש ליד פון ליבע, לויב און דאַנק".

דאָס לעבן איז נאָך פול מיט ייִדיש אַזוי ווי אַ קאָכיקער טאָפּ מיט דאַמף, אָבער דאַמף דאַמפּט זיך אויס, ביפראַט אַז דער טאָפּ איז אָפּגעדעקט...

דאָס ניט זײַן נייטראַל צו ייִדיש (אָף ליבע און באַציִונג וואָלט מען שוין מעוואַטער געווען...) און דאָס ניט האָבן זי פאַרוואַנדלט אין אַ צווייטער לאַנדשפּראַך אָדער הילפשפּראַך, איז אַ היסטאָרישער קולטור־פאַרלוסט פאַר ייִשׂראָעל און אַ פאַקטאָר פון קסיידערדיקער גײַסטיקער אָרעמקייט. צווישן די פיל פּאָליטישע און געזעלאַפטלעכע פּעלערן, וואָס די רעגירער זײַנען באַגאַנגען, איז אויך פאַראַן אָט דער דאָזיקער קולטור־פּעלער, וואָס איז, אויסער אַלץ, אַ זינד קעגן לעבעדיקן גײַסט פון פאָלק און קעגן 40 ייִדישע דוירעס.

41. אַרום און אַרום

פּערספּעקטיוון

דאָס לאַנד איז ווי אַ מילגרוים פול מיט ביטערע פּראָבלעמען, אָבער עס האָט יונגן אימפּעט, וואָס מען זעט אים אַף אַנגעשטרענגטע צאַברישע איילבערט־פּענימער; אַף פלינקע הענט, באַדעקטע מיט נומערן פון נאַצי־שע קאָנצענטראַציע־לאַגערן; אַף געשפּאַנטע פּלייצעס פון טיימענער האָ־רעפּאַשניקעס; אין מאַסיוון טראָט פון קיבוצ־ישן אידעאַליסט און אין ביטאָכנדיקן בליק פון קליין און גרויס.

דאָס לאַנד לעבט אין באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליזם און ליידט בע־מיילע פון די עקאָנאָמיש־פּאָליטישע שוועריקייטן פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער וועלט און פון די צוגאָב־שוועריקייטן, וואָס עס פאַרשאַפט דאָס גע־פינען זיך אין צענטער פון אַן אויפגערגטער אַראַבישער וועלט, ווי אויך פון די צוגאָב־צוגאָב־שוועריקייטן פון דאַרפן ניט נאָר לעבן, נאָר אויך אויפשטעלן אַ מעלוכע, איינאָרדענען אַן אימיגראַציע, אויסהאַלטן אַ גרויסע אַרמיי און באַזיגן די פיינטלעכע זאַמדן. אויסער דעם פאַרשאַפט ספּעציעלע שוועריקייטן דאָס פאַרבונדן־זיין פּאָליטיש מיט אַ וועלט, וואָס איז פאַרמיש־פּעט צו פאַרשפּילן, וואָס האָט אָפּגעשפּילט איר היסטאָרישע ראָל.

דאָס האַרץ קאָרטשעט זיך פון אַנגסט, אַז עפּעס זאָל ניט פּאַסירן צוליב דער אוואַנטוריסטישער פּאָליטיק און צוליב דער עקאָנאָמישער אומגעזונטקייט. דאָס פאָלק גאַרט נאָך שאָלעם, און דאָס פאָלק האָט נאָך מיטן לאַנד ביז איצט ניט רעגירט. רעגירט האָט דער אַלטער דאָר ציאָ־ניסטן און דאָס פּראָפעסיאָנעלע ביוראָקראַטישע באַאַמטנטום, און דאָס פאָלק האָט זיך פאַרלאָזט.

דאָס פּאָשעטע פאָלק האָט ביז איצט מוירע געהאַט אויפצוהערן צו פאַר־לאָזן זיך, צוליב דער געפאַר וואָס לויערט אַף די גרענעצן און צוליבן אינע־ווייניקסטן פאַשיזם, וואָס רייסט זיך צו דער מאַכט. זאָל אָבער ווערן רויִקער, וועט די האָרעפּאַשנע מאַסע ביסלעכווייז פאַרלירן דעם קאָמפּלעקס פון פאַרלאָזן זיך און וועט אַליין אויסאַרבעטן אירע ניי־היסטאָרישע איינ־שטעלונגען, וואָס קענען ניט זיין אין סטירע צום סאָציאַלן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט.

צוריק...

מיר זיצן ווידער אין אָוויאָן און ס'איז ווידער האַלבע נאַכט, פּונקט ווי מיט 30 טעג צוריק, ווען מיר האָבן זיך, מיט צאָפן־אַמעריקאַנער צע־

שטורעמטקייט, אַרײַנגעשניטן אין אונדזער ערשטער יִשׂראלעל־נאַכט.

אין פאַרגלײַך מיט יענעם יענקישן לופט־העלפאַנט, איז דער יִשׂראלעל־אַוויאָן פון „אל־על" אַ קליין שעפעלע. דאָס דאָזיקע קליינוואַרג ווערט גע־נוצט אין אַזוינע „הינטערשטאָטישע" לופט־קאָמוניקאַציעס ווי אויף דער שטרעקע לוד־רוים... פאַר טראַנסאַטלאַנטישע פאַרמעסטן האָט שוין אָבער אויך יִשׂראלעל אירע לופט־גיגאַנטן אויף שטויסקראַפט. סײַ די „שעפעלעך", סײַ די גיגאַנטן און סײַ די הויפּט־פּילאָטן שטאַמען אַלע פון צפון־אַמעריקע און פון ענגלאַנד...

אונדזער אַוויאָן שרויפט זיך אַרויף אין דער שוואַרצער הייך און נעמט אונדז אַוועקרײַסן פון דער יִשׂראלעל־ערד... טויזנטער ליכטער, אַזוי ווי עלעקטרישע מעוועס, באַגלייטן אונדזער לופטשיף, און עס דאַכט זיך, אַז זיי ווינטשן אונדז אַ „דרך צלחה" (דערעך צלעכאַ — אַ גליקלעכן וועג). אַרום און אַרום ווערט אַלץ טונקעלער, אָבער די טונקלקייט איז נאָך אַלץ דורכגעלויכטן מיט מיליאָנען פּינטעלעך ליכט, וואָס טוקן זיך אויף דער יִשׂראלעל־ערד און שיסן אַרויף צו אונדז זייער לעצטן גלאַנץ...

אָט דאָס דאָזיקע לעצטע בילד קען עפּשער אויך אויסדריקן סימבאָ־ליש אונדזער אײַנדרוק פון דער יִשׂראלעל־ווירקלעכקייט: דאָ און דאָרט איז טונקל, שטאַרק טונקל, אָבער די טונקלקייט איז דורכגעלויכטן מיט אַסאַך ליכט, מיט גאָר אַסאַך פּאַלקסליכט. דאָס איז אויך די מיינונג פון אונדזערע דאָרטיקע בעסטע פּראָגרעסיווע קעמפער און פּאַטריאָטן, פון וועמען מיר האָבן זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי אויף אַן עמעס ליב צו האָבן יִשׂראלעל...

אין הערצן האָבן מיר מיטגענומען מיט זיך ניט די טונקלקייט, נאָר די העל־בלאָע פרימאָרגן־ליכטיקייט פון יִשׂראלעל; די שיינקייט, וואָס ציט זיך, ווי דער ביבלישער רויטער פאָדעם, פון די קוואַלן פון מעטולאַ אין צפון ביז די ברעגן פון איילאַט אפן יאַם־סוף; די שיינקייט פון אידעאַ־ליסטישן גערانגל פאַר אַ בעסערן יִשׂראלעל־גורל; און אויך די זיכער־קייט, אַז מען וועט ניט פאַרשפּעטיקן צו קאָרעגירן די היסטאָרישע טאָעסן, וואָס זײַנען באַגאַנגען געוואָרן זינט 1948.

מיר זײַנען אַוועקגעפאָרן מיט דער איבערצײַגונג, אַז אַ גרויסע און אייגנאַרטיקע יִדישע ווירקלעכקייט וואַקסט און געדײַט אויף די יִשׂראלעל־ברעגן פון מיטללענדישן יאַם און אַז די בעסטע טיילן פון פאָלק וועלן וויסן ווי אַזוי צו פאַרזיכערן, אויף אַ פרידלעכן און עכט־סאָציאַליסטישן אופן, די מעגלעכע עקזיסטענץ פונעם לאַנד, — פון אָט דעם הערלעכן לעבנס־פאַקט אין דער מאָדערנער יִדישער געשיכטע.

ו.

אַף דער ערד פֿון איטאַליע

42. אַ ווינקל רוים און אַ ברעג איטאַליע

דאָס נײַע און דאָס אַלטע רוים

פֿאַרטאָג שוועבן מיר שוין איבערן העל־ברוינעם איטאַליענישן „שטיוול", און נאָכדעם ווי מיר גיבן זיך אַ שפּיגל אָפּ אין טירענישן יאַם, לאָזן מיר זיך אַראָפּ אַפֿן עראָדראָם פֿון טשאַמפּינאָ, אין רוים.

אַף דער ערד באַגעגנט אונדז דאָס שטילע לופֿטפֿעלד מיט אַ רויִקן, מילד־אידילישן פֿרימאָרגן, אָן דעם ווירוואַר און אָן דער פֿליגל־פֿאַטשעריַי פֿון אַנדערע פֿלי־מאַשינען, אָן סירענעס און אָן גאַסן־טומל. נאָכן דאָזיקן ערשטן טראָט אַף רוימישער ערד, האָבן מיר זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז רוים דאַרף זײַן אַ באַזאָכטע, פֿאַמעלעכדיקע שטאָט, וואָס טראָגט מיט כשיוועס איר היסטאָרישע ווערדע און וואָס האַלט פֿון דער אײַנשטעלונג: „צו וואָס איז דאָס אײַלעניש?"...

אין אַ שאָ אַרום, ווען מיר זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אינעם גאַסן־שטראָם פֿון דער שטאָט גופֿא, האָבן מיר אײַנגעזען אונדזער גרויסן טאָעס. די גאַסן־באַוועגונג אַפֿן ברוק איז געווען אַזאַ שנעלע, געדיכטע און קאַרק־ברעכערישע, אַז דאָס אַריבערגיין אַ גאַס האָט געשמעקט מיט סאַקאָנעס־נעפֿאָשעס און האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּראָבלעם פֿון שנעלע אויסרע־כענונגען און פֿון בליציקער פֿלינקייט. אין פֿאַרגלײַך מיט רוים, איז אונד־זער בוענאָס־אײַרעסער גאַסן־שנעלקייט אַ מין טריפּן פֿון טראָפּנס...

ווי ניט ווי האָבן מיר זיך דערקליבן צום באַרימטן רעגירונגס־פּאַלאַץ פֿון קירינאַל, וואָס איז שוין אַביסל פֿאַרשמאָלצן און אויסגעריבן אין די עלנבויגנס... אָבער ליכטיק ווערט אין די אויגן, ווען, נאָכן אײַנשטעלן דאָס לעבן, קרייצט מען דורך אַ פּאָר ווײַטערדיקע גאַסן און מען דערזעט די ווײַסע פּיאַצאַ ווענעציאַ, מיט איר הויכן זײַלן־פּאַלאַץ, צו וועלכן עס פֿירן טרעפּ און טרעפּ, און טרעפּ... אַף אַרויפֿצוגיין אַף די דאָזיקע טרעפּ דאַרף מען האָבן נישט נאָר פֿיס, נאָר אויך לונגען...

אַפֿן דאָזיקן מירמל־ווײַסן פּלאַץ פֿלעגן די „שוואַרצע העמדלעך" קומען אַפּלאָדירן דעם „דוטשע", ווען ער פֿלעגט פּראַווען זײַנע דעמאַגאָגישע היסטעריקעס און צוזאָגן אָן אַ שיר פֿאַשיסטישע גליקן...

אפֿן זעלבן פּלאַץ קעניגט נאָך, אין מירלשטיין, וויקטאָר עמאַנועל דער צווייטער, און עס רוט דער אומבאַקאַנטער זעלנער, וואָס דערמאָנט אַז ער איז ניט דער איינציקער און אַז מיליאָנען פֿאַרשניטענע איטאַליענער זײַנען צעוואָרפֿן אױף אַלע געוועזענע פֿראָנטן, און ספּעציעל — אין די אַפֿריקאַנער זאַמדן, אין שפּאַניע, אױפֿן דעק פֿון מיטללענדישן יאַם און אפֿילו הינטער לענינגראַד...

אַלט־רוימישע ברוכשטיקער, וואָס וואַלגערן זיך, אַרומגעצוימטע, דאָ און דאָרט און אַ פּאָר געפּלאַכטענע קאָלאָנעס זײַנען אַן אָנדײַט, אַז דאָ ניט ווײַט דאַרפֿן זיך געפֿינען די רעשטלעך פֿון אַלטן רוים. און ווירקלעך — אונדזער כוש־האַרייעך דערפֿירט אונדז צום „פֿאָרום ראָמאַנום״ — צום עמעסן סצענאַר פֿון דער אַמאָליקער גרויסקייט פֿון אימפּעריאַלן רוים, צום סאַמע צענטער פֿון דער אַלט־דעספּאָטישער, מיליטאַריסטישער וועלט־מאַכט, פֿון וועלכער עס איז איבערגעבליבן בלויז אַ הויפֿן מיט כורוועס.

פּאַר עטלעכע לירעס האָבן מיר דעם פֿאַרגעניגן צו טרעטן אױף די דאָזיקע כורוועס. אָט דאָ, אױפֿן קאַפּיטאָליום, האָט רעגירט דער רוימישער סענאַט, די קאָנסולן און די אימפּעראַטאָרס. אָט דאָ האָבן זיך די פּאַטריציער צוגעקוקט, ווי עס דעפֿילירן, אונטער די טריומף־טויערן, די זיגרײַכע רוימישע לעגיאָנען. אָט דאָ האָבן זיך געפֿונען די טעמפּלען פֿון יופּיטער און מינערוואַ, און די סטאַטועס פֿון די פּאַגאַנען און פֿון די נימפֿעס. אָט דאָ זײַנען פּלאַנירט געוואָרן די אינטריגעס און די מאָרדן, און אָט דאָ האָט סאַף־קאָל־סאַף קראַפּירט דאָס גײַוועדיקע רוים, אין מיטן פֿון אָרגיעס, פֿאַרדאָרבנקייט און אויסגעלאַסנקייט...

מיר טרעטן אױף צעקרישלטער, צעקאַליעטשעטער שיינקייט. פֿון אַלע פּאַלאַצן און טעמפּלען זײַנען געבליבן איינצלנע זײַלן, אָפּגעריבענע סטאַטועס, שטיקער טרעפּ, פֿאַרעמלאַזער, אָנגעבראָקטער מירמלשטיין... די היסטאָרישע גערעכטיקייט האָט פֿון דעם אַלעם וואָס דאָ איז געווען געמאַכט פּאַרפּל...

בעסער האָבן זיך קאָנסערווירט די אונטערערדישע גאַלעריעס און די טיפֿע געמויערטע קעלערן. די דאָזיקע קעלערן זײַנען אויסגעלייגט מיט קליינע ציגעלעך און זיי זײַנען אַזוי טיף, אַז געפֿינענדיק זיך אױף זייער דעק, נעמט אַזש שווינדלען דער קאָפּ פֿון זייער הויכקייט... עס ווערט אומהיימלעך און מען וויל זיך וואָס שנעלער אַרויסבאַקומען פֿון דאָזיקן אַלט־רוימישן, פֿאַרדעכטיק־טיפֿן אונטערערד... אויבן שמעקט מיט בייסווילעס און מיט צעדער־רייכעס, אָבער עס דאַכט זיך, אַז אויך דער צעדער־אַראָמאַט איז אַ פֿאַרבאַלזאַמירטער...

דאָס וואָס עס האָט זיך צום בעסטן קאָנסערווירט אין פאָרום ראָמאַ־נום איז דער „ייִדישער מאָמענט" — טיטוסעס טריוּמף־טויער...

די צײַט האָט אים, פאַרשטייט זיך, אַביסל ארומגעגריזשעט פון אַלע זײַטן, אָבער ער שטייט נאָך פעסט אויף ביידע פיס און איז קיימאַט גאַנצער־הײַט ניצל געוואָרן פון דער אַלגעמיינער פאַרניכטונג און צעפאַלונג.

אַ לענגערע צײַט האָבן מיר ניט אָראָפּגעלאָזט די אויגן פון באַרימטן באַרעליעף, וואָס שטעלט פאָר ווי אַ מאַכנע ייִדישע געפאַנגענע טראָגט די טראָפייען פאַר די רוימער — די קיילים און די מענורע פון בײַם האמיק־דעש, וואָס זײַנען אין יענער צײַט געווען די העכסטע סימבאָלן פון ייִדי־שער, מעלוכישער סוּווערעניטעט. אויך די איצטיקע מעלוכישע ייִשׂראָעל־מענורע איז אַ גענויע קאָפּיע פון איר עלטער־עלטער־בילד אויף טיטוסעס טויער...

ניט געקוקט אויף די קאָרעוו 1.900 יאָר זינט עס שטייט דער טויער, זעען אויס די פאַראומערטע פּענימער פון די געפאַנגענע ייִדן אַזוי ווי לעבעדיק. מען מערקט אויף זיי קלאָרע סעמיטישע שטריכן, מיט אַ קליינעם צומיש פון יענער ווייכקייט און העלקייט, וואָס מען איז געוווינט געווען צו באַטראַכטן ווי עטוואָס סלאַוויש. פון דעם קען מען דרינגען, אַז די איצטיקע האַלב־סלאַווישע ייִדישע פּענימער זײַנען עכט־ייִדישע זינט טויזנטער יאָרן...

אויפן ברייטן פראָנט פון טריוּמף־טויער קען מען נאָך איצט לייענען די לויברייד, וואָס „דער סענאַט און דאָס פאָלק פון רוים" האָבן אַרײַנ־געקריצט לעקאָוועד טיטוסן, אויף צו פאַראייביקן זײַן גרויסן זיג איבער „יודעא". אויך די ספּעציעל־געגאָסענע מאַטבייעס, וואָס זײַנען אין יאָר 70 אַרויסגעלאָזט געוואָרן, לעקאָוועד דעם ניצאָכן, מיט די אויפשריפטן „יודעא קאַפּטאַ" (געפאַנגענע יעהודע) און „יודעא דעוויקטאַ" (באַזיגטע יעהודע), און די פאַרשיידענע געשיכטלעכע כראָניקעס זאָגן איידעס, אַז דאָס אַמאָליקע ייִדן־לאַנד איז געווען זייער אַ האַרטער נוס פאַר דער רוי־מישער אימפּעריע. לויט אַלע מעקוירים איז היסטאָריש פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ווען ניט דער מוירעדיקער הונגער אין דער באַלאַגערטער יערושאָלאַיִם, וואָלט ניט דער ייִדישער נוס צעקנאַקט געוואָרן, נאָר די ציין פונעם ברוטאַלן אָנגרייפער.

נאָך אונדזער באַגעגעניש מיטן טריוּמף־טויער פון ערשטן מאַסן־מערדער פון ייִדישן פאָלק, האָבן מיר זיך דערמאָנט אין לעצטן מאַסן־מערדער, וואָס זײַן בראַנדענבורגער טויער אין בערלין איז צעפּאַרפּלט און צעשטויסן געוואָרן דורכן שטויסל פון דער רויטער אַרמיי...

האָבן זיך דען ביידע מאַסן־מערדער געקענט ווען ניט איז פאַר־שטעלן, אַז אונטער זייערע רומפולע טויערן וועלן גראָד די באַזיגטע לאַכן דאָס גרויסע געלעכטער?...

דער קאָליזייום

נאָך אַן אויפטו פון טיטוסן און פון זײַן טאַטן איז דער קאָליזייום, — די הויפּט־אַטראַקציע פון אַמאָליקן לעבעדיקן רוים און פון די איצטיקע אויסלענדישע טוריסטן, וואָס לעבן אַ טאָג...

איטאַליענישע גרויסהאַלטער זײַנען אַזוי שטאָלץ מיטן דאָזיקן אַל־טערטימלעכן וועלט־צירק, אַז עס גייט אַרום צווישן זיי דאָס ווערטל: קוים עס עקזיסטירט דער קאָליזייום, וועט עקזיסטירן רוים, און קוים עס עק־זיסטירט רוים, וועט עקזיסטירן די וועלט... אין דער עמעסן, איז דער קאָליזייום ניט מער ווי אַ סימבאָל פון בלוטיקן און האַרטן רוים, — אַ שטיינערנע ריזן־פויסט זײַנע...

דער קאָליזייום איז אַ קאָלאָסאַלער אַמפיטעאַטער, אין דער פאָרעם פון אַן עליפּס, וואָס די אַרענע אַליין זײַנע פאַרנעמט 3.500 קוואַדראַט־מעטער, און וואָס פלעגט דערמעגלעכן, אַז אַ האַמוין פון 107.000 צו־שויער זאָל זיך קענען צוקוקן צו די ברוטאַלע קאַמפן פון כאַיעס און גלאַדיאַטאָרן, און צו בלוט־פאַרגיסונגען „אַל נאַטוראַל"...

דער דרויסנדיקער קײַלעכדיקער מויער, וואָס האַלט 50 מעטער די הייך, איז קינסטלעריש דורכגעלעכערט דורך 3 שטאָק אַרקאַדן. די אונ־טערשטע 80 אַרקאַדן זײַנען 80 טויערן, דורך וועלכע דאָס פאָלק פלעגט אַרײַנשטראָמען אינעווייניק.

כאָטש אין מיטלאַלטער האָט מען גערובן שטיקער פון קאָליזייום, און אַסאַך פּאַלאַצן פון רוים זײַנען אויסגעבויט געוואָרן פון די מאַטע־ריאַלן וואָס מען האָט אָפּגעבראָכן פון ריזן־צירק, מאַכט נאָך אַלץ זײַן סאָלידער סקעלעט דעם אײַנדרוק פון פעסטקייט, מאַסיווקייט און גאַנצ־קייט, און ער זעט אויס ווי ער וואָלט געוועזן אויסגעקאָוועט פון אײַזן...

אינעווייניק מערקט זיך מער דער כורבן. דער דיל פון דער אַרענע און די אינסטאַלאַציעס פון פּאָדיום זײַנען פאַרניכטעט, און עס זעען זיך די גריבער און די קעלערן, ווו עס פלעגן זײַן פאַרשפּאַרט די כאַיעס. אַנשטאָט די אַמאָליקע לייבן און לעמפּערטן, זעט מען שוואַרצע קעץ, וואָס יאָגן זיך אַרום צווישן די אַלטערטימלעכע שאָטנס פון דער גרויזאַמער קאָליזייום־געשיכטע...

פון אַלע זײַטן קוקן אַראָפּ בערג מיט אָפּגעשונדענע לאָזשעס און זיץ־פּלעצער, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן די צײַט־פּראָבע פון 2 יאָרטויזנטער און פון קסיידערדיקע גנייווישע פּרוּוון צו צעשלעפּן זיי. אין דער לופטן טראָגט זיך אַרום די הונדערט־שפּראַכיקע שעפּטשערײַ פון די טוריסטן־סטאַדעס און דאָס מעכאַנישע גערייִדעריי פון די אַרומפירער, וואָס שיטן מיט זייערע „אויסגעלערנטע לידעלעך”...

סײַ דער קאָליזייום און סײַ דער פאָרום ראָמאַנום זײַנען פול מיט שפּעטערדיקע אויפשריפטן און שילדלעך פון פאַרשיידענע פּויפּסטן, וואָס דערציילן וועגן זייער גרויסקייט, פרומקייט און גוטע מעשׂים, וועגן זייער אַפּעטראָפּסעס איבער די כורוועס און וועגן גאָטס קריסטלעכער נעקאָמע איבער די געצנדינערישע רוימער. דאָס דאָזיקע פּויפּסטלעכע אַרײַנרײַסן זיך מיט גוואַלד צווישן די געשיכטלעכע רעשטן און דער פּרוּוו פון דער קירך צו פאַרכאַפּן אַף אַ געשמאַקלאָזן אויפן אויך די היסטאָרישע רעליקוויעס, ווירקט ווי אַ שאַרפער דיסאָנאַנס, ווי ביליקע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט אַרײַנגעשמוגלט און געטריבן אין אַ קונסט־מוזיי...

אין וואַטיקאַן

אין טראַסטעווערע (אַף יענער זײַט פון טײַך טיבער) רעגירט און קיניגט איבער הונדערטער מיליאָנען קאַטוילישע נעשאָמעס דער וואַטיקאַן.

דאָס בילד, וואָס דערשײַנט בײַם אַרײַנגיין אין „טשיטאַ דעל וואַטיקאַנאָ” (די שטאָט־מעלוכע פון וואַטיקאַן) איז אַן אימפּאָזאַנטס. עס נעמט אײַך קוידעם קאָל אַרײַן אין זײַנע ברייטע אָרעמס דער פּלאַץ פון סאַן פּיעטראָ.ביידע האַלב־קײַלעכדיקע אָרעמס באַשטייען פון 2 לאַנגע שורעס ריזיקע זײַלן, וואָס איבער יעדן איינעם פון זיי איז אויסגעשטרעקט די פיגור פון אַ הייליקן. אין מיטן פּלאַץ שפּריצט אַ ריזיקער פאָנטאַן. טאָקי־פּעסדיקע אויטאָס נוצן אויס דאָס דאָזיקע הייליקע שפּריצעכץ, שטעלן זיך אַרונטער אונטערן פאָנטאַן און כאַפּן אַן אומזיסטע באָד...

פון אַנדער זײַט פּלאַץ, דאָרט וווּ ביידע אָרעמס קומען זיך צונויף, געפינט זיך די באַזיליקע פון הייליקן פּעטרוס — די קירך נומער איינס פונעם קאַטויליציזם.

פון דרויסן שיידט זי זיך אונטער פון אַנדערע קירכעס מיט איר באַרימטן קופּאָל, קאַרניזן און דאַך־פיגורן, און פון אינעווייניק — מיט איר גרייס. ס'איז אַ געדעקט „פעלד”, פול מיט אַלטאַרן, בימעס, אַמבאָנען, בודקעלעך אַף מיסוואַדע צו זײַן זיך, העגנליײַכטער און מאַלאָכים

פֿון אַלע מינים און מאַטעריאַלן: בראָנזענע, מירמלנע און געמאָלענע, וואָס שוועבן איבער לענגיאָנען הייליקע, וועלכע טראָגן לעוואָנעס אַרום די קעפּ... אין דער זעלבער מאַלאַכישער געזעלשאַפט גליוערן הונדערטער גאָטס מוטערס און קאָלערליי אָקערשט־געבוירענע און גרעסערע יעזוסלעך. די הילצערנע און מעטאַלענע פּיס פֿון די געקרייציקטע יעזוסן זײַנען שטאַרק אָפּגעריבן פֿון די מיליאָנען קושן, וואָס גלייביקע ליפּן האָבן אַף זיי אַוועקגעלייגט...

אַ ריזיקער בישאָף, אַן אויסגעגאָסענער פֿון בראָנדז, קניט אין מיטן פֿון דער באַזיליקע, אַפֿן שוועל פֿון אַ לוקסוסדיקן קעלער. די באַדײַטונג פֿון דעם איז אונדז ניט געלונגען צו פֿאַרשטיין...

ניט ווײַט פֿונעם צענטראַלן „מיזרעך“־אָרט אין דער באַזיליקע, ווו עס הענגט דער נאַקעטער און אָרעמער פּאָלקס־ייִד פֿון נאַזאַרעט, געפֿינט זיך דער גאָלד־מוזיי פֿון וואַטיקאַן, ווו מען לאָזט אונדז אַרײַן פֿאַר עטלעכע לירעס.

די אויסגעפּוצטע גוואַרדייער, וואָס זעען אויס ווי פּורים־שפּילער, היטן־אָפּ מיט זייערע שפּיציקע בליקן און מיט זייערע שאַרפֿע שווערדן דעם אוצער. און ווירקלעך — פֿון אַלע ווענט און שאַפֿעס גיט אַף אונדז אַ בליאַסק מיט גאָלד און מיט איידלשטיינער. פֿון אונטער די גראָבע שויבן קוקן אַרויס: קרוינען, בעכערס, מאַטבייעס, מעדאַלן, רינגען, שווערדן, שרײַבגעצײַג, בישאָפֿישע שטעקענער, מיניאַטורלעך, גאָלד־געשמיקטע אַנטועכצן, יאַרמלקעס און מיצן; און אַלץ פֿון ריינעם גאָלד, בראָקאַט און דימענטן. ווו אַ שויב — דאָרט אַן אוצער, ווו אַ שאַפֿע — דאָרט אַ ריזן־פֿאַרמעגן.

דאָס לעבעדיקע, מאָדערנע גאָלד — די מיליאָנען אַקציעס, וואָס דער וואַטיקאַן פֿאַרמאָגט אין אַסאַך אינטערנאַציאָנאַלע שטאָל־פֿאַבריקן, גרובנס און בענק פֿון מערעוו־אייראָפּע, האָבן מיר אַף דער אויסשטעלונג ניט געפֿונען...

פֿאַר נאָך עטלעכע לירעס וויל מען אונדז ווײַזן אַנדערע זאַכן, אָבער מיר האָבן שוין פֿולע לונגען מיט טוכלעקייט, וואַקס, ביילעוו און ווייִרויך. מיר שפּאַנען נאָך אַמאָל דורך דעם לאַנגן כאַלאַל פֿון דער קירך, קוקן אַרײַן מין האַמצאַד אין דעמבענעם זיצונג־זאַל פֿון די קאַרדינאַלן, וואַרפֿן אַ בליק אַפֿן מירמלנעם מאַוול, ווו עס זײַנען אויסגעקריצט די נעמען פֿון די ביזאַנטיקע 142 פּויפּסטן, און אַט זײַנען מיר שוין ווידער אין דרויסן, ווו דער זומערדיקער רוימישער פֿאַרנאַכט פֿרישט־אָפּ אונדזער אָטעם און מאַכט ליכטיקער אונדזערע אויגן...

מיר זעצן זיך אַוועק אַפּרוען צופוסנס פון די זײַלן, אונטער די האַלב־קײַלעכדיקע אָרעמס פון דער פּיאַצאַ סאַן פּיעטראָ. די אָוונטיקע זון גיט אַ צעצינד די שורע פענצטער, פון וועלכע דער פּויפּסט שיקט געוויינטלעך אַרויס זײַן „אַפּאָסטאָלישע בראָכע"; אַ סטאַדע מאָנאַשקעס אײַלט זיך אין קלויסטער אַרײַן צו דער אָוונט־טפילע; און אַ מענגע בלאָ־פּיאָלעטע טויבן שטעלן גיכע, דריבנע און רויטע טריטעלעך אַרום דעם שפּריצנדיקן פאָנטאַן און האָבן האַנאָע פון זייער אָוונט־באָד...

קיין גענואַ, צו דער שיף

די באַן לויפט איבערן ברעג יאַם און טראָגט אונדז קיין גענואַ, וווּ מיט אַ פּאָר כאַדאָשים צוריק האָט זיך געהאַט פאַרענדיקט דער ערש־טער עטאַפּ פון אונדזער רײַזע אַהער און וווּ ס'דאַרף זיך איצט אָנ־הייבן דער לעצטער עטאַפּ פון אונדזער רײַזע צוריק...

דער דרויסן איז אַ דאָרפיש־פּויערישער, אָבער וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צום ליגורישן יאַם, אַלץ געדיכטער ווערן, אין דער לאַנדשאַפט, די שטעט, די יאַם־שטעטלעך, די זאַמדיק־בלאָע קורערטער, די גרינלעך־זוניקע יאַם־אײַנגוסן, די פישער־פּאָרטן, די באַרגיק־יאַמיקע מאָלערישקייט פון „איטאַליאַ לאַ בעלאַ"...

אָט איז ליוואָרנאָ — די שטאָט פון באַרימטע יידישע געלערנטע און פון אַלט־יידישער דרוק־קונסט, און אָט באַווײַזט זיך אומגעריכט דער טורעם פון פּיסאַ, מיט זײַן שטאָלצער, וועלטבאַרימטער אײַנגעבויגנ־קייט; אָט איז קאַראַראַ, וווּ עס געפינען זיך די שטיין־האַקרייען פון שענסטן אייראָפּעיִשן מירמלשטיין, און אָט איז לאַ ספּעציאַ, — די גע־וועזענע פאַשיסטישע פלאָט־באַזע, פון וואַנען מוסאָלינים שיפן פלעגן אַרויסשווימען אין יאַם, קעדיי טוצנווײַז געטראָפן צו ווערן פון די אַליאירטע טאָרפּעדאָס; אָט איז ראַפּאַלאָ — דאָס זיץ־אָרט פון דער באַ־רימטער שאָלעם־קאָנפערענץ, און אָט איז נערווי — „אונדזער" נער־ווי, וווּ שאָלעם־אַליכעם פלעגט זיך אָראָפּכאַפּן אויסרוען זײַנע נערוון, היילן זײַנע נירן און שטאַרקן זײַנע שוואַכע לונגען...

אומעטום, לענגאויס דעם יאַם־ברעג, הערשט אַזאַ בלאָנד־גאָלדענע שאַלווע, אַזאַ צונויפגעשפּילטקייט פון רו און גליק, אַזאַ אידילישע מע־כאַיעדיקייט...

וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צו גענואַ, אַלץ באַרגיקער ווערט דער ליגורישער יאַם־ברעג און עס הייבט זיך אָן אַ לאַנגע שפּיל צווישן

באַרג־טונעלן און דעם יאַם. אַט פּלאַצט אַ ליכטיקע כוואַליע אַף אַ פעלדז און אַט טויכן מיר אַריין אין אַ טונעל. עס איז אַ שפּיל אין ליכטיק־פינצטער און אין פינצטער־ליכטיק...

אַ טייל טונעלן האָבן קליינע עפענונגען צום יאַם, און אין מיטן פון דער פינצטערניש שיסט אומגעריכט אַרײַן אַ שטראָם ליכט. מער ווי אַ האַלבע שאָ דויערט די קידער־ווידער־שפּיל צווישן דער רויער שיינקייט און דער מענטשלעכער טעכניק. ס'איז אַ שפּיל, וואָס האָט אין זיך עפּעס פון אַ קאַרוסעל צי פון אַ הוידע, און וואָס שטעקט אָן אויך די דערוואַקסענע מיט קינדערשער היספּײַלעס.

אַזוי האָבן מיר זיך געזעגנט מיטן איטאַליענישן יאַם־ברעג. ס'איז געווען אַ געזעגענונג פון 70 קילאָמעטער אַ שאָ, און געוואָלט האָבן מיר, בעיים־מײַסע, אַז זי זאָל זיך ניט רירן פון אָרט...

43. מאַזל אין גענוא

איין „נעם" נאָכן צווייטן . . .

די פּאָעזיע פון ליגורישן יאַם־ברעג איז סאָף־קאָל־סאָף געבליבן פון הינטן און עס איז געקומען די פּראָזאַישע שאָ אַראָפּצוגיין פון באַן.

אַראָפּ זײַנען מיר עטוואָס פאַרדײַגעטע. אין אונדזער איקופּישער רײַזע־קאַסע האָבן געפאַכעט מיט דער נעשאָמע די לעצטע עטלעכע אָרע־מאַנסקע דאָלאַרן; געדאַרפט בלײַבן אין גענוא האָבן מיר אַ 3 טעג, און פון דער פריערדיקער דערפאַרונג האָבן מיר שוין געוווּסט מיט וואָס דאָס שמעקט... זײַנען מיר אַ ווײַלע געבליבן שטיין פאַרלוירענע מיט אונדזער געפּעק אָפן פּעראָן.

מיטאַמאָל לויפט צו צו אונדז אַ מענטש מיט אַן אָפיציעלן היטל און נעמט שנעל־שנעל מאָלן אַף איטאַליעניש און דרייען מיט די הענט ווי אַ האָלענדישע ווינטמיל. פאַרשטייען מיר ניט וואָס פאַר אַן אָנשי־קעניש דאָס איז און מיר ענטפערן אים טאַקע „נאָ קאַפּיסקאָ" (איך פאַר־שטיי ניט). נעמט ער טײַטלען אַף זײַן היטל, און מיר לייענען איבער דאָרט די אויפשריפט: „מעלוכישער אַמט צו העלפן איטאַליענישע עמי־גראַנטן". פּרוּוון מיר אים געבן צו פאַרשטיין, אַז מיר זײַנען „נאָ איטאַ־ליאַני, נאָ עמיגראַנטי" (ניט קיין איטאַליענער און ניט קיין עמיגראַנטן)

און מיר נעמען אים דערקלערן ווער מיר זײַנען. שפּאַרט ער זיך מיט אונדז און מיר שפּאַרן זיך מיט אים. ער מאַכט זיך, אַז ער פאַרשטייט אונדז ניט, און מיר פאַרשטייען ניט פאַרוואָס ער טוט עס...

ווען ער האָט סאָף־קאָל־סאָף אַרויסבאַקומען פון אונדז די באַשטעטיקונג, אַז מיר פאָרן קיין בוענאָס־אײַרעס, איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ער האָט אַ פײַף געטאָן און עטלעכע פון זײַנע געהילפן האָבן אַ כאַפּ געטאָן אונדזערע „געשוואָלענע" וואַליזעס און אַנגעלאָדן זיי אַף אַ קאַמיאָן. אונדז אליין האָט מען באַזעצט אין אַ פּרעכטיקן פּולמאַן־קאַטש און אָט פירט מען אונדז שוין בעקאָוועד־גאָדל, פּונקט ווי מען וואָלט דאָ געהאַנדלט די גרעסטע מעציִע...

אביסל אומרויִק זײַנען מיר געווען, ווײַל מיר האָבן זיך געטראַכט, אַז עפּשער פירט מען אונדז דאָ אין באָד אַרײַן, עפּשער שמעקט עס מיט אַ מין ראַפינירטן שווינדל פון אַ באַנדע אַפּעריסטן, אָבער ווען מען האָט אונדז צוגעפירט צו אַ האָטעל און גלײַך הינטער אונדז האָט מען אַראָפּגעטראָגן אונדזערע וואַליזעס, האָבן מיר דערזען אַז מיר זײַנען ניט אַרײַנגעפאַלן, נאָר פאַרקערט, — אַז עפּעס אַן עליאָהו האַנאָווי האָט זיך דאָ אַרײַנגעמישט...

דער סאָף איז געווען, אַז מיר האָבן געלעבט אין גענוג עטלעכע טעג אַף אַלעם פאַרטיקן און קימאַט ווי אומזיסט. די איטאַליענישע רעגירונג האָט אַזוי אַרום גאַנץ פײַן מיטגעשטײַערט צו אונדזער איקופּישער מיסיע...

דעם „טיפערן זין" פון „נעס" איז אונדז ניט געלונגען צו דערגיין און עס איז אונדז אויך ניט געגאַנגען אין לעבן צו מאַכן קיין אויספאָרשונגען, ווײַל פון צופיל גריבלען זיך וואָלטן נאָך אונדזערע גאַסטגעבער געקענט כאַראָטע האָבן...

די עמעסע סיבע פון „נעס" איז וואַרשײַנלעך געווען אָט וועלכע: די באַאויפטראָגטע צו ברענגען עמיגראַנטן זײַנען, קענטיק, אַ שטיקל צײַט אַרומגעגאַנגען אָן אַ שטאָך אַרבעט (יענעם טאָג זײַנען מיר געווען די איינציקע „געפאַנגענע"...); זײַנען זיי געווען פאַראינטערעסירט צו באַווײַזן אַז זיי זײַנען פאָרט נוצלעך און אַז זיי פאָרן ניט אומזיסט צום באַן. האָבן זיי אונדז, פון זייער טויווע ווענן, פאַרוואַנדלט מיט גוואַלד אין איטאַליענישע עמיגראַנטן, קעדיי צו באַרעכטיקן פאַר זייער העכערער מאַכט און פאַר דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק זייער אַרבעט און זייערע געהאַלטן, און קעדיי צו באַווײַזן, אַז צו יעדער צײַט פאַרדינען זיי ערלעך זייער ברויט...

קורץ נאָכדעם איז געשען מיט אונדז אַ צווייטער „נעס", און כאָטש ער איז ניט געווען אַזאַ ספּעקטאַקולאַרער ווי דער ערשטער, איז ער אָבער געווען אַסאַך אַ וויכטיקערער פון יענעם...

ווען מיר זײַנען, מײַסע וויכטיקע מענטשן, וואָס די מעלוכע זאָרגט פאַר זיי, אַוועק אין דער שיפּביורא, קעדיי דורכצופירן די פּאַשעטע פאָרמאַליטעט פון באַשטעטיקן אונדזערע באַשטעלטע פּלעצער, האָט מען אונדז דאָרט געענטפערט: וואָס באַשטעלט? ווער באַשטעלט?... און גלײַך נאָכדעם האָט מען אונדז פּריטשמעליעט מיט דער ידיִעה, אַז עס זײַנען פאַר אונדז רעזערווירט געווען ערטער אַף אַ שיף, וואָס גייט ארויס אין זעקס וואָכן ארום... דער שיף־אַגענט אין טעל־אוויוו, אַ טערקישער ייִד, האָט אונדז פאַרשטאַנען אַף טערקיש און האָט טעלעגראַפירט פאַלש...

אונדזער „גוואַלד געשריִען" און אַלע אונדזערע „סטײַטשן" האָבן ניט געהאָלפן, און די באַאַמטע האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ אַף „ניין": אוממעגלעך; ערטער אַף די שיפן פאַרצוקערט מען, עס איז אַן אויסכאַפּעניש אַף זיי, און מען דאַרף זיי באַשטעלן מיט וואָכן און וואָכן פריִער, און ניט קאַרגע 2 טעג פאַרן ארויסגיין פון דער שיף...

ווען דער הויפּט־באַאַמטער האָט געזען, אַז מיר כאַלעשן שיר ניט אַוועק, האָט ער אונדז געהייסן צוקומען מאָרגן. „עס איז ניטאָ קיין שום מעגלעכקייט", האָט ער געזאָגט, „אָבער דאָך, עפּשער...". דער „עפּשער", וואָס איז אַראָפּ פון זײַנע ליפּן, פון יויצע ווענן, איז געווען אַזאַ זויערער און אַזאַ פּראָסטיקער, אַז מיר האָבן דערפילט בעכוש, אַז אַן אַ נעס בלײַבן מיר ווי אַפּן וואַסער, דאָס הייסט אַף דער יאַבאָשע...

און דער „נעס" איז געשען, און מיר האָבן ניט געוווּסט ווי אַזוי. אָן אײַנפלוסן, אָן אינטערווענצן, אָן שמירגעלט און קעגן אַלע רעגלאַמענטן און פאָרשריפטן, האָבן מיר, אין לעצטן מאָמענט, באַקומען נאָרמאַלע ערטער און אין אַסאַך אַ בעסערער קאַבינע ווי די פון אַהערוועגס...

פּאַטשיפּיטשי — אַ ייִדיש־איטאַליענישער נאַצי־קאָרבן

ערשט נאָכן צווייטן „נעס" האָבן מיר אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ארום אָפּגעבן שאַלעם דער אַלט־באַקאַנטער פּאָרט־שטאָט מיט אירע ביינעוודיקע, אַלטערטימלעכע בארג־געסעלעך און מיט אירע פּיצלדיקע, מישפּאָכעדיק־אינטימע רעסטאָראַנדלעך...

בעיִם אַ שפּעטלעכן נאַכט־שפּאַציר אַף אַ קאָכיקער הויפּט־גאַס, האָט אונדז געגנוּאַ אָפּגעגעבן אומגעריכטערהייט אַ ייִדישן גרוס. פון אַ זײַטיק באַרג־געסל האָט צו אונדז אַ ווונק געטאָן אַ ביניען מיט אַ „סער־מיטישן" אויסזען. מיר האָבן אַרויפגעקלעטערט אַפן שפּיץ פונעם געסל און געפונען דאָרט אַ קײַלעכדיקן, שיין־ציכטיקן בעסמעדרעשל, אין ראָמאַנישן סטיל.

דאָס פאַרשלאָסענע ביניענדל איז געווען אַזוי ווי פאַרזונקען אין שלאָף. אַפן הינטערשטן אַרײַנגאַנג איז געהאַנגען אַ שילדל אין איטאַ־ליעניש „ייִדישע קינדער־שול", און האַרט בײַם סטילפולן פראָנט־אַרײַנגאַנג איז געשטאַנען אַ טונקל־רויטער מאָנומענט אין דער פאָרעם פון אַ מאַציווע. אַפן מאַציווע־מאָנומענט זײַנען געווען אויסגעקריצט טרויעריק־באַקאַנטע ווערטער וועגן אַן אומבאַקאַנטן מענטשן: ראַבינער פּאַטשיפּיטשי, דעפּאָרטירט געוואָרן דורך די נאַציס...

פּאַטשיפּיטשי — פאַר די נאַציס האָט דער דאָזיקער נאָמען, וואָס דריקט אויס שאָלעם, געדאַרפט קלינגען העכסט אַרויסרופעריש און פּראָוואָצירנדיק, און אַזאַ מין נאָמען אַליין האָט שוין געדאַרפט זײַן אַ גענוגנדיקער מאָטיוו אַרויסצוטראָגן אַ טויט־אורטייל, פּונקט ווי פאַרן הענקער פון וואַרשעווער געטאָ זײַנען רויטע האָר געווען אַ גענוגנדי־קער מאָטיוו טייקעף צו דערשיסן דעם אָדער יענעם געפאַנגענעם ייִדן...

פּאַטשיפּיטשי — איינער פון די „ווינציקע" 5.000 איטאַליענישע ייִדן, וואָס די נאַציס האָט זיך אײַנגעגעבן צו פּאַקן. מיט זייער גאַנצן געשטאַפּישן אויסשפּיר־אַפּאַראַט איז זיי ניט געלונגען צו „באַקומען" מער, ווײַל די איטאַליענישע פאָלקס־מענטשן האָבן אויסבאַהאַלטן און באַשיצט מיט זייער אייגענעם לעבן די איבעריקע 45.000 איטאַליענישע ייִדן...

ז.

צוריקקוועגנס

(עפּילאָג)

44. אַהיים...

היים־פרייד, היים־ווי און דער לעצטער קוק אַף אייראָפּע

די זומערדיקע „זוניקע איטאַליע” באַגלייט אונדז אַרויס מיט אַ שלאַקסרעגן, פּונקט אַפן זעלבן האַרבסטיקן אויפן ווי זי האָט אונדז באַגעגנט מיט קאַרגע 3 כאַדאָשים צוריק. אַן אויסגעווייקטע און אַן אויסגענעצטע, ציט אַרויף אַף זיך געַנוּאַ אַ שוואַרצלעכן נעפּל און טרייסלט זיך פון פייַכטער קעלט. ווען גייט אָבער אָן די דאָזיקע אומהיימלעכקייט, ווען די אייגענע היים שטייט שוין קימאַט פאַר די אויגן?...

אין מיטן פון גוס־רעגן ווערט מיטאַמאָל זומערדיק און זוניק אַפן האַרצן, ווייַל אָט דערפילן מיר דעם ערשטן יאַם־טרייסל, דעם ערשטן זיסן טרייסל פון „צוריק אַהיים”... אונדזער יאַם־וויג הוידעט זיך שוין און וועט אונדז אַזוי וויגן און פאַרוויגן בעמעשעך פון 3 וואָכן, ביז מיר וועלן דערגרייכן דעם היימישן ברעג.

אַלע אונדזערע גלידער זייַנען פול מיט געדיכטער מידקייט, און מיר פילן זיך ווי מיר וואָלטן זיך אומגעקערט פון אַ שווערן פראָנט. דאָס פאַרשטאַרקט נאָך מער דאָס געפיל פון היים־פרייד וואָס נעמט אונדז אַרום. אין דאָזיקן מאָמענט זייַנען מיר גרייט צו שווערן, אַז די בעסטע רייַזע אַף דער וועלט איז פאָרן אַהיים...

אונדזער היים־פרייד באַגעגנט זיך מיטן היים־ווי פון הונדערטער איטאַליענישע עמיגראַנטן, וואָס פילן נאָך טיף דעם שניט פון אָפּגעריסן ווערן פון אייגענעם ברעג. טרערן און זיפצן, און פאַרבענקטע בליקן רייַסן זיך דורכן רעגן צום קליין־ווערנדיקן האַפן...

אין דער מאָס ווי די ערד און דער שלעכטער וועטער פאַרשווינדן, צעשווימט זיך ביסלעכווייַז דער עמיגראַנטער היים־ווי. די צוריקגעקומענע ליכטיקייט פון זומערדיקן סאָף יוני לייַטערט אויס דעם אומעט און ווישט אָפּ די טרערן, ביפראַט אַז מיר געפינען זיך שוין ווידער נאָנט פון אַ פּרעכטיקן ברעג — פון דער איטאַליענישער ריוויערע, וואָס ליגט אין דער צווייטער העלפט פון ליגורישן יאַם...

אפן ווייסן פליאזשע־ברעג, צופוסנס פון באוואלדיקטע בערג, ציט זיך איין לאנגע קייט פון „באמבאניערקעלעך": שטעטלעך, הייזעלעך, פאלאצלעך, ווילעס, וואס זיינען אזוי שיין, אז מען ווייס ניט וועלכע פון זיי אויסצוקלייבן „פאר זיך"... די פאנטאזיע און דער יעיצער־הארע, וואס אנערקענען ניט קיין פריוואט־אייגנטום, זאגן אונטער: „נעם אט דאס הייזעלע פאר זיך", אבער די ווילעס זיינען אזוי פרעכטיק, אז אלע ווילע האט מען כאראטע און מען „נעמט" שוין אן אנדערע...

אין מיטן פון דער ליכטיקער ברעג־קייט, וואס זעט אויס ווי א שנור פערל, דערשיינט, אזוי ווי א דימענט, סאן־רעמא, און גלייך שווימט אן אנטקעגן מאנטע־קארלא, און אט איז שוין „לא קאט ד'אזיר" (דער בלאער ברעג) פון דער פראנצויזישער ריוויערע: ניצע, אנטיב, קאן — די רעזידענץ־ערטער פון דער וועלט־גווירעשאפט, פון אריענטאלישע פרינצן, פילם־מאגנאטן, געווער־שמוגלער, אינטערנאציאנאלע שווינדלער און הויך־קאטיזירטע קאקאטעס...

מיט א לעצטן קוק אף דער ארומגעבערגלטער פליאזשע־שיינקייט פון קאן, וואס איז איינגעוויקלט אין פארנאכטיקער זון און אין שאמפאן־קאלירן, זאגן מיר א זיי־געזונט צו פראנקרייך, צו דער אנדערער פראנקרייך...

א לאנגע צייט שווימען מיר אין די אומעטיקע, בלייענע וואסערן פון שפאניע, ווייטלעך פון ברעג. די שווארצע שפיצן פון די בערג, וואס סטארטשען הארט איינע לעבן די אנדערע, זעען אויס פון ווייטן ווי ציינער פון א זעג, און דער אלגעמיינער איינדרוק איז, אז א גרויסע זעג ליגט אף דער ערד פון סערוואנטעסן און פון דער פאסיאנאריא...

אין א פאר טעג ארום געזעגענען מיר זיך מיטן לעצטן שפיץ פון אייראפע, מיטן גיבראלטאר, — דעם יאם־ספינקס פון קאנטינענט...

איידער מען קומט אן צו אים, זעט מען שוין פון זייער ווייט א ריזיקן ווייסן פעלז און מען וווּנדערט זיך וואס ער איז אזוי פלאך ווי א טאוול. דער דאזיקער פעלזיקער ריזן־טאוול, אן אויסגעגלאטיקטער, אן ארומגעטעסעטער און אן ארומגעהובלטער, לאזט זיך אראפ מעשופעדיק צום יאם. אין מיטן פון זיין בלענדיקער ווייסקייט זעען זיך האריזאנ־טאלע און ווערטיקאלע ליניעס. די שווארצע ליניעס זיינען, קענטיק, וועגן אדער פאזיציעס, וואס באהאלטן אוים די שווערסטע ארטילעריע פון דער וועלט, אבער אלץ איז אזוי קונציק פארמאסקירט, אז אפילע דורך פאר־גרעסער־גלעזער זעט מען „א פייג"...

ס'איז א פעלז, וואס איז פון אויבן ביז אונטן אנגעלאדן מיט פייער. ביז מיט א פאר יאר צוריק איז נאך דער דאזיקער ספינקס, די דאזיקע

יאַם־פּויסט פון דער ענגלישער אימפּעריע, עפּעס ווערט געווען. איצט, אָבער, איז געגוג אַז אַ ראַקעט זאָל אים אַ שנעל טאָן אין נאָז, פון אַ דיסטאַנץ פון 15.000 קילאָמעטער, און ס'איז אויס גיבראַלטאַר...

אַפן הינטערשטן טייל פון פעלז, וואָס נעמט שוין צוריק באַקומען דעם נאַטירלעכן אויסזען פון אַ באַרג, האַלט אין איין פינטלען אַ ריזיק אויג פון אַ רעפלעקטאָר, וואָס שיקט איבער שיפריירטע ליכט־סימאָנים. מיר פאַרשטייען ניט וואָס אַזוינס ער סיגנאַליזירט, אָבער מיר טראַכטן זיך: ווינקסט? ווינק! קיין סאַך ועסטו זיך שוין מיסטאָמע ניט אָנ־ווינקען...

מ אַ ד י י ר אַ

איידער אונדזער שיף ווארפט זיך אַריין מיט דער גאַנצער פּאַרע אין אַטלאַנטישן אָקעאַן, שווימט זי אַרײַן אין פּאָרט פון פונטשאַל, — די הויפּט־שטאָט פון די פּאָרטוגעזישע מאַדייראַ־אינדזלען, וואָס זײַנען באַרימט מיט זייער מילדן קלימאַט און גוטן ווײַן.

דאָס איז די זעלבע מאַדייראַ, ווו פּילסודסקי איז געפאָרן שעפּן מילדע לופט און באַרויִקן זײַנע „פּשיאַקרעווישע" שטימונגען, און ווו עס געפינט זיך איצט פולכענסיאָ באַטיסטאַ, צוליבן „מילדן" פּאָליטישן קלימאַט וואָס הערשט דאָרט, לויטן נוסעך פּאָרטוגאַל...

דער הויפּט־אינדזל זעט ווירקלעך אויס ווי אַ ווינקעלע פון אַלדאָס־גוטס. פון ווײַטן דערזעט מען אַ העל־גרינעם ריזן־באַרג, וואָס איז אָפּגע־שאָטן אַזוי ווי מיט רויט־ווײַסן מאָן. גלײַך ווערט די שיף אַרומגע־רינגלט מיט קאַראַוואַנען מעוועס, און אין מיטן פון דער דאָזיקער ווײַ־סער הימל־פּראָצעסיע שווימט די שיף אַרײַן אינעם אײַנגוס פון פונ־טשאַל.

יעדע שיף, וואָס קומט אָן, איז אַ יאָנטעוו פאַר די מעוועס און אַ יאָנטעוו פאַר די מענטשן פונעם אינדזל. די ערשטע מענטשן, וואָס מען דערזעט אַף צענדליקער אָנשווימענדיקע שיפלעך, זײַנען קונציקע טוי־כערס, וואָס באַווײַזן זייער מײַסטערשאַפט אינעם „ספּאָרט" פון אַרויס־שלעפּן מאַטבייעס פון יאַם. זיי נעמען שרײַען ווי די מעוועס און טײַטלען מיט די פינגער אין יאַם אַרײַן, און די טוריסטן ווייסן שוין, אַז מען דאַרף נעמען ווארפן מאַטבייעס אין וואַסער. באַבערים און ברעקלעך קינדער גיבן זיך אַ יאָג בליץ־שנעל נאָך די אַראָפּגעזונקענע מאַטבייעס און אין אַ רעגע אַרום טויכן זיי אַרויס מיט דער מאַטבייע אין האַנט.

סאַדיסטישע טריסטן פּרווון פאַרוואַרפן די מאַטבייע וואָס ווייטער און אין אומבאַקוועמע ערטער, אָבער עס טרעפט ניט דער פאַל, אַז אַ מאַט־בייע זאָל „דערטרונקען" ווערן אָדער פאַרלוירן גיין. די טויכערס זיינען אַסאַך געשיקטער און קליגער פונעם יאַם... .

גאַנץ מאַדייראַ לעבט פאַרן טוריסט. ווי נאָר מען שיפט זיך אויס אַפן ברעג, ווערט מען באַפאַלן פון אַ מענגע אַרבל־ציִער, וואָס רוימען איַיך איין אַ סאַך, אַז זיי האָבן דעם שליסל צו די בעסטע און ביליקסטע מעציִעס און צו די ראַפינירטסטע פאַרגעניגנס...

דער שענסטער אַרטיקל פון מאַדייראַ איז די דאָרטיקע פאָלקס־קונסט, וואָס דריקט זיך אויס אין באָרדירטע און אויסגעהאָפטענע שטאָפן, טישטעכער, טיכער, פאַטשיילעס, העמדער, בלוזעס, וועש, היט, גאַרטלען אאַז"וו. אין די דאָזיקע דין־דעליקאַטע, אָריגינעלע און מייסטער־האַפטע באָרדירונגען איז מאַמעש אויסגעדריקט די נעשאָמע פון פאָלק, זיין פאָלקס־פּאָעזיע און זיין נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט.

פּונקט ווי דער גייסט און די קונסט פון אַלטן עגיפּטן זיינען אַריינ־געשפּיגלט אין די פּיראַמידן, און פון גריכנלאַנד — אין אַקראָפּאָליס, אַזוי איז די לעבעדיקע קונסט פון מאַדייראַ אַריינגעהאָפטן אין דער איידעלער האַנט־אַרבעט פון די באָרדירונגען. האַגאַם די דאָזיקע קונסט, וואָס ציט זיך פון דוירעס צוריק, איז ניט „מאָנומענטאַל" און ניט „קאָ־לאָסאַל", איז זי אָבער ניט ווייניקער שיין און פאַרכאַפּנדיק ווי די שטיי־נערנע און מירמלנע ווערק פונעם אַלטערטום.

די צאָרע איז, וואָס די פאַרקויפער זיינען געוווינט צו פונטן און דאָלאַרן, אַזוי אַז אַן אַרגענטינער טוריסט, וואָס געהערט נאָך דערצו צום דורכשניטלעכן איקוף־שטאַנד, קען זיך קוים צורירן צו דער אויס־געהאָפטענער פּראַכט...

קימאַט אַלע געשעפטן, מאַגאַזינען און וואַרשטאַטן פון פונטשאַל זיינען אָנגעפּאַקט מיט דער דאָזיקער פאָלקס־קונסט. איינער פון די אַרבל־ציִער האָט אונדז אַוועקגעפירט אין אַזאַ מין געשעפט און אויסגע־לאָזט האָט זיך, אַז דער באַלעבאָס איז אַ ספאַרדישער ייִד. ער האָט אונדז אָפּגעגעבן אַ גאַנץ פיינעם שאַלאָם און אַפילע מעכאַבעד געווען מיט אַ לעכאַיִם, אָבער זיין „ייִדישע סאָלידאַריטעט" איז ניט דערגאַנגען אַזוי וויַיט, אַז ער זאָל אונדז מאַכן אַ שטיקל מאַמאָשעסדיקע האַנאָכע אַף די דאָלערדיקע פּרייזן...

אין דרויסן האָט מען געקענט „אָנטאַפּן" מיט די לונגען די מילד־קייט פון דער זיַידענער לופט. ס'איז געווען אין מיטן זומער, און גאָר

אויסטערליש האָבן אויסגעזען די גרויסע, דעקאָראַטיווע שליטנס, איינ־געשפּאַנטע אין אָקסן. די דאָזיקע אויסגעפּוצטע שליטנס, — אַן אַלטער פּאַרקער־מיטל אַפן אינדזל, — זיינען באַשטימט ספּעציעל פאַר טוריסטן, וואָס זאָלן קענען האַנאָע האָבן פון אַ פּאַמעלעכדיקן, געמיטלעכן שפּאַ־ציר, מיט דער מיטלאַלטערלעכער שנעלקייט פון 5 קילאָמעטער אַ שאָ, און רויִק „צעקייען" און „פאַרדייען" די לאַנדשאַפט... זייט ביי זייט מיט די שליטנס גלאַנצן רייען מאָדערנע פּולמאַן־אָמניבוסן פאַר די טוריסטן וואָס האַלטן ניט פון קריכן, אַפילע אין דער צייט פון אָפּרו און געניס.

אין מאַדייראַ איז אַף אונדזער שיף געוואָרן ענגלעך, ווייל זי האָט זיך געגעבן אַ שיט־אָן מיט פּאָרטוגעזישע עמיגראַנטן. אַ סוואָרע אַז די מילדקייט פון קלימאַט שטילט ניט דעם הונגער און אַז דער גוטער ווייַן איז ניט פאַר אַלעמען, ביפראַט אַז די פּאַטריאַרכאַלישע געוווינהייט פון פּאַרמערן זיך, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, איז נאָך אַלץ גילטיק אַפן אינדזל...

די עמיגראַנטן זיינען ס'ראָוו אויסגעהאָרעוועטע פרויען, מיט מאָ־גערע, לאַנגע פּעניטער. זיי זיינען, פאַרשטייט זיך, אָפּגעשאָטן מיט קינ־דער און זיי פאָרן צו די מענער, וואָס האָבן אָנגעהויבן „מאַכן אַמעריי־קע" אין בראַזיל. עס פאָרן אויך אַראָפּגעפּאָדערטע קאַלעס און יונגע באָכערימלעך, וואָס קלייבן זיך ערשט צו ווערן מענטשן, אַף דער ליניע פון „מאַכן אַמעריקע". עס ווארפן זיך אויך דורך צווישן די ניי־צוגע־קומענע אינדזל־פּאַסאַזשירן פּיפּיקע סאָכרימלעך און קאָמבינאַטאָרן, וואָס ווייסן דעם סאָד ווי אַזוי צו „מאַכן אַמעריקע" אַף אַ וויניקער יאָלדישן אויפן ווי דאָס טוט אַן איינפאַכער עמיגראַנט...

די שיף איז גרייט אָפּצושווימען און זי גיט 3 מאָל אַ רעווע. די בליקן פון די הונדערטער מענטשן, וואָס זיינען צונויפגעדריקט אין קליי־נעם האַפן, גיסן זיך אָן מיט שווערן אומעט און מיט פאַרדראָסיקער בענק־שאַפט: דער יאָנטעוו גייט אַוועק; דאָס פּעניצל ברייטע וועלט, וואָס די שיף שטעלט פאַר מיט זיך, רוקט זיך אָפּ, און ווידער וועט מען בלייבן אַליין, באַגראָבענע אין מיטן יאַם, אַפן עלנטן אינדזל, וואָס ליגט אָן אַ זייט פון די ברייטע וואַסער־וועגן...

אַרום שיף שווימלט און גריבלט מיט קאָלערליי שיפלעך; דאָס מאָל — ניט פון טויכערס, נאָר פון איבערפאַרקויפער, וואָס צעשפּרייטן פאַר די אויגן פון די טוריסטן פּרעכטיקע טישטעכער — פּאָעמעס פון אויס־געהאַפטענעם זייד און פון דינסטן באָרדירטן לייוונט. די קונסט־שטאָפן

פֿאַלדעוועז און גיסן זיך ווי פֿײַנסטער יאַם־שוים צווישן די פֿינגער פֿון די פֿאַרקויפֿער, וואָס זײַנען שוין הייזעריק פֿון שרײַען און אַנבאָטן...

פֿון אַלע 4 זײַטן נעמען זיך פֿאָרמירן פּראָצעסיעס פֿון מעזוועס און די שיף נעמט זיך פּאַמעלעך אַרויסשלײַכן פֿון דער געמיטלעכער בוכטע. גלײַך נאָכדעם וואַרפֿט זי זיך אַרײַן מיטן גאַנצן אימפּעט אין די ענדלאָזע אָקעאַן־וואַסערן, קעדיי דורכצומאַכן מיט איין קלאַפּ דעם גרויסן שווים — דורכשנײַדן אין דער קווער דעם אַטלאַנטיק...

45. סאָף פֿון דער רײַזע

אַפֿן „בוזעם פֿון יאַם"

נאָך אַ פּאָר שאָ באַגלייטן די שיף, האָבן זיך די לעצטע מעוועס אומגעקערט אַהיים, און אָט געפֿינען מיר זיך שוין ווידער אַף דער צעשויבערטער אויבערפֿלאַך פֿון גרינלעך־בלאָען וואַסער־מידבער, — אַף יענעם טייל פֿון דער ערדקויל, וואָס געהערט צו קיינעם ניט און צוליב וועלכן קיינער קריגט זיך ניט...

קיין פֿרישע אײַנדרוקן קומען ניט צו און דאָס שיף־לעבן רינט ווי וואַסער פֿון אַ קראַן...

די פּאָרטוגעזער זײַנען צונויפֿגעטוליעט אַלע צוזאַמען און זיי לעבן דורך דעם קריזיס פֿון היים־ווײ... די איטאַליענער האָבן זיך שוין באַוויזן אויסצוטשוכען. בלויז דאָס אַלטוואַרג זייערס איז פֿאַרטראַכט און פֿאַרדײַגעט. די מיטליאָריקע דערציילן גוזמעדיקע עפּיזאָדן פֿון די פֿערזענלעך־דורכגעלעבטע מילכאָמעס אין אַביסיניע און אַפֿריקע, און די יוגנט טאַנצט, אָדער זוכט זיך אַרום אין די טונקעלע ווינקעלעך פֿון דער שיף. אַ שיינער גריכישער לוסטיונג, וואָס זעט אויס ווי אַ מיטאָלאָגישער באַרד מיט אַ האַרפֿע, האַלט אין איין אויסשפּילן אַף אַ גרויסער האַנט־האַרמאָניע די פּאָפּולערסטע אייראָפּעיִשע שלאַגערס. אַראַבער שפּילן אין קאָרטן און ייִדן כאַפּן אַרײַן אַ שאַך...

פֿון צײַט צו צײַט קומט אַראָפּ מיט טאַנץ־מוזיק דער שיף־קוואַרטעט פֿון ערשטן קלאַס, און מען ווײַזט אויך אויסגעריבענע פֿילמען, וואָס האָבן שוין אַ מאָל 30 געקרייצט דעם אָקעאַן אַהין און צוריק...

די פֿאַרכאַפּנדיקסטע טאָג־טעגלעכע געשעעניש אינעם שיף־לעבן

איז דאָס עסן. מען כאַפּט זיך צו צום געדרוקטן איטאַליעניש מעניו, וואָס איז פול מיט געריכטן, וועלכע דערמאָנען אין נעמען פון אָפּערעס, אין הויכגאָרנדיקע טיטלען פון גראַפן און פירשטן, אָדער וואָס קלינגען ווי פּאַטעטישע זאַצן פון ראָמאַנטישע פּאָעמעס; אָבער וועלכן הויכקלינגענדיקן געריכט מען זאָל ניט דערלאַנגען צום טיש, דערזעט מען, אַז עס האַנדלט זיך ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל פון לאָקשן...

די טרוימען, אַז די שיף וועט „וויגן און פּאַרווינגן" ווערן אויך ניט מעקויעם. ערשטנס, סקריפּעט עפּעס צופיל אין אירע געדערעם, און צווייטנס — פּיקן אין קאָפּ די אייגענע געדאַנקען...

איין מאָל און אַ צווייטן מאָל וויקלט זיך פונאַנדער אין געדאַנק די פילם־לענטע פון אונדזער רייזע און דער זיגזאַגישער שלייף פון אונדזער מאַרשרוט. אָט זיינען מיר ווידער אין דער מאַרטירערישער וואַרשע, אָט — אין סאָציאַליסטישן בוקאַרעשט, אָט אין נײַ־ייִדישן ירושלים, און אָט מיניען זיך פאַר די אויגן, ווי 14 פאַרשיידענע קאָלירן, די 14 לענדער, וואָס אונדזערע פיס האָבן באַטראָטן אויף די 3 קאָנטינענטן, — ווי לענגער, ווי קירצער און ווי גאָר קורץ.

ליג איך אָפּן בעטל און פּרוּוו מאַכן אַ שטיקל באַלאַנס פון אונדזער מיסיע. אָפּוועגנדיק אַלע אַקטיוון און פּאַסיוון, האָב איך דאָס געפיל, אַז מיר האָבן אויסגעפירט אונדזער שליכעס מיט דער פולער געוויסנהאַפטיקייט, ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, אומבאַקוועמלעכקייטן און אַגמעס־נעפעשן.

מיר זיינען געשווומען מיט שיפן און מיט שיפלעך, געפלויגן מיט איינפּאַכע און מיט שטורעם־אַוויאָנען, געפאָרן מיט באַנען און מיט אַמניבוסן, געקלעטערט אויף בערג און געשלייכט זיך דורך קאַטאַקומבעס, געזונקען אין זאַמד און געשפּרייזט צופוס. מיר זיינען געווען אונטער פאַרשיידענע געאָגראַפישע ברייטן און לענגען, פאַרשיידענע קלימאַטן, פאַרשיידענע פּאָליטישע אָרדענונגען. מיר האָבן אָפּגענומען גרוסן פון דער נייער, עלטערער און אַלטער צייט. מיר האָבן געזען פאַרגליווערטע מילכאָמע־כורוועס פון 2.000 יאָר צוריק און פרישע מילכאָמע־כורוועס פון 15 און פון 10 יאָר צוריק. מיר האָבן געזען די רעשטלעך פון דער גריכישער און רוימישער קולטור, — דעם אַמאָליקן טאַקיפעסדיקן גלאַנץ זייערן אַ רעדוצירטן צו שטויב און צו ברוכשטיקער. און איבער אַלץ האָבן מיר געזען די ערד פון אונדזער מאַרטיראָלאָגישער הערויִק, דאָס נײַ־סאָציאַליסטישע לעבן און דאָס לעבעדיקע ייִסראָעל. ס'איז געווען אַ רייזע צו אונדזער ווייטיק און צו אונדזער פרייד...

און אַט שווימט אויף פאַר מײַנע אויגן, אין אַלע זײַנע וואַריאַנטן, דער פּאַלקסמענטש פון אַלע לענדער.

ער איז אומעטום דער זעלבער אַף דער וועלט. שאַלעם און ברויט זײַנען די 2 גרונטיקע עקזיסטענץ־אידעאַלן פון אַלעמען, — אידעאַלן פאַרווירקלעכטע אין די סאָציאַליסטישע לענדער און אידעאַלן פאַר וועלכע מען דאַרף נאָך ביטער שטרײַטן אין דער אַלטער וועלט. אין די יונגע סאָציאַליסטישע לענדער קען מען נאָך אָפּגעפינען די לעצטע אויסגייענדיקע רעשטלעך פון האַלב־פּאַשיסטישע דערשײַנונגען, און אין די פּאַשיסטישע לענדער — אַלץ דרייסטערע און צאָרנדיקערע אויסדרוקן פון אומצופרידנקייט. אַלץ באַלאַנסירט זיך אָבער לעטוויוועס דער נײַער וועלט.

און עס איז אויך גוט צו דערמאָנען זיך, אַז מיר זײַנען געווען אַ דעלעגאַציע ניט בלויז אַ צוקוקערישע, נאָר אומעטום געטאָן קולטור־אַרבעט און אויפגעטראָטן פאַר מאַסן ייִדן מיט אונדזער ייִדיש־אָרגענטינישן און פּראָגרעסיוו־וועקנדיקן וואָרט.

מען קען פעסטשטעלן, אַז אומעטום עקזיסטירט דער ווילן פון אַ הייסער פּראָגרעסיוו־ייִדישער וועלט־ברידערלעכקייט, אַ דראַנג צו אַלגעמיינער און צו ייִדיש־סאָציאַליסטישער סאָלידאַריטעט, אין אַ ברייט־פאַרשטאַנענער פאָרם, און אַ גרויסער רעספּעקט פאַר אונדזער פאָרויסגייערישן אַרגענטינער ייִשעוו.

נאָך מער ווי פריִער לאָזט זיך פעסטשטעלן, אַז מיר בויען אונדזער אַרגענטינער קולטור־לעבן ריכטיק און מיט שוווּנג. אונדזער קולטור־בוויונג, אַזאַ ווי זי איז, שטייט ניט אָפּ, אין איר אידעיִשקייט און אין איר רעאַלן טאָך, פון מעלוכיש־סאָציאַליסטישע, מעלוכיש־געשטיצטע ייִדישע קולטורן, און אין אַ פּאָר הינזיכטן שטײַגט זי זיי אריבער.

אַלע פּראָגרעסיווע ייִשוווים אַף דער וועלט באַטראַכטן אונדזער איקוף ווי אַן ערשטראַנגיקע קולטור־פּאָזיציע פון ייִדישן וואָרט און פון ייִדישן סאָציאַליסטישן געדאַנק, און רעכענען אַרײַן אונדזער אַרבעט אינעם גרויסן אַקטיוו פון ייִדישן צושטײַער צו דער קולטור און צום פּראָגרעס פון דער פאָרויסגייענדיקער מענטשהײַט.

און עס זאַמלען זיך אַרום מיר נאָך און נאָך דערמאָנונגען: געזעלשאַפטלעכע, פּריוואַטע און גאָר אינטימע. די דאָזיקע אַלע דערמאָנונגען, דער דאָזיקער „אַלגעמיינער צוזאַמענפּאָר" פון רײַזע־אײַנדרוקן אַרום מײַן בעטל, איז נאָך אַ ביסל אַ טומלדיקער און אַ כאַאָטישער. ער איז נאָך נישטאָ אַפן פּאַפּיר און ער פליִצט אַ ניט־אָרגאַניזירטער, אָבער אָט־אָט

און מיר וועלן דאַרפן שטיין מיט אונדזער דין־וועכעשבן פאַרן אויבערשטן. איז וווּ־זשע נעמט מען דאָס פּינקטלעכע, גענויע און דעפיניטיווע וואָרט, וואָס זאָל קענען אַלץ אָפּמעסטן מיט דער פּינקטלעכקייט פון 1 סענטימעטער און אַלץ אָפּוועגן מיט דער גענויקייט פון 1 גראַם? ווי אַזוי באַווייזט מען צו טרעפן מיטן בליק אין סאַמע פּינטל, אָן וועלכער ניט איז קורצזיכטיקייט אָדער ווייטזיכטיקייט?...

די גרויסע פאַרשטייענדיקע אויפגאַבע שפּילט אַביסל אויף די נערוון, אָבער דער באַוווּסטזיין, אַז אויף דעם אַלץ וואָס עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז, אויף די וועגן און שטעגן פון אונדזער רייזע, האָב איך געקוקט מיט אַרגענטינער אויגן, מיט אַ יידיש האַרץ און מיט אַ סאָציאַליסטישן געוויסן, באַרויִקט און שטאַרקט. ביסלעכווייז הייבט זיך אָן צו שפּינען דער פאָדעם פון דער רייזע, און פון פאָדעם ווערט אַ קנייילכל, און פון קנייילכל ווערט אַ קנויל...

קעדיי אָפּצוקילן דעם מויעך פון אַלע טראַכטענישן און נאָכטראַכטענישן, כאַפּ איך זיך אָפּט אַרויף אויפן אויבערשטן דעק פון דער שיף. געוויינטלעך מיינט מען, אַז אין אָפענעם יאַם איז אַבסאָלוט נישטאָ וואָס צו זען, אָבער ס'איז ניט אַזוי...

מען זעט זון־אונטערגאַנגען, וואָס צעגיסן זיך, אַזוי ווי די זון וואָלט געפּלאַצט, און וואָס פאַרפלעקן דעם גאַנצן יאַם און פאַרבן־איבער אַ שטיק הימל... עס פעלט ניט קיין איין באַקאַנטער שטערן, און אַלע זיינען זיי אַזוי ווי אויסגעבאָדענע און פרייִלעכערע...

פון צייט צו צייט באַגעגנט מען אַ שיף, וואָס אירע פייערלעך און מאַסטבוימער דערפרייען אַזוי שטאַרק, אַז מען זעט אין זיי אַ לעבעדיקן גרוס פון דער גאַנצער וועלט... און אַז מען בייגט זיך אַריבער איבערן באָרט פון דער אייגענער שיף, זעט מען ווי וואַסערדיקע רעגנבויגנס הוידען זיך אונטער איר פאַרשוימטן בויך... אין יאַם גופע קרייזלען זיך די כוואַליעס און פרעסן אויף איינע די אַנדערע, און אויפן הימל איז אַ יאַריד פון אָנגעבלאָזענע כמאַרעס און קאָלירטע וואָלקנדלעך...

שפּרינגענדיקע פיש ווערן אַזוי ווי אַרויסגעשאָסן פון יאַם און זיי מאַכן קאָזשעלקעס אין דער לופטן. נאָענט צו די ברעגעס פון בראַזיל באַווייזן זיך ריזיקע קריגערישע הייפיש, וואָס זעען אויס ווי יאַם־טיגערס. ניט געקוקט אויף זייער קאָרפּולענטקייט, וואַרפן זיי זיך ווי פיילן און זוכן רויב אין שאָטן פון דער שיף. אין די אורוגווייער וואַסערן ווייזן זיך די אַריסטאָקראַטישע דעלפינען און ביי אונדזערע היימישע ברעגעס — די גוטמוטיקע, אומשעדלעכע טאָנינען...

אפֿן נאָז פֿון דער שיף טרעפֿט מען, צו יעדער שאָ, אַ פּײַכטן זאַלץ־ווינט, וואָס איז גרייט אײַך אויסצומאַסאַזשירן דורך און דורך. ס׳איז מיר אויך אויסגעקומען צוצוהערן זיך ווי אַזאַ מין ווינט האָט אַליין גע־שפּילט אַף אַ מויל־האַרמאָשקע... אַן איטאַליענישער באָכער האָט אויפֿ־געהויבן זײַן האַרמאָשקע פּונקט אַנטקעגן ווינט און דער ווינט האָט אַרײַנגעבלאָזן און געשפּילט... ס׳איז געווען אַן אומהיימלעכע, פֿינצטערע נאַכט, און דער ווינט האָט ניט אויפֿגעהערט צו שפּילן...

די היימישע ברעגעס

נאָכן קרויגען די בלאָנד־שלאַנקע עקוואַטאָר־מאַלקע און נאָך אַלע שטיפֿערישע מעשוגאַעסן, אָפּגיסעכצן און אָפּטונקעונישן, האָט זיך באַ־וויזן דער בראַזיליאַנער ערד־פּאַס, וואָס האָט אונדז עטלעכע טעג באַ־גלייט מיט זײַנע לײַכט־טורעמס, אינדזלען און בלאָע נעפּלען. אַ שטיק וועג איז געהאַנגען אין דער לופֿטן, איבער אונדזער שיף, אַזוי ווי אַ פֿאַר־גליווערטער און היפּנאָטיזירטער, אַ מעשוגעדיקער אַלבאַטראָס. ער איז ניט געפֿלויגן און ניט געפֿאָכעט מיט די פֿליגל, און ניט גערירט זיך פֿון אָרט און דאָך האָט ער זיך שטענדיק געפֿונען איבערן זעלבן פּונקט פֿון דער שווימענדיקער שיף...

אין אַ שפּעטערדיקן פֿאַרנאַכט האָט אונדז די טויזנטער־מאָל־באַ־זונגענע שיינקייט פֿון ריאָ דע זשאַניירער אײַנגוס אַרײַנגענומען אין אירע באָרג־אָרעמס.

אַפֿן ברעג — נאָך שענערע אָרעמס, — די אָפֿענע אָרעמס פֿון אונד־זערע באַוויירים און איקוף־פֿרײַנט. מען פּאַקט אונדז אַרײַן אין אויטאָס און מען שטעלט אונדז גלײַך אוועק פֿאַר אַן אוילעם מיט טײַערע, דורש־טיקע פּענימער. אָן צערעמאָניעס רופֿט מען אונדז אויף צו אַ באַריכט. די ערשטע פֿײַער־פּראָבע פֿון באַריכט־אָפּגעבונג ווערט אָפּגעפֿײַערט. דער אוילעם זופּט מיט די אויגן און זופּט מיטן האַרצן. נישטאָ קיין גענוג; מען וויל נאָך און נאָך...

אין מאָנטעווידעאָ וואַרט מען אַף אונדז מיט די זעלבע אָפֿענע אָרעמס, אָבער ס׳איז נישטאָ קיין צײַט. עפּנט מען די הערצער אַף אַן אינטימען אופֿן, — פֿון באַוועך צו באַוועך. שנעלע פֿראַגעס, גיכע ענט־פֿערס, און מען לייגט אָפּ אַף שפּעטער דאָס איקערדיקע, דאָס פּאַ־נאָראַמישע.

און אָט קרײַזלט זיך שוין פֿאַר אונדזערע אויגן די העל־ברוינע

לייבן־פעל פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ. מיר געפינען זיך אין וואַסער־קאַנאַל וואָס פירט צו בוענאָס־איַירעס, מיר זיַינען אַפן שוועל פון אונדזער היימלאַנד...

ס'איז האַלב יולי, און מיר ווייסן שוין, אַז די גרויסע אַרגענטינער האָפענונגען, מיט וועלכע מיר זיַינען אַרויסגעפאָרן אין מאַרץ, זיַינען אָפּ־געקראָכן פון בלאָ אַף גראָ, אַז עפּעס סקריפּעט צו שטאַרק אין די אַקסן פון דער מעלוכע־פירונג, אַז עפּעס האַלט זיך אין איבערברעכן... טראַכטן מיר זיך: געוואַלד געשריַען, ווי אַזוי האָט עס געקענט פּאַסירן?...

לינקס באַוויַיזן זיך די פּראָלעטאַרישע שטעטלעך, וואָס קייטלען זיך צווישן לאַ פּלאַטאַ און בוענאָס־איַירעס. פאַבריק־רויך, אַלומינינער גלאַנץ פון די ביַיכיקע נאַפט־טאַנקען, טורעמס פאַר קאַבלען פון הויכגעשפּאַנ־טער עלעקטרישער ענערגיע...

און אָט נעמען ביסלעכוויַיז וואַקסן די צעמענטענע קאַסטנס פון דער הויפּטשטאָט. עס קומען אַנטקעגן קאָנטראָל־שיפלעך און מעוועס. דער טיַיך ווערט פול מיט האַזעניש, מיט שלעפּ־שיפלעך, מיט פיַיפעריַיען פון סירענעס. 2 בוקסיר־שיפלעך, ווי אַ פּאָר שוואַרצע זשוקעס, שפּאַנען זיך איַין אין אונדזער שיף און שלעפּן אונדז צום ברעג.

עס וויגן זיך שוין פאַר אונדזערע אויגן די פּאָרט־גאַסן פון דער שטאָט און עס שנאַפּן אַרום אַף זיי, הין און צוריק, ברעקלעך אויטאָס... אין האַפן — אַ צעוואַקלטער האַמוין, צעוויגטע הענט, און די פּעני־מער — אַלע ווי איינער, ווי אַ הויפן אָנגעשאָטענע ניס...

איינצלנע מענטשן ברעקלען זיך אָפּ פון האַמוין און לויפן דער שיף אַנטקעגן. עס נעמט זעצן דאָס האַרץ: יאָ, יאָ, אייגענע פּענעמער, — איין פּאָר טיַיערע אויגן, 2 פּאָר טיַיערע אויגן!..

די שיף נעמט זיך פונאַנדערגאַרטלען און וואַרפט אַראָפּ אַ פּאָר איַיזערנע שטריק אַפן ראַנד פון האַפן. די געפילן מיַינע געפינען זיך שוין לאַנג אַף דער ערד...

איידער מען בינדט נאָך צו די שיף צום ברעג, בין איך שוין מיט אַלע מיַינע גלידער צוריק פאַראַנקערט אין אַרגענטינע...

Este libro
se terminó de imprimir
el día 27 de junio de 1961
en los
Talleres Gráficos "OPTIMUS" S.R.L.
Valentín Gómez 2755
Buenos Aires